STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04725

OPKLANGEN FUN ALTN HEYDER

Isaac Kaplan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק קאַפּלאַן

אָפּקלאַנגען פון אַלטן חֶדר

אַרויסגעגעבן דורכן
„בית הציונים ובית הכנסת יבנה"
צום יובל־השמונים פונעם מחבר

תשי"ט, שנת העשור למדינת ישראל

בוענאָס איירעס — 1958

Impreso en la Argentina

Printed in Argentine

Opklanguen Fun Alten Jeider

ECOS DE LOS ESTUDIOS TRADICIONALES

por ISAAC KAPLAN

EDITADO POR "CASA SIONISTA Y TEMPLO IAVNE"

BUENOS AIRES

1958

געווידמעט מיין געשעצטע און טרייע פרוי און חברטע ביילקע, וואָס האָט מיר אין אַלע צייטן געשטאַרקט און געמוטיקט אין מיין פילזייטיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אינהאַלט:

	זייט
פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער	9
פּתיחתא — י. באַטאַשאַנסקי	11
דער העכערער זינען פון לערנען	17
בראשית א	23
בראשית ב	28
נח	35
לך לך	42
וירא	48
חיי שרה	54
תולדות	60
ויצא	65
וישלח	71
וישב א	77
וישב ב	83
מקץ	89
ויחי א	96
ויחי ב	101
שמות	107
וארא	113
משפטים	119
תרומה א	125
תרומה ב	209
כי תשא א	131
כי תשא ב	136
תזריע־מצורע	141
קדושים	147
בחקותי א	153
בחקותי ב	221
שלח	159
קרח	165

	זייט
בלק א	172
בלק ב	178
מטות	185
ואתחנן	190
שופטים	197
נצבים	203
ויקרא *)	215
ספר במדבר	227
נשא	233
בהעלתך	239
דער רבי און דער תלמיד	245
די סאַמע ערשטע עליה	251
פּרקי אבות 1	257
פּרקי אבות 2	262
וועגן אַ מאמר אין מדרש	269
לאָמיר זאָגן ברכות	276
הללויה	281
צען־יאָריקער יובל פון מ׳ ישראל	287
חג־העשור תשי״ח	294
נעכטן און מאָרגן	300
אַריבער דעם ירדן	306
מגן אברהם און מגן דוד	312
ר׳ ישראל, כל ישראל, ארץ ישראל	319
לאָמיר לערנען קהלת	325
נהיה בכל גוי ישראל	332
יידישקייט	337
מיין שפּאַציר איבער ארץ ישראל	342

*) איניקע קאָמענטאַרן קומען נישט לויטן געוויינטן סדר פון די סדרות. — „אין מוקדם ומאוחר בתורה״.

פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער

די לייטונג פון „בית הציונים ובית כנסת יבנה" אין ב. איירעס, אַרגענטינע, האָט אונטערגענומען די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן אין אַ בוך, אַ סעריע אַרטיקלען פונעם ציוניסטישן וועטעראַן, דער באַליבטער עסקן ר' יצחק קאַפּלאַן, וועלכער ווערט מיט רעכט פאַרעכנט אַלס „זקן החבורה" און געניסט פון גרויס פּרעסטיזש אין אַלע קרייזן פונעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע, אין די שכנותדיקע לענדער און אין מדינת ישראל.

יעדער מאמר, יעדער קאָמענטאַר וואָס ה' יצחק קאַפּלאַן פּאַרעפּנט־לעכט, ווערט געלייענט מיט גרויס אינטערעס פון פאַרשידענע שיכטן יידן, וועלכע געניסן אַ גייסטיקן פאַרגעניגן און האָבן נחת־רוח פונעם אינהאַלט, גייסטרייכע געדאַנקען, באַלערנדע ווערטער און לאָגישע אויספירן וואָס זיי אַנטהאַלטן. דער עולם לייענער האָט הנאה פונעם פּאָפּולערן סטיל פון ה' קאַפּלאַנס אַרטיקלען, אַזוי ווי צוהערער האָבן הנאה פון זיינע רעדעס וואָס צייכנען זיך אויס מיטן אייגנאַרטיקן אופן פון אַרויסברענגען קלוגע און ערנסטע געדאַנקען, ביי פאַרשידענע אַקטן און צוזאַמענקונפטן פון יידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

מיר האָבן איינגעזען אַז אַזעלכע אוצרות פון געדאַנקען דאַרפן צונויפ־געזאַמלט ווערן אין אַ בוך, וואָס זאָל נוצן פאַר יידן אויף צו לייענען און לערנען, און אַריינצוטראַכטן זיך אין די קאָנצעפּטן און שלוסן צו וועלכע דער חשובער מחבר קומט ביים קאָמענטירן אַ פּרשה חומש, אַ מאמר חז"ל, אָדער ביים באַהאַנדלען אַן אַקטועלן ענין, אַ געזעלשאַפטלעכן פּראָבלעם, א. ד. ג.

דער מחבר באַוועגט כסדר צו לערנען דעם אַלטן תנ"ך, לערנען נישט אויבערפלעכלעך, נאָר אַריינטראַכטנדיק זיך טיף אין דער באַדייטונג פון יעדער זאַך, פון יעדער ענין, פון יעדן עפּיזאָד און פון יעדן פאַקט וואָס ווערט געבראַכט אין תנ"ך בכלל און אין די חמשה חומשי תורה בפרט.

ער דערמאָנט אונדז אַז מען מוז שטענדיק לערנען און לערנען, בכדי צו פאַרשטיין די תורה און באַגרייפן די הויכע מאָראַלישע באַדייטונג פון אונדזער אַלטן קוואַל, און שעצן די אוצרות פון געדאַנקען וואָס עס אַנט־האַלט יעדע פּרשה פון חומש.

ה' יצחק קאַפּלאַן שטרייכט אונטער אין יעדן קאָמענטאַר די גייסטיקע ווערטן פון דער תורה, און באַטאָנט דעם „מאור שבתורה", וואָס דאַרף די־נען אַלס לערע לדור־דורות און פון וועלכע מען דאַרף זיך אָראָפּנעמען אַ

מוסר אין אַלע צייטן און ביי אַלע אומשטענדן, ווי אַזוי צו ריכטן דעם לעבן פונעם יחיד און פונעם כלל.

אַזעלכע אוצרות מיט געדאַנקען, טאָרן נישט פאַרלוירן ווערן. זיי מוזן געזאַמלט ווערן אין אַ בוך, וואָס זאָלן אויפגעהיט ווערן און גילטן אַלס „ספר” צום לערנען און צום פאַרטיפן זיך און ציען די געהעריקע, פּראַקטישע און באַלערנדיקע שלוסן. דאָס איז דער מאָטיוו וואָס האָט אונדז באַוואויגן אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן בוך, וועלכן דער חשובער מחבר באַטיטלט „אָפּקלאַנגען פון אַלטן חדר”.

***

פון „אַלטן חדר” האָט יצחק קאַפּלאַן מיטגעבראַכט זיין פאַרערונג פאַר אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל יידיש. פון אַלטן חדר האָט ער מיטגעבראַכט זיין יידישן וויסן און זיין קשר של קימא מיטן תנ”ך, תלמוד און מדרשים. פון דער אַלטער היים האָט ער מיטגעבראַכט זיין שכל הישר, ערנסטקייט, אחריות און אויפריכטיקייט.

געבוירן ראש-חודש חשון תרל”ט, ביי רעליגיעזע עלטערן: ר' מנחם מענדל הכהן און פרומע לאה קאַפּלאַן, אין שטעטל סוויסלאָץ, גראָדנער גובערניע, האָט יצחק קאַפּלאַן איינגעזאַפּט אין זיך טראַדיציאָנעל יידישע לימודים אין די חדרים פון געבורט-שטעטל און דערנאָך אין העכערע לערן-אַנשטאַלטן פון ביאַליסטאָק, אין זיינע יונגע יאָרן. אָנקומענדיק קיין אַרגענטינע אַלס יונגער בחור, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און ברידער, און ווערנדיק קאָלאָניזירט דורך דער ייק”אַ אין אַ גרופּע נאָענט פון דאָמינגעז, ענטרע-ריאָס, האָט ער נישט פאַרלאָזט דאָס לערנען. די הויז פון זיין פאָטער איז געווען אַ מקום-תורה, וואו ס'פלעגן זיך צוזאַמענקומען יידן פונעם געגנט, צו לערנען עין יעקב.

אַזוי האָט יצחק קאַפּלאַן אין אַלע צייטן און ביי אַלע געלעגנהייטן אָנגעהאַלטן דעם דירעקטן קאָנטאַקט מיטן ספר-הספרים און מיט די קוואַלן פון עכטן יידישן וויסן, און ווי אַ פּרובט פון דעם, איז ער אונדז מהנה מיט „אָפּקלאַנגען פון אַלטן חדר”, וואָס מיר האַלטן פאַר אַ זכיה אַרויסצוגעבן כדי מהנה צו זיין דעם עולם, וואָס וועט זיכער אָפּשאַצן אין דער געהעריקער פאָרעם אונדזער מיטווירקונג צום דערשיינען פונעם ספר, וועלכער אַנטהאַלט קאָמענטאַרן כמעט איבער אַלע פרשות פון דער תורה (אייניקע פרשות האָבן צו צוויי קאָמענטאַרן), איבער געדאַנקען פון פרקי אָבות און מדרשים, ווי אויך אָפּשאַצונגען וועגן עצמאות-ישראל און עניני-היהדות.

ב. אירס, שנת העשור למדינת ישראל, תשי”ח.

בית הציונים ובית-הכנסת „יבנה”.

יעקב באָטאָשאַנסקי

אַ פּתיחתא צום „מדרש ר׳ יצחק קאַפּלאַן"

מען האָט מיר אָנגעטאָן דעם כבוד, אַז איך זאָל שרייבן אַ הקדמה צו אַט דעם בוך פון דעם חשובן וועטעראַן פון ציוניזם און קאָלאָניסטישן קאָאָפּעראַטיוויזם אין אַרגענטינע, ר׳ יצחק קאַפּלאַן. געוויינלעך שרייבט אַן עלטערער אַ הקדמה צו אַ ווערק פון אַ ייִנגערן. אין אונדזער פאַל איז דאָס פאַרקערט: דער מחבר פון אַט דער הקדמה איז דער ייִנגערער. ווארשיינלעך געשעט דאָס אַזוי, ווייל ווי אַ שרייבער איז דער ה׳ יצחק קאַפּלאַן דער ייִנגערער. וועגן קאָאָפּעראַטיוויסטישע ענינים שרייבט ער שוין טאַקע זינט זייער לאַנג, אָבער פּובליציסטיק בכלל האָט ער אָנגעהויבן שרייבן ערשט אין דעם לעצטן יאָרצענדליק. קומט שוין אויס, אַז ווי אַ שרייבער איז דער בעל־הקדמה עלטער פון מחבר... און אפשר האָט מען מיר אָנגעטאָן דעם כבוד, ווייל איך האָב דעם כבוד צו זיין, ווי רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע" — דער רעדאַקטאָר פון ה׳ יצחק קאַפּלאַן, וועמענס מאמרים, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט אין אַט דעם ספר, זענען פריער דערשינען טאַקע אין דער דערמאָנטער טעגלעכער בוענאָס־איירעסער צייטונג.

פאַראַן עפּעס אויסטערלישעס אין פאַקט, וואָס די מאמרים פון ה׳ יצחק קאַפּלאַן זענען דערשיינען און ווייטער דווקא אין אַן אויסגאַבע, וואָס איז אַן אויסגעשפּראָכן וועלטלעכע, בעת די אַרבעטן פון אונדזער מחבר זענען על־פּי־רוב קאָמענטאַרן און פּירושים אויף די סדרות פון די וואָכן, אין וועלכע זיי דערשיינען. דאָס דאָזיקע דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די מחיצה צווישן טראַדיציע און וועלטלעכקייט איז אין די לעצטע יאָרן ביי אונדז היפּשלעך אָוועקגענומען געוואָרן און אויך דערמיט, וואָס אין תוך איז דער ה׳ יצחק קאַפּלאַן — יעדנפאַלס אין זיין שרייבן — נישט קיין רעליגיעזער ייד, נאָר אַ נאַציאָנאַלער און אַ טראַדיציאָנעלער.

ווי געזאָגט, זענען די מאמרים פון ה׳ י. ק. פּירושים אויף די סדרות. אין ייִדישע אויסגאַבן, סיי פון דער אַלטער היים און סיי פון צפון־אַמעריקע, פלעגן דערשיינען און עס דערשיינען נאָך ביז היינט יעדן ערב שבת מאמרים פון אַזאַ כאַראַקטער. קאָמענטירן די פּרשה פון דער וואָך איז נישט עפּעס אַן עובדה און אויפטו ערשט פון אונדזער צייט. מען האָט אָנגעהויבן קאָמענטירן עפנטלעך די סדרות פון דער וואָך מסתמא נאָך אין פּערטן און אין פינפטן יאָרהונדערט. נאָך

דער חתימת התלמוד, ווען די ישיבות זענען געוואָרן קלענער אין צאָל און שוואַכער אין ווירקונג, זענען די געבעט־הייזער ביי יידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בתי־מדר־שים, וואו יעדן שבת פלעגט אַ בעל־דרשן דרשנען, קאָמענטירן און דערקלערן די סדרה פון דער וואָך. פון אָט די דרשות, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אין משך פון 4־טן, 5־טן און 6־טן יאָרהונדערט, זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן די מערסטע מדרשים, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין אונדזער לעבן דורך דורות, ווייל זיי זענען צוגענגלעך מיט זייער פּלאַסטישן שטייגער פון דערקלערן פּסוקים, בכדי צו געבן צו פאַרשטיין דעם עולם דעם זין פון די פּסוקים. באַנוצן זיך די מדרשים מיט אַלערליי מעשיות און משלים.

אפילו אין די קריסטלעכע מקורות געפינען מיר וועגן דעם אופן ווי די דרשות זענען געהאַלטן געוואָרן און וועגן זייער כאַראַקטער. סיי ביי דעם הייליקן היעראָ־נימוס, סיי ביי יאָהאַן קריזאָסטאָמוס ווערט געשילדערט וועגן דעם ווי אַזוי זיי זענען געהאַלטן געוואָרן און ווי אַזוי זיי זענען אויפגענומען געוואָרן פון דעם עולם. די דאָזיקע דערציילן, אַז די בעל־דרשנים פלעגן מאַכן אַ סך זשעסטן און מימיק און בכלל פראַווען „אַקטיאָרישע שטיק" ביים ריידן. מוזן מיר זיי נישט גלויבן אין אַלץ וואָס זיי דערציילן, ווי ש. דובנאָוו באַמערקט דאָס, ווייל זיי זענען נוגעים־בדבר און קאָנען נישט זיין אָביעקטיוו; זייערע דרשות זענען צום מערסטן געווען אַ קעגנגיפט צו די קריסטלעכע פּרעדיקער, וואָס האָבן געזוכט צו דערקלערן די ביבל אין זייער גייסט. די בעל־דרשנים האָבן דערקלערט דעם תנ"ך אין יידישן גייסט. ווען אָבער די דערמאָנטע דערציילן, אַז די דאָזיקע דרשות זענען אויפגע־נומען געוואָרן מיט אַ סך ענטוזיאַזם פון דעם עולם, האָבן מיר נישט קיין שום מאָ־מיוו צו צווייפלען אין דער אמתדיקייט פון אָט דער באַהויפּטונג.

די עפּאָכע אין וועלכע די דרשות, פון וועלכע עס זענען צונויפגעשטעלט גע־וואָרן די מדרשים, איז די תקופה פון די רבנן סבוראי. עס ווערט באַזונדערס אָנ־געוויזן ביי אַ סך היסטאָריקער בראש מיט גרעצן, אַז עס איז געווען אַ זייער שווערע צייט פאַר יידן. עס איז געווען די צייט, ווען די פּערסער האָבן זייער פאַרביטערט דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן און האָבן זיי עקאָנאָמיש אויסגענוצט ביז גאָר און גייסטיק דערדריקט. די צייט איז געווען אויף אַזויפיל שלעכט, אַז יידן האָבן ממש נישט געהאַט קיין פיזישע כוחות זיך אָפּצוגעבן מיטן שטודירן די הלכה, דאָס געזעץ, און מען האָט זיי געקאָנט דערהאַלטן ביי יידישקייט מיטן כוח פון אגדה, פון מעשיות און לעגענדעס. שוין די דערמאָנטע צוויי קריסטלעכע גע־לערנטע זאָגן, אַז דאָס פלאַץ פון די Sophoi, די חכמים הייסט עס, האָבן פאַר־נומען די „דעוטעראָטאַי", דאָס הייסט, די קאָמענטאַטאָרס.

וועגן אָט דעם פאַקט איז פאַראַן אַ זייער כאַראַקטעריסטישער מדרש, וואָס ווערט ציטירט פון דעם היסטאָריקער גרעץ. אָט וואָס עס ווערט אין אים געזאָגט:

„אין די פרייע צייטן, ווען געלט איז געווען אַ סך, האָט מען זיך אָפּגע־געבן מיט דער הלכה. איצט אָבער, ווען געלט איז געוואָרן קנאַפּ און מען פילט זיך אָפּגעשוואַכט פון די יסורים, ווויל מען הערן וועגן ישועות ונחמות פון דער אגדה".

אן אנדער מדרש ווייזט אָן, אַז אין יענער צייט האָט דער געלערנטער ווייניק וואָס געקאָנט אויפטון, ווייל ער האָט נישט געקראָגן קיין צוהערער, און אַ סך צו־הערער האָט געהאַט דער בעל־דרשן, ווייל ער איז געווען צוגענגלעך. און ער ברענגט אָט דעם משל:

„דער געלערנטער אין תלמוד איז געגליכן צו אַ מאַן, וואָס האָט אַ שטיק גאָלד. אָפּטמאָל מוז ער הונגערן, ווייל ער קאָן גאָרנישט אויסגעבן פון אים. דער בעל־אגדה אָבער, איז געגליכן צו איינעם, וואָס האָט אַ סך קליינגעלט, ער קאָן אַלע ווײַלע דערפאַר קויפן לעבנסמיטלען".

מיר וואָלטן נישט געזאָגט, אַז דער געלערנטער אין אונדזער צייט קריגט נישט קיין צוהערער, ווייל די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידישע מאַסן איז אַ שווע־רע און זיי האָבן נישט גענוג פיזישע כוחות אויפצונעמען הארבערע און שווערערע ענינים. עס קאָן זיין, אַז דווקא דאָס פאַרקערטע ווירקט, אַז די מאַסן זאָלן זיך נישט וועלן אָנשטרענגען און אויסהערן געלערנטקייטן. מען קאָן זיי קוים געווינען דורך קאָמענטאַרן אויף די אַלטע ספרים, וואָס ווערן געגעבן אין אַ לייכטער פאָרעם, באַווירצט מיט מעשיות און משלים.

און אָט דאָ קומען מיר צום עיקר כאַראַקטער פון ה' יצחק קאַפּלאַנס בוך, וואָס ווערט דאָ דערלאַנגט די לייענער. צום מערסטנס, ווי געזאָגט, באַשטייט אָט דאָס בוך פון פירושים אויף די סדרות. עס איז דער גייסט פון די אַלטע און אייביקע דרשות ביי יידן און טאַקע דער גייסט פון די מדרשים. ווי מיר האָבן שוין דער־מאָנט, ווערן עד־היום אין די צפון־אַמעריקאַנער יידישע אויסגאַבן פאַרעפנטלעכט וועכנטלעכע פירושים פון די סדרות. על־פי־רוב ווערן יענע פירושים געשריבן פון רבנים, אָדער פראָפעסיאָנעלע בעל־דרשנס. דער ה' יצחק קאַפּלאַן איז ביידע נישט. ער איז אַ ייד אַ יודע־ספר, אָבער קיין אַמט פון אַ רב, אָדער אַ בעל־דרשן האָט ער קיינמאָל נישט פאַרנומען. זענען זיינע פירושים טאַקע אַנדערש ווי די מערסטע מאמרים פון אָט דעם מין. ה' יצחק קאַפּלאַן זוכט נישט צו בראַווירן מיט צופיל למדות און ער זוכט נישט צו פּלעפן דעם לייענער מיט צופיל ציטאַטן און חריפות־דיקע אויפטוען. דאָס דאָזיקע איז נישט קיין חסרון, נאָר בפירוש אַ מעלה. דער צוגאַנג צו די קאָמענטירטע שטעלן איז אַ דירעקטער און די אויספירן זענען אויך דירעקטע. זייער אָפט מערקט מען, אַז דער מחבר איז מער אויסן דעם נמשל, ווי דעם משל. און דער נמשל איז ביי ה' קאַפּלאַן על־פי־רוב מער אַ נאַציאָנאַלער, ווי אַ רעליגיעזער. אין זייער אַ סך פאַלן צילט ביי אים דער נמשל אַרויסצירופן ביים לייענער ליבע און איבערגעגעבנקייט דער זאַך פון ישראל בכלל און פון קרן קימת בפרט. דער קרן קימת איז ביי ה' קאַפּלאַן אַן אַלטע ליבע. ער איז זינט צענדלי־קער יאָרן אַן ערשטער מאַן אין די רייען פון די קרן קימת־טוער אין אַרגענטינע, און די לעצטע יאָרן איז ער ערן־פּרעזידענט פון אָט דעם גרויסן פאָלקסטימלעכן אַנשטאַלט.

און כאָטש אַזוי, פיל איך, אַז איך באַגיי נישט קיין עוולה, ווען איך רוף די אַרטיקלען פון ה' יצחק קאַפּלאַן, וואָס זייער אָריגינעלער נאָמען איז: „לאָמיר

לערנען אַ פּרשה חומש", ווען איך רוף זיי „מדרש יצחק". איך באַגיי דערמיט נישט קיין עוולה און אויך חלילה נישט קיין פעלשונג. און אַזוי ווי די הקדמות צו די מדרשים ווערן אָנגערופן „פּתיחתא", רוף איך שוין אַזוי אויך אָן מיין הקדמה.

„פּתיחתא" מיינט אַן עפענונג. עפן איך דעם לייענער דאָס בוך פון ה' יצחק קאַפּלאַן מיט אַביסל פאַרשטעלן דעם מחבר, וואָס האָט דעם כוח צו זיין ברוך השם אַי אַלט, אַי יונג, און וואָס האָט באַוויזן דווקא צווישן די יאָרן פון זקנה און גבורה אָנצושרייבן אַ רייע מאמרים, וואָס זענען ווערט אַריינגענומען צו ווערן צווישן טאָוולען פון אַ ספר. כל ימיו איז ער, יצחק קאַפּלאַן, געווען אַ מענטש וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן בעיקר מיט פּראַקטישע ענינים. אמת, די פּראַקטישקייט איז נישט אויסן געווען זיך אַליין און די אייגענע משפחה. סיי דורך זיין עוסקן זיך מיט קאָאָפּע־ראַטיוויזם און סיי מיט זיין איבערגעבן זיך דעם קרן קימת, האָט ער אין זינען גע־האַט דעם כלל, דעם כלל אין די אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס און דאָס יידישע פאָלק אין ארץ־ישראל. אָבער ביידע געביטן האָבן דאָך געהאַט אַ שייכות בלויז מיט פּראַקטישקייט, מיט מעשה. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער ה' קאַפּלאַן איז מקיים דעם מאמר „לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה" — נישט דער מדרש איז דער עיקר, נאָר די טאַט. און דווקא אויף די עלטערע יאָרן האָט ער זיך אַ נעם געטון צום מדרש און ער האָט אַליין געשאַפן אַ שמיק מדרש. די כוונות פון דעם מדרש ר' יצחק קאַפּלאַן זענען טאַקע זייער אָפּט פּראַקטישע, אָבער דער הויפּט־ציל איז דאָך פאָרט צו העלפן דעם פּשוטן לייענער צו קענען אויך אַביסל תורה.

ה' יצחק קאַפּלאַן שרייבט פּשוט און קלאָר. כאָטש ער איז אַ ייד פון דער אַלטער וועלט, שרייבט ער אין אַ מאָדערנעם יידיש, וואָס איז נישט קיין סך אַנ־דערש ווי דאָס דאָזיקע מאַמע־לשון, וואָס מיר שרייבן אין די צייטונגען און זשור־נאַלן. טאַקע דאָס פּראַקטישע לעבן זיינס, טאַקע דאָס האָבן שטענדיק צו טון מיט ערדישע זאַכן, האָט אים אויסגעלערנט צו שרייבן קלאָר און קאָנען מסביר זיין אויך שווערע ענינים און הימלישע זאַכן מיט אַן ערדישער שפּראַך. דער קאָלאָ־ניסט יצחק קאַפּלאַן האָט זיין חלק אין דעם „מדרש ר' יצחק קאַפּלאַן". דער דאָ־זיקער מדרש איז דערפאַר אַ סינטעז פון ערדישקייט און הימלישקייט.

אין איינעם מיט דער פּשטות פאַרמאָגט ה' קאַפּלאַנס שרייבן אויך טעמפּעראַ־מענט און יוגנטלעכן ברען. ווער עס נעמט לייענען זיינעם אַ מאמר, וואָס דער־קלערט דעם הויפּט־געדאַנק פון אַ סדרה, ווערט פאַרכאַפּט, אַלצאיינס ווי ער וואַלט געלייענט אַ מעשה, אָדער אַ משל, אָדער טאַקע ביידע. ס'איז אַ דערקלערונג וועגן דער פּרשה און אויך אַ מעשה וועגן איר.

שרייבן אַ פּירוש אויף די פּירושים פון ר' יצחק קאַפּלאַן איז נישט נויטיק. לייענענדיק אים אין משך פון יאָרן און יאָרן האָב איך קיינמאָל נישט געטראָפן ביי אים קיין איין אומקלאָרן געדאַנק. איך וויל אָבער באַטאָנען, אַז אין די מאמרים פון דעם וועטעראַן פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין אַרגענטינע איז פאַראַן עפּעס, וואָס מוז געבן אַ ברי און דערוועקן די געפילן צום גוטן, צום נוצלעכן און צום

שיינעם. איינער פון די שענסטע מדרשים שטעלט זיך אָפּ אויף דעם זאָג פון שיר־השירים „ווי טייערער בוימל איז דיין נאָמען" און ער זאָגט: „אַזוי ווי בוימל ווערט בעסער, אַז מען טרייסלט אים אויף, אַזוי איז אויך ישראל. נאָך די אויפ־טרייסלונגען ווענדט ער זיך צו גאָט". די מאמרים פון ר' יצחק קאַפּלאַן, וואָס ווערן געגעבן אין אָט דעם בוך פאַרמאָגן דעם כוח אַ טרייסל צו טון דאָס געמיט פון דעם לייענער און אים מאַכן, אַז ער זאָל זיך אַ ווענד טון פון זיך אַליין צום כלל, צום פאָלק און צום העכערן, בעסערן און שענערן. עס איז שוין די ריכטיקע צייט, אַז מיין „פתיחתא" זאָל נחתם, ס'הייסט געשלאָסן ווערן און איר, חשובע לייענער, זאָלט נעמען לייענען דעם גוף הספר, דעם „מדרש ר' יצחק קאַפּלאַן".

דער העכערער זינען פון לערנען

אונדזער דור איז באַשערט צו שטיין אויף אַ זייער פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָזיציע. פון איין זייט האָט אונדז דער גורל צוגעטיילט דעם זכות צו שטייגן און פאַרנעמען כסדר העכערע און נאָך העכערע פּונקטן, וואָס מאַכט אונדז פילן פעסטער אין אונדזער אייניקייט אַלס גאַנץ פאָלק, און שטאַרקט אונדזער גלויבן אין דעם פולן געגאַרטן ציל צו אַ גאַנץ ארץ־ישראל. אויף אַ טייל, פון וועלכן, אַ טייל פון יידישן פאָלק טרעט שוין פעסט און זיכער, און פון דער צווייטער זייט שווינדלט אונדז פאַר די אויגן און עס באַאומרואיקט אונדז דער באַרג־אַראָפּ, וואָס איז אויפגעטרייסלט פון אויבן ביז דער נידער; אַן אויפטרייסלונג, וואָס מאַכט לויזער דעם יסוד פון וואַנען עס האָט געשטראָמט די שטויסקראַפט און דער אומדערשראָקענער ווילן צו דערגרייכן צו דעם מצב פון אַ פולקאָם זעלבסטשטענדיקער נאַציע, וואָס האַלט זיך אויף אירע אייגענע פיס, רעגירט מיט איר אייגענעם קאָפּ און פירט אַן אייגענע בעל־הבתישקייט, לויט איר אייגענעם גוסט און געשמאַק און ווינטשט צו לעבן אין שלום מיט אַלע פעלקער.

דורות־לאַנג האָבן אונדזערע חכמים און מנהיגים געזוכט תחבולות, ווי איינצוהאַלטן דעם צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק אונטער איין שוץ, אונטער איין אָרדענונג פון זעלבסט־דיסציפּלין, האַלטן יעדן יידן געקניפּט און געבונדן צו זיין שטאַם, מיטן כוח וואָס ברויזט פון באַרג סיני, מיט דער ירושה וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, אַ ירושה וואָס אין פאַרלויף פון יאָרן האָט זי זיך אויסגעברייטערט און פאַרטיפט. אַ דאַנק די פאָרזיכטיקייט און ווייטבליקנדיקע שומרים, וואָס האָבן ווי ערשטקלאַסיקע אַרכיטעקטן אָפּגעהיט און באַוואָרנט אונדזער גייסטיקע פעסטונג מיט פאַסיקע שוץ־צוימען קעגן שלעכטע ווינטן און קעגן בייזע מזיקים, וואָס לויערן אויף אונדז אין אַלע צייטן און פון אַלע זייטן.

מיט דעם דרך און שטייגער־לעבן, וואָס יענע קדמונים אונדזערע האָבן אָנגעצייכנט, זענען מיר געוועזן אומשטאַנד איבערצוקומען אַלע צרות און פּורעניותן, וואַרטנדיק מיט צוטרוי צו דערהערן דעם קול־שופר

פון באַפרייאונג, און מיר האָבן זיך דערוואַרט. דער קול-שופר שאַלט און רופט אַלע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת: — יידן, באַפרייט זיך פון די גלותן!

הונדערטער יאָרן איז דאָס יידישע פאָלק באַלויכטן געוואָרן פון דעם לייכטנדיקן באַרג סיני-יידישקייט. פון דעם באַרג-יידישקייט האָבן מיר געצויגן די גייסטיקע חיונה און מיטן כוח פון דער דאָזיקער חיונה האָבן מיר געשטיגן ביז צו דער סאַמע הויך, ביז צו מדינת-ישראל.

טויזנטער יאָרן האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַלטן פעסט אין איין אָרעם דעם עבר, און דער צווייטער אָרעם אויסגעשטרעקט צום עתיד, אָנהאַלטנדיק צווישן ביידע אָרעמס אַ פולקאָמענע גלייכגעוויכט, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם היינט, דעם איצט, זיך צו האַלטן גלייך און שטאַלץ, נישט צו פאַרשעמען קיין איינעם פון די ביידע אָרעמס.

דער זכות און זכרון פון תנ״ך, פון די הייליקע קאַמפן פאַר דער דערהאַלטונג פון יידישקייט, די ליכטיקע שטראַלן פון אונדזערע קדושים, פון די גבורי האומה פון אַלע צייטן; און די דערוואַרטונג אויף אונדזערע קינדער, אַז זיי וועלן זיך איינגלידערן אין אונדזער גלעצנדיקן עבר, האָבן געפאַנצערט די זיילן וואָס רופן זיך אמונה און בטחון, איינוואָרצלענדיק דעם באַוואוסטזיין, אַז יידישקייט איז געקומען צו פאַרבלייבן אַן אייביקייט.

דור צו דור האָט איבערגעגעבן די טראַדיציאָנעלע יידישע אייגנאַרטיקע זיטן, ווי קעגנזייטיקע אחריות, צדקה, קינדער-דערציאונג אין יידישן גייסט, לעבנס-שטייגער פון אַ יידישע היים, די בענקעניש נאָך ארץ-ישראל, דאָס האַרצרייסעניש נאָכן כותל-המערבי, אאַ״וו.

דאָס אַלץ האָט מען אויסגעדריקט טאָג-טעגלעך בציבור; דאָס זענען געווען קלאַנגען וואָס דאָס יידישע קינד האָט זיי איינגעזאַפּט פון זיין געבוירן-אָן ביז צום לעצטן טאָג פון זיין עקזיסטענץ.

עבר און עתיד זענען געגאַנגען שלובי זרוע, געאָרעמט, זיך נישט אָפּגעלאָזן אויף קיין איין מינוט.

יידישקייט איז נישט געווען אַרטיפיציעל, אַן אויסגעלערנטע קענטעניש אין שולע, נאָר עס איז געווען אַ נשמה-זאַך. דער העכסטער אידעאַל פון יידישע עלטערן איז געווען צו האָבן קינדער בני-תורה, און זאָלן דערלעבן משיחס צייטן.

אָבער ישראל האָט נישט קיין מזל. אין דער סאַמע צייט, ווען די דורות-לאַנגע אויסגעווײנטע און אויסגעבענקטע האָפענונג האָט זיך דערנענטערט צו איר רעאַליזירונג, האָבן אכזריותדיקע טייוולאַנישע כוחות אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל אַ העלפט פון אונדזערע בעסטע זין און טעכטער. די גרעסטע טייל איז אומגעקומען פיזיש און אַ טייל קומט אום גייסטיק דורך

מאָדערנע אינקוויזיטאָרישע מיטלען. און די גרויסע לייכטנדיקע באַרג־יידישקייט איז געוואָרן וואַקלדיק.

איין זייט באַרג, וואָס קוקט מיטן פּנים צו ארץ־ישראל, וואַקסט און הויבט זיך העכער און נאָך העכער. און דער צווייטער זייט באַרג, וואָס קוקט מיטן פּנים צום שיינעם, רייכן עבר־יידישקייט, איז אָפּגעשוואַכט און ס׳פאַלן אָפּ פון אים שטיקער.

דאָס שמידן דעם עתיד פון אַ פאָלק קאָן נישט געמאַכט ווערן פּראַג־מענטאַריש, ס׳מוז זיין אַנגעשטרענגטע אַרבעט אָן איבעררייס; דער מינד־סטער אָפּשטעל איז עלול אָוועקצורייסן גרויסע טיילן פון די נייע, קומענדי־קע דורות, בפרט ביי אַ פאָלק וואָס זיצט נישט אויף זיין טעריטאָריע, ווי מיר זענען עס, ליידער, צום גרעסטן טייל.

מיר, אונדזער דור, געפינען זיך אין אַ זייער דעליקאַטער פּאָזיציע צווישן עבר און עתיד, און אונדזער אחריות איז גרויס.

* * *

וואָס ווערט פאַרשטאַנען ביי אונדז אַלס עבר? ווען מיר רעדן פון אונדזער גלאָררייכן עבר, קומט געוויינלעך אין באַטראַכט: יציאת־מצרים, די נביאים, מכביער, בר־כוכבא, א״אַ. מיר לערנען און אינטערעסירן זיך מיט די פּאַסירונגען און אַרט לעבן פון די גאָר אַלטע צייטן. מ׳לערנט מיט די קינדער אין די שולעס די היסטאָריע פון טויזנטער יאָרן צוריק, וואָס איז באמת אינטערעסאַנט און עמאָציאָנירנדיק. מיר פאַרגעסן אָבער אַז דער עבר איז אַ קייט וואָס קייקלט זיך; יעדער דור גיט זיין רינגעלע, און מ׳קאָן נישט אַריבערשפּרינגען גאַנצע תקופות, לאָזנדיק אַ פּוסטקייט אין מיטן.

יידישקייט איז נישט קיין פאַרגליווערטע מאַטעריע; יידישקייט איז נישט קיין לימוד וואָס מען גיט אָפּ עקזאַמען און מ׳ווערט אַ „געענדיקטער״; יידישקייט איז אַ לעבעדיקע זאַך, פול מיט נשמה, וואָס אַנטוויקלט און קריסטאַליזירט זיך פון אברהם אבינו ביז משה רבינו, ביז די נביאים, ביז עזרא־הסופר, די תנאים, גאונים און אַנדערע.

ס׳איז פאַראַן אַ מאמר חז״ל, „אמר רב הונא: כל העוסק בתורה בלבד דומה כמו שאין לו אלוה״ — ווער ס׳גיט זיך אָפּ נאָר מיט לערנען אַליין, איז גלייך ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין ג־ט.

לערנען אַליין זענען טויטע ווערטער; לערנען איז לעבעדיק, ווען עס דריקט זיך אויס אין ממשותדיקס.

לערנען די שיינע מידות פון געבן צדקה, די עטישע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, די פליכטן וואָס מען טראָגט אויף זיך לגבי דער געזעל־

שאַפֿט, די ספּעציפֿישע פֿאָדערונגען פֿון יעדן ייד אַלס ייד, און בלייבן נאָר ביים לערנען און נישט פּראַקטיצירן אין לעבן — איז מען ווי אַ פֿאַרשלאָסענע ביבליאָטעק פֿול מיט ספֿרים, וואָס נאָר די מילבן האָבן פֿון זיי נוצן.

אונדזער נאָענטער עבֿר, אונדזערע עלטערן, האָבן געפֿירט אַ פּראַגראַמאַטיש יידיש לעבן; אַ לעבן אויסגעפֿולט מיט אַ העכערן זינען, מיט אַ פֿאָלקס־נשמהדיקייט.

דער ייד איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי מיט אַ פּאַק פֿון דאגות־פּרנסה, אָבער דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטון: ער איז אַוועק אין בית־המדרש דאַווענען און לערנען. יעדע גרעמיע: שוסטער, שניידער, בעל־עגלהס, סטאָליאַרעס, א״אַ. האָבן געהאַט זייער רבין, וואָס האָט געלערנט מיט זיי, און די וואָס האָבן געקענט, האָבן געלערנט אַליין, יעדער איינער לויט זיין מעגלעכקייט.

צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פֿרי און פֿאַרנאַכט האָט דער ייד פֿאַרלאָזט זיין וואַרשטאַט, זיין מסחר און איז געקומען אין בית־הכנסת זיך צו טרעפֿן מיט זיינע ברידער. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דעם אומבאַדינגט נויטיקן מאַטעריעלן טייל און זיך אַריבערגעקליבן אין אַ גייסטיקער סבֿיבֿה.

קאָן ווער זאָגן, אַז דאָס האָבן זיי געטון מחמת רגילות, געוואוינהייט. נו, אַז געוואוינהייט, איז וואָס? הלוואי וואָלטן מיר געטון אַ סך גוטע זאַכן צוליב געוואוינהייט, און נישט טון נישט קיין גוטע זאַכן צוליב געוואוינהייט.

וועט מען זאָגן, אַז דאָס איז רעליגיע. נו, אַז רעליגיע, איז וואָס? איז דען נישט חשובֿער צו טון בציבור קולטורעלע אַרבעט: לערנען תנ״ך, פּרקי־אבֿות און אַנדערע לימודים, וואָס זענען די ריינסטע מאָראַל אין שענסטן זינען פֿון וואָרט, ווי צו טון בציבור זאַכן, וואָס זענען ווייט פֿון מאָראַל?

חסידיזם, וואָס איז העכסט רעליגיעזע פֿרומקייט, איז דאָך אַזוי גלענצנדיק, אַזוי רייכפֿאַרביק באַשריבן געוואָרן פֿון אַזאַ ליבעראַלע פּערזענלעכקייט ווי י. ל. פּרץ. ווער האָט נאָך אַזוי שיין אַרויסגעבראַכט די פּערל פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג ווי פּרץ? פֿאַר טויזנטער און טויזנטער לייענערס האָט דער חסידיזם ממש געפֿונען אַ תּיקון נאָך דורך די מעשהלעך פֿון פּרצן, כאָטש ער אַליין איז נישט געווען קיין חסיד.

ה׳ יהודה לייב חדקל, אין דריטן באַנד פֿון זיין ספֿר „נגינות און תּפֿילות ביי יידן״, שרייבט: „קינדער לערנען זיך פֿון עלטערן ווי צו פּראַקטיצירן יידישע יידישקייטן, אָטעמען די הייליקייט פֿון יידישקייט אין דער שטוביקער סבֿיבֿה, וואָס איז פֿול מיט יידישער קדושה, און מיט דעם לעבן זיי זיך אַריין אין דער נצחיות פֿון עם־ישׂראל. יידישקייט איז אַ קריסטאַל־קלאָרער קוואַל, פֿון וואַנען עס פֿליסן שטענדיק, אָן אויפֿהער, קדושה און ערלעכע וואַכעדיקייט, איינגעוויקלט אין גוטסקייט, רחמנות, יושר, גערעכ־

טיקייט, געטלעכע געבאָטן. דאָס איז וואָס קרעפטיקט און האַלט אויף די נצחיות ישראל".

* * *

טראַדיציע איז נצחיות. איז דען דער טויזנט-יאָריקער טרוים פון שיבת-ציון נישט טראַדיציע?

זענען דאָך אונדזערע תפילות, אונדזער דאַווענען — יאָ, אונדזער טראַדיציאָנעל-רעליגיעזער דאַווענען —, אונדזער סידור, נישט אָנגעפולט מיט געבעטן און בענקענישן נאָך ציון?

נעמט-צו ביי די יידן אין גלות די טראַדיציע — מיט וואָס וועלן מיר בלייבן און וויפל צייט וועלן מיר זיך קאָנען דערהאַלטן אויפן אויבערפלאַך און נישט איינגעזונקען ווערן אין תהום פון פולקאָמענער אַסימילאַציע?

וואָס האָט דערהאַלטן די צעזייטע און צעשפּרייטע יידן איבער דער גאַנצער וועלט, אויב נישט דאָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט?

און נישט בלויז אין די גלות-לענדער, נאָר אויך אין מדינת-ישראל, ווען מ'זאָל דאָרט נישט אָנהאַלטן דאָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט, קאָן זיין, אַז די קומענדיקע דורות וועלן אויסוואַקסן גוטע, טייערע ישראלים, שטאָלצע מיט זייער מדינה, גוטע, פייערדיקע פּאַטריאָטן, אָבער — וואָס וועט זיי פאַרבינדן מיטן כלל-ישראל? לאָמיר זאָגן, אַז אַלע יידן אין גלות וועלן רעדן עברית; קאָן דען אַ שפּראַך אַליין פאַראייניקן און פאַרבינדן נאַציעס? אַנערקענען זיך דען אַלס ברידער די אַלע שפּאַניש, צי ענגליש-ריידנדיקע לענדער?

פאַר די יידן אין גלות איז אַן אומבאַדינגטער חוב צו לערנען און קענען עברית, כדי צו פאַרגרינגערן די עליה, צו קומען אין מדינת-ישראל נישט ווי אַ גר; צו קענען לערנען אונדזער תנ"ך און אַנדערע ספרים אין אָריגינאַל; צו פאַרשטיין די שיינקייט פון אונדזער פּאָעזיע געשריבן אין עברית. אָבער פאַרשטיין די שפּראַך און נישט פילן דעם אינהאַלט — איז דאָס בלויז געלערנט, איז דאָס טרוקן, אָן לעבן, אָן נשמה.

עסקנים זענען באַזאָרגט וועגן המשך און קיום. נו, המשך דאַרף דאָך זיין פון וואָס. איז נישט כדאי אַז אונדזערע שול-קינדער זאָלן וויסן, אַז זייערע זיידעס זענען געווען אידעאַליסטן, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן יעדן טאָג, אין דער פרי און פאַרנאַכט, אַ פּאָר שעה אויף גייסטיק-יידישע שפּייז? איז נישט כדאי, אַז די קינדערלעך זאָלן געבראַכט ווערן אין שבת אין שול און זען ווי מ'לייענט אין דער תורה? דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט אַזאַ שיינעם מנהג, צו לערנען יעדע וואָך טייל פון זייער קאָנסטיטוציע, איז דאָך דאָס יידישע פאָלק.

איז דען נישט כדאי צו לערנען די קינדער אין סידור „לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר ובגלוי ומודה על האמת, ודובר אמת בלבבו" — שטענדיק זאָל דער מענטש זיין גאַטפּאַרכטיק, אַפילו אין פאַרבאָרגעניש, ווען קיינער זעט נישט, אָנערקענען דעם אמת, און זאָל רעדן אמת מיטן האַרצן, ער זאָל זיין אמת מיט זיך אַליין, זיך אַליין אויך נישט אָפּנאַרן.

אַזעלכע פערלדיקע זאַצן, פּאָעזיע, שיינקייט פון שפּראַך געפינט מען אין יעדער בלאַט, און דאָס וועט דאָך איינפלאַנצן רעספּעקט צום עבר פון אונדזער פאָלק. זיי וועלן פאַרשטיין, אַז זייערע עלטערן האָבן געמאַכט חלוציזם יעדן טאָג, לויט יענע מעגלעכקייטן, וואָס האָבן דערמעגלעכט מיר זאָלן דערגרייכן צו מדינת־ישראל.

לאָמיר שטאַרקן און פעסטיקן ביידע זייטן פון באַרג, און נאָר אַזוי אַרום וועט זיך דאָס יידישע פאָלק האַלטן גאַנץ, עס וועט זיין המשך און קיום, און ס'וועט זיין אַ קשר קימא, אַ פעסטער בונד צווישן פאָלק און לאַנד לעולם ועד.

* * *

עסקנים און לערערס! לאָמיר נעמען אין אַכט די ווערטער פון גרויסן געלערנטן רב הונא.

בְּרֵאשִׁית

א.

וואויל איז דעם פאָלק, וואָס זיין בראשית וואָרצלט אין דער טיפעניש און צייט זיין יניקה פון די ערשטע ריינע, לויטערע אוראַלטע קוואַלן.

יעדער העכערער אידעאַל איז ביים אָנפאַנג זויבער און קלאָר. דער אידעאַליסט ברענגט צו די מאַסן אידעען, וואָס זעען פאָר פאָרשריט, פראָגרעס פאַר דער נאָענטער און וויטער צוקונפט. נישט אַלע, אָפטמאָל די מער־הייט, זענען טאַקע מסוגל אויפצונעמען און אַריינדרינגען תיכף אין דעם ריכטיקן ציל און די געמיינשאַפטלעכע נוצן וואָס די אידעע ברענגט מיט זיך, און עס פאָדערט זיך פיל צייט און געדולד ביז דער אידעאַל ווערט פאַר־שטאַנען.

מערסטנטייל איז עס אַ קליינע מינדערהייט, געציילטע עקשנים, וואָס כאַפן אויף דעם געדאַנק, צערטלען אים, וואַרעמען אים, גיבן אים די פּראַק־טישע פאָרעם. דאַן קומען די מאַסן, און דער אידעאַל ווערט אַ קערפּער־שאַפט, אַ באַוועגלעכער וועזן וואָס אידעאַליזירט דעם מענטשן־מאַטעריאַל.

ווען מ׳לייענט די לערעס פון די ערשטע הומאַניטאַרע געזעצן, פון די אַלטע מאָראַליסטן, פון די אידעען־שעפער איבער סאָציאַלע רעפאָרמען, וועגן רעספּעקט פאַרן מענטש, צייגט מען זיך איבער אין דער דערהויבנקייט פון דעם בראשית.

האָבן פאַר זיך שטענדיק די גרונט־אידעען פון דעם אָנהויב, איז אַ צייכן אַז מ׳גייט אין אַ גלייכער אָנגעצייכנטער ריכטונג. ס׳קאָנען זיך בייטן ניואַנסן, טעכנישע פאָרמען, אָבער נישט דער עיקר־יסוד פון דעם אידעאַל וואָס מ׳גייט פאַרווירקלעכן.

מיר לעבן אין אַ צייט, וואָס באַשטעטיקט דעם דאָזיקן טעזיס. מיר זעען —צום גרויס באַדויערן— ווי די אָפּנייגער פון די שענסטע בראשית־אידעאַלן פאַרקריפּלען און ברענגען־אַריין אַ בלבול־המוחות אין די פעלקער, און שטויסן דעם פּראָגרעס אויף הונדערטער יאָרן צוריק.

דעמאָקראַטיע, פאַר וועלכן אידעאַל מ׳האָט געקעמפט הונדערטער יאָרן און פאַרגאָסן אַן אַ שיעור בלוט, ווערט איצט געליימעט דורך דיקטאַטור, וואָס פעלשט און פאַרדאַרבט די נאָבלסטע אידעאַלן, מינדערשעצנדיק דאָס רעכט און ווערט פונעם מענטש, שטערנדיק צו טראַכטן און לעבן לויט דעם אייגענעם, פּערזענלעכן ווילן און איבערצייגונג — און דאָס אַלץ רופן זיי אָן „דעמאָקראַטיע״.

ווער נאָך ווי מיר, ווייסן און פילן די צרות און אומגליקן, וואָס ס׳האָבן געבראַכט אויף דער וועלט, וויפל היפּאָקריטסטווע און צוריקגעשטאַנענקייט עס האָט פאַראורזאַכט דער מענטשהייט יענע שאַפונג פאַר אַ נייעם בראַשית, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 1956 יאָר צוריק? זיי האָבן אידעאַליזירט אַ משיח פאַר די נשמות און מאַרטירירט דעם מענטש, פאַרביליקט דאָס לעבן, פאַרשקלאַפנדיק מענטש צו מענטש.

ס׳איז נישט נויטיק צו ברענגען נאָך ביישפּילן פון דעם שאָדן וואָס עס ברענגט דאָס אָפּווייכן פונעם ריינעם קוואַל פון ערשטן בראשית, און וועלן מזכה זיין די מענטשהייט מיט אַ נייעם אָנהויב.

שטאָלץ מעגן זיין די בני־ישראל, וואָס האַלטן זיך פעסט ביים ערשטן בראשית.

אין דער וועלט־געשיכטע האָט דאָס פאָלק ישראל מנצח געווען. דער נצחון קאָסט אונדז זייער טייער. יעדער דור האָט געבראַכט אַ סך טייערע קרבנות. נישטאָ קיין ווינקל אויף דער ערד —וואו מער און וואו ווייניקער — וואו יידן האָבן נישט געצאָלט מיט בלוטיקע קרבנות פאַר זייער בראַשית־יידישקייט. אָבער מיר האָבן מנצח געווען. אַ סימן, אַז מיר עקזיסטירן, אין דער צייט וואָס אַנדערע פעלקער פון אונדזערע אונטערדריקער, איז שוין זייער געדעכעניש פאַרגעסן געוואָרן, און מיר וועלן, אם ירצה השם, ווייטער מנצח זיין מיט אונדזער קראַפט, וואָס מיר האַלטן הויך און שטאָלץ דעם סטאַנדאַרט פון אונדזער ערשטן טויזנט־יאָריקן בראשית.

איז לאָמיר לערנען אַ פּרשה בראשית:

„בראשית ברא״ — אין אָנהויב האָט ג־ט באַשאַפן דעם הימל און די ערד.

אָן ווערטער, נישט געזאָגט גאָרנישט, אָן קיין „ויאמר״, זענען באַשאַפן געוואָרןביידע זאַכן גלייך, דאָס מאַטעריעלע און דאָס גייסטיקע — ערד און הימל.

באַשאַפן נישט זאָגנדיק אַפילו קיין מיינונג צי ער איז צופרידן אָדער נישט צופרידן מיט זיין שאַפונג, ווי ער האָט דאָס געטון ביי אַלע אַנדערע שאַפונגען.

ווייל דאָס ערשטע אומבאַדינגט נויטיקסטע פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען איז די ערד, האָבן דעם באָדן, ווען אַפילו אַ פוסטן און וויסטן, נאָר אַבי מען

האָט דעם יסוד פון אַלע יסודות — די מוטער-ערד, וואו אַלץ וואָס לעבט קאָן געפינען אויף איר אַ מקום-מנוחה און זיך דערנערן פון איר געבענטשטער פּראָדוקציע, איז שוין גוט. אַלע אַנדערע זאַכן וועט שוין דער קומענדיקער מענטש אַליין צוגרייטן.

נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז קרן קימת לישראל איז אַ געהילף צו די מעשי-בראשית; זי מאַכט פונעם פוסטן, וויסטן, זומפּיקן און שטיינערדיקן באָדן פּראָדוקטיוו-פּעאיק.

ג-ט האָט נאָכדעם גענומען אויספּאַרטיקן זיין אַרבעט טיילווייז, נישט אַלץ מיט אַמאָל, יעדן טאָג אַן אַנדער זאַך. איין טאָג האָט ער אויסגעצירט דעם הימל מיט די שענסטע ליכטיקסטע זאַכן, מיט אַ זון, אַ לבנה, שטערן; אַ צווייטן טאָג האָט ער באַפּוצט די ערד מיט אַלערליי בוימער, בלומען, גראָזן. אַזוי האָט ער אין זעקס טעג צוגעגרייט אַלץ פאַר אַ פּראַכטפולער מעגלעכקייט צו געניסן פאַר אַלץ וואָס לעבט. אָבער ווער זאָל דאָס אַלץ היטן און האַלטן אין אָרדענונג, כדי אָט די דאָזיקע באַשעפעניש זאָל זיין בכוח אָנצופירן און אַכטונג געבן, אַז ג-טס שאַפונג זאָל שטימען מיטן העכערן ציל: ערד און הימל, גשמיות און רוחניות, מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם זאָלן גיין צוזאַמען. איינס אָן דעם צווייטן וועט די וועלט נישט קאָנען עקזיסטירן. און ג-ט האָט גענומען צוביסלעך ערד פון אַלע עקן וועלט, האָט אין דער ערד אַריינגעגעבן אַ חלק הימלישעס און פון דעם אויסגעפורעמט די שיינע בריאה — מענטש; און ג-ט האָט צוגעגרייט אַ פּראַכטפולן פּלאַץ, מיט די שענסטע און בעסטע פלאַנצונגען וואָס די ערד האָט אַרויסגעגעבן, ספּעציעל געמאַכט פאַר דעם מענטש מיט זיין ווייב, וואָס האָט זיך גערופן „גן-עדן", און זיי דאָרט באַזעצט, מיטן באַדינג „לעבדה ולשמרה" — צו אַרבעטן און אָפּהיטן. אויסער אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס דער פאַרטיקער גן-עדן גיט זיי, זאָלן זיי אויך האָבן דאָס פאַרגעניגן פון וויסן, אַז זיי זענען ווערט דעם גן-עדן, אַז זיי פאַרדינען עס מיט זייער אַרבעט; אַז זיי היטן אָפּ געטריי דאָס וואָס מ'האָט זיי אָנפאַרטרויט און אַרבעטן-מיט אויסצופיינערן און אויסצובעסערן די זאַכן, צום נוצן פון אַלץ וואָס ס'איז אין זעקס טעג געשאַפן געוואָרן, פאַר אַלע באַשעפענישן גלייך, אָן קיין אונטערשייד.

יעדן טאָג האָט ג-ט זיך צוגעקוקט צו אַלץ וואָס ער האָט אין דעם טאָג אויפגעטון און געזאָגט מבינות, אַז ס'איז גוט. קיין אַנדער קריטיקער אויסער ג-ט איז דעמאָלט נישט געווען; און אפשר האָט עס ג-ט געטון מיט אַ געוויסער כוונה, וואָס ער האָט געלאָזן די שאַפונג פונעם מענטש צולעצט, ווייל ווען ער שאַפט דעם מענטש פריער, וואָלט ער —דער מענטש—, אָנגעהויבן מיט זיין קריטיק, און די שאַפונג וואָלט זיך פאַרשפּעטיקט.

בראשית: אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן אויף דער מוטער-ערד,

פריי, רואיק; דער הימל האָט געגעבן רעגן, זון, ליכט, וואַרעמקייט, און די ערד האָט אויסגעטיילט יעדער מין באַשעפעניש זיינע באַדערפעניש. גן-עדנדיק האָט זיך געפילט אויפן גאַנצן קאָסמאָס, ביז... ביז ס'איז געקומען די שלאַנג.

די שלאַנג איז געווען כיטרער פון אַלע חיות פון פעלד.

אין וואָס, אייגנטלעך, האָט זיך אַרויסגעוויזן די כיטרעקייט פון די שלאַנג? די כיטרעקייט האָט זיך באַוויזן אין דעם, וואָס אַלע חיות זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם גן-עדן, וואָס איז געווען פריי און אָפן, און זענען נישט אַריינגעגאַנגען אינעווייניק, אינעם פּלאַץ פון גן-עדן; עס האָט זיי נישט אינטערעסירט די שיינקייט און עסטעטישקייט פון די בוימער, פון די אַלע שמעקנדיקע פלאַנצונגען. נאָר די שלאַנג האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין גן-עדן, און מיט איר שלענגישן צונג האָט זי שלענגיש אינטריגירט, כלומרשט מיט גוטע עצות, כלומרשט טון אַ טובה דעם צוהערער, מיט אַן אַזוי-גערו-פענעם פריינטלעכן שטוים, מיט אַ ליבלעכן קלאַפּ אין פּלייצע, גוטברודעריש, און צוגערעדט דער פרוי צו עסן פאַרבאָטענע פרוכט. די פרוי האָט איבער-גערעדט דעם מאַן, אַז ער זאָל אויך פאַרזוכן פון דאָס פאַרבאָטענע. תיכף נאָך דעם, האָבן זיי זיך אַרומגעזען ווי אָרעם, ווי געמיין, ווי מינדערוויכטיק זיי זענען. נאַקעט זענען זיי געבליבן, זיי האָבן פאַרלוירן די אידיליע פון גן-עדן, זיי האָבן פאַרלוירן דעם געבוס פון אייגענער אַרבעט, פון שאַפן און אָפּהיטן דאָס געשאַפענע. צוליבן געניסן פון פאַרבאָטענער פרוכט, פון פרעמדער אַרבעט, פון נאָכגעבן זיך תאוותס, וואָס די שלאַנג האָט זיי אָנ-גערעדט, האָבן זיי זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

ליידער, איז צוליב דער דאָזיקער אומפאַרזיכטיקייט פון די ערשטע צוויי מענטשן, געבליבן דער סם פונעם שלאַנג אין די מענטשן, אין די פעל-קער ביז היינט. דער כוח פון אינטריגעס, פון שנאה ברענגט אום מיליאָנען מענטשן. ביי דער זייט פון גן-עדן איז געשאַפן געוואָרן אַ גיהנום, וואָס איז פול מיט אַלערליי צעשטערערישע מיטלען, מיט צער, פיין און יסורים. נאָר די מידה פון שעמען זיך, איז אונדז נישט געבליבן.

אַך! ווען מיר פאַרשטייען און שאַצן-אָפּ דעם כוח וואָס ס'געפינט זיך אין שעמען זיך, וואָלטן די מענטשן אויסגעמיטן דעם באַרבאַריזם וואָס עס באַהערשט דער מענטשהייט, און פיל געמיינקייטן וואָלטן אויסגעמיטן געוואָרן.

אונדזערע מאָראַליסטן האָבן אונדז געלערנט מיר זאָלן תפילה-טון פאַר דעם פרידן פון מלכות, ווייל ווען נישט די מורא פאַר מלכות וואָלט איין מענטש דעם צווייטן איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט. בעטן טאַקע יידן או-מעטום וואו זיי געפינען זיך פאַר דעם שלום פון די מלוכות. ווי איז אָבער דער דין, ווען צום גרויס באַדויערן, זענען די מלכים און שרים זעלבסט, די

וואָס רעגן־אָן די פעלקער איינצושליגען איינע די אַנדערע, און ווער ס׳איז אַ גרעסערער אינטריגאַנט, ווערט באַטראַכט פאַר אַ גרעסערן חכם. פאַר־גענסדיק אַז דאָס איז שלאַנג־חכמה!

אַך, ווען מיר יידן וואָלטן פאַרמאָגט מער קאָמפּלעקס פון שעמען זיך! מען פאַרשעמט דאָך אונדז טאָג־טעגלעך. מ׳טרייבט אַרויס יידן, מ׳לאָזט נישט אַרויס קיין יידן, מ׳מאַכט אַן אונטערשייד פון בירגער נישט־יידן ביז בירגער־יידן — עפנטלעך אָדער פאַרשטעלטערהייט. ווען מ׳באַליידיקט יידן אין תימן, ווערט רויט דאָס פּנים ביי אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט. ווען מ׳פאַרהאַלט אַ שיף אין מצרים דערפאַר וואָס זי איז אַ יידישע, אָדער מחמת זי פירט סחורה פאַר ישראל, צי פון ישראל און אַלע מלוכות מאַכן זיך נישט־וויסנדיק — איז דאָס אַ שפּיי אין פּנים יעדן יידן. איז ווען מיר שעמען זיך און ווילן אָפּווישן פון אונדז די באַליידיקונג, וואָלטן שוין מיליאָ־נען יידן באַדאַרפט פאַרלאָזן זייערע אַזוי געמיינטע בכבודיקע, באַקוועמע פלעצער און וואָלטן זיך שוין באַדאַרפט באַזעצן אין מדינת־ישראל, וואָס וואָלט געווען אַ כבוד פאַר זיי און פאַר דער מדינה.

נישט אומזיסט האָט דער גרויסער פאָלקס־לערער אַריינגעשטעלט אין דעם „יהי רצון” פון ראש־חודש־בענטשן: „חיים שאין בהם בושה וכלימה” — אַ לעבן אין וועלכן מ׳זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען.

* * *

אָבער טראָץ אַלעמען, טראָץ דער קללה פון זיין צעשפּרייט און צע־וואָרפן איבער דער וועלט, צעשפּאַלטן און צעטיילט צווישן זיך, זענען מיר מנצח די גאַנצע וועלט. מ׳פאַרפאָלגט אונדז, מ׳מאָרדעט אונדז, אָבער מיר פאַרלאָזן נישט אונדזערע פּאָזיציעס און מיר שטייגן פאָרווערטס. מיר לאָזן זיך איינבויגן, אָבער מיר לאָזן זיך נישט צעברעכן; מיר לאָזן אַריבערגיין איבער אונדז שטורעמדיקע כוואַליעס, אָבער מיר שווימען אַרויף אויף דער אויבערפלאַך מיט נייעם מוט, אָפּגעפרישטע מיט נייע כוחות. עס פאַלן אפשר אָפּ פון אונדז די שוואַכערע, אָבער עס פאַרמינדערט נישט אונדזער גייסטיקע און מאָראַלישע פּאָטענץ, אַ דאַנק דעם וואָס מיר האַלטן זיך פעסט ביי אונדזער ערשטן בראשית. יעדעס אַנדער פאָלק האָט שוין געביטן זיי־נע געטער; זיי שאַפן געטער לויט זייער גוסט און געשמאַק, זיי שאַפן גע־טער לויט זייער אינסטינקט, און מיר האַלטן זיך ביי אונדזער ערשטן, איינ־ציקן און איביקן שעפער, וואָס האָט געגעבן דעם מענטשן די מעגלעכקייט צו זיין, עקזיסטירן און לעבן אין געטלעכן געשטאַלט, לויט ווי עס לערנען אונדז די תורה, די נביאים, די אנשי־כנסת־הגדולה און דער תנ״ך אַלס גאַנ־צער, ווי אַ קוואַל פון מאָראַל און עטיק.

מיר האַלטן זיך און מיר ווען זיך האַלטן, און יאָר־יערלעך פּראָקלאַמירן אונדזער בראשית.

ס׳איז סימבאָליש וואָס אונדזער תנ״ך הויבט זיך אָן מיט „בראשית״ און ענדיקט זיך מיט די ווערטער: אַזוי האָט געזאָגט כורש מלך פּרס „מי בכם מכל עמו ד׳ אלקיו עמו ויעל״ — ווער עס האָט ג־ט אין האַרצן, זאָל עולה זיין.

בראשית און עליה —עליה איז בראשית— דער אָנהויב, דער בראשית פון איצט איז „ויעל״ — עליה. איינס מיט דאָס אַנדערע איז געקניפּט און געבונדן.

און ווירקלעך, איז דען די עליה נישט קיין וואונדער, נישט קיין חידוש פון מעשי־בראשית?

ב ר א ש י ת

ב.

„בראשית ברא״, דאָס ערשטע איז שאַפן.

שאַפן דעם בראשית, אָנהויבן צו טון, און ג־ט וועט העלפן, דאָס איז דער עיקר.

יעדן יאָר הויבן אָן מיליאָנען מענטשן לערנען פון בראשית, פון אלף.

אין דעם לערנען „בראשית״ ליגט די פּאַטענץ פון שאַפונג.

יעדעס קינד וואָס גייט אין שולע און הויבט אָן לערנען אלף בית, איז ער אַ שאַפער, אַן אָנהויבער פון אַ נייער וועלט.

די גרעסטע געלערנטע חכמים, גאונים, פאָרשער, דערפינדער, וואָס געשטאַלטן די וועלט, און ברענגען אַריין אין איר פרישע, נייע, קלאָרע באַגריפן און אַנשויאונגען, האָבן אָנגעהויבן זייער אידעען־בוי, זייערע שאַפונגען אויף די פאַרשידנסטע געביטן, מיט דער ערשטער דערקענטעניש פון בראשית, פון אלף בית.

די עלטערן וואָס שיקן נישט זייערע קינדער אין דער יידישער שול, גיבן זיך נישט קיין רעכענונג פון דעם גרויסן שאָדן וואָס זיי פאַרשאַפן דעם גאַנצן יידישן פאָלק, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ ווערטפולע עלעמענטן עס גייען אונדז פאַרלוירן.

ד״ר הערצל פאַרצייכנט: „מיין ערשטע דערינערונג פון חדר באַשטייט אין קאַנטשיק וועלכן איך האָב איבער מיר געפילט, דערפאַר וואָס איך האָב נישט געוואוסט די איינצלהייטן וועגן דעם אַרויסגיין פון די יידן פון

מצרים. איצט וואָלטן מיר אַ סך רבים אויסגעפּאַטשט דערפאַר וואָס איך דערמאָן זיך צופיל אָן יענעם יציאת מצרים".

ווער ווייסט צי דאָס יידישע פאָלק וואָלט געהאַט אַ ד"ר הערצל, ווען זיינע טאַטע-מאַמע שיקן אים נישט אין חדר צו לערנען פון בראשית.

דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן מאַקס נאָרדוי און נאָך אַ סך אַנ־דערע גדולים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צו אונדז פון זייער דערווייטע־רונג, נאָר דערפאַר וואָס זייערע טאַטע-מאַמע האָבן זיי געפירט אין חדר, וואו זיי האָבן געלערנט בראשית אין אָריגינאַל, פון חומש. יאָ, אין אָריגי־נאַל, וואו דער בראשית איז אָנגעזאַפּט מיט קדושה.

* * *

„בראשית ברא", רבי תנחומא זאָגט: אַז די איצטיקע וועלט האָט ג-ט באַשאַפן אין דער געהעריקער צייט. פריער האָט ג-ט באַשאַפן וועלטן און זיי חרוב געמאַכט, ביז ער האָט באַשאַפן די וועלט אין וועלכער מיר לעבן.

אַגב שטימט עס מיט די געלאָגן, וואָס זאָגן אַז דער פּלאַנעט ערד איז שוין אַלט מיליאָנען יאָרן.

לערנען מיר פון דעם, אַז דער אויבערשטער זעלבסט האָט געמאַכט עקספּערימענטן וואָס האָבן אים נישט צופרידנגעשטעלט. די סיבות פאַר־וואָס זיי האָבן אים נישט צופרידנגעשטעלט. איז נישט פאַר אונדז דאָ אויפ־צוקלערן. מיר קענען נאָר אַרויסנעמען דעם מוסר-השכל פון דעם, אַז מען דאַרף זיך נישט אָפּשרעקן, ווען אַן איניציאַטיוו געראָט נישט באַלד ביים אָנהויב, נאָר מ'דאַרף פאַרזעצן צו טון און אַרבעטן.

דער רבונו-של-עולם אַליין האָט געמאַכט פּראָבעס ביז ער האָט באַשאַפן די איצטיקע וועלט, מיט וועלכער ער האָלט זיך פאַרלויפיק.

מיר זאָגן „פאַרלויפיק", דערפאַר וואָס צום באַדויערן זעען מיר, אַז די וועלט איז איצט פול מיט מלאכי-חבלה, וואָס גרייטן צו שרעקלעכע כלים צו מאַכן נאָך אַמאָל תהו ובהו.

פון די עקספּערימענטן וואָס ג-ט האָט געמאַכט איז נישט אַלץ געגאַנ־גען פאַרלוירן. עס זענען געבליבן פון זיי שמים, ארץ, מים, חושך, הימל, ערד, וואַסער, פינצטערניש, נאָר עס איז אַלץ געווען אין אַ כאַאָטישן צו־שטאַנד. האָט דער באַשאַפער זיך גענומען מאַכן אָרדענונג, איינשטעלן פּלאַץ און אָרדענונג פאַר יעדער זאַך אין דער נייער וועלט.

דאָס ערשטע האָט ער געזאָגט: זאָל ווערן ליכטיק, און עס איז געוואָרן ליכטיק. נאָר נישט די סאַמע ריינע ליכטיקייט. דעם אמתן גראַד ליכטיקייט —זאָגן אונדזערע חכמים— האָט ג-ט איבערגעלאָזן אויף שפּעטער, לעתיד

לבוא, ווען די צדקות וועט באַהערשן די וועלט, ווען מענטשן וועלן זיין דורכ־געדרונגען מיט אמתער גערעכטיקייט.

אָן צדקות, אָן יושר, אָן אמת, כאַפּט זיך אַריין פינצטערניש און פאַר־טונקלט די מוחות. מען ווערט צעטומלט, מען פּלאָנטערט זיך, בלאָנדזשענ־דיק, נישט וויסנדיק אונטערצושיידן וואו עס הויבט זיך אָן דאָס ליכטיקע, און וועלכע איז די שטאָף פון חושך.

די איצטיקע צייט באַשטעטיקט דאָס.

די מענטשהייט געפינט זיך אין אַ מצב פון פאַרבלענדעניש. פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן זען ליכט אין אַ סמאַלעדיקער רויטקייט, נישט קוקנדיק וואָס דאָס רויטע ליכט פאַרסמאַליעט דעם אַרום און פאַרוואַנדלט דאָס אין אַ שוואַרץ־רויך־קאַליר; און פאַראַן אַזעלכע, וואָס פסלענען דאָס רויטע ליכט, אָבער זייער אייגענע ליכט איז אויך פול מיט פּסולת.

ביידע פאַרבלענדן זיך און יענעם, פאַרטונקלען דאָס געוויסן און שאַפן אַזאַ מישמאַש, וואָס מיט די בעסטע שפּאַקטיוון איז שווער צו געפינען וואו עס איז דאָס וואָרט וואָס ברענגט ליכט און וואו עס איז דער תהום פון פינצטערניש.

אַט אין אַזאַ ספערע, אַרומגערינגלט מיט האָריזאָנטן, וואָס שרעקן מיטן בליאַסק און אַן אָנצינדנדער רויטקייט פון איין זייט, און מיט פאַלשע אימי־טירטע רעגנבויגן־קאָלירן פון דער צווייטער זייט, לעבט, וואַקסט, אַנטוויקלט זיך מדינת ישראל, וואָס שטרעבט צו דער אמתער ליכטיקייט, וואָס איז באַהאַלטן פון ששת ימי בראשית פאַר די צייטן פון צדק, חסד, יושר און אמת. אָבער איז פול מיט פחד פאַר דעם אַרום, וואו עס איז נאָך געבליבן די מכת־חושך פון מצרים.

מיסטיש געטראַכט, איז אפשר די איצטיקע תקופה פון סומאַטאָכע, פון פאַרפינצטערונג, פון טונקעלן שפּיל קעגן מדינת ישראל, דער אָנהויב פון דער פאַרווירקלעכונג פון דער נבואה פון יחזקאל הנביא, וועגן דער מלחמה פון גוג ומגוג.

יחזקאל, אין זיין ווענדונג צו די פעלקער, זאָגט צווישן אַנדערס: „און וועסט אַרויפגיין אויף מיין פאָלק ישראל ווי אַ וואָלקן צו באַדעקן די ערד. אין סוף פון די טעג וועט דאָס זיין, און איך וועל דיר ברענגען אויף מיין לאַנד, כדי די אומות זאָלן מיך דערקענען, ווען איך וועל ווער געהייליקט דורך דיר, גוג, אַזוי האָט געזאָגט ג־ט, דער האר".

און יחזקאל שילדערט ווי די פעלקער וועלן אָנפאַלן אויף ישראל, און די ענדע וועט זיין: אַ גרויסע מפּלה פון אונדזערע שונאים „און די באַוואוי־נער פון די שטעט פון ישראל וועלן אַרויסגיין און וועלן ברענען און הייצן

מיט וואָפן און שילדן און פאַנצערס, מיט בויגנס און פיילן, און מיט האַנט־שטעקנס און מיט שפּיזן און זיי וועלן ברענען פייער דערמיט זיבן יאָר".

אַן אָנהויב פון דער נבואה איז שוין מקוים געוואָרן ביי דער אַקציע פון סיני. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט אויך מקוים ווערן דאָס איבעריקע.

ישראל וועט זיין די ערשטע וואָס וועט באַווייזן צו פאַרברענען און פאַרניכטן אַלע מלחמה־כלים וואָס די שונאים וועלן איבערלאָזן, כדי עס זאָל זיין שלום אויף דער וועלט.

ישראל ברענגט און וועט ברענגען דאָס אמתע ליכט אויף דער וועלט, מיטן כוח וואָס זי ציט פון בראשית, ביי וועלכן זי האַלט זיך טויזנטער יאָרן און באַנייט אים יעדן יאָר, מיט שמחה, מיט שמחת תורה.

* * *

דער וועלט־אַרכיטעקט האָט אויסגערעכנט די צייט פון זיין שאַפונג אויף זעקס טעג.

ער האָט עס געקאָנט מאַכן מיט איין מאמר, —זאָגן אונדזערע חכמים, — נאָר ער האָט עס איינגעטיילט אין זעקס טעג, כדי עס זאָל דינען אַלס ביישפּיל, אַז מען דאַרף נישט וועלן אַריינכאַפּן אַלץ פאַר איין מאָל.

יעדן טאָג האָט דער באַשאַפער געשאַפן אַן אָפּטיילונג, און ווען ער האָט געזען „כי טוב", האָט ער אויפן צווייטן טאָג באַשאַפן אַ צווייטע אָפּ־טיילונג, און צו די זעקס טעג האָט ער געענדיקט די יצירה, און זי געקרוינט מיט קדושה, מיט אַ זיבעטן טאָג — שבת קודש.

די ערד איז פון תהו ובהו פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הערלעכן, פּראַכט־פולן באָטאַנישן גאָרטן, מיט אַלערליי געוויקסן, ביימער, בלומען, פּרוכטן, שיין פאַר די אויגן, געשמאַק פאַרן גומען, מיט די בעסטע ריחות, און אויך אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן מיט הונדערטער סאָרטן חיות, עופות, טייכן, ימים, מיט פּרעכטיקע פּלאַזשעס, און פיש לרוב, א. אַ. וו.

ווען דאָס אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט דער האַר פון דער וועלט זיך באַראָטן מיט פיר מלאכים וועגן דעם, ווער זאָל דאָס אַלץ אָפּהיטן און אַנט־וויקלען, און ער האָט פאַרגעלייגט צו שאַפן אַ באַשעפעניש, וואָס זאָל קע־נען אויפנעמען אַ חלק פון געטלעכן גייסט, און שכל און פעאיקייט אָנצופירן און אָפּהיטן די ווירטשאַפט; דער נאָמען פון דער באַשעפעניש זאָל זיין אָדם, ווייל ער וועט געמאַכט ווערן פון ביליקן אָבער נוצלעכסטן מאַטעריאַל — פון אדמה, פון ערד.

צוויי מלאָכים, צדק און חסד, האָבן מסכים געווען צו דער שאַפונג פון אָדם, און די אַנדערע צוויי מלאָכים, שלום און אמת, זענען געווען קעגן; זיי

האָבן פאַרויסגעזען, אַז דער אָדם וועט זיך נישט האַלטן ביי די פּאָסטולאַטן וואָס די מלאָכים פאַרטרעטן.

דער באַשאַפער, אָבער, משפּט נישט פאַר די פעלערן, וואָס וועלן גע־מאַכט ווערן שפּעטער, און האָט באַשאַפן דעם אָדם.

פאַר אַזאַ חשובער בריאה, וועמען עס איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די פאַרוואַלטונג איבער גאַנץ וועלט, האָט ג־ט געשאַפן אַ ספּעציעל פּלאַץ, אַ גן־עדן, וואו עס איז געווען פון כל־טוב, פון דאָס שענסטע און בעסטע. אַלץ איז געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דעם אָדם, אויסער צוויי פּרוכט־ביימער: דער עץ הדעת און דער עץ החיים, פון וועלכע עס איז אים פאַרבאָטן געוואָרן צו געניסן.

* * *

אָדם האָט גענומען פּאָזיציע פון דעם פּלאַנעט־ערד מיט אַלץ וואָס עס געפינט זיך אויף דער ערד, און האָט זיך גענומען מאַכן אָרדענונג. אַלע היות און עופות האָט ער געגעבן, יעדן סאָרט אַ באַזונדער נאָמען, לויט ווי עס פאָדערט זיך ביי אַ גוטער אַדמיניסטראַציע, צו וויסן ווער איז ווער.

ער איז אָבער געווען איינער אַליין, דער אָדם, אָן קיין געהילף, און דער אויבערשטער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז שאַפן אַ געהילף וועדליק פאַר דעם אָדם. אָבער, פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל זאָל ער עס מאַכן? די גאַנצע יצירה איז שוין געווען פאַרענדיקט, און עס איז נישט יושרדיק צוצונעמען עטוואָס ביי אַן אַנדער בריאה, אַפילו נישט פון דער ערד, צוליב גוט מאַכן פאַר דעם אָדם.

אַך, ווען מענטשן וואָלטן עס פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר נישט נעמען ביי איינעם, כדי צו טון אַ טובה אַ צווייטן, אָדער אַפילו נישט פאַר זיך אַליין, וואָס פאַראַ כשרע, גליקלעכע וועלט מיר וואָלטן עס געהאַט!

ג־ט מיט זיין יושר האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב מען דאַרף שאַפן אַ גע־הילף פאַר דעם אָדם, פון זיין טובה וועגן, דאַרף עס דאָס געבן פון זיך אַליין. האָט ער אים פאַרשלעפערט — ווייזט אויס, אַז דער אויבערשטער האָט שוין דערקענט דעם אָדם און געוואוסט, אַז וואַכנדיקערהייט וועט דער אָדם נישט וועלן געבן, כאָטש עס איז פון זיין טובה וועגן — און האָט אויסגע־שניטן אַ ריפּ פון אָדמס קערפּער, און האָט פון דעם ריפּ אויסגעבויט אַ מענטש — אַ פרוי — און זי געבראַכט צו דעם אָדם.

— ווען מען קען דאָס איצט פאַרשלעפערן די אָדמס און נעמען ביי זיי אַ טייל וואָס וועט זיי גאַרנישט שאַטן! עס וואָלט נאָך אַרויסגעקומען אַן אומ־

באַשרייבלעכע טובה פאַר זיי און זייער משפּחה! מיר וואָלטן שוין דאַן געהאַט אַן אויפגעבויטע און אָנגעפולטע ארץ־ישראל.

* * *

די מענטש־פרוי איז געווען אַ שיינע, פראַכטפולע, צאַרטע באַשעפעניש, וואָס האָט דערגענצט דעם גן־עדן. חוה איז געווען איר נאָמען.

אָדם און חוה האָבן געלעבט צופרידן אין גן־עדן. נו, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ צרה, — אַ שלאַנג.

די שלאַנג האָט כיטרעוואַטע געפרעגט דער פרוי: איז טאַקע ריכטיק, אַז ג־ט האָט אייך אָנגעזאָגט, איר זאָלט נישט עסן פון קיין בוים פון גאָרטן? זי האָט געוואוסט, די שלאַנג, אַז זיי מעגן עסן די פרוכט פון אַלע ביימער, אויסער פון צוויי. נאָר אַזוי איז שוין די טבע פון די שלאַנגען: זיי לאָזן אַריין דעם גיפט אין דעם קערפּער, אָדער קערפּערשאַפט. מען גיט זיך אַ זאָג, וואָס? דאָרט טוט מען „גאָרנישט", וואָס? דאָרט גייט אַוועק דאָס „גאַנצע" געלט אויף איבעריקע הוצאות, א. אַ. וו. און דאָס איז אַ שרעקלעכער סם.

און אַבי נאָר די מענטש־פרוי איז שוין אַריין אין אַ געשפּרעך מיט דער שלאַנג און איר דערציילט אַז דער פאַרבאָט איז נאָר אויף איין בוים. — אַגב האָט שוין די פרוי נישט געזאָגט דעם אמת, ווייל דער פאַרבאָט איז געווען אויף צוויי ביימער. אָט אַזוי איז, אַז מען לאָזט זיך צו צו אַ שלאַנג. האָט שוין די שלאַנג אויסגענוצט די געלעגנהייט און איר איבערגערעדט און איינגערעדט, אַז איר באַשעפער איז אייפערזיכטיק, ווייל ער ווייסט אַז דעם טאָג וואָס זי וועט עסן פון די פרוכטן וועלן זיי זיין ווי ג־ט, צו וויסן גוטס און שלעכטס.

און די פרוי האָט זיך געלאָזן איבעררעדן. זי האָט געגעסן פון די פרוכט און אויך געגעבן אָדמען צו עסן.

אַלע וויסן דעם רעזולטאַט. זיי זענען ביידע —אָדם און חוה,— פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן. און עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער חרב המתהפכת: די פלאַמיקע שווערד, וואָס דרייט זיך, צו היטן דעם וועג צום בוים פון לעבן.

אָט אַזוי איז דאָס. דאָרט וואו מען לאָזט צו די שלאַנג, ווערט די שווערד, וואָס ברענגט טויט, אַן אָפּהיטער פון לעבן.

און דער וועלט־באַשאַפער האָט פאַרשאָלטן די שלאַנג, דעם מאַן, די פרוי, די ערד, צוליב וועלכן מיר ליידן ביז היינט צו טאָג.

און מיר ליידן נישט דערפאַר וואָס זיי האָבן נישט אויסגעפאָלגט ג־טס אָנזאָג, זיי זאָלן נישט עסן פון עץ־הדעת. ווען חס וחלילה דער בורא־עולם

זאָל זיין אַזוי שטרענג פאַר אַלץ וואָס מען פאָלגט נישט אוים זיינע געבאָטן, וואָלט די וועלט שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. די שטראָף איז אַזאַ הארבע און לאַנגדויערנדיקע דערפאַר וואָס די מענטשן האָבן נישט געגוג אַכטונג געגעבן און אַריינגעלאָזן אַ שלאַנג אויפן באַדן פון גן־עדן, און אַנשטאָט זי צו פאַרטרייבן, האָבן זיי זיך גאַר געחברט מיט איר, זיך צוגעהערט צו אירע פאַלשע עצות.

מען האָט דעם מאַן און פרוי אַרויסגעטריבן פון גן־עדן און זיי זענען אַוועק אין דער ברייטער וועלט. און פון דעמאָלט אָן שלעפט זיך נאָך די שלאַנג נאָך די מענטשן.

אוי, ליידן מיר פון די שלענג!

* * *

„בראשית ברא", איז אויפגעקומען מדינת ישראל און האָט אָנגעהויבן שאַפן פון סאַמע בראשית.

„והאָרץ היתה תהו ובהו וחשך" — אין ארץ־ישראל איז געווען די ערד וויסט, פאַרנאַכלעסיקט און פינצטער, פיזיש און גייסטיק.

און ישראל האָט פון דעם ערשטן טאָג געזאָגט, בעזרת השם, „יהי אור", זאָל זיין ליכט — און עס איז געוואָרן ליכט!

ישראל שאַפט עטאַפּנווייז, און שטרעבט צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ גן־עדן, וואָס זאָל דינען אַלס מוסטער פאַר אַלעמען; ישראל איז פאַר אונדז דער עץ־החיים.

איז ישראל אַרומגערינגלט מיט שלענג וואָס צישען און וואַרפן מיט גיפט, אָבער דער גיפט גייט צוריק צו זיי. ווי אַזוי? אָט ווי אַזוי: די פרוי מוטיקט דעם מאַן.

די פרוי אין ישראל ווייסט, אַז די שלאַנג טאָר מען נישט צולאָזן נאָענט, און יעדעס מאָל וואָס אַ שלאַנג וויל זיך דערנענטערן, שטייט די פרוי צוזאַ־מען מיטן מאַן און גיבן איר מיט שטיינער איבערן קאָפּ.

די שלאַנג איז אַ געפערלעכע. זי האָט זיבן קעפּ; מען מוז שטיין טאָג און נאַכט אויף דער וואַך, אַכטונג צו געבן אויף יעדער שלאַנגישן קאָפּ באַ־זונדער. אָבער מיר וויסן נאָך פון אונדזער בראשית: „אַל תירא עבדי יעקב".

מיר האַלטן זיך פעסט ביי אונדזער בראשית ברא. ישראל בויט, שאַפט, פאַרטרייבט דעם תהו־ובהו והושך און האַלט הויך דעם פאַקל פון „יהי אור", שאַפט און זאָגט „כי טוב".

לאָמיר אַלע, פרויען און מענער פון ישראל און פון די תפוצות, העלפן דעם בראשית ברא. דער עיקר איז דאָס שאַפן און עס וועט זיין אור און טוב.

נֹחַ

„אלה תולדות נח", דאָס איז די געשיכטע פון נחן, „נח איש צדיק". נח איז געווען אַ גערעכטער, ערלעכער מאַן. „את האלקים התהלך נח", מיט ג־ט איז געגאַנגען נח.

שם איז געווען דער עלטער־זיידע פון אברהם אָבינו. פאָלגלעך שטאַמען די בני ישראל פון שם. דערפאַר רופט מען אונדז סעמיטן.

לויט לעגענדעס וואָס זענען פאַרצייכנט אין גאָר אַלטע ספרים, ווערט דערציילט, אַז די קינדער זענען געקומען צו זייער טאַטן נח, און זיך באַקלאָגט פאַר אים, אַז עס פאַרשפּרייטן זיך געפערלעכע קראַנקייטן, וואָס פאַרשאַפן שרעקלעכע ווייטיקן, און מאַכן אַ תל פון מענטשן. האָט נח זיך דערשראָקן און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די קראַנקייטן נעמען זיך פון דעם מענטשנס זינד און אויסגעלאַסנקייט. האָט ער תפילה געטון, און ג־ט האָט אים געשיקט דעם מלאך רפאל, וועלכער האָט נייינציק פּראָצענט פון די פאַרפעסטעטע און אָנשטעקנדיקע קראַנקע אָפּגעזונדערט אין אַ באַזונדער פּלאַץ; צען פּראָצענט האָט ער איבערגעלאָזט, כדי די געזונטע זאָלן נעמען אַ ביישפּיל און זיך אָפּהיטן פון זינד און שלעכטע מידות, און צו דער זעלבער צייט האָט ער —דער מלאך רפאל— געלערנט נחן די סגולות פון אַלע גראָזן און פלאַנצונגען, וואָס קענען גענוצט ווערן אַלס רפואות צו די פאַרשידענע מחלות.

נח האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן אין אַ ספר און האָט עס איבערגעגעבן זיין זון שם. נאָכדעם זענען געקומען די חכמים פון אַנדערע לענדער, און האָבן איבערגעשריבן דעם ספר הרפואות, יעדער אויף זיין שפּראַך, און אַזוי אַרום איז די חכמת הטבע פון די געוויקסן און פון זייערע אייגנשאַפטן אַלס רפואות פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די פעלקער.

טעגלעך, אַז דערפון נעמט זיך וואָס פון די גאָר פריע צייטן, איז די מעדיצין־וויסנשאַפט אַזוי פּאָפּולער ביי יידן, און אַ זייער אָנגעזעענער פּראַ־

צענט פון ספּעציאַליסטן וואָס צייכענען זיך אויס אין דער מעדיצין-קענטע-ניש, זענען מאַחינו בני ישראל.

* * *

נישט נאָר רפואת-הגוף, נאָר שם איז געווען אויך דער ערשטער פון רפואת-הנפש פאַרזאָרגער.

שם איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געגרינדעט אַ בית-מדרש, אַ ישיבה, אַן אַקאַדעמיע צום לערנען און פאָרשן, צום פאַרטיפן זיך אין תורת המוסר, צו פאַרשטיין דעם שענערן זין פון לעבן.

דאָס איז געווען אין בית-המדרש פון שם, וואו מען האָט אויפגעקלערט דער מוטער רבקה די ריכטיקע סיבה פון דעם „ויתרוצצו": פון דעם, וואָס אירע צוויי קינדער זענען אַזוי פאַרשידן איינער פון אַנדערן, אַז דאָס איז נישט בלויז אַ פיזישער אונטערשייד, וואָס עשו איז אַ רויטער און אַ באַוואַקסענער מיט האָר, נאָר דאָס זענען צוויי טעמפּעראַמענטן, צוויי קעגנגעזעצטע דרכים; עשו ציט צום וואַלד, צום שיסן, צום מאָרדן, און ער — עשו — מאַכט פון דעם אַ טוגנד, אַן אידעאַל, און יעקב ציט צו אַ רואיקע היים, צו פעלד-אַרבעט, צו האָדעווען שאָף און רינדער, צו אַ ריינעם פרידלעכן פאַמיליען-לעבן, צום בית-המדרש-אידעאַל.

— ווער עס וויל וויסן גענוי דעם באַדייט און ווירקונג פון בית-המדרש אויפן לעבן פון יידישן פאָלק, זאָל איבערלייענען דעם שיר „אם יש את נפשך לדעת" פון חיים נחמן ביאַליק ז"ל.

דאָס גיט אונדז צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אברהם אָבינו האָט אַזוי שטרענג באַשוואוירן זיין דינער אליעזר, אַז ער זאָל נישט נעמען קיין ווייב פאַר זיין זון יצחק פון די טעכטער פון די כנענים, צווישן וועלכע ער איז געזעסן, נאָר ער זאָל גיין צו דעם לאַנד און צו דער משפּחה פון אברהם, און פון דאָרט נעמען אַ ווייב פאַר יצחקן.

אברהמס משפּחה האָט געגאָסן פון חינוך, פון דערציאונג, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער ישיבה פון זיין עלטער-זיידן שם, וואו מען האָט גע-לערנט און אויפגעקלערט דעם פיינערן זין פון פאַמיליען-לעבן, פון מענטש-לעכער ווירדע, לויט עס באַווייזן פאָלגנדיקע שטריכן.

אליעזר קומט צו אברהמס משפּחה און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גלייך ביי זיין אָנקומען זאָל ער זיך אָנטרעפן מיט יצחקס באַשערטער. אליעזר האָט זיך איבערצייגט, אַז ג-ט האָט מצליח געמאַכט זיין וועג.

ביים ערשטן געשפּרעך מיט רבקהן, האָט ער אויסגעפּרואווט איר כאַ-ראַקטער און האָט דערקענט אין איר די שיינע מידות פון הכנסת-אורחים, פון דרך-ארץ, גוטער דערציאונג, אין גייסט פון אברהם אָבינו. און ווען

אליעזר האָט דערקלערט פאַר רבקהס עלטערן דעם צוועק פון זיין וויזיט, אַז ער וויל נעמען זייער טאָכטער פאַר אַ כלה פאַר יצחקן, האָבן זיי גע־ענטפערט: „נקרא לנערה ונשאלה את פיה" — לאָמיר רופן דאָס מיידל און מיר וועלן פרעגן איר מויל; זי אַליין מיט איר מויל זאָל זאָגן, צי זי באַ־שטייט אויפן שידוך.

דאָס איז אַ שריט פון מענטשלעכקייט, פון פאָרשריט פאַר יענע צייטן און פאַר אַלע צייטן, — די אָנערקענונג פון רעכט פאַר דער פרוי, נישט ווי עס איז געווען —עס איז נאָך איצט אויך פאַראַן— ביי אַנדערע אומות, וואו די פרוי האָט נישט געהאַט קיין דעה איבער זיך אַליין, נאָר זי איז גע־נומען און געגעבן געוואָרן; געקויפט און פאַרקויפט ווי וועלכע עס איז בעסטיע.

אַ צווייטער שטריך:

לבן, רבקהס ברודער, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַ רמאי, אַן אָפּנאַרער, ער האָט אָפּגענאַרט יעקבן און פאַרביטן זיין עלטערע טאָכטער לאה, אַנשטאָט די ייִנגערע — רחל; ווען יעקב האָט געפרעגט לבנ׳ן: „למה רמיתני" — פאַרוואָס הסטו מיך אָפּגענאַרט, איך האָב דאָך געדינט ביי דיר זיבן יאָר פאַר רחלען? האָט אים לבן געענטפערט: „לא יעשה כן במקומנו לתת הצעירה לפני הבכורה" — ביי אונדז ווערט נישט געטון אַזוי, אויס־צוגעבן די ייִנגערע טאָכטער פריער פאַר די עלטערע.

דער דאָזיקער ענטפער באַווייזט די השפעה פון דעם חינוך פון דער ישיבה פון שם אויף דעם גאַנצן שבט וואָס איז אַרויסגעקומען פון אים: אַ דערציערישער שטייגער משפחה־לעבן, וואָס איז אָנגענומען ביז היינט צו טאָג: די טראַדיציאָנעלע פאַמיליע־צוגעבונדנקייט, דער קעגנזייטיקער רעס־פּעקט, איז דער יסוד פון אַ צופרידענער היים; די עלטערע שוועסטער דאַרף חתונה האָבן פריער ווי די ייִנגערע — דאָס איז אַן עטישער פרינציפּ, סיידן אין אויסנאַמפאַלן.

דאָס גיט אונדז צו דערקלערן אויך די מימרא, אַז אברהם אָבינו האָט אָפּגעהיט אַלע מצוות פון דער תורה. מצוות זענען מעשים־טובים, און מעשים־טובים האָט אברהם אָבינו געטון אַ סך, איבערהויפּט „בין אָדם לחברו", פון מענטש צו מענטש.

די ישיבה פון שם האָט געלערנט און רעגולירט אַ בעסערן, ערלעכערן שטייגער לעבן און דאָס האָט אָפּגעטיילט. דאָס האָט געשאַפן דעם הבדל צווישן די דעמאָלטיקע פרימיטיווע שבטים.

חם, דער ברודער פון שם, האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט תופס זיין די דאָזיקע פילאָזאָפיע פון שם.

די חמיטן האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן, צוליב וואָס דאַרף דאָס אַ

מענטש זיך אַמפּערן מיט זיך אַליין? פאַרוואָס זאָל דער מענטש ווען איבער־אַנדערשן די נאַטירלעכע אינסטינקטן וואָס צאַפּלען אין אים?

זיי, די חמיסטן, האָבן זיך נישט געוואָלט אָנטון דעם כוח צו טראַכטן פון באַהערשן די תאוות, פאַרקערט, זיי האָבן געמאַכט פון די נידעריקסטע אינסטינקטן און פאַרדאַרבענע תאוות אַ קולט: די שיטה פון מאָראַל, וואָס רעגולירט און צוימט דעם מענטש, ער זאָל זיך נישט אויפפירן ווי אַ הפקר־דיקע באַשעפעניש, ער זאָל באַהערשן דאָס בעסטיאַלישע, איז געווען אַרי־בער זייערע גייסטיקע כוחות; פאַר זיי איז געווען גילטיק די פיזישע קראַפט. אויב די נאַטור האָט באַשאַפן שטאַרקערע און שוואַכערע, דאַרף דער שטאַר־קערער באַצווינגען דעם שוואַכערן.

די פילאָזאָפיע פון שם איז, אַז דער שכל מיט וועלכן דער מענטש איז באַגאַבט, דאַרף באַנוצט ווערן צו קולטיווירן די חכמה, און די חכמה דאַרף געזעצט ווערן אויפן טראָן און פון דער הויך הויבן דאָס מענטשלעכקייט, זיפן, רייניקן, פוצן און אַריינגעבן געטלעכקייט אין לעבן פון מענטש, „כי בצלם אלקים עשה את האדם”, ווייל אין געשטאַלט פון ג־ט איז געשאַפן געוואָרן דער מענטש.

און די חמיסטישע פילאָזאָפיע איז, אַז דער שכל און חכמה באַשטייט נישט אין דערהויבונג, נאָר אין זעלבסטבאַפרידיקונג, אין גלויבן אין דעם וואָס דאָס אויג זעט און וואָס דאָס האַרץ גלוסט, באַפּאַרבט און באַמאָלט אויסערלעך.

און אָט דער דאָזיקער גערANGל ציט זיך ווי אַ רויטער שנור כסדר; צוויי קעגנגעזעצטע שיטות, גייסטיקע קראַפט און ברוטאַלע קראַפט שטויסן זיך אָן.

די פּאָזיציעס פון די ביידע זענען נישט קיין גלייכע. די צווייטע נעמט צו הילף דעם פאַרגיפטעטן כוח פון שנאה און די ערשטע שטרענגט זיך אָן אויסצואוואָרצלען די שנאה, „לא תשנא את אחיך בלבבך”, זאָלסט נישט פיינט האָבן דיין ברודער אין דיין האַרץ — לערנט אונדז די תורה.

* * *

שם, אַלזאָ, האָט צום ספר רפואת־הגוף אויך געלערנט רפואת־הנפש, אַ תורת־חיים נצחית, אַ תורה פון אייביקן לעבן.

חם׳ס נאָכפאָלגער האָבן דאָס נישט געדולדעט, און די שנאה איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, ביז צו וועלן פאַרברענען לעבעדיקערהייט דעם פּאַטרי־אַרך אברהם מיט אַלע זיינע פילאָזאָפיעס. און אויב דאָס פייער האָט אים נישט פאַרברענט, האָבן זיי אָנגעצונדן דעם צווילינג — שנאה, קנאה, וואָס פייערט גיפטיק קעגן דער נצחיות פון ישראל, אָבער דער סנה און די תורה פון סיני ווערן נישט פאַרברענט.

און די היסטאָריע הזרט זיך איבער:

אין פייער און פלאַם איז אויפגעקומען מדינת ישראל, מיט אַ ברייטער אַלטרואיסטישן פּראָגראַם.

ישראל האָט דאָס ערשטע געגומען דעם ספר רפואת־הגוף; ישראל האָט פּאַרטריבן הונדערט־יאָריקע איינגעזעסענע חולאתן, האָט געזונט געמאַכט דעם אַמביענט, אויסגערייניקט די פאַרפּעסטעטע אַטמאָספערע, ווי עס איז איבעראַל באַקאַנט.

פּאַראַלעל מיטן רפואת־הגוף, האָט ישראל נאָך אַמאָל באַוויזן זיין ספּעציאַליטעט אין רפואת־הנפש: דער חינוך, די עדוקאַציע, די ווויסנשאַפט, דער געזעלשאַפטלעכער שטייגער לעבן שטייען אויפן ערשטן פּלאַן און דערהייבן צו דער העכסטער מדרגה.

און פּונקט ווי ביי רפואת־הגוף, האָבן געגאָסן די אַלע אַרומיקע שכנישע פעלקער. מיר האָבן זיי אָנגעוויזן די סיבה פון דער קראַנקייט און דעם מיטל ווי צו פאַרטרייבן די סיבה און אויסמיידן די קרענק; דאָס וואָס איז ביי זיי באַטראַכט געוואָרן הונדערטער יאָרן אַלס דער ברונעם פון טויט, האָבן די ישראלים אים פאַרוואַנדלט אין אַ קוואַל פון לעבן און געזונט פאַר אַלעמען. אַזוי אויך באַט אָן ישראל, מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט און אָפנהאַרציקייט, די רפואת־הנפש: ווער עס וויל זאָל קומען לערנען אין ישראלס העכערע בילדונג־שולן און שאַפן אַזוי אַרום גייסטיקע, פרידלעכע, גוט־שכנישע באַציאונגען אויף אַלע געביטן.

אַבער חם'ס אייניקלעך —מצרים, וואָס איז שוין אַלט עטלעכע טויזנט יאָר און איז נאָך הינטערשטעליק לגבי דער יונגיקער צען־יאָריקער ישראל, סיי אויפן קולטורעלן ווי אויפן סאָציאַל־ציוויליזירטן געביט, ווערן אויפגעפרעסן פון קנאה־שנאה און זיי טראַכטן גאָר ווי צוריק מיט פיר טויזנט יאָר, ווי צו פאַרברענען און פאַרניכטן שם'ס אייניקלעך, צוזאַמען מיטן בית־המדרש און מיט דער ישיבה.

זיי אַרט נישט די לאַגע פון זייערע פעלקער; זיי לאָזן זיי בעסער קרענקען און זיך וואַלגערן אין זומפּ פון אומוויסנהייט, אַבי זיי זאָלן נאָר פיינט האָבן די ישראלים.

דאָס איז אָן אַלטע ירושה, געגומען פון זייער עלטער־זיידן חם.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען דעם עפּיזאָד, וואָס ווערט דערציילט אין חומש:

דער פּאַטריאַרך יצחק האָט באַוויזן ספּעציעלע קענטעניסן ביי פעלד־אַרבעט און פיצוכט; ער האָט געזייט און האָט אַרויסגענומען הונדערט מאָל אַזויפיל. דאָס איז אַ זעלטענער רעקאָרד. עס האָט אים אויך געגליקט ביי פיצוכט. איז אָנשטאָט צו נעמען דעם פאַקט אַלס מוסטער און איינלאַדן יצחקן, ער זאָל לערנען די אַנדערע ערד־אַרבעטער ווי צו אַרבעטן און פאַר־

גרעסערן די פּראָדוקציע, איז געקומען דער מלך פון די פלישתים צו יצחקן און זאָגט אים: „לך ממנו, כי עצמת ממנו מאד" — גיי אַוועק פון אונדז, וואָרום דו ביסט מעכטיקער פון אונדז.

די אייביקע המשע קנאה־שנאה, וואָס פאַרשלאָגט די מענטשן.

די איינציקע קעגנקראַפט איז: טרינקען פון קוואַל פון בית־המדרש, פון דער ישיבה, וואָס איז די אומצעשטערבאַרע פעסטונג פון עם ישראל און מלכות ישראל.

* * *

עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט, אַז צום יום־טוב פונעם צען־יאָריקן יובל פון מדינת ישראל, זאָל איינגעאָרדנט ווערן אַ ספּעציעלער פּאַוויליאָן, וואו עס זאָלן אויסגעשטעלט ווערן יענע אַלטע ספרים אונדזערע פון רפואת־הגוף און רפואת־הנפש, צו באַווייזן דעם איצטיקן דור דעם ביישטייער וואָס די בני־ישראל האָבן געגעבן צו די דאָזיקע צוויי וויכטיקע צווייגן.

* * *

ווי ווייט אונדזערע חכמים האָבן פאַרשטאַנען אַפּצושאַצן די טראַנס־פּאָרמאַציע וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער עפּאָכע, און דעם אונטערשייד פון פאַר דעם בית־המדרש, ביז צו דער ווירקונג פון בית־המדרש, געפינען מיר עס אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע מאמרים:

„עשרה דורות מאָדם עד נח" — צען דורות זענען געווען פון אָדם ביז נח, וואָס האָבן דערצאָרנט דעם אויבערשטן, ביז ער האָט געבראַכט דעם מבול.

„צען דורות זענען געווען פון נח ביז אברהם, וואָס האָבן דערצאָרנט דעם אויבערשטן, ביז עס איז געקומען אברהם און האָט באַקומען דעם שכר פאַר זיי אַלע".

פרעגט זיך, פאַרוואָס אַזאַ אונטערשייד פון די ערשטע צען דורות ביז די צווייטע;ביידע גלייך האָבן דערצאָרנט דעם אויבערשטן, פאַרוואָס איז ביי די ערשטע געקומען דער מבול און ביי די צווייטע האָט אברהם באַקומען אָנערקענונג? נח איז דאָך אויך געווען אַ צדיק. דער חומש זאָגט דאָך „נח איש צדיק תמים"?

דער אונטערשייד אָבער איז, וואָס נח איז טאַקע געווען אַ צדיק — „את האלקים התהלך נח" — נח איז געגאַנגען מיט ג־ט, נאָר בין אָדם למקום.

ג־ט האָט אים געהייסן בויען אַ קאַסטן, ווייל ער וועט אָנשיקן אַ מבול, צו פאַרניכטן אַלץ וואָס אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד. האָט נח גע־פּאָלגט. הונדערט־צוואַנציק יאָר האָט ער געבויט דעם קאַסטן, און ער האָט

קיין איין מאָל נישט געפרעגט: סטייטש, רבונו־של־עולם, וואָס הייסט דו וועסט חרוב מאַכן אַ וועלט וואָס דו האָסט געשאַפן, און מענטשן האָבן אַריינגעלייגט אַזויפיל פּראַצע איר צו פאַרשענערן? נישט אַלע מענטשן, אַלע באַשעפענישן זענען טאַקע אַזוי שטאַרק פאַרדאָרבן, גיין. נח האָט געפאָלגט וואָס ג־ט האָט געהייסן און מער נישט. ער איז געווען אַ צדיק פאַר זיך; ער האָט ביי קיינעם נישט געלערנט און מיט קיינעם נישט געלערנט.

אין קעגנטייל אברהם, ווען ג־ט האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט איבערקערן סדום, דערפאַר וואָס זייער זינד איז שוין איבער דער מאָס, האָט אברהם זיך געבעטן און זיך געדונגען מיט ג־ט, אַז ער טאָר דאָס נישט טון. טאָמער זענען פאַראַן פופציק צדיקים אין דער שטאָט סדום, און ווען אפילו צען צדיקים, טאָרסטו נישט חרוב מאַכן סדום. צען אמתדיקע צדיקים קאָנען ווירקן אויף אַ שטאָט מענטשן, זיי זאָלן אויסבעסערן זייער אויפפיר. צען אויפריכטיקע צדיקים, אויב זיי האָבן זיך געקאָנט האַלטן אין אַ שטאָט פון סדומניקעס, איז אַ באַווייז אַז די מענטשן זענען נאָך נישט אינגאַנצן פאַרדאָרבן.

אברהם האָט געלערנט אין דער ישיבה פון שם, און האָט שוין געוואוסט פון מצוות בין אָדם לחברו.

ביי אברהמען האָט זיך געהאָדעוועט אַ פלימעניק, אַ יתום — לוט, און דער יתום איז רייך געוואָרן ביי דער זייט פון זיין פעטער. ביידע האָבן געהאַט אַ סך שאָף און רינדער. אָפטע קריגערייען פלעגן אויסברעכן צווישן די פאַסטוכער.

קיינער וואָלט נישט געקאָנט באַמערקן קעגן אברהמען, ווען ער זאָגט:

— פלימעניק מיינער, איך האָב דיר אויסגעהאָדעוועט, געמאַכט פאַר אַ נוצלעכן מענטש, ביסט שוין גענוג פאַרמעגלעך, קענסט שוין אַליין באַשטיין; דיין שטעטל, איז גיי דיר געזונטערהייט. אָבער אברהם האָט געהאַנדלט יידישלעך, לפנים משורת הדין, און ער האָט געגעבן די ברירה דעם פלימעניק לוט, און אים געזאָגט: „איך בעט דיר, זאָל נישט זיין קיין קריג צווישן מיר און דיר, צווישן מיינע און דיינע פאַסטוכער. דאָס גאַנצע לאַנד ליגט דאָך פאַר דיר, קלייב דיר אויס אין וועלכער זייט דו ווילסט גיין, וועל איך גיין אין אַ צווייטער זייט.

אָט אַזעלכע יידן, וואָס זענען צו ג־ט און צו לייט, וואָס טראָגן מיט זיך דעם גייסט פון בית־המדרש, די פאַרדינען שכר, ווייל זיי דערהויבן דעם דור. ד״ר הערצל האָט באַקומען שכר פאַר אַ סך דורות. מנחם מענדל אוסישקין האָט אַן אייביקן שכר פאַר דעם באַדן וואָס ער האָט געקויפט דורכן קרן קימת לישראל, וואָס בלייבט אַן אייביקייט, אויף וועלכן עס בויט זיך די מדינה.

אָט וואָס מיר לערנען פון דער פרשה חומש.

לֶךְ לְךָ

און ג־ט האָט געזאָגט צו אברהם: „לך לך״ — גיי צו דיר, צו זיך.

דאָס ערשטע געבאָט, דער ערשטער נסיון פאַר וועלכן אברהם איז געשטעלט געוואָרן, איז געווען „לך לך״, גיי צו דיר, גיי דיין אייגענעם גאַנג, כדי דו זאָלסט קענען זיין גאַנץ מיט זיך אַליין.

עס איז גאָרנישט קיין לייכטע אויפגאַבע.

אָנהאַלטן שטענדיק דעם אָנגעצייכנטן לעבנס־וועג, נישט לאָזנדיק זיך אַראָפּפירן, פאַרפירן פון אייגענעם גלייכן וועג, פאָדערט מוט, כאַראַקטער־פעסטקייט, אינטעליגענץ און כוח אויפצוהויבן זיך העכער פון דעם אַרום.

עס גיבן אַזעלכע, וואָס צוליב אומשטענדן, אָדער פילאָזאָפישע זוכעניש, פאַרקריכן זיי אין פרעמדע וועגן, מיינענדיק אַז דער נייער וועג איז דער ריכטיקער, ביז זיי קומען־צו צו אַ פונקט וואו זיי דערזעען דעם טעותדיקן גאַנג, און אַז אין דעם גאַנג האָבן זיי פאַרלוירן דעם זיך אַליין, און אַז זיי שטייען ביי אַן אָפּגרונט, מיט דער סכנה איינגעזונקען צו ווערן.

די שוואַכערע, ווער מחמת בושה שעמען זיך צו אָנערקענען זייער טעות, און ווער — ווייל עס פעלט אים דער גייסטיקער כוח אויסצודרייען זיך צוריק, און זיי ווערן פאַרלוירן.

נאָר די וואָס פאַרמאָגן די גבורה צו נעמען זיך אַליין אין די הענט, קערן זיך אום צוריק און געפינען דעם וועג פון „לך לך״, גייען צו זיך אַליין, צום אייגענעם געוויסן און פאַרשטאַנד.

פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַ ווייכן רוקנביין. זיי נייגן זיך צום גרינגסטן וועג און שלעפּן זיך מיטן שטראָם, וואוהין דער ווינט בלאָזט. יעדער וועג איז פאַר זיי גוט. דער „איך״ זייערער איז אַ נעבעכדיקער, אַז דער צוריקקער איז פשוט נישטאָ צו וואָס און צו וועמען.

אין קעגנטייל זענען פאַראַן מענטשן מיט פעסטן ווילן, וואָס עפענען און טרעטן אויס נייע וועגן; זיי גייען קעגן שטראָם מיטן כוח פון אַן אידעאַל, וואָס רייסט־מיט, לייכט, און עפנט די אויגן פון אַנדערע, זיי זאָלן זען, וויסן און מיטגיין.

יעדער מענטש —האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים— איז אַ גאַנץ אייגענע וועלט. ווײַבאַלד אַזוי, האָט יעדער יחיד די אייגנשאַפטן פון דער גאַנצער מענטשהייט, פונקט ווי אַ טראָפּן פון ים האָט אין זיך די שטאָפן פון גאַנצן ים. דעריבער דאַרף מען אָפּהיטן מער פון אַלץ און פון אַלעמען דעם צענטער פון אַלע צענטערס — דעם זיך אַליין.

ווען מיר זאָלן קוקן יעדערער אין זיך, זײַן אַ פּאַרזיכטיקער בעל־הבית איבער די אייגענע מעשים, אין די באַציאונגען צום חבר, און פילן די התחייבותן צו דער געזעלשאַפט, געדענקען שטענדיק אַז דער יחיד לעבט מיט דער געזעלשאַפט און פון דער געזעלשאַפט; אַז אחדות באַדײַט זײַן מאָראַליש דיסציפּלינירט און מיטשטײַערן מיט אַ פולער מאָס צו קרעפטיקן די אחדות; ווען מיר זאָלן דערמאָנען שטענדיק דעם „לך לך", דעם אייגענעם גאַנג, אָנהויבן צו דערפילן די געזעלשאַפטלעכע פליכטן פון זיך אַליין, וואָלטן מיר אַלע געלעבט ווי מיר ווינטשן זיך אַליין.

* * *

אברהם איז געבוירן געוואָרן אין אור־כשדים. לויט די היסטאָריקער, איז אור־כשדים געווען אַ גרויסע שטאָט; די באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע, פון פאַרשידענע פעלקער. די לופט דאָרט איז געווען זייער אַ לויטערע. די שטערן אין הימל לייכטן דאָרט ליכטיקער ווי ערגעץ אַנדערש. די חכמים פון אור־כשדים האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אַסטראָנאָמיע, חשבון און מאָס, דאַך זענען זיי געווען געצנדינער.

נאָך דעם ווי אברהם האָט געמאַכט אַזאַ עקסטרעמע רעוואָלוציע, פּראָקלאַמירנדיק די עקזיסטענץ פון איין־איינציקן ג־ט, באַווייזנדיק די נישטיקייט פונעם גלויבן אין די פאַרשידענע נאַטור־כוחות, און נאָך די פאַרפאָלגונגען וואָס אברהם איז אויסגעשטאַנען מצד דער מאַכט און דער באַפעלקערונג (פאַרן ייִדישן לייענער דאַרף מען נישט אויפקלערן, וואָס עס איז אַזוינס ראַסיסטישע, אָדער רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען, פון וועלכע מיר ליידן ביז היינט צו טאָג.), האָט תרח, דער פאָטער פון אברהם, פאַרלאָזט אור־כשדים און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, מיטן ציל צו באַזעצן זיך אין כנען.

די טעריטאָריע וואו עס זענען געזעסן די כנענים, האָט געהערט צו דער משפּחה פון שם, פון וועלכער עס האָט געשטאַמט תרח. נאָר די כנענים האָבן אַהין זיך אַרײַנגעכאַפּט און פאַרכאַפּט. דערפאַר איז תרח געגאַנגען אַהין מיט פולער רעכט.

אָבער תרח איז נישט דערגאַנגען ביז צום ציל. אין וועג איז ער אָנגעקומען צו דער שטאָט חרן, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער, און תרח מיט זײַן משפּחה זענען דאָרט פאַרבליבן ביז צו זײַן טויט.

— קען זיין, אַז דערפון נעמט זיך דאָס פאָלקסווערטל, וואָס כדי צו כאַראַקטעריזירן איינעם וואָס איז נישט קיין דערפאַרענער, זאָגט מען: „ער איז אַן אַלטער תרח" וואָס איז געבליבן אין מיטן וועג.

אַזעלכע ביישפּילן זענען אויך איצט פאַראַן. מענטשן וואָס זאָגן, אַז זיי טראַכטן צו גיין אין אַמאָליקן כנען, אין אונדזער איצטיקער געבענטש־טער ארץ־ישראל — נאָר די גרויסע שטעט מיט די גרויסע מסחרים פאַר־האַלטן זיי, ביז עס ווערט צו־שפּעט.

ווען תרח איז שוין נישט געווען, האָט ג־ט זיך באַוויזן צו אברהם און אים געזאָגט: „אברהם, דו דאַרפסט נישט בלייבן אין מיטן וועג, לאָז זיך אָפּ פון די מסחרים, רייס איבער מיט דיין געבורטלאַנד, מיט דיין משפּחה, לאָז איבער די אַלע סענטימענטן און גוטע געשעפטן, און „לך לך", גיי צו דיר, גיי דיר דיין אייגענעם וועג".

אַז מען בלייבט אין מיטן וועג, ווערט מען סוף־כל־סוף איינגעשלונגען פון אַנדערע. אויב נישט אַליין, זענען עס די קינדער, די אייניקלעך. נאָר אַז דו וועסט גיין דיין אייגענעם וועג, וועלכן דו האָסט אויסגעפונען, דאַן „ואעשך לגוי גדול" — וועט פון דיר קאָנען געמאַכט ווערן אַ גרויס פאָלק.

דער גרעסטער אידעאַליסט קען זיך נישט פאַרזיכערן קעגן דעם פייער פונעם שמעלץ־טאָפּ, וואָס פריער, אָדער שפּעטער אַסימילירט. ברעכט איין און נעמט צו די אייגנאַרטיקייט.

געבורטלאַנד, משפּחה־פאַרבינדונגען, געשעפט־אַנגעלעגנהייטן האַלטן געבונדן דעם יידן אין מיטן וועג. קומט אַ צייט, ווען דער באַרג שנאה הייבט אָן צו שפּייען זיינע לאַוועס מיט פאַרגיפטעטע גאַזן, און ווער עס באַוויזט כאַפּט זיך אַרויס קוים מיטן לעבן, און ווער עס איילט זיך נישט צו, ווערט פאַרלוירן.

און ג־ט זאָגט צו אברהמען: קוק זיך נישט איין אויף דעם וואָס דו ביסט איין פאַמיליע, איין־איינציקער ייד אין דעם גאַנצן אַרום, „לך לך", גיי דיין וועג, און נאָר מיטן כוח פון דיין אייגנאַרטיקייט וועל איך קענען מאַכן פון דיר אַן אייגנאַרטיק פאָלק, פאַר מיין עם סגולה, און איך וועל זיין דיי־נער און דיינע קינדס־קינדערס אויף אייביק.

„אני לדודי ודודי לי".

אונדזערע חכמים האָבן אונדז אָנגעזאָגט: „בכל דור ודור חייב אָדם לראות את עצמו" — אין יעדן דור איז דער מענטש מחויב צו זען זיך אַליין.

עס איז נישט קיין פּרייוויליקע זאַך, נאָר עס איז אַ חוב; אַ מוז. „חייב אָדם", אַריינצוקוקן אין זיך אַליין, מעסטן זיינע מעשים, „כאילו הוא יצא ממצרים" — ווי ער זעלבסט וואָלט איצט אַרויס פון קנעכטשאַפט און דאַרף ווערן אַ פרייער מענטש.

דער ייִד טאָר נישט פאַרגעסן קיינמאָל ווער ער איז, וואו ער איז און וואו ער דאַרף זיין.

ביי אַלע איבערקערענישן, רעוואָלוציעס, צום בעסערן אָדער צום ערגערן, עקאָנאָמיש צי פּאָליטיש, — אין אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער, פריער אָדער שפּעטער, ווערט דער ייד געצוואונגען אומצוקערן זיך מיטן פּנים צו זיך אַליין און זוכן הילף און רו אין זיין „ייד".

וואו איז דער מקום, וואו דער ייד קאָן בלייבן מיט זיך אַליין?

אברהם באַקומט דעם ענטפער: „לך לך אל הארץ אשר אראך" — גיי צו דיר, צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר וויזן.

דער נסיון, איז אַ שווערער. איבעררייסן מיט אַ לאַנד וואו עס האָבן געלעבט צען דורות, מען האָט געהאַט פיין פּרנסה, מען איז געווען אַן אָנגעזעענער בעל־הבית, מען איז אַרומגערינגלט מיט פריינט; זאָגט גאָט צו אברהמען:

„ואברכה מברכיך" — איך וועל בענטשן דיינע בענטשערס. אין וואָס באַשטייט די ברכה? פאַרטייטשט רש"י: „ואברכה בממון" — די בענטשונג באַשטייט אין געלט.

רש"י, דער גייסטיקער פּרשן, וואָס האָט אויפגעקלערט און איינגעטייטשט יעדן וואָרט, האָט מיט גרויס פאַרשטאַנד און לאָגיק דערקלערט, אַז אין דעם דאָזיקן פאַל מיינט „ואברכה מברכיך" — געלט.

דיינע בענטשערס וואָס בענטשן דיר דערפאַר, וואָס דו האָסט פאַרלאָזן אַלצדינג און ביסט אַוועק צו דעם לאַנד וואָס האָט געהערט צו דיינע אָבות אבותיך, ביז צום פאָטער שם, אויפצושטעלן און אויפבויען אַן אייגן לאַנד פאַר זיך, „ולזרעך אחריך", און פאַר די דורות וואָס וועלן אַרויסקומען פון דיר, איז די בענטשונג פון די בענטשערס דאַרף זיין מיט געלט.

מיט ווערטער, מיט גוטע וואונטשן, מיט שיינע דרשות און באַנקעטן בויט מען נישט קיין היימען און נישט קיין לענדער.

געבענטשט וועט זיין יענער, וואָס וועט וויסן צו מאַכן פון זיין געלט אַ ברכה. נישט מאַכן אַ ברכה איבערן געלט, מען טאָר נישט מאַכן קיין ברכה איבער געלט, ווייל קיינער ווייסט נישט וואָס די שפע פון געלט וועט אים ברענגען.

דער גרעסטער חכם, שלמה המלך, האָט געזאָגט: „יש עושר שמור לבעליו לרעתו" — עס איז פאַראַן רייכטום וואָס ווערט אָפּגעהיט ביי זיין בעל־הבית פון זיין רעה וועגן.

יעדער בר־דעת דאַרף וויסן, אַז ג־ט האָט אים געבענטשט מיט געלט, און ער דאַרף מאַכן פון דעם געלט אַ בענטשונג.

הונדערטער יאָרן האָבן יידן געלעבט אַ לעבן פון אַ תרח. מען האָט געבענקט נאָך דעם אייגן לאַנד, געוויינט, געפאַסט, תפילה געטון מען זאָל

זוכה זיין צו קומען צוריק אין ארץ־ישראל, און מען איז געבליבן אין מיטן וועג.

אַ שלל מיט אינטעליגענץ, מיט ענערגיע, מיט מענטשלעכע קרבנות אויף פרעמדע מזבחות, אוצרות שווער פאַרהאָרעוועטע געלטער איז ביי אונדז צוגענומען געוואָרן און נאָכדעם האָט מען אונדז געזאָגט „לך לך" — גייט אייך פון דאַנען, נישט האָבנדיק וואו צו גיין.

און ווען עס איז געקומען די צייט ווען מיר האָבן שוין געוואוסט וואו צו גיין —צוריק מיט פערציק יאָר—, איז אונדז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אונ־דזער מקום איז דאָרט, וואו ס'איז געווען די ירושה פון שם. און וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך ג־ט צו אברהמען, שם'ס אור־אייניקל, האָבן מיר געהאַנדלט ווי תרח: מיר זענען געבליבן אין די פלעצער פון האַנדל־וואַנדל. און אַ קללה אָנשטאָט אַ ברכה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אַ העלפט פון יידישן פאָלק, אויף די מענטשן און אויף זייער געלט, — אבידות וואָס זענען גאָרנישט אָפּצושאַצן.

איצט, ווען טראָץ אַלעם, אַ דאַנק דעם קליין הייפעלע גיבורי־האומה, האָבן מיר, ברוך־השם, מדינת ישראל, מיט וועלכער מיר שטאָלצירן —און עס איז פאַראַן מיט וואָס צו שטאָלצירן—, און מיר שיקן איר, דער מדינה, איר מלוכה און איר באַפעלקערונג, די בעסטע ברכות, פאַרגעסן מיר דעם ריכטיקן טייטש פון רש"י:

„ואברכה בממון" — די ברכה איז געלט.

געלט; אָנזאַמלען געלט און נאָך געלט פראָסט לשם געלט, איז נישט קיין ברכה. אַ פאַקט איז, אַז אַזאַ איינעם באַטיטלט מען מיט אַ נאָמען פון אַ חיה, אויף וועלכער מען טאָר נישט מאַכן קיין ברכה און עס טאָר נישט אַריינקומען אין קיין יידישער שטוב.

יידיש געלט דאַרף מען כשרן, מען דאַרף עס יידישן.

דער יידישער געלט־באַזיצער האָט אַ מאָראַלישן חוב צו באַרעכטיקן זיין בעל־הבית ווערן איבער רייכטימער וואָס זענען אים איבעריק, וואָס זענען מער ווי זיינע באַדערפענישן, און ער ווייסט נישט וואָס פון זיין רייכ־טום וועט ווערן, ווען ער וועט שוין נישט זיין.

און באַרעכטיקן און כשרן קאָן ער נאָר מיט דעם, וואָס ער וועט אַ טייל פון דעם פאַראייביקן אויף אַ זאַך וואָס וועט בלייבן אייביק: פאַר עם־ישראל און מדינת־ישראל.

עס זענען געווען ביי יידן אין אַלטע צייטן געציילטע רייכע מענטשן, וואָס פלעגן כשרן און געבן כבוד זייער רייכטום דורך געבן צדקה, גרינדן און אויסהאַלטן תלמוד־תורהס, שפיטעלער, א. אַ. אָבער דאָס איז געווען אויף פרעמדער ערד, און צום גרוים באַדויערן איז פון דעם אַלעם גאָרנישט געבליבן. איצט, גליקלעכערווייז, אַז מיר האָבן, ברוך־השם, אונדזער מדינה

לעולם ועד, ווילט זיך אויסשרייען: „יידן! יידן! נעמט אַראָפּ די קללה פון אייער געלט און מאַכט פון דעם אַ ברכה, מיט וועלכע איר וועט זיין גע־בענטשט און מען וועט זיך בענטשן מיט אייך.

דער געלט־ייד וואָס גיט נישט, אָדער גיט ווייניקער וויפל ער קאָן פאַר בנין־הארץ, איז אויסער דעם וואָס ער איז זיך אַליין מבזה, אַלע טייטלען אויף אים מיט די פינגער, ברענגט ער שאָדן מיט זיין שלעכטן ביישפיל.

אין קעגנטייל, די וואָס גיבן לויט זייערע מעגלעכקייטן, בסבר פנים יפות, איז עס אַ כבוד און אַ ברכה פאַר אים און פאַר דער מדינה.

איז עס נישט קיין בזיון וואָס דער פאַראייניקטער קאַמפּיין דאַרף דריי הונדערט פינף און זעכציק טעג אין יאָר קלאַפּן טרעוואָגע, מאָנען און דער־מאָנען יידן אַז זיי זענען יידן, אַז מדינת ישראל איז אַליין, איינע אַליין אין איר וועג צוריק צו זיך, און אַז די איינציקע וואָס מוזן און דאַרפן האָבן מדינת ישראל ווי לופט צום אָטעמען, זענען מיר, מיר יידן, וואָס זיצן אין גלות?

לופט צו אָטעמען האָט נישט קיין פּרייז; דאָס איז רעטונג, דאָס איז היות, לעבן.

האָבן עסקנים פון קרן קימת לישראל גענומען אויף זיך אויסצולייזן דעם באָדן פון „נס הרים", וואָס איז אין גאַרטל פון ירושלים, וואָס מוז באַ־זעצט ווערן, באַוואַלדעט ווערן, קולטיווירט ווערן, וואָס איז נויטיק פאַרן שוץ פון ירושלים, מחמת כמה וכמה טעמים. און די עסקנים האָבן פאַר־נאַכלעסיקט ביז איצט זייער צוזאָג.

מיר שטרייכן אונטער, אַז אין דעם פאַל פאַלט די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט אויף די עסקנים.

אברהם אָבינו, ווען ער איז צוגעקומען צו ירושלים, האָט ער געכשרט זיין פאַרמעגן מיט געבן דעם כהן צדק מעשר, — „ויתן לו מעשר בכל".

„ואברכה מברכיך" — לאָמיר ברענגען ברכה אין אונדזערע פאַר־מעגנס, לאָמיר פאַרגרעסערן די ברכה־תרומה פאַר מדינת־ישראל, און דאַן וועט מקויים ווערן „והיה ברכה, ונברכה בך כל משפחות האדמה" — מיר וועלן זיין אַ ברכה פאַר זיך און פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, מיט עם־ישראל און מדינת־ישראל.

וַיֵּרָא

„וירא אליו ה׳” — און ג־ט האָט זיך באַוויזן צו אים.

וואָס עפּעס פּלוצלינג האָט ג־ט זיך באַוויזן צו אים, צו אברהמען?

לערנען מיר די ווייטערדיקע פּסוקים, געפינען מיר אין זיי אַ דערקלע־רונג מיט אַ טיפן מוסר־השכל, וואָס איז כדאי אַז יעדער ייד זאָל זיך עס אַרייננעמען אין זינען.

דערציילן אונדז די פּסוקים:

„והוא ישב פתח האהל כחם היום” — ער איז געזעסן ביים טיר פון זיין געצעלט, טראָץ דער שטאַרקער היץ פון טאָג. די זון האָט יענעם טאָג געהיצט מיט איר גאַנצער ברענקראַפט. ווען, נאַטירלעכערווייז, אין אַזעל־כע הייסע טעג, מיידט מען אויס צו גיין אין גאַס און מען זוכט צו באַהאַלטן זיך אינעווייניק אין געצעלט, זיך צושיצן פון דער זון.

אברהם איז שוין דאַן אַלט געווען הונדערט יאָר, און לויט עס דערציילט די אַגדה, איז ער יענעם טאָג געווען נישט ביים בעסטן געזונט און וואָלט געדאַרפט האָבן רו, נאָר אברהם האָט נישט געקענט פאַרשפּאַרן זיך אַליין אין שטוב און לעבן נאָר פאַר זיך אַליין — אַפילו קיין איין טאָג נישט.

זיצנדיק ביי דער טיר פון געצעלט, האָט ער דערזען פון ווייטן דריי מענטשן; אַ גאַנצע דעלעגאַציע קומט.

בנוהג שעולם, ווי עס פירט זיך, ווען די היץ איז אַזאַ שטאַרקע און דערצו איז מען נאָך אַ קאַפּעטשקע נישט געזונט און מ׳דערזעט קומען אַ משולחת, לאָזט מען אַראָפּ די אויגן, מען מאַכט זיך נישט־זעענדיק, מען גייט אַריין אין שטוב און מ׳שיקט אַרויס עמיצן פון די בני־בית צי די דינסט, זיי זאָלן זאָגן אַז דער „סעניאָר” קען נישט אויפנעמען, אָדער אַז ער איז נישטאָ אין דער היים. אין בעסטן פאַל, קומען זיי אַריין אין שטוב און די פרוי אַנטשולדיקט זיך און בעט מען זאָל קומען אַ צווייט מאָל, אָבער מ׳זאָל פריער אָנקלינגען דורכן טעלעפאָן.

אָבער, ווי האָט געטון אונדזער פאָטער אברהם? נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז טאַקע באמת געווען נישט געזונט —לויט ווי די לעגענדע

דערציילט, איז עס פאַרגעקומען דעם דריטן טאָג נאָכדעם ווי ער האָט זיך מל געווען— „וישא עיניו", אָנשטאָט אַראָפּצולאָזן די אויגן און זיך מאַכן נישט זעענדיק, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן— „וירא וירץ לקראתם", — ווי נאָר ער האָט דערזען די דריי מענטשן, איז ער געלאָפן זיי אַנטקעגן מקבל-פנים זיין, און מיט דער גרעסטער העפלעכקייט האָט אברהם איינגעלאַדן די אומבאַקאַנטע גייערס, זיי זאָלן זיין אַזוי פריינטלעך און אים מכבד זיין מיט זייער וויזיט.

אַז דריי מענטשן גייען אין אַזאַ היץ, גייען זיי דאָך מסתמא נישט וועגן קיין פּערזענלעכן ענין; זיכער האַנדלט זיך עס וועגן אַ וויכטיקער שליחות לטובת הכלל. איז דאָך ער, אברהם, אין כלל.

אָט האָבן מיר דאָך געהאַט אַ ביישפּיל אין אונדזערע צייטן — איינשטיין, דער שטאָלץ פונעם דור און פון אַ סך דורות, האָט געמוזט אַנטלויפן כדי צו ראַטעווען זיין לעבן; פאַר איין ראָטשילד האָט די משפּחה באַצאָלט אַ פּאָר צענדליק מיליאָן דאָלאַר דעם גרעסטן שונא פון יידן, אויסלייז-געלט.

ווען אונדזערע וויסנשאַפטלייט און אונדזערע גרויסע מאַגנאַטן, וואָס פאַרמאָגן פיל רייכטימער, מער ווי אַ מענטש קאָן פאַרניצן אַפילו לעבנדיק אין לוקסוס, וואָלטן געדענקט, אַז זיי זענען איינצלנע פון כלל-ישראל —און וואָס עס פּאַסירט מיט כלל-ישראל, פּאַסירט מיט רב-ישראל: היינט דיר און מאָרגן אַ צווייטן, אַז אַלע זענען אונטערגעוואָרפן דעם זעלבן שיקזאַל, און אַז פאַרהיטן זיך פון אַ צרה איז שענער, קאָסט ביליקער, איז ערנהאַפטיקער און אָנשטענדיקער ווי אַנטלויפן פון אַ צרה— וואָלטן מיר דאָך געקענט האָבן צוגעגרייט אַ מקום-מקלט אין ישראל באַצייטנס דורכן קרן קימת, קרן היסוד, וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן א"אַ. עס וואָלט געווען אַ רעטונג פאַרן כלל-ישראל, צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען הלל צייטלינס, שמעון דובנאָווס, טויזנטער און טויזנטער בעלי-תורה און עשירים-אַדירים, און צוזאַמען מיט זיי — מיליאָנען ברידער און שוועסטער.

לאָמיר לערנען די פּרשה.

אונדזער פאָטער אברהם איז געלאָפן די שליחים אַנטקעגן און האָט זיי גערופן אין זיין געצעלט.

— איר וועט מיר גאָרנישט באַלעסטיקן —האָט ער געזאָגט צו די מענטשן.— „יקח נא מעט מים", — מען וועט ברענגען אַ ביסל וואַסער און איר וועט זיך אַרומוואַשן און זיך אָפּקילן פון דער היץ, „ואקחה פת להם"— און איך וועל ברענגען אַ שטיקל ברויט, איר זאָלט אונטערלענען אייער האַרץ.

נאָר אַ ביסל וואַסער און אַ שטיקל ברויט האָט זיי אברהם אָנגעבאָטן; אָבער ווי נאָר די שליחים האָבן מסכים געווען צו אברהמס „פאַרלאַנג", — „וימהר אברהם האהלה אל שרה", האָט אברהם געאיילט אין געצעלט צו שרהן זיין ווייב און האָט איר געזאָגט: — אייל זיך, גרייט-צו מעל און

באַק אָפּ קוכנס. און ער אַליין איז אַוועקגעלאָפן. יאָ, ער איז געלאָפן, און זיין ווייב שרה האָט זיך געאײַלט, ווייל שליחים טאָר מען נישט אויפהאַלטן קיין איבעריקע צייט, וואָרום זיי האָבן דאָך זיכער נאָך צו טון וויכטיקע אַרבעט אויף ערגעץ אַנדערש.

איז ער געלאָפן, אברהם, און האָט גענומען „בן בקר רך וטוב", — אַ יונגע קאַלב, אַ ווייכע און אַ פעטע, האָט עס צוגעגרייט אויף גיך און געגעבן צו עסן די געסט. דאָס הייסט, אַז אברהם האָט געגעבן פיל מער ווי די דריי מענטשן האָבן פון אים פאַרלאַנגט.

ווען אברהם האָט זיי אָנגעבאָטן ברויט מיט וואַסער, האָבן די דריי געסט געזאָגט: „עשה כן כאשר דברת" — טו ווי דו האָסט געזאָגט, דאָס הייסט, אַז זיי פאַרלאַנגען נישט קיין ספּעציעלע כיבודים, קיין עקסטרע ווע־טשערעס, קיין באַנקעטן. אָבער אברהם און שרה האָבן געוווּסט פון דער מידה־טובה „אמור מעט ועשה הרבה" — צו זאָגן ווייניק און טון מער, נישט חס וחלילה, פאַרקערט — אַ סך ריידן און ווייניק טון.

אָט אין אַזאַ היים, ביי אַזאַ פּירונג, וואו מאַן און פרוי, ביידע, פירן אַ לעבן מיט אָפענע טירן און וואַרטן נישט מען זאָל אָנקלאַפּן עטלעכע מאָל אין טיר, נאָר זיי זענען שטענדיק גרייט ביי דער טיר און נעמען אויף מענ־טשן בסבר פנים יפות, נישט מיט פאַרזויערטע פּנימער און נישט מיט קיין סך רייד, נאָר מיט מעשים, דערפילן מיטן חוב אַלס מענטש און אַלס ייד, — צו אַזעלכע באַווייזט זיך ג־ט, און די געטלעכקייט איז שטענדיק מיט זיי. דער גוטער גייסט באַהערשט זיי שטענדיק.

* * *

„וירא אליו ד'", און ג־ט האָט זיך באַוויזן צו אים. צו וועמען? — דער פּסוק דערמאָנט נישט קיין נאָמען.

„וירא וירץ לקראתם", — און ער האָט געזען און איז געלאָפן זיי אַנט־קעגן. ווער האָט געזען? ווער איז געלאָפן? ערשט ווען די אורחים זענען שוין געווען אין שטוב, ווערט געזאָגט „וימהר אברהם" — אברהם האָט זיך געאײַלט, און מיר ווייסן ווער עס איז געווען דער מכנים־אורח, אָבער פריער זאָגט זיך סתם, אין אַבסטראַקט, ע ר האָט געזען, ע ר איז געלאָפן, — ווער?

דאָס באַווייזט אונדז, אַז מען דאַרף נישט קיין נעמען. יעדער ייד קאָן דערגרייכן, אַז די געטלעכקייט זאָל זיך באַווייזן צו אים; יעדער ייד — מאַן און פרוי — קענען פירן אַ לעבנסשטייגער, וואו אַ העכערער גייסט זאָל הערשן אין זייער היים, זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן נאָכפרעגן אויף ג־ט. און ווען פרעגט מען זיך נאָך אויף ג־ט? באַהיט זאָל מען זיין — אין אַ צייט ווען עפּעס דריקט, ווען עס קומט אַ צרה, נאָר ג־ט זאָל שטענדיק זיין מיט זיי.

יעדער מאַן קען זיין אַן אברהם, יעדע פרוי — אַ שרה; יעדע משפחה קען ווערן אַ בענטשונג, אַנדערע זאָלן זיך בענטשן מיט איר.

איז דען דער אויפקום פון מדינת־ישראל נישט קיין געטלעכע דערגריי־כונג? איז דען די שאַפונג פון דער מדינה נישט פול מיט ניסים?

ד"ר חיים ווייצמאַן ז"ל, איינער פון די אברהמס פון אונדזער צייט, דער מאָדערנער וויסנשאַפטמאַן, האָט געזאָגט, אַז דער וואָס גלויבט נישט אין קיין ניסים, איז נישט קיין פּראַקטישער מענטש.

בענטשן זיך דען נישט טויזנטער טאַטעס און מאַמעס מיטן נשיא יצחק בן־צבי, ירום הודו? מיטן ראש־הממשלה דוד בן־גוריון, מיט גאָלדע מאיר, מיט הרב הערצאָג, מיט יוסף שפּרינצאַק, מיט נחום גאָלדמאַן און נאָך אַזעל־כע, נאָר דערפאַר, ווייל — „וירא וירץ לקראתם", זיי האָבן געזען און זענען געלאָפן און לויפן אַנטקעגן דעם שיקזאַל?... זיי זעען זייערע ברידער און שוועסטער פון דערווייטן, לויפן זיי אַנטקעגן, זאָגן־צו ברויט מיט וואַסער, נאָר אַז מ'איז שוין אין געצעלט —אין מדינת־ישראל— האָט מען מיט דער צייט, צום ברויט מיט וואַסער, אויך אַלע אַנדערע באַוועמלעכקייטן, און דער יידיש־נאַציאָנאַלער גייסט, וואָס איז אַ חלק פון העכערן גייסטיקן לעבן, באַ־לעבט, דערפרייט, דערהויבט דעם זין פון לעבן — אַן אייגן ישראל־לעבן.

יעדער מאַן און פרוי קענען זיין אַן אברהם און אַ שרה, צו וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרן „ולזרעך אתן את הארץ הזאת" — צו דיינע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד.

גליקלעכערווייז שטייען מיר איצט דערביי.
קינדער, קינדער, גייט נעמט דאָס לאַנד!
ארץ־ישראל זאָל ווערן איין גאַנצע זאַך!

הונדערטער יאָרן איז מען געווען צעשיידט — ארץ באַזונדער און ישראל באַזונדער. איצט זענען ארץ און ישראל ווידער אַמאָל באַהעפט. קינדער פון אברהם און שרה — גייט און נעמט ארץ־ישראל!

* * *

די דריי שליחים, פון איצט און ווייטער וועלן מיר זיי רופן: שליחים, האָבן געגעסן אַ גוט־צוגעגרייטן, געשמאַקן עסן. זיצנדיק אונטער אַ בוים, וואו די לופט איז געווען פריש און אין שאָטן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אַזוי צוגרייטן אַ טיש מיט קאָמפאָרט און אויפמערקזאַמקייט, מיט דער פּו־לער האַנט און מיט גוטהאַרציקייט, קען נאָר די פרוי, די ווירטן פון הויז. האָבן די שליחים געפרעגט ביי אברהמען: „איה שרה אשתך?" — וואו איז דיין ווייב שרה? און אברהם האָט זיי געענטפערט: „הנה באהל" — זי איז דאָרט, אין געצעלט.

איינער פון די דריי איז געשיקט געוואָרן פון ג־ט, אָנצוזאָגן אברהמען, אַז שרה וועט געבוירן אַ זון. לויט די מפרשים, זענען עס געווען מלאכים — מלאך, אין העברעאיש, איז דער טייטש שליח. געשיקטע מיט אַ געוויסער מיסיע — איז דאָך אייגנטלעך אַ פראַגע, פאַרוואָס האָט דער מלאך נישט דערפילט באַלד, גלייך ווי ער האָט געזען אברהמען, מיט זיין שליחות איבערצוגעבן די גוטע בשורה שרהן? פאַרוואָס האָט ער געוואַרט ביז נאָך דער גאַנצער צערעמאָניע און מטריח געווען אַזוי פיל די פאָר אַלטע לייט, און די מלאכים האָבן זיך געמאַכט ווי זיי עסן, מלאכים עסן דאָך נישט!

נאָר דער מלאך, ווען ער האָט דערזען דאָס אַלטע פּאָר, איז געבליבן אין ספק. ווי איז דאָס מעגלעך, עס איז דאָך קעגן דער נאַטור, קעגן ג־טס איינשטעלונג, אַז אַ פרוי זאָל האָבן קינדער נאָך אַ געוויסן עלטער? און שרה איז שוין אַלט צוויי מאָל אַזוי פיל. האָט דער מלאך אָפּגעוואַרט, ער האָט געוואָלט זען, ווער איז זי דאָס, די אַלטע פרוי, וואָס פאַר אַ זכות האָט זי, די דאָזיקע פרוי, אַז צוליב איר איז ג־ט משנה די אָרדענונג וואָס ער אַליין האָט באַשטימט. האָט ער געוואַרט, און ווען ער האָט געזען וואָס פאַראַ שיינע מידות דיביידע אַלטיטשקע האָבן, ווי אַזוי זיי נעמען אויף אורחים; די צניעות פון שרהן — זי אין געצעלט, זי זוכט זיך נישט אויסצופּיינען פאַר קיינעם, נישט מיט איר שיינקייט, נישט מיט איר רייכער באַפּוצונג, נישט מיט איר צירונג און נישט מיט איר בריהשאַפט, האָט דער מלאך באַגריפן דעם וואונדער וואָס ג־ט וויל טון. ווייל נאָך אַזאַ געבענטשטע פּאָרל איז נישט געווען צו געפינען ביי דער גאַנצער ג־טס באַשאַפונג, און נאָר פון אַזאַ פּאָרל קען אַרויסקומען אַ געטלעך פאָלק, וואָס זאָל טראָגן אין זיך ג־טס וואָרט; דאָס וואָרט פון אייביקייט, פון איינפלאַנצן קדושה אינעם מענטשן און דער פונק פון געטלעכקייט זאָל קיין מאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן.

און דאַן האָט דער מלאך אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, און שרה האָט געקוקט אויף זיך אַליין און האָט טאַקע געלאַכט.

* * *

דערפילט מיט דער שליחות, זענען די דריי שליחים אויפגעשטאַנען אַוועקצוגיין און געקוקט צו דער זייט פון סדום, און אברהם איז געגאַנגען מיט די מלאכים זיי צו באַגלייטן.

אברהם האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם שיינעם קבלת־פּנים וואָס ער האָט געמאַכט, נאָר ער האָט זיי נאָך באַגלייט, אַרויסווייזנדיק זיין צופרידנקייט מיט דעם וואָס ער האָט אין אַזאַ הייסן טאָג געקענט געבן אָפּרו די מענטשן. און ווען ג־ט האָט דערזען דעם ספּעציפישן שטריך פון גאַסט־

פריינטלעכקייט, האָט ער געזאָגט: „המכסה אני מאברהם״? — זאָל איך פאַרדעקן פון אברהמען וואָס איך וויל טון?

דער צווייטער מלאך איז געגאַנגען אין שליחות איבערצוקערן סדום.

פאַרוואָס האָט ג־ט געשיקט דיביידע מלאכים צוזאַמען? — נאָר טאַקע דערפאַר: דער מלאך זאָל זיך נישט וואונדערן אויף ג־טס דרכים. פאַרוואָס קומט אַזאַ הארבע שטראָף דער גאַנצער שטאָט סדום. נאָר אַז ער וועט זען פריער די אויפפירונג פון דער משפחה אברהם, וועט ער גיכער פאַרשטיין דעם אונטערשייד און וועט אָפּשאַצן די רשעות פון סדום.

און ג־ט דערציילט אברהמען וואָס ער דענקט צו טון מיט די מענטשן פון סדום. ג־ט אַליין האָט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל זיי פאַרטיידיקן; עמי־צער זאָל געפינען אַ זכות אויף זיי. און אברהם האָט עס געטון מיט אברה־מישן יושר פון לפנים משורת הדין.

און ג־ט, נעמענדיק אין באַטראַכט די אַלע זאַכן, זאָגט ער צו זיך אַליין: „ואברהם היו יהיה לגוי גדול״ — אברהם וועט דאָך ווערן אַ גרויס און מעכ־טיק פאָלק און אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן זיך בענטשן מיט אים.

„כי ידעתיו״ — ווייל איך האָב אים דערקענט, כדי ער זאָל באַפעלן זיינע קינדער און זיין הויז נאָך אים, אַז זיי זאָלן היטן דעם וועג פון ג־ט, צו טון רעכט און גערעכטיקייט, כדי ג־ט זאָל ברענגען אויף אברהמען וואָס ער האָט געזאָגט צו אים.

לאָמיר, אַלזאָ, ווערט זיין צו זיין די בני אברהם, יצחק ויעקב, און די אַלע ברכות וואָס ג־ט האָט זיי געגעבן זאָלן מקויים ווערן.

חַיֵּי שָׂרָה

„ויהיו חיי שרה" — און דאָס לעבן פון שרהן איז געווען הונדערט יאָר, און צוואַנציק יאָר, און זיבן יאָר.

יחוס שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער געזעלשאַפט. יידן, ווי נישט-יידן, שטאָלצירן מיט די פאַמיליע-מיטגלידער פון פריערדיקע דורות וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף אַ געוויסן געביט: אין וויסנשאַפט, אין העלדיש-קייט, אין קאַמף פאַר פרייהייט, אין גוטע מידות, אין געזעלשאַפטלעכע טע-טיקייטן א. אַ. וו.

ביי יידן האָט דאָס יחוס-בריוו געהאַט גאָר אַ גרויסע באַדייטונג, לויט ווי ס'ווערט אָנגעוויזן אין תנ"ך און אויך אין דינים און מינהגים פון שפּע-טערדיקע דורות. פאַראַן משפּחות אויך ביי אַנדערע פעלקער, וואָס היטן אָפּ זייער גענעאַלאָגישן אָפּשטאַם פון פיל דורות צוריק, און האַלטן עס ווי אַ רעליגיע.

די יחוסדיקע פאַמיליעס האָבן געהאַט, אָדער גענומען פאַר זיך ספּעציעלע פּריווילעגיעס: פלעגן פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין פּריוואַטן ציוויל-לעבן, סיי אין אָרגאַניזירטן שטייגער פון פאָלקס-לעבן, ווי אין דער מלוכה.

יחוס, אין שענערן זין פון וואָרט, דינט אַלס אָנרעגונג אָנצוהאַלטן דעם גוטן נאָמען, דעם פּרעסטיזש פון דער משפּחה, און צוימט צו האַלטן זיך ביי גוטער אויפפירונג, ביי גוטער דערציאונג. דעריבער דאַרף די דאָזיקע אי-בעראָל אָנגענומענע טראַדיציע פון יחוס-אָבות נישט מינדערגעשעצט ווערן.

נאָר אויב ביי אַלע פעלקער איז די גענעאַלאָגישע קייט אַן ענין בלויז פאַר געציילטע משפּחות, אָבער נישט פאַרן גאַנצן פאָלק, קאָן דאָס יידישע פאָלק זיין שטאָלץ מיט האָבן זיין יחוס-בריוו פון די ערשטע טאַטע-מאַמע, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען דער גאַנצער יידישער שטאַם — בני-ישראל, וואָס קלאַמערן זיך פעסט אין דער קולטור און מאָראַל וואָס טאַטע-מאַמע האָבן אָנגענומען ווי אַן אידעאָלאָגיע פון העכסטער מדרגה.

כמעט קיין איין פאָלק, אָדער גאָר אַ קליינע צאָל פון זיי קאָנען אָנווייזן ווער עס זענען געווען די ערשטע טאַטע-מאַמע זייערע; וואו ס'איז געשטאַ-

נען זייער וויגעלע, ווי מען האָט זיי גערופן, וועלכע זענען געווען זייערע אידעאָלאָגיעס, וועלכע גייסטיקע ירושות זיי האָבן איבערגעלאָזט פאַר דער מענטשהייט, און קיין איין פאָלק קאָן זאָגן, אַז זייער קולטור און מאָראַל פון איצט, איז אַ ירושה פון זייערע אורעלטערן. זיי האָבן געביטן געטער און צוזאַמען מיטן געטער-בייט האָבן זיי, מיט דער הילף פון שווערד און ביקס, אויך געביטן זייער לעבנסשטייגער. נאָר די בני-ישראל קענען מיט שטאָלץ זאָגן, אַז מיר האַלטן-אָן די גייסטיק פילאָזאָפישע ירושה פון אונדזער ערשטע טאַטע-מאַמע און זעצן איר פאָר, און וועלן בלייבן ביי איר ווי אַן אייביקע אומצעשטערבאַרע קראַפט, וואָס איז העכער פון שכל און געפיל. דערפאַר, ווייל דאָס איז דער לעבן פון פאָלק אַליין, די פאָלקס-נשמה וואָס איז מיט אומצעטיילבאַרע פעדים געבונדן מיטן פאָלקס-קערפּער, און ווייל אונדזער גייסטיקע ירושה איז אַזוי הויך, אַז ס'איז נישטאָ דער כוח וואָס זאָל זיך שטעלן העכער פון איר, און אַלע פּרואוון וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ביז היינט, צו דערנידעריקן די ירושה אונדזערע, האָט זיך נישט איינגעגעבן און וועלן זיך קיין מאָל נישט איינגעבן.

אונדזער יחוס ציט זיך פון אונדזער ערשטע טאַטע-מאַמע, וואָס האָבן געלעבט מיט אַן ערך 3.800 יאָר צוריק, גערופן האָט מען זיי אברהם און שרה.

און אָט ווייסט ווער זיי זענען געווען:

אונדזערע חכמים-מאָראַליסטן האָבן געזאָגט: „ווער עס האָט נישט קיין מיטלייד מיט מענטשן, איז נישט פון אברהם אָבינוס שטאַם".

„ווער עס האָט אַ גוט אויג", ד. ה., ער פאַרגינט יענעם, און „אַ נידעריקן געמיט", ד. ה., ער איז נישט קיין בעל-גאווה, „האַלט זיך נישט גרויס איבער קיינעם", און אַ „נידעריקן פאַרלאַנג", דאָס הייסט, ער פאַרלאַנגט נישט קיין לוקסוס, — אַזעלכער איז פון אברהם אָבינוס תלמידים.

מיט אַזאַ טאַטן, וואָס האָט געלאָזן אַ גייסטרייכע ירושה, מעג מען זיך יחסנען, בפרט אַז די מידות-טובות ווערן אָנגעהאַלטן ביי אברהם און שרהס קינדער ביז צום היינטיקן טאָג: רחמנות, קעגנזייטיקע הילף, באַשיידנקייט, זענען די כאַראַקטעריסטיק פון יידישן פאָלק.

און אויב אין לעצטן פונקט זינדיקן מיר אַביסל, און עס זענען פאַראַן טיילן פון אונדז, וואָס גייען אַריבער פון באַשיידנקייט צו איבערטריבנקייט, נעמט זיך עס פון אַן אינפעריאָריטעט-קאָמפּלעקס, וואָס באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק וויל מען אים איבערשרייען, אָדער פאַרדעקן מיט שרייעדיקן לוקסוס, וואָס איז אַ קאָנסעקווענץ פון גלות.

רייכטום איז אויך אַ יחוס, אָבער נאָר דאַן, ווען דאָס געלט געפינט זיך ביים מענטשן אין די הענט; הענט, וואָס קאָנען זיך באַוועגן און קענען זיך איינשאַפן די וועלט און י ע נ ע וועלט, וואָס קומט נאָכן לעבן, אָבער

נישט ווען די הענט ווערן פאַרהאַרטעוועט, פאַרגאַלדעוועט, און זיי באַוועגן זיך שווער צוליב די פאַרהאַרטעוועטע האַרץ-אַרטעריעס.

ווען ג־ט האָט באַפוילן אברהמען, ער זאָל אויסוואַנדערן פון זיין גע־בורטלאַנד און גיין צו דעם לאַנד, וואָס ער וועט אים שפּעטער וויַיזן, האָט אים ג־ט פאַרזיכערט אַז ער וועט אים מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק. „ואברכך, ואגדלה שמך, והיה ברכה" — איך וועל דיר בענטשן און גרויסן דיין נאָמען און וועסט זיין אַ בענטשונג.

רש"י זאָגט „ואברכך בממון" — איך וועל דיר בענטשן מיט געלט. יאָ, געלט איז אַ גוטער מיטל צו „ואגדלה שמך", צו מאַכן גרויס דיין נאָמען, נאָר ווען, ווען „והיה ברכה", אַז דו וועסט זיין אַ בענטשונג, אַז דו וועסט וויסן וואָס צו טון מיטן געלט און מענטשן וועלן זיך בענטשן מיט דיר; אַז פון דיין געלט וועלן געניסן אָרעמע, נויטבאַדערפטיקע, וועסט באַנוצן דאָס געלט פאַר געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן, וועסט העלפן אויפבויען דאָס לאַנד וואָס ג־ט האָט פאַרשפּראָכן צו אברהם און שרה, אַז דאָס לאַנד וועט זיין פאַר זייערע קינדער, קינדס־קינדער אויף אייביק — דאָס מיינט מען אונדז. אַז דו וועסט באַנוצן דיין געלט אויף אַזאַ אופן, אַז מענטשן וועלן דיר בענ־טשן, דעמאָלט „והיה ברכה", וועסטו ווערן אַ ברכה.

היטן געלט, ווי אַ מויז וואָס ליגט אויף אַ גאָלדענעם רענדל, אַזעלכע געלט איז נישט קיין ברכה. דער רייכער, וואָס פאַרגינט זיך אַלע לוקסוס; און ליידט פון אַ סופּעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, איז פיל ערגער ווי די, וואָס ליידן פון אַן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, ווייל די סופּעריאָריטעט־קראַנקייט איז שווערער אויסצוקורירן. ווי זאָגן די דאָקטוירים: עס שטאַרבן פיל מער מענטשן פון איבערעסן זיך, אַפילו מיט די בעסטע מאכלים, ווי די וואָס ליידן פון נישט־דערעסן.

* * *

און די מאַמע שרה!

די מאַמע שרה האָט געלעבט דריי צייטן, זיבן יאָר, צוואַנציק יאָר, הונדערט יאָר.

די ערשטע אַלס קינדערשע יאָרן, די צווייטע אַלס אַנטוויקלונגס־יאָרן, די דריטע אַלס מיטקעמפערין, אַלס אידעאָלאָגישע באַגלייטערין און לערע־רין פון אברהמס רעוואָלוציאָנערע אידעען.

אין די אַלע דורות וואָס ווערן אויסגערעכנט אין חומש, ווערן דער־מאָנט בלויז די נעמען פון די פאָטערס. ער האָט געלעבט אַזוי פיל יאָרן, געהאַט זין און טעכטער און ער איז געשטאָרבן. עס איז נישט דערמאָנט קיין איין פרוי וואָס איז געשטאָרבן. די מוטער שרה איז די ערשטע וואָס

ווערט פאַרצייכנט, אַז זי איז געשטאָרבן און אברהם האָט איר באַקלאָגט און באַוויינט.

די מאַמע שרה האָט געהאַט די זכיה, אַז ג־ט אַליין האָט געזאָגט אברהמען: „כל אשר תאמר אליך שרה, שמע בקולה" — אַלץ וואָס שרה זאָגט דיר, זאָלסטו זיך צוהערן צו איר. וואָרום אויף יצחקן וועלן גערופן ווערן דיינע קינדער. דיין שרה איז דאָך די מוטער פון יצחק, די מאַמע פון דעם ערשטן קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן אַלס ייד. און פון אים וועט אַרויסקומען דאָס יידישע פאָלק.

שרה איז די מאַמע פון אַ גאַנץ פאָלק!

מאַמע!

וואָס איז נאָך אַזוי ריין, ליב, טייער און האַרציק ווי אַ מאַמע.

די גרעסטע דיכטער האָבן געזונגען וואונדערבאַרע שירים צו דער ליבע פון פרוי צו מאַן, און פון מאַן צו פרוי. אונדזער שיר־השירים איז און וועט בלייבן דאָס פּראַכטפולסטע נשמה־אויסגוס פון ליבע פון צוויי יונגע לעבנס, אָבער קיין איין דיכטער האָט נאָך נישט געפונען די פּאַסיקע ווערטער אויס־צוזינגען די פאַרערונג, די ליבשאַפט, די געטריישאַפט פון אַ מאַמען.

עס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער זשעני, וואָס זאָל באַשרייבן די ווירקונג פון דער מאַמען אויף דער ציוויליזאַציע, אויף דער קולטור, אויף דער דערציאונג פון די נייע דורות, וואָס זי ברענגט אויף דער וועלט.

דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט אַ מאַמען און אַ טאַטן, וואָס צוריק מיט קאַרגע פיר טויזנט יאָר האָבן זיי אידעאיש רעוואָלוציאָנירט קעגן די הינטערשטעליקע אידעאָלאָגיעס פון יענער צייט, קעגן דאָס פיל־געטעריי, קעגן דעם מענטש־גאָט, קעגן דער ברוטאַלער מאַכט. זיי האָבן זיך געלאָזט וואַרפן אין פייער פאַר זייערע איבערצייגונגען, און האָבן געלערנט, אַז דער מענטש איז נישט קיין רויב־חיה; אַז דער מענטש דאַרף זיך דערהויבן ביז צו דערגרייכן די מעלות פון אַ העכער וועזן, פון אַ העכערע באַשעפעניש, צו אחדות הבורא.

די מאַמע שרה מיט איר מאַמע־אינסטינקט, האָט די ערשטע דערפילט, אַז יצחק און ישמעאל זענען צוויי עקסטרעמען; אַז ישמעאל, וואָס האָט געהאַט אַ מאַמען אַ מצרית, וואַקסט אַ פרא־אָדם און איז פונקט דער קעגנ־זאַץ פון יצחקן, און מען מוז אים דעריבער דערווייטערן.

דער טאַטע און די מאַמע, ביידע האָבן געלייגט די יסודות, פאַר אַ מער געדעכטערן צוזאַמענלעבן צווישן מענטשן און פעלקער. זיי האָבן געהאַלטן אָפן זייערע שטיבער פאַר יעדן דורכגייער, אָן אונטערשייד פון שבט צו שבט.

אברהם האָט געבעטן ביי ג־ט, און געזוכט אַרגומענטן אָפּצוראַטעווען אַפילו די רשעים פון סדום, און טראָץ דעם האָט מען זיי פיינט געהאַט; מען האָט זיי פיינט געהאַט פאַר זייער בעסערקייט. פאַר זייער אָפּגעזונדערט־

קיים; אָפּגעזונדערט, מחמת דעם גרויסן אונטערשייד אין דער מאָראַל, אין דער גאַנצער פילאָזאָפישער אַנשויאונג וועגן דער עקזיסטענץ פון קאָסמאָס, און אין דער אויפפאַסונג פון גערעכטיקייט פון מענטש צו מענטש.

און דערפאַר איז אברהם געווען דער ערשטער מאַן, וואָס האָט באַוויינט דעם טויט פון זיין פרוי. ער האָט געפילט דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס ער האָט מיטן טויט פון זיין חברטע, זיין מיטאַרבעטערין, זיין מיטקעמפּפערין פאַר אַ יידישער עוואָלוציע.

ער און זי, די איינציקע צוויי מענטשן וואָס האָבן דערקלערט אַ נייעם באַגריף איבער ג־ט און מענטש, וואָס איז געבויט אויף ריינעם אמת, צדק און יושר פאַר אַלע מענטשן, און דאָס יידישע פאָלק, די אויטענטישע נאָכפאָלגער, קעמפן שוין טויזנטער יאָרן פאַר דער דערהאַלטונג פון די דאָזיקע באַגריפן. אויך אונדז האָט מען פיינט דערפאַר. אָבער דער אמת איז מיט אונדז, און דער אמת מוז און וועט זיגן.

* * *

שטאָלץ זענען מיר מיט אונדזער יחוס, אָבער עס זענען פאַראַן זאַכן וואָס פאַרדריסן...

עס פאַרדריסט, פאַרוואָס די מאַמע שרה האָט אין אַ שוואַכן מאָמענט פאַרלוירן די געדולד און האָט אויסגעשדכנט אברהמען די מצרישע דינסט, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען ישמעאל, דער פּרא־אָדם, פון וועלכן מיר ליידן היינט צו טאָג, און ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך מיר וועלן דאַרפן ליידן.

עס פאַרדריסט, פאַרוואָס, ווען ג־ט האָט געזאָגט אברהמען אַז ער גיט אים דאָס גאַנצע לאַנד כנען אַלס אַ ירושה, האָט צו דער זעלבער צייט ג־ט מודיע געווען אברהמען, אַז „דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד וואָס איז נישט זייערס, און מען וועט זיי פאַרקנעכטן, און מען וועט זיי פייניקן פיר הונדערט יאָר", פאַרוואָס? „וואָרום די זינד פון די אמורים וועלן נישט זיין פאַרפולט ביז דעמאָלט", הייסט עס, אַז די זינדיקע אמורים איז געגעבן געוואָרן צייט צו זינדיקן נאָך 400 יאָר, און אברהמס קינדער, וואָס זענען זיכער אומשולדיק, ווייל זיי זענען דאָך נאָך נישט געבוירן געוואָרן, — זיי וועלן אַרבעטן און געפייניקט ווערן די אַלע יאָרן, היתכן?

פון קינדוווייז אָן פּלעגט מיר עקבערן אין מוח די פראַגע, ווי קומט עס וואָס אברהם האָט גאַרנישט רעאַגירט אויף דעם, פאַרוואָס האָט ער נישט געפרעגט: —ס'טייטש, רבונו־של־עולם, פאַרוואָס קומט מיינע קינדער זאָלן אַזאַ לאַנגע צייט ליידן צוליב פרעמדע זינד? ווי קומט עס וואָס דער אברהם, וואָס האָט געבעטן פאַר די רשעים פון סדום, זאָל איינגאַנצן פאַרשוויגן אַזאַ אומגערעכטיקייט קעגן זיינע אייגענע קינדער?

וואָס מער פאַרדריסלעך איז, וואָס דאָס זעלבע חזרט זיך איבער אין אַלע צייטן. מיר זענען דאָך לעבעדיקע עדות ווי די פעלקער הערשן מיט פאַרברעכן און פאַלשקייט. ווער עס רעגירט פאַרברעכעריש, מאָרדעט אומ־שולדיקע, דריקט אונטער מיליאָנען מענטשן און זאָגט „ניטשעוואָ", און ווער עס נאַרט, פאַרשווייגט די פאַרברעכנס, העלפט דירעקט און אומדי־רעקט צו פאַרברעכעריי, צו גניבה, גזילה און רציחה, און זייער גאַנצע הער־שאַפט איז געבויט אויף „בלאָף", אָבער „עס מאַכט ניקס" — און די בני־אברהם ווערן געיאָגט, געפּלאָגט און געפּייניקט שוין הונדערטער יאָרן, און די מאָס פון די זינדיקע ווערט נאָך אַלץ נישט פול — אוי, פאַרדריסט עס! אוי טוט עס וויי!

און אפשר האָט אברהם פאַרויסגעזען, אַז ווען זיינע קינדער וועלן לעבן פריי אין אַ פרעמד לאַנד, וועלן זיי זיך אַסימילירן און וועלן אינגאַנצן אונ־טערגיין. איז שוין בעסער, אַז זיי זאָלן צייטווייליק ליידן, וועלן זיי זיך האַלטן צוזאַמען און וועלן אויסשמידן אַן איינהייטלעכן לעבנסשטייגער, אין אַנקלאַנג שטענדיק מיט די מידות־טובות מיט וועלכע אברהם אָבינו האָט באַגרינדעט זיין פילאָזאָפיש לעבנס־שיטה.

מיר זעען, אַז די מאָס פון די זינד פון די פעלקער קעגן דער גאַנצער מענטשהייט בכלל און קעגן די בני־ישראל בפרט, איז שוין איבערפול. איז לאָמיר האָפן, אַז עס איז שוין געקומען די העכסטע צייט, אַז עם־ישראל און מדינת־ישראל זאָלן באמת ווערן באַפרייט, און שלום וועט הערשן אויף דער גאַנצער וועלט, במהרה בימינו. און די גאַנצע וועלט וועט אָפּשאַצן דאָס וואָס מיר האָבן אָפּגעהיט מיט כבוד, מיט קידוש־השם, מיט עקשנות און מיט גבורה — דעם יחוס פון בני־אברהם, יצחק ויעקב.

תּוֹלְדוֹת

געשיכטע האָט זיך איר אייגענעם דרך. ווייזט אויס, אַז ריכטיק איז די מיינונג פון די יעניקע וואָס האַלטן, אַז די געשיכטע רופט אַרויס דעם מענטש, און נישט דער מענטש מאַכט געשיכטע, און אויב עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס קענען באַטראַכט ווערן אַלס עפּאָכע-מאַכערס, מוז אָבער גענומען ווערן אין אַכט די סיבות, די אומשטענדן וואָס האָבן געגעבן די מעגלעכקייטן אָט דעם אויסגעצייכנטן מענטשן, ער זאָל ווערן דאָס וואָס ער איז. די רעדלעך וואָס דרייען און פאַרטיקן־אויס געשיכטע, באַוועגן זיך זייער לאַנגזאַם. נישט אומזיסט האָט געזאָגט דער משורר, אַז ביי ג־ט איז טויזנט יאָר ווי דער נעכטיקער טאָג.

מיר זעען צומאָל וואונדערלעכע, כמעט אומגלויבלעכע געשעענישן. מיר, מיט אונדזער איינפאַכן בליק, שרייבן עס צו צו דעם יעניקן, וואָס די השגחה האָט באַשטימט אַז ער זאָל פאַרענדיקן די דאָזיקע שליחות. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז די אויספאַרטיקונג פון דער גאַנצער זאַך, אָדער בעסער געזאָגט, די שטויסקראַפט וואָס האָט געבראַכט צו דעם אָדער יענעם רעזולטאַט, געקומען פון גאָר אַנדערע אַפילו קאָמפּליצירטע סיבות. געשעענישן וואָס ווייזן זיך אויס שלעכט, לאָזן זיך אויס צום גוטן, און דאָס וואָס אונדז דאַכט זיך אויס גוט, זענען די קאָנסעקווענצן נישט קיין גוטע.

די באַפרייאונג פון די יידן פון שקלאַפעריי דורך משה רבינו, איז דאָך איינע פון די וואונדערבאַרסטע געשעענישן אין דער היסטאָריע. אָבער ווען פרעה גיט נישט אַרויס די גזירה, אַז מען זאָל אַלע געבוירענע יידישע יינגלעך אַריינוואַרפן אין טייך נילוס; ווען פרעה וואָלט נישט באַנוצט אַזאַ גרויזאַמע, אַכזריותדיקע פאַראָרדענונג, וואָלט אפשר משה געבליבן נאָך איין שקלאַף צווישן זיינע ברידער שקלאַפן. נאָר אָט די גזירה פון פרעה, און די חכמה פון זיין מאַמען יוכבד, און די טאַקטישקייט פון זיין שוועסטער מרים, האָבן געבראַכט צו דעם, אַז משה האָט באַקומען אַ פּרינצלעכע דערציאונג פון זעלבסטשטענדיקייט, פון פירערשאַפט, קריגס-קונסט אאַ״וו., און האָבנדיק די אייגנשאַפטן פון צדק, חסד און יושר געירשנטע פון זיידן

אבֿרהם, איז ער אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם פּלאַץ וואָס די געשיכטע האָט פאַר אים צוגעגרייט — צו ווערן דער באַפרייער און לערער פון יידישן פאָלק.

* * *

שלמה המלך, דער גרעסטער חכם פון אַלע צייטן. די גרעסטע חכמה זיינע איז געווען, וואָס אין די פערציק יאָר וואָס ער האָט געקעניגט איז געווען שלום צווישן ישראל מיט אַלע שכנישע פעלקער. קיין איין מלך האָט נישט געלעבט מיט אַזאַ רחבות און לוקסוס ווי ער. אַלע מלכים האָבן אים געשיקט מתנות און ער האָט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל רייכטימער, אַז אין זיין צייט האָט זילבער און די טייערסטע געהילצן זיך ממש געוואַלגערט אין די גאַסן. אַלע קעניגלעכע הויפן האָבן געזוכט זיך משדך צו זיין מיט שלמהן. און ער האָט גענומען ווייבער וויפל און וועלכע ער האָט געוואָלט. אפשר איז עס געווען אַ דיפּלאָמאַטישער מיטל צו שלום. יאָ. אָבער דאָס צופיל רייכטום און די צופיל ווייבער, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט מיט זיין גרויס חכמה, האָט אים, דעם גרויסן חכם אַראָפּגעפירט פון וועג. און דער נביא האָט אים מודיע געווען, אַז זיין מלוכה וועט זיך שפּאַלטן, און זי האָט זיך טאַקע געשפּאָלטן, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז צען שבטים פון די בני־ישראל זענען פאַרלוירן געגאַנגען.

אין זיין צייט, האָבן יידן זיך געפרייט און שטאָלצירט מיט זייער מלך, דעם גרויסן חכם. נאָר די אונטערשטע שורה איז, אַז הלוואי וואָלט ער געווען אַ קלענערער חכם, העכסטנס נישט קיין גרעסערער חכם ווי זיין טאַטע דוד, וואָלט אפשר די יידישע מלוכה, דאָס יידישע פאָלק, דאָס יידישע לאַנד נישט געליטן אַזעלכע שרעקלעכע קאָנסעקווענצן, פון וועלכע מיר ליידן שוין איבער צוויי טויזנט יאָר.

שלמה המלך זעלבסט האָט אויף דער עלטער טאַקע אַליין געזאָגט: „זאָלסט נישט זיין צופיל צדיק און זאָלסט זיך נישט קליגן איבעריקס, זאָלסט נישט זיין צו־שלעכט און זאָלסט נישט זיין קיין נאַר". און „אַז עס איז פאַראַן עשירות, וואָס ווערט געהיט פון דעם אייגנטימער צו זיין שלעכטס".

* * *

אַן אומגליק האָט פּאַסירט דעם רייכסטן, שענסטן און גרעסטן בעל־צדקה; זיין בת־יחידה האָט זיך פאַרליבט אין אַן אָרעמען פּאַסטוך, וואָס האָט אַפילו נישט געקענט קיין צורת אַלף. דער פאָטער האָט אַרויסגעטריבן דער טאָכטער, און דאָס יונגע פאָר איז געבליבן אין דער גרעסטער נויט און

אָרעמקייט. דאָס יונגע ווייבל האָט געמוזט אָפּשניידן אירע שיינע צעפּ און זיי פאַרקויפט, כדי צו געבן דאָס געלט איר יונגן מאַן, וואָס איז שוין אַלט געווען פערציק יאָר, ער זאָל פאָרן לערנען. און פון דעם דאָזיקן פערציק־יאָריקן עם־הארץ איז אויסגעוואַקסן דער גרויסער תנא און פאָלקס־לערער, פּאַטריאָט און קעמפער פאַר פרייהייט — רבי עקיבא.

אַ טראַגעדיע, אַ נישט גלייכע, נישט צוגעפּאַסטע פאַרליבעניש האָט באַרייכערט דאָס יידישע וויסן, האָט געבראַכט נייע קוואַלן פון חכמה און תורה, האָט איינגעפלאַנצט אהבת־ישראל ביז צו קידוש־השם.

* * *

ד״ר הערצל האָט געלערנט און זיך דיפּלאָמירט אַלס יוריסט. אָבער ער פאַרלאָזט זיין פּראָפעסיע און ווערט אַ דיכטער, אַ פען־מענטש. דאָס פירט אים, אַז ער זאָל דאַרפן זיין אַ שטיקל צייט אין פּאַריז און זיך באַקאָנען גרינטלעך מיט דער וועלט־פּאָליטיק.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין פראַנקרייך אָפּגעשפּילט אַ שרעקלעכע דראַמע, וואָס האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג איבער דער גאַנצער וועלט. מען האָט באַשולדיקט אַ יידישן אָפיציר אין הויכפאַרראַט. שונאים האָבן עס אויפגעכאַפּט, און פון אַלע זייטן האָט מען געוואָרפן שמוץ און בלבולים אויף אַלע יידן. דעם יידישן אָפיציר האָט מען אין אַ טראַגיש־אומווירדיקער פאָרעם דעגראַדירט, מיט וועלכן יעדער ייד האָט מיטגעפילט און מיטגעליטן. גליקלעכערוויז האָבן זיך געפונען אַ האַלבער מנין מענטשן, וואָס האָבן געפאָדערט גערעכטיקייט, און דער אַנטיסעמיטישער בלבול איז אויפגעדעקט געוואָרן און די פעלשערס האָבן באַקומען זייער שטראָף.

ד״ר הערצל איז גראָד בייגעווען די דאָזיקע שרעקלעכע טראַגעדיע, און זיין גרויסע, איידעלע נשמה האָט זיך דערהויבן ביז צו דער העכסטער הויך און האָט דערזען, אַז נישט מיט פּראָטעסטן, נישט מיט מאַניפעסטאַציעס, נישט מיט פילאַנטראָפּיע, נישט מיט שתדלנות וועט דאָס יידישע פאָלק געהאָלפן ווערן, נאָר ער מוז נעמען זיין גורל אין די אייגענע הענט; אַז באַפרייאונג גיט מען נישט — דאָס מוז מען נעמען מיט אייגענע כוחות, מיט אייגענעם פאַרשטאַנד, מיט אייגענע קרבנות. און עס איז געבוירן געוואָרן דער פּאָליטישער ציוניזם, און מיר האָבן מדינת־ישראל.

וואָלטן מיר דאָס געהאַט, ווען ד״ר הערצל בלייבט ביי זיין פּראָפעסיע אַלס אַדוואָקאַט, אָדער ריכטער ערגעץ אין אַ שטאָט אין עסטרייך?

הונדערטער ביישפּילן אַזעלכע וואָלטן מיר געקאָנט ברענגען, נאָר איך גלויב, אַז מיט די אָנגעוויזענע איז גענוג.

אָט אַזוי דרייען זיך די רעדער פון דער געשיכטע און קאָמבינירן די זאַכן אַזוי פאַרטרעפלעך און ראַיעל.

* * *

איז וואָס האָט צו טון דאָס אַלץ געזאָגטע מיטן מוסר-השכל פון לינדזן? איז הערט.

עס איז אַ מעשה פון גאָר אַלטע צייטן מיט צוויי ברידער, אַ צווילינג. איינער איז געווען אַ יעגער, וואָס פלעגט אַרומלויפן איבער פעלדער און וועלדער און הרגענען חיות. פון געבוירנטאָג אָן איז ער געווען אַ רויטער, אַ פאַרוואַקסענער מיט האָר ווי אַ האלב-ווילדער, גערופן האָט מען אים עשו.

דער צווייטער איז געווען אַ שטוב-זיצער, אַ רואיקער, דער מוטערס ליבלינג. גערופן האָט מען אים יעקב.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען עשו איז געקומען פון געיעג, האָט ער דערזען ווי יעקב קאָכט אַ טאָפּ מיט רויטע לינדזן, און עשו האָט געזאָגט צו יעקבן: „הלעיטני נא מן האדם האדם הזה" — לאָז מיר אַ שלונג טון, איך בעט דיר, פון דעם רויטן, אָט דעם רויטן. דאָס האָט ער געמיינט זיך אַליין.

עשו איז נישט געווען הונגעריק, ער איז נאָר געווען מיד און געדאַרפט זיך אָפּרוען. „כי עיף אנכי", איך בין מיד —האָט ער געזאָגט. נאָר אַלס איינער וואָס האָט ליב צו זען אַלץ רויט, אַז ער האָט דערזען דאָס רויטע, האָט ער זיך נישט געקאָנט באַהערשן און האָט געבעטן דעם ברודער יעקב, ער זאָל אים לאָזן זיך אָנזופּן מיטן רויטן. עשו האָט נישט געבעטן די לינדזן, ער האָט געבעטן דאָס רויטע, וואָס האָט דעם אָנבליק פון בלוט.

און יעקב, קאָנענדיק גוט זיין ברודער עשו, האָט אים געזאָגט: פאַר־קויף מיר דיין בכורה. אין יענער צייט האָט דער בכור גענאָסן פון ספּעציע־לע פּריווילעגיעס. דער בכור איז געווען דער פּאַטריאַרכאַלישער פאַרטרע־טער פון דער משפּחה נאָכן פאָטער, אויסער דעם וואָס ער האָט באַקומען אַ גרעסערן חלק פון דער ירושה. דער בכור איז געווען דער כהן ביי גאָ־טעסדינסטן אאַ״וו. און עשו דער יעגער, דער בלוטדורשטיקער, איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ פּעסימיסטישער פילאָזאָף און געזאָגט: איך וועל דאָך סיי ווי שטאַרבן, איז צו וואָס דאַרף איך די בכורה, לאָמיר דערווייל אַריינ־כאַפּן וואָס עס לאָזט זיך כאַפּן. יעקב, נעם דיר די בכורה און גיב אַהער דאָס רויטע, זאָל דער רויטער זיך אָנטרינקען. און נישט נאָר האָט עשו פאַרקויפט די בכורה, נאָר ער האָט פאַרהאַסט די בכורה. וואָס גייט אָן עשון די פּאַטריאַרכאַלישע רעכטן, אים אינטערעסירט דער היינט, דער מאַטע־ריאַליסטישער באַלדיקער גענוס.

ביי עשון איז דאָס לעבן אַ טויטע זאַך. דאָס לעבן שטאַרבט ביי אים

אַפּ יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע סעקונדע וואָס גייט אַוועק, איז עס אָפּגע־שטאָרבן.

ביי יעקבן איז דאָס לעבן אַ לעבעדיקע זאַך. יעדער טאָג, יעדע שעה, שאַפט לעבן פאַרן טאָג און שעה וואָס קומט נאָכדעם. דער סוד פון לעבן ליגט אין שאַפן און בויען מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן.

מיט דער אַרבעט, מיטן עוסק זיין אין אַלץ וואָס דאָס לעבן פאָדערט פאַר זיך און פאַר דער מענטשהייט אין אַלגעמיין, ווערט מען אַ טייל פון דער אייביקייט, וואָס דער טויט קאָן עס נישט אָפּווישן.

יעקב זאָגט, אַז אַלץ וואָס ג־ט וועט אים געבן, וועט ער אָפּטיילן אַ צענטל פאַר גוטע געזעלשאַפטלעכע צוועקן. אָט דער צענטל גיט אינהאַלט, גייסטיקע צופרידנקייט און מאַכט לעבעדיק דאָס לעבן און אויך דאָס אָפּ־געלעבטע.

עשו און יעקב זענען נישט בלויז נעמען פון צוויי ברידער, נאָר דאָס זענען געוואָרן צוויי באַגריפן, צוויי לעבנס־אָנשויאונגען, צוויי ריכטליניעס, וואָס ציען זיך ביז צום היינטיקן טאָג.

עשוס נאָכפאָלגער זוכן די לינדזן און פאַרקויפן די בכורה. זיי פאַר־שאַכערן דעם יושר, די גערעכטיקייט פאַר אַ גרוב נאַפט און וויפל פאַראַכ־טונג, וויפל מינדערשעצונג, עשוס נאָכפאָלגער ווייזן דאָס אַרויס צו דער בכורה — צום מענטש, וואָס איז דאָס העכסטע אין דער וועלט־שאַפונג.

אַמאָל איז געשטאַנען איין דוד קעגן איין גלית; היינט שטייט איין דוד קעגן צוויי קאָלאָסאַלע, גרויסע, קרעפטיקע גליתן.

ישראל שטייט איצט איינע אַליין קעגן צוויי מעכטיקע גליתן. אָבער ישראל וועט די בכורה נישט פאַרקויפן, ווייל ווי עס איז שוין פיל מאָל גע־זאָגט געוואָרן: ישראל איז געקומען צום לעבן, נישט דערפאַר ווייל ישראל וויל האָבן בלויז אַן אייגן לאַנד, נאָר ווייל זי וויל שאַפן אַ בעסער לאַנד, געבויט אויף שלום־חברים, חברים שלום!

נאָר אויב מיר זענען נישט קיין פאַרקויפערס פון דער בכורה, זענען מיר אָבער קויפערס פון דער בכורה, און אַלס קויפערס האָט שוין יעקב באַ־וויזן, אַז ער האָט אַוועקגעגעבן דאָס עסן, אַוועקגעגעבן דעם ביסן פון מויל. זאָלן מיר אַלזאָ וויסן, אַז מיר מוזן האַלטן הויך די געקויפטע בכורה און מיר דאַרפן דערפאַר צאָלן וואָס מער און וואָס גיכער, כדי עס זאָל טאַקע זיין שלום־חברים, חברים שלום!

וַ יֵ צֵ א

„ויצא יעקב, און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר־שבע און געגאַנגען קיין חרן".

צוויי ברידער, אַ צווילינג זענען זיי געווען — יעקב און עשו, האָבן זיך געהאָדעוועט ביי רייכע עלטערן, ביים פאָטער יצחק און מוטער רבקה.

יצחק איז געווען זייער רייך. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע סטאַדעס שאָף און רינדער. אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען האָט ער מצליח געווען, וואָס ער האָט געזייט איז אים געראָטן; ער האָט געגראָבן ברינעמער אין נגב און געפונען וואַסער. מחמת קנאה, האָבן די פלישתים פאַרשטאָפּט די ברינעמער, אָנשטאָט נאָכצומאַכן דעם ביישפּיל און אויך גראָבן ברינעמער, האָבן די פלישתים אָנגעווענדעט די טאַקטיק פון „גם לי גם לך לא יהיה" — נישט מיר און נישט דיר.

די קנאה האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז דער קעניג אבימלך, ער אַליין פערזענלעך, האָט באַפוילן יצחקן: „גיי אַוועק פון אונדז, וואָרום דו ביסט פיל מעכטיקער פון אונדז".

אַגב, דאָס איז געווען דער ערשטער גירוש פון יידן. עס איז צו שטוי־נען, אַ גאַנצע לאַנד מיטן קעניג אין דער שפּיץ, האָבן זיך דערשראָקן פאַר איין־איינציקע יידישע משפּחה — מער יידישע משפּחות זענען דעמאָלט אין דער גאַנצער וועלט נישט געווען — בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען געווען פליי־סיק, אַרבעטזאַם און אָפּגעהיט זייער אייגענע קולטור.

דאָס איז נישט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז געווען פשוט דער־פאַר וואָס זיי האָבן קולטיווירט די נידעריקע אינסטינקטן. דאָס נידעריקע מיאוסע, אָבשיילעכע איז ביי זיי דערהויבן געוואָרן צו אַ קולט, צו וועלכן זיי האָבן געדינט. איך וועל זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, אויך איצט, איז נישט מער ווי א וואָרט צו פאַרדעקן די בעסטיאַלישע אינ־סטינקטן פון די מענטשן וואָס טראָגן אין זיך די ירושה פון יענע ווילדע צייטן, אין וועלכע הפקרות און תאוות זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס דאָ־מינירנדיקע גייסטער.

אונטערן אַנטיסעמיטיזם לאָזן זיי פריי די אָנגעזאַמלטע, צערייצטע היהשע בלוט. אויך איצט זענען מיר עדות פון געשעעניש, וואו מען פאַר־פּאָלגט יידן, כאָטש עס שעדיקט די אינטערעסן פון גאַנצן לאַנד. אַ ווילדע חיה טראַכט נישט פון שפּעטער.

* * *

די צוויי ברידער יעקב און עשו, זענען געווען פון צוויי קעגנגעזעצטע טעמפּעראַמענטן. עשו איז געווען גענייגט צו געיעג, טויטן חיות צום עסן, כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין נויטווענדיקייט צו דעם, זיי האָבן דאָך פאַרמאָגט אייגענע סטאַדעס פון שאָף, ציגן, בהמות, און האָט נישט גע־דאַרפט זוכן קיין פרעמדע; און יעקב איז געווען אַ שטילער מענטש, גע־זעסן אין דער היים און אָפּגעהיט די ווירטשאַפט.

עס האָט פּאַסירט אַן אומגליק אין דער פאַמיליע. יצחק איז בלינד גע־וואָרן, און ער האָט נישט געקענט זען די עובדות פון זיינע קינדער. עשו האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און האָט זיך געחנפעט צום בלינדן טאַטן מיט איבערגעטריבענער גוטסקייט, מיט צוגרייטן פאַר אים גוטע מאכלים, ביז יצחק איז פאַרנאַרט געוואָרן און האָט געוואָלט אַוועקגעבן אַלע ברכות עשון.

יאָ, מען דאַרף זיין גוט־זעענדיק, צו קענען אונטערשיידן פון חניפה ביז אויפריכטיקייט, פון אָפּאָרטוניזם ביז ערלעכקייט, פון אויסנוצעריי ביז ערנסטע גוטפריינטשאַפט.

די מוטער רבקה, האָט אָבער געזען די דרכים פון אירע ביידע קינדער, ווי עשו איז בלוטדורשטיק, טראָגט שטענדיק מיט זיך וואָפן, פייל און בויגן, און ווי ער נאַרט אָפּ דעם בלינדן טאַטן — האָט זי געוואָלט אויסמיידן דעם טעות פון איר מאַן יצחק, לויט דער יידישער עטיק „ולפני עור לא תתן מכשול" — פאַר אַ בלינדן זאָלסטו נישט לייגן קיין שטרויכלונג, און האָט דעריבער געמאַכט דורך אַ מריק, אַז די ערשטע ברכות זאָל באַקומען יעקב.

ווען עשו האָט זיך דערוואוסט פון דעם, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט דערהרגענען זיין ברודער יעקב. דאַן האָט רבקה דערציילט יצחקן ווער עשו איז, וואָס פאַראַ ווייבער ער האָט גענומען, אַז זי קאָן נישט אַריבערטראָגן זייער אויפפירונג. האָט יצחק געשיקט רופן יעקבן, האָט אים געבענטשט נאָך אַמאָל, און ביידע —דער טאַטע און די מאַמע— האָבן אים געראָטן ער זאָל אַוועקגיין אויף אַ שטיקל צייט קיין חרן, וואו עס געפינט זיך דער מאַ־מעס משפחה, מיטגעבנדיק אים רייכע מתנות פאַר די פריינט.

יעקב האָט געפאָלגט די עלטערן. אויפן וועג האָט אים אונטערגעיאָגט

אליפז, דער זון פון עשו, און אים געוואָלט טויטן, אָבער ער האָט זיך אויס־געקויפט מיט די מתנות וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך.

* * *

„און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר־שבע און איז געגאַנגען קיין חרן".

דער יעקב, דער געצערטלטער פון זיין מוטער, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט דערווייטערט פון זיין אייגענער היים, וואָס האָט נישט געוואוסט פון קיין זאָרגן, נישט געהאַט קיין נויטווענדיקייט צו טראַכטן וועגן לעבנס־פּראָבלעמען, וואָס האָט געפירט אַ רואיק, שטיל לעבן, האָט מיט אַ מאָל זיך דערזען איינער אַליין, עלנט, ווייט פון אַ ישוב, און אָט פאַרגייט די זון, עס ווערט פינצטער, איינער אַליין אין אַ מדבר. עס איז אים נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי צו בלייבן נעכטיקן דאָרט וואו ער איז. מיד פון גיין, האָט ער גענומען אַ שטיין, געלייגט עס צוקאָפּנס. אָבער אויף אַ האַרטן שטיין שלאָפט זיך נישט. האָט זיך אים געטראַכט איבער דעם מענטשנס גורל: אָט שטייגט ער ביז צום העכסטן שטאַפּל פון לייטער, און אָט גאָר, אומגעריכט, נידערט ער אַראָפּ ביז צום נידעריקסטן שטאַפּל; אָט איז ער נעכטן געווען אַ איש המעלה, אַ מענטש וואָס האָט געשטיגן אין רייכטום, אונטער די פליגל פון אַ גינציקער מאַמען און געלעבט רואיק און גליקלעך. ער האָט גאָר קיין מאָל נישט געטראַכט אַז עס קען אַנדערש זיין, אַז דאָס לעבן איז אַ גלגל החוזר, אַ ראָד וואָס דרייט זיך, און מיט אַמאָל איז ער געוואָרן אַ יורד. ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון דער היים, דערפאַר וואָס זיין ברודער איז אַן עשו. ער, יעקב, האָט אפשר מער רעכט אויף דעם פאַ־טערס אָנגעזאַמלטע רייכטימער, ווייל ער האָט אָפּגעהיט די ווירטשאַפט, געפאַשעט די סטאַדעס שאָף, און עשו איז אַרומגעלאָפן שיסן פייגלען און חיות. דאָך האָט ער געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און אַוועקגיין אין דער פרעמד, נאָר דערפאַר וואָס ער קאָן נישט און וויל נישט באַנוצן זיך מיט וואָפן אַלס אַ פאַרטיידיקונגס־מיטל. פיזישע גבורה באַזיצט ער אפשר מער ווי עשו, און אויב עשו סטראַשעט מיט הרגענען, וואָלט ער אים גע־קאָנט ענטפערן מיטן זעלבן נוסח. אָבער ער, יעקב, ווייסט דאָך וואָס ער האָט געלערנט ביי זיינע עלטערן און ביי שם ועבר: „לא תרצח" — מען טאָר נישט הרגענען.

טעלעכע און זעכציק יאָר איז יעקב אַלט געווען, ווען ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין היים און זיין לאַנד. ביז דאַן האָט ער קיינמאָל נישט גע־טראַכט, קיינמאָל נישט געחלומט איבער פּראָבלעמען וואָס זענען נוגע זיין פּערזאָן, נישט אין דער קעגנוואַרט און נישט וועגן דער צוקונפט. ער איז

געגאַנגען רואיק אין דעם לעבנסשטייגער פון זיידן אברהם און פאָטער יצחק. ער האָט זיך נישט געקימערט וועגן דער פאָרזעצונג פון דעם שטאַם, און האָט נישט געקלערט וועגן דער הבטחה אויפצושטעלן אַ גאַנץ פאָלק פון אברהמס און יצחקס קינדער, וואָס וועלן זיך האַלטן פעסט ביי זייער פילאָזאָפיע איבער דער העכערער מאַכט, וואָס שאַפט און פירט־אָן מיט דאָס געשאַפענע; אַז דער מענטש איז דער אויסדערוויילטער פון אַלע באַשעפענישן, צו דערפילן די העכערע גייסטיקע געבאָטן.

צו־רואיק, צו־מאַנאַטאָן האָט זיך געלעבט יעקבן. ער האָט נישט געהאַט קיין אורזאַך זיך צו ברעכן דעם מוח איבער זאַכן, וואָס ער האָט נישט געפילט קיין דרוק, וואָס זאָלן אים צווינגען צו טראַכטן איבער ענינים פון העכערן גייסטיקן פאַרנעם. ער האָט געלעבט אַ לעבן פון אַ פּרוש, אַליין מיט זיך. נאָר אָט איז געקומען אַזאַ ראַדיקאַלער איבערברוך אין זיין לעבן, וואָס האָט אים אויפגעטרייסלט. גאָר אומגעריכט האָט ער זיך געזען געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין היים, זיין געבורט־אָרט. דאָס האָט אים אַרויסגעצויגן פון זיין אַפּאַטישקייט, און עס האָט אים אָנגעהויבן עגבערן אין מוח די פראַגע פון „עולים ויורדים"; ווי אַזוי און פאַרוואָס איז ער דאָס געוואָרן אַ יורד? און פאַרטיפט אין זיינע רעיונות, האָט ער זיך דערמאָנט, ווי דורך אַ חלום, אָן דער הבטחה וואָס זיין זיידע און טאַטע האָבן באַקומען, אַז די ערד אויף וועלכע ער ליגט געהערט צו זיי און צו זייערע קינדער אויף אייביק. איז ער דאָך נישט אין דער פרעמד, ליגט ער דאָך אויף זיין אייגענער ערד, אויף זיינע אייגענע שטיינער, אונטער זיין אייגענעם הימל, און דער לייטער איז אָנגעשפאַרט אויף זיין צוקאָפּנס און גרייכט ביז זיין הימל. „וייקץ יעקב משנתו" — האָט זיך יעקב אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אַלץ אין אים האָט דערוואַכט, און האָט אויסגערופן מיט עקסטאַז: „אכן יש ד' במקום הזה" —עס איז דאָך פאַראַן ג־ט אין דעם דאָזיקן אָרט—, „ואנכי לא ידעתי" —און איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט. איך האָב אָפּגעלעבט זעכציק יאָר און האָב נישט באַגריפן די הייליקייט פון דאָזיקן אָרט. ערשט איצט, אַז איך דאַרף זיך שיידן צייטווייליק פון דעם מקום, פאַרשטיי איך די באַדייטונג פון דעם. אַלץ איז מיר ליב און טייער, אַפילו דער שטיין וואָס כ'האָב געהאַט צוקאָפּנס האָט באַקומען אַן אַנדער חשיבות. מיט בוימל באַגיס איך אים.

שווער, זייער שווער איז געווען יעקבן זיך צו שיידן מיט דער הבטחה־דיקער ערד, נאָר ס'איז נישטאָ קיין ברירה. איך מוז אַוועק, אַזוי האָבן טאַטע־מאַמע באַפוילן. אָבער איך טו אַ נדר, אַז ווען איך וועל זיך אומקערן בשלום אַהיים, און וועל האָבן ברויט צום עסן און אַ בגד אָנצוטון, וועל איך פון אָט דעם שטיין מאַכן אַ הויז פאַר ג־ט, און פון אַלץ וואָס ג־ט וועט מיר געבן, וועל איך געבן מעשר.

יעקב האָט דערוואַכט פון שלאָף. עס האָט זיך אין אים דערוועקט דער אמתער יעקב, און איז אַוועק מוטיק און געשטאַרקט, וויסנדיק אַז דאָס איז נאָר צייטווייליק.

לאָמיר פאַרשטיין די פּרשה חומש!

צוואַנציק יאָר איז יעקב געווען אין דער פרעמד. מיט פליים, אויס־דויער און אָנשטרענגונג; געליטן פון היץ, פון קעלט; געטריי געדינט זיין שווער לבן, און האָט אים רייך געמאַכט, און מיט זיין שפּאָרזאַמקייט האָט ער פון זיינע פאַרדינסטן אָנגעזאַמלט אייגענע סטאַדעס שאָף, רינדער, אייז־לען. מיט אַמאָל האָט יעקב דערהערט דאָס מורמלען פון זיינע שוואָגערס. אַז דאָס גאַנצע פאַרמעגנס זיינס פון צוואַנציק יאָר שווערער אַרבעט, גע־הערט זיי, און האָט דעריבער געמוזט נעמען זיין פאַמיליע מיטן גאַנצן פאַרמעגן און אַנטלויפן באַצייטנס צוריק אַהיים.

אַ שווערער צוריקקער איז דאָס געווען. לבן האָט אים נאָכגעיאָגט פון הינטן. עשו מיט אַ מחנה פון פיר הונדערט מענטשן זענען אַרויס אים אַנט־קעגן. ער האָט זיך געגרייט אויף יעדן פאַל, נישט צו לאָזן זיך איבעראַשן. נאָר פון הימל האָט מען אים געהאָלפן, און אין דער פינצטער, ביינאַכט, האָט ער אַריבערגעשיקט זיין גאַנצע משפּחה מיט דעם גאַנצן פאַרמעגן אויף דעם אַנדער זייט טייך, און געוואָלט גיין דורך אַן אַנדער וועג, כדי אויסצומיידן די באַגעגעניש מיט עשון. ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין אַלץ פאַרזאָרגט, און ער קאָן שוין זיין רואיק, פּלוצלינג האָט ער זיך געזען אַליין.

„ויותר יעקב לבדו”, יעקב איז איבערגעבליבן אַליין, „ויאבק איש עמו”, האָט זיך אַ מענטש געראַנגלט מיט אים אַ גאַנצע נאַכט, כדי ער זאָל נישט קענען אַנטלויפן פון עשון. יעקב האָט באַקומען אַ ווייטיקלעכן קלאַפּ פון דעם אומבאַקאַנטן מאַן, אָבער ער האָט אים באַזיגט. און דער אָנגרייפער האָט זיך געבעטן ביי יעקבן ער זאָל אים אָפּלאָזן. ווייל עס איז שוין געוואָרן ליכטיק, און ער וויל נישט מען זאָל דערקענען ווער ער איז.

* * *

אַט די אַלטע פּרשה חומש איז שטענדיק ניי. קומען די אברהמס, די יצחקס אין נייע לענדער, אַרבעטן פלייסיק, מאַכן פּראָגרעס פאַרן לאַנד און פאַר זיך, בויען, פלאַנצן, פּראָדוצירן, שטודירן די פאַרשידנסטע וויסנשאַפטן און דערציען דורות. פּלוצלינג זאָגט מען זיי — פאַרנעמט זיך! און מען טוט זיי אַ טובה, ווען מען לאָזט זיי מיטנעמען די נשמה. נעכטן, האָט מען די זעלבע צוגעטיילט כיבודים, אַלס גרויסע פּאַטריאָטן, און מאָרגן, פאַר־טרייבט מען זיי ווי פּאַראַזיטן.

דער צווייטער, דריטער דור. די יעקבס לעבן זיך אַזוי רואיק, צופרידן; זיי זענען דאָך בירגער מיט אַלע בירגער צוגלייך, אויסגעבויט פּאַלאַצן גלייך מיט אַנדערע, באָדן זיך אין די זעלבע וואַסערן, שפּילן מיט ענטוזיאַזם אין די זעלבע שפּילהייזער, פּאַלן מיט גאַרנישט אַרונטער אין ענין לוקסוס קעגן אַנדערע, און מיט אַמאָל זוכן זיך אָפּ די עשוס און זאָגן: —יאַנקל, פּאַרנעם זיך פון דאַנען. און מען טאָר זיך לאַנג נישט לאָזן בעטן, ווייל דאָס לעבן איז אין סכנה. אַזוי רעדט מען און מען טוט אין איראַק, אין תימן, אין מאַראָקאָ א״אַ. יאַנקל מוז איבערלאָזן האָק-און-פּאָק און גיין.

יאַנקל, הונדערטער טויזנטער יאַנקעלעך דערמאָנען זיך, אַז זיי האָבן אַן אַלטע היים, אַ פאַרשפּראָכענע פון ג־ט, און אַלע אומות האָבן געגעבן זייער הסכמה, אַז די אַלטע היים געהערט יאַנקעלען. זוכן זיך באַלד אָפּ די לבנס, די עשוס און באַפאַלן די יאַנקעלעך, און ווען טראָץ אַלעמען, טראָץ דעם שטאַרקן קלאַפּ, באַזיגן די יאַנקעלעך די אַלע זעבאַרע און נישט זעבאַרע שונאים, און אָנערקענענדיק יאַנקעלעס שטאַנדהאַפטיקייט, גבורה און גערעכטיקייט, יאָוועןזיך אַרויס מענער, גויים, וואָס רופן זיך „יידן״, און ווילן רייסן שטיקער פון דער קליינער, אַלטער היים יאַנקעלעס, און עס איז נישטאָ צו וועמען צו שרייען, צו וועמען צו ריידן, ביי וועמען צו פאָדערן גערעכטיקייט.

„ויותר יעקב לבדו״ — מיר זענען אַליין, איינער אַליין.

און אפשר איז בעסער אַזוי, וואָס מיר זענען אָפּהענגיק פון אונדז אַליין. מיר האָבן אין אונדזער געשיכטע פאַקטן, אַז ווען מיר האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף צו פרעמדע, האָט עס אונדז זייער טייער געקאָסט. דער יום-טוב חנוכה דערציילט אונדז פיל פון דעם. און די דינאַסטיע פון די חשמונאים, די מכביער, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט פרעמדע הילף פון די רוימער, האָט דערפירט צום צווייטן אכזריותדיקן חורבן.

מיר זענען אַליין! דאָס מוז איצט יעדער ייד געדענקען. מיר מוזן זיך ראַנגלען מיט אייגענע כוחות. „איש לרעהו יאמר חזק״ — איינער דעם צווייטן דאַרף מוטיקן און ווירקן, אַז די הילף וואָס מדינת-ישראל פאַרלאַנגט פון אונדז זאָל געקרוינט ווערן מיטן גרעסטן דערפאָלג. זאָלן מיר געדענקען די ווערטער פון יעקב: אַבי ער וועט האָבן ברויט צום עסן און אַ בגד אָנצוטון, וועט ער פון זיין פאַרמעגן געבן מעשר; און דאַן וועלן מיר זיין זיכער, אַז מיר וועלן בעזרת השם באַזיגן אונדזערע שונאים דורך אונדזער פאָדערונג צו שלום, און אַלע וועלן מוזן מסכים זיין „כי אם ישראל יהיה שמך״ — דער נאָמען ישראל וועט גלאַנצן מיט כבוד און גדולה.

וַיִשְׁלַח

דער חומש איז דער „א״ און דער „ת״ פון אונדזער קולטור, פון אונדזער מאָראַל. דער חומש איז דער מורה-דרך, דער ליכטיקער וועגווייזער פון גוטער אויפפירונג פאַרן יחיד, ווי פאַרן פאָלק, פאַר אַלע קלאַסן און שיכטן, פון קעניג ביז צום פשוטן בירגער, פון האַר ביז צום דינער, פון אַרבעטסטעג ביז שבת און יום-טוב, פון אַרבעט-געבער ביז צום אַרבעט-נעמער, פאַר אַלע צייטן און אַלע דורות.

נישט אומזיסט האָבן אונדזערע פאָלקס-לערער געעצהט, אַז מען זאָל יעדע וואָך לייענען די געהעריקע פרשה, צוויי מאָל אין טעקסט —אין חומש, און איין מאָל תרגום, דאָס הייסט, די איבערזעצונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין יענער צייט דורך אונקלוס הגר אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, וואָס איז דעמאָלט —אין דעם ערשטן יאָרהונדערט פון אונדזער צייט-רעכענונג, גערעדט געוואָרן צווישן פאָלק.

אונדזערע איצטיקע גייסטיקע מנהיגים ראַטן, אַז יעדער ייד זאָל לערנען יעדן טאָג „תנ״ך״.

תנ״כ, זענען די ערשטע אותיות פון: תורה, נביאים, כתובים, אַזוי, אַז דאָס ערשטע גייט תורה — חומש.

עס איז פאַראַן אַ מאמר חז״ל: „אמר רב אדא בר׳ חנינא, אלמלא חטאו ישראל לא נתן להם אלא חמשה חומשי תורה וספר יהושע בלבד״, — ווען יידן וואָלטן נישט געזינדיקט, וואָלט זיי געגעבן געוואָרן נאָר די פינף חומשים תורה און דער ספר יהושוע.

די נביאים האָבן געשטראָפט דאָס יידישע פאָלק דערפאַר, וואָס זיי גייען אַראָפּ פון גראַדן וועג, וואָס איז אָנגעוויזן אין דער תורה. זיי האָבן פאַרויסגעזאָגט דעם שלעכטן סוף, וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם, וואָס זיי נעמען איבער די מאַסע-מנהגים פון די פרעמדע פעלקער: פון דריקן און נידערשעצן די אייגענע ברידער און שוועסטער, פון דעם איבערגעטריבענעם לוקסוס, פון צופיל פוסטער גאווה און צו-ווייניק צניעות, און צו דער זעלבער צייט האָבן די נביאים געטרייסט דאָס יידישע פאָלק, אַז ס׳וועט נישט אונטערגיין, ווען זיי וועלן אַפילו פאַרטריבן ווערן צוליב זייערע זינד פון ארץ-ישראל צווישן אַנדערע פעלקער, וועט קומען אַ צייט, ווען די רעשטן פון ישראל וועלן זיך אומקערן צוריק צו זייער לאַנד.

פאַרשטייט זיך, ווען דאָס פאָלק זינדיקט נישט, וואָלט מען נישט גע־דאַרפט קיין נביאים צום שטראָפן, וואָרענען און טרייסטן; וואָלטן מיר נישט געהאַט די ספרי־נביאים.

ביידע זאַכן זענען מקויים געוואָרן: די האַרבע שטראָף פון גיין לעבן, זיך וואַלגערן אין גלות, אומקומען מאַסנווייז על קידוש השם, און די שארית הפליטה האָט דערלעבט, איצט, אין אונדזער צייט די טרייסט פון די נבי־אים — דעם אָנפאַנג פון קיבוץ־גלויות.

אַגב, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אונדזערע נביאים האָבן געשטראָפט און געוואָרנט נישט בלויז דאָס יידישע פאָלק, נאָר אויך אַלע אַנדערע פעל־קער, וואָס האָבן שטאָלצירט מיט זייער גרויסקייט און רייכטום און האָבן אונטערדריקט דאָס יידישע פאָלק, אַז זיי וועלן באַקומען זייער שטראָף און וועלן אונטערגיין — און דאָס איז מקויים געוואָרן.

וואו איז אַשור, בבל, צור, אדום, פלשתים, עמון, מואב א״אַ? נישטאָ מער, אַראָפּ פון דער וועלט־מאַפּע.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע־פעלקער —„יון״—, וואָלט געטון אַ גוטע, ניצלעכע זאַך, ווען ער פירט איין, אַז ביי יעדער סע־סיע זאָל מען אָנהויבן מיטן לייענען אַ פּאָר קאַפּיטלען פון די נביאים, און זיי וועלן זען, אַז וואָס גרעסער, רייכער, שטאָלצער עס זענען די מנהיגים פון אַ פאָלק וואָס וויל הערשן און באַהערשן מיט קראַפט, מיט עקספּלואַטאַ־ציע פונעם מענטש, מיט רציחה, מיטן איינפלאַנצן גלויבן אין „העכערן מענטש״ — איז דאָס אַ סימן פונעם אָנהייב פון סוף, וואָס קומט אויף זיי. די צייט האָט געדולד, אָבער זי פירט חשבון און שוינט נישט קיינעם.

רעדן מיר וועגן לערנען חומש, איז כדאי צו ברענגען אַ ציטאַט פון קאַפּיטל „שבת און וואָך״, וואָס עס שרייבט אין זיין ספר „אַ חשבון־הנפש״ דער פיין, נאָבעלער דענקער, אַ דענקער אין זיך און פאַר זיך, וואָס ברענגט אַרויס די לויטערסטע פערלדיקע געדאַנקען, עפרויקין ז״ל. ער זאָגט:

„וואָלט ערגעץ אַנדערש־וואו נאָר מעגלעך געווען מען זאָל איבעררייסן די תפילות, ווי מען טוט עס ביי אונדז שוין פון לאַנגע צייטן, כדי צו לייע־נען פאַרן עולם אַ פרשה, וואָס, אָדער זי באַשטייט אינגאַנצן, אָדער צום גרעסטנטייל פון נאַציאָנאַלער געשיכטע, אָדער פון געזעצן און דינים? זיצן פרומע יידן, יראי־שמים, אין גאָטס הויז און פאַרוואַנדלען עס אין אַן אַקאַ־דעמיע, אין אַ יורידישן פאַקולטעט, און דווקא דערמיט דינען זיי גאָט. נאָך מער, דאָס שטודירן די תורה איז אַ העכערע מדרגה, ווי תפילה־טון צו גאָט, ההראיה, אַ בית־הכנסת קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בית־המדרש, פאַר־קערט אָבער נישט (מגילה כ״ו ב׳, כ״ז א׳). דאָס קען נאָר מיינען, אַז תורה לערנען איז אַ העכערע מדרגה פון תפילות, איז מאַקע דער בית־המדרש געבליבן עד היום אַ בית־עם, הגם ער טראָגט מער נישט דעם דאָזיקן נאָמען״.

ווען שיל-גייער האָבן דעם דאָזיקן געפיל, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען, וואָס עס באַדייטן די ווערטער „אָסור לדבר בעת הקריאה״, און וואָלטן זיך בעסער צוגעהערט צו דער קריאת-התורה, וואָס נישט אומזיסט איז זי אָנערקענט אַלס תורת-אמת, וואָס גיט לעבן.

איז לאָמיר לערנען די פרשה וישלח.

„וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו״ — און יעקב האָט געשיקט שלוחים פאָרויס פאַר זיך, צו זיין ברודער עשו.

ווי דערקלערט זיך דאָס? יעקב, דער איש תם, דער גאַסטפאַרטיקער, צו וועמען ג-ט אַליין האָט זיך באַוויזן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. שיקט שלוחים צו עשו הרשע, און דערצו זאָגט ער נאָך אָט די שלוחים, צו ריידן מיט זיין ברודער עשו מיט אַן אונטערטעניקן טאָן, און שיקט אים נאָך אַ גאַנץ היפשע מתנה.

יעקב האָט דאָך זיכער געדענקט, ווי ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון זיין היים צוליב דעם, וואָס עשו האָט געזאָגט „יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב אחי״ — זאָלן קומען די טרויער-טעג נאָך מיין פאָטער און איך וועל הרגענען מיין ברודער יעקב.

און פאַרוואָס האָט יעקב גאָר געהאַט צו שרעקן זיך? ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען פון באר-שבע, האָט אים ג-ט געזאָגט: „איך, דער ג-ט פון דיין פאָטער אברהם, און דער ג-ט פון יצחק, דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט דערויף, צו דיר וועל איך עס געבן און צו דיינע קינדער. און דיינע קינדער וועלן זיין אַזוי פיל ווי זאַמד פון דער ערד״. נאָך אַזאַ הבטחה פון אויבערשטן אַליין, איז וואָס האָט יעקב געהאַט מורא צו האָבן? דאָ ווייזט זיך אַרויס דער יעקביזם.

מיר דאַרפן נעמען אין אַכט, אַז די דרכים פון אונדזערע אבות האָבן געדינט אַלס יסוד פאַר דער אויספאָרמירונג פון דעם לעבנסשטייגער פון יידישן פאָלק אויף אייביק, און זענען אַריינגענומען געוואָרן אין תורת-משה אַלס געזעץ.

דער „לא תשנא את אחיך בלבבך״ — זאָלסט נישט פיינט האָבן דיין ברודער, אַפילו נישט אין געדאַנק, ווער ער איז: אַ גוטער צי אַ שלעכטער, אָבער ער איז דיין ברודער.

עס איז פאַראַן אַ מאמר: „איזהו גבור, מי שעושה שונאו אוהבו?״, — ווער איז אַ גיבור, דער וואָס מאַכט פון שונא אַ גוטן פריינט? — און יעקב האָט פאַרמאָגט די גבורה צו פרובירן מאַכן פון אַ ברודער-שונא אַ ברודער-פריינט.

אגב, האָט יעקב באַמערקט, אַז אויך עשו האָט געהאַט אין זיך פיינע שטריכן. אין סאַמען כעס, ווען עשו איז געווען מלא רציחה, גרייט צו הרגענען יעקבן, האָט ער זיך באַהערשט און געזאָגט, אַז ער וועט אים הרגע-

נען שפּעטער, נאָכן פאַטערס טויט, כדי נישט מצער צו זיין דעם טאַטן יצחק. דאָס איז אַ שטאַרקייט פון כיבוד־אָב. אגב דער אויסדרוק זאָגט עדות, אַז ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַרן טאַטן. עשו האָט געזאָגט: „יקרבו ימי אבל אבי" — זאָלן אָנקומען די טרויער־טעג נאָך מיין פאָטער —, און האָט נישט דערמאָנט דאָס וואָרט „מיתת אבי", דעם טויט פון מיין פאָטער.

און יעקב האָט געשיקט שלוחים צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט זיין ברודער עשו.

וואָס פאַר אַ טיפע מאָראַלישע לעקציע מיר באַקומען פון דעם.

אַט האָט פּאַסירט ביי אונדז, אַז איינער פון די שענסטע, רעספּעקטפול־סטע פּערזענלעכקייטן, ווי דאָס איז דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר ד"ר אריה־לייב קובאָווי, האָט ביי אַ פאַרזאַמלונג אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז מען וואָלט זיך געדאַרפט פאַרטראַכטן צו געפינען דעם אופן, ווי צו קאָנען ריידן און מחזיר למוטב זיין יענע פאַרבלאָנדזשעטע ברידער, וואָס פאַלשע נביאים האָבן זיי אַראָפּגעפירט פון וועג.

דער דאָזיקער אומדערוואַרטעטער געדאַנק, האָט איבערראַשט דעם עולם און האָט אַרויסגערופן פאַרשידענע קאָמענטאַרן.

מיר זענען אַזוי פאַרביטערט קעגן די פאַרנאַרטע פאַנאַטיקער, און ווי קאָן מען אַנדערש אָנרופן ווי „פאַרנאַרטע פאַנאַטיקער" אַזעלכע, וואָס גלויבן בלינדערהייט אין אַ מענטש, אָדער מענטשן, פאַר וועלכן זיי שפּרינגען קדוש אין אויף מאָרגן, מיטן זעלבן פאַנאַטיזם, וואַרפן זיי פאַר דעם זעלבן, אָדער די זעלבע אַלס פאַררעטער און באַשפּייען אים אַלס די נידעריקסטע, אימווירדיק־סטע באַשעפעניש? פאַנאַטיקער, וואָס בעטן זיך ממש מען זאָל זיי טרעטן מיט די פיס, מען זאָל זיי אויסלאַכן, כדי זיי זאָלן קאָנען בעסער באַווייזן זייער אונטערטעניקייט, זייער קריכערישקייט; און אָט מיט דעם פאַנאַטיזם פאַר־סמען זיי די מוחות פון זייערע יונגע קינדער, און געוויס ווייטיקט דאָס האַרץ פאַר דעם, וואָס צווישן אונדז געפינען זיך אַזעלכע עלעמענטן.

אָבער, יידן זענען זיי דאָך!

און אונדזערע נביאים, וועלכע מיר פאַרהערלעכן אַזוי, האָבן דאָך זייער גאַנצן טאַלאַנט און נאַציאָנאַל־יידישן געוויסן אָנגעווענדעט דווקא און נאָר צו די אַראָפּגעפירטע, צו די זינדיקע קעגן פאָלק און קעגן יידישקייט, און געהאַלטן אין איין פאָדערן זיי זאָלן זיך אומקערן צוריק צום פאָלק, צו דער אייגענער קולטור און טראַדיציע.

און יעקב אבינו האָט געשיקט שליחים צו זיין ברודער עשו, נישט קוקנדיק דערויף וואָס ער האָט אים געקענט און געוואוסט, אַז ער איז אַן עשו.

כדאי ביי דער געלעגנהייט צו ברענגען די לעגענדע, אַז ווען יעקב האָט

זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט עשון, האָט יעקב פאַרשלאָסן זיין טאָכטער דינה אין אַ קאַסטן, כדי עשו זאָל איר נישט זען און בעטן ביי יעקבן ער זאָל זי אים געבן אַלס פרוי. און דערפאַר וואָס יעקב האָט זי באַהאַלטן, איז ער באַשטראָפט געוואָרן נאָכדעם מיט דינהן מיט דער מעשה שכם. און די שטראָף איז געווען דערפאַר, וואָס מעגלעך, ווען דינה קומט־אָן צו עשון, וואָלט זי אים אַרויסגעפירט אויפן דרך פון אברהם און יצחק. עשו איז דאָך פאָרט געווען אַ זון פון יצחק און רבקה, באַגלייך מיט יעקבן.

מיר דאַרפן אָפּזונדערן די פאַנאַטיש־פאַרפירטע עלעמענטן, אָבער דאָס וויל נישט זאָגן, אַז עס איז נישט אונדזער חוב צו טון אַלעס מעגלעכעס צו ראַטעווען וויפל ס׳איז מעגלעך פון זיי. ראַטעווען יידישע נשמות איז דאָך די גרעסטע מצווה, מען דאַרף נאָר געפינען דעם אופן ווי דאָס צו טון.

נאָך מיין באַשיידענער מיינונג, דאַרף אויפגענומען ווערן דער געדאַנק פון ד״ר קובאָווי אין דעם זין פון „שובה משבה ישראל״, קער זיך אום, דו, אָפּגעקערטע ישראל, „לא אטור לעולם״, איך האַלט נישט אַ שנאה אויף אייביק. (ירמיה ג׳, י״ב).

מען טאָר זיך קיינמאָל נישט מיאש זיין פון ראַטעווען יידן, און אפשר וועט דאָס זיין אַ גרויסער זכות פאַר ד״ר קובאָווי, וואָס ער האָט אָנגערעגט צו דעם. דאָס איז יעקביזם.

און פאַרוואָס האָט יעקב מורא געהאַט פאַר עשון, נאָכדעם ווי ג־ט האָט אים מבטיח געווען: „איך וועל זיין מיט דיר, און איך וועל דיר היטן אומעטום וואו דו וועסט גיין, און איך וועל דיר אומקערן צו דער דאָזיקער ערד״.

נאָר יעקב האָט טאַקע געוואוסט פון ג־טס הבטחה, אָבער עשו האָט דאָך נישט געוואוסט פון דעם, פונקט ווי פרעה און עמלק האָבן נישט גע־וואָלט אָנערקענען ג־טס וואונדער, ווען די וואונדער זענען שוין געווען אַ פאַקט, און זענען באַפאַלן די בני־ישראל נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך שוין באַפרייט פון מצרים. יעקב האָט מורא געהאַט, אַז ביז וואָס־ווען, קאָן עשו אָנפאַלן אויף אים און פאַראורזאַכן אַ סך שאָדנס. ניסים זענען טאַקע אַ גוטע זאַך, אָבער פאַרלאָזן זיך אויף ניסים. טאָר מען נישט.

אַ נס געשעעט נאָר דאַן, ווען דער מענטש גייט פאָרויס פאַרן נס, און גרייט זיך אויפצונעמען דעם נס.

זענען מיר דאָך לעבעדיקע עדות, אַז זינט דעם חורבן האָבן מיר גע־גלויבט אין דעם נס שיבת־ציון. מיר זענען געווען זיכער אין דעם, ווייל מיר האָבן געגלויבט אין דער נבואה פון „ושבתי את שבות עמי יעקב״. אונד־זערע שונאים האָבן דאָס אויך געוואוסט, פונדעסטוועגן האָבן זיי אויסגע־פירט אויף אונדז די ערגסטע נגישות און רדיפות, ביז דער נס שיבת־ציון איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

און דער נס איז געשען דערפאַר וואָס די חלוקה־יידן, די חובבי־ציון, די בילו״יים, די עליות, דער פּאַליטישער ציוניזם זענען געגאַנגען פאָרויס, און קרן קימת לישראל האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן נס.

יעקב האָט זיך באַוואָרנט מיט „לדורון, לתפלה ולמלחמה״ — מיט מתנות, מיט בעטן הילף ביי ג־ט, און זיך צוגעגרייט צו מלחמה, כדי דער נס זאָל קענען געשען, און ער איז געשען.

* * *

יעקב קומט־אָן בשלום אין שכם. און ג־ט זאָגט אים: „גיי אין בית־אל און זיץ דאָרטן. און מאַך דאָרטן אַ מזבח צו דעם ג־ט וואָס האָט זיך באַוויזן צו דיר ביי דיין אַנטלויפן פון דיין ברודער עשו״.

האָט יעקב געזאָגט צו זיינע קינדער: „טוט אָפּ די פרעמדע געטער וואָס צווישן אייך, און רייניקט אייך, און בייט איבער אייערע קליידער״.

דאָס לערנט אונדז, אַז איידער מען טרעט־צו צו טון אַן עבודת־הקודש, דאַרף מען פריער פון אַלץ זיך אַרומקוקן אַרום זיך אַליין.

מען קאָן זיך נישט האַלטן מיט פרעמדע געטער און טון הייליקע גע־זעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דער זעלבער צייט.

אָט האָט אונדזער קהילה־קדושה און דער וועד־הקהילות אונטערגענו־מען אַ זייער לויבנסווירדיקע אַרבעט, צו זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן יידישקייט. און צוליב דעם צוועק האָבן זיי צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע ישובים פון דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, אין דעם שטעטל דאָמינגעז, אויף אַ מוצאי־שבת אין אָוונט. אָבער כדי אָנצוקומען צו דער צייט מוצאי־שבת, זענען אַלע וויכטיקע ישובים וואָס געפינען זיך ווייט פון דאָמינגעז, זיך געזען געצוואונגען אַרויסצופאָרן מיט שעהן פריער, פאַר מוצאי־שבת.

בין איך נישט קיין מוסר־זאָגער; איך בין נישט דער באַרופענער צו דעם, אָבער עס פרעגט זיך: ווי קלעפּט זיך דאָס: רופן אַן עדה יידן צו באַטראַכטן דעם ענין פון חיזוק־היהדות און אָנהויבן מיט חילול־היהדות, און ווער? — די מנהיגים, די וואָס שטייען אין שפּיץ און זענען די באַרו־פענע צו זיין די ערשטע צו געבן דעם גוטן ביישפּיל.

מנהיגים, לערערס, גיט אָפּ כבוד אייערע בכבודיקע אַמטן!

* * *

אָט דאָס איז אונדזער חומש: דער ריינסטער קוואַל צו שעפּן פון אים גוטע מידות, ווי צו זיין אַ מענטש צווישן מענטשן, און עס איז גאָרנישט אַזוי גרינג אַ מענטש צו זיין. מען מוז עס לערנען, אַלע טאָג לערנען, און עס איז נישטאָ קיין בעסערער לערער ווי דער תנ״ך.

וַיֵּשֶׁב

א.

קהלת, דער חכם, וואָס האָט פילאָזאָפירט איפן גרונט פון דערפאַרונג, און וואָס האָט מיט זיין חכמה פאַרויסגעזאָגט קלאָר און דייטלעך די רעזול־טאַטן פון די מעשים, לויט זיינע באָאָבאַכטונגען אין פּראַקטישן לעבן, זאָגט פאָלגנדיקע פערלדיקע געדאַנקען:

„החכמה תעוז לחכם מעשרה שליטים אשר בא בעיר” — די חכמה באַשיצט דעם חכם מער ווי צען געוועלטיקער, וואָס זענען אין שטאָט.

„כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא” — נישטאָ קיין מענטש, אַ צדיק אויף דער ערד, וואָס זאָל טון גוטס און נישט זינדיקן.

צוויי פסוקים, שכנים איינער מיטן צווייטן. חכם און צדיק זייט ביי זייט, איינס נאָכן צווייטן, פאַרגעשטעלט מיט זייער כאַראַקטעריסטיק, גע־זאָגט אין אַן אַקסיאָמאַטישן סטיל, און דריקן אויס אין איין וואָרט אַ גאַנצן וועלט־באַנעם.

אין ערשטן פסוק הויבט אַרויס קהלת די חכמה, אַז זי איז שטאַרקער פון צען געוועלטיקער, אָבער ער שטעלט־צו דאָס וואָרט „לחכם”. דער כוח פון חכמה איז נאָר דאַן, ווען זי ווערט באַנוצט פון אַ חכם.

חכמה איז נישט קיין פּריוואַטער קנין; חכמה איז אַ קאָלעקטיווע מתנה, פונקט ווי די לופט צום אָטעמען און דאָס ליכט און וואַרעמקייט פון דער זון, און זי ווערט קולטיווירט אויך קאָלעקטיוו.

טויזנטער אינסטיטוטן, דאָס לעבן אַליין פאָרמירן און פּערפעקציאָ־נירן די אינטעליגענץ, די וויסנשאַפט, וואָס נעמט אַרום אַלע צווייגן פון חכמה, און די חכמה באַקומט איר אמתן תיקון, ווען זי קומט־אָן אונטער דער אויפזיכט פון אַ חכם.

אומשטענדן, פאַרשן, לערנען און התמדה, שאַפן און פאַרגרעסערן די חכמה אויף אַלע פאַרשידענע געביטן, און דער חכם ווייסט ווי, ווען און צו וואָס באַנוצן די חכמה, צום נוצן און וואוילזיין פון דער מענטשהייט.

איין חכם איז מער ווערט פון צען שליטים. הלוואי זאָלן זיך געפינען אין די מסיבות פון די שליטים — אין ניו־יאָרק, ווי אין פּאַריז, צי אין מאָסקווע —, וועלכע געוועלטיקן איבער דער וועלט, די פּראָפּאָרץ חכמים פון איינס צו צען, מיטן חוש פון צדיקים, וועט די וועלט האָבן אַ געשטאַלט פון שלום און חן, און נישט פון מלחמה מיט פאַרמאַסקירטע צורות.

* * *

אין צווייטן פסוק אַנטדעקט פאַר אונדז קהלת אַ וואונדערבאַרן אמת: לייענען מיר מיט אויפמערקזאַמקייט, באַמערקן מיר, אַז ער זאָגט נישט סתם אַז ס'איז נישטאָ אַ מענטש אַ צדיק אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט מאַכן קיין פעלערן, נאָר ער זאָגט, אַז עס איז נישטאָ אַ מענטש אַ צדיק אויף דער ערד, וואָס זאָל טון „גוטס" און נישט מאַכן קיין פעלערן, — דאָס הייסט, אַז דער צדיק, אַפילו מיטן גוטס־טון, מיט די בעסטע כוונות, קאָן פון זיי, פון דעם גוטס, אַרויסקומען, צוליב אומפאָרויסגעזעענע סיבות, נישט קיין געוואונטשענע רעזולטאַטן.

חכם — ווערסוס שליט, צדיק — ווערסוס שלימות, פּערפעקטקייט.

* * *

און איצט, לאָמיר לערנען די פּרשה וישב.

„וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען" — און יעקב איז געזעסן אין דעם לאַנד פון זיין פאָטער, אין לאַנד כנען.

נאָך צוואַנציק יאָר וואַלגערן זיך אין אַ פרעמד לאַנד, טראָצדעם וואָס ער האָט דאָרטן געטראָפן זיינע טרייע לעבנס־באַגלייטערינס; דאָרטן, אין דער פרעמד, דערצויגן אַ היפּשע משפּחה און זיך איינגעשאַפט רייכטום, האָט אָבער יעקב געפילט, אַז דער אַמביענט איז אים פרעמד, און ער איז קיינמאָל נישט זיכער אַפילו מיט די נאָענטסטע קרובים פון דער ווייבס משפּחה; אַז אין אַ געוויסן מאָמענט זאָלן זיי צונעמען ביי אים אַלץ וואָס ער האָט מיט שווערער מי דערוואָרבן. ער האָט שוין געהערט ווי זיינע שוואָגערס מורמלען, אַז: „יעקב האָט צוגענומען אַלץ וואָס זייער פאָטער האָט געהאַט". האָט ער, יעקב, געטון ווי אַ חכם און באַצייטנס אַוועק צוריק אַהיים.

יעקב, דער חכם, האָט נישט געוואַרט ביז אַ שליט וועט אים הייסן גיין, און נאָך דאַרפן בלייבן צופרידן וואָס מ'לאָזט אים אַרויס נאַקעט און באָרוועס, נאָר מיט דער נשמה.

ווי גוט איז עס די חכמה, ווען מען איז אַ חכם און מען באַנוצט זיך

מיט איר — מיט דער חכמה — באַצייטנס. אַזעלכער איז טאַקע שטאַרקער ווי צען שליטים.

יאָ, פיל טויזנטער יעקבס האָבן זיך געראַטעוועט קוים מיט דער נשמה נאָר דערפאַר, ווייל עס האָט זיי געפעלט דאָס פּינטעלע חכמה פון „באַ־צייטנס״.

און יעקב האָט שוין געוואָלט זיצן רואיק אין דער היים, אין דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד פון זיינע עלטערן.

די קינדער זענען שוין געווען דערוואַקסענע, זיי האָבן שוין אָפּגעהיט דאָס ווירטשאַפט, געפּאַשעט די שאָף, אַלע צוזאַמען, מיט שלום און אחדות.

דער יינגסטער, דער בן־זקונים יוסף, אים האָט דער פאָטער יעקב גע־שענקט מער אויפמערקזאַמקייט. יוסף איז געווען אַ יתום. די מוטער רחל — יעקבס באַליבסטע פרוי — איז געשטאָרבן ביים געבורט פון בנימין, ווען יוסף איז נאָך געווען אַ יונגער יינגל, און יעקב האָט אים אַרויסגעוויזן אַ דאָפּלטע ליבשאַפט, אַלס פאָטער און אויך פאַר דער מוטער וואָס האָט אים געפעלט. עס איז געווען ליבשאַפט מיט רחמנות־סענטימענטן צוזאַמען.

אַלס אויסדרוק פון ספּעציעלער ליבשאַפט, האָט יעקב געמאַכט פאַר יוספן אַ זיידן העמדל.

איז מה רעש, אַז אַ פאָטער ווייזט אַרויס אַ ביסעלע מער ליבשאַפט צו אַ קינד, וואָס איז אַ האַלבער יתום? עס איז דאָך אייגנטלעך, אַ גוטער מענטשלעכער טאַט. אָבער קהלת האָט שוין געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין צדיק וואָס זאָל טון גוטס און עס זאָל נישט אַרויסקומען קיין פעלערן.

פאַרזיכטיק, זייער פאַרזיכטיק דאַרף מען זיין ביים טון גוטס, ביים טון אַ טובה איינעם, וואָס האָט אין זיך אַ שמץ פון פאַוואָריטיזם.

דאַכט זיך אַ קלייניקייט. דער גאַנצער „פאַוואָריטיזם״ איז באַשטאַנען אין אַ העמדל, אָבער אָט דאָס העמדל איז געווען דער אָנהויב, דער גורם, וואָס יעקבס קינדער זענען געווען פאַרשקלאַפט אין מצרים אַריבער צוויי הונדערט יאָר.

אַ יחיד, מעג ער זיין אַ פאָטער, בפרט אַ געזעלשאַפט צי אַ פּאַרטיי, דאַרפן זיין זייער אָפּגעהיט מיט באַנוצן זיך מיט „פאַוואָריטיזמס״, מיט טון „טובות״, נישט פאַר זיך און נישט פאַר יענעם, ווייל סוף־כל־סוף, פריער אָדער שפּעטער, ברענגט עס נישט קיין גוטע פאָלגן.

* * *

יוסף איז געווען אַ באַשיידענער יינגל. צו די זיבעצן יאָר „היה רעה את אחיו בצאן״ — האָט ער צוזאַמען מיט זיינע ברידער געפּאַשעט די שאָף; און ער איז געווען אויף אַזוי ווייט באַשיידן אַז ער האָט זיך בעסער געחברט מיט די ברידער — קינדער פון בלהה און זלפה, די פריערדיקע דינסטן, און

נישט מיט די ברידער־קינדער פון דער מוטער לאה. אָבער פון דעם מאָ־מענט וואָס דער פאָטער יעקב האָט אים אַרויסגעוויזן מער ליבשאַפט און אים געגעבן דאָס זיידן העמדל, האָט עס געזוירקט אויף יוספן. ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן זיך העכער פון די ברידער, און האָט גערעדט וועגן זיי — טאַקע פאַרן אייגענעם פאָטער— מיט גרינגשעצונג.

„ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם" — און יוסף האָט געבראַכט בייזע רייד אויף זיי — אויף די ברידער—, צו זייער פאָטער.

און יוסף גייט שוין נישט צוזאַמען מיט די ברידער פאַשען די שאָף; ער פאַנטאַזירט שוין פון גרויסקייט, פון געוועלטיקן איבער די ברידער. עס חלומט זיך אים חלומות פון הערשאַפט, און ער רעדט צו די ברידער מיט אַ שטאָלצן, אַרויסרופנדיקן טאָן. ער זאָגט זיי: „שמעו נא החלום הזה אשר חלמתי" — הערט אָקאָרשט דעם דאָזיקן חלום וואָס האָט זיך מיר געחלומט. איין מאָל און אַ צווייט מאָל, ביז דער פאָטער יעקב האָט אָנגעשריען אויף אים, און יעקב האָט באַמערקט, אַז עס איז נישט גוט וואָס דאָס בחורל יוסף גייט אַרום פוסט און פּאַסט; זאָגט ער אים: „הלא אחיך רעים בשכם" — דיינע ברידער פּיטערן דאָך אין שכם, קום און איך וועל דיר שיקן צו זיי.

און יוסף איז געגאַנגען צו די ברידער. „והנה תעה בשדה" — און ער בלאָנדזשעט אום אין פעלד.

מער ווי איינער, וואָס לעבט מיט חלומות, מיט פאַנטאַזיעס, וואָס מיינט אַז ער איז מער פון יענעם, בלאָנדזשעט, פאַרלירט זיך, און עס קומט אַ צייט וואָס ער דערמאָנט זיך און זאָגט: „את אחי אנכי מבקש" — מיינע ברידער זוך איך. אָבער „פאַוואָריטיזם" איז אַ פּלאָג, וואָס דערוויטערט און צערייסט די פעדים פון ברידערשאַפט.

יוסף האָט געפונען זיינע ברידער, ער האָט אָבער נישט געפונען דאָס ברידערלעכקייט.

דאָס העמדל! דאָס העמדל! אַך, וואָס פאַראַ צרות, וואָס פאַראַ עוולות דאָס העמדל האָט אָנגעמאַכט, פון גלות־מצרים ביז די עשרה הרוגי מלכות.

* * *

„וישב יעקב בארץ מגורי אביו" — און יעקב איז געזעסן אין דעם לאַנד פון פאָטערס וואוינאָרט.

דאָס איז געווען יעקבס העכסטער אידעאַל: די אייגענע היים, דאָרט, וואו זיין פאָטערס וואוינונג איז.

ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: ביי איינעם איז „אובי בענע איבי פּאַט־ריאַ", דאָרט וואו ס'איז אים גוט — דאָרט איז זיין פאָטערלאַנד; ביי אַ צווייטן איז „אובי פּאַטריאַ איבי בענע" — דאָרט וואו ס'איז מיין פאָטער־לאַנד, דאָרט איז גוט".

יעקב איז געווען פון די צווייטע. ער האָט מוחל געווען אַלע גליקן אין דער פרעמד און געקומען אין זיין אַמאָליקער היים. אָבער אַ קליינעם טעות האָט געמאַכט יעקב — ער האָט מהנה געווען איינעם פון זיינע קינ־דער מיט אַ זיידן העמדל.

ווער ווייסט די וועגן פון דער געשיכטע?

אפשר איז עס געווען צום גוטן. אין דער שקלאַפעריי פון מצרים איז דאָך געראַטעוועט געוואָרן דער איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון די בני־ישראל.

ווער ווייסט וואָס גוט און וואָס נישט־גוט איז?

ווען זאב זשאַבאָטינסקי ז״ל האָט געזאָגט, אַז אין פוילן זענען פאַראַן אַן איבעריקער מיליאָן יידן, האָט מען עס באַטראַכט פאַר אַ קאָלאָסאַלן טעות. איצט פאַרשטייען מיר, אַז הלוואי וואָלט מען דעמאָלט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער. וואָלטן אפשר דער נגב און אַנדערע געגנטן פון ישראל גע־ווען באַזעצט און מיר וואָלטן געווען רייכער מיט מער ווי אַ מיליאָן יידישע נפשות.

ווען מען הערט זיך צו צו די וואָרענונגען און פאָדערונגען פון מנחם מענדל אוסישקין ז״ל, וואָלט דער קרן קימת לישראל געהאַט אויסגעלייזט פיל מער שטחים ערד אין ארץ־ישראל, ווי אויך אין עבר־הירדן, און מדינת־ישראל וואָלט געהאַט אַן אַנדער פיזיאָנאָמיע אויף דער לאַנד־קאַרטע, מיט וויניקער קאָמפּליקאַציעס מיט די שכנישע לענדער.

און איצט, הערן מיר זיך דען צו צו די פאָדערונגען פון בן־גוריון, וואָס בעט זיך רחמים מען זאָל אויסלייזן די ערד פון דער וויסטעניש. באַפרייען די בערג פון יהודה פון זייער פאַרשטיינערונג און זיי מאַכן „שרה'דיק״ פרוכטבאַר אויף דער עלטער?

עס איז גוט באַקאַנט די אויסוויקלונג פון דער מעשה פון מכירת־יוסף.

יוסף ווערט געבראַכט קיין מצרים, און עס האָט אים אָפּגעקויפט איינער פון פרעהס הויפדינער.

און יוסף איז געווען אַן איש מצליח. וואָס עס האָט געטון איז געווען מיט הצלחה, און האָט געוואונען דעם גאַנצן צוטרוי פון זיין האַר.

יוסף האָט באַוויזן גייסטיקע גבורה, און האָט כשר פאַרדינט דעם טיטל „צדיק״, וואָס דינט אַלסביישפיל ביז צום היינטיקן טאָג.

ער, יוסף, איז אָנערקענט געוואָרן פון דעם קעניג פרעה אַלס „אין נבון וחכם כמוך״ — ס'איז נישטאָ קיין פאַרשטאַנדיקער און אַזאַ קלוגער ווי דו.

יוסף ווערט דערהויבן ביז צום גראַד פון וויצע־קעניג.

ער איז אַ מצליח, אַ צדיק, אַ חכם און דערצו אַ שטאָלצער ייד. ער

האָט נישט פאַרלייקנט זיין שטאַם און געזאָגט, אַז ער קומט „מבית העב־רים", פון אַ פאַמיליע פון עברים.

וואָס קאָן נאָך זיין בעסער און גרעסער, ווי די אַלע אויסגערעכנטע מעלות?

אָבער, יאָ, אויך איצט איז פאַראַן אַן אָבער.

„ויוסף הוא השליט על הארץ" — און יוסף איז געווען דער שליט, דער געוועלטיקער איבערן לאַנד.

יוסף, אַ שליט אין מצרים!

און דער „שליט" אין מצרים, האָט אָנגעווענדעט זיין הצלחה, זיין חכמה און זיין צדקות פאַר מצרים, נאָר פאַר מצרים, און מער ווי פאַרן פאָלק פון מצרים, האָט ער עס געטון פאַרן קעניג פון מצרים — פרעה.

ער האָט זיך נישט דערמאָנט פון דער שטאַרקער ליבשאַפט פון זיין פאָטער; ער האָט נישט געפונען קיין צייט צו לויפן זען דעם אַלטן טאַטן. ער האָט פאַרגעסן דעם „את אחי אנכי מבקש" — מיינע ברידער זוך איך.

דער „פאַוואָריטיזם" האָט געבראַכט די גאַנצע ישראל־משפחה אין מצרים.

מתתיהו כהן גדול מיט זיינע פינף זין, האָבן געקעמפט פאַר דער פריי־הייט, פאַר זעלבסטשטענדיקייט און כבוד פון ישראל, האָבן זיי אויפגע־שטעלט און אויפגעלעבט מלכות־ישראל.

די אייניקלעך פון מתתיהו האָבן געקעמפט פאַרן „שליטיזם", פאַר גע־וועלטיקן איבער ישראל, האָבן זיי דערפירט צו חורבן־ישראל.

די שטרעבונג צו „שליטיזם" —פון אַ יחיד ווי פון אַ פאַרטיי—, פירט ממילא צו „פאַוואָריטיזם", וואָס זענען צוויי נישט קיין געזונטע פאַקטאָרן פאַר דער געזעלשאַפט, אָדער פאַרן לאַנד.

„שליט" גייט נישט האַנט ביי האַנט מיט „חכם"; נאָך ווייניקער מיט „צדיק".

דער יידישער כוח, איבערצוטראָגן צוויי טויזנט יאָר גלות, האָט גע־קוועלט פון חכמת־ישראל און צדקת־ישראל, און די ביידע האָבן אונדז דער־פירט צו מדינת־ישראל. דאַרפן מיר נעמען צו הילף די צוויי אויבנגעזאָגטע אייגנשאַפטן, נישט צו דערלאָזן אין דער מדינה און נישט ערגעץ אַנדערש־וואו זאָל זיך אַריינכאַפּן דער ביטערער גייסט פון שליטיזם און צו פאַר־טרייבן ביז לא יזכר ולא יפקד דעם פאַוואָריטיזם.

זאָל אונדז אַלעמען דינען, אַלס פאַראַל, די רעקאָמענדאַציע פון נביא זכריה: „אלה הדברים אשר תעשו: דברו אמת איש את רעהו, אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם" — דאָס זענען די זאַכן, וואָס איר זאָלט טון: רעדט אמת איינער מיטן אַנדערן, אמת און אַ פרידלעכן משפט טוט משפטן אין אייערע טויערן.

ו י ש ב

ב.

יעקב איז צוואַנציק יאָר געווען דערווייטערט פון זיין היים. 20 יאָר האָט ער געאַרבעט שווער אין דער פרעמד. נישט אַכטנדיק, וואָס דער אַרבעטס-געבער איז געווען זיינער אַ לייבלעכער פעטער און נאָכדעם געוואָרן אויך זיין טאָפּלטער שווער, האָט דאָך יעקב פאַרבראַכט זיין צייט אין פעלד, ביים פאַשען דעם פעטערס שאָף און רינדער, לעבנדיק זיין אייגנאַרטיקן שטייגער-לעבן, וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער היים, פון זיין פאָטער יצחק און מוטער רבקה. און אַזוי האָט ער דערצויגן זיינע קינדער. ווען ער, יעקב, האָט געוואָלט ריידן מיט זיינע פרויען וועגן פאַמיליע-ענינים, האָט ער זיי געשיקט רופן צו זיך אין פעלד, וואו ער האָט זיך געפילט פריי פון פרעמדן אַמביענט — אַן אַמביענט פון רמאות.

יעקב האָט זיך איבערציינגט, אַז אין דער פרעמד קען מען נישט געטרויען צופיל אַפילו אַ פעטער און שווער, נישט קיין פריינט און נישט קיין גוטע פריינט. מען נאַרט אָפּ דעם פרעמדן, מען פאַרבייט אים די שיינע פאַר נישט קיין שיינער, און מען שעמט זיך נישט זאָגן נאָכדעם, אַז דאָס איז אַזאַ מנהג אין דער מדינה און אויב דו ווילסט דווקא די שיינע איז באַצאָל נאָך אַמאָל.

ער האָט אויך געזען, אַז די קינדער וואַקסן אונטער און ווילנדיק צי נישט ווילנדיק מוזן זיי זיך טרעפן מיט קינדער פון די שכנים אין זייער עלטער, און יעקב האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך אָפּלערנען פון זייערע זיטן און מנהגים, האָט ער באַשלאָסן, מיט דער איינשטימיקייט פון זיינע פרויען לאה און רחל, צו פאַרלאָזן דאָס ווייטערדיקע האַבעווען און איינשאַפן זיך רייכטימער אין דער פרעמד און צונויפנעמען דאָס ביסל פאַרהאָרעוועטן פאַרמעגן און זיך אומקערן אַהיין, אין דער אייגענער היים.

לאה און רחל האָבן גוט געקענט זייער טאַטן, ברודער און אין אַלגעמיין דעם יושר, וואָס הערשט אין זייער לאַנד. זיי האָבן דאָך דאָס געפילט אויף זייער אייגן לייב און האָבן גוט געוואוסט, אַז זיי זענען קיינמאָל נישט זיכער מיט זייער פאַרמעגן, מען זאָל עס ביי זיי, אין אַ געוויסן טאָג, נישט צונעמען און דערצו נאָך זיי אַרויסטרייבן. האָבן זיי געזאָגט יעקבן: „האָבן מיר דען נאָך אַ חלק אָדער אַ ירושה אין אונדזער פאָטערס הויז? זענען מיר נישט אַזוי ווי פרעמדע פאַרעכנט ביי אים? וואָרום ער האָט אונדז פאַרקויפט". חתונה געהאַט פאַר אַ יעקב קומט אַ צייט, וואָס אייגענע טאַטע-מאַמע, ברידער און שוועסטער, פאַרניכטן זיי צוזאַמען מיט די יעקבס.

ראַטעווען זיך אַליין, ראַטעווען באַצייטנס דאָס פאַרמעגן איז איינ-

שטימיק אָנגענומען און דורכגעפּירט געוואָרן, נישט אַפּלייגנדיק אויף שפּע־טער טראַץ דעם, וואָס די צייט האָט זיך באַוויזן אַזוי גינסטיק צו יעקבן, צו קענען ווערן נאָך רייכער.

און אַז דאָס איז געווען נישט בלויז אַ חשד, נאָר פּשוט אַ וויזיע פון קלוגן און פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, האָט באַוויזן, אַז דער פאָטער און שווער לבן, האָט עם נאָכדעם געזאָגט עפנטלעך יעקבן: „די טעכטער זענען מיינע טעכטער, און די קינדער זענען מיינע קינדער, און די שאָף מיינע שאָף און אַלץ, וואָס דו זעסט איז מיינס".

און אַז דאָס אַלץ איז נישט קיין לעגענדע, קענען מיר דאָס ליידער באַ־שטעטיקן. אין יעדן דור שטייען אויף נייע לבנס, וואָס זאָגן דאָס זעלבע, אַז אַלץ, וואָס די יעקבס האָבן אָנגעזאַמלט מיט זייער שווערער אַרבעט, מיט זייער חכמה און שפּאָרזאַמקייט, איז עס נישט זייערס און מען דאַרף עס ביי זיי צונעמען און נעמען עס טאַקע צו. און כדי דאָס צו „באַרעכטיקן" טרייבט מען זיי אַרויס פון לאַנד, אַלס באַוויז, אַז זיי זענען געווען פרעמדע, וואָס מען האָט געדולדעט ביז אַ צייט.

דער מלומד אין סטאַטיסטיק, יעקב לעשטשינסקי זאָגט, אַז די יידישע גרויסע פאַרמעגנס דערגרייכן נישט ווייטער פון דעם פינפטן דור.

און יעקב האָט פאַרנומען זיין גאַנץ הויז־געזינד, מיטן פאַרמעגן און האָט באַצייטנס זיך אומגעקערט אַהיים, צו דעם לאַנד פון זיידן אברהם און פאָטער יצחק.

ווי אַנדערש וואָלטן מיר אויסגעזען, ווי גליקלעך וואָלטן מיר געווען, ווען מיר, די צווייטע און צעשפּרייטע קינדער פון יעקב, וואָלטן פאַרשטאַ־נען, אַז היינט איז נישט אַנדערש ווי אַמאָל, מיט דעם אונטערשייד, וואָס די היינטיקע לבנס זענען צינישער, דרייסטער. דער ערשטער לבן האָט זיך דערשראָקן פאַרן וואָרט פון ג־ט און די היינטיקע שרעקן זיך נישט פאַר ג־ט און נישט פאַר מענטשן.

* * *

יעקב איז שוין פּטור געוואָרן פון זיין „געטרייען" שווער לבן, ער איז שוין איבערגעקומען די באַגעגעניש מיט זיין „ליבהאַרציקן" ברודער עשו, און איז אָנגעקומען בשלום אַהיים, וואו ער האָט געקויפט אַ שטיק פעלד, נישט ווייט פון דער שטאָט שכם.

אויך דאָ, מיט זיין גאַנצן רייכטום, האָט יעקב נישט געוואָלט זיך באַ־זעצן אין שטאָט, ער האָט נישט געוואָלט זיינע קינדער זאָלן זיך מישן מיט די קינדער דערצויגענע אין אַן אַנדער קולט און אַנדער גייסט, וואָס זענען דערווידער די עטיק און ריינע זיטן פון די עברים. ער, יעקב, האָט געוואָלט אַז זיינע קינדער זאָלן זיך האָדעווען אַלס ערלעכע פאַסטוכער פון זייערע

אייגענע שאָף און רינדער, לעבן מיט דער פרייער נאַטור, נישט דאָרט, וואו איין מענטש זוכט צו לעבן פון צווייטן מענטש, וואו איינער וויל אי־בערשטייגן דעם צווייטן אין לוקסוס, וואו די אויגן קענען זיך קיינמאָל נישט אָנזעטיקן, וואָס ברענגט צו קנאה, שנאה, און יעקב האָט געוואָלט זען די משפחה פאַרייניקט. ווי זינגט דער אָבי המשוררים: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד — פאַרייניקט לויטן גייסט פון זיידן און טאַטן.

די קינדער, שוין דערוואַקסענע, האָבן איבערגענומען די אַרבעט פון פאָטער, זיי האָבן שוין נישט געדאַרפט האָרעווען אַזוי פיל ווי דער טאַטע. דער פאַרמעגן איז שוין געווען איינגעזאַמלט, און די אַרבעט פון פאַשען די שאָף, וואָס עס האָט געטון דער טאַטע איינער אַליין, האָבן איצט געטון 10 ברידער, און ווי דער שטייגער ביי אַזעלכע באַדינגונגען, האָבן די קינ־דער זיך דערפילט זעלבסטשטענדיק און ביסלעכווייז זיך אָפּגערוקט פון טאַטנס השגחה, נישט נאָכגעפרעגט זיך אויפן אַלטנס דעה.

די שיינע בת יחידה דינה, די צאַרטע דינה, וועלכע דער טאַטע האָט אַזוי אָפּגעהיט פון אַ שלעכט אויג, האָט זיך איר פאַרגלוסט ווערן מאָדערנע און איז געגאַנגען זען אויף אייגענעם רעכענונג די טעכטער פון שכם, ווי פאַרברענגען זיי. זי האָט געוויס געהערט זאָגן, אַז די טעכטער פון שכם פאַרברענגען פריי, גרויסשטעטיש. די שטענדיקע שוואַכקייט, די שיינע צנועהדיקע טעכטער פון די דערפער חלומען פון דעם „גן־עדן" און דינה איז געגאַנגען זען, אָבער זי איז דערזען געוואָרן פון דעם „אַריסטאָקראַ־טישן" זינדל פון דעם שטאָט־בעל־הבית פון שכם, האָט ער איר גענומען, געשענדעט, געהאַלטן געפאַנגען, און נאָכדעם אַזוי ציניש געשיקט זיין טאַטן חמור אַלס שדכן. טאַקע נאָר אַ חמור קען גיין אַזאַ שליחות.

יאָ, די צאַרטע אָפּגעהיטע טאָכטער איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, זי איז געגאַנגען אַליין...

* * *

די ברידער קומען פון פעלד און דערוויסן זיך פון דאָס פאַסירטע, און אַז זייער שוועסטער ווערט נאָך געהאַלטן ווי אַ געפאַנגענע, און דער שדכן־פאָטער רעדט נאָך צו זיי מיט אַזאַ ציניזם, פאַרלאַנגענדיק זייער הסכמה צום שידוך. אַזאַ נבלה האָט אָנגעצונדן אין זיי דעם צאָרן און זיי האָבן פאַרטראַכט אַ מיטל ווי אַזוי אָרויסצוקריגן זייער שוועסטער פון געפאַנגענ־שאַפט. די ברידער, קענענדיק דעם עלעמענט, האָבן פאַרשטאַנען, אַז די מענטשן פון שטאָט שכם זענען איינשטימיק מיט דער פאַרברעכערישער האַנדלונג, און זיי האָבן געוואוסט, אַז מיט כוח וועלן זיי, צען געציילטע מענטשן, נישט קענען זיך שטעלן קעגן עטלעכע הונדערט מענער, און האָבן

פאַרטראַכט אַ מיטל, קודם כל, ווי אָפּצושוואַכן זיי, כדי נאָכדעם באַפרייען די שוועסטער אָן בלוט-פאַרגיסונג. אָבער צוויי פון די ברידער, ניט באַ-ראַטנדיק זיך מיטן אַלטן טאַטן, האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויס-געהרגעט אַלע מענער פון שכם.

יעקב, דערוויסנדיק זיך, וואָס די צוויי זין האָבן אָפּגעטון, האָט ער אויסגעשריען: איר האָט מיר פאַראומגליקט און מיך פאַרמיאוסט ביי די פעלקער פון לאַנד. מיר זענען אַ קליין הייפעלע מענטשן קעגן גאַנצע פעלקער.

יאָ, די דערוואַקסענע זין דאַרפן שוין נישט דעם טאַטנס עצות און זוכן גערעכטיקייט נישט מיטן שכל, נאָר מיטן אינסטינקט. נו...

* * *

יעקב, באַזאָרגט פון דער ענדערונג, וואָס ער האָט באַמערקט אין דער אויפפירונג פון זיינע קינדער, עפּעס נישט פאַרשטענדלעך איז עס געווען פאַר אים, וואָס גראַד ווען ער האָט דערגרייכט דעם העכסטן ציל אין זיין לעבן צו קומען צוריק אין זיין אייגן לאַנד, זוכן זיינע קינדער דווקא נאָכ-צוטון די מנהגים פון די געצנדינערישע פעלקער. אַ זאַך וואָס אין גלות האָט ער עס נישט באַמערקט. דאָס, וואָס אין גלות איז געווען מיאוס ווי חזיר, איז גראַד אין דעם אייגענעם לאַנד זענען פאַראַן אַזעלכע פון זיינע קינדער וואָס ווילן דווקא אַראָפּנעמען די מיאוסקייט פון דעם העסלעכן חזיר. און מען פירט נאָך גרויסע דיסקוסיעס איבער דער דאָזיקער אומריי-נער באַשעפעניש. האָט יעקב צונויפגערופן זיינע קינדער און זייערע פאַ-מיליעס און זיי געזאָגט: „טוט אָפּ די פרעמדע געטער וואָס צווישן אייך און ריייניקט אייך, און בייט איבער אייערע קליידער, און לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען און זיך איבערקלייבן אין בית אל". די פרעמדע זיטן, די נישט אָנשטענדיקע קליידונג, דאָס נייע געטעריי, וואָס מענטשן מאַכן פון נישט מענטשלעכקייט, פון ברוטאַלער קראַפט, פון אומווירדיקע מעשים מאַכן זיי אַ קולט, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין יעקבס משפחה, וואָס האָט זיך באַזעצט נאָענט פון שכם. און יעקב האָט באַצייטנס זיך אַרומגעזען און געזאָגט: „קינדער, וואַרפט דאָס אַלץ אַוועק און לאָמיר אַנטלויפן פון דער פאַרפעס-טעטער שטאָט און מיר וועלן זיך אַריבערקלייבן אין בית אל, דאָרט וואו יעקב האָט צום ערשטן מאָל געפונען דעם אמתן זינען פון געטלעכקייט און דערפאַר האָט טאַקע ער, יעקב, געגעבן אַ נאָמען יענעם פּלאַץ בית אל — דאָס הויז פון גאָט.

די קינדער האָבן געפאָלגט יעקבן, זיי האָבן אים אַוועקגעגעבן „אַלע פרעמדע געטער, וואָס אין זייער האַנט און די אוירינגען וואָס אין זייערע

אויערן״ און יעקב האָט עס באַגראָבן אין דער ערד, און זיי זענען אַוועק אין בית אל.

דאָס איז געווען די שטאַרקסטע גבורה וואָס יעקב האָט באַוויזן אין זיין לעבן: אַרויסרייסן די אייגענע קינדער פון אַסימילאַציע, זיי אַרויפפירן צוריק אויפן גלייכן יידישן וועג, אַראָפּוואַרפן פון זיך די פרעמדע, נישט-יידישע קליידונג און באַפּוצונג און באַגראָבן די צירונג אין דער ערד. — עס איז נאָך דענסטמאָל נישט געווען קיין קרן קיימת און קרן היסוד, ווען דאָס וואָלט געווען, וואָלטן זיי זיכער אַוועקגעגעבן די צירונג פאַר די קרנות.

דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכע גבורה.

דעמאָלט האָט זיך ג-ט באַוויזן צו יעקבן און אים געזאָגט: דיין נאָמען איז יעקב, זאָל מער נישט גערופן ווערן דיין נאָמען יעקב, נייערט ישראל זאָל זיין דיין נאָמען.

דעם ערשטן מאָל האָט אים אַ מלאך געגעבן דעם נאָמען ישראל דערפאַר, וואָס ער האָט איבערגעשטאַרקט אַלע זיינע שונאים אוּן נישט-שונאים, וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן אים אין זיין וועג, און איצט, ביי דער גבורה פון אַרויפפירן די קינדער אויפן דרך הישר האָט ג-ט אַליין באַשטעטיקט דעם נאָמען ישראל.

דער מדרש זאָגט: „דריי נעמען רופט מען דעם מענטשן, איינער, וואָס טאַטע-מאַמע רופן אים, דער צווייטער, וואָס אַלע מענטשן רופן אים, און דער דריטער נאָמען איז, וואָס דער מענטש אַליין דערווערבט. דער בעסטער פון אַלע איז דער דריטער״. איז ווי גוט איז דער נאָמען „ישראל״, וואָס גאָט אַליין האָט געגעבן יעקבן!

* * *

ישראל איז דער נאָמען נישט בלויז פון דער פּערזאָן יעקב, נאָר עס איז דער נאָמען פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, די בני ישראל, דאָס איז אַ טיטל, אַן אויסצייכענונג.

און ווער נאָך ווי דאָס יידישע פאָלק האָט זיך פאַרדינט דעם נאָמען „ישראל״, וואָס באַדייט: ער האָט געקעמפט מיט מענטשן און מיט גאָט און האָט זיי באַזיגט.

פון שטענדיק אָן קעמפט דאָס יידישע פאָלק מיט זיינע שונאים, וואָס ווילן אים אומברענגען, עס קעמפט מיט גאָט, וואָס שיקט אָן אויפן פאָלק צרות, איינע גרעסער פון דער צווייטער. אַנדערע פעלקער וואָלטן זיך שוין לאַנג אָפּגעטרייסלט פון אים, נאָר דאָס יידישע פאָלק האַלט זיך פעסט אין

גאָט טראָץ אַלע ליידן און נסיונות. אַזאַ פאָלק האָט זיך פאַרדינט דעם נאָמען ישראל!

מדינת ישראל, דער עסענץ פון פאָלק ישראל, וואָס איז די קאָנסעקווענץ פון יידישער גייסטיקער גבורה און אויסדויער, באַווייזט איצט, אַז זי האָט כשר פאַרדינט צו טראָגן אַזאַ יחוסדיקן נאָמען. דער נאָמען פאַסט איר און זי פאַסט פאַרן נאָמען. הלוואי אויף אייביקע יאָרן מיט דעם זעלבן גייסט פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד, און עס זאָל אונדז דינען אַלס שטאָלץ, דער דריטער נאָמען — ישראל!

מִקֵּץ

„ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חולם” — און עס איז געווען צום סוף פון צוויי יאָר צייט, האָט זיך פרעהן געחלומט.

מיר שיינט, אַז מען וואָלט געקאָנט באַצייכענען יענע צייט אַלס די עפּאָכע פון חלומות.

יעקב אבינו האָט געחלומט; יוסף האָט געחלומט; פרעה האָט גע־חלומט.

דריי חלומות, דריי פאַרשידענע פּאָזיציעס, דריי פאַרשידענע לעבנס־אָנשויאונגען און דריי פאַרשידענע אינטערפּרעטאַציעס.

יעקב האָט פאַרלאָזט זיין היים, זיין לאַנד. דאָס איינציקע צידה־לדרך וואָס ער נעמט מיט, זענען די ברכות פון טאַטע־מאַמע און אַ באַפעל, ער זאָל נישט נעמען קיין ווייב פון די טעכטער פון כנען, נאָר פון דער מוטער רבקהס משפחה.

איינגנטלעך איז דאָך אַ פראַגע: עשו איז געווען אַ זון פון יצחק און רבקה, גלייך מיט יעקבן, איז פאַרוואָס האָבן זיי נישט געגעבן די זעלבע עצה אויך עשון, מיט וועמען ער זאָל זיך מתחתן זיין? נאָר דער ענטפער איז אַן איינפאַכער: עשו האָט נישט געוואַרט אויף קיין עצה פון טאַטע־מאַמע; ער האָט גענומען ווייבער, נישט קימערנדיק זיך וועגן זייער אָפּ־שטאַם, פון וועלכע ער וועט אויפשטעלן פאַמיליעס, צי זיי פּאַסן זיך צו צו דעם מאָראַליש־פילאָזאָפישן לעבנסאַרט פון זיין זיידן אברהם און טאַטן יצחק.

יעקב גייט איינער אַליין אין וועג, און עס טראַכט זיך אים איבער דעם אויבערשטנס דרכים: עשו, וועמענס מעשים זענען אין ווידערשפּרוך מיט דעם לעבנסאַרט פונעם בלינדן פאָטער און כשר־צניעותדיקע מוטער, זיצט רואיק אין זיין היים, בשלום; און ער, יעקב, דער איש תם, דער ערלעכער מאַן צו ג־ט און צו לייט, דאַרף זיין נע־ונד. זיין וועג איז שטיינערדיק; דאָס האַרץ פאַרשטיינערט און צוקאָפּנס אַ שטיין.

ער, יעקב, האָט טאַקע די ברכות, און עשו געניסט פון לעבן גוט, אָן ברכות.

אַ שווערע פּראָבלעם עגבערט אינעם מוח פון דעם וואַנדערנדיקן יעקב און מיט אַט די געדאַנקען ווערט ער אַנטשלאָפן, און עס חלומט זיך אים:

עס שטייט אַ לייטער אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט צום הימל, און מלאכים זענען „עולים ויורדים".

„עולים ויורדים" ביידע גלייך, פּאַראַלעל, נישט ווי דער דרך־הטבע, אַז מען גייט אַרויף און נאָכדעם גייט מען אַראָפּ, צי פריער אַראָפּ און נאָכ־דעם גייט מען אַרויף, נאָר די עליה און די ירידה ווערן געמאַכט גלייך, אין איין און דער זעלבער צייט, און יעקבן שרעקט דער דאָזיקער חלום.

אונדזערע חכמים זאָגן אונדז: „אותו היום שהכנים ירבעם שני עגלי זהב, נבנה צריף אחד — וזהו איטאליא של יון" — אין דעם טאָג וואָס ירבעם האָט אַריינגעבראַכט די צוויי גאָלדענע קעלבלעך, איז אויפגעבויט געוואָרן אַ באַראַק, און דאָס איז די איטאַליע פון גריכנלאַנד.

דאָס וויל זאָגן, אַז פּאַראַלעל מיטן געצנדינערישן קולט פון די גאָלדענע קעלבער, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין ישראל, צוגלייך מיט דער מאָראַלישער ירידה פון ישראל, איז עס געווען אַן עליה פאַר די געצנדינע־רישע גריכן, וועלכע האָבן שטאַרק געדריקט און פאַרפאַלגט דאָס יידישע פאָלק.

„בשעה שנשא שלמה את בת פרעה, ירד גבריאל, ונעץ קנה בים ועליו נבנה כרך גדול של רומי" — אין דער שעה וואָס שלמה המלך האָט חתונה געהאַט מיט פּרעהס טאָכטער, איז אַראָפּ דער מלאך גבריאל און האָט אַריינגעשטעקט אַ פלאָקן אין ים, און אויף אים איז אויפגעבויט געוואָרן אַ גרויסע רוימישע שטאָט.

די ירידה פון חתונה האָבן מיט אַ מצרישע טאָכטער, איז געווען דער אָנהויב, אַז אַ פרעמד פאָלק — רוים, זאָל חרוב מאַכן ארץ־ישראל.

„ביום שחרב בית המקדש נולד הגואל" — אין דעם טאָג וואָס דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געבוירן געוואָרן דער אויסלייזער — משיח.

ירידה און עליה, עולים ויורדים, קומען צוזאַמען.

יעקב באַקומט די בכורה און דעם פאָטערס ברכות. ער פילט זיך דער־הויבן, און עשו צאָרנט, און מיטאַמאָל אַזאַ ירידה. יעקב דאַרף אַנטלויפן —אַ געשעעניש וואָס ווידערהאָלט זיך כמעט אין יעדן דור— און אין מיטן חלום דערהערט יעקב דאָס געטלעכע וואָרט: „הארץ אשר אתה שכב עליה", די ערד וואָס דו ליגסט אויף איר; עס איז טאַקע נישט גוט צו ליגן אויף דער האַרטער ערד מיט אַ שטיין צוקאָפּנס, אָבער „לך אתננה ולזרעך אחריך" — צו דיר וועל איך געבן די דאָזיקע ערד; און עס איז בעסער צו ליגן אויף טרוקענער ערד, נאָר אייגנס, ווי צו שלאָפן אין פּאַלאַצן אויף פרעמדער ערד. „ולזרעך אחריך" — און צו דיינע קינדער וואָס וועלן גיין

נאָך דיר, אין דיינע דרכים; זיי וועלן שוין אָפּראַמען די שטיינער. עס וועט קומען אַ קרן־קימת־לישראל וואָס וועט מאַכן אַן אַרבעט, וועלכע אַלע וועלן באַגריסן, „ונברכו בך״.

יעקב כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און איז זיך אַליין פּותר־חלום: „אכן יש ד׳ במקום הזה״ —עס איז פאַראַן אַ ג־ט אויפן דאָזיקן אָרט—, און איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט. די עולים ויורדים, די עליה און די ירידה איז גאָר געווענדעט אין אונדז אַליין, אין אונדזערע מעשים. „והאבן הזאת...״ —און דער שטיין אויף וועלכן איך האָב געלייגט מיין קאָפּ— „יהיה בית אלקים״ —וועל איך פון אים מאַכן אַ מאָנומענטאַל געטלעך הויז. ווי אַזוי? מיט וועלכע מיטלען? — „וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך״ —פון דעם וואָס דו, ג־ט, וועסט מיר געבן, וועל איך אַ צענטל געבן פאַר דיר.

לאָמיר לערנען די פּרשה חומש. יעקבס חלום און זיין נדר איז גילטיק ביז צום הייַנטיקן טאָג. אויפן שטיינערנעם באָדן פון מדינת־ישראל ווערן געשאַפן מאָנומענטאַלע ווערק. וואָס עס פעלט איז, מיר זאָלן דערפילן וואָס גיכער מיט יעקבס נדר. און דאַן וועלן מיר זיין פון די שטענדיקע עולים, מיט אַ שטענדיקער עליה.

* * *

און יוסף חלומט. יוסף לעבט שוין אין גאַנץ אַנדערע אומשטענדן: אָפּגעהיט, געצערטלט, אָן זאָרג. יוסף ווייסט, אַז דער זיידע יצחק האָט געבענטשט יעקבן מיט „יעבדוך עמים״ —פעלקער זאָלן דיר דינען—, אָבער יעקב זוכט נישט און טוט גאָרנישט כדי צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע ברכות. זיין טאַטע יעקב, איז באַשיידן, ווי עס פּאַסט פאַר אברהם אבינוס אַן אייניקל. האָט יוסף גענומען חלומען איבערצונעמען די ירושה פון די ברכות, און ווערן געוועלטיקער איבער זיינע ברידער.

יוסף האָט געהאַט אַ טעות. יצחק, אין זיינע ברכות, האָט געזאָגט: „הוה גביר לאחיך״ — זאָלסט זיין אַ גביר צו דיינע ברידער, נישט קיין מושל.

„גביר״, איז אַ גאָר הויכער טיטל. מען דאַרף קאָנען זיין אַ גביר; מיט געלט אַליין איז מען נישט קיין גביר. ר׳ מרדכי ראָזאָווסקי ז״ל, פלעגט זאָגן: „נו, נו, האָט ער געלט, ער איז דאָך אָבער אַן אָרימער ייד״.

אגב איז דאָס וואָרט „גביר״ דערמאָנט טאַקע נאָר דאָס איינציק מאָל אין תנ״ך, אַ סימן, אַז קיינער האָט נישט פאַרדינט דעם טיטל „גביר״ ביי זיינע ברידער.

יוסף חלומט. ער זעט אין זיינע ברידער באַזונדערע סנאָפּעס, יעדער פאַר זיך. פאַשען די שאָף גייען אַלע. צו וואָס אַלע? וואָלט נישט געווען גענוג איינער, אָדער צוויי, און די אַנדערע זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט אַנ־

דערעווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, לויט אַ געוויסן סדר, אַט אַ שטייגער, ווי עס פירט זיך איצט אין די קיבוצים און מושבים אין ארץ־ישראל?

משה רבינו האָט געפּאַשעט איינער אַליין יתרוס שאָף.

ישי האָט אויך געהאַט אַכט זין, און געפּאַשעט די שאָף האָט איינער — דוד.

מיר זעען אויך, אַז ווען די ברידער זענען צוריקגעקומען פון מצרים, וואו זיי זענען געגאַנגען קויפן שפּייז, „ויהי הם מריקים שקיהם, והנה איש צרור כספו בשקו" — און עס איז געווען, ווי זיי ליידיקן אויס זייערע זעק, ערשט יעדנס בינטל געלט אין זיין זאַק.

געגאַנגען זענען זיי אַלע צוזאַמען, מיט איין־איינציקן צוועק: קויפן שפּייז צום עסן, נאָר יעדערער האָט געהאַט זיין בייטל געלט באַזונדער.

ביי אַזאַ אינדיווידועלער אָרדענונג, האָט יוסף פאַנטאַזירט צו ווערן הערשער. אָנשטאָט דעם פּאַטריאַרכיזם האָט ער געוואָלט איינפירן אַ פעדעראַטיוון סיסטעם, אָבער די ברידער האָבן זיך געפילט באַליידיקט; זיי האָבן בעסער געוואָלט די משפּחה־זעלבסטשטענדיקייט, און עס האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ שנאה צו יוספן.

אָבער גראָד אָט די שנאה האָט געפירט צו דעם, אַז יוספס חלומות זאָלן מקויים ווערן. יוסף איז געוואָרן אַ מושל אין מצרים און די ברידער האָבן געמוזט אָנקומען צו אים.

מיט שנאה, ווייסט מען קיינמאָל נישט צי מען טוט אַ רעה דעם שונא.

אויב ס'איז —ווי מ'זאָגט— אמת, אַז דאָס העלדישע צבא הגנה לישראל האָט זיך באַנוצט אין איר מאַרשרוט, אין דער ערשטער מלחמה, מיט סטראַטעגישע וועגן וואָס זענען פאַרצייכנט אין תנ"ך, וואָלטן אויך געדאַרפט גענומען ווערן אין אַכט די אַלע געשעענישן און רעזולטאַטן וואָס עס האָבן געבראַכט די מיספאַרשטענדענישן, דער עקסטרעמער שבטים־סיסטעם, די שנאת־אחים. פיל טויזנטער מענטשן זענען געפאַלן פון די הענט פון די אייגענע ברידער, נאָר צוליב דעם אונטערשייד פון דער אויסשפּראַך „ש" און „ס".

וואָס פאַראַ אומגליקן עס האָבן געבראַכט דאָס וועלן צופּאַסן די ישראל־זיטן צו פרעמדע אידעאָלאָגיעס פון אַנדערע גרויסע פעלקער.

נישט די מחלוקת פון בית שמאי און בית הלל, נישט די פאַרשידענע אינטערפּרעטאַציעס פון רבי גמליאל און רבי אליעזר האָבן געשעדיקט די נאַציאָנאַלע ישראל־אינטערעסן. פאַרקערט, זיי האָבן געשטאַרקט און געלייטערט דעם פאָלקס־גייסט.

שפּאַלטונגען, קאָנפוזיעס און אָפּשוואַכונג האָבן אַריינגעבראַכט אין פאָלק נאָר די סעקטאַרישע אַמביציעס, וואָס האָבן געוואָלט אַריינברענגען אין ישראל פרעמדע קולטן און ציוויליזאַציעס.

שווער צו פאַרשטיין די מאָדנע דערשיינונג פון אונדזער אינטעלעקט: ווי גרינג מיר שפּאַלטן זיך, ווי לייכט עס פאַרמירט זיך פון איין פּאַרטיי — צוויי צי דריי פּאַרטייען, און ווי שווער ס׳איז צו שאַפן פאַראייניקונג.

די וועלט ברענט. פאַרשידענע פּלאַמיקע קאָלירן רייסן זיך און ווילן איינשלינגען איינע די אַנדערע, און אַלע צוזאַמען ציען זייערע פּלאַמיקע צונגען צו מדינת־ישראל, וועלכע מער, וועלכע ווייניקער. די איינציקע וואָס ווילן מיט זייער פייער בויען און באַשיצן די מדינה, זענען די מענטשן פון דער ציוניסטישער מחנה.

איצט, מער ווי קיינמאָל, איז דרינגנדיק דאָס שאַפן אַ פאַראייניקטן ציוניסטישן כוח, אַן אָרגאַניזירטע און דיסציפּלינירטע קראַפט.

פעלקער — גרעסערע און קלענערע — טראַכטן וועגן מאַרגן און אָרגאַניזירן זיך, פאַרפעסטיקן זייערע קרעפטן על כל צרה שלא תבא. נאָר מיר, דאָס יידישע פאָלק איז איינע אַליין, און אַלס אַזעלכער איז אונדזער פליכט צו טון אַלעם מעגלעכעס, אַז דער „איינער אַליין" זאָל זיין אַ גאַנצער, פאַרגאַרטלט מיט איין גאַרטל, כדי צו קאָנען שטיין פעסט און דערמיט „אָפּקילן" די פלאַמען וואָס די ווינטן בלאָזן אויף אונדז פון אַלע זייטן.

עס האָט זיך געשאַפן ביי אונדז אַ „ציוניסטישע טעריטאָריעלע אָרגאַניזאַציע", לויטן באַשלוס פון דעם 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. און עס האָט זיך געדאַכט — און דער שכל איז עס מחייב —, אַז יעדער ייד, מאַן און פרוי, זאָל אומגעזאַמט זיך אָנשליסן און האָבן דעם כבוד צו געהערן צו דער דאָזיקער ציוניסטישער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע. צום באַדויערן נוצן מיר אויס אונדזער „חכמה" צו באַווייזן דעם קונץ פון „קאַפּויער".

לאָמיר זיך לערנען ביי דער פרויען־אָרגאַניזאַציע „וויצאָ". עס איז דאָך פשוט זיי מקנא צו זיין. זיי האָבן באַשטימט צו פאַרדאָפּלען זייער צאָל מיטגלידערינס — פון 35 טויזנט ביז 70 טויזנט — דאָ, ביי אונדז אין לאַנד. געבענטשט און געשטאַרקט זאָלן זיי זיין, אונדזערע טייערע שוועסטער. אָט דאָס הייסט שאַפן אַ ווירדיקן נאַציאָנאַלן כוח! און מיר, מענער, קליגן זיך מיט פראַגעס אויף פראַגעס, מיט דער חכמה ווי אין די ערשטע יאָרן בימי הערצל. די גאָר גרויסע „חכמים" וואַרטן ביז עס וועט ווערן אַ „יש", וועלן זיי קומען פאַרנעמען די ערשטע בענקלעך; און די קלענערע „חכמים" — חכמען זיך, און ווי שטענדיק, וואַרטן זיי צו קומען צו אַלעם פאַרטיקן.

איין ייד אין אַן אָרגאַניזאַציע פאַרגרעסערט טויזנטפאַכיק דעם כוח; טויזנט יידן איינצלנע — האָבן דעם כוח פון איינעם.

יוסף מיט זיין גאַנצער מאַכט און חכמה, מיט דער מחנה עברים, צעטיילטע אין צוועלף שבטים, האָט יעדער שוואַרצער מצרי געוועלטיקט איבער זיי אַלעמען.

אַן אידעאַל קאָן נישט זיין קיין צעשוואומענער; ער מוז האָבן זיין קאָנצענטראַציע-פּונקט, און דאָס איז איצט ביי אונדז די „ציוניסטישע טעריטאָריעלע אָרגאַניזאַציע".

* * *

דער קעניג פּרעה האָט געחלומט: „פון טייך גייען אַרויס זיבן שיינע, פעטע קי, און האָבן זיך געפּאַשעט אויף די גראָזן. נאָכדעם זענען אַרויס זיבן מאָגערע, מיאוסע קי און זענען געבליבן שטיין, קוקנדיק ווי די פעטע קי פּאַשען זיך, ביז זיי זענען אַרויס פון געדולד און האָבן איינגעשלונגען די זיבן פעטע קי, אָבער זיי זענען געבליבן מאָגער ווי געוועזן".

הרב ר' יהודה זלאָטניק, זאָל מאריך ימים זיין, ווען ער איז געווען אַ גאַסט ביי אונדז אין אַרגענטינע, האָט ער אין אַ גלענציקער קאָנפערענץ באַרירט דעם עפּיזאָד פון די זיבן קי, און האָט עס דערקלערט מייסטערהאַפט:

„דער קעניג פּרעה האָט געזען, אַז אין זיין לאַנד זענען די זאַכן נישט אין אָרדענונג. איין סעקטאָר איז זייער רייך און געניסט פון כל-טוב, און אַ צווייטער סעקטאָר האָט נישט קיין עסן צו-זאַט. ער, פּרעה, האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ סיטואַציע קאָן ווערן געפערלעך פאַרן לאַנד און פאַר דער מלוכה. די הונגעריקע קאָנען ווערן אויפגעבראַזט און איינשלינגען די זאַטע, אָבער בעסער וועט פון דעם נישט ווערן".

מיר האָבן אַ לעבעדיקן ביישפּיל אין אונדזער צייט. אין איינע פון די גרעסטע מלוכות, האָט דאָס אָרעמע פאָלק אויפגעבראַזט און מיטן גאַנצן צאָרן באַוויזן צו פאַרשלינגען, צעברעכן און פאַרענדיקן מיט די פעטע, רייכע מאַגנאַטן. נישטאָ דאָרט מער קיין קאַפּיטאַליסטן. אָבער דער אָרעמער, דער אַרבעטער, איז געבליבן אָרעם ווי געווען, אויב נישט נאָך אָרעמער מאַטעריעל און גייסטיק.

און פּרעה האָט געחלומט וועגן דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

און מערקווירדיק, פון אַלע מצרישע חכמים, כישוף-מאַכערס, איז נישט געווען קיין איינער וואָס זאָל קאָנען געפינען אַ לייזונג צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם, און מען האָט געמוזט אָנקומען צו דעם איין-איינציקן יידן, וואָס האָט זיך געפונען פאַרשפּאַרט אין אַ תפיסה, צוליב אַ בלבול פון אַ פאַררעטערישע פרוי, אַז ער זאָל געבן אַן עצה.

יוסף האָט נישט נאָר פּותר-חלום געווען פּרעהן, נאָר דער עיקר, ער האָט אים געגעבן אַן עצה ווי אויסצומיידן אַ געפערלעכן קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויפן לאַנד.

יוסף איז אָבער באַגאַנגען אַ טעות. ער האָט טאַקע פּראָוויזאָריש געראַטעוועט דאָס לאַנד פון אַ קריזיס. אַלע האָבן געהאַט זיבן זאַטע יאָר צום

עסן, אָבער ער האָט דעסקאַפּיטאַליזירט דאָס לאַנד, און דאָס גאַנצע רייכ־טום אַריבערגעפירט צו פּרעהן. יוסף האָט געהאַנדלט לויט די מצרישע גע־זעצן.

לויטן יידישן דין, איז פאַראַן שמיטה און יובל, ווען דער פּאַראָרעמטער ווערט צוריק בעל־הבית איבער זיין אייגנטום.

און דער רעזולטאַט איז געווען, לויט ווי מיר זעען דאָס איצט: פּרעה איז געשטאָרבן, געבליבן איז נאָר דער אָנדענק, אַז דער עברי יוסף האָט ביי זיי צוגענומען אַלץ; און מען האָט זיך נוקם געווען אין אַלע עברים.

אַך, ווען אונדזערע קאָכלעפל וואַלטן געלערנט חומש און די יידישע היסטאָריע, און נעמען אין אַכט די רעזולטאַטן פון וועלן דינען דעם פּריץ, זיין פּויפּסטלעכער פונעם פּויפּסט. די רעזולטאַטן פון אחינו בני־ישראל, וואָס פאַרכליניען זיך מיטן יידישן איבערגעטריבענעם פאַנאַטיזם און מיט נישט־יידישער אכזריות.

יאָ, די רעזולטאַטן פון פאַרלייקענען דעם אייגענעם „איך", דעם איי־גענעם עבר — איז דער סוף, אַז מען נעמט־צו ביי זיי דעם עתיד, און בלייבן לעבעדיק־טויטע, אָדער טויט־טויטע.

דריי חלומות. אָבער דאָס יידישע פאָלק האַלט זיך און וועט אונטער אַלע אומשטענדן זיך האַלטן ביים ערשטן חלום, ביים חלום וואָס פאַרבינדט די ערד מיטן הימל, און אַז דער גאַנצער קאָסמאָס איז אַ בית־אלקים, און מיר וועלן מקיים זיין דעם נדר פון „וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך".

וַיְחִי

א.

יעקב אבינו באַקומט די העכסטע אויסצייכענונג. ער באַקומט דעם ערן-טיטל „ישראל”, וואָס באַשטעטיקט, אַז ער איז אַן אויסגעפּרואוטער אויף אַלע געביטן, וואו ער איז געווען, ביי אַלע אומשטענדן — אין אָרעמקייט, אָדער אין רייכקייט, אין נויט צי אין רהבות, אין צייט פון געפאַר, ווי אין רואיקע צייטן, בלייבט ער, יעקב, גאַנץ מיט זיין אמונה און בטחון.

יעקב לאָזט זיך נישט איינשלינגען פון אַנדערע קולטורן. די אַסימילאַציע קלעפּט זיך נישט צו אים, ווייל זיין חוש איז צו העכערס, צו שלימות פון מענטשלעכקייט, אין קעגנזאַץ צו די געצנדינערישע אינסטינקטן וואָס גייען-נאָך נאָכן פאַרלאַנג פון דעם וואָס דאָס אויג זעט.

ער, יעקב, האָט געוואוסט אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צו לעבן אין אַ גן-עדן, און דער גן-עדן איז באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטשן. נאַטירלעך, אַ גן-עדן דאַרף מען אָפּהיטן עס זאָל אין אים נישט וואַקסן קיינע נישט-געוואונטשענע פלאַנצן; ס'זאָל איז אים זיך נישט אַריינכאַפּן קיינע שעדלעכע מיקראָבן, ווייל ווען מ'איז נישט גענוג פאָרזיכטיק און מ'דערלאָזט אָט די פרעמדע עלעמענטן אַריינדרינגען אין גן-עדן אַריין, פאַרוואַנדלען זיי זיך אין פאַראַזיטן, וואָס נעמען לאַנגזאַם צו, אומבאַמערקטערהייט, דאָס חיות ביי די נוצלעכע פלאַנצן און פאַרדאַרבן דעם גן-עדן. יעקב האָט דעריבער געקעמפט אָנצוהאַלטן די ריינקייט פונעם משפּחה-גייסט, וואָס זיין זיידע, באָבע, פאָטער און מוטער האָבן גענומען פרייוויליק אויף זיך, און געלערנט זיינע קינדער, זיי זאָלן שפּינען און וויטער בינדן דעם דאָזיקן ריינעם, העכערן לעבנסשטייגער, הויך צו האַלטן דעם סטאַנדאַרט וואָס סימבאָליזירט דעם אחדות-הבורא און דעם אחדות-האומה.

יעקב איז באַשיידן. ער, מיט זיין משפּחה לעבן ווי איינפאַכע פּאַסטוכער און זוכן נישט קיין גרויסקייטן, און זיין איינציקע שטרעבונג איז — לעבן רואיק. ער, יעקב, האָט זיך געשלאָגן מיט מלאכים. אַ מענטש קאָן נישט און דאַרף נישט זיין קיין מלאך, וואָס איז פּטור פון מצוות און טוט

נישט קיין עבירות; אַ מענטש האָט זיינע פליכטן צו זיך, צום חבר, צו דער געזעלשאַפט, און ס׳איז אומפאַרמיידלעך אַז ער זאָל נישט באַגיין קיין פעלערן. אַ מענטש איז נישט קיין מלאך, אָבער אַ מענטש דאַרף ער זיין, און ווי אַזעלכער דאַרף ער פּערפעקציאָנירן זיין מענטשלעכקייט ביז צום שענסטן גראַד; אָבער געשלאָגן זיך מיט מענטשן האָט יעקב נישט, דאָס האָט ער שטענדיק אויסגעמיטן. ווייל אַרויפגעצוואונגענע אידעען, אַרטיפיציעלע „מענטשלעכקייט״ איז דער קוואַל פון חניפה, פאַלשקייט און קאָרופּציע.

יעקב גיט נישט זיינע קינדער דעם טיטל „אַלוף״, ווי ס׳האָט געטון זיין ברודער עשו. צו וואָס? לויט יעקבס אויפפאַסונג, דאַרף יעדער מענטש פאַרנעמען די פּאָזיציע וואָס ס׳קומט אים לויט זיינע פעאיקייטן. דעם דאָזיקן קריטעריום האָט ער אָנגעווענדעט אויף זיינע אייגענע קינדער און אייניקלעך. נישט דער טשין, נישט דער פּאָסטן וואָס איינער פאַרנעמט, דערהויבט אים אין דער געזעלשאַפט, נאָר זיינע פּערזענלעכע מעשים, זיין אויפפירונג, זיין גוטער ביישפּיל. דער טיטל „אַלוף״, פּרינץ, אָדער וועלכער נישט איז אַנדערער טיטל וואַרפט אַרויף פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָבער נישט אַלע וואָס נעמען אָן דעם טיטל האָבן גענוג גייסטיקן כוח צו טראָגן דאָס אויף זיי אַרויפגעוואָרפענע אחריות.

אגב, האָט יעקב געזען וויפל צרות און ליידן ס׳האָט אים פאַרשאַפט דער פאַקט, וואָס איינעם פון זיינע קינדער האָט בלויז זיך געחלומט, אַז ער וועט ווערן אַ פּרינץ; בלויז די פאַנטאַזיע פון איינעם, האָט אַרויסגערופן קנאה־שנאה ביי די ברידער, און קנאה־שנאה זענען אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס נעמען צו אַפילו ביים קלוגסטן מענטשן די גלייכע ליניע פון דענקען און פאַרפירן אים אויף שעדלעכע וועגן.

קנאה־שנאה, זענען די געפערלעכסטע גורמים פון אַלע אומגליקן וואָס די מענטשן ברענגען אויף זיך אַליין. נישט אומזיסט וואָרנט אונדז די תורה: „זאָלסט נישט אַרומגיין מיט רכילות, זאָלסט זיך נישט נוקם זיין און נישט טראָגן קיין שנאה אויף אַ ברודער, אויסרעדן זאָלסטו אויסרעדן דיין חבר״. אים, דעם חבר אַליין זאָגן, אויב דו האָסט אויף אים אַ פאַרדרוס, אָדער דיר דאַכט זיך אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער, אָבער. אים נישט באַריידן אונטער די אויגן, אָדער אים פאַרוואַרפן אין דער אָנוועזנהייט פון אַנדערע.

מ׳דאַרף פאַרשטיין, אַז משה רבינו האָט אַריינגעשריבן אין דער תורה די אַלע גוטע מידות וואָס אונדזערע אבות האָבן געזוכט איינצופלאַנצן אין זייערע קינדער און אין אַלע מענטשן נישט נאָר טעאָרעטיש, נאָר טאַקע מיט גוטע ממשותדיקע ביישפּילן.

* * *

יאָ, יעקב האָט געוואָלט לעבן אַ שיין, רואיק לעבן. אָבער נישט אַלץ מאַכט זיך ווי עס ווילט זיך. איז אים, אומגעריכט, צוגעפאַלן אַ טראַגישער

פֿאַל מיט זיין טאָכטער; אַן אומגליק, וואָס זיין באַליבטער זון איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. איינער פֿון די זין איז אַוועק און האָט זיך אָפּגעזוכט אַ שותּף אין דער פֿרעמד, נישט פֿון דער משפּחה, און ער האָט פֿון אים געהאַט נישט קיין אַנגענעמע גרוסן. דערצו נאָך איז געקומען אַ שלעכטע צייט אין לאַנד כּנען. ס׳איז געווען אַ גרויסער הונגער און ער האָט געמוזט אַוועקשיקן צען פֿון זיינע קינדער קיין מצרים, וואו מ׳האָט געקראָגן צו קויפֿן דאָס נויטיקסטע צום עסן. ער אַליין, יעקבֿ, האָט נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס ג־ט האָט געזאָגט אַז ס׳וועט זיין זיינס אויף אַלע אייביקייטן. נאָר, ווי זאָגט דער שפּריכוואָרט: „עס איז נישטאָ קיין שלעכטס וואָס זאָל נישט מיטברענגען מיט זיך קיין גוטס״. אַט דער הונגער האָט געבראַכט צו דעם, אַז די ברידער וועלכע זענען געקומען קיין מצרים זוכן עסן פֿאַר זייערע פֿאַמיליעס, האָבן געפֿונען זייער פֿאַרלוירענעם ברודער, און גראָד דאָ איז דער ברודער געווען דער העכסטער פֿאַרוואַלטער פֿונעם פֿאַרקויף פֿון עסנוואַרג, און האָט אויך פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון שני־למלך. ווען די ברידער האָבן געבראַכט די ידיעה צום אַלטן פֿאָטער, איז ער געווען אויסער זיך פֿון שׂמחה, און דאָ האָט זיך געשאַפֿן פֿאַר יעקבֿן אַ האַרבע פּראָבלעם: דאָס האַרץ רייסט אים, ער וויל וואָס גיכער זען דעם זון, נאָך וועלכן ער האָט אַזוי־פֿיל געבענקט אַלע יאָרן, אָבער, ווי פֿאַרלאָזט מען די היים, דאָס לאַנד. ער דאַרף היטן און בויען דאָס לאַנד, וואָס וועט זיין פֿאַר זיינע קינדער און קינדס־קינדער. על־פּי־יושר האָט דער זון געדאַרפֿט קומען זען דעם טאַטן, אָבער דער זון קומט נישט, אפֿשר קאָן ער נישט, ער פֿאַרנעמט דאָך אַזאַ וויכטיקן פּאָסטן, בפֿרט אַז דער קעניג פֿון מצרים אַליין האָט אים איינגעלאַדן. עס פֿאַסירן אַזעלכע זאַכן, ווען קעניגן לאַדן־איין די ישׂראלים זיי זאָלן קומען רייך מאַכן זייער לאַנד, און נאָכדעם... דאָס איז אַ שפּעטערדיקע זאַך.

און יעקבֿ באַשטימט צו פֿאָרן קיין מצרים, ביז ס׳וועט זיך ענדיקן דער הונגער־פּעריאָד.

* * *

דער הונגער־פּעריאָד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן נאָך פֿינף יאָר, האָט זיך געענדיקט. יעקבֿ וואָלט שוין זיך געוואָלט אומקערן צוריק אַהיים, אָבער, וואָס טוט מען, ווי פּאַרט מען איינער אַליין און לאָזן די קינדער אין מצרים? די קינדער זענען עקאָנאָמיש גוט באַפֿעסטיקט; באַזיצן אַ גרויסע שטרעקע פֿעטן באָדן מיט גוטע פּאַשע פֿאַר די שאָף, און זיי טראַכטן גאָרנישט וועגן דער אַלטער היים.

יעקבֿ האָט געפֿילט, אַז ער וועט עס נישט איבערטראָגן. ס׳טייטש, ער האָט דעם געטלעכן צוזאָג, אַז דאָס גאַנצע לאַנד כּנען וועט זיין פֿאַר אים און זיינע קינדער, דאַרפֿן דאָך די קינדער זיין די ערשטע צו פֿאָדערן ביים

טאַטן, אַז מ׳זאָל וואָס גיכער אַוועק פון מצרים, וואו מ׳קוקט אויף זיי קרום. די מצרים ווילן נישט עסן מיט זיי ביי איין טיש, אַפילו נישט מיט זייער ברודער, דער שני־למלך, „ווייל דאָס איז אַן אומווירדיקייט ביי די מצרים צו עסן ביי איין טיש מיט די עברים". איז, אויף וואָס דאַרף מען וואַרטן, ווען מ׳ווערט באַטראַכט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג ווי נישט־גלייכ־באַרעכטיקטע? מ׳טאָלערירט אונדז נאָר דערפאַר, ווייל צייטווייליק דאַרפן זיי אָנקומען צום ברודער, אָבער ס׳קאָן דאָך קומען אַ צייט, ווען דער ברו־דער וועט ווערן אויס מקורב־למלכות. וואָס וועט דעמאָלט זיין? איז נישט בעסער מ׳זאָל באַצייטנס אַוועק, כל־זמן מ׳קאָן אַוועקגיין פריי און מיטנע־מען רואיק דעם גאַנצן פאַרמעגנס, און נישט וואַרטן ביז די מצרים וועלן זאָגן: „איר זענט פרעמדע בירגער", און מ׳וועט נאָך דאַרפן עמיצן בעטן ער זאָל זיך משתדל זיין, מ׳זאָל כאָטש אַרויסלאָזן די עברים מיטן לעבן.

אָ! ווען די קינדער פון ישראל, וואָס זענען געווען אין מצרים, וואָלטן באַרעכנט דאָס וואָס דער פאָטער יעקב האָט פאָרויסגעזען; אָ! ווען די בני־ישראל, וועלכע געפינען זיך אין אַנדערע לענדער און געניסן פון דער פרעמדער, רייכער ערד, וואָלטן געדענקט דעם שעבוד מצרים פון אַמאָל און פון היינט — אָ! ווען די יידן וואָלטן געדענקט דאָס, וואָס זיי אַליין זאָגן, אַז „צו גאָסט איז גוט, נאָר אין דער היים איז נאָך בעסער"! אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָס דער פאָלקס־זכרון איז אַזוי אָפּגעשוואַכט. ווען אונדזער זכרון וואָלט אונדז געדינט, און מיר דערמאָנען זיך באַצייטנס ווער מיר זע־נען, אין וועמענס הענט מיר זענען; ווען מיר באַרעכענען דעם אונטערשייד פון מאָגערער ערד — נאָר אייגנס, ביז צו פעטער ערד — אָבער פרעמדס, וואָלטן דאָך הונדערטער טויזנטער יידן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אומ־קום.

יעקב ווערט קראַנק, דער ערשטער וואָס איז קראַנק געוואָרן. זיין זיי־דע אברהם, האָט געלעבט הונדערט פינף און זיבעציק יאָר. דער פאָטער יצחק, האָט געלעבט הונדערט אַכציק יאָר, און זענען קיינמאָל נישט קראַנק געווען; און יעקב, צו די הונדערט זיבן און פערציק יאָר, איז געוואָרן קראַנק.

זיבן יאָר האָט ער געלעבט אין מצרים און זעט נישט וואָס ס׳וועט זיין די ענדע. ער הערט ווי די מצרים מורמלען „ותמלא הארץ אותם" — דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי, מיט די עברים; און יעקב שיקט רופן אַלע קינדער צו זיין קראַנקנבעט און וויל רעדן מיט זיי וועגן דעם קץ — וואָס וועט זיין דער סוף? מענטשן דאַרפן דאָך טראַכטן וועגן דער צוקונפט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך, און אפשר נאָכמער, פאַר די קינדער און קינדס־קינדער. נאָר, יעקב האָט באַטראַכט זיינע קינדער, און — אוי! ער קאָן מיט זיי נישט רעדן וועגן קץ, וועגן שפּעטער, ער קאָן נישט.

יעקב קוקט אויף זיינע זין, די צוועלף ברידער, און וואָס זעט ער? איי־נער איז אייליק ווי וואַסער, נישט אויסגערעכנט, איבערגעאיילט; צוויי זענען כעסנים, אויפגערעגטע, אַז ער וואָלט זיך נישט געווינטשט צו זיין אין זייער געזעלשאַפט ווען זיי ווערן אין כעס; איינער איז אַ וואַנדערער, וואָס האָט ליב צו פאָרן איבער די ימים; אַ צווייטער האָט ליב רואיקייט, אאַ״וו. אאַ״וו. צוועלף ברידער מיט צוועלף פאַרשידענע כאַראַקטערן — איז ווי קאָן ער רעדן מיט זיי וועגן אַ קץ, וועגן אַן איינהייטלעכן תכלית; האָט ער זיי נאָר געבעטן, אַז כאָטש נאָך זיין לעבן זאָלן זיי אים אַוועקפירן צו זיינע עלטערן און מקבר זיין דאָרט וואו די עלטערן רוען.

* * *

ס'איז געקומען אַ נייער פרעה. אייניקע זאָגן, אַז ס'איז טאַקע געווען אַ נייער מלך, אַנדערע זאָגן, אַז ס'איז געווען דער זעלבער פרעה, נאָר ער האָט שוין נישט דערקאָנט יוספן, —דעם יוספן, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס גאַנצע לאַנד און רייך געמאַכט פרעהן, דערקענט מען מער נישט; ער האָט שוין זיין אַרבעט אָפּגעטון, און ער קאָן זיך שוין גיין.

דער ערשטער דור איז אויסגעשטאָרבן. דער נייער דור זענען דאָך שוין געבוירענע מצרים, הייסע פּאַטריאָטן, און ווי אַזעלכע בויען זיי פּתום און רעמסס — מ'דאַרף באַווייזן אַז מ'איז געטריי דאָס לאַנד. און פרעה אַליין האָט גענומען אַ טאָג און זיך געשטעלט מאַכן ציגל. אַז די עברים האָבן געזען, אַז פרעה פערזענלעך שטייט און אַרבעט, האָבן זיי געאַרבעט נאָך פלייסיקער — מ'דאַרף זיך דאָך אויסצייכענען פאַר די אדונים. אַז עס האָט זיך געענדיקט דער טאָג —אַזוי ווערט דערציילט אין מדרש—, האָט פרעה געהייסן איבערציילן די ציגל און האָט אָנגעזאָגט, אַז די זעלבע צאָל ציגל דאַרפן זיי מאַכן אַלע טאָג. און האָט געשטעלט נוגשים און שוטרים, זיי זאָלן צווינגען די בני־ישראל אַז די אַרבעט זאָל געמאַכט ווערן פּינקטלעך.

אַזוי האָבן עטלעכע הונדערט טויזנט יידן אָפּגעפּינצטערט אַ פּאָר הונ־דערט יאָר, ביז פרעה האָט זיי אַרויסגעטריבן פון מצרים.

די טאַטעס זייערע האָבן נישט געטראַכט און זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז אַזוינס קאָן פאָרקומען, און מחמת דעם וואָס זיי האָבן נישט געטראַכט, האָבן זייערע קינדער געשקלאַפט און זענען געפּייניקט געוואָרן מיט דער ערגסטער אכזריות.

* * *

איך ווייס נישט, צי יענע צייט איז ענלעך צו אונדזערע צייטן, אָדער אונדזערע צייטן זענען ענלעך צו יענער צייט.

איין זאַך ווייס איך: יידן, מ'דאַרף טראַכטן!

ו י ח י

ב.

לערנען מוז מען, צו וויסן אַז מען דאַרף לערנען, און וויסן מוז מען נישט בלויז צוליב דעם טרוקענעם וויסן, נאָר כדי צו זיין אַ קולטור־מענטש, און אַ קולטור־מענטש איז אומבאַדינגט נויטיק צו זיין, כדי צו קאָנען לעבן אַ לעבן, וואָס איז כדאי צו לעבן; אַ לעבן וואָס שטאַרבט נישט, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך לעבעדיקייט; אַ לעבן וואָס קייטלט עולם־הזה מיט עולם־הבא — דער היינט זאָל שאַפן אַ בעסערן מאָרגן.

לערנען מוז מען פון דעם וואָס איז געשען פאַר אונדז, צו מאַכן בעסער און שענער אונדזער עקזיסטענץ ביים לעבן, און איבערלאָזן אַ לעבן וואָס זאָל נוצן צום לערנען, אַלס ביישפּיל פאַר די וואָס קומען נאָך אונדז, אָנהויבנדיק פון אונדזערע קינדער און אייניקלעך, וואָס קוקן זיך צו צו אונדזער לעבעדיקן לעבן און דאַרפן שפּינען וויטער דעם יידיש־ריינעם, רייכן פאָדים.

לערנענדיק, לערנט מען זיך אויס ווי צו שעצן דאָס לערנען; לערנענדיק געפינט מען אויס די פּערל פון לערנען, און אויב מען געפינט נישט די פּערל, איז אַ סימן אַז מען האָט נאָך נישט גענוג געלערנט — מוז מען זיך פאַרטיפן, זוכן, זיפּן, ביז מען געפינט.

דער בעסטער באַווייז צו דעם איז אונדזער אַלטע תורה, וואָס וויפל זי ווערט עלטער, ווערט איר קוואַל פון חכמה טיפער, לויטערער, און וואָס מער מען שעפּט פון איר חכמה, אַלץ מער קוואַליקער, קרעפּטיקער, שפּרודלדיקער שטראָמט אַרויס פון איר די יידיש־וועלטלעכע חכמה.

און לאָמיר זיך נישט אָפּשרעקן פאַרן וואָרט „רעליגיע". לערנען צוליב רעליגיע, איז טויזנטער מאָל העכער, נוצלעכער און מענטשלעכער, ווי נישט לערנען צוליב נישט־רעליגיע. עס איז נישט אָן ערך חשובער די פּאָזיטיווע און מאָראַלישע זייט פון רעליגיע, ווי די נעגאַטיווע זייט פון נישט־רעליגיע, וואָס פירט צו פוסטקייט און לאָזט אָפענע טירן פאַר הפקרות.

מען דאַרף לערנען! איז לאָמיר לערנען אַ פּרשה חומש:

„ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה" — און יעקב האָט געלעבט אין לאַנד מצרים זיבעצן יאָר.

דאָס איז געווען יעקבס צווייטער גלות. פריער צוואַנציק יאָר אין ארם, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין פאָטערס הויז, האָט ער געמוזט איבערוואַנדערן נאָכאַמאָל, — ביידע מאָל צוליב דרינגענדיקע סיבות.

מיר שיינט, אַז זינט דראַמאַטורגן שרייבן דראַמעס, איז נאָך נישט אָנגעשריבן געוואָרן אַזאַ רעאַליסטיש־עפעקטפולע דראַמע, מיט אַזאַ קלאַ־

דער און איינפאַכער שפּראַך, מיט אַזאַ וויטגייענדיקן מאָראַלישן אינהאַלט, ווי עס איז די דראַמע פון „ויחי יעקב", אַ דראַמע, וואָס האָט זיך אויסגע־וויקלט אין פאַרלויף פון אַ פּאָר הונדערט יאָר. לאָמיר אָנוואַרפן די הויפּט־שטריכן פון דער דראַמע:

יעקב האָט געהאַט צוועלף זין. איינעם פון זיי האָט ער געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט און האָט אים געשענקט אַ זיידן העמדל. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אַ זיידן העמדל? אָבער שרעקלעך איז די קנאה און געפער־לעך איז די גאווה. די צען עלטערע ברידער האָבן זיך געפונען באַליידיקט, און יוסף, דער פאַוואָריט, האָט זיך געפילט שטאָלץ און האָט זיך אַרומגע־טראָגן מיט חלומות, אַז ער וועט הערשן איבער די ברידער.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט, האָבן די ברידער פאַרקויפט יוספן צו דורכרייזנדיקע פון אַ פרעמד לאַנד, דאָס זיידן העמדל האָבן זיי ביי אים צו־גענומען, און דעם פאָטער יעקבן האָבן זיי געשיקט זאָגן, אַז אַ שלעכטע, ווילדע חיה האָט אים פאַרצוקט.

אַ שרעקלעך בילד, פאַרקויפט אַן אייגענעם ברודער! פאַרוואָס? די ברידער האָבן נאָכדעם חרטה געהאַט, אָבער זיי האָבן שוין נישט געקאָנט כאַפּן צוריק; זיי האָבן אים נישט געוואוסט וואו צו זוכן.

יוסף ווערט געבראַכט קיין מצרים, און ווערט פאַרקויפט אַלס קנעכט צו איינעם פון די הויפּט־דינער פון קעניג פרעה, וואו ער איז מצליח און פאַרדינט דעם פולן צוטרוי פון זיין האַר.

די האַרנטע מאַכט אַ בילבול אויף יוספן, און מען פאַרשפּאַרט אים אין תפיסה.

דורך אַ צופאַל, צוליב אַ חלום וואָס האָט זיך געחלומט דעם קעניג פון מצרים, דערוויסט ער זיך, אַז יוסף קען פותר־חלום זיין. און ווירקלעך, יוסף האָט דערקלערט דעם קעניג דעם באַדייט פון זיין חלום, און דער קע־ניג דערהויפּט אים דערפאַר צום גראַד פון וויצע־קעניג.

דער אַלטער פאָטער יעקב, האָט די אַלע יאָרן געטרויערט נאָך זיין זון יוסף, און זיך נישט געוואָלט טרייסטן.

אין לאַנד כנען, דאָס לאַנד וואָס ג־ט האָט פאַרשפּראָכן אונדזערע אבות אברהם, יצחק, וואו יעקב מיט זיין משפחה האָבן געוואוינט, האָט געהערשט אַ גרויסער הונגער. יעקב שיקט זיינע צען זין קיין מצרים, צו קויפן ברויט צו עסן. דער פאַרקויף פון ברויט איז געווען אונטער דער עקסקלוזיווער אויפזיכט פונעם וויצע־קעניג יוסף. ווען די ברידער זענען געבראַכט גע־וואָרן פאַר יוספן, האָט ער זיי דערקענט, נאָר ער האָט זיך נישט געלאָזט דערקענען פון זיי.

דאָ שפּילט זיך אָפּ אַן אויסערגעוויינלעכע דראַמע מיט רירנדיקע מאָ־מענטן. נעמט אַ חומש און לערנט, וועט איר זיך איבערצייגן; וויפל מען

לערנט זיך. דערזעט ער ס'איז שוין נישט נויטיק, טאַקע נאָך אַ קלאַפּנדיקע סצע־
נעס, לאָזט זיך יוסף דערקענען. ער שיקט ברענגען דעם אַלטן טאַטן יעקב
מיט דער גאַנצער משפחה און זיין גאַנץ פאַרמעגן קיין מצרים, וואו מיט
דער הסכמה פון קעניג פּרעה, ווערט באַשטימט פאַר זיי אַ שמיק פעט און
גוט לאַנד, מיט גוטע פּאַשע פאַר די סטאַדעס שאָף און רינדער, וואָס זיי
האָבן פאַרמאָגט.

העכסט דראַמאַטיש איז געווען די באַגעגעניש פון פאָטער און זון.
„אַצינד קען איך שטאַרבן, נאָכדעם ווי איך זע אַז דו לעבסט״, — האָט
אויסגערופן יעקב צו יוספן.

* * *

„ויחי יעקב״, און יעקב האָט געלעבט אין מצרים זיבעצן יאָר!

געמיינט האָט יעקב, אַז ער וועט פאַרבלייבן אין גלות נאָר אַ קורצע
ציים, העכסטנס פינף יאָר, ביז עס וועלן זיך ענדיקן די הונגער־יאָרן; אָבער
דאָס מאָל האָט ער נישט געקאָנט טון אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, ווען ער
איז אַנטלאָפן פון גלות־לבן. די קינדער זענען שוין אויסגעוואַקסן, יעדער
איינער האָט שוין געהאַט זיין ווייב און קינדער, פּרנסה איז דאָ בשפע, מען
לעבט רואיק. עפּעס אַ קלייניקייט, — דער ברודער איז דאָך וויצע־קעניג;
ער איז דאָך דער „באָס״ פון מצרים. פּאַשע פאַר די בהמות איז פאַראַן
לרוב, איז צו וואָס זיך אומקערן קיין כנען?

לעבט דער אַלטער יעקב זיבעצן יאָר אין מצרים. ער בענקט אַהיים.
ער ווערט קראַנק פון בענקעניש, שיקט ער רופן זיין זון, דעם וויצע־קעניג
יוסף, און פאָדערט פון אים, ער זאָל זיך שווערן, אַז ער זאָל טון מיט אים
כאָטש דעם חסד, „אַז ווען עס וועט קומען די צייט, וואָס איך וועל זיך לייגן
צו מיינע עלטערן, זאָלסטו מיך אָוועקטראָגן פון מצרים, און מיך באַגראָבן
אין זייער קבר — אין כנען״.

וואָס פאַר אַ טראַגישע איבערלעבונג!

וויפל צער און טרויער עס דריקט זיך אויס די אין ווערטער: „אַז איך
וועל זיך לייגן צו מיינע עלטערן, זאָלסטו מיך אָוועקטראָגן פון מצרים״.
דאָס, וואָס איך האָב נישט געקאָנט טון ביים לעבן, זאָלסטו עס מיר טון
נאָכן טויט.

יעקב איז קראַנק און איז באַזאָרגט. וואָס וועט זיין דער תכלית פון
די קינדער, זיי טראַכטן אַפילו נישט פון אומקערן זיך אַהיים. יעקב דער־
מאָנט זיך, אַז די קינדער זיינע זענען נישט קיין „צאַברעס״, זיי זענען דאָך
אַלע געבוירן געוואָרן אין גלות. זייערע פאַרמעגנס, די סטאַדעס שאָף און
רינדער האָבן זיי דערוואָרבן אין חוץ־לאָרץ, עס פעלט זיי דעריבער די איינ־
געבוירענע ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד.

יעקב, אויף זיין קראנקן בעט, דערמאָנט זיך אַז ווען ער האָט געדאַרפט אוועקגיין פון שכם און גיין קיין בית־אל, וואו ער האָט באַשטימט זיך צו באַזעצן דעפיניטיוו, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָנהייבן בויען זיין משפחה אין אַ ריין ישראל־גייסט, ווי ג־ט האָט געבאָטן, האָט ער, יעקב, געדאַרפט אָנזאָגן זיין הויזגעזינד: „טוט אָפּ די פרעמדע אָפּגעטער וואָס צווישן אייך און בייט איבער אייערע קליידער". יעקב האָט דערזען, אַז די קינדער האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך זיטן, מנהגים, געוואוינהייטן און קליידונג פון דער פרעמד, פון דער פאַמיליע לבן הארמי. נו, און וואָס וועט זיין איצט, אין דעם פרעמדן לאַנד מצרים? צו־גיך האָבן זיי זיך אַקלימאַטיזירט! דאָס האָט אים שטאַרק באַאומרואיקט, און קראַנקערהייט האָט ער געשיקט רופן די קינדער, צו ריידן מיט זיי פונעם קץ, וואָס קאָן זיין דער סוף פון דעם. וואָס איז עס פאַר אַ תכלית איינצובירגערן זיך אין אַ פרעמד לאַנד, אין דער צייט וואָס מען פאַרמאָגט אַן אייגן לאַנד, פאַרשפּראָכן פון ג־ט אַליין? מען דאַרף, קינדערלעך, טראַכטן פון אַ קץ, מאַכן אַ סוף צו די פאַלשע פּאָזיציעס, צו דעם אומזיכערן מאָרגן.

די קינדער זענען געקומען. יעקב האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, און ווענדנדיק זיך צו זיי, האָט ער אויסגערופן: „זאַמלט אייך איין, און איך וועל אייך זאָגן וואָס אייך וועט געשען אין סוף פון די טעג".

יעקב האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די קינדער. ער האָט זיי באַטראַכט, און באַטראַכטנדיק זיי, האָט זיך אָפּגעטון פון אים יענע פאַטערלעכע שטימונג, מיט וועלכער ער האָט געוואָלט ריידן צו זיי אין זיינע לעצטע טעג. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ געמיש פון כאַראַקטערן, מיט פאַרשידנאַרטיקע שטריכן און שטרעבונגען. איינער איז אַן איבער־געאיילטער ווי וואַסער, אַ צעשוואומענער; דער צווייטער און דער דריטער זענען אויפגערעגטע, ווערן גיך אויפגעברויזט, אַז ס'איז נישט מעגלעך צו האַלטן זיך מיט זיי צוזאַמען; איינער האָט חשק צו פאָרן איבער ימים און מאַכן מסחר; אַ צווייטער בייגט דעם רוקן, ליידט און צאָלט צינזן; אַן אַנדערער קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן ווי אַ שלאַנג; אַ צווייטער האָט אייגנשאַפטן פון מלכים. יעקב, באַמערקנדיק די דאָזיקע פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן, האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט אַזאַ העטעראָגענישן עלעמענט קאָן מען נישט ריידן וועגן אַזעלכע וויכטיקע ענינים, ווי קץ, תכלית, אין די לעצטע טעג פאַרן טויט. ער האָט עס געדאַרפט טון פריער, איצט איז שוין צו־שפּעט. האָט ער זיי אַלעמען געבענטשט, יעדן קינד אַ ברכה לויט זיינע אייגנשאַפטן, און האָט אָנגעזאָגט מען זאָל אים מקבר זיין אין לאַנד כנען, אין קבר וואָס דער זיידע אברהם האָט געקויפט פאַר מזומן געלט.

* * *

די דראַמע איז נאָך נישט געענדיקט:

דער טאַטע איז נישטאָ. די קינדער זענען טרויעריק. יוסף האָט זיי באַרואיקט, אַז זיי מעגן פאַרזעצן זייער באַשעפטיקונג מיט האָדעווען שאָף און רינדער, קיינער וועט זיי נישט באַלעסטיקן, ער איז דאָך עפּעס וויצע־קעניג פון לאַנד, אַ גאַנצער פּאַטראָן! וואָס קאָן נאָך זיין אַ בעסערע פאַרזיכערונג.

און די פאַמיליעס פאַרגרעסערן זיך. די סטאַדעס פאַרמערן זיך, און די ברידער פילן זיך צופרידן. זיי מאַכן שטאַרק רייך דאָס לאַנד מצרים, דערצו נאָך אַזוי יחוסדיק — זייער ברודער האָט דאָך איינפאַך אָפּגעראַטעוועט דאָס לאַנד פון הונגער־נויט, ער וועט דאָך פאַרשריבן ווערן אין דער מצרי־שער געשיכטע ווי אַ נאַציאָנאַלער העלד.

יאָרן גייען. יוסף שטאַרבט און זאָגט־אָן, אַז ווען די משפחה וועט זיך מיט דער צייט אומקערן אין זייער פאָטערלאַנד, זאָלן זיי נישט פאַרגעסן מיטצונעמען זיינע ביינער. די אַנדערע ברידער, האָבן דאָס אויך נישט אָנגעזאָגט.

יאָרן גייען. די מצרים האָבן פּלוצלינג גענומען פרעגן: וואָס טוען ביי אונדז אין לאַנד אַזויפיל עברים? זיי האָבן פאַרכאַפּט די בעסטע ערד, אַרבעטן גאַרנישט, ווערן רייך און שטאַרק אויף אונדזער חשבון. אונדזערע געטער דינען זיי נישט. און דעקרעטן נאָך דעקרעטן האָבן אָנגעהויבן דערשיינען, ווי אַזוי צו באַגרענעצן די רעכט פון די עברים, ביז זיי זענען אינגאַנצן געבליבן אָן רעכט, ווי איינפאַכע פאַריער. און אַפילו אין דער פאַריערשאַפט האָבן זיי זיך נישט דערמאָנט — די עברים —, אַז גאָר נאָענט וואָרט אויף זיי זייער אייגן לאַנד, וואו זיי קאָנען לעבן פריי, זעלבסטשטענדיק, ווי אַ פריי פאָלק. אַ פאָר הונדערט יאָר האָבן זיי געלעבט ווי שקלאַפן, געדריקטע און פאַרפאָלגטע; און ווען די נויט האָט שוין דערגרייכט צום קולמינאַציע־פונקט, ווען דאָס עברישע לעבן איז איינפאַך געוואָרן הפקר, האָבן זיך די אַלטע לייט דערמאָנט, אַז ס'איז פאַראַן אַן עברישער ג־ט, וואָס האָט געשלאָסן אַן אייביקן אָפּמאַך מיט אברהם, יצחק און יעקב וועגן נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע פאַרשפּרעכונגען, און האָבן גענומען רופן צו אים נאָך הילף. און ווען די פאָדערונג איז געקומען פונעם הארץ פון פאָלק; ווען דאָס פאָלק אַליין האָט דערפילט דעם פיין פון גלות, איז דעמאָלט געקומען אַ דערלייזער, וואָס האָט אויסגעלייזט די בני־ישראל און זיי אָוועקגעפירט קיין ארץ־ישראל.

ווילן, איז אַ פּרוכט וואָס דאַרף ווערן צייטיק, ס'דאַרף פאַרטיק ווערן, און אַז ס'זאָל פּאַסן, דאַרף מען וויסן ווי דאָס צוצוגרייטן, כדי צו קאָנען עס באַנוצן מיט טעם, אין צייט און מיט מאָס.

און כדי צו וויסן, מוז מען לערנען.

משה רבינו, דער דערלייזער, ביים באַנוצן דעם צייטיקן ווילן פון באַפרייאונג, האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי צו שטאַרקן און קולטיווירן דעם רצון דאַרף מען, ראשית-חכמה, שאַפן שכל טוב לכל עושיהם, גוטן שכל פאַר אַלע באַפרייער און באַפרייטע, און האָט אָנגעהויבן מיט דער חכמה פון געבן די באַפרייטע אַ תורה, אַ ספר מיט כללים צו לערנען, און זיי אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי ווילן עקזיסטירן ווי אַ פריי פאָלק, זאָלן זיי לערנען אָט די יידישע תורה, און ער האָט זיי שטרענג געוואָרנט קעגן אַסימילאַציע, ווייל אַסימילאַציע פירט צו גייסטיקער און פיזישער פאַרקנעכטונג.

כדאי צו דערמאָנען אַ וואָרט פון דעם גרויסן ייד און דענקער יצחק בער לעווינזאָן, ווען ס'איז געקומען אַ גרופע פון די אַזוי־גערופענע משכילים און אים פאָרגעלייגט, מען זאָל איבערבייטן דעם שבת אויף זונטיק, ווען אַזוי אַרום זיין גרינגער צו האַלטן דעם טאָג שבת, האָט ער זיי געענטפערט: „מה דאָך דעם שבת, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון ג־ט, ווילט איר צעשטערן, איז ווי וועט איר באַהאַנדלען דעם זונטיק, וואָס איר נעמט זיך אַליין? אויף אַזאַ אופן וועט סיי שבת און סיי זונטיק ביי אייך גאָר קיין ווערט נישט האָבן. שבת וועט איר זיך פירן ווי די גויים, און זונטיק ווי די יידן".

ווען מיר האָבן אַ גוטן שכל און לערנען אין אונדזער יידישע געשיכטע די אַלע גלותן וואָס מיר האָבן איבערגעליטן, און וואָס מיר ליידן נאָך. ווען עס ליידן פיזיש די מאַראָקאַנער יידן, רירט עס דען נישט אָן ביז דער זיבעטער ריפּ די יידן פון אַנדערע לענדער? ווען מען פאַרשטומט און פאַרטיליקט די מיליאָנען יידן פון רוסלאַנד, רינט נישט קיין בלוט פון אַלע יידישע הערצער?

„יעקב לא מת" — יעקב איז נישט טויט —, האָבן די אַלעגאָריקער געזאָגט. די טראַגעדיע פון יעקבן האָט זיך שוין פיל מאָל איבערגעחזרט, און מ'ווייסט קיינמאָל נישט, ווען און וואו זי קאָן זיך איבערחזרן נאָך אַמאָל. לאָמיר לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דעם איצט. פון פיל לענדער האָט מען אַרויסגעטריבן יידן איצט, אין אונדזער צייט, פאַר אונדזערע אויגן, און מ'האָט זיי באַרויבט פון זייער גאַנצן פאַרמעגן. לאָמיר עס געדענקען און לערנען, און דאַן וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז עס איז גאַרנישט אַזויפיל צו געבן צען פּראָצענט פונעם פאַרמעגן פאַרן קרן־היסוד, פאַרן קרן־קימת, פאַר באָנאָס, פאַר אינוועסטיציעס, פאַר עזבון בחיים, — און מדינת־ישראל וועט דאָך קאָנען באמת עקזיסטירן, מיט אַ חיים של שלום.

שְׁמוֹת

„ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב" — די אַלע וואָס זענען געקומען מיט יעקבן קיין מצרים, האָבן אַלע צוזאַמען זיך באַטיטלט „בני ישראל", אַלס איין־איינציקע עדה. אַפילו יוסף, וואָס איז פון פריער געווען אין מצרים און איז דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון משנה למלך, און זיינע קינדער געבוירענע אין מצרים, וואָס זענען געווען מצרישע בירגער מיט אַלע לעגאַלע רעכטן, זענען אויך איינגעשלאָסן געוואָרן אין כלל־ישראל און האָבן נישט מורא געהאַט פאַרן חשד פון דאָפּלטער לאָיאַליטעט.

סך־הכל זענען זיי געווען זיבעציק נפשות. די סביבה איז געווען אַן אומגינסטיקע. די מצרים האָבן באַטראַכט פאַר אומווירדיק צו עסן ביי איין טיש מיט די עברים. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט געדראָעט די סכנה, אַז אַזאַ קליינע מינדערהייט זאָל פאַרשלונגען ווערן אין דער גרויסער מערהייט. דאָך, האָבן די עברים זיך נישט געקאָנט אַסימילירן.

איך זאָג „זיך נישט געקאָנט אַסימילירן", ווייל אַסימילאַציע איז נישט געווענדעט בלויז אין ווילן; אַסימילאַציע איז נישט קיין שכל־זאַך. פאַרן אַסימילירן זיך מוז פריער קומען אַ זעלישע דערנידערונג, אַ גרינגשעצונג צו זיך אַליין, צו דער אייגענער משפחה, אָדער קאַריעריסטישער ציניזם, פאַר וועלכער מען פאַרשאַכערט דעם „איך" און נאָכדעם גליטשט זיך שוין לייכט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, באַרג־אַראָפּ.

ס'איז אויך פאַראַן אַן אומבאַוואוסטזיניקע אַסימילאַציע, וואָס קומט פון אומבאַוואוסטזיין; מען זינקט איין אין אַ פרעמדן תהום, זיך נישט געבנדיק קיין רעכענונג פון דער געפערלעכער ירידה.

אָנהויבן, הייבט זיך עס אָן פון פאַרנאַכלעסיקן די אייגענע קולטור, מיט גרינגשעצונג פון דער אייגענער טראַדיציע און לעבנסשטייגער, און אַז מ'פאַרוואַרפט אייגנס און ס'בלייבט אַ פוסטקייט, כאַפּט זיך ממילא אַריין דאָס פרעמדע, פאַסיקע און נישט פאַסיקע זיטן און מנהגים.

די עדה פון זיבעציק, וואָס איז געקומען פון מצרים, האָט געבראַכט מיט זיך אַ העכערע קולטור, וואָס האָט מבטל געמאַכט אַלע אַנדערע געצנדינערישע קולטן; קולטן, וואָס זענען אַראָפּגעניערט געוואָרן צו נידעריקע

אינסטינקטן פון לעבעדיקע באַשעפענישן. פּאַלגלעך איז אויסגעקומען, אַז דער יעניקער וואָס האָט געפּרעדיקט און קולטיווירט מערער די אומאָנשטענדיקייט, איז געווען דער פירער פון זיין געמיינדע. און וואָס פּאַר אַ דור — אַזאַ פירער, און וואָס פּאַר אַ פירער — אַזאַ דור.

די בני־ישראל האָבן דעריבער זיך נישט געקאַנט אויסמישן מיט אַזאַ קולטור. עס איז אַ געזעץ פון דער נאַטור, אַז די העכערע קולטור באַהערשט און באַזייטיקט —פריער אָדער שפּעטער— די נידעריקערע קולטורן, פּונקט ווי דאָס גרויס פייער פאַרברענט דעם קליינעם פייער.

דער יידישער תנ״ך, די יידישע מאָראַל איז דאָך די מוטער פון די מאָדערנע וועלט־קולטורן, טראָץ דעם וואָס די מאָדערניסטן און רעפאָרמאַטאָרן האָבן עס פאַרקריפּלט אונטער פאַרשידענע רעליגיעזע דאָגמעס.

די בני־ישראל קאָנען נישט אַראָפּ צו די נידעריקערע קולטורן; זיי קאָנען נישט און עס לאָזט זיך נישט. פאַרקערט, תורת משה און די נביאים דערהויבן די קולטור.

די מאָראַל פון די בני־ישראל איז, צו באַהערשן די אינסטינקטן, ווי עס האָט עס באַוויזן יוסף, און נישט צו זיין אַ דינער פון חיהשע אינסטינקטן.

און אָט אַזוי דאַרף פאַרשטאַנען ווערן די לעגענדע, אַז יוסף האָט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון מיט פּוטיפרס ווייב, ווייל ער האָט דערזען פאַר זיך די געשטאַלט פון זיין פאָטער יעקב. אין די שווערסטע פּראָבע־מאָמענטן האָט די דערציאונג פון דער משפחה יעקב־ישראל זיך געשטעלט ווי אַן אייזערנע וואַנט און נישט דערלאָזט אַריבערצוטרעטן די גרענעץ פון עטיק און צוטרוי.

„ואלה שמות בני ישראל״ — אָט דאָס איז געווען דער נאָמען, דער באַרוף, דער לעבנסשטייגער פון די בני־ישראל, „איש וביתו באו״ — יעדעדער איז געקומען מיט זיין הויזגעזינד, מיט זיין משפחה, וואָס ס׳איז דער יסוד פון אַ ריינעם, זויבערן קולטור־לעבן.

* * *

„ובני ישראל פרו וירבו ויעצמו במאד מאד״ — און די בני־ישראל האָבן זיך געפּרוכפּערט, געמערט און זענען געוואָרן זייער, זייער שטאַרק.

איז דאָך גוט און וואויל.

אָבער ניין. ס׳איז נאָך נישט געווען דאָס לאַנד וואָס זאָל אויפנעמען מיט צופרידנקייט, דאָס וואָס די יידישע באַפעלקערונג פאַרמערט זיך און שטייגט אין זינען פון בירגערשאַפט.

אַ פּחד איז אָנגעפאַלן אויף די מצרים: „ותמלא הארץ אותם״ — און דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי.

זיי — די בני־ישראל — זענען דאָך געווען אַ קליינע מינדערהייט, בפרט אין די ערשטע יאָרן. פיזיש, איז דאָך נישט מעגלעך געווען אַז זיי זאָלן אַנפולן דאָס גאַנצע לאַנד מצרים. אָבער, האָבן מיר דען נישט געזען, ווי איין ייִד אין אַ דאָרף פון טויזנט גויים, איז ער, דער ייִד, דער איינציקער, געווען צופיל און מ'האָט אים געצוואונגען אַפּצולייִדיקן דעם פּלאַץ. זעען מיר נישט איצט לעגדער, אין וועלכע ס'איז געבליבן איין ייִד אויף צען טויזנט נישט־ייִדן, און מען מאַכט דעם איינציקן ייִד ענג דאָס פּלאַץ? — דער איינער איז צופיל.

„ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף" — איז אויפגעקומען אַ נייער מלך איבער מצרים, וואָס האָט נישט געקענט יוספן.

ווי איז עס מעגלעך געווען? נאָך אַכציק יאָר ווי יוסף האָט מיט אַזאַ שטרענגער האַנט געהערשט ווירטשאַפטלעך איבער מצרים; ווען דער מלך פון מצרים האָט באַקומען צוואַנציק פּראָצענט פון אַלע אַגראַר־פּראָדוקטן אַ דאַנק יוספס אָרדענונג, איז דאָך שווער צו גלויבן, אַז פּלוצלינג זאָל דער נייער מלך נישט וויסן ווער יוסף איז געווען.

איז טאַקע פאַראַן אַ סברה, אַז ס'איז געווען דער זעלבער פּרעה, נאָר ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, און אַז די ייִדן־פאַרפּלאָגונגען האָבן זיך אָנגעהויבן ווען יוסף האָט נאָך געלעבט.

דערציילט דאָך דער פּסוק, אַז ווען יוסף האָט דערפילט אַז זיין לעבן האַלט ביים ענדע, האָט ער געזאָגט צו זיינע ברידער: „איך שטאַרב, אָבער דערמאָנען וועט זיך ג־ט דערמאָנען אָן אייך, און ער וועט אייך אויפבריענגען פון דעם לאַנד, וואָס ער האָט צוגעשוואוירן אברהמען, יצחקן און יעקבן, זאָלט איר אויפברענגען מיינע ביינער פון דאַנען".

יוסף האָט שוין געזען דעם דאַנק וואָס ער, דער עברי, באַקומט פון די מצרישע הערשער — זיינע ברידער ווערן פאַרפּאָלגט, פאַרשקלאַפט. ער קען זיך אַליין שוין אויך נישט העלפן. ער האָט אָבער באַמערקט צווייי סימפּטאָמען וואָס האָבן אים געגעבן האָפענונג, אַז עס וועט קומען דער טאָג פון באַפרייאונג.

ער האָט געהערט, אַז פּרעה זאָגט: הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו" — דאָס פאָלק בני־ישראל איז מערער און שטאַרקער פון אונדז. דער מצרישער מלך, אַלזאָ, אָנערקענט זיי פאַר אַן „עם בני ישראל" — פאַר איין גאַנצן פאָלק, נישט ווי אַ רעליגיעזע סעקטע פון אברהמס גלויבן, נאָר ווי אַ ספּעציפיש־איינהייטלעך פאָלק — עם ישראל.

ער האָט אויך געזען: „וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרץ" — אויף וויפל מען האָט אים געפּייניקט, אַלץ מער האָט ער זיך געמערט און צעשפּרייט. הייסט עס, אַז טראָץ אַלעמען זענען זיינע ברידער נישט פאַרצווייפלט; זיי האַלטן זיך צוזאַמען און פירן אַ נאָרמאַלן פאַמיליען־לעבן.

האָבנדיק פאַר זיך אַזעלכע צוויי־לעבנס־וויכטיקע סימנים, האָט יוסף זיי געמוטיקט און זיי דערמאָנט די שבועה וואָס ג־ט האָט געגעבן צו זייערע אבות: „ואלקים פקוד יפקוד אתכם" — ג־ט וועט זיך אין אייך דערמאָנען און ער וועט אייך באַפרייען און צוריקברענגען אין אייער לאַנד, אין ארץ־ישראל.

און מיר דאַרפן לערנען חומש, אוי דאַרפן מיר לערנען!

די לעבנס־געשיכטע פון די בני־ישראל חזרט זיך איבער פון צייט צו צייט, און מיר דאַרפן לערנען דעם אַמאָל און פאַרשטיין דעם היינט.

די אַלטע און די נייע געשעענישן זענען איין לאַנגע קייט.

אין יאָר 1898, ביי די טויערן פון ירושלים, האָבן זיך באַגעגנט דער דייטשער קייזער און ד"ר טעאָדאָר הערצל, און אין דעם קורצן שמועס וואָס זיי האָבן געהאַט, האָט דער קייזער געזאָגט צו הערצלען: — „איר, יידן, זענט רייכער פון אונדז; איר האָט מער געלט פון אונדז"... די זעלבע שפּראַך — „עם בני ישראל רב ועצום ממנו".

דער דעמאָלט שטאָלצער קייזער פון דער מעכטיקער דייטשלאַנד, האָט זיך נישט געשעמט צו זאָגן צו אַ יידן, וואָס האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז רייכער פונעם דייטשן פאָלק.

לכתחילה האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז סתם אַ זאָג פון אַ דייטשן אויטאָקראַט, און זיינע ווערטער זענען פאַרצייכנט געוואָרן בלויז ווי אַ קוריאָז. אָבער אומגליקלעכערווייז, האָבן די דאָזיקע ווערטער געגעסטעט און געוואָרצלט אין די דייטשע מוחות, ביז זיי האָבן מיט זייערע טעוטאָניש־אַטאַוויסטישע אינסטינקטן זיך דערטראַכט צום זעלבן וואָס פרעה האָט געטראַכט מיט אַ 3.400 יאָר צוריק. דער איינס פּראָצענט יידן האָט זיי ענג געמאַכט גאַנץ דייטשלאַנד, און מיט דער גאַנצער בעסטיאַליטעט האָבן זיי גענומען ראַבעווען דאָס יידישע פאַרמעגן, פאַרניכטן די יידישע קולטור־רעלע אוצרות; און אַז זיי האָבן געזען, ווי די וועלט קוקט זיך צו און שווייגט, האָבן זיי זיך פאַרגענומען אויסצוראָטן דעם זכר פון ישראל. און צו אונדזער גרויסן צער און צאָרן, וואָס וועט קיינמאָל נישט געשטילט ווערן, האָבן זיי פאַרווירקלעכט אַ גרויסן טייל פון זייער רשעות — אויב נישט דעם גרעסטן טייל, רעכענענדיק אין פּראָפּאָרץ פון איכות.

און אין די איצטיקע טעג, ווען מיר האָבן שוין, ברוך־השם, מדינת־ישראל, אַ קליין ווינקעלע, טאַקע בפירוש נישט מער ווי אַ קליין ווינקעלע ביי דער זייט פון אַנדערע אומות, וואָס באַזיצן אויסערגעוויינלעכע גרויסע שטחים איבעריקן באָדן אין פּראָפּאָרץ צו זייער באַפעלקערונג, וויל מען ביי אונדז אָפּרייסן שטיקער ערד; פשוט, מ׳וויל אונדז שטיקן און ענג מאַכן, כדי די, וואָס האָבן איבעריקע ערד זאָלן האָבן נאָך מערער.

און טון טוען עס די גרויסע, ווייל זיי ווילן זיך חנפענען צו אונדזערע

שונאים, וועלכע אַלע צוזאַמען —גרויסע און קליינע— זענען שונאים צווישן זיך, מיט גלאַטע צינגער און געשפּאָלטענע הערצער. און די טראַגעדיע פון דעם איז —און אפשר איז עס אַ קאָמישע טראַגעדיע— וואָס שפּילט זיך אָפּ דורך נישט-געראָטענע שפּילערס, וועלכע שפּילן זייערע ראָלעס גראָטעסק, און די פאַלשקייט איז צו-בולט; און אַט צווישן אַזאַ אַמביענט מוז מדינת-ישראל אָנווענדן די גרעסטע מאָס ענערגיע און גוטן טאַקט, נישט צו פאַר-פלאָנטערן און געשטרויכלט ווערן.

געדענקען מיר דאָס? לערנען מיר דאָס? פילן מיר נישט אויף שריט און טריט, פון פרעהן ביז דעם איצטיקן היפּאָקריטיזם פונעם „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו" ? מיר זענען זיי שטענדיק גרויס אין די אויגן.

עס איז נישט צו גלויבן, און עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, ווי די גרוי-סע פירער פון די פעלקער —אין אַלע צייטן—, האָבן געליטן און ליידן פון אַן אינפעריאָריטעט-קאָמפּלעקס לגבי דעם יידישן פאָלק, און זיי זוכן עס צו פאַרדעקן מיטן כוח פון צביעות און ברוטאַליטעט.

און ס'קומט די צייט פון גאולה, און ג-ט שיקט משהן מיט אַ דאָפּלטער שליחות: איינס, ער זאָל גיין צו פרעהן, ער זאָל אַרויסנעמען די בני- ישראל פון מצרים; צווייטנס, ער זאָל זאָגן די בני-ישראל, אין נאָמען פון ג-ט פון אברהם, יצחק און יעקב, אַז ער וויל זיי אַרויסנעמען פון זייער פיינלעכער לאַגע און וועט זיי ברענגען אין דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, וואו ס'פליסט מיט מילך און האָניק.

און ביים ערשטן אַרויסטריט פון משהן פאַר פרעה, איז די לאַגע פון די בני-ישראל נאָך ערגער געוואָרן; זיי האָבן געמוזט גיין קלייבן שטרוי אויף צו מאַכן ציגל, אַנשטאָט וואָס פריער פלעגט דער שטאַט זיי געבן די דאָזיקע „מאַטעריאַ-פּרימאַ".

איז, וועלכע איז געווען די רעאַקציע פון די פאַראַנטוואָרטלעכע מנהי-גים פון די בני-ישראל?

אַנשטאָט אַרויסגיין פאַראייניקט מיט אַ פּראָטעסט אַלע זעקס הונדערט טויזנט יידן צו פרעהן, פאַר אַזאַ אומגערעכטער האַנדלונג, זענען זיי אַוועק צו פרעהן, אונטערטעניק, מיט הכנעה, און געזאָגט: „למה תעשה כה לעבדיך"? — פאַרוואָס טוסטו אַזוי צו דיינע קנעכט? און „זע, דיינע קנעכט קריגן געשלאָגן". זיי האָבן גערעדט קנעכטיש, ווי קנעכט צו פרעהן, זייער אונטערדריקער. אין קעגנטייל, זענען זיי געקומען צו משהן, וואָס האָט זיי געבראַכט די בשורה פון באַפרייאונג, מיט טענות, אַז ער, משה, האָט זיי פאַרמיאוסט אין די אויגן פון פרעהן, און אין די אויגן פון פרעהס קנעכט.

און משה איז געקומען מיט אַ פּראָטעסט צו ג-ט: „זינט איך בין גע-קומען צו פרעהן, געשיקט פון דיר, ג-ט, האָט זיך די לאַגע פון די בני-ישראל פאַרערגערט, און דו, ג-ט, האָסט זיי נישט מציל געווען.

און ג־ט האָט געזאָגט צו משהן: „„עתה תראה" — אַצינד וועסטו זען וואָס איך וועל טון.

ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, אַז נאָכדעם ווי די אונטערדריקונג איז שוין אַריבער אַלע גרענעצן, וועט זיך אויפוועקן אינעם פאָלק דאָס געפיל פון באַפרייען זיך, און זיי וועלן אַרויסטרעטן קעגן פרעהן און קומען צו משהן בעטן, ער זאָל זיי מיטהעלפן צו זייער באַפרייאונג. לסוף לאָזט זיך אויס גאַר פאַרקערט — זיי זענען קנעכטיש פאַר פרעהן און גאַנצע שרייערס פאַר משהן. מיט אַזעלכע איז דאָס איינציקע מיטל „ביד חזקה יגרשם מארצו". ג־ט זאָגט משהן: „איך וועל שוין אַזוי מאַכן, אַז פרעה וועט מיט אַ שטאַרקער האַנט זיי אַרויסטרייבן פון זיין לאַנד, זיי וועלן באַפרייט ווערן דורך גירוש.

דאַרף מען קאָמענטאַרן?

זעכציק יאָר פּאָליטישער ציוניזם, פערציק יאָר באַלפור־דעקלאַראַציע, צען יאָר מדינת־ישראל, פיל גירושים האָבן מיר שוין איבערגעלעבט אין דער צייט — און נאָך איז די שתדלנות, די הכנעה, אַ פּאָזיטיווער פאַקט; און נאָך בויען מיר אין גלות אונדזער האָפענונג אויף שטרוי; נאָך בויען מיר פּיתום און רעמסס פאַר פרעמדע, און מיר קווּעלן אָן פון זיך אַליין.

לאָמיר לערנען אַ פּרשה פון אַמאָל, פון היינט, ווי אַזוי צוצוגרייטן אַ שענערע פּרשה פאַר מאָרגן.

וָאֵרָא

די ווערטער „לאָמיר לערנען אַ פּרשה חומש" דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן פּשוט און פּראָסט ווי אַן איינלאַדונג, אַז מיר זאָלן אויפנעמען נאָכאַמאָל די תקנה פון עזרא הסופר, און יעדער ייד, וועלכע ס'זאָלן נישט זיין זיינע לעבנס-אָנשויאונגען, זאָל לערנען יעדע וואָך —שבת— די געהעריקע סדרה.

די מאמרים „לאָמיר לערנען אַ פּרשה חומש", דינען נאָר ווי אַ אָנרעגונג אַז מיר זאָלן טאַקע לערנען חומש אין אָריגינאַל.

דער חומש פאַרמאָגט די זעלטענע אייגנשאַפט, וואָס מ'עלטערט זיך מיט אים אין חכמה און וויסן, און ער ווערט קיינמאָל נישט אַלט. דורות קומען, דורות גייען אַוועק, און ער —דער חומש— בלייבט ווי אין דעם טאָג וואָס ער איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, און וואָס מער יאָרן עס גייען אַוועק, ווערט ער אַלץ מער געשעצט און בעסער פאַרשטאַנען פון די, וואָס זוכן אים צו פאַרשטיין.

ס'איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער מענטש, וואָס זאָל אין פאַרלויף פון זיין לעבן האָבן אויסגעשעפּט די גאַנצע חכמה, דעם מוסר-השכל וואָס דער חומש, דער תנ"ך פאַרמאָגן. פאַרקערט, וואָס מער מ'דרינגט אַריין אין זייער טיפקייט, אַלץ מער נייע, קלאָרע קוואַלענדיקע געדאַנקען פאַרן הערכערן זין פונעם לעבן, פון דעם מענטשנס אויפגאַבע, שווימען אַרויף.

דער תנ"ך, אין זיין אָריגינאַל, גייט-מיט מיט דער מענטשהייט טריט פאַר טריט. איך זאָג „פאַר" טריט און נישט „נאָך" טריט, דערפאַר וואָס די ספרים אונדזערע גייען פאָרויס, ווי וועגווייזער, און די וואָס באַמערקן עס נישט, איז עס דערפאַר וואָס זיי זענען געבליבן הינטערשטעליק, אָדער זיי זענען פאַרקראָכן אויף פאַלשע וועגן.

אונדזערע חכמים האָבן אונדז געלערנט: „ליכא מידא דלא רמיזא באוריתא" — עס איז נישט פאַראַן קיין זאַך וואָס איז נישט אָנגעוואונקען אין דער תורה.

אויף אַ וואונק דאַרף מען פאַרשטיין. נישט אַלע האָבן די זעלבע פעאיקייטן תופס צו זיין, אויפצוכאַפּן דעם וואונק מיט דער זעלבער שנעלקייט;

איז וואָס איז די עצה צו דעם? די עצה איז — לערנען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז עס בליצט אויף דער געדאַנק און די שיינקייט פונעם געדאַנק.

ס׳איז דערפרייענדיק דער פאַקט, וואָס אויך די וועלטלעכע יידן שטייען איצט אין פראָנט פון קאַמף קעגן אונדזער אינערלעכן ביטערן שונא — קעגן דער אַסימילאַציע.

קעגן אַסימילאַציע וויל זאָגן — פאַר יידישקייט.

דער העכסטער, ריינסטער אידעאַל פון יידישקייט איז געבוירן געוואָרן אין אור־כשדים, אינעם מוח פון אברהם אבינו.

היינט צו טאָג איז יידישקייט נישט קיין איינהייטלעכע אויפפאַסונג. זיידעס, טאַטעס, קינדער, אייניקלעך נעמען אויף יידישקייט פון פאַרשידענע קוקווינקלען, אָבער איין זאַך איז זיכער — אַלע ווינטשן איינצוהאַלטן יידישקייט מיט אַלע כוחות.

אין גאַנג פון דור צו דור, אין די וואַנדערונגען פון לאַנד צו לאַנד קומען פאָר עליות און ירידות אין יידישקייט, אויך ביי טראַדיציאָנעלע יידן.

דערציילט מען מיר, אַז מיינער אַן אינטימער פריינט און חבר, וואָס איז פון די נאָבלסטע מענטשן אין אונדזער ישוב, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען רעליגיעז, קומענדיק צו אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון יידישע קאָלאָניסטן, און באַטראַכטנדיק דעם פולן סאַלאָן, האָט זיך אָנגערופן מיט באַדויערונג: „ס׳איז דאָך שוין נישטאָ קיין איין באָרד אין דער קאָלאָניע!״

צוליב מערדערישע הענט האָט יידישקייט און יידנטום געליטן אַן אויסערגעוויינלעכע ירידה. אָבער, זאָל עס זיין מחמת דעם אויפקום פון מדינת ישראל, אָדער צוליב אַ סטיכישן כוח וואָס שטויסט אויף צוריק צום מקור, זאָל עס זיין דאָס אָפּנאַרעריי פון יענער זייט פאָרהאַנג, וועלכע ס׳זאָל נישט זיין די סיבה, איז אַ פריידיקע דערשיינונג, וואָס יידישקייט שטייט איצט אויפן טאָג־אָרדענונג. און וויבאַלד אַזוי, נעם איך אַ וואָרט און זאָג, אַז מען דאַרף זיך אומקערן צום אָנהויב און זוכן דעם ריכטיקן וועג פון יידישער עטיק און טראַדיציע אין אונדזער אַלט־יונגן חומש — איז, לאָמיר לערנען אַ פּרשה חומש.

„וידבר אלקים אל משה״ — און ג־ט האָט גערעדט צו משהן און אים געזאָגט „אני ד׳״ — איך בין ג־ט, „וארא אל אברהם״ — און איך האָב זיך באַוויזן צו אברהם, צו יצחק און יעקב.

וואָס עפּעס פּלוצלינג האָט ג־ט זיך פאָרגעשטעלט פאַר משהן און אים געזאָגט, ווי מען רופט אים און מיט וועמען ער האָט זיך געזען?

ג־ט האָט דאָך שוין גערעדט פריער מיט משהן. ער האָט אים אָנפאַרטרויט אַ שליחות צו די בני־ישראל און צו פרעהן, און משה האָט אים שוין געהאַט געבראַכט דעם ענטפער. איז צו וואָס האָט ג־ט דערציילט משהן נאָכאַמאָל דאָס זעלבע וואָס ער האָט אים שוין איינמאָל געזאָגט?

נאָר דאָ לערנען מיר אַ לעקציע פון דרך־ארץ, מיט אַ טיפן מוסר־השכל. ג־ט האָט פאַרשפּראָכן אברהמען אים צו געבן דאָס לאַנד כנען, מיט ירושה־רעכט פאַר זיינע קינדער, נאָר מיט אַ תנאי פון פאָרויס: „וויסן זאָלסטו וויסן אברהם, אַז דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד, וואָס איז נישט זייערס, און מען וועט זיי פאַרקנעכטן, און מען וועט זיי פייניקן פיר הונדערט יאָר".

אין די דאָזיקע ווערטער ליגט אַ רמז, אַ וואונק אויף דור־דורות: „פרעמדע וועט איר זיין אין אַ לאַנד, וואָס איז נישט אייערס". מעגט איר דאָרט זיין פיר הונדערט יאָר און אויפבויען פּתום און רעמסס, וועט איר אַלץ זיין פרעמדע.

מעגט איר פּראַווען יום־טובים צום 300־יאָריקן יובל פון יידישער איינוואַנדערונג, און האָבן אויפגעבויט וואָלקנקראַצערס, זענט איר פרעמדע אין אַ לאַנד, וואָס איז נישט אייערס.

אברהם האָט נישט אָפּגעפרעגט; ער האָט אָנגענומען דעם תנאי שווייגנדיק. די אמונה, דאָס גלויבן האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז וואָס דער אויבערשטער טוט איז גוט. דער עיקר פאַר אברהמען איז געווען צו ברענגען נייע דורות וואָס זאָלן זיך האַלטן אין זיין אמונה, אויף אייגענער טעריטאָריע; און דאַן האָט ג־ט געשלאָסן מיט אים דעם בונד און קאָנקרעטיזירט די גרענעצן פונעם לאַנד, וואָס ער גיט אַוועק אויף אייביק צו אברהמס קינדער. (בראשית ט"ו, י"ח).

און אָט זענען אַריבערגעלאָפן די פיר הונדערט יאָר, און ג־ט דאַרף דערפילן זיין הבטחה אַרויסצונעמען די בני־ישראל פון מצרים. אָבער פאַר דעם פאָדערן זיך דריי זאַכן: 1) אַ פּערזאָן וואָס זאָל קאָנען דורכפירן די באַפרייאונג און אָנפירן מיט די באַפרייטע, ביז צו ברענגען זיי צום ענדציל, צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד; 2) די בני־ישראל זאָלן זיך וועלן באַפרייען. עס איז גאָרנישט אַזוי גרינג אויפצוהויבן אַ פאָלק פון אַ פּלאַץ, וואו זיי זענען געזעסן הונדערטער יאָרן, ווען אַפילו אין נישט קיין גוטע באַדינגונגען. אָט לעבן מיר דאָך דורך אַן ענלעכע געשעעניש. אַ קליינער מינימום רייסט זיך אַרויס פרייוויליק זיך צו באַזעצן אין מדינת־ישראל. — אונדזער חומש ווערט נישט אַלט; און 3) פּרעה זאָל וועלן באַפרייען די בני־ישראל, וואָס מאַכן שטאַרק זיין לאַנד מיט זייער אַרבעטזאַמקייט.

אָט איז אַ צווייטער ביישפּיל, וואָס איז אַ שטיק חומש פון דער היינטיקער צייט: אַ גרויס לאַנד, וואָס פאַרנעמט אַ זעקסטל פון דער ערד, האַלט גייסטיק פאַרשקלאַפט מיליאָנען יידן. זיי, און זייערע קינדער, ווערן מיט גוואַלד אָוועקגעריסן פון זייערע פריערדיקע דורות. זייער גייסט, זייערע נשמות, ווערן פון געבוירנטאָג־אָן, אַריינגעמויערט אין פרעמדע פונדאַמענטן און זיי וואַרטן אויף אַן אויסלייזונג.

דער גורל פאַלט אויף דעם פּאַסטוך משה. ער, דאַרף זיין דער געטלעכער שליח, דער אויסלייזער, און ער ווערט געשטעלט אויף דער ערשטער פּראָבע:

עס באַווייזט זיך אַ ברענענדיקער סנה, אַ דאָרן וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט. משה ווערט נישט דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן איבערנאַטירלעכן פייער, און וויל זיך דערנענטערן צו זען, וואָס איז דאָס פאַר אַ וואונדערלעכע דערשיינונג. ער, משה, שטעלט זיך נישט צופרידן מיט אמונה אַליין, ער האַלט פון „לדעת את ד׳״ — פאַרשטיין ג־ט.

„וירא ד׳ כי סר לראות״ — און ג־ט האָט געזען אַז משה וויל צוגיין זען. איז אַזאַ געוואָגטן מאַן דאַרף ער טאַקע האָבן. אָבער צו אַזאַ שליחות וואָס ער וויל אים אָנפאַרטרויען, מוז עס זיין איינער פון אַ העכערער קאַטעגאָריע, און ער ווערט טאַקע דערהויבן.

ג־ט זאָגט צו אים: „משה, משה, של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא״ — טו אויס די שיך פון דיינע פיס, וואָרום דאָס אָרט וואָס דו שטייסט אויף אים איז קודש, הייליק. משה ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון קדושה.

ביז משהן ווערט נישט דערמאָנט אין דער תורה דער טערמין „קודש״. און ווי האָט דען געקאָנט זיין אַנדערש? אַ מאַן וואָס איז באַרופן צו זיין אַ געטלעכער שליח פון פאָלק, פאַרן פאָלק; אַ מאַן, וואָס דאַרף ברענגען דער וועלט אַ תורה, מוז באַזיצן קדושה. ס׳איז נישט גענוג צו זיין אַ חכם, אַ גוטער רעדנער, אַן איש חיל; אַ משה מוז באַזיצן קדושה, געטלעכע וויזיע.

יידנטום און יידישקייט זענען אומבאַזיגבאַר, דערפאַר וואָס זיי זענען אַריין אין דער מדרגה פון עם־קדוש. קדושים תהיו — הייליק זאָלט איר זיין.

אונדזער אַלטע שפּראַך האָט זיך דערהאַלטן גאַנץ און לעבעדיק, ווייל זי איז געוועזן לשון־קודש און איז אין אַלע צייטן באַנוצט געוואָרן אויף דברים שבקדושה.

און דער אויבערשטער פאַרטרויט די שליחות צו משהן.

אַזאַ זכיה! אויסגעקליבן צו ווערן פון ג־ט אַליין צו זיין דער מנהיג. אָבער משה ווערט נישט איבערראַשט און פרעגט „מי אנכי?״ — ווער בין איך, וואָס איך זאָל גיין צו פּרעהן און איך זאָל אַרויסציען די יידן פון מצרים?

ס׳אַ הויכע מאָראַלישע לעקציע! פיל פון אונדז וואָלטן געדאַרפט זיך פרעגן אַליין „מי אנכי״, ווער בין איך צו פאַרנעמען דעם אָדער יענעם אָרט אין דער געזעלשאַפט?

משה וואַרפט זיך אונטער צום וואָרט פון אַלערהעכסטן. ער גייט צו די בני־ישראל און צו פרעהן, און גיט איבער גאָטס וואָרט. און נאָכדעם קומט משה, דער הייליקער מאַן, מיט טענות צו ג־ט אַליין, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געטרייען שליח: 1) „למה הרעות לעם הזה״? — פאַרוואָס האָסטו שלעכטס געטון דעם דאָזיקן פאָלק. וואָס ווייסט ער און וואָס איז ער מחויב צו וויסן פון דעם וואָס דו האָסט גערעדט מיט אברהמען; פאַרוואָס קומט זיי זיך צו פּלאָגן הונדערטער יאָרן? 2) „למה זה שלחתני״? — צו וואָס האָסטו מיך געשיקט? אויף צו מאַכן ערגער דאַרף מען נישט קיין שליחים; 3) פרעה איז נאָך ערגער געוואָרן זינט איך האָב גערעדט צו אים אין דיין נאָמען. (אויך די איצטיקע פּרעהס באַגייען זיך אַזוי מיט די בני־ישראל. נאָך יעדער שתדלנות, ווערט נאָך ערגער. מיליאָנען יידן ווערן פאַרשוואַרצט און פאַרפּייניקט, און מען וויל זיי נישט אַרויסלאָזן פון צוואַנג); 4) די בני־ישראל זענען אין אַ מצב פון קורצן געמיט: אַ טייל קנעכטעווען, די שוואַרץ־רויטע, די דתן ואבירמס שלאָגן זייערע אייגענע ברידער אַזוי לאַנג, ביז די שלעגער אַליין ווערן אויך איינגעזונקען, און אַ טייל זענען מיד און דערשלאָגן פון דער אַרבעט, פון דער אומדערטרעגלעכער לאַגע און האָבן שוין נישט קיין געדולד מיך אויסצוהערן, איז ווי קאָן מען פאַרלאַנגען אַז פרעה זאָל זיך צוהערן צו מיינע רייד?

אַזעלכע טענות, אַזאַ שטאָלצע יידיש־מענטשלעכע האַלטונג, רופט אַרויס דרך־ארץ, און דער אויבערשטער אַליין האָט געפונען פאַר נויטיק צו געבן אַ דערקלערונג, און ער זאָגט צו אים:

„ משה, אני ד׳״ — זיי וויסן משה, ווער איך בין, אַז איך זע פאַרוואָס וואָס איך טו.

„וארא אל אברהם״ — איך האָב זיך באַוויזן צו אברהם, יצחק און יעקב; „ושמי לא נודעתי להם״ — צו זיי האָב איך זיך נישט געלאָזט דער־קענען מיט מיין גאַנצער געטלעכקייט.

איך האָב געזאָגט אברהמען, אַז זיינע קינדער וועל איך אַרויסנעמען פון כנען און זיי האַלטן אַ געוויסן פעריאָד אַלס פרעמדע אין אַ פרעמד לאַנד, כדי זיי זאָלן נישט פאַרכנעניזירט ווערן אין כנען, ווי ס׳זענען כנעני־זירט געוואָרן אַלע אַנדערע קינדער פון אברהמען און יצחקן, און אין דעם פרעמדן לאַנד וועלן זיי זיין פרעמד, אין שווערע באַדינגונגען, כדי מען זאָל זיי נישט לאָזן און זיי זאָלן זיך נישט וועלן אַסימילירן, און זאָלן אַזוי אַרום אויסבילדן זיך אַלס אַ ספּעציפיש פאָלק, ווי עס פּאַסט פאַר די בני אברהם, יצחק און יעקב.

און אַלס אַזעלכער „וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל״ — און איך האָב אויך געהערט דאָס קרעכצן פון די בני־ישראל.

ביז איצט האָבן די בני־ישראל געקנעכטעט און האָבן נישט דערמאָנט מיין נאָמען. זיי זענען געלאָפן אין די פּאַלאַצן מיט שתדלנות, אָבער איצט, משה, מיט דיין שליחות, האָבן זיי זיך דערמאָנט אין מיין נאָמען. זיי האָבן געזאָגט: „ירא ד׳ עליכם וישפּט״ — זאָל ג־ט אַראָפּקוקן אויף אייך און משפּטן. זיי קרעכצן שוין קעגן די מעשים־תעתועים פון די מצרים. זיי ווייסן שוין, אַז זיי זענען אַ פרעמד פאָלק אין אַ פרעמד לאַנד. „ואזכר את בריתי״ — האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין צוזאָג וואָס כ׳האָב געמאַכט צו זייערע עלטערן, און וועל זיי ברענגען אינעם לאַנד וואָס איך האָב פאַר־שפּראָכן.

האָט דאָס אַלץ פּאַסירט בלויז צוריק מיט טויזנטער יאָרן?

איז דען די מורא פאַרן כנעניזם נישט פאַראַן, טיילוויז, אויך איצט פאַר די „סאַברעס״, וואָס ווערן דערצויגן בלויז ווי מדינה־פּאַטריאָטן און נישט ווי עם־ישראל־פּאַטריאָטן?

איז דען נישט שעדלעך, ווען מ׳דערציט דעם נייעם דור אַלס יוצאי דופן, און נישט ווי אַ המשך פון אַן אַלט פאָלק מיט אַזאַ רייכער פאַרגאַנגענהייט?

און מיר אַלע אין גלות, געדענקען מיר דעם פּרייז וואָס מ׳האָט גענו־מען ביי אונדז אַלס פרעמדע? אַ העלפט פון אונדזער פאָלק זענען געפאַלן קרבנות, ווי פרעמדע אין דער פרעמד, אין אונדזער צייט און אין אַלע צייטן.

ס׳איז פאַראַן אַ שטאָט אין גלות, אין וועלכער ס׳געפינען זיך מער יידישע נפשות ווי אין גאַנץ מדינת־ישראל, כן ירבו, שטייען זיי דען נישט כעני בפתח, מיט די צילינדערס, מיט די פראַקן, מיט די טיטולן און מיט די פעטע טשעקן־ביכלעך, יעדעס מאָל פון נאקת בני־ישראל?

די גלותן: מצרים, בבל, רוים, האָבן געשמידט, געפורעמט, געפאַנ־צערט דאָס יידישקייט.

יידישקייט האָט געגעבן גבורה און אויסדויערונגס־קראַפט אויף צו האַלטן פריש און לאַטענט דעם יידנטום, די בענקעניש נאָך ארץ אבותינו.

ביטער איז אָבער, ווען דער גלות פאַרלייקנט זיך, און מיר ווילן זיך איינשמועסן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין פרעמדקייט, פאַרגעסנדיק די שווידער־לעכע זיגזאַגישע וועגן וואָס מיר מאַכן דורך יעדן טאָג. ס׳איז נישטאָ דער טאָג, ממש קיין איין טאָג, וואו ערגעץ אין אַ ווינקעלע זאָל נישט אַרויפ־געבראַכט ווערן די יידנפראַגע.

די בני־ישראל אין ארץ־ישראל און אין די גלות־לענדער, האָבן איין־איינציקן חומש, איין־איינציק לאַנד, איין־איינציקע היסטאָריע. ביידע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גאַנג און צוקונפט פון מדינת־ישראל און עם־ישראל; ביידע דאַרפן שטיין מיטן פּנים איינער צום צווייטן, מיט דעם איין־איינציקן לאָזונג: — שמע ישראל! אתה אחד ושמך אחד, ומי כעמך ישראל גוי אחד!

מִשְׁפָּטִים

„ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" — און דאָס זענען די געזעצן, וואָס דו זאָלסט פאָרלייגן פאַר זיי.

נאָכדעם ווי משה רבינו האָט דורכגעפירט די ערשטע דריי טיילן פון זיין געטלעכער שליחות צו די בני־ישראל: 1) ער האָט זיי באַפרייט פון אונטערטעניקייט און אויפגעמונטערט אין זיי דאָס געפיל פון ווירדע און זעלבסט־פאַרטיידיקונג: די באַפרייטע ישראלים האָלטן־אויס די ערשטע פּראָבע, ווען די באַרבאַרן עמלקים באַפאַלן זיי אומגעריכט, זענען שוין גע־ווען בחורים וואָס זענען אַרויס זיך פאַרטיידיקן אונטער דער קאָמאַנדע פון יהושע, מיטן פּאַראָל פון משהן „ויהי ידיו אמונה" — מיט אמונה און צו־טרוי, און האָבן באַזיגט די עמלקים; 2) ווי פרייע מענטשן, האָבן זיי אויפ־גענומען און געמאַכט פאַר זייערס די ערשטע הומאַניטאַרע צען געבאָט, וואָס משה האָט זיי געבראַכט, וועלכע זענען די יסודות פון ציוויליזאַציע פאַר יעדן יחיד, וואָס איז אַ טייל פון ציבור, און דער ציבור איז משפיע אויף יחידים, אויספורעמענדיק אַזוי אַרום אַן איינהייטלעכע פאָלקס־קולטור; 3) ווי פרייע, קולטורעלע מענטשן, האָט ער זיי געשטעמפּלט מיטן חותם „עם סגולה, גוי קדוש, ממלכת כהנים" — אַלס אויסדערווילט פאָלק פון אַלע אומות, אַלס הייליק פאָלק און ווי אַ קעניגרייך פון כהנים, דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס פאַרנעמען אַ גייסטרייכע פּאָזיציע.

דריי חשובע פּריווילעגיעס, אָבער וואָס לייגן אויך אַרויף גרויס פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט אויפן יחיד, ווי אויפן כלל.

האָבנדיק אַריינגעפירט די ישראלים אין אָנהויב פון די דריי דערמאָנטע פּרינציפּן, איז משה צוגעטראָטן צו לערנען מיט זיי דעם סדר פון פּראַזאַאישן געזעלשאַפטלעכן לעבן: די פליכט פון מענטש צו מענטש, אַפילו פון מענטש צו בהמה, ווייל דאָס געפיל פון רחמנות מוז קולטיווירט ווערן און אַרומנע־מען אַלץ ביי וואָס דער אויסדרוק פון רחמנות קאָן אָנגעווענדעט ווערן, אויך אויף נישט־לעבעדיקע זאַכן, ווי, למשל: שעדיקן אַ בוים, אַ ספר, אַ קונסט־ווערק — איז אַן אכזריות, וואָס איז דער קעגנזאַץ פון רחמנות.

אונדזערע שונאים האָבן אָנגעווענדעט זייער אכזריות צו אונדזערע הייליקע ווי וואָכעדיקע, אָבער נוצלעכע קולטור־ספרים, באַגלייך ווי צו לעבעדיקע מענטשן, יידן.

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן מיט וועלכע עס ווערט באַצייכנט דאָס יידישע פאָלק, איז רחמנים בני רחמנים. ביי יידן איז פאַראַן אַ פאַרבאָט פון „בל תשחית״ — מ׳טאָר נישט פאַרדאַרבן אַ זאַך וואָס קאָן זיין נוצלעך.

און משה הויבט אָן לערנען מיט די בני־ישראל משפטים, געזעצן.

„כי תקנה עבד עברי״ — אַז דו וועסט קויפן אַ קנעכט, אַן עברי.

אייגנטלעך, נאָך אַזאַ וואונדערלעך איינדרוקספולע געשעעניש, ווי קבלת התורה ביים באַרג סיני, ביי וועלכן ס׳איז געהערט געוואָרן אַלס ערשטער געבאָט, די אחדות הבורא, וואָלט זיך געפּאַסט, אַז משה זאָל אָנהויבן פריער דערקלערן דעם פאָלק די פילאָזאָפיע פון דער יידישער אמונה, וואָס די אמונה פאָדערט פונעם מענטש, וועלכע זענען די באַציאונגען פון ג־ט צום יידישן פאָלק און פון פאָלק צו ג־ט. האָט ער, משה, גאָר אָנגעהויבן מיט דינים, וואָס זענען אין יענע טעג נישט געווען אַקטועל.

ביז צום אַריינפירן די יידן אין כנען, האָט נאָך געפעלט אַ היפש ביסל צייט.

ביים אַריינקומען אין כנען, האָט יעדע משפחה באַקומען אַ גלייכן חלק ערד. אַלע זענען געוואוינט געווען צו שווערער אַרבעט. אַזוי, אַז נישט זיי האָבן געדאַרפט קויפן, און קיינער האָט זיך נישט געדאַרפט פאַרקויפן פאַר קנעכט. איז פאַרוואָס האָט משה אָנגעהויבן צו לערנען משפטים, גראָד וועגן דינערס און דינסטן?

אָבער מיט דעם ווייזט זיך אַרויס די גרויסקייט פון משה רבינו ווי אַ געזעצגעבער, ווי אַ הומאַניסט און פאָלקס־מנהיג.

משה האָט פאַרשטאַנען, אַז געזעץ און ווירקלעכקייט גייען נישט שטענדיק האַנט ביי האַנט. ער, משה, האָט טאַקע אָנגעזאָגט: „לרב תרבה נחלתו ולמעט תמעיט נחלתו״ — אַ גרעסערע משפחה זאָל באַקומען אַ גרעסערן חלק באָדן, און אַ קלענערע משפחה — אַ קלענערן חלק באָדן. דאָס איז דאָך דער העכסטער אויסדרוק פון יושר און גלייכהייט. משה האָט אָבער אויך געוואוסט פון „וכי ימוך אחיך״ — און אַז דיין ברודער וועט אָרעם ווערן.

דער פאָלקס־פירער האָט זיך נישט גענאַרט; ער האָט געוואוסט, אַז די נאַטור, דער קלימאַט באַגינסטיקט נישט אַלעמען גלייך. ביי איינעם קאָן זיין אַ גרעסערער שניט און ביי אַ צווייטן נישט קיין גרעסערער, צוליב פאַרשידענע סיבות. איין משפחה איז אַרבעטס־פעאיק, אַ צווייטע משפחה איז נישט צוגעפּאַסט צו עבודת האדמה, אָנצופירן אַ לאַנדווירטשאַפט; ביי

איינעם פּרעסט אויף דער היישעריק דאָס פּאַרזייטע, און ביים שכן רירט ער נישט אָן אַפילו אַ גרעזעלע.

ווייסנדיק אַז אַזעלכעס קאָן פּאַסירן, און קאָנענדיק דערצו די פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן, אַז ווען דער געכטיקער קנעכט, דער געוועזענער אַרבעטער, ווערט אַן „אויפגעקומענער”, ער פאַרגרעסערט זיין ווירטשאַפט, ווערט אַליין אַ פאַבריקאַנט און אַרבעט מיט געדונגענע הענט, עקספּלואַטירט ער, דער „אויפגעקומענער”, זיינע אַרבעטער שטרענגער ווי אַנדערע.

און נעמענדיק אין אַכט, אַז משה, ווי אַ געזעצגעבער אין ג־טס נאָמען, האָט באַצוועקט צו שאַפן סאָציאַלע גערעכטיקייט פאַר אַלע קלאַסן און שיכטן, פון וועלכע אַ פאָלק ווערט צונויפגעשטעלט, און נישט קיין סאָציאַליזם ווי אַ באַוועגונג, מיט אַ פּריווילעגירטן פּאָליטישן קלאַס מענטשן, ווי מיר זעען עס איצט.

אַ גרויס לאַנד האָט געמאַכט אַ גרויסע רעוואָלוציע, אַ באַרעכטיקטע רעוואָלוציע; האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ רעאַקציאָנערע זעלבסטהערשונג און איינגעפירט סאָציאַליזם, אַלע בירגער זאָלן געניסן פון גלייכע רעכטן און פליכטן. מיט אַן אומברחמנותדיקער האַנט האָבן די לידערס אָפּגעשאַפט אַלץ און אַלעמען וואָס האָט זיך זיי געשטעלט אין וועג. מיט דער לאָזונג „נידער מיטן פאַרפוילטן אַריסטאָקראַטיזם און ביוראָקראַטיזם”, איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ סאָציאַליסטישער רעזשים, מיט סאָציאַליסטן אין דער שפּיץ, וואָס הערשן איבער הונדערטער מיליאָנען מענטשן, מיט אַ ניי־געשאַפענעם אַריסטאָקראַטיזם און ביוראָקראַטיזם, מיט אַ נייעם סיסטעם פון גלייכהייט, וואָס חוץ דער קליקע האָט קיינער נישט קיין רעכט צו דענקען, צו ריידן, אַפילו נישט צו וויינען.

אָבער משה האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ פאָלק קאָן נישט דענקען אונטער איין היטל; ער האָט זיך גערעכנט מיט דער ווירקלעכקייט. זבולונס און יששכרס וועלן שטענדיק זיין, „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ” — ס'איז נישט מעגלעך צו פאַרמיידן אָרעמקייט אין אַ לאַנד. ממילא איז נישט מעגלעך צו פאַרמיידן רייכטום. ווייבאַלד אַזוי, איז דאָס בעסטע און זיכערסטע מיטל פאַר אַ דעמאָקראַטיש פאָלק איינצופירן גערעכטע סאָציאַלע געזעצן, וואָס זאָלן זיין בכוח איינצוהאַלטן דעמאָקראַטיע, און באַוואָרענען אַז דער „אויפגעקומענער” זאָל נישט עקספּלואַטירן זיין ברודער, אָדער שוועסטער, וואָס די נויט צווינגט זיי צו פאַרדינגען זייערע אַרבעטס־קרעפטן, און זיי זאָלן באַהאַנדלט ווערן מיט רעספּעקט.

נישט קיין סאָציאַליזם וואָס זאָל שטרעבן צו באַהערשן עמיצן, נישט קיין סעקטאַרישן סאָציאַליזם וואָס איז געבויט אויף פּאַרטיי־פאַנאַטיזם, נאָר סאָציאַלע גערעכטיקייט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען, וואָס אַרבעטן פיזיש,

אינטעלעקטועל, וואָס מיט זייערע אָרנטלעכע פּאָרדינסטן צעמענטירן זיי אַלע צוזאַמען די גרויסקייט, גוטסקייט און זיכערקייט פון דעם לאַנד.

און משה הויבט אָן מיט אַ ווענדונג צו די „אויפגעקומענע": „כי תקנה עבד עברי" — איר, נעכטיקע עבדים, נעכטיקע אַרבעטער, אַז איר וועט קומען אינעם לאַנד, און ווער פון אייך וועט זיך אַרויפאַרבעטן, ער וועט אויסברייטערן זייןווירטשאַפט, (און וועלכער רייכער איז עס נישט קיין „אויפגעקומענער", סיידן די וואָס באַקומען אַ רייכע ירושה — אַזעלכע דאַרפן דאָך אויף געוויס וויסן, אַז נישט זיי, נישט זייערע עלטערן זענען געבוירן געוואָרן מיט פולע קעשענעס; אַז רייכטום נעמט זיך פון דער מיט-אַרבעט פון די אָרומיקע מענטשן. אַ מענטש פון זיך אַליין, שאַפט נישט קיין רייכטימער, און ווען אַ מענטש זאָל זיך אָפּזונדערן און לעבן נאָר פאַר זיך, איז צו וואָס נוצט אים דאָס רייכטום?). לערנט אונדז תורת משה, אַז איר וועט קויפן אַן עבד, אָדער אַ שפחה, האָסטו נאָר אַ רעכט אויף זייער אַרבעט ביז אַ געוויסער צאָל יאָרן, נאָכדעם בלייבן זיי פריי.

דאָ איז נישט דאָס פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע ליבעראַלע געזעצן, וואָס תורת-משה, נאָכדעם די נביאים און חכמי-התלמוד האָבן דיקטירט, צו פאַר-טיידיקן די אינטערעסן און דעם כבוד פונעם אַרבעטער. נישט קריוודענדיק דעם אַרבעטס-געבער.

ירמיהו הנביא האָט געשטורעמט קעגן יענע, וואָס האָבן נישט אָפּגע-היט די געזעצן פון „כי תקנה עבד עברי", און ער האָט פאָרויסגעזאָגט די גרעסטע אומגליקן וואָס ס'וועט ברענגען דאָס נישט אויספאָלגן פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט. (ירמיהו, ל"ד).

נחמיה האָט געפאָדערט ביי די רייכע, נישט נאָר זיי זאָלן באַפרייען די דינערשאַפט, נאָר אויך די פעלדער און ווייַנגערטנער, וואָס זענען געווען פאַרזעצט ביי זיי זאָלן אומגעקערט ווערן צו די אייגנטימער אָן קיין גע-צאָלטס, און די רייכע האָבן געפאָלגט. (נחמיה, ה').

גערעכטיקייט צוליב גערעכטיקייט פאַרן גערעכטן — דאָס איז אונד-זער אידעאַל, אין דעם ליגט די דערהויבנקייט פון אַ פאָלק.

תורת משה לערנט אונדז „עין תחת עין" — אַן אויג פאַר אַן אויג, וואָס אויפן ערשטן אויגנבליק קומט עס אוים נישט-מענטשלעך. אָבער אַריינ-טראַכטנדיק זיך, פאַרשטייט מען, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן, כדי מענטשן זאָלן זיין פאָרזיכטיק אפילו ביים שלאָגן זיך, און זיך היטן נישט צו מאַכן יענעם קיין מום, ווייל טאָמער וועט ער בשעת כעס אַרויסנעמען יענעם אַן אויג, וועט מען ביי אים אויך אַרויסנעמען אַן אויג.

אונדזערע חכמים האָבן נאָכדעם אויסגעטייטשט, אַז מ'מיינט נישט טאַקע אַרויסנעמען אַן אויג פאַר אַן אויג, נאָר מ'זאָל באַצאָלן מיט געלט, און ווי דער חבר האָט דערקלערט דעם כוזרי, אַז די חכמים האָבן מיט רעכט

אינטערפּרעטירט, אַז דער שאָדן פון אַן אויג דאַרף געשאַצט ווערן אין געלט, ווייל ס'קאָן אויסקומען אַ פאַל, ווען דער שלעגער האָט נאָר איין אויג; איז אויב מ'וועט אַרויסנעמען ביי אים אַן אויג, וועט ער בלייבן אינגאַנצן בלינד, דאָס וואָלט דאָך געווען שרעקלעך.

אין דער יידישער געזעצגעבונג, אין אַלץ וואָס אָנבאַלאַנגט פון מענטש צו מענטש, פון תורת משה ביז צום שליסן פון תלמוד און ביז די גאונים, ווערט אָפּגעגעבן פיל פּלאַץ פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, נישט דערפאַר וואָס זיי זענען געווען סאָציאַליסטן, נאָר ווייל זיי זענען געווען באַגאַבט מיטן העכסטן גראַד פון עטיק.

* * *

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַ אידעאָלאָגישע קאָנפערענץ, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע זין און די קליגסטע קעפּ פונעם היינטיקן דור, וועלכע האָבן געפירט אַן אַקאַדעמישע דיסקוסיע איבערן קאָנצעפּט פון גלות. ס'זענען געהערט געוואָרן זייער באַלערנדיקע און עמאָציאָנירנדיקע רעפעראַטן וואָס וועלן בלייבן היסטאָריש. אָבער מיטן גרעסטן רעספּעקט צו די רעפערענטן, דערלויב איך מיך צו זאָגן, אַז עס וואָלט געווען פיל פּראַקטישער און צייטמעסיקער ווען מ'נוצט אויס די צייט צו באַטראַכטן דעם קאָנצעפּט פונעם סאָציאַליזם.

ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז די וואָס האָבן געטון מער רשעות דעם ציוניסטישן געדאַנק פאַרן אויפקום פון מדינת-ישראל, און איצט ביי דעם געשעענעם פאַקט פון מדינת-ישראל, זענען עס געווען און זענען די סאָציאַליסטישע רעגירונגען, און וואָס מער עקסטרעם סאָציאַליסטיש — אַלץ מער רשעות ווייזן זיי אַרויס צו דער מדינה.

פריער מיט אַ פאָר צענדליק יאָר, האָט מען אַרויפגעבראַכט טעאָרעטישע דיסקוסיעס און דערקלערונגען „פאַרוואָס בין איך אַ ייד”; איצט, דיסקוטירט מען טעאָרעטיש „וואָס און ווער איז אַ ציוניסט”. נישט די ערשטע און נישט די צווייטע ברענגען פּראַקטישע נוצן. קיינער קאָן נישט אַריינקריכן ביי יענעם אין דער נשמה און פאָרשן, פאַרוואָס ער גיט זיין תרומה פאַר בנין-הארץ, און וואָס פאַר אַ „יהי רצון” ער זאָגט דערביי, און ס'וועט זיין געזינטער ווען דיסקוסיעס וועגן ציוניזם-גלות זאָל אַראָפּגענומען ווערן פון סדר-היום, ווייל זיי זענען נישט מעלה און נישט מוריד.

וואָס עס דאַרף יאָ באַשעפטיקן מדינת-ישראל און אַלע יידן איז, אויב די צופאַסונג פון רעזשימען פון אַנדערע פעלקער זענען פּאַסיק פאַר אונדז; צי די רויטע פאָן דריקט-אויס די סאָציאַלע גערעכטיקייט לויט די יידישעטישע אויפפאַסונגען; צי איז עס סאָציאַליזם, ווען אין די פּאַרטייען זענען אָנגעשלאָסן אַזעלכע וואָס עקספּלואַטירן פרעמדע אַרבעט; צי מעגן מיר

יום־טובן אַ באַשטימטן טאָג פון סאָציאַליזם, אין דער צייט ווען די סאָציאַ־ליסטישע לענדער זוכן אונטערצודריקן מדינת־ישראל און עם־ישראל, מיטן נידעריקסטן ציניזם און בייזוויליקייט!

זיכער, זענען פאַראַן אין מדינת־ישראל פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן, וואָס יעדע איינע וויל פאַרטיידיקן אירע ספּעציפישע אינטערעסן. אָבער פּונקט ווי עס האָט זיך איינגעאָרדנט פּרייוויליק אַן אייגנאַרטיקע ישראל סיסטעם פון קיבוצים און מושבים; פּונקט ווי דער רומפּולער צבא ההגנה לישראל האָט אַריינגענומען אין זיין פאַרטיידיקונגס־קונסט אַ צווייג פון דערציאונג צו גוטער און נוצלעכער בירגערשאַפט, מיט אַ ספּעציפיש יידי־שער אידעאָלאָגיע וואָס גיט וואונדערבאַרע רעזולטאַטן; פּונקט ווי מ'האָט נישט אָנגענומען דעם „רויטן קרייץ", טראָץ דעם וואָס ער איז נוצלעך און וועלטלעך, און מ'האָט עס פאַרביטן אויפן „מגן דוד אדום", נישט אַכטנדיק וואָס די אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע וויל עס נישט אָנערקענען, אַזוי דאַרף אויך אונדזער פּאָליטישע ליניע זיין אויסדריקלעך יידיש, וואָס איז סאָציאַ־לע גערעכטיקייט.

אַלס העכסטן ביישפּיל האָבן מיר דעם קרן קימת לישראל — סאָציאַלע גערעכטיקייט לויט די עטישע לערע פון אונדזערע נביאים, וואָס שטיצט זיך אויף אהבה, שלום און רעות.

תְּרוּמָה

א.

„דבר אל בני ישראל, ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו".
ג־ט זאָגט צו משהן: רעד צו די בני־ישראל, זיי זאָלן נעמען פאַר מיר אַ באַשטייערונג פון יעטווידן מאַן וואָס זיין האַרץ וועט אים באַוויליקן: גאָלד, זילבער, קופּער, און ס'ווערט אויסגערעכנט נאָך אַ לאַנגער צעטל פון שטאָפן וועלכע מ'קאָן געבן און נעמען אַלס תרומה, וואָס קאָנען נוצן פאַר דעם צוועק.

וואָס איז דער צוועק?

דער צוועק איז „ועשו לי מקדש, ושכנתי בתוכם". זיי, די בני־ישראל, זאָלן מיר מאַכן אַ משכן, אַ היילקטום, „ושכנתי בתוכם" — און איך וועל רוען צווישן זיי. נישט אין משכן, נאָר צווישן די יעניקע „אשר ידבנו לבו" — וואָס ער גיט מיט זיין גוט האַרץ, פריייוויליק, אָן שום דרוק, יעדעס מאָל ווען עס פאָדערט זיך פאַר יידיש־נאַציאָנאַלע, אָדער געזעלשאַפטלעכע צוועקן.

אַ פאַרמאַכט, אַ פאַרהאַרטעוועטע האַרץ, לאָזט נישט צו צו זיך דעם געדאַנק פון טובת הכלל און וויל נישט פאַרשטיין, אַז אין טובת הכלל איז ער, דער פאַרהאַרטעוועטער, אויך אַריינגערעכנט, און אַז ער געניסט פון טובת הכלל. אין אַזעלכע פאַרשטיינערטע הערצער איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר גייסטיקער רו.

פיל צענדליקער טויזנטער יידן האָבן זיך געראַטעוועט און געפונען אַ זיכערן מקום־מנוחה אין מדינת־ישראל, טראָצדעם וואָס זיי זענען געווען קעגנער, אָדער פּאַסיווע צושויער פונעם ציוניזם. זיי זענען געווען אָפּגעזונדערט פון כלל, און איצט געניסן זיי פון טובת הכלל, און מיר ווינטשן זיי, אַז זיי זאָלן געניסן וואָס מער און וואָס בעסער.

מען דערציילט, אַז מ'האָט גערופן אַ דאָקטער צו איינעם, וועמען עס האָט פּלוצלינג געכאַפּט אַ האַרץ־אַטאַקע. דער דאָקטער איז געקומען, און דאָס ערשטע האָט ער גענומען ביים חולה די האַנט, כדי צו הערן דעם פּולס. זאָגט אים דער חולה:

— הער דאָקטער, נישט די האַנט טוט מיר ווי. נאָר דאָס האַרץ טוט מיר ווי.

ענטפערט אים דער דאָקטער:

— יאָ, מיין ליבער ייד, לויט דער האַנט נאָך פילט מען וואָס פאַר אַ האַרץ מען האָט.

לויט דעם „אשר ידבנו" — לויטן אופן פון געבן פילט מען וואָס פאַר אַ יידיש האַרץ מען האָט.

* * *

פרייוויליק, מיט צופרידנקייט, האָבן די בני ישראל געגעבן גאָלד, זילבער, אַלערליי טייערע צירונג, טייערע שטאָפן, די שענסטע האַנט-אַרבעט, קונסט-ווערק, —צו בויען דעם משכן,— און געגעבן האָבן זיי ביז עס זענען געקומען די מייסטערס צו משהן און אים געזאָגט: „מרבים העם להביא", דאָס פאָלק ברענגט פיל מער ווי מען דאַרף, און משה האָט געגעבן אַ באַפעל אַז די פרויען און די מענער זאָלן אָפּשטעלן זייער האַנט-אַרבעט און נישט ברענגען מער קיין תרומות פאַרן הייליקן משכן.

וואָס פאַרא געוויסנהאַפטע מייסטערס! זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מעג די אונטערנעמונג זיין ווי וויכטיק און ווי הייליק, טאָר מען נישט איבערגיין דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן, און מען מוז אויסמיידן לוקסוס און איבעריקע באַקוועמלעכקייטן.

נישט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט: „חס הקב"ה על ממונם של ישראל", דער אויבערשטער באַשיצט און האָט רחמנות אויף יידיש געלט.

יידיש געלט און אַלץ וואָס אַ ייד פאַרמאָגט האָט אויף זיך אַ צייכן פון יידישס, צי מיר ווילן עס יאָ, צי מיר ווילן עס נישט. די נישט-יידישע וועלט קוקט נישט בלויז אויף די יידישע נעזער. זיי קוקן אויף אַלץ וואָס יידיש איז.

נישט-יידישע אויגן קוקן אויף יידיש האָב און גוטס נישט מיט קיין נאַטירלעכן קוק, נאָר מיט אַ בלעם-קוק. גוט, גוט, נאָר עס איז נישט גוט. זיי זאָגן מה-טובו, נאָר שילטן ישראל דאַרף מען.

ווער עס דאַרף רחמנות האָבן אויף יידיש געלט זענען מיר אַליין, מיר יידן דאַרפן אַכטונג געבן, אַז אונדזער געלט זאָל אונדז נישט פאַרגאַלדעווען, נישט פאַרשטיינערן אונדזער האַרץ. ווי זאָגט דאָס פאָלק-וואָרט, אַז מען גיט נישט יעקבן, גיט מען עשון. און מען קען צוגעבן, אַז אויב מען גיט נישט עשון, קומט אַ צייט וואָס ער נעמט עס צו אין אַזאַ אָדער אַנדער אופן.

נאָר לאָמיר גיין צום ענין „משכן".

די געבערדס האָבן געגעבן מער וויפל מ'האָט געדאַרפט. די נעמערס האָבן גענומען נישט מער וויפל ס'האָט זיך געפאָדערט. פרויען, מענער האָבן אַוועקגעגעבן זייערע נאָזרינגען, אויערינגלעך, פינגערלעך, די בעסטע צי־רונג, און דער הייליקער משכן איז אויפגעבויט געוואָרן מיטן גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ, לויט די אָנווייזונגען וואָס משה האָט געגעבן פון באַרג סיני.

פון דעם גאָלד און זילבער וואָס האָט זיך געפונען ביי יעדן איינעם, אָן קיינע פּראַקטישע נוצן פאַר דער עקזיסטענץ פונעם יחיד, און נאָך וויניקער פאַרן כלל, איז אויפגעבויט געוואָרן אַ צענטער וואָס האָט סימבאָליזירט די איינזיקייט, די גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, און וואו ס'איז פאַראַן איינזיקייט און גאַנצקייט — הערשט דער רוח־הקודש, רוט דאָרט די שכינה.

„ושכנתי בתוכם" — די געטלעכקייט, די שכינה, איז אַ שכן ביי יעדן „אשר ידבנו לבו" — אין זיין האַרץ, אין זיין נשמה.

* * *

די באַדייטונג און וויכטיקייט פון דעם צענטער פילן מיר ביז היינט צו טאָג.

וואָס פאַר אַ יידיש האַרץ ווערט עס נישט אויפגעציטערט יעדעס מאָל ווען מ'דערמאָנט זיך, אַז דער כותל־המערבי געפינט זיך נישט אין אונדזער רשות. וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע גייסטיקע השפעה האָבן עס די שטיינער פון יענער וואַנט אויף יעדן באַוואוסטזיניקן יידן! זיי, די שטיינער, זענען דער שארית־הפליטה פון דעם צענטער, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעשטראַלט די שכינה. דאָס זענען אַלטע, פאַרהאַרטעוועטע שטיינער, וואָס פאַראינגערן די יידישע נשמה און מאַכן ווייך דאָס יידישע האַרץ; דאָס איז דער זכר פון בית־המקדש, אַ זכר וואָס לאָזט נישט אָפּ דעם יידן וואו ער קערט און וואו ער ווענדט זיך, און גייט אים נאָך איבער לענדער, מדבריות, צייטן, און מ'נעמט עס אויך מיט אין קבר.

אומבאַשרייבלעך איז די השפעה פון אַ גייסטיקן צענטער אויפן פאָלק! אַמאָל גייט זיך אַ טראַכט:

די דערציילונג פון מעשי־בראשית, פון וועלט־באַשאַף, פון גאַנצן קאָס־מאָס, די ערד און אַלץ וואָס אויף דער ערד, דער הימל מיט אַלע פּלאַנעטן — דאָס אַלץ ווערט איבערגעגעבן אין דער תורה אין איין־און־דרייסיק פסוקים, און דער משכן, וואָס האָט פאַרנומען אַ שטח פון פינף טויזנט קוואַדראַט־מעטער, וואָס איז אַ קליינטשיק פּינטעלע אין וועלט־מאַסשטאַב, ווערט ער באַשריבן אין פיר הונדערט זעקס־און־דרייסיק פסוקים. יעדעס שרייפעלע, יעדעס האַטשיקל ווערט דערמאָנט און אָנגעוויזן זיין פונקציע, פונקט ווי דער מזבח, די מנורה, ווי דער פרוכת, און אָט דעם גאַנצן פּראָיעקט מיט

אַלע פּרטים האָט משה געבראַכט פון באַרג סיני; און עס איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן: „ככל אשר אני מראה אותך" — אַזוי ווי אַלץ, וואָס איך האָב דיר אָנגעוויזן: די געשטאַלט פון משכן, די געשטאַלט פון אַלע כלים, אַט אַזוי זאָלסטו מאַכן, גאָרנישט משנה זיין.

און אַט די דאָזיקע פּסוקים, ריין טעכנישע, וואָס זענען אַן איינמאָליקער געבאָט, —דעם משכן האָט מען דאָך געבויט נאָר איין מאָל, און נישט מער—, ווערן זיי, אַט די פּסוקים, געלייענט אין די געהעריקע שבתים, יאָר נאָך יאָר, מיטן זעלבן יראת-הכבוד, מיט דער זעלבער קדושה ווי אַלע אַנדערע פּרשות, וואָס זענען פול מיט מצוות וועלכע מיר דאַרפן מקיים זיין אויך איצט, און שטענדיק.

און עס טראַכט זיך, און עס ווילט זיך פאַרשטיין, אַז די אַלע איינצלהייטן, פון דעם גרעסטן ביזן קלענסטן, פון ארון־קודש ביז די שוועלן, פון מזבח ביז דער כלי אָראַפּצוגעמען דאָס אַש וואָס יידן מיט זייערע תרומות, מיט זייער האַנט-אַרבעט האָבן אויפגעבויט, מיט „כל איש אשר ידבנו לבו" — מיט דעם וואָס דאָס האַרץ איז מנדב, איז אַלץ איינס גלייך אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער תורה לעולם ועד, און זאָל עס דינען ווי אַ מוסר-השכל פאַר אַלע דורות.

ס'איז פאַרשריבן וואָס מען האָט ביי‎געשטייערט, וואָס מען האָט געמאַכט מיט דיביישטייערונגען, נאָר נישט ווער ס'האָט ביי‎געשטייערט; ווייל נדיבות-לב, גוטהאַרציקייט, קאָן מען נישט שאַצן. ס'קאָן זיין אַז דאָס פּרייוויליקייט פונעם קלענערן ביישטייערער, וואָס האָט געסטייעט נישט מער ווי צו מאַכן אַ קופּערן פלעקל, איז געווען אַזוי גרויס ווי פון יענעם, וואָס מ'האָט געמאַכט אַ פּרוכת.

עס דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז ביי מעשי-בראשית איז נאָך קיין מענטש נישט געווען, און דער באַשאַפער פון דער וועלט איז געווען דער איינציקער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר זיין יצירה. אַנדערש אָבער איז געווען ביים בויען דעם משכן. ביי אַ מחנה פון ששים רבוא יידן, וואו יעדער איינער האָט אַ דעה, און ווען מ'ברענגט זיי נישט אַ פּאַרטיקן פּראָיעקט פון באַרג סיני, ווער ווייסט צי די פערציק יאָר פון דער מדבר וואָלטן געבוג געווען אויסצופּלאַנירן די סטרוקטור פון משכן.

לערנען מיר און מיר לערנען.

משה האָט געבראַכט דעם פּלאַן ווי אַזוי צו בויען דעם משכן, וואָס איז היפּש קאָמפּליצירט, בפרט אין אַ מדבר, ווי אויסצואַרבעטן קונסט-זאַכן פון פאַרשידענע מאַטעריאַלן און שטאָפן מיט די נאַקעטע הענט, איז זיכער גאָרנישט געווען קיין לייכטע זאַך. אויסאַרבעטן אַ מנורה מיט אירע זיבן רערן, קווייטן, בלומען, קנעפּ פון איין שטיק גאָלד, אויסהאַמערן די אַלע קינסטלעכע כלים, ווער וועט זיין דער מייסטער פון דעם?

משה, דער מנהיג, דער שטאַטמאַן, האָט געהייסן די יידן ברענגען דאָס גאָלד, זילבער א״אַ. און ווען ס׳איז שוין געווען גענוג מאַטעריאַלן, האָט ער געזאָגט ווער ס׳זאָלן זיין די מייסטערס, ווען עס איז אָנפאַרטרויט גע־וואָרן די הייליקע קונסט־אַרבעט פון בויען דעם משכן.

ווען משה זאָגט פריער די נעמען פון די מייסטערס, איידער ער האָט געהאַט גענוג מאַטעריאַל, וואָלט עס אפשר אַרויסגערופן קנאה ביי די אַנ־דערע שבטים, און זיי וואָלטן נישט מיטגעשטייערט מיטן זעלבן ענטוזיאַזם.

דאָס איז אַ לעקציע פון טאַקט, צו וויסן וואָס פריער און וואָס שפּעטער, כדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדענישן צווישן עסקנים און צווישן פּאַרטייען.

משה האָט, פאַר אַלעמען, דורכגעפירט דעם פּרינציפּ אַז אַ פאָלק, אַ געמיינדע, מוז האָבן איר גייסטיקן צענטער, וואָס זאָל משפּיע זיין אויפן גאַנצן כלל; נישט — יעדערער זאָל זיך מאַכן אַ מזבח אויף זיין שטייגער, און מאַכן פון ג־ט אַ וואַנדערער, ער זאָל גיין פון איינעם צום אַנדערן.

איין צענטער, פון וואַנען עס הערט זיך דאָס געטלעכע וואָרט פאַר אַלע־מען גלייך; איין תורה פאַר אַלעמען, וואָס ריכטעט דאָס פאָלקס־לעבן אין אַלע זיינע פאַרשידענע אַספּעקטן.

און האָבנדיק געלייגט דעם יסוד, איז ער צוגעטראָטן צו די פּרטים.

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז אויך דער פאַקט:

משה האָט מסדר געווען דעם חומש, איז צו מערקן, ווען ער מאָלט די סטרוקטור פונעם משכן און ער האָט דערזען מיט וואָס פאַר אַ חשק, מיט וואָס פאַר אַ ברען דער עולם האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט, מאַכט ער אַ הפסקה און דערמאָנט די בני־ישראל: „אך את שבתותי תשמורו״ — איר זאָלט נאָר אָפּהיטן מיינע שבתים.

זאָל עס זיין דער משכן, זאָל עס זיין די בעסטע אונטערנעמונג, מעג עס זיין אַפילו אַן עונג־שבת — זאָלט איר אָפּהיטן דעם שבת.

שבת איז אַ יסוד, און אַ יסוד טאָר מען נישט אונטערגראָבן, מעג מען דערביי אַפילו האָבן די בעסטע כוונות.

און נאָך אַ הפסקה, מאַכט משה אין די פּרשות פון משכן. ער דערציילט די מעשה פון עגל־הזהב.

אין די יינגלשע יאָרן פלעגט ביי מיר אַרויסרופן אַ פאַרדראָס, פאַרוואָס האָט משה אַריינגעשריבן די גאַנצע דערציילונג אין דער תורה? ס׳איז דאָך אַ חרפה. ווי האָט עס אַ גאַנץ פאָלק זיך געקאָנט אַזוי נאַריש מאַכן און איבערנעמען תרחס פּראָפּעסיע, צו מאַכן אַ ג־ט פון די אויערינגלעך וואָס זיי אַליין האָבן עס גענוצט? איצט. אָבער, פאַרשטיי איך וואָס פאַר אַ טיפן מוסר־השכל מ׳קאָן לערנען פון דעם נישט־אָנגענעמען עפּיזאָד.

דאָס פאָלק האָט געזען, אַז משה שפּעטיקט זיך, זענען זיי געקומען צו

אהרן און אים געזאָגט: מאַך אונדז אַ ג־ט וואָס זאָל גיין פאַר אונדז, וואָרום מיר ווייסן נישט וואָס מיט משהן איז געשען.

אהרן, משהס ברודער, וואָס האָט צוזאַמען מיט משהן באַוויזן אַלע ניסים אין מצרים, און ג־ט האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן גערעדט דירעקט מיט אהרנען, האָט דאָך לאָגעשערווייזע, אהרן זיי געדאַרפט זאָגן: — מיין ברודער משה איז נישטאָ, ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, וועל איך זיין אייער פירער. אָבער אהרנס עניוות האָט אים נישט דערלויבט, אַז ער אַליין זאָל זיך אָנבאָטן צו זיין אַ מנהיג; זיין פיינער כאַראַקטער האָט עס אים נישט דערלאָזט.

לערנען מיר, אַז צופיל עניוות איז אַמאָל שעדלעך. ווען אהרן וואָלט נישט געווען אַזאַ עניו, וואָלט אפשר אויסגעמיטן געוואָרן אַזאַ קאַטאַסטראָפע מיטן עגל.

הכלל, מיר דאַרפן לערנען. עס זענען פאַראַן אַזוי פיל אוצרות פון חכמה צום לערנען!

נאָטאַ: צווייטער קאָמענטאַר וועגן פרשה תרומה (תרומה ב.) צום סוף פון די פרשות השבוע.

כִּי תִשָּׂא

א.

„ויּרא העם כי בשש משה לרדת מן ההר“ — און ווי דאָס פֿאָלק האָט געזען, אַז משה זאַמט זיך אַראָפּצונידערן פֿון באַרג, אַזוי האָט דאָס פֿאָלק זיך איינגעזאַמלט אַרום זיין ברודער אהרן, און האָבן געפֿאָדערט: מאַך אונדז אַ ג־ט וואָס זאָל גיין פֿאָרויס פֿאַר אונדז.

אַ מנהיג, אַ פֿירער, מוז זיך דערהויבן העכער פֿון פֿאָלק; ער דאַרף דינען ווי אַ וועגווייזער, ווי אַ מוסטער און זיי ווייזן, זיי לערנען, זיי דערציען צו אַ בעסערער, ערלעכערער מדרגה פֿון מענטשלעכקייט. אָבער, ער דאַרף זיין פֿאָרזיכטיק נישט צו קריכן צו־הויך, און זיך נישט האַלטן ווייט פֿון פֿאָלק, אַפֿילו ווען דער מנהיג האָט דערביי די העכסטע כוונות.

משה רבינו! ווער איז גרעסער פֿון משה רבינו? ער האָט זיך דערהויבן צו דער העכסטער הויכקייט, צו ברענגען פֿאַרן פֿאָלק אַ תורה, אַ תורה וואָס זאָל דינען ווי אַ קוואַל פֿון מאָראַל, פֿון פֿיינער זיטלעכקייט, צו געבן אַ העכערן זינען דעם לעבן. האָט ער אָבער, צוליב דעם, זיך דערווייטערט פֿון פֿאָלק אויף אַ קורץ שטיקל צייט; ער האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט בלויז אויף געציילטע שעהן, און ס׳איז אַרויסגעקומען אַזאַ אומדערקלערבאַרער מכשול: דאָס פֿאָלק איז דעמאָראַליזירט געוואָרן, „דער מענטש משה, וואָס האָט אונדז אַרויסגענומען פֿון מצרים, ווייסן מיר נישט וואָס מיט אים איז געוואָרן“. — אַ ג־ט ווילן זיי מ׳זאָל זיי מאַכן.

אהרן האָט באַטראַכט די מאַסע שרייערס. ווער זענען זיי? און האָט באַמערקט, אַז זיי זענען פֿאַרפּוצט מיט צירונג פֿון גאָלד; און ער האָט זיך געפֿרעגט: וואָס זענען דאָס פֿאַר אַ מענטשן? זיי געפֿינען זיך אין אַ מדבר, אָפּגעזונדערט פֿון אַלע ישובים; פֿאַר וועמען פּוצן זיי זיך?! וואָס, און צוליב וואָס האָבן זיי אָנגעטשעפּעט אויף זיך אַזויפֿיל גאָלד? אהרן האָט זיך געפֿרעגט: ווי קומט עס, וואָס מענטשן אויף וועלכע ס׳איז נאָך קאָנטיק אַלע סימנים פֿון שקלאַפֿעריי, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַפֿרייט פֿון גלות־

קאָמפּלעקס און האָבן קוים געמאַכט די ערשטע שריט צו באַפרייאונג; זיי דאַרפן נאָך קעמפן מיט אַזויפיל מלוכות ביז זיי וועלן באַקומען דאָס לאַנד וואָס ג־ט האָט פאַרשפּראָכן צו זייערע עלטערן, פאַרגעסן זיי אָן דעם אַלע־מען און מ׳האָט זיך איבערגעגעבן צום קולט פון גאָלד, פון צירונג.

אהרנען האָט שטאַרק באַאומרואיקט די דאָזיקע דערשיינונג, און ער האָט אויסגערופן: —וואַרפט אַראָפּ די צירונג וואָס איז אין די אויערן פון אייערע ווייבער, זין און טעכטער און ברענגט זיי צו מיר.

דאָס פאָלק האָט, אָן שום פּראָטעסט, גלייך אַראָפּגענומען פון זיך דאָס גאַנצע צירונג און געבראַכט צו אהרנען, און האָט פונעם גאַנצן גאָלדענעם צירונג אויסגעפורעמט אַ גאָלדענע קאַלב.

נאָר, אָנשטאָט זיך צו געבן רעכענונג פון דעם מוסר־השכל, אַז דאָס גאָלד האָט אַזאַ ממשות ווי אַ קאַלב, האָבן זיי —דאָס פאָלק— געשריען, אַז דאָס איז דער ג־ט וואָס האָט זיי אויפגעבראַכט פון לאַנד מצרים, פאַרגעסנ־דיק וואָס זיי האָבן מיט אַ טאָג פריער געזאָגט, — יאָ, מיט איין טאָג פריער, — „דער דאָזיקער מאַן משה, וואָס האָט אונדז אויפגעבראַכט פון מצרים״, פאַרגעסן! פאַרגעסן אין משהן, און האָבן געזאָגט, אַז דאָס גאָלד, די גאָל־דענע קאַלב האָט זיי באַפרייט.

אַך! פיל צרות האָט ער שוין פאַרשאַפט דעם יידישן פאָלק אָט די קעלבערנע התפעלות פאַר די גאָלדענע צירונג.

אַך! וויפל גאָלדענע געלעגנהייטן מיר האָבן פאַרלוירן צוליב אונדזער אומגעלומפּערטן גייעג נאָך גאָלד און צירונג.

אַך! ווי אַנדערש וואָלט איצט אויסגעזען מדינת־ישראל, ווען דאָס צי־רונג און גאָלד וואָס וואַלגערן זיך ביי אונדז אין די קאַסטנס, וועלכע מען טשעפּעט זיי אָן אויף זיך און רייסן־אויף די אויגן פון אונדזערע שונאים, וואָלטן פאַרווענדעט געוואָרן פאַר בנין־הארץ.

נו, לאָמיר לערנען ווייטער:

אהרן האָט געזאָגט צום פאָלק זיי זאָלן זיך צונויפזאַמלען מאָרגן, און מ׳וועט מאַכן אַ יום־טוב צו ג־ט; און דאָס פאָלק איז געקומען. מ׳האָט גע־געסן און געטרונקען, און אַז מ׳האָט זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, האָט זיך דאָס פאָלק אָנגעהויבן לוסטיק מאַכן.

* * *

משה רבינו איז געזעסן אין די הויכקייטן, רואיק און פאַרזיכטיק זיך צוגעהערט צו דער געטלעכער שטים, און אַריינגעקריצט אין די לוחות די הייליקע צען געבאָט.

פּלוצלינג דערהערט משה אַ קול: „משה, לך, רד״ — גיי נידער אַראָפּ,

וואָרום פאַרדאָרבן געוואָרן איז דיין פאָלק וועלכן דו האָסט אויפגעבראַכט פון לאַנד מצרים.

דאָ שפּיגלט זיך אָפּ דער ליכטיקער גייסט פון דער יידישער געטלעכ־קייט. די יידן האָבן געגעבן זייער צירונג צו מאַכן אַ פאַרשטעלעניש וואָס זאָל ווערן זייער פירער; פונעם גאָלד איז אַרויסגעקומען אַ קאַלב. דער קלאָרער פאַרשטאַנד זאָגט אונטער, אַז די יידן האָבן זיך געדאַרפט שעמען פאַר זיך אַליין, זעענדיק, אַז פון זייער גאָלד איז געוואָרן אַ קאַלב; אַז דאָס גלויבן אין גאָלד איז פונקט ווי דאָס גלויבן אין אַ בהמה. און ג־ט האָט דע־ריבער נישט געוואָלט שטערן משהן אין זיין הייליקער אַרבעט, נאָר ווען ער האָט דערזען „ויקמו לצחק" — אַז דאָס גאָלדענע קאַלב האָט זיי אַזוי פאַרבלענדט די אויגן, אַז זיי מאַכן זיך לוסטיק און הויבן זיך אָן אויפצופירן נישט אַנשטענדיק, האָט ג־ט געזאָגט משהן: „גיך, גיי אַראָפּ!". נאָר כדי משה זאָל ביי זיך נישט אַראָפּפאַלן, האָט ג־ט צוגעטיילט משהן דעם כבוד און האָט אים געזאָגט: „ד י י ן פאָלק וואָס ד ו האָסט אַרויסגעבראַכט פון מצרים". דאָס יידישע געטלעכקייט נעמט נישט פאַר זיך דעם כבוד, נאָר זי גיט עס דעם מנהיג וואָס פירט דורך איר שליחות בשלימות.

און דאָ קומט אָן אינטערעסאַנטער דיאַלאָג:

ג־ט ווענדעט זיך צו משהן מיט אַ געבעט, „ועתה הניחה לי" — און איצט לאָז מיר, און איך וועל ווערן אין כעס אויף זיי, און וועל זיי פאַרלענדן.

וואָס פאַר אַ טיפער מוסר־השכל. וואָס פאַראַ הויכע מאָראַלישע באַ־גריפן עס ליגן אין אָט די ווערטער. דאָס פאָלק, וואָס האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, אַליין דורכגעלעבט אַזעלכע וואונדערלעכע נסים, האָט זיך באַפרייט פון שקלאַפעריי, האָט געזען די איבערנאַטירלעכע אָנשטרענגונ־גען, די שווערע מאָמענטן וואָס משה, דער שליח פון ג־ט האָט איבערגע־לעבט ביז ער האָט זיי אַרויסגעפירט פון געפאַר, זיי זאָלן נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר זייערע פאַרפאָלגער, די מצרים. לסוף האָבן זיי אָפּגעטון אַזאַ זינד קעגן ג־ט און אַזאַ נידעריקייט קעגן משהן. בעט זיך ג־ט ביי משהן: — לאָז מיר איך זאָל ווערן אין כעס, איך זאָל זיך מיט זיי אָפּרעכענען, און דערפאַר וועל איך דיר, משה, מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק.

און משה בעט זיך ביי ג־ט: —פאַרוואָס זאָלסטו ווערן אין כעס אויף ד י י ן פאָלק, וואָס ד ו האָסט אַרויסגענומען פון מצרים, מיט גרויס כוח און מיט אַ שטאַרקער האַנט. נישט אַזוי גרינג האָבן די מצרים געוואָלט באַ־פרייען די יידן, און נישט אַזוי לייכט האָבן זיך די יידן געלאָזט באַפרייען פון די מצרים. דו, ג־ט, האָסט דאָך געמאַכט אַזעלכע נסים, אַז דער קעניג פון די מצרים האָט געמוזט אויפשטיין אין מיטן נאַכט און הייסן, אַז די בני־ישראל זאָלן אַרויס פון מצרישן לאַנד פריי. און אגב, האָט משה דער־

מאַנט ג־ט, אַז ער האָט דאָך צוגעזאָגט צו אברהם, יצחק און יעקב, אַז זייערע קינדער וועלן זיין אַ גרויס פאָלק אין דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד.

משה האָט געזיגט; ער האָט נישט געלאָזן אַז ג־ט זאָל אין כעס ווערן.

אָט ווי אַ מנהיג דאַרף זיך איינשטעלן פאַר זיין געמיינדע. דער פירער פון אַ פאָלק, ביי יעדער אַקציע, ביי יעדער געלעגנהייט, דאַרף שטענדיק האָבן אין זינען די העכערע כלל־אינטערעסן.

דער וואָס איז באַרופן צו זיין אַ מנהיג ביי די סאַמע העכסטע פּאָסטנס, ווי ביי צווייטראַנגיקע, אָדער דריטראַנגיקע פּאָסטנס, מוז זיך אויפהויבן אַריבער פּאַרטיי־פּאָליטיק און אָפּרוקן אין אַ זייט פּערזענלעכן כבוד און זעלבסטאַכטונג, און דינען טריי און אויפריכטיק, אונטער אַלע אומשטענדן, בלויז לטובת און נוצן פאַרן כלל.

ווי אַ ביישפּיל, וועל איך זאָגן: מדינת־ישראל־אינטערעסן איבער און העכער ווי פּאַרטיי־אינטערעסן.

ציוניזם, העכער און אַריבער אַלע כיבודים.

* * *

און משה האָט אַראָפּגעניִדערט פון דער הויך, טראָגנדיק מיט זיך די הייליקע לוחות אויף וועלכע ס׳זענען געווען אויסגעקריצט די אייביק־לייכטנ־דיקע צען געבאָט, און זיין געטרייער דינער יהושע האָט אים באַגלייט.

און יהושע האָט געזאָגט צו משהן: עס הערט זיך אַ קול פון מלחמה אין דער מחנה, און משה וועלכער האָט געוואוסט וואָס ס׳קומט פאָר אין דער מחנה, —ג־ט האָט דאָך אים מודיע געווען—, האָט געענטפערט יהו־שען: עס איז נישט קיין קול פון גבורה, אָדער פון שוואַכקייט וואָס דו הערסט, דאָס איז אַ קול וואָס דריקט נישט אויס גאָרנישט, דאָס איז אַן אומזיניקער קול.

משה האָט אויסגעמיטן צו ריידן שלעכטס אויפן פאָלק, ביז ער האָט נישט געזען מיט זיינע אויגן.

און אַז משה האָט זיך דערנענטערט און האָט דערזען די גאָלדענע קאַלב און די טענץ אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב, (אַי, אַי, דאָס טאַנצן אַרום דער גאָלדענער קאַלב...) — האָט ער אַ וואָרף געטון די לוחות, און זיי זענען צעבראָכן געוואָרן.

אַ פאָלק וואָס מאַכט פון גאָלד אַ קאַלב, און אַ גאָלדענע בהמהלע פאַר אַ גאָט, איז נישט מסוגל צו היטן און שאַצן די הייליקע לוחות.

און משה האָט גענומען די גאָלדענע קאַלב און האָט עס פאַרברענט און צעמאָלן גאָר דין און האָט עס צעשאָטן אויפן וואַסער און געגעבן צו טרינ־קען די קינדער פון ישראל.

משה האָט געגעבן צו טרינקען געמאָלענעם גאָלד, —ווייל עסן קאָן מען עס נישט—, כדי זיי זאָלן דערפילן, אַז גאָלד האָט נישט קיין טעם און קיין ריח; עס קאָן נישט זעטיקן און ס׳קאָן נישט שטילן דעם הונגער.
משה האָט געוויזן, אַז גאָלד און צירונג ווערן צעריבן אויף שטויב און עס בלייבט נישט קיין זכר פון דעם; אַז גאָלד און צירונג פירן אַ סך מאָל אַראָפּ פון וועג דעם קלוגסטן מענטשן; אַז מיט גאָלד און צירונג מעקעט מען אַמאָל ווי אַ קאַלב, און מענטשן טאַנצן אַרום דעם, ווי פון אַ שיינעם געזאַנג.

* * *

משה האָט באַשטראָפט די באמת שולדיקע, און האָט גענומען מאַכן פּלענער, ווי צו פירן דעם פאָלק ווייטער, ביזן באַזעצן אים אינעם פאַר־שפּראָכענעם לאַנד. נאָר, איידער ער האָט זיך גערירט אין וועג, האָט ער געוואָלט פאַרענדיקן דעם פריערדיקן דיאַלאָג און פעסטשטעלן, וועמענס איז דאָס יידישע פאָלק? און האָט זיך דעריבער געווענדעט צו ג־ט, און גע־זאָגט: „וראה כי עמך הגוי הזה" — און זע, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק איז דאָך דיין פאָלק, און דערפאַר דאַרפסטו זיין דער העכסטער קאָמאַנדיר און גיין פאַר אונדז פאָרויס, און דערמיט וועלן מיר זיך אויסצייכענען מער פון אַלע אַנדערע פעלקער. און ג־ט האָט דערויף מסכים געווען.
און אָט אַזוי זענען מיר ביז היינט צו טאָג געבונדן — ג־ט מיטן פאָלק ישראל, און דאָס פאָלק ישראל מיט זיין ג־ט.

* * *

אָבער צום יידישן פאָלק און צום יידישן ג־ט האָט געפעלט נאָך אַ דריט־טער עיקר — די לוחות. משה האָט זיי דאָך צעבראָכן. האָט ג־ט באַפוילן משהן, ער זאָל אַרויפגיין נאָך אַמאָל אויפן באַרג, וואו ער וועט אָנשרייבן נאָך אַמאָל דאָס זעלבע וואָס אויף די פריערדיקע לוחות. נאָר דאָס מאָל האָט שוין ג־ט אָנגעזאָגט משהן, ער זאָל מיטנעמען אַ הילצערנעם אָרון.
משה איז טאַקע געווען דער גרעסטער פאַרטרויאונגס-מאַן, אָבער דאָס מאָל האָט ג־ט געמאַכט אַ באַוואָרענונג און געהייסן משהן מיטנעמען אַן אָרון-קודש אַריינצולייגן די לוחות, ער זאָל זיי נישט קאָנען אַזוי לייכט אַוועקוואַרפן און צעברעכן, און פון דעמאָלט אָן, ווי ס׳זאָל זיך נישט מאַכן, צי דאָס יידישע פאָלק איז זינדיק קעגן ג־ט, צי ג־ט קריוודעט דעם יידישן פאָלק; צי מיר גייען באַרג-אַרויף, צי באַרג-אַראָפּ — די לוחות טראָגן מיר מיט גאַנץ, און זיי באַלייכטן דעם וועג פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

און די מעשה מיט דער גאָלדענער קאַלב איז נישט קיין איינפאַכע מעשה. עס איז אָנגעשריבן אין דער תורה, און תורה דאַרף מען לערנען, און אַז מ׳לערנט תורה, ווייסט מען, אַז דאָס גאָלד און צירונג וואָס מ׳קלייבט — קומט אַ צייט, ווען ס׳ווערט צעמאָלן און צעריבן, צוזאַמען מיט זייערע באַזיצער. נאָר ארץ-ישראל, מדינת-ישראל, עם-ישראל, תורת-ישראל — דאָס זענען אייביקייטן; און אויב מיר ווילן באמת בויען אונדזער לאַנד און פאַראייביקן אונדזער עקזיסטענץ, ווי יחידים און ווי אַ פאָלק, לאָמיר פאַרנוצן אונדזער צירונג און גאָלד פאַרן בנין-הארץ, דורך פּריוואַטע איני-ציאַטיוו, דורך באָנאָס, דורכן פאַראייניקטן קאַמפּיין, דורך קרן קימת לישראל, דורך אַ פאַרשטאַרקטער עליה.

כי תשא

ב.

ר׳ מענדעלע קאָצקער ז״ל, האָט געזאָגט, אַז „דער עיקר איז נישט דאָס וואָס דו לערנסט תורה, דער עיקר איז וואָס די תורה לערנט אונדז!״

ווי אַזוי פאַרשטייען מיר דעם באַגריף „תורה״? ס׳איז פאַראַן אַ מדרש, וואָס זאָגט: „אם יאמר לך אדם יש הכמה בגויים תאמין, יש תורה בגויים אל תאמין״ — אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגן אַז ס׳איז פאַראַן חכמה ביי גויים, זאָלסטו גלויבן; אַז ס׳איז פאַראַן תורה ביי גויים, זאָלסטו נישט גלויבן.

דאָס איז נישט קיין שאָוויניזם. דער מאמר איז געזאָגט געוואָרן נישט מבטל צו מאַכן די וויסנשאַפט פון אַנדערע פעלקער. יעדעס פאָלק גיט אַרויס פילאָזאָפן, קינסטלער, דיכטער, מאַטעמאַטיקער א״א. דער אונטער-שייד איז נאָר אין דעם, וואָס ביי די אומות-העולם איז תורה-לערנען — וויסנשאַפט, און ביי יידן איז תורה-לערנען — מאָראַל. וויסנשאַפט דאַרף זיין באַקרוינט מיט אַ העכערן ציל, און דער העכערער ציל איז דער מענטש. פירן די מענטשהייט צו פולקאָמענהייט איז כמעט ווי נישט מעגלעך, אָבער די שטרעבונג צו דעם איז שוין אַליין אַ הויכע מדרגה.

לערנען, האָט אין זיך דעם סוד פון דער וועלט-באַשאַפונג. קיינער ווייסט נישט ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן און מ׳ווייסט נישט ווען עס וועט זיך ענדיקן. מער ווי זיכער איז, אַז ביידע זאַכן וועלן זיך נישט ענדיקן; עס איז זיך כסדר מחדש: נייע דערפינדונגען, נייע אינטערפּרעטאַציעס, נייע דערגרייכונגען קומען נישט בלויז פון יחידים, נאָר דער אַנאָנימער „קנאת סופרים תרבה חכמה״. באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק קומען אויף

פאַקטאָרן וואָס שטויסן צו דעם ווילן נישט צו זיין נידעריקער ווי דער חבר, דער ווילן צו שטייגן און איבערשטייגן.

דאָס נישט-פאַרשטיין, צווינגט צו וועלן פאַרשטיין.

און אַט לאָמיר זיך פאַרטראַכטן איבער פסוקים, וואָס זענען שווער צו פאַרשטיין:

„וירא העם כי בשש משה לרדת מן ההר, ויקהל העם על אהרן, ויאמרו אליו, קום עשה לנו אלקים, אשר ילכו לפנינו, כי זה משה האיש אשר העלנו מארץ מצרים, לא ידענו מה היה לו" — און ווי דאָס פאָלק האָט געזען אַז משה זאַמט זיך אַראָפּצונידערן פון באַרג, אַזוי האָט דאָס פאָלק זיך איינגעזאַמלט אַרום אהרנען און זיי האָבן אים געזאָגט: שטיי אויף, מאַך אונדז אַ ג-ט וואָס זאָל גיין פאַר אונדז, וואָרום דער דאָזיקער מאַן משה, וואָס האָט אונדז אַרויסגענומען פון מצרים, ווייסן מיר נישט וואָס מיט אים איז געוואָרן.

די דאָזיקע פסוקים מאַטערן דעם מוח. ס'איז נישט צו באַגרייפן אַזאַ האַנדלונג מצד דעם פאָלק; עס איז דאָך אַ האַנדלונג קעגן די נאַטירלעכע געזעצן און געוואוינהייטן.

משה, וואָס האָט מיט אַזויפיל וואונדער באַפרייט דאָס פאָלק; משה, דער מנהיג און באַשיצער, וואָס איז אין אַלצדינג געווען אַזוי פּינקטלעך — איז אַט דער משה אַוועק און זיך נישט אומגעקערט צו דער באַשטימטער צייט. איז, לויט דעם איינפאַכן פאַרשטאַנד און לאָגיק, האָט דאָך דאָס גאַנצע פאָלק געדאַרפט איפּשטורעמען: — גוואַלד! וואו איז אונדזער משה? ווער ווייסט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, ער איז אַוועק איינער אַליין איפן פוסטן, וויסטן באַרג. אפשר האָט ער פאַרבלאָנדזשעט, אפשר אַן אַקצידענט, אפשר אַ שלעכטע חיה האָט אים באַגעגנט, לאָמיר אים לויפן זוכן, לאָמיר שרייען משה! פּיליכט וועט ער זיך אָפּרופן? אַזוי האָט עס דאָך געדאַרפט זיין. אָבער, דאָס פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אַן אומגלויבלעכע גלייכגילטיקייט, וואָס איז אַ הימל-שרייענדיקע אומדאַנקבאַרקייט. „כי זה משה האיש", משה איז דאָך נאָר אַ מענטש, איז ווער איז ער אַזוינס?

ווען משה איז געווען מיטן פאָלק, האָבן זיי ביי יעדער שוועריקייט באַלד געזאָגט: „נתנה ראש ונשובה מצרימה" — לאָמיר באַשטימען אַן עלטסטן און זיך אומקערן קיין מצרים, און ווען משה איז, לויט זיי, פאַרפאַלן געוואָרן, האָבן זיי נישט געבעטן אַ נייעם פירער, נאָר אַ ג-ט זאָל מען זיי מאַכן, מיט ווייניקער ווי אַ ג-ט שטעלן זיי זיך נישט צופרידן. ער — דער ג-ט — זאָל גיין פאָרויס, ער זאָל אַלין גרייט מאַכן און זיי וועלן טון אַ טובה און נאָכגיין.

עס ציטערט דאָך אויף אַזאַ נישט-פאַרשטענדלעכער אומדאַנקבאַרקייט! ווי, אַ שטייגער וואָלטן מיר, אַלס ציוויליזירט פאָרגעשריטענע מענטשן

געהאנדלט אין א פאל פון נויט, פון דרינגענדיקע סיטואציעס מיט אונדזערע מנהיגים?

נאר, צו וואס קלערן ווי מיר וואלטן געהאנדלט, לאמיר טאקע א קוק טון, ווי האנדלען מיר איצט, אין די איצטיקע טעג, מיט אונדזערע פירער וואס האבן אויך באוויזן וואונדער?

אונדזער צבא-הגנה לישראל, אונטער דער קאמאנדע פון דעם העלדישן גענעראל און טייערן ייד משה דיין, מיט דער חכמה, טאקט און וואונדערלעכן געדולד און אויסדויער פונעם גרויסן פרעמיער דוד בן-גוריון, האבן אפגעהאלטן אן איבערראשנדיקן נצחון איבער אונדזערע אלט-נייע שונאים, די מצרים.

יידן פון דער גאנצער וועלט האבן זיך געפרייט, זיך אנגעפולט מיט שטאלץ מיט אונדזער צה״ל, מיטן העלד גענעראל משה דיין. מיט די הונדערט איין און זיבעציק גבורים, וואס זענען געפאלן אויפן שלאכטפעלד פארן כבוד פון דער מדינה און פארן כבוד פון יידישן פאלק איצט, און פאר די קומענדיקע דורות. און ועל-כולם האבן די יידישע הערצער געקוואלן פון שמחה מיט אונדזער חכם, גבור און מנהיג — דוד בן-גוריון.

אבער, ווייזט אוים אז די צייט פון גאולה שלימה איז נאך נישט געקומען. די שרים פון עשו און ישמעאל זענען נאך געגוג שטארק, און טוען אלעם מעגלעכעס ארויסצורייסן דעם נצחון פון די הענט פונעם שר ישראל.

ס׳איז א געראנגל פון איינס קעגן ניין און נייניציק.

די איינציקע שטארקע וואפן וואס דער איינס —מדינת-ישראל— פארמאגט, און זיין פארטיידיקונג איז דער „אמת״. ריכטיק, אמת איז א שטארקע, דויערהאפטיקע פארטיידיקונגס-קראפט. אבער צום באדויערן און אומגליק פון דער גאנצער מענטשהייט, האבן די ניין און נייניציק אזעלכע שטארקע קולות פון שקר און חוצפה, אז זיי פארטומלען און פארשרייען דעם „אמת״, און זיי דריקן מיט אלע ברוטאלישע, ציניש, פאלשע כוחות צו דערנידעריקן און באשפייען מיט זייערע שמוציקע מיילער דעם ריינעם קלארן אמת.

די ממשלה פון ישראל איז אבער פול מיט גלויבן, אז סוף-כל-סוף וועט דער אמת מנצח זיין. אבער דערווייל איז דער געראנגל זייער א שווערער, און זיי האבן זיך געווענדעט צום גאנצן איינס, מיר זאלן זיך האלטן פעסט ביי איינס, און אלע צוזאמען —דאס גאנצע יידישע פאלק— ווי איין מאן זאל העלפן באלד, אן צייט-פארלוסט מאטעריעל און מאראליש דעם שר-ישראל און מדינת-ישראל, צו קאנען אויסהאלטן דאס שטיקל צייט וואס שקר און חוצפה בושעווען, און אזוי ארום זיך קאנען ארויסראטעווען פון די שרים פון עשו און ישמעאל, וואס קאמאנדעווען נאך אלץ אין די העכסטע הויכקייטן.

לאָזט זיך אויס אַן איבערגעקערטע געשיכטע.

אַמאָל, אין דעם מדבר, האָט דער מנהיג משה פּאַרשפּעטיקט.

איצט, אַז מיר זענען ברוך־השם אין ישראל, און אונדזערע מנהיגים: יצחק, דוד, משה, ירום הודם, שטייען אויפן פלאַץ פעלדזנפעסט, פּאַרשפּע־טיקט דאָס פאָלק.

אונדזערע ברידער און שוועסטער אין דער מדינה, וועלכע זענען דער קלענערער טייל פונעם „איינס", האָבן אַלע ווי איינער, מאַן און פרוי, אַלט און יונג, פּראָקלאַמירט אַז נישט נאָר וועלן זיי קעמפן מיטן קאָפּ, הענט און פיס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער מדינה, נאָר אויך מיט זייערע מאָגנס. מ'שפּאַרט־אָפּ דעם ביסן, דאָס שפּייז פון זיך, פונעם קינד, ווייל עשו און ישמעאל, מיטן „דאַלעס" אין דער שפּיץ, ווילן אויסהונגערן אונדזערע ברי־דער און שוועסטער אין דער מדינה, מוזן זיי דעריבער לעבן שפּאָרזאַם און איינציען די פּאַסיקעס; און מיר, דאָ, דאַרפן ברוך־השם נישט איינציען די פּאַסיקעס — איילן מיר זיך נישט, האָבן מיר צייט.

און ס'ווילט זיך אויסשרייען: —גוואַלד, יידן! שעמט איר זיך נישט? פונעם נצחון האָט איר געשעפּט נחת וויפל איר האָט אַליין געוואָלט, און איצט, ווען ס'האַנדלט זיך צו קרעפּטיקן די הענט פון אונדזערע מנהיגים, אַז זיי זאָלן קאָנען, אויף וויפל ס'איז מעגלעך, שטיין פעסט און איינ־האַלטן אַז, באַהיט ג־ט, דער נצחון זאָל זיך נישט אַרויסגליטשען אינגאַנצן פון זייערע הענט — פאַרזאַמט מען זיך.

איך וויל, חס־וחלילה, נישט רעדן קיין שלעכטס אויף קיינעם. אונדזע־רע יידן גיבן און גרייטן זיך צו געבן, אָבער אין אָט דעם גרייטן־זיך ליגט די צרה.

מען וואַרט ס'זאָל קומען אַ חשובער שליח, און זאָל האַלטן געראָטענע רעדעס, און עסן אַ גרויסאַרטיקע וועטשערע אינעם שענסטן האָטעל, און די איינגעלאַדענע צו דער וועטשערע וואָס האָבן געלט, וועלן זיך פאַרשרייבן, נאָכדעם וועלן זיין אויפנאַמס־טישן קאָמיטעטן און נאָכדעם וועט אָנהויבן אַריינקומען געלט, צו ביסלעך.

אָבער, גוואַלד יידן! גוואַלד! זענען מיר אַזוי קליין, אַז מ'דאַרף אונדז יעדן יאָר קומען דערמאָנען וואָס מיר מוזן טון? און ביז דער חשובער גאַסט וועט קומען?

שוין דריי מאָנאַטן, —נישט אַננעמענדיק קיינע סאַנקציעס— לאָזט מען נישט עס זאָלן אַריינקומען אין מדינת־ישראל די נויטיקסטע אַרטיקלען וואָס אַ לאַנד מוז האָבן אויף צו קאָנען געבן אַרבעט, צו קאָנען פּראָדוצירן דאָס סאַמע נויטיקסטע פאַרן מעגלעכן געברויך.

קאָנען מיר דערלויבן, אַז אונדזערע ברידער און שוועסטער אין מדינת־

ישראל זאָלן לעבן און קעמפן אונטער אַ רעזשים פון „צנע", און מיר, דאָ, זאָלן וואַרטן אויף אַ שליח?

יידן! שוין, היינט, דאַרף מען ברענגען די תרומות פאַרן קאַמפּיין, אויב נישט אינגאַנצן איז כאָטש טיילווייז.

לאָמיר נישט פאַרשריבן ווערן ווי יענע אין מדבר, וואָס האָבן אין אַ מאָמענט זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם באַפרייער, פירער און לערער און האָבן געמיינט, אַז אַ גאָלדענער ג־ט וועט זיי פירן פאָרויס.

וויפל געבן? לאָמיר זיך האַלטן ביים כלל וואָס משה רבינו האָט אונדז געלערנט, טאַקע אין דער זעלבער סדרה: „העשיר לא ירבה" — דער רייכער זאָל נישט געבן צופיל; ער, דער רייכער, דאַרף געבן נאָר וויפל ער קאָן און וויפל ער מוז, נאָר נישט צופיל; מ'דאַרף האָבן אויך מיטלייד מיטן רייכן, צופיל דאַרף עס נישט געבן; „והדל לא ימעיט" — דער אָרעמער זאָל זיך נישט מאַכן אָרעמער ווי ער איז.

מיר זענען אַ טייער פאָלק; מיר זענען אַן „עם קשה עורף", — אַ פאָלק מיט אַ האַרטן נאַקן, אָבער נישט מיט קיין האַרטן פּנים, נישט קיין „קאַראַ־דוראַס".

לאָמיר טראָגן שיין און ריין אונדזער פּנים. דער איצטיקער מאָמענט פאָדערט פון אונדז דערהויבנקייט.

דער שר־ישראל וואַרט אויף אונדזער הילף. היינט, היינט, היינט.

תַזְרִיעַ־מְצוֹרָע

„זאת החיה אשר תאכלו" — דאָס זענען די לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס איר מעגט עסן...

„אשה כי תזריע וילדה זכר" — אַ פרוי, אַז זי וועט געלעגן ווערן און געבוירן אַ ייִנגל...

„זאת תהיה תורת המצורע" — דאָס זאָלן זיין די דינים פון קרעציקן...

יעדעס יאָר ווען מ'קומט צו די דאָזיקע פרשות, קומט אַרויף אויפן געדאַנק די פראַגע, פאַרוואָס איז דער בעל־מסדר פון חומש אַריינגעקומען אין מיטן דערינען מיט אַזעלכע פּראָזאַאישע זאַכן, מיט ענינים פון רייך־פּערזענלעכן, אינטימען כאַראַקטער, וואָס מ'מעג און וואָס מ'טאָר נישט עסן; וועגן היגיענישע אָנגעלעגנהייטן פאַר די פרויען; וועגן היטן זיך פון קראַנקייטן — אַלץ זאַכן וואָס האָבן נישט קיין שייכות, נישט מיט די פריערדיקע, נישט מיט די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פונעם חומש?

משה גיט אינסטרוקציעס ווי אַזוי צו בויען דעם משכן, וואו די שכינה וועט רוען, וואו עס וועט זיך געפינען דאָס הייליקסטע —די לוחות, אויף וועלכע ס'זענען אויסגעקריצט די עשרת הדברות; ער לערנט מיט די כהנים און מיטן פאָלק די רעגלען פון מקריב זיין קרבנות אויפן הייליקן מזבח — אַלץ זאַכן, וואָס פאַרבינדן מענטש מיט ג־ט; און אָט רייסט ער —משה— איבער די טעמע, און נידערט אַראָפּ פון די הויכע ספערן, אַריבערגייענדיק צו לערנען דער געמיינדע אַזעלכע וואָכעדיקע ענינים, ווי די פריער־דערמאָנטע, וואָס געהערן זיך אָן מיטן פּריוואַטן לעבן פונעם יחיד, פון יעדן איינצעלנעם מענטש.

מיר ווייסן, אַז „אין מוקדם ומאוחר בתורה", אַז ס'זענען פאַראַן פּאַסירונגען וואָס זענען פאָרגעקומען פריער און זענען פאַרצייכנט געוואָרן שפּעטער. דער כראָנאָלאָגישער סדר איז נישט פּינקטלעך, אָבער דערמיט איז די פראַגע נישט פאַרענטפערט. פאַרוואָס איז עס טאַקע אַזוי געאָרדנט געוואָרן? די וואָס האָבן מסדר געווען די פרשות, האָבן דאָס זיכער געטון

מיט אַ געוויסער כוונה; געוויסע אומשטענדן האָבן דאָך מסתמא געווירקט צו דעם.

טראַכטן מיר זיך אַריין אין דער דאָזיקער פראַגע, פירט אונדז דער געדאַנק צו איין צענטראַלן פונקט, וועלכער כאַראַקטעריזירט משה רבינוס מעשים, וואָס ציען זיך און קייטלען זיך ביז צו אַ קולמינאַציע־פונקט: צו אהבת־ישראל, זיין גרויסע ליבשאַפט צו די קינדער פון אַברהם, יצחק און יעקב.

ביי משה רבינו איז געווען דער עיקר דאָס פאָלק, און אַ פאָלק ווערט צונויפגעשטעלט פון יחידים: פאָלק און יחיד, יחיד און פאָלק איז איין גאַנצע זאַך.

די תורה איז געשאַפן געוואָרן פאַרן פאָלק, און נישט דאָס פאָלק פאַר דער תורה; נאָר, האָט דאָס פאָלק מקבל געווען די תורה — איז עס אומצעטיילבאַר.

פאָלק און תורה איז גוף און נשמה; איינע אָן דאָס אַנדערע קאָנען נישט עקזיסטירן.

תורה און פאָלק־ישראל דערגאַנצן זיך, פערפעקציאָנירן זיך און באַרעכטיקן זייער קאַמף צו פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין דער וועלט־געשיכטע; אַ פּאָזיציע פון אַ העכערן אַרט לעבן, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער אבי־המשוררים, דוד המלך: „ותחסרהו מעט מאלקים“ — דו האָסט אים געמאַכט, דעם מענטש, שיעור נישט קלענער פון ג־ט, און ישראל שטרעבט צו דער העכסטער מדרגה.

משה, מיטן ווילן פון דעם אַלמעכטיקן, האָט געהאַט פאַר זיך די פּראָגראַם: פאָלקס־פרייהייט, תורה, לאַנד.

משה רבינו האָט נישט געוואָרט מיטן ברענגען די תורה צו די בני־ישראל, ביז זיי וועלן אַריינקומען אין ארץ־ישראל —ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין לויט דער טרוקענער לאָגיק—, נאָר גלייך אין מדבר, נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיי געוואָלט מזכה זיין מיטן דריטן פונקט פון דעם פּראָגראַם — מיט תורה. נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט אַן אומדערוואַרטן מכשול.

משה האָט געגלויבט אין פאָלק, און מיט זיין ליבשאַפט צום פאָלק האָט ער נישט גענומען אין אַכט, אַז די פּראָגראַם וואָס איז גוט און זעלבסטפאַרשטענדלעך פאַר אַ משהן, איז נישט אַלע מאָל גענוג צייטיק פאַרן פאָלק, וואָס דענקט און רעכנט אין קורצע טערמינען, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג זעט און די מאָמענטאַלע אומשטענדן באַרעכטיקן עס.

אַ גאַנץ פאָלק קאָן נישט, און איז נישט מסוגל צו רעכענען און אויפפאַסן פּראָבלעמען מיט ווייטגייענדיקע טערמינען.

און משה האָט זיך דערוויטערט פון פאָלק אויף צוויי און פערציק

טעג. דאָס איז געווען אַ צו־לאַנגע צייט אויף צו לאָזן די געמיינדע אָן אַ מנהיג. זיי, די בני־ישראל, זענען געווען אָפּגעוואוינט פון זאָרגן פאַר זיך אַליין, צו נעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט. אין מצרים איז עס גע־ווען פרעה מיט זיינע נוגשים ושוטרים, וועמענס פאַרשריפטן און באַפעלן זיי האָבן אויסגעפירט געצוואונגענערהייט, ביז ס'איז געוואָרן ביי זיי אַ נאַ־טירלעכקייט, און אין דער מדבר איז עס געווען משה, צו וועמען זיי האָבן געהאַט פּרעטענזיעס, טענות, אַז ער מוז זיי פאַרזאָרגן מיט אַלץ וואָס עס ווילט זיך זיי.

פערציק טעג האָט זיך משה נישט געוויזן. די געמיינדע האָט זיך גע־פילט ווי פאַרלאָזן און האָט גענומען פאָדערן ביי אהרנען: „עשה לנו אלהים" — מאַך אונדז געטער, וואָס זאָלן גיין פאַר אונדז.

דאָ מוז מען אָנווייזן אַ זכות פאַר די בני־ישראל; זיי האָבן געפאָדערט געטער וואָס זאָלן זיי פירן אויף זייער וועג פאָרויס, בעת ביי משהן האָבן זיי שטענדיק געסטראַשעט מיט אומקערן זיך צוריק אין מצרים.

אַז מען פילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף די אייגענע פּלייצעס, איז מען מער פאָרזיכטיק, און עס דענקט זיך אַנדערש.

די באַפרייאונג פון מצרים איז געווען אַ פילאַנטראָפּישע — אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן; עמיצער האָט זיי באַפרייט. איז דער רעזולטאַט טאַקע געווען נישט קיין געראָטענער.

און משה קומט נאָך די פערציק טעג פאַרטיק, גרייט מיטן דריטן פונקט פון דעם פּראָגראַם — מיט אַ תורה, מיט אַ צוגעגרייטן פּלאַן פון גע־זעצן, פון קולטור, מיט אַ העכערן הומאַניטאַרן און גייסטיקן לעבנסשטיי־גער. און ער טרעפט זיך אָן מיט אַזאַ אומגעלומפּערטקייט —אַ קאַלב— אַ גאָלדענע קאַלב, וואָס מען באַטראַכט עס אַלס פירער פון פאָלק.

פון אויפרעגונג צעברעכט משה די לוחות, אויף וועלכע ס'זענען געווען אויסגעקריצט די צען געבאָט. אָבער צו דער זעלבער צייט שטייגט אַריבער די אחריות פון דעם מנהיג־געפיל אין משהן; ער באַטראַכט דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, ער דרינגט אַריין אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן, מאַסן וואָס זענען נאָך אין סטאַדיום פון קאַנדידאַטן אויף איבערדערציאונג. אין גאַנג צו גייסטיקער טראַנספאָרמאַציע, קאָן מען נישט איינהאַלטן מיטן גלויבן אין אַבסטראַקטער געטלעכקייט. אַ פאָלק דאַרף האָבן אַ פּלאַץ, צייט און פאָרמען אויסצודריקן זיין אמונה.

און משה, מיט דער אָנווייזונג פון דעם אַלמעכטיקן, האָט גענומען בויען אַ משכן; בויען מיט מיטלען פון דער באַפעלקערונג, און דער עולם האָט זיך אָפּגערופן ענטוזיאַסטיש. משה שטעלט־אָן די בעסטע בוי־קינסטלער. דער משכן ווערט געבויט מיטן גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ. משה פערזענלעך גיט אַכטונג אויף יעדן דעטאַל, ס'זאָל אַרויסקומען מיט דער העכסטער עסטע־

טישער פּינקטלעכקייט, אַז אויסער די קדושה זאָל אויך די אויסערלעכקייט באַאיינפלוסן און זאָל אַרויסרופן רעספּעקט און כבוד.

דער משכן ווערט פאַרטיק, און משה לערנט מיט די כהנים, מיטן פאָלק די דינים פון קרבנות, די ספּעציעלע אייגנאַרטיקע באַדינגונגען: ווי, ווען, וואָ, ווער עס דאַרף זיי דורכפירן, אין אַלץ איז אַריינגעגעבן געוואָרן און האָט דעם זין פון הייליקייט, פון גאָטעס-דינסט. דער משכן איז דער צענטער וואָס דערמעגלעכט און דערנענטערט דעם מענטש צו באַהעפטן זיך מיט דער געטלעכקייט.

דער משכן, דער מזבח ווערן באַניוט. אהרן הכהן בענטשט דאָס פאָלק, און דאָס פאָלק דריקט אויס זיין פרייד מיט געזאַנג, מיט פאַלן כורעים, און מיט אַמאָל, אומגעריכט, פּאַסירט אַ שרעקלעכער אומגליק.

די צוויי עלטערע זין פון אהרן הכהן זענען אַריינגעגאַנגען אין משכן מיט פאַנען געריוכערטן ווייראַך נישט אין דער צייט, נישט ווען די גאָטעס-דינסט האָט עס געפאָדערט, און די ביידע זין זענען געפאַלן טויט.

די דאָזיקע קאַטאַסטראָפאַלע געשעעניש האָט באַוויזן, אַז נישט דערפאַר וואָס מען האָט אַ טאַטן אַן אהרן הכהן, און נישט ווייל מען גייט געקליידט אין אַ ספּעציעלן אוניפאָרם און מען פאַרנעמט אַ פּאָסטן פון העכערן ראַנג, קען מען טון וואָס מען וויל. און משה רבינו האָט פון דעם ביישפּיל פאַל געצויגן די געהעריקע מסקנות, און זיי אויסגעברייטערט אויפן גאַנצן פאָלק.

אַ קולטורעל גוט-דערצויגענע געמיינדע דאַרף אָפּהיטן די גוטע אָנשטענדיקע זיטן, מנהגים. מען מוז זיין אָפּגעהיט סיי פיזיש, סיי עטיש. ביי אַלע אומשטענדן און געלעגנהייטן מוז מען אַכטונג געבן אויפן געזונט. אַלץ וואָס די תורה לערנט און וואָרנט איז מיטן צוועק „וחי בהם", מען זאָל לעבן מיט זיי אַ לעבן וואָס זאָל ווערט זיין צו ווערן גערופן לעבן. מען זאָל פירן אַ געזונטן, אָנשטענדיקן, צניעותדיקן לעבן. דעם מענטשנס לעבן איז אַ הייליקער געשאַנק, און אַלס אַזעלכער איז מען מחויב צו שעצן און רעספּעקטירן דאָס ביסל יאָרן וואָס מען לעבט.

און אָט אין דעם זינען האָט משה רבינו געמאַכט אַ הפסקה און גענומען לערנען מיט די בני ישראל וועגן דער אויפפירונג פון יחיד, פון איינצלנעם מענטשן אין זיין טאָג-טעגלעכן זיין. און דאָס ערשטע נויטיקסטע באַדערפעניש איז עסן. האָט משה אָנגעוויזן און געגעבן סימנים, וועלכע באַשעפענישן מען מעג עסן און וועלכע מען טאָר נישט עסן.

ווער וויים אויב דער דאָזיקער געבאָט פון מעגן עסן נאָר געוויסע מינים פון לעבעדיקע באַשעפענישן האָט נישט געווירקט אויף דער אויספאָרמירונג פון יידישן כאַראַקטער, מיט די מידות פון רחמנות, צניעות און קעגנזייטיקע הילף.

נעמענדיק אין אַכט די באַדייטונג פון דער מוטער אין דעם משפּחה-

לעבן און ממילא — אויך אין פאָלקס־לעבן, האָט משה געזאָרגט אויך ספּע־ציעל פאַר דעם געזונט פון דער פרוי אין געוויסע פעריאָדן, אין וועלכע זי מוז האָבן פולקאָמע רו. און האָט עס באַוואָרנט מיט דער שטרענגקייט פון אַ געזעץ.

די מוטער, די פרוי, לויט דער יידישער עטיק, איז דער אויסדרוק, דער סימבאָל פון שבת־יום־טובדיקייט, דער שיר השירים פון לעבן.

און משה וויל אויך פאַרהיטן פון אַנשטעקנדיקע אויסערלעכע קראַנקייטן. ער גיט אויספירלעכע אינסטרוקציעס, ווי מען זאָל פאַרכאַפּן, באַלד ווי דער חשד פון דער קראַנקייט באַווייזט זיך, מען זאָל גיין צום כהן, און דער כהן וועט באַשטימען, לויט די סימנים, צי מען דאַרף דעם קראַנקן איזאָלירן צי נישט.

פאַרוואָס עפּעס צום כהן? דער כהן איז דאָך דער וואָס האָט צו טון מיט זאַכן פון קדושה, מיט העכערע גייסטיקע פאָלקס־ענינים, איז ווי קומט אַ גייסטיקער פירער, וואָס דאַרף וואַכן איבער קולטורעלע, רעליגיעזע ענינים, צו וויסן פון קרעץ־פּלאָג? וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיטן קולטור־מענטש?

משה רבינו האָט פאַרשטאַנען, אַז קערפּערלעכע אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן זענען פיל מאָל אַ רעזולטאַט פון אַ געבראַכענער מאָראַל. אין עברית איז פאַראַן אַ זייער געלונגענער טערמין „דרך־הישר" — דער ער־לעכער וועג. און ווער נאָך איז אַזוי מחויב אַכטונג צו געבן אויפן דרך־הישר ווי די מנהיגים, די גייסטיקע פירער, אַנהויבנדיק טאַקע פון זיך אַליין?..

אונדזערע חכמים־מאָראַליסטן האָבן אונדז געלערנט, אַז אַ תּלמיד חכם וואָס מען געפינט אַ פלעק אויף זיינע קליידער, איז חיב מיתה, קומט אים טויט. — פאַרוואָס אַזאַ שטרענגקייט? פאַר אַזאַ קליייניקייט ווי אַ פלעק אויפן בגד זאָל מען געבן אַזאַ האַרבע שטראָף ווי טויט? אָבער דאָס דער־קלערט זיך דערמיט, וואָס אויב דער תּלמיד חכם גייט מיט אַ פאַרפלעקטן בגד אין גאַס, וועט עס זיין אַ שלעכטער ביישפיל, און אַנדערע — אויף אים קוקנדיק — וועלן זיך דערלויבן גיין שמוציקע קליידער, און שמוץ איז דער גורם פון מגיפות, וואָס זענען אַנשטעקנדיק. דערפאַר זענען די מנהיגים פאַרפליכטעט אַכטונג צו געבן אויף ריינקייט און זויבערקייט.

ריינקייט און זויבערקייט נישט נאָר פון קליידונג, נאָר אויך ריינקייט פון געוויסן, זויבערקייט פון דער נשמה, פון האַרץ.

לערנען אונדז די מאָראַליסטן, אַז עס זענען פאַראַן זיבן סאָרטן גניבות, און די ערגסטע פון זיי איז „גונב דעת הבריות", — שווער דאָס איבערצו־זעצן טעקסטועל אין יידיש, נאָר דאָס וויל זאָגן, אַז מען פאַרמאַסקירט די מעשים, יענער זאָל עס נישט דערקענען, גנבעט מען צו ביי יענעם די ריכ־טיקע פאַרשטעלונג.

משה האָט דערזען, אַז דער משכן, די קרבנות, פאַרלירן זייער באַדייט אויב דאָס פאָלק וועט נישט זיין געזונט פיזיש און גייסטיק; אַז עס איז אַ געפאַר אויב „טאַטנס זינדלעך" מיינען, אַז זיי מעגן טון וואָס זיי געפעלט און שטופן זיך אויבנאָן אַפילו ביי רעליגיעזע ענינים; אַז עס קען אָפּשוואַכן דעם פאָלקס אָרגאַניזם אויב די מוטערס וועלן נישט זיין אָפּגעהיט מיט זייער געזונט; אַז זיך פאַרלאָזן אויף תפילות אַליין, בעטן ביי ג־ט ער זאָל טון ניסים און אַליין וואַרטן ביז דער נס וועט געשען, איז קעגן דער יידישער עטיק. ג־ט זאָגט: מענטשן, טוט און איך וועל אייך העלפן.

אָט אַזוי און נאָר אַזוי אַרום האָבן מיר דערגרייכט צו מדינת ישראל. מיט אַרבעט, מיט גבורה, ביז סכנת נפשות. מיט אהבת ישראל, מיט אויפהויבן זיך העכער און נאָך העכער איבער די פּערזענלעכע אינטערעסן, שטעלנדיק העכער די פאָלקס־אינטערעסן אַפילו פון דעם אייגענעם לעבן; מיט שטיין מיט אַן אָפענעם פּנים, מיט אַ רואיקן געוויסן און מיט גלויבן אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק, האָט געקענט קומען די געטלעכע הילף אין דער צייט.

דער „אין מוקדם ומאוחר בתורה" האָט אַ קלאָרן און באַדייטפולן זין, ווען עס האַנדלט זיך פון פאָלקס־אינטערעסן — דאַרף מען איבערלאָזן אַלע אַנדערע זאַכן, מעגן עס זיין אַפילו „דברים שבקדושה", און טון אַלץ לטובת דעם פאָלק.

דעריבער איז דער ענין פון „עליה" איצט איינער פון די וויכטיקסטע, אויב נישט דער וויכטיקסטער. צו דער עליה קומט באַדן־צוגרייטונג, התישבות א"אַ.

לאָמיר לערנען און פאַרשטיין, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק מוז איצט טון פאַרן יידישן פאָלק, צו שטאַרקן, פעסטיקן אים, אין דאָס קען מען מאַכן אויסדריקלעך מיט פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג פון מדינת ישראל.

לאָמיר אין די איצטיקע טעג פון „חג העשור" זיך נישט באַווייזן קליין.

גרוים און שטאָלץ מוזן מיר זיין. שטאַרק און גרעסער מוז ווערן מדינת ישראל.

קְדוֹשִׁים

„דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו", רייד צו דער גאַנצער געמיינדע פון די קינדער פון ישראל און זאָלסט זיי זאָגן, הייליק זאָלט איר זיין, ווייל איך בין הייליק.

די יידישע אמונה איז אונדז הייליק, און וועט בלייבן הייליק, מחמת זי איז נישט קיין אַרויפגעצוואונגענע, ווי אַנדערע רעליגיעס וואָס זענען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף די מענטשן מיט שווערד און פייער. נאָר זי איז געקומען פון אויפקלערונג, פון טיפן אַריינטראַכטן זיך אין דער אָר־דענונג פון די באַשאַפונגען, און פון פּריוווּליקער איבערצייגונג דורך דעם ערשטן פּאַטריאַרך.

ארץ ישראל איז אונדז הייליק נים דערפאַר וואָס זי איז אַ לאַנד וואו עס רינט מילך און האָניק, נאָר ווייל עס איז אַ טייל פון אונדזער אמונה.

נישט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט, אַז ווער עס וואוינט אין ארץ ישראל איז גלייך ווי דער וואָס האָט אַ ג־ט און דער וואָס וואוינט אין חוץ לארץ איז גלייך ווי דער וואָס האָט נישט קיין ג־ט.

ארץ ישראל איז אונדזער פאָלקס־אידעאַל, אונדזער פאָלקס־נשמה, ווייל אין ארץ ישראל האָט זיך דאָס יידישע פאָלק אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל קולטור, מיט אַזוי פיל מאָראַל, מיט אַזוי פיל עטישע אוצרות, מיט אַזוי פיל קדושה, און דאָס פאָלק האָט אַריינגעגעבן אין ארץ ישראל אַזוי פיל אהבה, אַזוי פיל געטריישאַפט און אַזוי פיל פאַרגעטערונג, אַז די ביידע האָבן זיך צונויפגעוואָקסן און געוואָרן איינס, וואָס בענקען איינע נאָך די אַנדערע, וואָס גלוסטן איינע צו די אַנדערע מיט אַ הייליקער גלוסטעניש, וואָס זענען געבונדן צווישן זיך מיטן בונד פון קדושה, מיטן קשר פון דער תורה.

דער וואָס וואוינט אין ארץ ישראל, לעבט און אָטעמט מיט אַ העכערן אידעאַל, איז באַהערשט מיט אַ הייליק נאַציאָנאַלן געפיל, כאָטש ער פילט דאָס נישט, און טאַקע אָט אין דעם נישט פילן, אין דעם באַטראַכטן דאָס

לעבן אין ארץ ישראל אַלס אַ נאַטירלעכע זאַך, ליגט די גאַנצע פיינקייט און דערהויבונג.

דער אונטערשייד פון קדוש ביז חסיד אָדער צדיק באַשטייט אין דעם, וואָס דער צדיק אָדער חסיד, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, ווייזט אַרויס ווער ער איז, און מיטן באַווייזן זיך אַלס אַזעלכער פאַרלירט ער דעם גלאַנץ און דעם ווערט. נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז די וועלט האַלט זיך בלויז אויפן זכות פון זעקס און דרייסיק צדיקים. אָבער דאָס זענען אַזעלכע צדיקים וואָס נישט די וועלט ווייס ווער זיי זענען, און נישט זיי אַליין ווייסן אַז דאָס זענען זיי אויף וועלכע די וועלט האַלט זיך. אָבער קדושה, דאָס איז אַ אינטימע זאַך, אַ קדוש איז מען פאַר זיך אַליין. דער קדוש זעט אין אַלץ קדושה, גיט ער אַריין אַ דאַזיס קדושה, דאָס הייסט, ער פאַרבייגט די אייגנ־נוצן און זעט אין זיך נאָר אַ דינער פון דער מענטשהייט, וועלכע עס זאָל נישט זיין זיין באַשעפטיקונג. און ער מאַכט דאָס אויף אַ באַשיידענעם אופן, קיינער זאָל עס נישט מערקן און ער אַליין מערקט עס אויך נישט.

א. גאָלאָמב שרייבט: „ביי יידן איז די רעליגיע געוואָקסן אָרגאַניש. אין פאָלק, מיטן פאָלק. און אַלץ וואָס דאָס לעבן פון פאָלק אין אַלע זיינע דורות האָט געשאַפן, אַלץ האָט באַקומען אַ רעליגיעזע סאַנקציע, אַלץ איז געוואָרן רעליגיעז, נישט די רעליגיע איז געקומען און אָקופירט דאָס לעבן, נאָר פאַרקערט — דאָס לעבן האָט זיך פּראָקלאַמירט פאַר רעליגיע און פאַר־הייליקט אַלץ, וואָס האָט אין משך פון דורות געשאַפן, די טראַדיציע פון לעבן איז געוואָרן רעליגיע".

„די יידישע רעליגיע האָט געהאַט דעם כוח פון דורות טראַדיציע צו סובלימירן אינסטינקטן, געוואוינהייטן, לעבנסשטייגער; ביי די אומות העולם איז קולטור, ליטעראַטור, קונסט, וכדומה אַ אייגנס, אַ אוצר, אַ רייכטום, אַ ווערטזאַך, וואָס מען דאַרף היטן, פּוצן, ריין האַלטן און איבער־געבן די קומענדיקע דורות אין זייער ריינקייט. אָבער צום לעבן האָט דאָס אַלץ קיין שייכות נישט. עס קען באַפּוצן דאָס לעבן ווי אַ צירונג, אָבער נישט פורעמען דאָס לעבן. קולטור און לעבן שטאַמען פון צוויי באַזונדערע קוואַלן און גייען יעדערער מיט זיין לאָגיק ווייטער. קולטור — מיט איר וועג און דאָס לעבן — מיט זיין וועג. ביי יידן אָבער זענען די אַלע שיכטן, וואָס האָבן ענלעך געהאַנדלט, אָפּגעפּאַלן נאָך אין אַלטערטום, געבליבן ביי יידישקייט זענען נאָר יענע שיכטן, וואָס האָבן ממשיך געווען די מסורה פון די נביאים, אָבער נישט קיין טייערע שאַצקאַמערס, נישט קיין געצן, נישט קיין זאַך צום היטן; אַלץ וואָס איז ווערט צו האַלטן, איז די תורה — צום לערנען ווי צו לעבן, אויב נישט דאַרף מען עס נישט היטן. תורה און לעבן דאַרפן גיין צוזאַמען: אַן לעבן, איז די תורה גאָרנישט. ווער עס קען די תורה און לעבט אַנדערש, איז ווי ער האָט נישט קיין ג־ט בכלל".

הלל צייטלין, דער גאַנצער ייד און קדוש. אַ קדוש אין לעבן און אין טויט, שרייבט: „דער מאָדערנער יידישער נאַציאָנאַליזם: סיי אין זיין אַל־געמיינער פאָרם, סיי אין דעם ספּעציעלן ציוניסטישן לבוש, שטרעבט על פּי רוב צו פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע פאָלק מיט אַלע אַנדערע פעלקער, דער מאָדערנער יידישער נאַציאָנאַליזם באַקעמפט זייער שטאַרק די אַסימילאַציע און ער באַמערקט גאָרנישט, אַז אין זיין יאָגן זיך נאָך אַ וועלטלעכקייט און וואָכעדיקייט שטרעבט ער צו דער זעלביקער זאַך וואָס די אַסימילאַציע האָט געשטרעבט — צום „נהיה ככל הגויים" — זיין גלייך מיט אַלע פעלקער.

אָט אַזוי האָבן פאַרשטאַנען און פאַרשטייען אונדזערע גדולי ישראל, אַז „קדושים תהיו" — הייליק זאָלט איר זיין איז נישט געמיינט אויף באַזונדערע ספּעציעלע פאַלן, נאָר אויף אַלץ וואָס איז לעבן, און עסן, און טרינקען ביי זיך אין דער היים ווי ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אין פריוואַטן פאַמיליע־לעבן, ווי אין די באַציאונגען מיט חברים, יעדער ייד, מאַן און פרוי, דאַרף כסדר געדענקען דעם קדושים תהיו".

ביי אַלע אומשטענדן און ביי יעדער געלעגנהייט מוזן מיר געדענקען, אַז וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר. יאָ! יידן זענען מיר. דערצו נאָך עפּעס:

מיר זענען יידן פון גלות, און מען קוקט אויף אונדז מיט פרעמדע אויגן, אויגן וואָס קוקן אויף אונדז מערסטנס אַביסל קאָסאָקע. אויגן שלעכטע, וואָס זעען שלעכט אַפילו אונדזערע גוטע זאַכן. דערפאַר איז יעדער נישט ריכטיקע האַנדלונג, נישט אויסגערעכנטער שריט, עלול צו מאַכן אַ פּגם אין דעם „קדושים תהיו" פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

און נאָך מערער דאַרפן דאָס האָבן אין זינען די ציונים פון אַלע שיכטן און ריכטונגען.

דער ציוניזם איז נישט קיין פּאָליטישע באַוועגונג. ציוניזם איז יידישקייט; ציוניזם מיינט דעם גאַנצן יידישן פאָלק; ציוניזם מיינט די נשמה פון פאָלק; ציוניזם איז דער רעזולטאַט פון דער קדושה, פון די הייליקייט וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געטראָגן מיט זיך. מיט די טרערן וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרגאָסן אין די הונדערטער יאָרן, וואָלט מען געקענט שאַפן אַ טייך צו באַוואַסערן דעם נגב. טרערן וואָס זענען פאַרגאָסן געוואָרן צוליב ציון און פאַר ציון, ווייל מיר זענען יידן.

און אפשר זענען עס טאַקע די געזאַלצענע טרערן וואָס האָבן מיטגעווירקט, אַז מיר זאָלן באַקומען דעם נגב, און וועלן נישט אויסגעטריקנט ווערן ביז מיר וועלן באַקומען דעם איבעריקן טייל וואָס עס פעלט צו דער־גענצן אונדזער טעריטאָריע.

* * *

אַנטקעגן וואָס זאָגן מיר דאָס אַלץ? אַנטקעגן דעם, וואָס לעצטנס מערקן זיך אויף אונדזערע גאַסן האַנדלונגען וואָס שטשירבען אָן דעם „קדושים תהיו", אין נאָמען פון „אמת" און „יושר" שעדיקט מען דעם יידישן כבוד און פּרעסטיזש. אין נאָמען פון „גלייכקייט" פאַרקריפּלט מען דעם צדק און שלום. מען וואַרפט שולדן און באַליידיקונגען אויף אינסטיטו-ציעס און פּערזאָנען, פאַרגעסנדיק דערביי אַז מען שעדיקט דערמיט דעם אייגענעם נאָמען. ווייל עס איז דאָך שוין אַן אַלטע אַקסיאָמע, אַז מען באַ-שולדיקט נישט דעם איינצלנעם יידן, נאָר צוליב דעם איינצלנעם משפּט מען אַלע יידן, אַריינגערעכנט דעם באַשולדיקער.

מיר ווילן דערמיט נישט זאָגן, אַז מען באַגייט נישט קיין פעלערן. אינסטיטוציעס מאַכן טעותים און יחידים מאַכן פעלערן. אָבער דאָס אַלץ קענען און דאַרפן אויסגעגלייכט ווערן אין דער אייגענער היים, אָן איבע-ריקע בייז בלוט.

דער אַרגענטינער ישוב איז באַרימט מיט זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט זיינע פאָלקסטימלעכע אינסטיטוציעס אויף אַלע געביטן. אָבער מיר אַליין מאַכן זיי צו וואָכעדיק. מער ווי איינמאָל, ווילנדיק צי נישט-ווילנדיק, פאַרקריכט מען ביז צו פּערזענלעכע אָנגרייפונגען, ביז צו עפנטלעכע באַ-ליידיקונגען. און פּאַפּיר טראָגט עס אַלץ איבער. דאָס אַלץ ווערט געטון, פיליכט, מיט די בעסטע כוונות, מיטן ווילן צו פּאַרטיידיקן גערעכטיקייט. און מען פאַרגעסט דאָס פאָלקס-ווערטל, אַז „דער גהינום איז אויסגעפּלאַס-טערט מיט גוטע כוונות", דערפאַר וואָס אין די גוטע כוונות פעלט דאָס פיינטעלע יידישע קדושה.

אויך אין אונדזער ציוניסטישער מחנה, אין דער ציוניסטישער באַווע-גונג אין אַלגעמיין, וואָס איז דאָך זיכער כלו קודש, ברענגען מיר אַריין אַ קאַלטע וואָכעדיקייט, וואָס כאַפּט אָן ממש אַ ציטער.

אָט האָבן מיר געהאַט אַ כינוס פון פאַראייניקטן קאַמפּיין. עס זענען גע-קומען דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד, פון נאָענט און פון ווייט. באַטראַכטנדיק די עטלעכע הונדערט עסקנים וואָס האָבן אָנגעפילט דעם סאַלאָן, האָט עס אַרויסגערופן אַ יראת הכבוד און אַ נחת רוח. זעענדיק פאַר זיך אַזאַ צאָל באַשיידענע אַנאָנימע טרייע חברים, וואָס זענען געקומען כדי געמיינזאַם צו באַטראַכטן די צוויי הויפּטפּונקטן ווי צו פאַרגרעסערן די הכנסות און די עליה. עס זענען נישט געווען קיינע פּרינציפּיעלע דיסקוסיעס, ווייל אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן דעם זעלביקן וואונטש צו דערגרייכן דעם בעסטן דער-פאָלג אין די געזאָגטע צוויי פּונקטן. אַלע דעלעגאַטן וואָס האָבן זיך באַ-טייליקט אין די דיסקוסיעס האָבן גערעדט מיט האַרץ און נשמה נאָר וועגן די מיטלען ווי דאָס צו דערגרייכן. דאָס אַלץ איז געווען אין סאַלאָן פון כינוס. נאָר אין די הינטער-קוליסן, וואו עס האָבן זיך געפונען די פּני, וואָס

האַלטן אין זייערע הענט דאָס הענטל פון דער פאַן, דאָרט איז געווען סאַמע חולין, סאַמע וואָכעדיקייט. מען האָט זיך געדונגען וועגן פּערזאָנען, און דער עיקר — אָפּהיטן דעם פּאַרטיי־שליסל. אין קורצע ווערטער הייסט עס, אַז ביי אַזעלכע וויכטיקע אינטערעסן, ביי אַזעלכע אויסערגעוויינלעך־שרעקלעכע מאָמענטן וואָס ישראל לעבט איבער, האָט מען געשטעלט דעם פּאַרטיי־שליסל העכער פון אַלץ.

ווי ריכטיק ס׳זענען די ווערטער פון קדוש רבי הלל צייטלין ז״ל. ס׳איז כדאי איבערצוחזרן נאָכאַמאָל די עטלעכע שורות, וואָס כ׳האָב אויבן געבראַכט, געשריבן פון דעם דאָזיקן גרויסן ייד.

* * *

אָבער נישט אַלץ איז וואָכעדיק אין אונדזער ציוניסטישן לעבן.

אַן אמתן נחת־רוח האָט פאַרשאַפט די מעלדונג פון אונדזער שוועסטער־אָרגאַניזאַציע „וויצאָ״, געשריבן מיט גרויסע אותיות:

„צנע־וואָך. די אַרגענטינער ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע רופט אַלע יידישע פרויען אָנצואווענדן צנע אין זייער ווירטשאַפט״.

דאָס איז אַ רוף צו אַלע יידישע פרויען, אָנצואווענדן צנע במשך פון זיבן טעג, און דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט וועט אָפּגעשיקט ווערן קיין ישראל, וואָס איז ספּעציעל באַשטימט פאַר די טייערינקע קינדערלעך, וואָס מוזן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בונקערס.

דאָס איז אַ ווענדונג וואָס רירט אָן יעדע יידישע האַרץ; שוין דער פאַקט אַליין וואָס מ׳מוז צוגרייטן בונקערס, וואוהין די מוטערס מיט די קינדערלעך זאָלן זיך קאָנען שיצן אין טעג פון סכנה, און די טאַטעס בלייבן אויבן צו פאַרטיידיקן די פּאָזיציעס, איינשטעלנדיק דערביי זייער לעבן. דערצו נויטיקט זיך דאָס צוגרייטן דערנערונג פאַר די מוטערס מיט די קינדערלעך, ווי אויך מעדיקאַמענטן, א״אַ.

דאָס זענען אונדזערע העלדישע שוועסטער. וואָס אַנטלויפן נישט פון די קיבוצים וואָס זענען ביי די גרענעצן פונעם שונא, נאָר זיי געפינען זיך אויפן פּלאַץ און דערמוטיקן דערמיט זייערע מענער און עלטערע קינדער זיך צו האַלטן פעסט מיטן ביקס אין האַנט, אויף צו פאַרהאַלטן דעם שונא ער זאָל נישט אַריינדרינגען אין לאַנד, ווייסנדיק גאַנץ גוט, אַז זיי ריזיקירן מיטן לעבן. אָט די דאָזיקע מוטיקע און אידעאַלע שוועסטער אונדזערע, וועלכע וועלן פאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין דער היסטאָריע, פאַרשאַפן אונדז כבוד און רום. ס׳איז דעריבער נישט אָפּצושאַצן די אונטערנעמונג פון דער פרויען־אָרגאַניזאַציע „וויצאָ״, מיטן פּראָקלאַמירן זיבן טעג צנע.

די דאָזיקע צנע, וועט אַריינברענגען אין יעדער יידישער היים: אין קיך, אין עס־צימער, ביים שפּאַצירן, ביים איינקויפן, דעם גייסט פון מדינת־ישראל, די יידישע קדושה, ווייסנדיק אַז אין אַלץ וואָס זיי טוען איז פאַראַן אַ טייל וואָס גייט פאַרן לעבן און געזונט פון די טייערע יידישע קינדערלעך, וואָס זענען דער אמתער יסוד פון דער צוקונפט פון מדינת־ישראל.

דער דאָזיקער זשעסט פון דער „וויצאָ" באַשיינט אונדזער חג־העצמאות און איז אַ דערהאַלטונג פון „קדושים תהיו" — הייליק זאָלט איר זיין, ווייל איך בין הייליק.

זאָל יעדערער היטן זיין „איך" אין ראַם פון יידישער הייליקייט.

בְּחֻקֹּתַי

א.

„אם בחקותי תלכו" — אויב איר וועט גיין אין מיינע געזעצן און היטן מיינע געבאָטן און טון, וועל איך אייך געבן אייערע רעגנס אין זייער צייט, די ערד וועט געבן איר תבואה, דער בוים אין פעלד וועט געבן זיין פרוכט... און עס קומען נאָך אַ סך ברכות.

„ואם לא תשמעו לי" — אויב, אָבער, איר וועט זיך נישט צוהערן צו מיר און וועט נישט טון די אַלע געבאָטן — קומט אַ צעטל מיט קללות, וואָס באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן, — אַ גאַנצע תוכחה, וואָס נאָר לייענענדיק זי, כאַפּט אָן אַ שרעקלעכער ציטער.

יעדעס יאָר, ווען מ׳קומט צו דער דאָזיקער פרשה, קומט אין דער מחשבה די פראַגע: ווי קומט עס, וואָס משה רבינו. דער געטרייער און געוואָגטער פאַרטיידיקער פון יידישן פאָלק, האָט אָנגענומען גלייכגילטיק אַזעלכע האַרבע באַדינגונגען, אָן דעם פאָלקס-וויסן?

כנהוג שבעולם, לויט די אָנגענומענע נאָרמען, איז ביי יעדן טראַקטאַט, ביי יעדן אָפּמאַך צווישן צוויי צדדים, ווערן פון פאָרויס אויסגערעכנט אַלע פונקטן, און אויב ביידע צדדים זענען מסכים, ווערט ער באַשטעטיקט און ביידע צדדים מוזן אים אויספאָלגן. אין זעלבן דאָקומענט ווערט אָנגעוויזן די שטראָף וואָס יעדער צד וועט דאַרפן ליידן, ווען ער וועט נישט דערפילן מיט די פרייוויליק-אָנגענומענע באַדינגונגען.

ווען ג-ט האָט גערעדט דעם ערשטן מאָל צו אברהם אבינו, האָט ער אים געזאָגט: „לזרעך אתן את הארץ הזאת" — צו דיינע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד, נישט אָנגעבנדיק קיין פּרטים.

ביים צווייטן מאָל, האָט ג-ט געשלאָסן אַ פאָרמעלן אָפּמאַך מיט אברהמען און אים אויסגערעכנט די גרענעצן פון דעם טייל ערד, וואָס ער גיט אוועק זיינע קינדער. אָבער, דאָס וועט קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן ערשט מיט פיר הונדערט יאָר שפּעטער. אין דער דאָזיקער צייט, וועלן די קינדער מוזן זיין אין אַ פרעמד לאַנד און זיך דאָרט מוזן פּלאָגן.

ביים דריטן מאָל, האָט ג-ט קאָנקרעטיזירט אברהמען אין וואָס ס׳באַ-

שטייט די באַשטעטיקונג פונעם אָפּמאַך, דאָס איז — אַז אַלע זכרים זאָלן זיך מל זיין, און ס'איז דאָס מאָל אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז דער קעגנ־זייטיקער אָפּמאַך איז אויף אייביק. „איך וועל געבן דיר און דיינע קינדער נאָך דיר דאָס לאַנד פון דיין וואוינאָרט, דאָס גאַנצע לאַנד כנען, פאַר אַן אייביקן אייגנטום".

קלאָרע דיבורים. אברהם האָט גלייך דערפילט מיטן נייעם פונקט, וואָס ס'איז פון אים געפאָדערט געוואָרן: ער האָט גלייך מל געווען זיך אַליין און אַלע זכרים פון זיין משפחה, און אַלע זיינע דינער, און ער האָט גענומען פאָסעסיע פונעם לאַנד כנען אויף אַלע אייביקייטן, פאָרלויפיק — מיט די שכנים וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם באָדן — אויף אַ טערמין פון 400 יאָר.

* * *

די פיר הונדערט יאָר זענען אַריבער. די בני־ישראל האָבן זיך שרעקלעך געפּלאָגט אין מצרים, אָבער, מ'האָט נישט געקאָנט האָבן קיין טענות, ווייל דאָס איז בפירוש געזאָגט געוואָרן אינעם אָפּמאַך.

ביים ענדיקן דעם טערמין, האָט ג־ט געשיקט זיין טרייען דינער משה, ער זאָל באַפרייען די בני־ישראל — לויט ווי ס'איז געוועדט געוואָרן מיט אברהמען.

אַלץ שטימט. משה באַפרייט די יידן; ער נעמט זיי אַרויס פון מצרים, פירט זיי אַריין אין מדבר און ברענגט זיי צום באַרג סיני.

רופט ג־ט משהן און פאַראָרדנט אים: „אַזוי זאָלסטו זאָגן צום הויז פון יעקב, און דערציילן די קינדער פון ישראל: איר האָט געזען וואָס איך האָב געטון צו מצרים, ווי איך האָב אייך אַריבערגעפירט אויף אָדלער־פליגלען און אייך געבראַכט צו מיר. און איצט, אויב איר וועט זיך צוהערן צו מיין קול און איר וועט היטן מיין בונד, וועט איר זיין מיין ספּעציעל־אויסדערוויילט פאָלק פון צווישן אַלע פעלקער, וואָרים צו מיר געהער די גאַנצע ערד, און איר וועט מיר זיין אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליק פאָלק".

איז משה געגאַנגען און האָט צונויפגערופן די עלטסטע פון פאָלק און זיי איבערגעגעבן די ווערטער וואָס ג־ט האָט באַפוילן דורך אים. „ויענו כל העם יחדיו" — האָט געענטפערט דאָס גאַנצע פאָלק אינאיינעם און געזאָגט: „אַלץ וואָס ג־ט האָט גערעדט וועלן מיר טון". און משה האָט געבראַכט די ווערטער פונעם פאָלק צו ג־ט.

און אַז ביידע צדדים האָבן מסכים געווען אויף די באַדינגונגען, האָט משה — לויט אַן אָנווייזונג פון באַרג סיני — צוגעגרייט די בני־ישראל, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ געשעעניש פון העכסטן גראַד פאַר דער צוקונפט פון אַלע דורות פון דער גאַנצער מענטשהייט. און נאָך די דריי טעג הכנות זענען גע־

געבן געוואָרן די עשרת־הדברות — די צען געבאָט — צו די בני־ישראל, נישט צוגעבנדיק און נישט בייטנדיק גאָרנישט פון די פונקטן אינעם אָפּמאַך מיט אברהם אבינו, נישט מיט די פון דער „מענטשעס״ וואָס ג־ט האָט געשיקט דירעקט צום פאָלק דורך דער פאַרמיטלונג פון משה רבינו.

משה לערנט מיט די בני־ישראל די חוקים און דינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן לעבן אַ מענטשלעך לעבן, די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, וועגן משפּחה־לעבן, וועגן היגיענע, וועגן פליכטן צום פאָלק און לאַנד, פון מענטש צו ג־ט; און מיט אַמאָל קומט משה רבינו אַרויס מיט אַ נייעם קאָדעקס, מיט אַזעלכע שטראָפן פון וועלכע ס'איז פריער קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן.

לויט אַלע רעגלען פון לאָגיק, וואָלט דאָך משה געדאַרפט פאָרברענגען די אַלע וואָרעניִשן, די אַלע ברכות ווי די קללות פאַר די בני־ישראל פאַר מתן־תורה, כדי דאָס פאָלק זאָל עס באַטראַכטן און באַשליסן, צי נעמט ער עס אָן אַזעלכע שטרענגע באַדינגונגען, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי ס'איז געוועןן אָן איינשטימיקע הסכמה וועגן די פונקטן, אויף וועלכע דער בונד איז געשלאָסן געוואָרן און זענען אויך דערפילט געוואָרן.

* * *

צווישן די אַלע קללות, וואָס משה רבינו רעכנט אויס אין דער תוכחה, איז פאַראַן איינע וואָס זאָגט: „און אייער לאַנד וועט זיין אַ וויסטעניש, און אייערע שטעט וועלן זיין אַ חורבן״.

די קאָנדיציעס וואָס זענען געשטעלט געוואָרן אברהם אבינו'ן ביים פאַרנעמען דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, האָט ער דערפילט פּינקטלעך און צו דער צייט.

ווען משה רבינו האָט איינגעלאַדן די בני־ישראל מקבל צו זיין די תורה, האָט ער זיי נישט דערמאָנט קיין איין וואָרט וועגן אַזעלכע ביטערע שטראָפן. איז, ווי דערקלערט זיך עס וואָס משה האָט נישט רעאַגירט און נישט געפאָדערט ביי ג־ט מער גערעכטיקייט און מער רחמים, ווי ער האָט עס געטון ביי אַנדערע געלעגנהייטן, און ווי עס האָט געטענהט אברהם: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט״? — דער ריכטער פון דער גאַנצער וועלט זאָל נישט טון קיין גערעכטיקייט?

אויב די מענטשן וועלן זינדיקן — פאַרוואָס קומט אַזאַ הארבע שטראָף, אַז די ערד זאָל ווערן וויסט? בפרט ווען ג־ט אַליין האָט, אין ווידערהאָלטע דעקלאַראַציעס, אַוועקגעגעבן די ערד צו אברהם, יצחק און יעקב און זייערע קינדער אויף אייביק?

די השגחה, דער שר פון געשיכטע גייען זייער וועג; זיי שטעלן אַוועק

די וועלט פאַר געשעענע זאַכן, פאַר פאַקטן וואָס מיר מוזן לערנען און ציען שלוסן:

אברהם אבינו האָט זיך דערצויגן אין אַן אַמביענט פון געטער־מאַכער־ייי. זיין פילאָזאָפישער און פאַרשנדיקער מוח האָט זיך נישט געקאָנט צופרידנ־שטעלן מיטן געצנדינערישן קולט. און ער האָט זיך דערטראַכט צום אמת פון אחדות־הבורא, צו אַן איינציקע געטלעכע קראַפט, וואָס שאַפט און גע־וועלטיקט איבער אַלץ און אַלעמען.

ג־ט האָט באַשאַפן מענטשן און פעלקער, אָבער צווישן אַלע פעלקער האָט ער נישט געפונען קיין איין פאָלק, וועמען ער זאָל קאָנען אָנפאַרטרויען די געטלעכע לערע, דעם גייסטיקן אוצר — די תורה, וועלכע לערנט דעם מענטש דעם העכערן זין פון זיין עקזיסטענץ אויפן ערדישן פּלאַנעט.

און ג־ט האָט פאַרטראַכט צו שאַפן אַ ניי פאָלק, און ער האָט אויסגע־פונען, אַז דאָס איינציקע פאָלק וואָס איז ראוי, און מ׳קאָן דערוואַרטן אַז פון אים וועלן אַרויסקומען די דורות וואָס וועלן אויפנעמען און פאַרשפּרייטן דעם אמתן געדאַנק פון גאָטהייט און מענטשלעכקייט — איז דאָס פאָלק פון אברהם.

ס׳איז שוין געווען אַביסל צו־שפּעט, און אויסער דעם וואָס שרה איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן, איז זי פון דער נאַטור געווען אַן אומ־פרוכטבאַרע. אָבער, אַ נס איז געשען און שרה האָט געבוירן אַ זון — יצחק. און ג־ט האָט געזאָגט צו אברהמען: „כי ביצחק יקרא לך זרע" — די קינ־דער, וועגן וועלכע איך האָב מיט דיר גערעדט און דיר צוגעזאָגט, אַז פון זיי וועט אַרויסקומען אַ נייע פאָלק, — האָב איך עס געמיינט אים, יצחקן.

די אַנדערע קינדער וועל איך אויך מאַכן פעלקער־גרויס, און וועל זיי איינטיילן אין לענדער —ביי דעם צוזאָג איז נישט דערמאָנט געוואָרן דאָס וואָרט „אויף אייביק"—, אָבער דאָס פאָלק וואָס זאָל לעבן מיט מיין געט־לעכן גייסט, און צווישן וועלכן מיין גייסט וועט זיך שטענדיק געפינען, וועט אַרויסקומען נאָר פון יצחקן.

אַ ניי פאָלק, מיט אַ נייעם קולטורעלן גייסט, מוז האָבן אַן אייגענע, אָפּגעזונדערטע טעריטאָריע. האָט ג־ט באַשטימט פאַר דעם ציל דאָס שטיק באָדן, וואָס איז געבליבן אין דער היסטאָריע מיטן נאָמען — א ר ץ י ש ר א ל.

דער דאָזיקער באָדן —ארץ־ישראל— גרענעצט זיך מיט דריי קאָנטי־נענטן, מיט אַן אַרויסגאַנג צום גרויסן ים. דורך דעם, וועט דאָס נייע פאָלק האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרשפּרייטן דעם געטלעכן געדאַנק אויך צווישן אַנדערע לענדער און פעלקער.

ווי געזאָגט, האָבן די בני־ישראל געמוזט וואַרטן פיר הונדערט יאָר אויף

צו קאָנען באַזעצן דאָס לאַנד. —פאַרוואָס? „כי לא שלם עון האמורי״ — וואָרום די זינד פון פאָלק אמורי וועט ביז דעמאָלט נישט פאַרפולט זיין.

זינד דעגענערירט. דער קולט פון פאַרדאָרבענע זיטן, דאָס געצנדינער־ריי, גראָבט־אונטער די עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פון אַ פאָלק. די שטראָף פון אַ פאָלק ליגט אין זיינע אייגענע זינד — אין דער הולטייסטוואָ, אין דעם איבערגעטריבענעם לוקסוס, אין דער נישט־אָנשטענדיקער אויפפירונג פון זיינע רעגירער און פירער. אַ סך פון די אַלטע פעלקער זענען אונטערגע־גאַנגען מחמת זייער נישט־אָרנטלעכער פירונג. מיר זענען עדות ווי גרויסע אימפעריעס ווערן צעברעקלט, אָפּגעשוואַכט, נאָר צוליב זייער איבערגעטרי־בענעם שטאָלץ און צוליבן גייסט פון וועלן באַהערשן און אריינכאַפּן. אויך די לענדער, וואָס פירן זייער מלוכה מיט ברוטאַלער קראַפט, און דער מענטש איז ביי זיי אַן אונטערטאַן, אַן אָביעקט פאַר עקספּלואַטאַציע, און באַ־טראַכטן די בירגער אין אַלגעמיין ווי אַ גרויסע מאַשין מיט אַ סך קליינינקע שרייפעלעך — וועלן פריער אָדער שפּעטער שווער באַצאָלן פאַר זייערע זינד.

* * *

משה, דער לערער, דער וויזיאָנער, וואָס האָט געלעבט מיטן פאָלק און פאַרן פאָלק, האָט געזען צו וואָס זינד. שלעכטע פירונג קאָן ברענגען, זינד, הייבט זיך אָן קליין, דערנאָך ווערט עס אַ קולט, ביז עס פאַרדאַרבט דאָס פאָלק פיזיש און גייסטיק. און משה האָט געהאַט פאַר זיך דעם ביי־שפּיל — די כנענים. פיר הונדערט יאָר איז אין דער געשיכטע אַ קורצער טערמין, און משה האָט געטראַכט: טאָמער וועלן די בני־ישראל, אין אַ שוואַכן מאָמענט, פאַרגעסן ווער זיי זענען און אָנהויבן נאָכצוטון די מעשים פון די פעלקער, וועלכע זיי האָבן פאַרטריבן, וועלן זיי אויך ליידן דעם זעלבן סוף ווי די כנענים. האָט משה, מיט זיין ליבשאַפט צו ג־ט, צום פאָלק ישראל און צו דעם לאַנד ישראל, גענומען שילדערן פאַר דער עדה די קאָנסעקווענצן וואָס עס קאָנען, חלילה, קומען און עס געמאָלן מיט די טונקלסטע קאָלירן.

משה רבינו האָט געזען, אַז די מעלות וואָס ארץ־ישראל באַזיצט, דער־מיט וואָס זי געפינט זיך ביי די גרענעצן פון דריי קאָנטינענטן, קאָנען פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן חסרון, ווייל פון אַלע זייטן וועט מען זוכן אַריינצושמוגלען דאָס געצנדינעריי, דאָס אויסגעלאַסנקייט און שעדלעכע זיטן אין ישראל.

דער גרויסער פאָלקס־לערער משה, האָט געזען, אַז דער זיכערסטער פאַרטיידיקונגס־כוח פאַרן יידישן פאָלק איז אָפּצוהיטן זיין ספּעציפישקייט, זיין אַנדערשקייט, זיין אָפּגעזונדערטקייט, מיט זיין פאַרגעשריטענער מאָ־ראַל און קולטור, ווי עס לערנט אים זיין תורה.

מחמת דאָס אַלץ, האָט ער זיי אויסגערעכנט די גאַנצע תוכחה, צו וואָס זינד און דערנידעריקונג פונעם מענטשלעכן מין קאָן ברענגען. אָבער אין די קללות, —אַזוי האָבן געזאָגט אונדזערע גדולים—, איז אויך פאַראַן אַ נחמה, אַ טרייסט.

אין פאַל ווען די יידן וועלן פאַרטריבן ווערן פון ארץ־ישראל, וועט די ערד ווערן וויסט, יעדע אַנדער פאָלק וואָס וועט זיך באַזעצן אויף איר, וועט נישט געניסן פון איר פּרוכטבאַרקייט, פון אירע אוצרות.

אויב די בני־ישראל וועלן זיך פאַרזינדיקן און וועלן מוזן גיין אין גלות, זאָלן זיי זיין צעשפּרייט צווישן אַ סך פעלקער. משה האָט געזען דעם ביישפּיל פון מצרים, וואו אַלע יידן זענען געווען אויף איין פּלאַץ, האָט מען זיי אַלעמען פאַרשקלאַפט; און ווען, חלילה, די גאולה קומט נישט צו דער צייט, וואָלטן זיי אַלע אונטערגעגאַנגען אונטערן דרוק פון רשעות.

זענען מיר דאָך לעבעדיקע עדות פון דעם פאַקט, וואָס די צעשפּרייטקייט אונדזערע האָט אָפּגעראַטעוועט אַ טייל פון יידישן פאָלק, ווען, באַהיט ג־ט, מיר געפינען זיך אַלע אין דעם גהינומדיקן טייל פון אייראָפּע, ווער ווייסט וואָס פון אונדז וואָלט געוואָרן.

די פרעמדע קולטן, די אויסגעלאַסנקייט, האָבן אויפגעפרעסן די צען שבטים אונדזערע.

* * *

דאָס יידישע פאָלק איז צעשפּרייט. ארץ־ישראל איז צוויי טויזנט יאָר געווען וויסט. איצט קומען די צעשפּרייטע קינדער צוריק אין זייער לאַנד. דאָס פאָלק האָט גענומען פירן זיין ספּעציפיש־אייגנאַרטיק יידיש לעבן, מיט אייגענע געזעצן, מיט דער מאָראַל געבויט אויף דער לערע פון אונדזערע נביאים און חכמים; דאָס ערד האָט אויפגעוואַכט און אָנגעהויבן געבן אירע פּרוכטן בשפע; און זיי וועלן זיך מער קיינמאָל צעשיידן. גאַנץ ארץ־ישראל איז אונדזערס און וועט בלייבן אונדזערס אויף אייביק.

עם־ישראל, ארץ־ישראל און תורת ומסורת־ישראל וועלן בלייבן אויף אייביק, און וועלן דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַלע קאָנטינענטן.

נאָטאַ: צום סוף פון די פּרשות השבוע קומט נאָך אַ קאָמענטאַר אויף דער סדרה „בחקותי".

שְׁלַח

„שלח לך אנשים". ג־ט האָט געדעדט צו משהן: שיק מענטשן, זיי זאָלן אויסקוקן דאָס לאַנד כנען, וואָס איך גיב צו די בני־ישראל.

צו וואָס, אייגנטלעך, האָט מען געדאַרפט שיקן אויסקוקערס, ג־ט האָט דאָך פאַרשפּראָכן צו אונדזערע אבות אברהם, יצחק און יעקב, אַז דאָס לאַנד כנען געהערט צו זייערע קינדער אויף אייביק? ביי דער ערשטער זעאונג, ווען ער האָט זיך באַוויזן צו משהן, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער וויל אַרויסנעמען די יידן פון מצרים, פון קנעכטשאַפט און זיי ברענגען אין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אין דעם אָרט פון כנעני, און די אַנדערע שכנישע לענדער וואָס גרענעצן זיך מיט דער טעריטאָריע פון כנען.

דאָס יידישע פאָלק, נאָך איידער זיי זענען אַרויס פון מצרים, האָבן געוואוסט, אַז דער ציל איז צו גיין פאַרנעמען דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד. דער פּלאַן, אַלזאָ, איז געווען צוגעגרייט פון פאַרויס, מיט אַלעמענס איינשטימיקייט.

מ׳האָט די בני־ישראל נישט געגעבן די ברירה אויסצוקלייבן וועלכע לאַנד זיי ווילן: כנען, אָדער אַ צווייטע; זיי האָבן לכתחילה געוואוסט, אַז נאָר דאָס לאַנד כנען איז פאַר זיי, אָט אַזוי ווי זי איז, און נישט קיין אַנדער לאַנד.

די בני־ישראל האָבן געהאַט דאָס געטלעכע פאַרזיכערונג, אַז זיי וועלן דאָס לאַנד כנען איינגעמען, און קיינע שטערונגען דאַרפן זיי נישט אָפּשרעקן. איז וועלכע איז געווען די סיבה, וואָס סיי משה רבינו, סיי די פאַרשטייערס פון פאָלק האָבן מסכים געווען צו שיקן אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע אויסקוקערס, וויסנדיק פון פאַרויס, אַז ס׳וועט זיך גאָרנישט קאָנען איבערבייטן?

מיר שיינט, אַז אונדזער דור קאָן געבן די דערקלערונג אויף דעם.

וואָס האָט פּאַסירט?

צוויי הונדערט מיט צען יאָר זענען די בני־ישראל געווען פאַרשקלאַפט, דערנידעריקט, געפּייניקט מיט אכזריותדיקייט ביז צום עקסטרעם פון וועלן

אומברענגען אַלע יידן, אַז ס'זאָל נישט בלייבן קיין זכר פון זיי. און אַט איז געקומען די צייט און זיי זענען אויסגעלייזט געוואָרן, און נישט בלויז פּי־זיש, נאָר שוין אין דריטן מאָנאַט פון זייער באַפרייאונג. האָט משה רבינו זיי גענומען דערציען אין אַ פרייען גייסט. ער האָט גענומען לערנען מיט די געוועזענע קנעכט דעם זינען פון פרייהייט, מענטשלעכע זיטלעכקייט, די שיינקייט און ריינקייט פון פאַמיליען־לעבן, קאָרעקטע באַציאונג פון מענטש צו מענטש, צו דער בהמה, צו דער ערד־עקספּלואַטאַציע, אאַ"וו.

נישט פאַר קיין קריגעריש פאָלק, נישט פאַר קיין העלדיש פאָלק אין פיזישן זינען האָט משה געלערנט די יידן צו זיין, נאָר פאַר אַן עם קדוש, פאַר אַן הייליק פאָלק, מיט אַ תורה, מיט אַ הייליק צענטראַלן פונקט. דער־מאָנענדיק ביי יעדער געלעגנהייט, אַז ער האָט זיי באַפרייט פון קנעכט־שאַפט, און זיי דאַרפן אויסוואָרצלען פון זיך יעדן קאָמפּלעקס פון עבדות. דערוואַרטנדיק דערמיט צו מונטערן און אויפוועקן ביים פאָלק אַ באַוועגונג זיך צו צואיילן, זיי זאָלן וואָס גיכער אָנקומען אין דעם לאַנד כנען, וואָס איז זייער ירושה פון די אבות. צו וואָס זיך אַרומשלעפּן אין דעם מדבר? אָבער ניין, דאָס פאָלק דערמאָנט זיך נישט. עס איז איינגעשלאָפן אין אים די זעלבסט־איניציאַטיוו. ער פאָדערט באַקוועמלעכקייטן אין מדבר, וואָס זאָלן אים געגעבן ווערן דורך נסים.

עס איז נישטאָ קיין וואַסער צום טרינקען, פאָדערט מען נישט פון משהן, צו טון אַלעס מעגלעכעס אַז ער זאָל זיי ברענגען וואָס פריער אל המנוחה ואל הנחלה, נאָר זיי שרייען: משה גיב וואַסער, זאָל זיין פון אַ שטיין, נאָר וואַסער זאָל זיין.

אָנשטאָט זיך צו דערמאָנען אָן דער געטלעכער פאַרשפּרעכונג און פאָדערן פון משהן, פון די נשיאים, פון זיך אַליין, טאַקע דער עיקר פון זיך אַליין צו רעאַליזירן דעם צוזאָג און די הונדערט־יאָריקע האָפענונג, האָבן זיי גאָר אָפּטער דערמאָנט מצרים. דער טאָפּ פלייש איז זיי געווען מער איינגעבאַקן אין האַרצן ווי די שטרעבונג צו פרייהייט. די ציטוויליקע באַ־קוועמלעכקייטן זענען זיי געלעגן אין זינען מער ווי די צוקונפט פון זייערע קינדער.

בכדי בעסער צו פאַרשטיין די דעמאָלסטדיקע סיטואַציע, וועלן מיר נעמען אַלס ביישפּיל אַן עפּיזאָד וואָס האָט פּאַסירט ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק.

אין אַ שמועס מיטן אַמבאַסאַדאָר פון רוסלאַנד אין תל אביב, וועגן דעם, אַז רוסלאַנד זאָל לאָזן פריי אירע יידן צו אויסוואַנדערן קיין ישראל, האָט דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר געענטפערט: איך וועל שרייבן צו מיין רעגירונג מען זאָל אַרויסלאָזן אַזוי פיל יידן פון רוסלאַנד וויפל עס קומען אָן יידן יערלעך פון נאָרד־אַמעריקע.

האָבן אונדזערע ברידער און שוועסטער פון נאָרד־אַמעריקע דערפילט דעם פּאַטש אין פּנים וואָס זיי האָבן באַקומען פון רוסישן אַמבאַסאַדאָר?

האָבן די יידן פון נאָרד־אַמעריקע דערפילט דעם חוזק און דעם שטאָך וואָס מען האָט זיי דערלאַנגט דירעקט אין האַרץ אַריין?

האָבן די יידן פון אַלע אַנדערע תפוצות דערפילט דעם ביטול־טאָן פון דעם רוסישן אַמבאַסאַדאָר צו דער וויכטיקסטער פראַגע אונדזערער — עליה?

האָבן זיך די נאָרד־אַמעריקאַנער יידן פאַרטראַכט, אַז גראַדע זיי, וואָס לעבן אין אַ לאַנד וואו זיי געניסן פון דער פרייהייט, דאַרפן אויסנוצן די גליקלעכע געלעגנהייט און זיך אַריבערפּעקלען אין דעם לאַנד וואָס איז פון זיי, פאַר זיי, און טאַקע נאָר פאַר זיי?

זאָלן די יידן אין אַלע פרייע לענדער זיך דערמאָנען, אַז צייטן בייטן זיך, אַז אַט דאָס לאַנד פון וואַנען מען לאָזט נישט אַרויס איצט קיין יידן, זענען געווען יאָרן, אַ סך יאָרן — און מיר זענען לעבעדיקע עדות פון דעם — וואָס מען האָט דאָרט געוואונטשן, און נישט נאָר געוואונטשן, נאָר מען האָט געמאַכט די יידן אַזוי ענג דעם לעבן כדי זיי זאָלן זיין געצוואונגען אויסצו־וואַנדערן. און איצט בעטן מיר תחנונים מען זאָל לאָזן אויסוואַנדערן, און ווער ווייסט?

יאָ, צייטן בייטן זיך, די אַוויאָנען טראָגן אַריבער די גיפטיקע מיקראָבן פון איין קאָנטינענט אין צווייטן אין צייט פון געציילטע שעהן. האָט דאָך איצט גאָר נישט לאַנג דער פּרעזידענט פון דער גרעסטער פּאָליטיש־דעמאָ־קראַטישער רעפּובליק באַרעכטיקט דעם רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישן פּאַקט, וואָס אַן אַראַבישע מלוכה לאָזט נישט אַריין זיינע בירגער נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען יידן, אָנו, צי וואָלט דער דאָזיקער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט געדולדעט ווען עס פּאַסירט אַזעלכעס מיט איינעם פון זיינע בירגער נישט קיין ייד?

יאָ, דער שטאָך וואָס עס באַקומט אַ ייד ערגעץ וואו אין אַ לאַנד שטעכט עס אַלע יידן. ביטערע ביישפּילן!

לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ענין:

משה רבינו באַמערקט דעם דאָזיקן גייסטיקן צושטאַנד אין דער מחנה, די קורצזיכטיקייט פון די פירערס, די גלייכגילטיקייט פון דער מאַסע, האָט ער געוואָלט אויפמונטערן דעם עולם, דערמיט וואָס זיי זאָלן גיין זען מיט די אייגענע אויגן וואָס פאַר אַ געבענטשטע לאַנד עס דערוואַרטעט זיי, וועט זיי אָנגעמען מער חשק זיך צו איילן, צו פאַרנעמען איר וואָס גיכער.

און משה האָט אויסגעקליבן פון יעדן שבט — היינט וואָלט עס מסתמא געווען פון יעדער פּאַרטיי — צו איין מענטש, די הויפּטלייט פון די בני ישראל און ער האָט זיי רעקאָמענדירט:

איר זאָלט אָנקוקן דאָס לאַנד און דאָס פאָלק וואָס זיצט דערויף. אויב

ער איז שטאַרק אָדער שוואַך, אויב ער איז ווינציק אָדער פיל, און אויב דאָס לאַנד איז גוט אָדער שלעכט, און ווי זענען די שטעט וואָס ער זיצט אין זיי, און לאַגערן אָדער פעסטונגען, און ווי איז די ערד פעט אָדער מאָגער, איז דאָ בוימער אָדער נישט, און איר זאָלט אייך שטאַרקן און ברענגען פון דער פרוכט פון לאַנד.

משה האָט נישט געשיקט די 12 נשיאים זיי זאָלן שפּיאָנירן דאָס לאַנד פון מלחמה־שטאַנדפּונקט. ער האָט זיך נישט געניוטיקט אין דעם. משה איז געווען זיכער, אַז מיט ג׳ הילף איז דאָך נישט שייך קיין שטאַרקערע צי נישט קיין שטאַרקערע באַוואָפנטע. משה האָט 'נישט געהאַט דעם מינדעסטן ספק, אַז דער צוזאָג פון ג׳ איז שטאַרקער פון אַלע שטאַרקע. ער, משה, האָט געשיקט די צוועלף פאָרשטייער, זיי זאָלן זיך איבערצייגן, אַז די מענטשן אין כנען זענען גרויסע און שטאַרקע, וואָס באַווייזט, אַז דער קלימאַט איז אַ גוטער, אַז די מענטשן פאַרמערן זיך דאָרט. אַז די ערד איז אַ פעטע און פרוכטבאַרע, די שטעט זענען געבויט אויף פעסטע פונדאַמענטן, אַ באַווייז, אַז די איינוואוינער מאַכן דאָרט אַ באַקוועמען לעבן, בוימער וואַקסן דאָרט מכל המינים לרוב. און אַלס צייכן פון דעם אַלעם זאָלן זיי ברענגען אַ מוסטער פון די פרוכט, כדי די גאַנצע עדה זאָל זיך איבערצייגן וואָס פאַר אַ פרוכטבאַרע לאַנד עס דערוואַרטעט זיי, און אַז דאָס פאָלק וועט זיך דערוויסן פון דעם רייכטום, פרוכטבאַרקייט און שיינקייט פון לאַנד, וועלן זיי דאָך זיך אַליין פרעגן: צו וואָס דאַרפן מיר זיך פלאַגן אין מדבר, אין וויסטעניש און לעבן פון ניסים, פון .וואַסער פון שטיין? און זיי וועלן זיך אָנגורטן מיט אַלע כוחות אָנצוקומען וואָס פריער אין זייער דערוואַרטעטן זיכערן מקום מנוחה.

* * *

אומגעדולדיק האָט משה און דאָס גאַנצע פאָלק געוואַרט אויפן צוריקקומען פון די צוועלף נשיאים. ווער נאָך ווי משה האָט געגאַרט צו זען און צו טרעטן וואָס גיכער אויף זיין אויסגעבענקטער לאַנד, און האָט איינגעפלאַנצט אין פאָלק די דאָזיקע בענקעניש.

פערציק טעג האָבן די צוועלף נשיאים פאַרבראַכט אין אויסקוקן דאָס לאַנד, זיי האָבן דערפילט זייער מיסיע בשלימות און געבראַכט אַ באַריכט, געניי איבער אַלע פונקטן וואָס משה האָט זיי רעקאָמענדירט און אַלץ שטימט: די ערד איז פעט און פרוכטבאַר, אַלס באַווייז האָבן זיי געבראַכט אַ הענגל ווייַנטרויבן וואָס צוויי מענטשן דאַרפן אים טראָגן, די שטעט זענען פעסטע, גוט געבויט, נישט קיין מעברות, די מענטשן זענען הויכע, געזונטע, שטאַרקע, משה און די גאַנצע עדה שעפּן נחת הערנדיק דעם באַריכט.

אָבער מיט אַמאָל פאַלט אַראָפּ ווי אַ דונער פון הימל. צען פון די צוועלף שליחים זאָגן: מיר וועלן זיי נישט קענען באַזיגן.

פאַרוואָס? סטייטש פאַרוואָס? און דאָס, אָט די דאָזיקע דערקלערונג אַז מיר וועלן זיי נישט קענען באַזיגן, איז דאָך גאָר אויסער דער פּראָגראַם פון זייער שליחות. דער ענין פון זיג געהערט דאָך נישט צו זיי. פאַר דעם איז דאָך ג־ט אַליין פאַראַנטוואָרטלעך, און ער וועט זיין צוזאָג נישט משנה זיין, אָבער באַלד קומט די דערקלערונג.

די צען זאָגן: „ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם”. מיר האָבן אויסגעזען אין אונדזערע אויגן אַזוי נישטיק, אַזוי קליין ווי היישעריקן און אַזוי האָבן מיר אויסגעזען אויך אין זייערע אויגן.

און דאָ האָט זיך באַוויזן די טראַגעדיע אין איר גאַנצער גרויסקייט. אַכציק פּראָצענט פון די נשיאים, פון די בעסטע וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרמאָגט, זענען נאָך נישט געווען באַפרייט פון דעם אונטערטעניקייט־קאָמפּלעקס וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון מצרים. זיי האָבן געקענט זיין פּרעזידענטן ביי זייערע שבטים, ביי די אייגענע ברידער אין דעם מדבר, אָבער ווען זיי זענען געשטאַנען פאַר נישט־יידן, האָבן זיי געזען סאַמע גרויסקייט, און זיך אַליין האָבן זיי געזען קליין, נעבעכדיק ווי היישעריקן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווען אַ פּערזאָן אַליין באַטראַכט זיך ווי מינדערוויכטיק, קוקן די אַנדערע אויף אים ווי אויף אַ מינדערוויכטיקן.

ווען די פאָרשטייערס פון אַ געזעלשאַפט שטעלן זיך נישט אַליין די ערשטע אויף דער געהעריקער הייך, איז עס אַ צרה פאַר דער גאַנצער געמיינדע.

עס ווערט געבראַכט, אַז מען האָט געוויזן משהן אַלע דורות, וואָס וועלן זיין ביז די וועלט וועט האָבן אַ קיום, מיט זייערע מנהיגים, חכמים און אַזוי ווייטער. פרעגט מען: מילא די חכמים און די מנהיגים האָט משהן געקענט אינטערעסירן, אָבער צו וואָס האָט ער געדאַרפט זען די אַלע דורות? ענטפערט מען: אַז מען האָט געטראַכט, טאָמער וועט אימיצער משהן פרעגן, ר׳ משה, אָט דאָס זענען דיינע מנהיגים? וועט ער אים ענטפערן: זע דעם דור, וואָס פאַר אַ דור אַזעלכע מנהיגים.

צען פון די צוועלף מנהיגים, האָבן מיטן כוח פון זייער מערהייט, —די זאָגענאַנטע דעמאָקראַטישע מערהייט— פאַרלענגערט דעם גלות אויף פערציק יאָר אין דעם מדבר, און דער גאַנצער דור האָט פאַרלוירן דעם זכות אַנצוקומען אין דעם געבענטשטן לאַנד.

אמת, די עדה האָט זיך נאָכדעם אַרומגעזען, אַז זיי זענען אָפּגענאַרט געוואָרן און אָנערקענט זייער פעלער, אויף אַזוי ווייט, אַז נישט וואַרטנדיק אויף משהס באַפעל, און נישט אויספאָלגנדיק משהס וואָרנונג זענען זיי אַליין אַרויף אויפן באַרג צו אָנקומען וואָס גיכער אין ישראל. אָבער זיי

זענען דורכגעפאַלן, ווייל דער געלויף איז נישט געווען ווי פון קעמפער פאַר פרייהייט, ווי פון אידעאַליסטן, נאָר ווי פון פאַרזיינדיקטע וואָס ווילן מיט אַ זשעסט אַפּוואַשן די זינד.

לערנען מיר אַ פּרשה חומש און אונדזער דור וואָס מאַכט דורך דעם זעלבן פּראָצעס, אַ פּעריאָד פון מעגלעכקייטן אַרויסצוגיין מעבדות לחרות, און די מדבר־פּסיכאָלאָגיע איז נאָך אַזוי פעסט אין אונדזערע מוחות.

אונדזער דערגרייכונג צו מדינת ישראל קומט פון דעם וואָס אונדזערע מנהיגים פון פריערדיקן דור זענען געווען שטאָלצע יידן. הערצלס כוח איז געווען אין דעם וואָס ער איז געווען אַ שטאָלצער ייד, און מיט אַלע זיינע מעשים, איז ער געווען דער ערשטער צו באַווייזן דעם גוטן ביישפּיל. הערצל האָט ווי משה רבינו און שמואל הנביא געקענט זאָגן „לא חמור אחד מהם נשאתי״, כ׳האָב קיינמאָל גאָרנישט גענאָמען פון קהלשע געלטער. ער האָט קיינמאָל נישט אויסגענוצט פאַר זיך פון דעם כבוד וואָס ער האָט אַזוי פיל פאַרדינט.

חיים וויצמאַן ז״ל, האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער נשיא אין ישראל, ווייל ער איז געווען פּשוט אַ גאַנצער שטאָלצער ייד און זיין וויסנשאַפט האָט ער אין פּאָסיקן מאָמענט באַנוצט לטובת ישראל, און געקעמפט זיין גאַנץ לעבן אָן כבוד־זוכעריי פאַר דער דערלייזונג פון זיין פאָלק און זיין לאַנד.

און, צו לאַנגע גוטע יאָר, דעם איצטיקן נשיא פון ישראל יצחק בן צבי, וועלכער איז אַזוי באַליבט ביי אַלע קלאַסן און שיכטן, איז געשעצט אַי־בעראַל, דערפאַר וואָס ער איז אַ שטאָלצער ייד פאַר דער גאַנצער וועלט און אַ פּשוטער ייד ביי זיין אייגן יידיש פאָלק.

לאָמיר לערנען אַ פּרשה חומש, לאָמיר לערנען פון אונדזערע גדולים, לאָמיר ווערט זיין צו האָבן נשיאים מיט אַ ניצוץ פון משה רבינו ביז צו די אַלע אויבן דערמאָנטע, דעמאָלסט וועט אונדזער מדינת ישראל זיכער זיין געבענטשט, רעספּעקטירט און ווערן די מוסטער־לאַנד אַזוי ווי אונדזערע נביאים האָבן דאָס פאַרויס געזאָגט.

לאָמיר באַווייזן מיט מעשים, אַז מיר לערנען און אַז אונדזער לערנען איז נישט מן השפה ולחוץ, מעשים יוכיחו, באַווייזן מיט מעשים. ווען מיר ריידן פון העלפן מדינת ישראל, זאָלן די וואָס ריידן, די וואָס פאַרנעמען בכבודיקע אמטן אין דער געזעלשאַפט, זיין פון די ערשטע צו דערפילן באמת, מיט זייער חוב, אַנדערש הייסט עס, אַז מען נאַרט דעם פאָלק און דאָס איז שעדלעך.

לאָמיר לערנען צו וויסן ווי צו פאַרדינען דעם נאָמען שטאָלצער ייד און אויפריכטיקער מענטש.

קֹרַח

„ויקח קרח" — און קרח, צוזאַמען מיט דתן און אבירם און נאָך צוויי הונדערט פופציק מאַן, אַלע, מענטשן מיט אַ נאָמען, וואָס האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע פּאָזיציעס אין זייערע געמיינדעס, זענען געקומען צו משהן און אהרן און האָבן געזאָגט: „רב לכם"! — גענוג אייך, וואָרום די גאַנצע עדה איז הייליק, און ג־ט איז צווישן זיי, און פאַרוואָס נעמט איר זיך איבער אַקעגן דעם קהל פון ג־ט?

ווי ס'ווערט דערציילט אין חומש, איז דער רעזולטאַט געווען זייער אַ טרויעריקער; ס'האָט זיך געעפנט די ערד און האָט איינגעשלונגען קרחן און אַלע מענטשן, וואָס האָבן געהערט צו אים, לעבעדיקערהייט.

נישט וועלנדיק זינדיקן מיט די רייד, קומען אָבער אַרויף אויפן געדאַנק פאַרשידענע פראַגעס:

מיט וואָס האָט זיך קרח פאַרזינדיקט, וואָס ער, און אַלע וואָס זענען געווען מיט אים, זענען באַשטראָפט געוואָרן מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכער שטראָף, ווי איינגעשלונגען צו ווערן לעבעדיקערהייט?

משה רבינו, וועלכער האָט געלערנט דעם פאָלק די ציווילע, קרימינעלע און רעליגיעזע, ווי געשעפטלעכע געזעצן, געבויט אויף עכט־דעמאָקראַטישע און הומאַניטאַרע יסודות, מיט אַזוי פיל טאָלעראַנץ און רחמנות־געפילן, פאַרוואָס גראָד אין דעם פאַל קרח, האָט ער געפאָדערט ביי ג־ט אַזאַ שטרענגן פסק־דין?

וואָס, איינגנטלעך, האָט פּאַסירט? אַ געוויסע גרופּע חשובע יידן האָבן קריטיקירט משהן מיט אהרנען. איז עס דען געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט תרעומות אויף זיי?

האָט דאָך משה רבינו זעלבסט, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אָפּגע־פרעגט —נישט אַלע מאָל איז ער געווען איינשטימיק— און געבעטן ביי ג־ט אַ דערקלערונג, פאַרוואָס ער שיקט אים טון אַזוי, און נישט געוואָלט זיין קיין סתם שליח; און דאָס זעלבע טרעפן מיר ביי אַנדערע נביאים און מנהיגים.

איז דען די מעשה מיטן עגל נישט געווען אַ פיל ערגערער חטא? פונ־

דעסטוועגן זענען דעמאָלט די פּאַרזינדיקטע באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, און משה האָט נאָך געבעטן פאַר זיי; און ביי אָט דעם פאַל קרח איז משה געווען אַזוי שטרענג און האָט געפאָדערט אַ נישט־נאַטירלעכע שטראָף. פאַרוואָס?

און וואָס ס׳צווינגט נאָכמער צו טראַכטן איז, —לויט ווי ס׳זאָגן אונדזערע חכמים־מאָראַליסטן—, אַז ווען ג־ט האָט געהאַלטן ביים ענדיקן זיין זעקס־טאָגיקע שאַפונג און מאַכן שבת, אין סאַמע לעצטן מאָמענט, שוין ביים זונפאַרגאַנג, האָט ער באַשאַפן צען זאַכן. און פון די צען איז דאָס ערשטע געווען „פי הארץ״ — דאָס מויל פון דער ערד, וואָס וועט זיך דאַרפן עפענען אויף איינצושלינגען קרחן. ווייל דאָס זאָגן, אַז דער באַשאַפער פון דער וועלט האָט פאָרויסגעזען, אַז טאָמער וועט אַמאָל זיין אַ קרח, זאָל פאַר אים גרייט זיין דער דאָזיקער שוידערלעכער פּסק, וואָס ציטערט ממש אויף דעם מוח!

פרעגט זיך, מיט וואָס איז די זינד פון קרח ערגער פון אַלע אַנדערע זינד, וואָס ג־ט האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויפן משפּט פון דיינים, און האָט אַליין באַשטימט דעם שרעקלעכן אורטייל, גלייך ביים בריאת־העולם, צוליב דעם, טאָמער וועט אַמאָל זיין אַ קרח?

איך זאָג „טאָמער״, ווייל, ווי באַוואוסט, איז דער מענטש אַ בעל־בחירה. די גוטע, צי די שלעכטע וועגן קלייבט דער מענטש אַליין זיך אויס. יעדער קאָן זיך אַליין איבערשטאַרקן און באַקעמפן זיינע נישט־געוואונטשענע מידות.

דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן די פּריוויליגיע ער זאָל זיך אַליין קאָנען באַהערשן, ווען ער איז אַפילו פון דער נאַטור מיט אַ כאַראַקטער פון אַ קרח, קאָן ער זיך איבעראַנדערשן און ווערן דער רואיקסטער, פיינסטער מענטש, ווען ער האָט נאָר גענוג ווילנס־קראַפט צו ׳וועלן פאַרשטיין, ווי בעסער אויסצונוצן זיינע גוטע אייגנשאַפטן; (און וועלכער מענטש האָט עס נישט קיין גוטע אייגנשאַפטן?) און אונטערדריקן אין זיך די שלעכטע נייגונגען, (און וועלכער מענטש האָט עס נישט אַמאָל קיין שלעכטע נייגונגען?).

וואויל איז דעם, וואָס פאַרמאָגט גייסטיקע קראַפט צו קאָנען קולטיווירן אין זיך די נייגונג צו זוכן דאָס גוטס ביי זיך און ביי יענעם; און אַז מ׳זוכט, געפינט מען.

אויף דער פראַגע וואָס רבי יוחנן האָט געשטעלט זיינע תלמידים: וועלכער איז דער בעסטער וועג, וואָס דער מענטש זאָל זיך אין אים באַהעפטן און ער זאָל אים דינען ווי אַ ריכטונג אינעם לעבן? — האָט רבי יוסי געזאָגט: „שכן טוב״ — אַ גוטער שכן. ווייל אַז יעדער איינער וועט זוכן צו זיין אַ גוטער שכן, וועלן דאָך ממילא אַלע זיין גוט. און דער בעסטער מיטל צו זיין אַ גוטער שכן, איז זיך צו היטן נישט צו זיין קיין שלעכטער שכן.

ס'איז ראַטזאַם צו קוקן וואָס ווייניקער וואָס ס'טוט זיך ביים שכן, ריידן וואָס ווייניקער וועגן שכן און אַכטונג געבן אויף זיך אַליין, אַז דער שכן זאָל ביי אים נישט געפינען קיין חסרונות.

אומקערנדיק זיך צום ענין: האָט זיך גראָד געמאַכט בימי משה, אין משהס צייטן זאָל זיך געפינען אַ קרח וואָס האָט נישט געקאָנט גובר זיין דעם בייזן ווילן זיינעם, צו זוכן פעלערן ביי די מנהיגים; און גערעדט האָט ער נישט דירעקט צו די, וועמען ער האָט באַשולדיקט, נאָר ער האָט גע־רעדט מיט איניקע אָנפירנדיקע פערזאָנען, און ס'איז געגאַנגען פון מויל צו מויל, ביז ס'האָט זיך געשאַפן אַן אויפברויז אין דער מחנה; און אויף אים, אויף קרחן, איז געפאַלן דער גורל, אַז דאָס מויל פון דער ערד זאָל דערפילן איר שליחות צו וועלכע ס'איז באַשאַפן געוואָרן.

צו וואָס דערציילט אונדז די תורה די גאַנצע מעשה?

מ'קאָן דאָך נישט טראַכטן אַז משה רבינו. וואָס האָט געשריבן די תורה אין ג־טס נאָמען, —וואָס יעדעס וואָרט איז ביי אונדז הייליק—, זאָל האָבן אַריינגעשטעלט דעם דאָזיקן עפּיזאָד, נאָר כדי צו דערציילן אַ וואונדערלע־כע געשעעניש. זיכער איז עס געשריבן געוואָרן כדי ס'זאָל דינען ווי אַ מוסר־השכל, וואָס די קומענדיקע דורות זאָלן לערנען פון דעם. איז וואָס קאָנען מיר לערנען?

* * *

גאָר גוטע און נוצלעכע זאַכן קאָנען מיר לערנען:

ביי יעדן חטא, ביי יעדן פעלער, אָדער פאַרברעכן קעגן געזעץ, אָדער אָנגענומענע מנהגים, מוז מען זיך רעכענען מיטן גרויס פונעם פאַרברעכן. מ'מוז אָבער אויך נעמען אין אַכט, ביי וועלכע אומשטענדן, וועלעכע זענען געווען די סיבות וואָס האָבן געשטויסן צו באַגיין די זינד.

אין דער צייט וואָס די בני־ישראל האָבן געוואַנדערט אינעם מדבר, האָבן זיי ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן ווידערשפּעניקט קעגן ג־ט און קעגן משה רבינו. אָבער די סיבות וועלכע האָבן גורם געווען צו דער ווידערשפּע־ניקונג, זענען נישט געווען די זעלבע.

מ'מוז קודם־כל נעמען אין אַכט, אַז די יוצאי־מצרים זענען אין אַלגע־מיין געווען אַ רויע מאַסע, אַן טראַדיציעס, אַן דערפאַרונג פון אַ פריי פאָלקס־לעבן. זיי זענען אין פאַרלויף פון אַ פּאָר הונדערט יאָר געוואוינט געווען צו אַ טיראַנישער הערשאַפט; זיי האָבן זיך איינגעלעבט מיט אַן אָרדענונג, אַז עמיצער דאַרף זיי באַפעלן און זיי מוזן אויספאָלגן. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט האָבן זיי פאַרלוירן דעם חוש פון אייגענער איניציאַ־טיוו; ס'איז ביי זיי אָפּגעטעמפּט געוואָרן דער ווילן צו זאָרגן פאַר זיך אַליין. דאָס, וואָס ס'האָט זיי דערהאַלטן אַלעמען אונטער דער פאָן פון „בני־

ישראל״, איז געווען די אָפּגעזונדערטקייט און דער ריינער משפּחה־לעבן, די גייסטיקע געשטאַלטונג פון אברהם, יצחק און יעקב. דער ירושה־פּאַנצער פון אחדות־הבורא האָט זיי אָפּגעהיט פון אונטערגיין דורך אַסימילאַציע.

משה, אַלזאָ, פירט אָט די דאָזיקע מאַסע, און זיי גייען אים נאָך, מיט שוועריקייטן, אָבער — דער פירער פירט.

דער פירער משה, האָט גענומען לערנען מיט די בני־ישראל, אַז אַ פאָלק קאָן זיך ניט באַגנוגענען מיט אַן אייגענער טעריטאָריע; אַ פאָלק דאַרף וויסן ווי זיך צו פירן אינדיווידועל, ווי אויך בציבור; און מחמת דעם גייט ער אַוועק אויפן באַרג סיני, וואו ער פאַרזאַמט זיך פערציק טעג, כדי צוצוגרייטן, מיט ג־טס וואָרט, די דינים, משפטים און רעגלאַמענטן פאַר אַן אָרגאַניזירט, דיסציפּלינירט לעבן פאַרן יחיד, ווי פאַרן כלל, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַן עם־סגולה, פאַר אַן אויסדערוויילט פאָלק.

משה האָט זיך פאַרזאַמט מער ווי די באַשטימטע צייט, און אַז דאָס פאָלק האָט געזען אַז משה זאַמט זיך אַראָפּצונידערן פון באַרג סיני, האָט זיך דאָס פאָלק צונויפגעזאַמלט אַרום אהרנען, און זיי האָבן אים געזאָגט: „מאַך אונדז אַ ג־ט, וואָס זאָל גיין פאַר אונדז. וואָרום דער דאָזיקער מאַן משה, וואָס האָט אונדז אַרויסגענומען פון לאַנד מצרים, ווייסן מיר ניט וואָס מיט אים איז געוואָרן״, און ווי באַוואוסט, האָבן זיי אַוועקגעגעבן זייערע גאָלדענע צירונג און ס׳איז פון דעם אַרויסגעקומען דער עגל.

אַ גרויסער, אומפאַרצייַלעכער חטא. אָבער דער חטא האָט ניט אין זיך קיין עגאָאיסטישע, פּערזענלעכע כוונות. די עדה האָט זיך דערפילט אומבאַהאָלפן. הונדערטער יאָרן זענען זיי געווען אונטערגעוואָרפן באַפעלן, און מיט אַמאָל האָבן זיי זיך דערזען עלנט אין מדבר, אָן אַ פירער, ניט וויסנדיק זיך וואו צו קערן און ווענדן.. אגב דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אין דעם פאַל האָבן זיי ניט דערמאָנט וועגן אומקערן זיך צוריק קיין מצרים. די זינד איז געווען אַ גרויסע. ווי אַזוי דערקלערט מען עס אַ קאַלב ווי אַ פירער פון אַ פאָלק, מיט אַ געטלעכע מאַכט? אָבער, ווי געזאָגט, מ׳דאַרף זען ווער, ווען און אין וועלכע אומשטענדן דאָס איז געטון געוואָרן. אומבאַהאָלפענע מענטשן דאַרף מען מוחל זיין.

און משה האָט געבעטן ג־ט, ער זאָל זיי מוחל זיין, טענהנדיק: פאַרוואָס, ג־ט, זאָל גרימען דיין צאָרן אויף דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים מיט גרויס כוח און מיט אַ שטאַרקער האַנט! ס׳איז דען אַ פאָלק וואָס האָט זיך באַפרייט? דו האָסט זיי דאָך אַרויסגענומען פון קנעכטשאַפט מיט כוח און מיט אַ שטאַרקער האַנט, מ׳דאַרף זיי דאָך ערשט צוגרייטן צו זיין אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק! און ג־ט האָט אָנערקענט משהס טענות.

אַ צווייט מאָל, אין דעם צווייטן חודש נאָך זייער אַרויסגיין פון מצרים,

האָט דאָס פאָלק גענומען מורמלען קעגן משהן און אהרנען, און האָבן געזאָגט: „הלוואי וואָלטן מיר געשטאָרבן דורך דער האַנט פון ג־ט אין לאַנד מצרים, ווען מיר זענען געזעסן איבערן טאָפּ פליש, ווען מיר האָבן געגעסן ברויט צו זאַט".

נאָך דעם ווי זיי האָבן געזען ניסים וואָס ס'איז מיט זיי געטון געוואָרן, האָבן זיי דאָך געדאַרפט האָבן מער בטחון, מער גלויבן, אַז ג־ט וועט זיי נישט לאָזן שטאַרבן פון הונגער. די עוולה איז נאָך גרעסער, ווייל זיי האָבן דאָך געהאַט גענוג אייגענע רינדער און שאָף, וואָס זיי האָבן מיטגענומען פון מצרים.

און ס'איז געשען אַ נס. ס'איז געפאַלן יעדן טאָג פון הימל מן, וואָס האָט געהאַט אַלע געשמאַקע טעמים צו עסן, און פייגלען זענען געקומען צופליען, און דאָס פאָלק האָט זיך געזעטיקט מיט פלייש.

גייען אַריבער געציילטע טעג, און דאָס פאָלק מורמלט ווידער אַמאָל: „נאָך וואָס האָסטו אונדז אויפגעבראַכט פון מצרים, צו טויטן מיך און מיינע קינדער, און מיינע פי דורך דורשט?". דאָס מאָל האָבן זיי דערמאָנט, אַז זיי האָבן פי.

ס'איז זיכער געווען אַ פאַרדריסלעכע האַנדלונג מצד דעם פאָלק. אָבער אויך אין דעם פאַל איז עס געווען אַ קאָלעקטיווער פעלער, נישט אויפגערייצטע פון קיינעם. שולדיק איז געווען די געוואוינהייט. אַז עמיצער דאַרף זיי פאַרזאָרגן — דער האַר, דער באַהערשער.

דאָס פאָלק האָט באַקומען אַ שטאַרקן פאַרוואורף און נישט מער.

אַפילו ביי דער מעשה „מרגלים", וואו די זינד איז געווען זייער אַ האַרבע, דערמיט, וואָס דאָס פאָלק האָט מער געגלויבט אין די ווערטער פון די צען מרגלים, ווי אין דער הבטחה פון ג־ט, אַז דאָס לאַנד כנען וועט זיי געגעבן ווערן, און זיי דאַרפן עס נאָר גיין נעמען; מיטן זעלבן כוח מיט וועלכן זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון מצרים, וועלן זיי אויך פאַרטרייבן די פאַרזינדיקטע פעלקער פון כנען. אָבער ווידער אַמאָל דאָס זעלבע. ס'איז געווען אַ גרויסער טעות מצד די מרגלים און אַ שוואַכקייט פון פאָלק, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו די לשון־הרע פון די צען פאַרשטייער. נאָר, סוף־כל־סוף זענען זיי דאָך געווען באַפרייטע שקלאַפן. אויף וועלכע ג־ט אַליין האָט געזאָגט: „אַז זיי וועלן נאָר דערזען מלחמה, וועלן זיי זיך אומקערן קיין מצרים". זיי האָבן געהערט פון די מרגלים, אַז די איינוואוינער פון כנען זענען הויכע און שטאַרקע, איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ פחד.

נאַטירלעך, מיט אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט נישט דעם עלעמענטאַרסטן געפיל פון זעלבסט־באַפרייאונג, קאָן מען קיין לאַנד נישט אויפבויען. האָבן זיי באַקומען אַ שטרענגע שטראָף: צו בלייבן פערציק יאָר אין מדבר; און דער נייער דור וואָס וועט פון זיי אַרויסקומען, באַפרייטע פון קנעכטישן

קאָמפּלעקס, וועט אַריינקומען אין ארץ־ישראל. דער אַלטער דור וועט אויס־שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אַנדערש איז אָבער מיט דער מעשה קרח.

* * *

קרח איז געווען אַ קלוגער.

אַ נאַר האָט נישט קיין שכל צו טון גרויסע נאַרישקייטן, אָבער אַ קלו־גער, איבערהויפּט נאָך אַזעלכער וואָס ווייסט אַז ער איז אַ קלוגער — אַז אַזעלכער טוט אָפּ אַ נאַרישקייט — איז זאָל שוין דער אויבערשטער שומר ומציל זיין.

דער קלוגער קרח האָט געוואָלט כבוד, און פאַרדראָסן האָט אים נאָך מער, פאַרוואָס יענער פאַרנעמט אַ בכבודיקע פּאָזיציע. האָט ער אויסגע־נוצט זיין השפעה און צוגעצויגן אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער עדה, און זיי אויפגעקלערט: ווער זענען עס משה און אהרן? וואָס טוען זיי? משה זיצט אין זיין געצעלט, ווייט פון דער מחנה; אהרן מיט זיין משפחה לעבן אַ גוטן טאָג פון די קרבנות וואָס דאָס פאָלק ברענגט; און צו דעם האָט ער נאָך צוגעטראַכט אַזוי־זיך לעכערלעכע שאלות, כדי צו קאָמפּראָ־מעטירן די כהונה און די מלוכה.

דאָס זענען נישט געווען קיין כלל־אינטערעסן; דאָס זענען נישט גע־ווען קיין פאָדערונגען וואָס קומען ספּאָנטאַן פון עמך, צוליב ענינים פון צרכי־ציבור, אָדער וואָס באַרירן דעם עקאָנאָמישן, צי דעם גייסטיקן לעבן פון יחידים. דאָס איז געווען אַן ענין פון איין פּערזאָן, וואָס האָט געוואָלט גדלות.

קרח איז געווען אַ קלוגער, האָט ער געוואָלט שאַרן ברענענדיקע קוילן מיט פרעמדע הענט; האָט ער אויפגערייצט אַנדערע — זיי זאָלן גיין זוכן „גערעכטיקייט", און ער אַליין האָט זיך כלומרשט געשטעלט אין אַ זייט. אין חומש ווערט נישט דערמאָנט קיין איין וואָרט, וואָס קרח זאָל האָבן גע־רעדט דירעקט צו משהן.

אַזוי איז דער שטייגער פון רכילות־טרייבער. זיי דערציילן אין נאָמען פון „מען זאָגט", און „מען זאָגט" איז אַזוי ווי אַן אָנשטעקנדיקע קרענק, וואָס ס'איז שווער צו פאַרטרייבן, און ברענגט מיט זיך אומגליקלעכע קאָנ־סעקווענצן פאַר די רכילותניקעס ווי פאַר די צוהערער. וואָס נעמען־אויף רכילות, און צוליב זיי ליידן אָפּט מאָל אויך אומשולדיקע.

און אָט די מעשה קרח לערנט אונדז, וואָס פאַר אַ שעדלעכן כוח רכי־לות האָט.

דאָס פאָלק האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען די שרעקלעכע, נישט־נאַטירלעכע שטראָף וואָס קרח האָט באַקומען צוליב זיין שולד. קומט דאָס

זעלבע פאָלק, באַלד אויפן צווייטן טאָג, צו משהן און אהרנען און זאָגט: „אתם המיתם את עם ד'" — איר האָט געטויט דאָס פאָלק פון ג־ט.

דאָס גאַנצע פאָלק שטייט לעבעדיק, ברוך־השם, און זיי שרייען, אַז מ'האָט געטויט דאָס גאַנצע פאָלק. אָט ווי אַזוי רכילות פאַרפירט די מענטשן.

און דער צאָרן פון ג־ט איז געוואָרן גרויס, און ער האָט געוואָלט פאַר־לענדן דאָס גאַנצע פאָלק אין איין רגע. האָבן משה און אהרן ווידער אַמאָל זיך איינגעשטעלט פאַר זיי און אָפּגעראַטעוועט דאָס פאָלק, נאָכדעם ווי ס'זענען שוין געפאַלן אַריבער פערצן טויזנט מענטשן.

און ג־ט ווענדעט זיך צו משהן און זאָגט אים: ער וועט באַווייזן נאָך אַ נס. „און איך וועל איינשטילן פון אַרום מיר די מורמלערייען פון די קינ־דער פון ישראל, וואָס זיי מורמלען קעגן אייך". נעם צוועלף שטעקנס פון יעדן פירשט לויטן שבט, צו איין שטעקן, און זאָלסט אָנשרייבן אויף יעדן שטעקן דעם נאָמען פון פירשט, און אויפן שטעקן פון שבט לוי זאָלסטו אָנ־שרייבן אהרנס נאָמען, און זאָלסט אַלע שטעקנס אַוועקלייגן אין אהל־מועד, און דעם וואָס איך וועל אויסדערוויילן, וועט זיין שטעקן בליען און ס'איז געוואָרן צומאָרגנס, האָט משה אַרויסגעטראָגן אַלע שטעקנס, און אַלע האָבן געזען אַז אהרנס שטעקן האָט געבליט, האָט יעדערער גענומען זיין שטעקן און איז אַוועק.

דאַכט זיך, אַז אָט דער נס האָט זיי שוין געדאַרפט באַרואיקן. לסוף, קומען ווידער אַמאָל די בני־ישראל צו משהן און זאָגן: „הן גוענו, אבדנו, כלנו אבדנו" — זע, מיר קומען אום, מיר גייען אונטער, אַלע גייען מיר אונ־טער, דער וואָס דערנענטערט זיך צום משכן, שטאַרבט.

ווער טשעפּעט זיי? אַלע טאָג פאַלט פרישער מן, זיי לעבן רואיק, און האָבן טענות: „אַלע גייען מיר אונטער". ווער אַלע? וואָס אַלע? ווער שיקט זיי צו גיין צום משכן?

רכילות, ווייסט מען ווען זיי הויבן זיך אָן, אָבער מ'ווייסט נישט ווען און ווי אַזוי זיי וועלן זיך ענדיקן. פיל אומשולדיקע מענטשן ליידן פון דעם, און פיל שטערונגען ברענגט עס דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

און דערפאַר איז קרחס שטראָף געווען אַזאַ האַרבע און שווידערלעכע.

* * *

איז וואָס לערנען מיר פון דער פרשה הומש? אָ! מיר לערנען גאָר אַ סך! ווער ס'וויל האָט זייער פיל צו לערנען — מ'דאַרף נאָר וועלן!

בן סירא זאָגט: „שומר פיו ולשונו, גם עם קשה לב יתרועע ועוצר במילים שומר מצרות נפשו".

בָּלָק

אונדזערע אַמאָליקע פאָלקס־לערער האָבן פאַראָרדנט מ׳זאָל לערנען בציבור, דריי מאָל אין דער וואָך, מיט אַ סדר, קאַפּיטלען פון דער תורה.

די היינטיקע מאָדערנע פאָלקס־לערער רעקאָמענדירן, אַז מיר זאָלן לערנען יעדן טאָג קאַפּיטלען פון תנ״ך, נישט פשוט, ווי אַ גוטער שילער וואָס חזרט זיך איין די לעקציעס צו געדענקען זיי ביים עקזאַמען, נאָר דער עיקר איז, געדענקען אַפּצולערנען און אַרויסלערנען די הויכע עטישע זיטן מיט וועלכע דער תנ״ך איז אָנגעפולט, און וואָס זענען ווי אַן אומאויסשעפּנדיקער קוואַל, און וואָס מער מ׳שעפּט פון אים, אַלץ מער טייערע ווערטן געפינט מען אין אים.

אויסער דער שיינקייט און באַלערנטקייט פון דעם אָריגינעלן טעקסט פון די כתבי־קודש, האָבן זיי אַן אויסגעצייכנטע מעלה, וואָס דער אינהאַלט זייערער איז ווי דער מן, — מ׳געפינט אין זיי פאַרשידענע טעמים, און וויפל מאָל מ׳לערנט זיי און מ׳טראַכט זיך אַריין אין זיי, פילט מען יעדעס מאָל אַ דערקוויקונג, אַ גייסטיקע באַרייכערונג.

אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „עס איז נישט גלייך, ווען מ׳לערנט איבער דאָס קאַפּיטל הונדערט מאָל, ווי ווען מ׳לערנט איבער דאָס זעלבע קאַפּיטל הונדערט און איין מאָל״.

מיטן לערנען געפינט מען חכמה; און וואָס מער הכמה מ׳געפינט און מ׳זאַפּט אין זיך איין, באַקומט מען מער גייסטיקע קראַפט, און מ׳דערפילט די פרייד און דעם פאַרגעניגן אינעם לערנען.

וואָס מער אַ מענטש איז געלערנט, אַלץ מער דורשט עס אים צום לערנען. געבענטשט איז דער, וואָס האָט דעם דורשט און ווייסט ווי אים צו שטילן, אָבער נישט אויסלעשן.

עס איז אַ ברכה די אומרואיקייט, דאָס נישט באַגנוגענען זיך און דאָס פליסן זיך צו לערנען מער און מער, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן.

* * *

„וירא בלק״ — און בלק האָט געזען אַלץ וואָס ישראל האָט געטון צו דעם אמורי.

אין דער דאָזיקער פרשה חומש, ווערט געשילדערט אַ דראַמאַטישע

פּאַסירונג, אין וועלכער די הויפּט־פּראָטאַגאָניסטן זענען:

אַ קעניג אַ געצנדינער, אַ נביא אַ געצנדינער און אַן אייזל.

די בני־ישראל, וואָס זענען אַרויס פון מצרים אויף זייער מאַרשרוט קיין כנען, זענען אָנגעקומען צו די גרענעצן פון מואָב — אַ טייל פון עבר־הירדן.

דער קעניג פון דעם לאַנד מואָב, —בלק,— האָט זיך דערשראָקן פאַר די בני־ישראל, טראָץ דעם וואָס די בני־ישראל האָבן אַפילו אין זינען נישט געהאַט מיט עפּעס צו שעדיקן די מואבים; פאַרקערט, דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט משהן: „אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה" — זאָלסט נישט באַלאַגערן מואָב און נישט פאַרפירן מיט זיי קיין מלחמה, דערפאַר ווייל זיי שטאַמען פון לוט. לוט איז געווען אַ פּלימעניק פון אברהם אבינו, און אין דעם זכות האָט מען זיי געלאָזן רואיק. אָבער דאָס פאָלק מואָב, צוזאַמען מיט זיין מלך בלק, צוגלייך מיט אַלע שונאי־ישראל, וואָס זוכן בילבולים אויף יידן, האָבן געפונען אַ בילבול „כי רב הוא" — ווייל זיי זענען פיל. מיר זענען שטענדיק גרויס אין זייערע אויגן.

און אַז אברהם און יצחק זענען געווען די איינציקע יידישע משפחות אין דער גאַנצער וועלט, האָט זיי דען דער קעניג פון די פּלישתים, אבימלך, נישט פאַרפאָלגט?

האָט דען דער קעניג אַבימלך נישט געזאָגט יצחקן: „לך מעמנו כי עצמת ממנו מאד" — גיי אַוועק פון אונדז, וואָרום דו ביסט מעכטיקער פון אונדז; און יצחק האָט געמוזט אַוועקגיין.

וויפל מיר זאָלן נישט זיין און וואו מיר זאָלן נישט זיין, באַגלייט אונדז שטענדיק די זאָאָלאָגישע שנאה, מחמת „כי רב הוא". מיט עפּעס זענען מיר מער, מיט עפּעס זענען מיר אויסגעצייכנטער. אויף איין פּלאַץ איז די שנאת־ישראל פון אַרטיפיציעלער טאָלעראַנץ, אין אַ צווייטן פּלאַץ איז זי געדעקט מיט אַ געשריבענער אויף פּאַפּיר, און ביי אַנדערע איז די שנאת־ישראל בעסטיאַליש ווילד.

און דאָ הויבט זיך אָן די דראַמע.

בלק האָט איינגעלאַדן די עלטסטע פונעם לאַנד מדין, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט מואָב, און צוזאַמען האָבן זיי געשיקט שליחים צום געצנדינערישן נביא בלעם, צו בעטן אים, ער זאָל קומען שילטן דאָס פאָלק וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, „אולי אוכל נכה בו ואגרשנו מן הארץ" — אפשר וועל איך אים קאָנען שלאָגן און פאַרטרייבן פון לאַנד.

דאָס ווייזן זיך אַרויס כאַראַקטעריסטישע שטריכן:

בלק רופט נישט אָן דאָס פאָלק ביים נאָמען: ישראל, נאָר „אַ פאָלק וואָס איז אַרויס פון מצרים".

מואָב און מדין זענען געווען צעקריגט צווישן זיך, אָבער כדי פיינט צו האָבן יידן, האָבן זיי זיך פאַראייניקט אויף איין פּראָגראַם:

„ארה, נכה ואגרשנו״ — שילטן, פּאַרלוימדן, שלאָגן, אַרויסטרייבן.

און מערקווירדיק ווי די דאָזיקע שנאת־ישראל־פּראָגראַם האַלט אָן ביז צום היינטיקן טאָג. די אַראַבישע לענדער רייסן זיך אַרום צווישן זיך, נאָר קעגן ישראל זענען זיי פאַראייניקט: זיי ווילן נישט אָנערקענען ישראל ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה, און פירן דורך דאָס פּראָגראַם פון פּאַרלוימדן, שלאָגן און אַרויסטרייבן.

ווי ווייט די אַנדערשקייט פון ישראל איז:

אונדז, האָט משה רבינו אָנגעזאָגט: „לא תתעב מצרי״ — זאָלסט נישט פאַראומווירדיקן קיין מצרי. וואָרום די ביסט געווען אַ פרעמדער אין זיין לאַנד, טראָצדעם וואָס די מצרים האָבן זיך אַזוי נידערטרעכטיק איזדיעקע־וועט איבער די בני־ישראל, און זיי, די מצרים, שאַפן קאַאַליציעס פון שנאה, זיי מאַכן פון פאַרדאָרבענע מידות, ווייל וואָס איז נאָך פאַרדאָרבענער פון אומזיסטער שנאה, אַ קולט, אַ נאַציאָנאַלע מיסיע.

אָרעמע ציוויליזאַציע! אָרעמע קולטור! ווען היינט צוטאָג עקזיסטירן נאָך אַזעלכעס!

די שליחים פון ביידע לענדער זענען געקומען צו בלעם׳ן און אים איבערגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון בלקן. בלעם האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט. שילטן יידן, פאַרוואָס נישט? פון זיין זייט איז קיין מניעה נישטאָ; נאָר די שליחים מוזן איבערנעכטיקן ביי אים, ווייל דאָס געטלעכע וואָרט קומט צו אים נאָר ביינאַכט, אין חלום.

און דער אויבערשטער זאָגט בלעם׳ן אין חלום: „זאָלסט נישט גיין מיט זיי, זאָלסט נישט שילטן דאָס פאָלק״, „כי ברוך הוא״ — וואָרום ער איז געבענטשט.

בלק שיקט אַ צווייטע דעלעגאַציע פון העכערער יעראַרכיע, מיט אַן אָנבאָט פון גרויסן כבוד, מיט אַ צוזאָג נאָכצוקומען אַלץ וואָס ער, בלעם, וועט פאַרלאַנגען, אַבי נאָר ער זאָל קומען שילטן די יידן.

דער אויבערשטער זאָגט בלעמען אין חלום: „אויב דיך צו רופן זענען געקומען אָט די מענטשן, גיי מיט זיי, אָבער נאָר די זאַך וואָס איך וועל רעדן צו דיר, זאָלסטו טון״.

דאָס איז אַ באַשטעטיקונג, אַז ער וועט נישט קאָנען שילטן די בני־ישראל. בלעם האָט שוין דאָך געוואוסט, וואָס ג־ט האָט אים צו זאָגן: „כי ברוך הוא״.

* * *

דאָ קומט די צווייטע פאַזע פון דער דראַמע.

בלעם מאַכט זיך נישט פאַרשטייענדיק, ער מאַכט זיך תמעוואַטע. ער זעצט זיך אויף זיין אייזל און גייט מיט די שליחים פון מואָב.

דאָס איז די נידעריקסטע לומפּעריי. אַ פּערזאָן ווי בלעם, וואָס איז באַ-גאַבט מיט אַ העכערן גראַד וויזיע און פאַרמאָגט די אייגנשאַפט אויפצונע-מען דאָס געטלעכע וואָרט, נוצט אַזוי היפּאָקריטיש אוים דעם ריכטיקן וואונק פון דעם אויבערשטן, און כאַפּט זיך אָן אין די ווערטער „גיי מיט זיי", וויסנדיק לכתחילה, אַז דאָס וואָס די רופערס פאָדערן פון אים, איז פונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם וואָס ג-ט האָט אים אָנגעוואונקען.

בלעם רייט אויף זיין אייזל. דאָס אייזל האָט דערזען אַ מלאך שטייט אויפן וועג, מיט אַ שווערד אויסגעצויגן אין זיין האַנט. האָט דאָס אייזל פאַרשטאַנען, אַז מ'מוז אָפּנויגן פון וועג און איז אַרוים אויפן פעלד.

אָבער בלעם, פאַרבלענדט פון שנאת-ישראל און פון דעם כבוד וואָס בלק האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט, זעט גאָרנישט, און ער שלאָגט דעם אייזל צו פאַרקירעווען אויפן וועג. אָבער דער מלאך איז נישט אָפּגעטרעטן פון וועג. האָט דאָס אייזל זיך צוגעדריקט צו אַ וואַנט און דערביי צוגעקוועטשט בלעמס פוס. בלעם שלאָגט ווידער אַמאָל דאָס אייזל, ביז דאָס אייזל פאַר-פירט אים אין אַן ענגן אָרט, וואו ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט זיך אָפּצונויגן נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס. און דער מלאך האָט פאַרשטעלט דעם וועג, אַז דאָס אייזל זאָל ווייטער נישט קאָנען גיין. האָט דאָס אייזל, באין ברירה, זיך אַנידערגעלייגט צוזאַמען מיט בלעם'ן.

בלעם, דער געצנדינערישער נביא, האָט נישט געזען און נישט פאַר-שטאַנען וואָס עס טוט זיך פאַרביי זיין נאָז, און זיין צאָרן האָט געגרימט און ער האָט אָנגעשלאָגן דאָס אייזל מיט אַ שטעקן. דאָן איז געשען עטוואָס איבערנאַטירלעכס. דאָס אייזל האָט געעפנט דאָס מויל און גענומען פאַר-וואָרפן בלעם'ן זיין רשעות, זאָגנדיק: איך בין דיין אייזל וואָס דו רייטסט אויף מיר מיין גאַנץ לעבן; געווען דיין אייזל און בין איצט אויך דיין אייזל, איז מיט מיר אַמאָל געשען אַזעלכעס? איי, איי, איינמאָל אין דער געשיכטע האָט פּאַסירט, אַז אַן אייזל האָט גערעדט. האָט ער נישט געפונען עפּעס אַנדערש ווי זיך פאַרצושטעלן פאַר זיין שלעגער, ווי „אני אתנך" — איך בין דיין אייזל.

ערשט, נאָך אַ פאַרציע גערעכטע רייד פון אייזל, האָט בלעם דערזען דעם מלאך מיט דער אַרויסגעצויגענער שווערד.

דאָ באַווייזט זיך דאָס געפאַלנקייט פון אַ בלעם. ער, דער וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ נביא, וואָס דערהערט אין שלאָף געטלעכע אָנווייזונגען, האָט זיך דאָך געדאַרפט געבן רעכענונג פון אַזאַ אויסערגעוויינלעכער פּאַסי-רונג. דאָס אייזל זעט, דאָס אייזל רעדט, און אַ מלאך פון ג-ט פאַרשטעלט אים דעם וועג, און ער, בלעם, האָט נישט געזען און נישט געהערט. איז עס דאָך אַ זיכערער באַווייז, אַז זיין גאַנג איז נישט געוואונטשן. אָבער ער, בלעם, מאַכט זיך ווידער אַמאָל תמעוואַטע, און ווען דער מלאך אַנטפּלעקט

זיך צו אים, שעמט ער זיך נישט פאַר זיין אייזל און זאָגט: „איך האָב נישט געוואוסט, אַז דו שטייסט מיר אַנטקעגן אויפן וועג. אויב עס איז שלעכט אין דיינע אויגן, וועל איך מיך אומקערן".

אָבער דער מלאך קאָן דאָך נישט איבערבייטן ג־ט׳ס וואָרט, זאָגט ער צו בלעם׳ן: „גיי מיט די מענטשן, אָבער נאָר דאָס וואָרט וואָס איך וועל רעדן צו דיר, דאָס זאָלסטו רעדן".

א פאַרנונפטיקער מענטש וואָלט דאָך באַלד געדאַרפט ענטפערן: איז צו וואָס טויג מיר דאָס גיין מיט די מענטשן, וויבאַלד אַז איך וועל מעגן רעדן נאָר דאָס וואָס דו וועסט רעדן צו מיר? איז דאָך מיין גאַנג אַרויסגע-וואָרפן, איך וועל דאָך שוין נישט קאָנען שילטן די בני־ישראל!

די בלעמס אָבער, האָבן אַ בלעמישן אַרט דענקען, ווען עס האַנדלט זיך פון יידישן פאָלק.

אַלע בילעמס, וואו זיי זאָלן נישט זיין און אין אַלע צייטן, בילן אַלע גלייך, אויפן זעלבן שטייגער. מיטן אונטערשייד וואָס עס זענען פאַראַן דרע-סירטע בילעמס, וועלכע זענען די אַריסטאָקראַטן פון דעם בילעמישן קרייז, און ס׳זענען פאַראַן פראָסטע בילעמס. וועלכע פון זיי זענען שעדלעכער?
— דאָס איז נישט פאַר מיר צו אַנטשיידן. כלבים זענען זיי אַלע.

האָבן מיר דען נישט דורכגעלעבט, און לעבן מיר דען נישט דורך אויך איצט אַזעלכע סצענעס, מיט ווייסע ביכער, מיט „עקסאָדוס", מיט שיקן געווער צו אַלע אונדזערע שונאים, ווען די זעלבע האָבן פאַרבאָטן אַפילו זייערע אומשולדיקע בירגער צו באַטרעטן דעם באָדן פון מדינת־ישראל?

זענען מיר דען נישט אַרומגערינגלט, אַרום מדינת־ישראל, מיט בלעמס וואָס רייטן אויף זייערע מיליאָנען אייזלען, שטומע אייזלען בצורת מענטש, וואָס זענען פאַרבלענדט און זעען נישט ווייטער פון זייער נאָז? פירן זיי דען נישט דורך אין דער ווירקלעכקייט דעם פּראָגראַם „ארה, נכה ואגרשנו"
— פאַרלוימדן, שלאָגן, אַרויסטרייבן? מאַכן דען נישט מלוכות, גרויסע און קליינע, רויטע און שוואַרצע איין בונד פאַר שנאת־ישראל?

און בלעם באַקומט אַ פיינעם קבלת־פנים פון בלקן; און דאָ קומט פאָר אַ טראַגי־קאָמישע זאַך: בלק גרייט־צו גרויסע באַנקעטן; צו יעדן באַנקעט ווערן געשאָכטן 7 אָקסן און שאָף. און ווי דער שטייגער ביי אַ באַנקעט, האָט מען דערוואַרט, אַז דער גרויסער גאַסט בלעם זאָל עפענען זיין געצנ-דינעריש מויל און אויסשיטן זיין בינטל קללות, זידלערייען, פאַרלוימדונגען קעגן דעם פאָלק וואָס איז אַרויס פון מצרים. אָבער, בלעם קאָן נישט האַלטן זיין „אימפּראָוויזאַציע", ווייל ער האָט נישט געפונען דעם שוואַכן פונקט אין וועלכן אַנצוטשעפּען זיינע קללות.

בלק, אַן אַנטוישטער, פירט בלעם׳ן אויף פאַרשידענע פּלעצער, אפשר וועט ער פון די העכערע ערטער דאָך דערזען אַ נישט־גינסטיקן פונקט מצד

די ישׂראלים. אָבער, צו זייער ביידנס אומצופרידנקייט, רופט אויס בלעם: „כי מראש צורים אראנו" — פון די שפּיץ פעלדזן זע איך אים, און פון די הויכע ערטער קוק איך אים אָן און זע אַ פאָלק וואָס רוט באַזונדער, און רעכנט זיך נישט צווישן די אומות. זיי זענען רואיק, אָבי נאָר מ׳לאָזט זיי רואיק, און רעכענען נישט וואָס ס׳טוט זיך צווישן די אַנדערע אומות. ער וויל גאָרנישט פון די ערד וואָס איז נישט פאַרשפּראָכן געוואָרן צו זייערע עלטערן אברהם, יצחק און יעקב. איז ווי קאָן איך זיי שילטן. אַז ס׳איז אַ געבענטשט פאָלק פון ג־ט?

נאָך אַ סך שבחים האָט ער אויסגערעכנט אויפן פאָלק וואָס איז אַרויס פון מצרים. עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. בלעם האָט גוט געקענט די אַנדערע געצנדינערישע פעלקער, און ער האָט געמאַכט אַ פאַרגלייך פון דעם לעבן פון די פעלקער מיטן לעבן פון יידישן פאָלק, האָט ער על אפּו ועל חמתו געמוזט אויסשרייען: „מה טובו אהליך יעקב"!.

איז, דאַכט זיך גוט און פיין. אָבער די בלעמס, אוי די בלעמס, עפּנט־לעך קאָנען זיי נישט שילטן, און מוזן נאָך זאָגן לויב־ווערטער פאַר ישׂראל, ווייל די פאַקטן רעדן, אָבער די שנאת־ישׂראל בלייבט ביי זיי איינגעביר־גערט. און בלעם האָט אָנגעוואונקען בלקן, ער זאָל אַרויסווייזן אַ פּריילעכע מינע צו ישׂראל; ער זאָל פאַר זיי איינאָרדענען גוטע מאָלצייטן, און מדינס שיינע טעכטער זאָלן זיי באַדינען... די שוואַכערע האָבן זיך געלאָזט אַרייננאַרן, און דאָס האָט געקאָסט די בני־ישׂראל פיר און צוואַנציק טויזנט קרבנות.

וואָס פאַר אַ זעלטענער מאַטעריאַל דאָס איז פאַר אַ דראַמאַטורג; אַ מאַטעריאַל וואָס איז פיר טויזנט יאָר אַלט און איז ביז היינט אַקטועל.

קעניגן, פירער פון פעלקער צעשראָקענע: זייערע וויזיאָנערן, פּאָליטי־קער, היפּאָקריטן, געטרויען נישט איינער דעם צווייטן. ס׳הערשט אַ שטאַר־קע קעגנערשאַפט צווישן זיי, נאָר אַלע צוזאַמען האָבן זיי פיינט, —אפשר נישט אַלע אין אַ גלייכער מאָס— די יידן. זייערע אייזלען רעדן נישט, זיי האָבן מורא פאַר דעם שטעקן פון די בלעמס. אויב זיי שילטן נישט דירעקט, גיבן זיי עצות און שיקן זייערע „שיינע כלים" צו אונדזערע שונאים, צו פּראָוואָצירן די יידן.

פאַרוואָס זוכן זיך נישט אָפּ די קינסטלער, וואָס זאָלן פאַרשטעלן פאַר די פעלקער די דאָזיקע אייביקע דראַמע, מיטן פינאַל „לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישׂראל" — מ׳זעט נישט קיין אומרעכט ביי יעקבן און מען מערקט נישט קיין עוולה ביי ישׂראל, ג־ט איז מיט אים און די לייטזעליקייט פון מלך איז אויף אים.

בלעמס סוף — אַזאַ סוף זאָלן האָבן אַלע אונדזערע שונאים.

בלק

ב.

„וירא בלק" — און בלק האָט געזען אַלץ וואָס ישראל האָט געטון צו אמורי, און ער האָט זיך דערשראָקן.

וואָס האָט בלק געזען, און וואָס האָט ישראל געטון צום אמורי?

ישראל איז געגאַנגען זיין וועג פון מצרים צו זיין צוגעזאָגטן לאַנד כנען. קומענדיק צום גרענעץ פונעם לאַנד אמורי, האָט ישראל געשיקט שליחים צום מלך פון סיחון און אים געבעטן: — לאָז אונדז דורכגיין דיין לאַנד, אויף דעם אָפיציעלן וועג וועלן מיר גיין. מיר וועלן נישט אָנרירן די פעלדער, נישט די וויינגערטנער. מיר וועלן אַפילו נישט טרינקען דאָס וואַסער פון אייערע ברינעמער. מיר וועלן נאָר דורכגיין.

און דער מלך סיחון, אַנשטאָט צו טון אַזאַ פריידלעכע געפעליקייט, האָט איינגעזאַמלט זיין גאַנץ פאָלק, און איז אַרויסגעגאַנגען אין דער מדבר מלחמה צו האַלטן מיט ישראל, און ישראל האָט באַזיגט דעם אמורי און האָט פאַרנומען זיין לאַנד.

ישראל האָט פאָרגעזעצט זיין וועג, פאַרבייגייענדיק די גרענעצן פון מדינת בשן. איז אַרויס אַנטקעגן דער מלך עוג מיט זיין גאַנץ פאָלק, צו פירן אַ מלחמה מיט ישראל, און בשן האָט געליטן די זעלבע מפלה ווי אמורי.

און ישראל האָט מאַרשירט פאָרווערטס און דערגרייכט די סטעפּעס פון מואב, וואָס ליגן אויפן וועג צום ירדן, נישט טראַכטנדיק אַפילו מיט עפּעס אָנצורירן, אָדער שעדיקן מואב, לויט אַ ספּעציעלן באַפעל פון ג-ט.

דאָס אַלץ האָט געזען און געוואוסט בלק, דער מלך פון מואב.

איז ווי, אייגנטלעך, וואָלט געדאַרפט האַנדלען אַ לאָגישער און אָרנטלעכער מלך, וואָס איז געטריי זיין פאָלק, נאָכדעם ווי ער האָט געזען אַז ישראל האַלט זיך פאַסיוו און דענקט אַפילו נישט אים אָנצוגרייפן? דער שכל-הישר זאָגט, אַז בלק האָט נישט געדאַרפט טון גאָרנישט, און לאָזן די ישראלים גיין רואיק זייער וועג. אָבער, ביי שנאת-ישראל איז נישט פאַראַן קיין שכל-הישר. ווען עס וואָלט געווען שכל-הישר, וואָלט דאָך קיין שנאת-ישראל נישט געווען.

בלק האָט געזוכט אַ טענה קעגן די ישראלים, כדי צו קאָנען אויפרייצן דאָס פאָלק און האָט עס געפונען. די ישראלים וועלן אויפעסן דאָס גאַנצע פּאַשע פון די פעלדער. בלק האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין גענוגנדיקע סיבה אויפצומונטערן דאָס פאָלק צו מלחמה, האָט ער איינגעלאַדן די חכמים פונעם שכנישן לאַנד מדין, טראָץ דעם וואָס זיי זענען געווען

שטענדיקע שונאים צווישן זיך, און זיי האָבן צוזאַמען באַשלאָסן, אַז גאָר אײנגאַנצן לאָזן פאַרבײַגײן די ייִדן רואיק קאָנען זיי נישט; די הערצער דער־לאָזן עס נישט. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז אַמווייניקסטנס דאַרף מען זיי כאָטש שילטן.

זאָל מען דינגען אַ גוטן שילטער, זאָל קאָסטן וויפל עס וועט קאָסטן. און זיי האָבן טאַקע געפונען אַ ספּעציאַליסט אויף דעם געביט, דעם אמתן בלעם.

אמאָליקע יאָרן, ווען איך פלעג צוקומען צו דער פּרשה בלק, האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט ביי מיר ספיקות: ווי קאָנען עס מלכים און פעלקער זיין אַזוי נאַריש און אַזוי רשעותדיק? עס גייט אַ פאָלק, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון שקלאַפעריי, און טראָגט מיט זיך אַ תורה, וואָס פּראָקלאַמירט פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן, וואָס האָט געדאַרפט אויפגענומען ווערן ווי אַ באַזע פאַר אַלע פעלקער, לסוף זענען גאָר אַלע שונאים פון דעם דאָזיקן פאָלק; אַ שנאה וואָס גרענעצט זיך מיט נאַרישקייטן, מיט דינגען אַ ספּעצ־יאַליסט אַ שילטער, ווי איז דאָס מעגלעך? ווי אַזוי דערקלערט זיך עס?

איז געקומען די צייט און באַוויזט די ריכטיקייט. מיר אַליין לעבן דורך די זעלבע אומדערקלערלעכע אומפאַרשטענדעניש.

* * *

קומען קינדער פון פאָלק ישראל צוריק צו זייער לאַנד, וואָס איז געווען פאַרנומען אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן פון הינטערשטעליקע שבטים, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דאָס פעטע פרוכטבאַרע לאַנד ארץ־ישראל אין אַ מדבר. אַ באַפעלקערונג, וואָס איז אַלע יאָרן געווען אונטערגעוואָרפן אונ־טער אַ פרעמדער הערשאַפט און דערנידעריקט, פאַראָרעמט דורך אייגענע עקספּלאָטאַטאָרס, און די קינדער פון ישראל נעמען אויפלעבן די דאָזיקע וויסטעניש און ברענגען איר צום אַמאָליקן גלענצנדיקן צושטאַנד, מיט די בעסטע כוונות צו דערהויבן דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן מצב אויך פון די אַלע אַנדערע וואָס געפינען זיך אויפן באָדן, ווי אויך פון די שכנישע לענדער.

מיט בלוט, שוויים און לעבנס־געפאַר האָבן די ישראלים געקעמפט קעגן די אַלערליי קלימאַטישע פּלאָגעס, צום גוטסטן פון אַלע אייַנוואוינער. די ישראלים האָבן געהאַט דערפאַלג און געוואונטשן נאָר איין זאַך: מען זאָל זיי לאָזן לעבן רואיק און אין שלום.

זענען אָבער געקומען די היינטיקע אמורים און בשנב, מיטן קאָנצעפּט פון יושר און גערעכטיקייט פון די מלכים סיחון און עוג, און זענען אַרויס

מלחמה האַלטן מיט ישראל, און האָבן געליטן די זעלבע מפּלה, ווי די דער־מאָנטע פעלקער, אָבער די שנאה וואַרצלט אין זיי.

נאָך אַזאַ מין דורכפאַל, האָבן זיך די שונאים געכאַפּט צו בלקס עצה — שילטן!

אָבער, ווי שילטן? מיט וואָס שילטן? צוליב וואָס שילטן?

בלעם —ווערט געזאָגט— האָט באַזיצט נביאישע וויזיע. עס איז אָבער אַ גרויסער אונטערשייד צווישן בלעמס גוישע נביאות ביז, להבדיל, יידישע נביאים.

די יידישע נביאים האָבן נישט געשאָלטן; זיי האָבן פאַרויסגעזאָגט אַ שלעכטן סוף פון אַלע יענע פעלקער, וואָס האָבן געזינדיקט קעגן דער מענטשהייט, מיט זייער אומגעראַלישער איופירונג, פאַר אונטערדריקן דעם שוואַכערן, דעם יחיד, ווי דאָס גאַנצע פאָלק; פאַר דעם איבערגעטרי־בענעם לוקסוס; פאַר באַנוצן זיך מיט פאַלשקייט, מיט אָפּנאַרעריי, מיט נעמען כאַבאַר.

די יידישע נביאים האָבן נישט געשאָלטן, נאָר געוואָרנט, צום אַלעם ערשטן דאָס אייגענע יידישע פאָלק, זיי זאָלן נישט פאַרקריכן אויף קיין שלעכטע וועגן. דער יידישער נביא האָט געשטורעמט קעגן חניפה, קעגן קנאה, שנאה. דער יידישער נביא האָט געהאַט דעם מוט צו שטראָפן אַפילו דעם קעניג אין פּנים אַריין פאַר זיינע נישט ריכטיקע מעשים, און האָט גע־וואַגט אָפּצופרעגן אַפילו ג־ט אַליין — אַלץ מיט דער ריינסטער כוונה, אַז דאָס מענטשהייט זאָל זיך באַטראַכטן, זיי זאָלן ווערן בעסער, אָרנטלעכער, מענטשלעכער, דאַן וועלן זיי אויסמיידן די שטראָף, אָבער סתם שילטן צו־ליב שילטן, צוליב כבוד, צוליב פאַרדינסטן — דאָס איז נישט צו טרעפן ביי קיין איינעם פון די יידישע נביאים.

בלעם, דער גוישער נביא, איז געגאַנגען שילטן, ווייל עס זענען געקו־מען אים איינלאַדן גרויסע שררות און אים צוגעזאָגט אַ סך כבוד און אַ סך געלט, טראָץ דעם וואָס ג־ט האָט אים געזאָגט אַז ער זאָל נישט גיין, און אַז ער וועט גיין — וועט ער קאָנען זאָגן בלויז נאָר דאָס וואָס ג־ט וועט אים אָנווייזן.

בלעם איז געגאַנגען. בלק האָט אים אַרומגעפירט פון אַלע זייטן אַרום דער מחנה יידן — אפשר וועט ער באַמערקן עפּעס אַ זאַך ביי די ישראלים, וואָס וועט אַרויסרופן ביי אים אַ קללה. ערשט צום דריטן מאָל, ווען בלק האָט אים, בלעמן, אַרויפגעפירט צום שפּיץ פון פעור —דער אָפּגאָט פון אומאָנשטענדיקייט— האָט זיך ביי דעם דאָזיקן גוישן נביא אַרויסגעכאַפּט אַ פאַרשטעלטע עצה. ווי אַזוי צו ברענגען אַ קללה אויף די יידן. בלעם, קוקנדיק צום אָפּגאָט פעור, האָט אויסגערופן: „מה טובו אוהליך יעקב,

משכנותיך ישראל" — ווי גוט און שיין זענען דיינע געצעלטן יעקב און דיינע וואוינונגען ישראל!

בלעם האָט געזען די איינאָרדענונג פון די יידישע געצעלטן: יעדעס געצעלט איז אַזוי אָוועקגעשטעלט געוואָרן, אַז איינער זאָל נישט קאָנען אַריינקוקן אין צווייטנס געצעלט. יעדע משפחה לעבט זיך איר לעבן, צניעותדיק. די טהרת המשפחה איז הייליק. די מידות פון שעמען זיך, איז שטרענג אָפּגעהיט. בלעם האָט דערזען אַ פאָלק מיט אַן עכט מאָראַלישן לעבן, וואָס איז געווען פאַר אים אַ נייעס, און האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער גרעסטער כוח פון דער דאָזיקער אומה. איז, מיט וואָס קאָן ער אים פאָרט באַצווינגען? האָט ער, שטייענדיק ביים „בעל־פעור", אויסגעשריען: „מה טובו" — ווי שיין און גוט זענען דיינע געצעלטן יעקב און דיינע וואוינונגען ישראל. און בלק האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס בלעם מיינט און וואָס מ׳דאַרף טון.

אַ קוק אויף בלעמען, אַ קוק אויפן בעל־פעור, און זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען.

אַרויספירן זיינע מיענער מלחמה האַלטן מיט די ישראלים האָט בלק מורא געהאַט. ער האָט געוואוסט אַז ער וועט האָבן דעם זעלבן סוף פון אמורי און בשן. האָט ער איבערגעלאָזן די מענער אין דער היים, און האָט מפקיר געווען אַלע טעכטער פון זיין לאַנד מואב, און זיי אַרויסגעשיקט צום גרענעץ, צו די סטעפּעס וואו עס האָבן זיך געפונען די ישראלים.

נאָר אַ פאָלק וואָס דינט צו אַן אָפּגאָט פון די נידעריקסטע אינסטינקטן קאָן זיך באַנוצן מיט אַזאַ שענדלעך אויסגעלאַסן מיטל אויף צו באַקעמפן דעם שונא, ווי מפקיר זיין זיינע טעכטער, נישט אויסמיידנדיק אַפילו די פּרינצעסינס.

אָט ווי אַזוי מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט אַ גויישן „מה טובו", ווען דאָס איז אַפילו אמת!

* * *

און וואָס טוט זיך היינט?

נאָכדעם ווי אונדזערע שונאים האָבן באַקומען אַזאַ מפּלה, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען מלחמה האַלטן מיט ישראל און האָבן געמוזט אַנטלויפן מיט חרפה, זענען זיי געפאַלן אויף בלקס איינפאַל — שילטן! באַשימפן!

צו דעם דאָזיקן צוועק האָבן זיי געדונגען נישט איין בלעם, נאָר צענדליקער און אפשר הונדערטער בילערס, צעשפּרייט איבער אַלע לענדער, וועלכע באַנוצן זיך מיטביידע מעטאָדן: מיט „מה טובו" און מיט קאָרופּציע.

קומען אין ישראל אָפיציעלע געסט פון נאָרד־אַמעריקע, פון ענגלאַנד, און אַנדערע לענדער, באַטראַכטן און באַקוקן דאָס לאַנד, און פאָרן אַוועק

באַגייסטערטע: ישראל האָט אַ שטאַרקע, גוט־אָרגאַניזירטע אַרמיי, וואָס קאָן זיך פאַרמעסטן מיט די אַרמייען פון אַלע אַראַבישע לענדער; ישראל שטייט ווייסנשאַפטלעך העכער פון אירע אַרומיקע שכנים; ישראל וועט מיט געציילטע יאָרן שפּעטער שטיין פעסט, אומאָפּהענגיק עקאָנאָמיש.

דאָס אַלץ איז באַקאַנט אין דער „יון" און אין אַלע לענדער.

איז וואָס זאָגט דער שכל־הישר? — דער שכל־הישר זאָגט, אַז די יעניקע גרויסע רעגירונגס־לייט וואָס טרומייטערן, אַז זיי ווילן נאָר שלום, וואָס גיבן אויס הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן צו העלפן די אָרעמע, צוריקגעשטאַנענע לענדער, האָבן געדאַרפט — לויט ווי עס דיקטירט דער אָרנטלעכער געוויסן — זאָגן צו אָט די אַראַבישע לענדער: — קוקט זיך צו און לערנט זיך פון אָט דער יונגער, אָרעמער, קליינער מדינה, וואָס בלויז מיט איר אַרבעטזאַמקייט, מיט איר לערנען צו וויסן, מיט איר שטרעבונג צו ציוויליזירן און קולטיווירן דאָס לאַנד ביז צו דער העכסטער מדרגה, אָט מיט דעם כוח האָבן זיי דערגרייכט צו מאַכן פון מדבריות בליענדיקע שטעט און דערפער. די אַלע קראַנקייטן מיט וועלכע איר האָט פאַרפּעסטעט דאָס לאַנד, האָבן די ישראלים אויסגעראָטן. עס איז מקוים געוואָרן די ברכה: „והסיר ד' ממך כל חלי וכל מדוי מצרים הרעים" — און ג־ט וועט אָפּטון פון דיר יעטווידע קרענק, און אַלע בייזע ווייטיקן פון מצרים. גייט, לערנט אייך! נעמט אַ ביישפּיל. ישראל וויל דאָך און בעט זיך: לאָמיר לעבן אין גוטער שכנות. ביים קלאַסיפיצירן וועלכער ס'דאַרף זיין דער וועג, וואָס אַ מענטש דאַרף זיך אויסקלייבן, האָט איינער פון די בעסטע תלמידים פון רבי יוחנן, רבי יוסי החסיד געזאָגט: „אַ גוטער שכן — דאָס וויל זאָגן, אַז איך בין אַ גוטער שכן פאַר יענעם, און יענער איז פאַר מיר אַ גוטער שכן, איז דאָך דער שלום פאַרזיכערט, איז וואו שלום — דאָרט איז מזל־ברכה".

אַזוי האָבן געדאַרפט עצהנען די גרויסע, קלוגע קעפּ. עס וואָלט זיי געקאָסט ביליקער. זיי אַליין וואָלטן אויך געלעבט רואיקער און וואָלטן געקאָנט פאַרווענדן די טויזנטער מיליאָנען דאָלאַרן, רובלס, צי פראַנקן, אָדער פונטן אויף וויכטיקע קאָנסטרוקטיווע צוועקן און נישט אויף געפערלעכע דעסטרוקטיווע געווער.

יאָ, אַזוי וואָלט עס געדאַרפט זיין. אָבער די הייניטיקע בלקם און בלעמס זענען מער מאָדערנער, פיליכט מער פּיפּיקער, אָבער נישט בעסער.

אַלע דינען זיי צום אָפּגאָט „מערקוריאַ", דעם אָפּגאָט פון מסחריי.

„מערקוריאַ" געוועלטיקט: נאַפט איז אין דינסט ביי מערקוריאַן, און די וועלט־הערשער בוקן זיך צו דער דאָזיקער דינסט, וואָס ברענט. ווער מיר האָנאָר, וואָס מיר האָנאָר. די דינסט — נאַפט — פאַרבלענדעט די אויגן פון די חכמים און פאַרקרימט די ווערטער פון די „צדיקים".

זיי זינגען כלומרשט „מה טובו" צו ישראל: ישראל איז שיין און פיין;

זי איז נאָך שטאַרקער פון אַלע אירע שונאים, לכן, דאַרף מען שיקן געווער צו די שונאים, די פערציק מיליאָן אַראַבער זאָלן, חס-וחלילה, נישט געניזוקט ווערן פון דעם איינס מיט אַ האַלבן מיליאָן ישראלים.

אַמאָל האָט מען זיך באַנוצט מיט „פעור", אין די היינטיקע מאָדערנע צייטן באַנוצט מען זיך מיט „מערקוריאַ"-מיטלען.

* * *

לאָמיר לערנען ווייטער אַ פּרשה חומש.

ווי האָבן פאַרשטאַנען די יידישע נביאים און מנהיגים אויסצונוצן זייער העכערן געטלעכן גייסט?

עס זענען געווען ישראלים וואָס האָבן זיך באַהעפט צום בעל-פעור. האָט ג-ט געזאָגט צו משהן: נעם אַלע הויפּטלייט, די ראשי-העם און הענג זיי אויף. אָבער משה האָט נישט געטון ווי ג-ט האָט אים געהייסן, אויפ-צוהענגען די הויפּטלייט, נאָר ער האָט געזאָגט צו די שופטים, צו די ריכטער פון ישראל: הרגעט איטלעכן מענטשן וואָס האָט זיך באַהעפט צום בעל-פעור. דער מענטש האָט געזינדיקט, דאַרף מען אים פריער משפּטן. ג-ט זעט און ווייסט, אָבער מענטשן מוזן פריער חוקר ודורש זיין.

אָט אַזוי האָבן דערצויגן דאָס פאָלק די יידישע נביאים.

ווען די שבטים ראובן און גד האָבן זיך געווענדעט צו משהן און גע-בעטן, מען זאָל זיי לאָזן בלייבן אויף דער זייט ירדן, וואָס האָט נישט גע-הערט צום חלק פון ישראל, האָט משה באַשטעטיקט, נישט אָנפרעגנדיק פריער ביי ג-ט, ווי זיין שטייגער איז געווען ביי אַנדערע ענינים פון מינ-דערוויכטיקערן כאַראַקטער. ווייל, ווען יידן ווילן פאַרגרעסערן דעם שטח פון ארץ-ישראל, דאַרף מען נישט מאַכן קיין שאלות: אָט אַזוי פירן דאָס פאָלק אונדזערע מנהיגים.

די, וואָס זענען געווען אונטערן חשד, אַז זיי האָבן געזינדיקט, האָט מען זיי איבערגעגעבן צו די ריכטער. נאָר ווען איינער אַ יידישער פירשט איז באַגאַנגען די חוצפּה און געבראַכט אַ מדינישע פּרינצעסין אין דער יידישער מחנה אַריין, האָט פּנחס, דאָס אייניקל פון אהרן הכהן, נישט געוואַרט אויף קיין משפּט און גלייך אויפן אָרט זיי דערהרגעט. ווייל אַז אַ פאַרשטייער זינדיקט, ווען אַ פירשט באַגייט אַ פעלער און מען פאַרשוויגט, אָדער מען מאַכט זיך נישט וויסנדיק, דעמאָראַליזירט מען די גאַנצע געמיינדע. אָט אַזוי האַנדלען די פּנחסעס, די אמתע פאָלקס-פּאַטריאָטן, און אָט אַזוי לער-נען אונדז אונדזערע נביאים. „הגיד לך אדם מה טוב" — מען האָט דיר גע-זאָגט, מענטש, וואָס ס'איז גוט, וואָס ס'איז דער יידישער „מה טוב", נאָר

און בלויז טון גערעכטיקייט, ליב האָבן חסד און זיין באַשיידן. באַרימעריי, כבוד-זוכעריי — איז קעגן דער יידישער עטיק.

דער זעלבער נביא, וואָס שטראָפט די יידן און זאָגט זיי פאָרויס דאָס ערגסטע פאַר נישט גוטער אויפפירונג, איז אָבער אַזוי זיכער, אַז ישראלס בלאָנדזשען איז נאָר אַ מאָמענטאַלער, ווייל ישראלס כאַראַקטער ווערט אויסגעפורעמט פון צדק, משפט, חסד און קדושה, און ער ענדיקט זיך מיט דער זיכערקייט, אַז פיל פעלקער וועלן זאָגן: לאָמיר גיין צום הויז פון דעם ג-ט פון יעקב, און ער וועט אונדז לערנען, און מיר וועלן גיין אין זיינע וועגן.

מדינת-ישראל קאָן שוין דינען אַלס מוסטער פון גערעכטיקייט, באַשיידנקייט, אַרבעטסזאַמקייט, און אַ פאָלק וואָס אַרבעט, וואָס לערנט דעם תנ"ך, איז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ פאָלק פון שלום.

די מאָדערנע בלקס און בלעמס וועלן אונדז נישט איבערשרעקן. זיי וועלן אונטערגיין. די וועלט וועט מוזן אַרויפגיין אויפן דרך-הישר. מערקוריזם וואַקלט זיך שוין, און ישראל וועט וואַקסן גרוים און שטאַרק אויף זיין אייגענעם באָדן, מיטן גייסט פון משה, פנחס, דוד, און עס וועט זיין חי וקים.

מַטוֹת

„וידבר משה אל ראשי המטות״ — און משה האָט גערעדט צו די הויפּטלייט פון די שבטים, „איש כי ידור נדר״ — אַז אַ מאַן וועט טון אַ נדר, דאָס הייסט, ווען ער רעדט אַרויס צו טון, אָדער דערפילן אַ געוויסע מיסיע, אין פּריוואַטע אָדער געזעלשאַפטלעכע ענינים, זאָל ער נישט פאַר־שוועכן זיין וואָרט; אַלץ וואָס ער זאָגט מיט זיין מויל זאָל ער מקיים זיין.

דאָס איז דאָס איינציקע מאָל ווען משה, ביים איבערגעבן ג־טס וואָרט צום פאָלק וועגן אַן ענין פון גוטער זיטלעכקייט, פון זעלבסט־רעספּעקט, צו וויסן אַז מ׳דאַרף זיך היטן מיט אַ וואָרט איידער מ׳זאָגט אים אַרויס, נאָר, אַז מען האָט אים אַרויסגעזאָגט, מוז מען אים היטן; איז ביי דער דאָזיקער מצווה, וואָס איז נוגע יעדן ייד, מאַן און פרוי, וואָס איז פון ערשטראַנגיקער מענטשלעכקייט, האָט משה זיך געווענדט צו די „ראשי־המטות״, צו די פאַרשטייערס פון די שבטים און נישט צו די בני־ישראל, ווי ער האָט עס געטון אַלע אַנדערע מאָל. —ווי אַזוי דערקלערט זיך עס?

משה האָט געהאַט פאַר זיך צוויי קאַרדינאַלע אויפגאַבן: 1) אַרויס־ציען דאָס יידישע פאָלק פון קנעכטשאַפט; 2) אַרויסציען דאָס קנעכטשאַפט פון יידישן פאָלק.

דאָס ערשטע, אַרויסציען דאָס פאָלק פון מצרים, איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע, דערפאַר וואָס ס׳איז געווען אַ דריטער צד — פרעה. פרעה האָט דאָך געדאַרפט ווערן באַפרייען די זעקס הונדערט טויזנט שקלאַפן, וואָס האָבן געשקלאַפט אויף שטאַרק צו מאַכן זיין לאַנד, און פרעה האָט טאַקע נישט געוואָלט. אָבער דאָס איז געווען אַ פיזיש־טעכנישער פּראָבלעם. איז, אַז מ׳האָט עס נישט געקאָנט דערגרייכן מיט גוטן, מיטן כוח פון מענטש־לעכקייט און גערעכטיקייט, האָט מען עס באַקומען מיט בייזן — מיט מכות, מיט ניסים, ביז פרעה זעלבסט איז געווען געצוואונגען צו פאַראָרדענען די יידן־שקלאַפן זיי זאָלן אַרויסגיין פון זיין לאַנד. ס׳איז געווען אַ קאַמף פון ברוטאַלער קראַפט מיט אַ באַפרייער, און דער באַפרייער האָט מיט ג־טס

הילף געזינגט, אָן דעם, אַז די באַפּרייטע זעלבסט זאָלן זיך האָבן באַטייליקט, אָדער מיטגעקעמפט פאַר זייער באַפרייאונג. זיי, די פאַרשקלאַפטע, האָבן נאָר געבעטן מ׳זאָל זיי גרינגער מאַכן די אַרבעט, און האָבן מיט גאָרנישט רעאַקציאָנירט קעגן דער שקלאַפעריי אין אַלגעמיין.

די באַפרייאונג איז דערגרייכט געוואָרן „ביד חזקה" — מיט אַ שטאַר־קער האַנט, די איינציקע שפּראַך וואָס דיקטאַטאָרן פאַרשטייען.

נאָכדעם ווי משה האָט אָראָפּגעוואָרפן די שקלאַפישע קייטן פון די בני־ישראל, האָט זיך פאַר אים געשטעלט די צווייטע פּראָבלעם — אַרויס־ציען דאָס שקלאַפעריי פון די בני־ישראל. דאָס איז געווען אַ פיל שווערערע אויפגאַבע, ווייל מ׳קאָן עס נישט לייזן מיט פיזישן כוח, נאָר מיט חכמה, מיט טריע ליבשאַפט צום פאָלק, און ס׳איז גאָרנישט גרינג אַריינצוגעבן שכל דעם צווייטן צד, כדי ער זאָל וועלן אויפנעמען די חכמה פונעם חכם.

משה רבינו האָט גענומען לערנען מיטן יידישן פאָלק די עלעמענטאַר־סטע מענטשלעכע פּרינציפּן: אַז אַ מענטש טאָר זיך נישט פאַרקויפן פאַר אַ שקלאַף; אַז אַ מענטש קאָן אַרבעטן פאַר אַ צווייטן און באַקומען געצאָלט פאַר זיינע פיזישע כוחות, אָדער אינטעלעקטועלע פעאיקייטן, אָבער ער בלייבט שטענדיק פריי. משה האָט זיך גענומען דערציען די בני־ישראל צו זעלבסטשטענדיקייט, צו דרך־ארץ פאַר זיך אַליין, שעצן די אייגענע פּערזאָן נישט ווייניקער ווי דעם צווייטנס, און שעצן דעם צווייטן ווי זיך אַליין. לער־נענדיק מיט זיי אַלע גוטע מידות וואָס דאַרפן הערשן צווישן מענטש און מענטש, צווישן מאַן און ווייב, עלטערן און קינדער, פאָלק און פאָלק, האָט משה ביי יעדער מצווה, ביי יעדער געלעגנהייט זיי דערמאָנט „כי עבדים הייתם בארץ מצרים" — געדענקט, אַז איר זענט געווען קנעכט אין מצרים, דאַרפט איר דעריבער פאַרשטיין ווי צו שעצן און טייער האַלטן די פריי־הייט.

משה רבינו האָט געוואָלט מאַכן פון די בני־ישראל אָן „עם־סגולה", אָן אייגנאַרטיק פאָלק וואָס זאָל זיך אויסצייכענען מיט גוטער אויפפירונג, וואָס זאָל לעבן מיט צדק, מיט אהבה און טהרה — מיט געטריישאַפט און ריינ־קייט, און צו דער זעלבער צייט האָט ער זיי דערצויגן צו שטאַטלעכער דיס־ציפּלין, אָרדענונג אין דער אייגענער היים אַזן אין ד׳ער ווירטשאַפט, ווי אויך אין דער געזעלשאַפט — זאַכן, וואָס זענען מסוגל נאָר פאַר פרייע זעלבסט־שטענדיקע מענטשן.

דאָס פאָלק האָט באַלד ביים אָנהייב אויסגעשריען: „נעשה ונשמע"!— מיר וועלן טון און הערן!

איז דאָך גוט, אַה?

אַכט און דרייסיק יאָר לערנט משה זיין געליבט פאָלק די סאָציאַלע גע־רעכטיקייטן לויטן יידישן באַגריף, באַזירט אויף אינדיווידועלער פרייהייט.

און דערמאָנט זיי יענע ביטערע צייטן פון שקלאַפעריי; און דאָס פאָלק, טראָץ זיין פאַרשפּרעכן פון „נעשה ונשמע”, בונטעוועט זיך ביי יעדער געלעגנהייט. זיי דערמאָנען זיך אָן דעם שקלאַפישן טאָפּ פלייש, אָן די ציבעלעס, און עס געפעלט זיי אַפילו בעסער די קברים אין מצרים; און משה זעט אַז עס פאַלט זייער שווער אויף אים די משא פון פירערשאַפט, און ער זאָגט צום פאָלק: „ווי קאָן איך אַליין טראָגן אייער שווערקייט און אייער לאַסט און אייער קריגעריי. נעמט אייך קלוגע, פאַרשטענדיקע און געניטע לייט, לויט אייערע שבטים און איך וועל זיי מאַכן פאַר אייערע הויפּטלייט”. און דאָס פאָלק האָט אַזוי געטון, און משה האָט געמאַכט די דאָזיקע אויסדערוויילטע מענטשן פאַר די פאַרשטייער פון די שבטים.

איז ווידער אַמאָל גוט!

משה לערנט מיטן פאָלק און שפּאַנט ווייטער פאָרווערטס, דערנענטערנדיק זיך צו די גרענעצן פון כנען. און דאָס פאָלק בעט, מען זאָל שיקן זען וואָס פאַראַ לאַנד עס איז די דאָזיקע כנען. איז ווען מען זאָל מען שיקן? געווים די אויסדערוויילטע פאַרשטייער. און די צוועלף נשיאים זענען געגאַנגען, אָבער עס זענען פאַראַן נשיאים, וואָס ווילן יוצא זיין פאַר אַלע צדדים. האָבן זיי געבראַכט אַ באַריכט, אַז עס איז גוט, זייער גוט. נאָר עס איז נישט גוט. דאָס האָט געקאָסט זייער טייער דעם פאָלק. די נשיאים האָבן זיי אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג, און קיינער פון זיי האָט נישט זוכה געווען אַריינצוקומען אין ארץ־ישראל. מיט מענטשן וואָס וואַקלען זיך, קאָן מען נישט בויען קיין לאַנד.

אויפן וועג צו כנען, פאַרבייגייענדיק דאָס לאַנד מדין, לאָזן זיך די פאַרשטייער פאַרפירן פון מדינס טעכטער. טויזנטער און טויזנטער זענען פאַרפעסטעט געוואָרן און זענען אומגעקומען. אַ מגפה איז געווען.

זעענדיק די מעשים פון די פאַרשטייער, וואָס זענען אָנגעוויזן געוואָרן אַלס חכמים, ווענדט זיך משה צו זיי, צו די „ראשי־המטות”, און זאָגט זיי: „איש כי ידור נדר”, — איר האָט אַלע צוגעזאָגט „נעשה ונשמע” ווען מען האָט אייך אויסגעקליבן אַלס פאַרשטייער פון די שבטים, האָט איר פאַרשפּראָכן אויסצופאָלגן אַלץ וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט אין נאָמען פון ג־ט. איר, פאַרשטייער, דאַרפט זיין דער מוסטער פון מאָראַלישער אויפפירונג, איר דאַרפט געבן דעם גוטן ביישפּיל אויסצופאָלגן און דערפילן מיט ג־טס וואָרט.

אַך, ווען די גדולים וואָלטן אויסגעפאָלגט דאָס וואָס זיי רעדן אַרויס מיט זייערע מיילער, ווי בעסער און שענער די וועלט וואָלט אויסגעזען!

אַט האָבן די גרויסע פאַרשטייער פון די דריי גרעסטע מלוכות פאַרשפּראָכן פייערלעך, אַז זיי גאַראַנטירן פאַר דער גאַנצקייט פון די ישראל־גרענעצן, און מיט דער דאָזיקער זיכערקייט האָבן די ישראלים אָפּגעשטעלט

זייער טריאומפאַלן מאַרש און קריג מיט די אַראַבישע לענדער. ווען נישט אַט די פאַרזיכערונגען, וואָלטן די גרענעצן פון ישראל זיכער אויסגעברייטערט געוואָרן, און אונדזערע שונאים וואָלטן פאַרלוירן פיל פון זייער חוצפה וואָס זיי ווייזן איצט אַרויס. נו, האָבן אָבער די אויבנדערמאָנטע גרויסע מלוכות נישט געלערנט תורת־משה, וואָס וואָרנט „מוצא שפתיך תשמור״, און מדינת־ישראל איז איצט אין סכנה אַנגעגריפן צו ווערן מיט דער הילף פון די גרויסע, וואָס ווען חלילה דאָס זאָל פאַרקומען, וועלן זיי אויך באַצאָלן טייער, ווי אויך די פאַבריקאַנטן פון געווער אַריינגערעכנט.

אויך רוסלאַנד און אירע סאַטעליטן־לענדער האָבן געהאַט גרויסע געלט־מאַגנאַטן, וואָס האָבן עס אָנגעזאַמלט פון פאַבריצירן קריגס־געווער, נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם אומגליק וואָס זיי ברענגען אויף מיליאָנען הייזער. אומגליק האָבן זיי טאַקע געבראַכט, און זיי, די דאָזיקע מאַגנאַטן זענען אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט זייערע פאַרמעגנס.

ווען מיר וואָלטן פאַרשטאַנען צו רעספּעקטירן דאָס וואָס מיר זאָגן, ווי בעסער וואָלטן דעמאָלט אויסגעזען די נייע דורות וואָס מיר דערציען!

אַט זענען זיך צונויפגעקומען טויזנט פאַרשטייערס פון די יידישע ישובים פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער אין מאָנטעווידעאָ, ביי וועלכער עס זענען בייגעווען ערשט־קלאַסיקע פערזענלעכקייטן, נישט־יידן. עס זענען ספּעציעל געקומען צום צוזאַמענפאָר אונדזערע העכסטע פאַרשטייער, ווי ד״ר נחום גאָלדמאַן, דער ישראל־מיניסטער פון קאָמוניקאַציע מ. כרמל, דער מיניסטער טוביה ארזי, פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע, און ס׳זענען געזעסן קאָמיסיעס פאַרן צוזאַמענפאָר און ביים צוזאַמענפאָר. עס האָט זיך גערודערט. עפּעס אַ קלייניקייט: מען דאַרף זוכן מיטלען פאַר דער פאַרטיידיקונג פון מדינת־ישראל, וואָס מוז פאַרהיטן אירע גרענעצן קעגן אַן אַנגריף. וואָכן־לאַנג זענען די יידישע ישובים געווען אָנגעשטרענגט, און אַט איז מען זיך צוזאַמענגעקומען און מען האָט אָנגענומען פייערלעכע באַשלוסן, וואָס זאָגן:

„דער יאָר 1956 ווערט פּראָקלאַמירט אַלס יאָר פון צנע, וואָס וועט דאַרפן אָפּגעהיט ווערן דורך די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס זענען טעטיק פאַר ישראל, ווי אויך פון וועלטלעכן כאַראַקטער און זייערע פאַרשטייער, ווי דאָס זענען די שליחים פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן דורך וועלכע נישט איז טעטיקייט פאַר ישראל אין אַלע אַמעריקאַנער לענדער. דאָס דאָזיקע, אויסער אַלע אַנדערע ענלעכע זאַכן וואָס קאָנען געמאַכט ווערן אין יעדער פּלאַץ, לויט אירע באַדינגונגען, באַשטייט אין דעם, אַז די סומעס געלט וואָס קאָנען אויסגעגעבן ווערן אויף צו באַערן אַן „עסקן״, צוליב אַ פאַמיליע־שמחה, אָדער באַערונג פון אַ פּערזאָן, אָדער אַ יידישער יום־טוב א. אַ. וו., זאָלן באַשטימט ווערן פאַר אַ ספּעציעלן פאָנד וואָס וועט זיך רופן „פאַרטיידיקונגס־פאָנד פאַר ישראל״.

דאָס איז אַ פייערלעכער באַשלוס, אָנגענומען פון טויזנטער דעלעגאַטן וואָס אויסער זיין מאַטעריעלן ווערט, איז ער פיל מער באַדייטנדיק פון מאָראַלישן שטאַנדפונקט.

און . . .

און עס איז אַ חרפה צו זאָגן, אַז נישט אַפילו די וואָס זענען געווען צווישן די טויזנט, נישט די פאַרשטייער פון די אינסטיטוציעס, נישט די עסקנים פאָלגן אויס דעם דאָזיקן פייערלעכן באַשלוס.

קאָנען אַזעלכע ביישפּילן אַרויסרופן דרך־ארץ און צוטרוי צום פאַרשפּרעכן פון מנהיגים?

מען באַנקעטעוועט; און באַנקעטן מאַכט מען דאָך נישט פאַר אַביזועמען, און עס קומען צו די דאָזיקע באַנקעטן הונדערטער פּערזאָנען, וואָס באַטראַכטן זיך פאַר דעריציער פון די מאַסן.

און די צווייטע רעזאָלוציע, וועגן דעם סכום פון ביישטייערונגען פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין?

* * *

און משה רבינו האָט צו די ראשי־המטות געזאָגט: „איש כי ידור נדר", — פירערס, מען טאָר נישט פאַרשוועכן דאָס געזאָגטע וואָרט.

און ווען משה האָט באַקומען דאָס געטלעכע וואָרט, זיך נוקם צו זיין אין די מנהיגים פאַר זייער שענדלעכן טאַט, האָט משה שוין נישט גערעדט צו די ראשים, נישט צו די נשיאים, „וידבר משה אל העם" — משה האָט גערעדט צום פאָלק, דירעקט צום פאָלק, גלייך צו דער מאַסע, אַז יעדער שבט זאָל געבן טויזנט חלוצים. און משה האָט באַשטימט איין־איינציקן פירער — פנחס בן אלעזר הכהן, דער איינציקער וואָס האָט באַוויזן דעם מוט אין אַ קריטישן מאָמענט צו פאַרטיידיקן די יידישע ווירדע און דעם יידישן כבוד.

* * *

לאָמיר לערנען אַ פרשה חומש; לאָמיר לערנען צו פאַרדינען דרך־ארץ; לאָמיר לערנען „מוצא שפתיך תשמור", איבערהויפּט די, וואָס רופן זיך ציונים, די וואָס רופן זיך עסקנים טאָרן נישט פאַרשוועכן זייער וואָרט.

וָאֶתְחַנַּן

„ואתחנן אל ד' בעת ההיא" — און איך האָב געבעטן צו ג־ט, „אתה החלת", — דו האָסט אָנגעהויבן.

די בני־ישראל דערנענטערן זיך צו די גרענעצן פון כנען. באַלד, באַלד וועלן זיי דאַרפן אַריבערגיין דעם ירדן און נעמען פאָזיציע פון דעם דאָזיקן לאַנד.

דער עלטערער דור האָט נישט זוכה געווען צו באַטרעטן דעם באָדן אויף וועלכן עס האָבן געלעבט, און וואו עס האָבן געדוט דיביינער פון אונדזערע אָבות און אמהות; יענער דור וואָס איז אַרויס פון מצרים, איז אויסגעשטאָרבן אין די פערציק יאָר וואָס זיי האָבן געוואַנדערט אין מדבר, מחמת דעם וואָס זיי האָט געפעלט אמונה און חוש פאַר פרייהייט. ביי פאַר־שידענע געלעגנהייטן האָבן זיי געשטעלט אויפן וואָגשאָל יציאת מצרים מיטן סיר־הבשר פון מצרים — די באַפרייאונג פון גלות און דעם טאָפּ פלייש מיט ציבעלעס, און האָבן אַרויסגעוויזן מער פאַרשטענדעניש צו דעם צווייטן.

ווען דער קאָפּ און דאָס האַרץ דענקען און פילן דורכן מאָגן, דאַן איז דאָס לעבן פוסט און וויסט; לעבט מען, שטאַרבט מען אָן שכל און אָן נשמה, אָן האַרץ און אָן זין פאַר דאָס געלעבטע. פוסטער מדבר.

משה רבינו, וויסנדיק אַז זיינע טעג זענען געציילטע, האָט גענומען מקיים זיין די מצווה פון „ושננתם לבניך" — זאָלסט שאַרף איינלערנען מיט דיינע קינדער, און האָט אָנגעהויבן איבערלערנען נאָך אַמאָל מיטן יינגערן דור די תורה מיט אַלע דינים, געבאָטן, ווי אויך אַלע געשיכטלעכע געשעע־נישן, זינט זיי זענען אַרויס פון מצרים — אַ קולטורעל פאָלק מוז לערנען און וויסן די געשיכטע פון זיין אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג—, און אַט קומט משה צו דער דערציילונג פון דעם שטראָף וואָס ער האָט באַקומען, ער זאָל נישט אַריינקומען אין דעם באַגערטן לאַנד — ארץ־ישראל.

דערציילט משה דעם נייעם דור:

איך האָב געבעטן ביים אויבערשטן: „אעברה נא ואראה את הארץ הטובה", — איך בעט דיך, לאָז מיך אַריבערגיין איך זאָל זען דאָס גוטע

לאַנד. און דעם פאַרלאַנג באַרעכטיקט ער מיט „אתה החלת", — דו האָסט אָנגעהויבן באַווייזן דיין קנעכט דיין גרויסקייט און דיין שטאַרקייט. ווער און וואָס בין איך געווען? אַן אַנטלאָפענער פון איין גלות מיט זיינע שווי-דערלעכע אומגערעכטיקייטן אין אַ צווייטן גלות, און געוואָרן אַ פּאַסטעך פון פרעמדע שאָף. איך בין אַנטלאָפן פון טיראַנישער הערשונג פון מענטש איבער מענטש און בין געוואָרן אַ היטער פון שעפּסעלעך, וואָס באַנוגענען זיך מיט אַזוי ווייניק, און גיבן פיל נוצלעכעס צום עסן און צום קליידן זיך פאַר די מענטשן.

עס ווערט דערציילט, אַז אַ שעפּעלע איז אַנטלאָפן פון דער סטאַדע, איז משה נאָכגעלאָפן עס צו כאַפּן. ווען ער האָט עס דעריאָגט, האָט ער גע-זען, אַז דאָס שעפּעלע איז צוגעלאָפן צום וואַסער — טרינקען. האָט משה ווי זיך אַנטשולדיקט פאַר דעם שעפּעלע, זאָגנדיק: „איך האָב נישט גע-וואוסט, אַז דו ביסט געווען דורשטיק, ביסט נעבעך מיד פון לויפן!" און האָט גענומען דאָס שעפּעלע אויף די הענט און עס אַוועקגעטראָגן ביז צו דער סטאַדע. האָט דער אויבערשטער געזאָגט: „אַזעלכער ווי דו, וואָס האָט באַ-וויזן רחמים ביים היטן שאָף פון פרעמדע, ביסטו ראוי צו זיין אַ פירער פון מיין פאָלק ישראל".

— גליקלעך איז די עדה, וואָס אירע מנהיגים קוקן זיך צו און לערנען פון די נויטן פון די אונטערשטע שיכטן, און זיי נויטן נישט די יעניקע וואָס זענען אין נויט אויסצופאָלגן באַפעלן וואָס קומען פון די אויבערשטע שיכטן!

* * *

און משה דערציילט: „דאָרט, אין סטעפּ, אין דער איינזאַמקייט, ביים אַכטונג געבן אויף די פרעמדע שאָף, האָב איך דערזען אַ דאָרן, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט. און אויפן געדאַנק זענען מיר געקומען מיינע ברידער אין דעם פינצטערן מצרים, וואָס ווערן געפּלאָגט און געמוטשעט ביז צו פאַרניכטונג, און וואָס מער מ'פאַרפאָלגט זיי, אַלץ מער מערן זיי זיך. און פאַרטראַכטנדיק זיך איבער די דאָזיקע רעטעניש, דערגרייכט צו מיר די געטלעכע שטים און דערקלערט מיר. ראשית-כל, אַז „המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא" — דאָס אָרט וואָס דו שטייסט אויף אים, דאָס איז הייליקע ערד.

— הייליק איז דאָס אָרט, אויף וועלכן מ'שטייט מיטן ריינעם געטלעכן געדאַנק פון באַפרייאונג, מיט זאָרג פאַר דער לאַגע פון ווייטע און נאָענטע ברידער.

און דורך דעם ברענענדיקן דאָרן, וואָס ווערט נישט פאַרברענט, איז געקומען צו מיר די געטלעכע שליחות צו באַפרייען אייערע עלטערן פון

שקלאַפעריי פון מצרים און זיי אַריינפירן אין דעם פעטן, רייכן לאַנד כנען. איך האָב דערפילט מיין שליחות, אָבער איך בין באַשטראָפט געוואָרן נישט אַריינצוקומען אין דעם דאָזיקן לאַנד. און ג־ט האָט מיר געזאָגט: „גיי אַרויף אויפן שפּיץ בארג, פון דאָרט וועסטו זען דאָס לאַנד, נאָר באַטרעטן דאָס ערד פון ארץ־ישראל, קענסטו נישט".

— משהס צער איז געוואָרן נאָך גרעסער: זען דאָס לאַנד, אָט מיט דער האַנט עס אָנצוטאַפּן, דאָס האַרץ גייט אויס פון בענקעניש נאָך דעם, און מוזן בלייבן עלנט, אַליין אין דער מדבר, נישט ווּיסנדיק אַפילו וואו זיין קבר וועט זיין. אָבער טראָץ אַלעמען, איז משהס ליבשאַפט צו זיין ג־ט, צו זיין פאָלק און צו ארץ־ישראל אַזוי שטאַרק, אַז ער גייט אַריבער דעם עפּיזאָד און זעצט פאָר צו לערנען מיט די בני־ישראל, איינפלאַנצנדיק אין זיי דעם גלויבן אין אחדות־הבורא, שטאַרקן אין פאָלק די אמונה און דעם בטחון, און אונטערשטרייכן ביי יעדער געלעגנהייט די געשעעניש פון יציאת־מצרים. ער לאָזט אָבער איבער אַ צוואה פאַר די נייע דורות, לעולם ועד, זיי זאָלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז דער עיקר פון אַלע עיקרים איז די באַפרייאונג, דאָס אַרויסרייסן זיך פון גלות — יציאת־מצרים.

וואָס פאַר אַ טיפן מוסר־השכל מיר געפינען אין משהן און אין תורת־משה! פופציק מאָל ווערט דערמאָנט אין דער תורה יציאת־מצרים; אין אַלע אונדזערע תפילות דערמאָנען מיר דאָס אַרויסגיין פון מצרים. מיר האָבן אַ ספּעציעלן יום־טוב —פסח— געווידמעט אויסדריקלעך דעם זכר ליציאת־מצרים; אָבער מיר דערמאָנען נישט, מיר האָבן נישט קיין יום־טוב פונעם טאָג פון אַריינגיין אין ארץ־ישראל, ווייל דער יסוד פון זעלבסטשטענדיקייט איז די זעלבסט־באַפרייאונג, דאָס אַרויסרייסן פון זיך דעם גלות, און נישט בלויז פון דעם טעריטאָריעלן גלות, נאָר אויך פונעם קולטורעלן און זיטלעכן גלות.

אַ לאַנד בויט זיך לאַנגזאַם, עטאַפּנווייז, און מען איז נישט קיין גאַנצער בירגער ביז מען איז נישט צוגעבונדן און איינגעוואַקסן בלב ונפש אין דעם לאַנד, ביז מען פילט נישט, אַז דאָס לאַנד איז אַ חלק פון דער אייגענער עקזיסטענץ, פון וועלכער מען קאָן זיך נישט שיידן, און דערגרייכן צו דעם קאָן מען נאָר מיט דער פולער ליבשאַפט צו פרייהייט, צו שעצן און קולטיווירן די פרייהייט —דעם יציאת־מצרים—, איבעררייסן אַלע גלות־בריקן, זיך אַרויסרייסן פון דאָרט, וואו אונדזער תורה, אונדזער רעליגיע, אונדזער קולטור און אונדזער שפּראַך, אונדזערע ימים־טובים און אונדזערע מנהגים זענען אין גלות, טראָץ דעם, וואָס יורידיש איז מען גלייכבאַרעכטיקט אַלס בירגער.

* * *

און משה קלערט אויף די יונגע בני־ישראל די סיבה פאַרוואָס ער האָט באַקומען אַזאַ שטראָף:

„ויתעבר ד׳ בי למענכם" — ג־ט האָט געצאָרנט אויף מיר פון אייערט־וועגן.

וואָס האָט פּאַסירט?

עס האָט אויסגעפעלט וואַסער, האָט איר, די גאַנצע עדה, פּראָטעס־טירט „ולמה העליתנו ממצרים" — פאַרוואָס האָסטו אונדז אַרויסגענומען פון מצרים? ווען זיי וואָלטן געבעטן, אָדער געפאָדערט וואַסער צום טרינ־קען, ווייל זיי האָבן געליטן פון דאָרשט, וואָלט קיינער נישט געקאָנט האָבן קיין תרעומות אויף זיי. אַפילו אַ שעפּעלע, אַז עס איז דורשטיק, לויפט עס אַוועק פון דער סטאַדע זוכן וואַסער. ג־ט האָט זיי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, וואָלט ער זיכער דאָס מאָל זיי אויך נישט פאַרלאָזט. אָבער די עדה איז גע־געקומען מיט טענות, פאַרוואָס מען האָט זיי באַפרייט פון מצרים, וויסנדיק וואָס זיי זענען געווען אין מצרים. און דער אויבערשטער האָט געזאָגט אים, משהן: „קח את המטה והקהל את העדה ודברת אל הסלע לעיניהם ונתן מימיו" — נעם דעם שטעקן און זאַמל איין די געמיינדע, און די זאָלסט רעדן צום שטיין פאַר זייערע אויגן, אַז ער זאָל געבן פון זיך וואַסער. און משה האָט געטון נישט אַזוי ווי מען האָט אים באַפוילן; ער האָט באַנוצט דעם שטעקן צו שלאָגן דעם שטיין, און אָט פאַר דער דאָזיקער נישט־פּינקטלעכ־קייט, פאַר באַנוצן דעם שטעקן נישט צו דעם צו וואָס מ׳דאַרף, ווייל, וואָס איז דען שולדיק אַ שטיין, אַ דומם? אַ שטיין דאַרף דען געבן וואַסער? דער שטעקן האָט געדאַרפט באַנוצט ווערן פאַר די וואָס ווילן נישט וויסן דעם אונטערשייד פון ליידן פאַר דער פרייהייט, פאַר אַ בעסערן, רואיקערן מאָרגן, פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות, ביז צו זיין פאַרשקלאַפט מיט ווייב און קינדער פאַר דעם ביסל וואַסער.

משה, מיט זיינע הומאַניטאַרע מידות, האָט געטראַכט: איידער אָנ־ווענדן דעם שטעקן אויף מענטשן, איז לאַגישער אים צו באַנוצן אויפן שטיין, און פאַר נישט אויספאָלגן די שליחות פּינקטלעך, איז ער אַזוי האַרב באַשטראָפט געוואָרן. מען טאָר נישט שלאָגן אַן אומשולדיקן, ווען דאָס איז אַפילו אַ שטיין, בפרט ווען עס איז געווען זיכער, אַז דער שטיין וועט באַ־ווייזן דעם נס פון געבן וואַסער, בלויז מיטן ריידן צו אים אין ג־טס נאָמען, וואָס וואָלט געווען אַ ביישפּיל פאַר דער גאַנצער עדה.

פירערס מוזן אויך זיין דיסציפּלינירט ווען זיי באַקומען דירעקטיוון פון אַ העכערער מאַכט, בפרט ווען עס האַנדלט זיך פון עפנטלעכע אַקציעס לעיני בני־ישראל. פירערס דאַרפן געבן דעם ביישפּיל.

אונדזער העלדישע צבא הגנה לישראל האָט באַוויזן נסים אין סיני, ווייל זיי זענען דיסציפּלינירט, אונטער איין קאָמאַנדע. וואו ס׳איז פאַראַן

איינהייט איז פאַראַן מזל-ברכה. ביי דער פריערדיקער מלחמה וואָלט דער זיג געווען זיכער אַ גרעסערער, ווען עס וואָלט געהערשט מער איינפאַר-שטענדעניש צווישן אצ"ל און צה"ל. פּאַרטייען, אָפּאָזיציעס זענען גוט צום אויסאיבן אַ קאָנטראָל. אָבער אָפּאָזיציע לשם אָפּאָזיציע — הייסט רוקן שטעקנס אין די רעדער, ווען דער וואָגן גייט נאָרמאַל.

משה האָט טאַקע געהאַט גערעכטע טענות: „אתה החלת" — דו האָסט אָנגעהויבן, נישט איך האָב געבעטן ביי דיר די פירערשאַפט. נאָר דו האָסט מיך גערופן און אויף מיר אַרויפגעצוואונגען, איז, דו האָסט דאָך געוואוסט ווער איך בין. איך האָב זיך געבעטן ביי דיר — שיק אַן אַנדערן צו טון די פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות, און מיינע כוונות זענען דאָ געווען די בעסטע. אָבער עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן.

דער אויסדערוויילטער דאַרף וויסן זיין אַחריות, און אויב די עדה גייט נישט אויפן ריכטיקן וועג, איז עס טיילווייז דערפאַר וואָס די מנהיגים האָבן נישט פאַרשטאַנען, אָדער נישט גענוג געוואוסט, ווי צו פירן זיי אויפן פאַ-סיקן וועג.

אויב דער געטלעכער מנהיג —משה רבינו— האָט אין פערציק יאָר נישט געקאָנט אויסלערנען דאָס פאָלק עס זאָל זיך מער פאַרלאָזן אויף די אייגענע כוחות, נאָר אַלצדינג האָט ער געדאַרפט פאַרשאַפן, האָט ער געמוזט אָפּטרעטן זיין פלאַץ אַ צווייטן, כאָטש פון קלענערער מדרגה, אָבער ווייני-קער סענטימענטאַל און מער קאַמפּס-פעאיק.

* * *

משה ווייסט שוין ווער עס איז זיין נאָכפאָלגער. משה האָט אים אי-בערגעגעבן זיין גייסטיקן גלאַנץ, און צו דער זעלבער צייט האָט ער נישט אויפגעהערט לערנען מיטן פאָלק ביזן לעצטן טאָג די תורה, און האָט זיי אָנגעזאָגט: „ושמרתם ועשיתם" — איר זאָלט היטן און טון ווי עס איז געשריבן אין דער תורה, ווארום דאָס איז אייער קלוגשאַפט און אייער פאַר-שטענדעניש אין די אויגן פון די אומות, וואָס אַז זיי וועלן הערן די אַלע געזעצן, וועלן זיי זאָגן: נאָר אַ קלוגע און פאַרשטענדיקע אומה איז דאָס דאָזיקע גרויסע פאָלק!

די תורה איז חכמה, און מען דאַרף זיין אַ חכם און פאַרשטענדיקער, צו פאַרשטיין די קלוגשאַפט און גרויסקייט וואָס די תורה לערנט, כדי מען זאָל זיין קלוג און פאַרשטענדיק.

נאָכדעם ווי משה האָט דערציילט די בני-ישראל דאָס אַלץ אויבנגעזאָג-טע, און כדי דאָס יונגע פאָלק וואָס האָט זיך דערצויגן אין מדבר —דער דור וואָס איז אַרויס פון מצרים איז שוין נישט געווען— זאָל נישט מיינען טעות-דיק, אַז משה איז געשטראָפט געוואָרן צוליב זיי, עס הייסט, אַז ער, משה,

האט געליטן פאר זייערע טעותים און מיט דעם זענען זיי אלע ריין פון זינד, ווי עס פאסירט ביי אנדערע רעליגיעס וואס פארגעמערן א שטערבלעכן מענטש און רעכענען אים צו, אז מיט זיין טויט האט ער באפרייט די גלויביקע פון זינד, זאגט זיי משה:

„לא בצדקתך ובישר לבבך" — נישט פאר דיין צדקות און רעכטפארטיקייט פון דיין הארצן קומסטו ירשנען זייער לאנד כנען, נאר פאר דאס שלעכטסקייט, פאר די רשעות פון די דאזיקע פעלקער פארטרייבט זיי ג-ט, דיין ג-ט פון פאר דיר, און כדי מקיים זיין דעם צוזאג וואס ג-ט האט געשווארן צו דיינע עלטערן, צו אברהם, יצחק און יעקב.

אט די דאזיקע פאר פסוקים גיבן אונדז פיל צו טראכטן און צו לערנען. זיי גיבן אונדז אריין האפענונג, גלויבן און בטחון אין דער זיכערקייט פון אונדזער באזיץ פון מדינת-ישראל.

אויב מיר זאלן נעמען אלס מאסשטאב די „רשעת הגויים", שיינט מיר, אז זינט עס עקזיסטירן מענטשן אויף דער וועלט איז נאך אזויפיל רשעות ביי די פעלקער נישט געווען. אויסער פאלשקייט, באטרוג, זענען זייערע אינסטינקטן געפאלן ביז צו דער נידעריקסטער מדרגה.

מיר שיינט, אז דער בעסטער היסטאריקער און דער גרעסטער מאטעמאטיקער וועלן נישט קאנען באשרייבן און בארעכענען די פארדארבנקייט פון דער איצטיקער צייט.

אונדזער תורה לערנט אונדז, אז אן עמוני און א מואבי טארן נישט אריינגענומען ווערן קיינמאל אין דער יידישער געמיינדע, דערפאר וואס זיי זענען נישט אנטקעגנגעקומען מיט ברויט און מיט וואסער, ווען די יידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים. די, וואס זענען אזוי נידעריק געזונקען, וואס פארשטייען נישט צו דערפילן די עלעמענטארסטע פליכט, צו באגעגענען מיט ברויט און וואסער וואנדערנדיקע מענטשן, טאר מען נישט אריינגעמען אין אן אנשטענדיקער געזעלשאפט. און אט האט פאסירט, אז א שיף מיט פאסאזשירן איז געקומען צו די גרענעצן פון מצרים, און פיר טעג נאכאנאנד האבן די מצרים נישט דערלויבט מען זאל זיי געבן וואסער צום טרינקען פאר די מענטשן וואס האבן זיך געפונען אויפן שיף.

איז עס נישט מעשה סדום?

זיצן אין מצרים פארשטייער פון אלע דעמאקראטישע מלוכות, האבן זיך צוגעקוקט צו אזא נבלה און האבן נישט רעאגירט.

די צייטונגען פון אלע לענדער האבן פארעפנטלעכט די דאזיקע פאסירונג צווישן אלע אנדערע נאטיצן, אן שום קאמענטאר.

און אט אזא לאנד זיצט צווישן אלע איין-און-אכציק לענדער ביי דער „יון", מיט אזוי פיל חוצפה און עס ווערט טאלערירט.

נישטאָ קיין גרענעץ צו די „רשעת־הגויים".

לאָמיר זיין אויפריכטיק און זאָגן, אַז אויב ישראל איז אויפגעקומען, וואַקסט, אַנטוויקלט און פאַרמערט זיך, איז עס אין אַ גרויסער מאָס נישט צוליב אונדזער צדקות, נאָר צוליב די רשעת־הגויים. די היסטאָריע חזרט זיך איבער.

נאָר לאָמיר האָפן, אַז איצט, ביי דער דריטער גאולה, וועט די רשעת־הגויים נישט זיין דער איינציקער מאָטיוו. נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט אַרויסווייזן געניג פאַרשטאַנד, יושר און חכמה, צדקות און באַוואוסט־זיניקייט, מיט אמונה אין דעם צוזאָג וואָס דער איבערשטער האָט געגעבן צו אונדזערע אָבות אברהם, יצחק און יעקב. און ארץ־ישראל וועט אויף אייביק בלייבן ביים יידישן ארץ־ישראל און עם־ישראל. מיר וועלן מער נישט צעשיידט ווערן.

מיטשטייערן וואָס גיכער און וואָס מער פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין, פאַרן קרן קימת לישראל, פאַר באַנאָס — איז חכמה און צדקות.

און לאָמיר זיך וויגטשן עס זאָל מקוים ווערן „וכל הרשעה כלה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ", און עס זאָל זיין „שמחה לארצך וששון לעירך, ועריכת נר לבן ישי משיחך".

און על פּי דין און על פּי יושר קומט עס אונדז, ווייל „אתה החלת" — דו, רבונו־של־עולם, האָסט אָנגעהויבן. דו האָסט דאָך אונדז אויסגעקליבן אַלס דיין עם־סגולה; דו, דו האָסט דאָך אונדז אָנפאַרטרויט דיין תורה, וועלכע מיר היטן אָפּ מער וויפל דער כוח וואָס מיר האָבן. מיליאָנען לעבנס האָבן מיר דאָך אַוועקגעגעבן פאַר אונדזער־דיין תורה, איז זאָל זיין שלום אויף דער וועלט, כדי דיין פאָלק, דיין לאַנד, דיין תורה זאָל לעבן, עקזיסטירן, פּראָגרעסירן, און זאָל זיין ווי דיינע־אונדזערע נביאים האָבן געזאָגט — מיר זאָלן זיין אַ ליכט און אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; מיר זאָלן לערנען און פאַרשטיין דיין חומש.

שופטים

„שפטים ושטרים תתן לך בכל שעריך ושפטו את העם משפט צדק"— ריכטער און אויפזעער זאָלסטו דיר מאַכן אין אַלע דיינע שטעט, און זיי זאָלן משפטן דאָס פאָלק מיט אַ גערעכטן משפט, מיט צדק.

פערציק יאָר האָט משה רבינו געלערנט מיט די יידן דינים און משפּ־טים, וועלכע זענען דער יסוד פאַר דער אויפהאַלטונג פון עם־ישראל און זיין דויערהאַפטיקייט אויפן באָדן פון ארץ־ישראל; דינים און משפטים, וואָס נאָר אַן אויסדערוויילט פאָלק איז גייסטיק פעאיק און שטאַרק זיי אויפצו־נעמען. פאַרמען און געזעצן פאַר שטייגער לעבן, וואָס בלויז אַ געמיינדע מיט אַ נאַטירלעכער נייגונג צו קולטור, שטרעבונג צו פאַרפאָלקאָמונג פון דער מענטשהייט קאָן זיי באַגרייפן און מאַכן זיי אַלס אַ נאָרמע און פרינ־ציפּ פאַר דער אייביקער עקזיסטענץ פון פאָלק.

משה לערנט טאָג־איין, טאָג־אויס מיט זיינע ברידער, ווי אַזוי זיי וועלן זיך דאַרפן אויפפירן ווען זיי וועלן זיך באַזעצן אויפן אייגענעם באָדן. די טעג גייען פאַריבער, און משה זעט, אַז עס דערנענטערט זיך די שעה, ווען ער וועט זיך מוזן שיידן פונעם נייעם דור, וועלכן ער האָט מיט אַזויפיל ליבשאַפט און מסירת־נפש דערצויגן. און משה האָט זיך פאַרטראַכט: וואָס וועט זיין מיט די אַלע דינים און משפטים, מיט די אַלע גענטלעכע אָנווייזונ־גען, וואָס ער האָט זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלן אָפּהיטן? ווער וועט זיי ווייטער פירן אין דעם פון אים אָנגעצייכנטן דרך? בעת די עדה זענען אַלע צוזאַמען אין דער מדבר, אַלע לעבן אַן איינהייטלעך לעבן, אַלע וואַנדערן, אַלע עסן דעם זעלבן מן, אַלע וואוינען אין די זעלבע געצעלטן, איז אַ סך פון דעם וואָס ער האָט זיי געלערנט, נאָך פאַרלויפיק טעאָרעטיש. ערשט ווען זיי וועלן באַקומען יעדער איינער זיין נחלה, וועט מען די דינים דאַרפן פּראַקטיצירן. זיי האָבן טאַקע געזאָגט „נעשה ונשמע", אָבער וואָס וועט זיין, ווען די אַלע מצוות וועלן מוזן רעאַליזירט ווערן?

מען דערציילט, אַז דער ווילנער גאון ז"ל, האָט אַמאָל געשיקט רופן דעם דובנער מגיד ז"ל, און אים געבעטן, ער זאָל אים זאָגן מוסר. האָט דער

דובנער מגיד געזאָגט: „געווים, גרויסער גאון, ביסטו אַ צדיק. דו זיצט אַ גאַנצן טאָג אין טלית און תפילין און לערנסט, אָבער פּרואוו אַרויסגיין אין גאַס זוכן פּרנסה פאַר ווייב און קינדער, וועלן מיר דעמאָלט זען, צי וועסטו קענען ביישטיין אַלע נסיונות וואָס שטעלן זיך אין וועג".

עס איז אַ גרויסער אונטערשייד פון לערנען דינים, געבן יענעם גוטע עצות, ביז מקיים צו זיין די דינים און אויספאָלגן די עצות, ווי גוט זיי זאָלן נישט זיין.

משה האָט פאַרויסגעזען די גרויסע שוועריקייטן, וואָס די קומענדיקע מנהיגים וועלן האָבן אויסצושטיין, כדי איינצוהאַלטן דאָס גאַנצע פאָלק אין ראַם פון תורת־חיים, וואָס ער האָט פאַר זיי צוגעגרייט. משה האָט געזען פון זיין דערפאַרנקייט, אַז אויף נשיאים און ראשים קאָן מען זיך צופיל נישט אָנפאַרטרויען. די פּרעזידענטן, די עלטסטע קאָנען זיין רייך, שיין, גוטע רעדנערס, אָבער קיין פאָלקס־לערער, קיין מאַסן־דערציער קאָנען זיי נישט זיין. מעגן זיי זיין חכמים, געלערנטע, אָבער עס פעלט זיי פיל מאָל דער כוח צו באַווייזן מיט מעשים, אַז זיי זענען ערנסט מיט זייערע רייד, אַז זיי דערפילן די ערשטע, ווען נויטיק אַפילו לפנים משורת הדין, מער וויפל מען קאָן, כדי צו געבן אַ גוטן ביישפּיל און אַרויסצורופן דרך־ארץ און צוטרוי פונעם פאָלק צום אידעאַל וואָס זיי פּרעדיקן. דער לערער, אָדער פירער, דאַרף פריער פון אַלץ זיך אַליין דיסציפּלינירן און אויספאָלגן דאָס וואָס ער פאָדערט פון אַנדערע צו טון. דעריבער האָט משה רבינו, נאָך אַלע נסיונות און דורכפאַלן וואָס ער האָט געהאַט מיט די אויסדערוויילטע און עלטסטע פון די שבטים, אָנגעזאָגט, אַז מען וועט קומען אין דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, און מען וועט אָראָפּטרייסלען פון זיך דעם כאַאָטישן מדבר־לעבן, זאָל מען מאַכן שופטים.

שופטים, וואָס זאָלן משפּטן דאָס פאָלק מיט אַ משפּט־צדק. משפּט און צדק זאָלן שטענדיק גיין צוזאַמען.

צוויי אָנדייטונגען האָט משה געגעבן די שופטים:

ערשטנס, „ושפטו את העם" — זיי זאָלן משפּטן דאָס פאָלק. יעדער משפּט וואָס זיי טראָגן אַרוים, ווען ס'איז אַפילו איבער אַ יחיד, שאַפט עס אַ פּרעצעדענט פאַרן גאַנצן פאָלק. דערפאַר האָבן אונדזערע תנאים, אמור־אים, גאונים אַזוי פיל געלערנט, אַזוי פיל געפאָרשט יעדן וואָרט, יעדן אות אין דער תורה, כדי צו געפינען אין זיי דעם זין, דעם ריינסטן העכערן גע־דאַנק פון „וחי בהם" — זאָלסט לעבן מיט זיי. דאָס פאָלק זאָל קאָנען לעבן מיט דער תורה, און די תורה זאָל קאָנען לעבן מיטן פאָלק. נישט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים אין זייער צייט געזאָגט: „לא חרבה ירושלים אלא על שהעמידו דבריהם על דין תורה" — ירושלים איז חרוב געוואָרן נאָר

דערפאַר, וואָס זיי האָבן געשטיצט זייערע רייד אויפן דין פון דער תורה — אָט. אַ שטייגער, ווי רבי זכריה בן אבקילוס.

דער דיין, דער שופט, דאַרף געדענקען „ושפטו את העם". ביי יעדער משפט דאַרפן זיי געדענקען, אַז דאָס משפטן זיי דאָס גאַנצע פאָלק; יעדער משפט האָט אַן אָפּקלאַנג און ווירקט אויף דער גאַנצער געמיינדע.

צווייטנס, האָט משה אָנגעזאָגט: „משפט צדק". מען קאָן זיי נישט פאַנאַנדערטיילן, משפט מוז זיין איינגעראָמט און דורכגעפירט מיט צדק.

אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט דער נביא צוגעגעבן נאָך אַ פּונקט: „עשות משפט ואהבת חסד". צו צדק, משפּט, חסד האָט דער גרעסטער משורר פון אַלע צייטן נאָך צוגעגעבן „אמת". וואו ס'זענען פאַראַן די געזאָגטע דריי יידיש מאָראַלישע אייגנשאַפטן, דאָרט איז אויך פאַראַן אמת.

כדי בעסער צו באַלייכטן, ווי ביי ישראל זענען פון אָנהויב אָן איינגעהאָרצלט די דערמאָנטע גוטע מידות, איז גענוג צו דערמאָנען דעם געבאָט פון דער תורה: „לא תתעב מצרי" — זאָלסט נישט פאַראומווירדיקן (נידערשעצן) אַ מצרי; אָט דער מצרי, וואָס האָט פאַרשקלאָפט די יידן, געטון מיט זיי די שווערסטע אַרבעטן, דערנידעריקט, געפייניקט און געפּלאָגט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, זאָגט מען אונדז אָן, אַז מיר זאָלן נישט האַלטן דעם מצרי פאַר אומווירדיק. פאַרוואָס? — „כי גר היית בארצו" — דו ביסט געווען אַ פרעמדער אין זיין לאַנד; דו ביסט געווען אין מצרים אַ פּאָר הונדערט יאָר און ביסט געבליבן אַ גר, אַ פרעמדער. מען האָט דיך געלאָזט לעבן אָפּגעזונדערט, פירן אַן אייגענעם שטייגער לעבן, מען האָט דיך פיזיש געמוטשעט, געמאַטערט, נאָר מען האָט דיך נישט געצוואונגען אַז דו זאָלסט זיך אַסימילירן. דעריבער, טראָץ אַלע צרות און יסורים, וואָס דו האָסט איבערגעטראָגן, דאַרפן זיי ביישטיין דעם דאָזיקן זכות, מען זאָל זיי נישט האַלטן פאַר אומווירדיק.

דאָס הייסט גרויסמוטיקייט — משפט מיט חסד! דאָס איז יידישע עטיק.

און אָט איז נאָך אַ משפּט:

משה זאָגט אָן די בני־ישראל: „אל תצר את מואב" — זאָלסט נישט באַלאַגערן מואב, און זאָלסט נישט פאַרפירן מיט זיי קיין מלחמה, ווייל זיי זענען די קינדער פון לוט. איך האָב זיי געגעבן דאָס לאַנד אויף וועלכן זיי זיצן אַלס ירושה, אַזוי האָט ג־ט געזאָגט. לוט איז געווען אברהם אָבינוס אַ פּלימעניק, האָט ג־ט אויך אים צוגעטיילט אַ חלק.

אַלזאָ, קלאָר, מואב איז פון אונדזער משפחה. פונדעסטוועגן זאָגט אונדז אָן די תורה מיר זאָלן זיך נישט מתחתן זיין מיט זיי אַפילו ביז צום צענטן דור, און נישט זוכן זייער פרידן. פאַרוואָס? — דערפאַר וואָס זיי

זענען נישט אַנטקעגן געקומען אייך מיט ברויט און וואַסער, ווען איר זענט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

זיי זענען טאַקע פון דער משפחה, נאָר פאַר קיין מחותנים ווילן מיר זיי נישט האָבן.

לויט קינדער האָבן נישט איבערגענומען די מידות טובות פון זייער פעטער אברהם — הכנסת־אורחים, העלפן דעם שוואַכערן, אאַ״וו. טאָר מען זיי נישט אַריינגעמען אין דער יידישער געמיינדע.

אַט דאָס געזאָגטע באַווייזט, ווי טיף ס׳איז איינגעוואָרצלט אין יידישן פאָלק דער געבאָט וואָס ג־ט האָט געזאָגט אברהם אָבינו: „למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט״ — כדי ער זאָל באַפעלן זיינע קינדער און זיין הויז נאָך אים, אַז זיי זאָלן היטן דעם וועג פון ג־ט, צו טון רעכט און גערעכטיקייט.

צדקה און משפט! חסד און משפט! — דאָס איז די כאַראַקטערים־טיק פון די בני־ישראל. מיר געפינען אַ זכות אַפילו אויף די מצרים, אָבער מיר שטויסן אָפּ פון זיך אַלץ און אַלעמען, וועלכע פאַרמאָגן נישט קיין מידות טובות.

אגב גייט עס צו טראַכטן וועגן דעם אונטערשייד פון די רעזשימען פון יענע לענדער, וואו מען האָט פאַרפאָלגט יידן מיט אַלערליי נגישות און רדיפות, נאָר מען האָט זיי געלאָזט לעבן מיט זייער יידישקייט, און די איצטיקע רעזשימען וואָס זוכן אויסצומעקן יידישקייט פון דער יידישער געדעכעניש. דאָס ערשטע איז אַ ביטער לעבן, און דאָס צווייטע איז אַ שרעקלעכער פאַרברעכערישער פאָלקס־טויט.

אַז עס איז נישטאָ קיין צדק איז דער משפט אַ פאַרקריפּלטער.

לעבן מיר איצט אין אַ צייט, ווען משפט האָט אַ בייגעשמאַק פון סדום.

שטייט מדינת־ישראל איינע אַליין אין דער וועלט, מיט אירע אַנדער־האַלבן מיליאָן בירגער — ישראלים, קעגן פערציק מיליאָן אַראַבער־שונאים, וועלכע זענען גרייט, ביי יעדער געלעגנהייט, אַנצופאַלן אויף ישראל.

— 40 מיליאָן קעגן 1.500.000.

און די גרויסע מלוכות, די אַזוי־גערופענע דעמאָקראַטיעס, וואָס זענען אויסגעקרימט. אייניקע קרימען זיך רעכטס, די אַנדערע קרימען זיך לינקס, שיקן זייערע געווערן כדי אָנצוהאַלטן שלום.

ווען עס פאַלט איצט אַראָפּ איינער פון דער לבנה, וועלכער האָט זיך נאָך נישט באַוויזן אויסצוקרימען, און מען פרעגט אים, אין דעם פאַל, צו ווען דאַרף מען שיקן דאָס געווער אָנצוהאַלטן דעם שלום, וואָלט ער זי־כער געענטפערט, אַז מען דאַרף שיקן צו די אַנדערהאַלבן מיליאָן, דערפאַר וויל זיי זענען ווייניקער אין צאָל מענטשן, איז דער שכל און די אָרנטלעכ־קייט מחייב, אַז זיי דאַרפן האָבן מער כלי־זין, וואָס זאָל דעקן די פּראָפּאָרץ

אין מענטשן. אָבער די בײדע דעמאָקראַטיעס, וואָס זוכן גלײכקײט אין דער קרומקײט, פאַרשטײען אַנדערש, און בײדע גײען אָן אין אַ געיעג צו שיקן געווער צו די פּערציק מיליאָן.

און זײ טוען עס פאַרשטומענדיק און פאַרטױבנדיק דעם געװיסן, דער־מיט וואָס זײ ווילן אײַנשמועסן דער וועלט, אַז מדינת־ישראל האָט אַזוי פיל געווער זיך צו פאַרטײדיקן, וויפל עס האָבן די אַראַבער. און דערבײ מאַכן זײ אַ חניפה, וואָס איז אַ נאָענטע שוועסטער פון שקר, אַז די ישראלים זענען בעסערע און פעאיקערע קעמפער, וואָס איז אַ פלום אין אַ קריג.

לאָמיר צוגעבן אַז ס׳איז ריכטיק, אַז אײן ישראלי קאָן קעמפן קעגן צװײ, דרײַ, פינף אַראַבער. אָבער זײ קאָנען דאָך נישט באַװײַזן קײן װאונ־דער פון אײנעם קעגן פערציק דירעקטע שונאים, און נאָך אַמאָל אַזױפיל אומדירעקטע שונאים. איז עס דאָך גאַנץ פאַרשטענדלעך. ווען די דעמאָ־קראַטישע מלוכות װאָלטן באמת געמײנט שלום, װאָלטן זײ געדאַרפט אױס־גלײַכן די קרעפטן מיט שיקן געװער קײן ישראל, אָדער, אַמװײניקסטנס נישט שיקן קײן געװער צו די אַראַבער.

נאָר וואו ס׳איז נישטאָ קײן צדק, איז נישט פאַראַן קײן גערעכטער משפט.

אונדז האָט מען געלערנט נישט נאָר משפט־צדק, נאָר מען האָט אונדז אױך געזאָגט: „צדק צדק תרדוף״ — אײן צדק זאָל נאָכיאָגן דעם צװײטן צדק, און מיר באַװײַזן עס פאַקטיש:

בײַ אַן אָפּשטימונג אין דער „יון״ װעגן אַרײַננעמען אַ נײַ־געשאַפן אומאָפּהענגיק לאַנד, האָבן די ישראל־פאַרטרעטער געשטימט פּאָזיטיװ, װי־סנדיק, אַז דאָס דאָזיקע נײַ־אָנגעשלאָסן לאַנד איז פּראָ־אַראַביש, און מיט דעם װעלן אונדזערע שונאים האָבן מיט אַ שטימע מערער; װײַל, צדק האָט איבערגעװױגן די לאָגיק. אַ לאַנד, אַן ערשט־געבױרן, װיל זײַן זעלבסט־שטענדיק, איז דאָס אַ גערעכטער װאונטש, אַ גערעכטער פּרינציפּ.

אײן צדק לױפט פאָרױס און אַ צװײטער צדק לױפט אים נאָך — אַזױ לערנט אונדז די ייִדישע תורה.

און זײ?

זײ, די גרױסע װאַקלדיקע דעמאָקראַטיעס, זעען צו װי עגיפּטן פאַרהאַלט ייִדישע שיפן בײַם דורכגאַנג פונעם סועץ־קאַנאַל און שװײַגן, טראָץ דעם װאָס ס׳איז אַ פאַרברעכן קעגן די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן.

און שקר שקר תרדוף, אײן שקר יאָגט בײַ זײ נאָך דעם צװײטן שקר. אַן אַראַביש לאַנד דערלױבט נישט אַרײַנצוקומען אין לאַנד אַ נאָרד־אַמערי־קאַנער בירגער, װאָס פאַרנעמט אַן אַמט אין דער נאָרד־אַמעריקאַנער רעגי־רונג, נאָר צוליב דעם װאָס ער איז אַ ייִד. און די גרױסע דעמאָקראַטיע גיט־

צו אַז ס'איז רעכט. אַנו, צי וואָלט זי דאָס זעלבע געזאָגט, ווען דער נישט-אַריינגעלאָזטער איז נישט קיין ייד?

איצט, אַז עגיפּטן האָט נאַציאָנאַליזירט דעם סועץ-קאַנאַל, האָבן די דע-מאָקראַטיעס אויפגעהויבן אַ ויצעקו, וואָס רודערט אויף די גאַנצע וועלט, אַ ן זיי רופן צונויף אַ באַראַטונג פון פיר און צוואַנציק מלוכות. נאָר ישראל, וואָס איז בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דעם פרייען דורכגאַנג פון קאַנאַל, האָט מען נישט איינגעלאַדן.

שקר שקר תרדוף, איין שקר יאָגט נאָך דעם צווייטן. מיר האָבן נאָר דערמאָנט די לעצטע שקרים. מען זאָל וועלן אויסרעכענען אַלע שקרים זינט דער באַלפור-דעקלאַראַציע, וואָלט מען געדאַרפט אָנשרייבן גאַנצע ביכער, און אפשר וועט זיך נאָך אַמאָל אָפּזוכן אַזאַ שרייבער.

אינדז בלייבט נאָר צו זאָגן: „תן להם כפעלם" — גיב זיי לויט ווי זיי האָבן זיך פאַרדינט; און מיר, דאָס יידישע פאָלק, מדינת-ישראל, זאָלן קאָנען פאַרזעצן מיטן „צדק צדק תרדוף", נאָך גערעכטיקייט און נאָך גערעכטיקייט זאָלסטו זיך יאָגן, „למען תחיה", כדי דו זאָלסט לעבן און ירשנען דאָס לאַנד וואָס ס'גיט דיר דיין ג-ט, און עס זאָל אויף דער גאַנצער וועלט הערשן דער משפט צדק וחסד.

נִצָּבִים

„אתכם נצבים היום כלכם" — איר שטייט היינט פאַר אייער ג-ט — אַזוי האָט געזעגנט משה רבינו צום גאַנצן יידישן פאָלק. אַלע, אָן אויסנאַם, יעדער יידישער נפש, שטייען אַלע גלייך פאַר ג-ט.

און משה באַגנוגנט זיך נישט מיט זאָגן „אַלע", נאָר ער רעכנט אויס ווער עס זענען די אַלע: אייערע הויפּטליים, אייערע שבטים, אייערע עלטסטע, און אייערע אָרדענונגס-היטער; אַלע מענער פון ישראל, אייערע קליינע קינדער, אייערע ווייבער, דער פרעמדער וואָס איז דיין לאַגער, פון דעם האָלץ-העקער ביז דעם וואַסער-שעפּער; די וואָס שטייען מיט אונדז און אויך די וואָס זענען היינט נישטאָ מיט אונדז, די אַלע טרעטן אַריין אין דעם בונד, אין דעם פרידלעכן אָפּמאַך וואָס ג-ט שליסט מיט אייך היינט, כדי דיר אויפצושטעלן היינט פאַר אַ פאָלק צו ג-ט, און ער זאָל זיין אַ ג-ט פאַר אייך.

יעדער ייד איז פאַר ג-ט גלייך; פון דעם ראש, פון דעם פאַרשטייער ביז צום האָלץ-העקער און וואַסער-טרעגער, זענען אַלע איינס טייער און הייליק. ביי ג-ט זענען נישטאָ קיין מיוחסים.

„אתם נצבים" — יעדער ייד איז אין פּאָטענץ אַ נציב, אַ שר, אַ מיניסטער, אַ גענעראַל. נאָר אַזוי ווי נישט אַלע קאָנען זיין מיניסטאָרן, אָדער גענעראַלן, ווייל אַ פאָלק מוז האָבן מענטשן פון אַלערליי פּראָפעסיעס, פון אַלערליי באַשעפטיקונגען. אַ פאָלק מוז האָבן אַ ריכטער און מוז האָבן אַזעלכע, וואָס זאָלן טון די שווערע, שוואַרצע אַרבעט. מען מוז האָבן גענעראַלן און מען מוז האָבן פּראָסטע סאָלדאַטן. אַ פאָלק איז דאַן גאַנץ, ווען עס האָט פון אַלצדינג אייגנס, וואָס פאַרמאָגט אַלערליי שאַפנדיקע און פּראָדוקטיווע **עלעמענטן.**

די איינגעשטעלטע אָרדענונג פאָדערט רעגירער און אַ דיסציפּלינירט פאָלק, וואָס זאָל אויספאָלגן מיט דרך-ארץ און ליבשאַפט די באַפעלן פון די וואָס פירן אָן מיט דער רעגירונג. אָבער נישט די רעגירער, נישט די ריכטער, נישט די רבנים, נישט די לערערס פון פאָלק טאָרן זיך האַלטן הע-

כער, גרעסער פון פאָלק. די מנהיגים זענען פאַרן פאָלק, אָבער נישט דאָס פאָלק פאַר די מנהיגים.

משה האָט מיט זיך אַליין געוויזן דעם ביישפּיל. ער האָט זיך נישט באַטיטלט מיט קיין טיטל, נישט מיטן טיטל מנהיג, נישט ראש, נישט גאון: ער האָט זיך באַטיטלט מיטן טיטל „עבד" — דער קנעכט פון ג-ט, גלייך מיט אַלע יידן. ער האָט געטון וואָס ער האָט געטון, ער האָט געליטן וואָס ער האָט געליטן, נאָר פאַר זיין גרויס ליבשאַפט צו אַלץ וואָס ג-ט האָט ליב: די בני-ישראל, דעם עם-סגולה. און זיין נאָכפאָלגער יהושע, האָט זיך באַטיטלט „משרת" — דער דינער פון משהן.

„אתם נצבים כלכם" — אַלע, יעדער ייד דאַרף שטיין גלייך, שטאָלץ און פעסט אויף זיין פּאָסטן אַלס ייד. דער וואָס איז געווען ביים באַרג סיני און האָט אַליין געזען און געהערט די ווערטער פון דער תורה פון משה רבינו, און דער וואָס איז נישט געווען ביים באַרג סיני און האָט נישט מיט-געמאַכט דירעקט די גאולה, און נישט געגאַנגען פערציק יאָר אין דער מדבר — האָבן אַלע גלייך די זעלבע פאַרפליכטונגען, די זעלבע אַטריבוטן און די זעלבע פּריווילעגיעס אין פאָלק און אין לאַנד.

אָט דעם זעלבן פּרינציפּ האָבן איצט פּראָקלאַמירט אונדזערע מנהיגים אין מדינת-ישראל. דער ייד וואָס איז געקומען קיין ישראל מיט זעכציק יאָר פריער, וואָס האָט געקעמפט קעגן דער ווייסטעניש, קעגן הונגער, קעגן מאַלאַריע, קעגן אַזיאַטישן רעזשים; דער ייד, מאַן און פרוי, וואָס האָט געקעמפט אַלס שומר קעגן אַראַבישע באַנדיטן, וואָס האָט זיך געפּלאָגט אין היץ און קעלט; דער ייד וואָס איז געשטאַנען אין דער מלחמה מיט די אַראַבער און געשטעלט זיין לעבן אין דינסט פאַר דער באַפרייאונג פון דער מדינה, און דער ייד וואָס קומט איצט צו אַ גרייטער, פאַרטיקער, גלאָררייכער מדינה, ווי די וואָס וועלן נאָך געבוירן ווערן — געניסן אַלע פון די זעלבע רעכטן און פליכטן, אַבי נאָר זיי קומען באַזעצן זיך אין לאַנד.

און משה רעכנט אויס צווישן אַלע אַנדערע, אויך „טפּכם" — אייערע קליינע קינדערלעך. משה האָט דאָס מאָל נישט באַנוצט דאָס וואָרט „בניכם" — אייערע קינדער, נאָר האָט אָפּזיכטלעך באַנוצט דאָס וואָרט „טפּכם" — די קליינע קינדערלעך. פון געבוירן אָן איז דאָס יידישע קינד אַריינגערעכנט אין בונד פון יידישן פאָלק מיט ג-ט. און דערפאַר איז דער חוב פון די עלטערן צו דערציען די קינדער פון דער פריעסטער יוגנט אָן אין דעם גייסט פון יידישקייט, כדי דאָס קינד זאָל זוכה זיין צו געניסן פון דער ברכה וואָס משה האָט געגעבן. „אויב דיינע פאַרשטויסענע וועלן זיין אין עק וועלט, וועט דיר ג-ט פון דאָרט איינזאַמלען און וועט פון דאָרט דיר ברענגען אין דעם לאַנד פון אייערע עלטערן, און וועט אייך פאַרגיטיקן און אייך מאַכן נאָך מערער פון אייערע עלטערן.

„טפּכם״, אייערע קליינע קינדערלעך. אונדזערע חכמים האָבן אונדז אָנגעזאָגט, מען זאָל זיין פאָרזיכטיק מיט די קינדער פון אָרעמע עלטערן, ווייל פון זיי קומט אַרויס תורה. און מיר האָבן דאָך אין אונדזער דור אַזעלכע קאָנקרעטעביישפּילן: דריי גדולי הדור — חיים נחמן ביאַליק, מאַקס נאָרדוי און הערמאַן שאַפּירא, וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אין דער גרעסטער אָרעמקייט און זענען אויסגעוואַקסן יידן און מענטשן, וואָס זענען אַ שטאָלץ פאַרן יידישן פאָלק און וועלן עס זיין פאַר אַ סך דורות. זיי זענען געווען דאָס וואָס זיי זענען געווען, נאָר דערפאַר וואָס זייער געבורט, זייער האָדעוואַניע איז געווען אין אַ יידישן אַמביענט, אין גייסט פון יידישער קדושה. ביאַליקס מוטער, ווען זי איז געשטאַנען פאַרן פּראָבלעם, וואָס צו קויפן פאַר די פּאָר גראָשן: ליכט צום אָנצינדן לכבוד שבת, אָדער חלות — האָט זי אויסגעקליבן דאָס ערשטע — ליכט, צו הייליקן דעם שבת. מאַקס נאָרדוי איז געווען אַוועק ווייט פון אונדז, ווייט פון דער יידישער סביבה; ער איז געווען מער וועלט-פּערזענלעכקייט, נאָר ביי דעם ערשטן רוף פון ד״ר הערצל, האָט זיך צוריק אָנגעצונדן די גרויסע ליכט פון זיין נשמה, וואָס האָט געוואָרפן אַ גלענצנדיקע שיין ביז ווייט אין דער צוקונפט.

דאָס זענען געווען דריי וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ ניצוץ פון נביאישער וויזיע.

ווי גרויס איז געווען דער זשעני פון פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּירא! אין דער צייט ווען ער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַרן טעגלעכן שטיקל ברויט פאַר זיך און פאַר זיין פרוי —קינדער האָבן זיי נישט געהאַט—, האָט ער זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון אַ חוזה, אַ וויזיאָנער, מיט אַ ווייטגייענדיקן בליק, ווי צו גרינדן דעם קרן קימת לישראל, און דעם אוניווערזיטעט אין ירושלים — צוויי פונדאַמענטאַלע זאַכן וואָס אַ פאָלק מוז האָבן: באָדן אונטער די פיס און גייסטיקע הויכקייט, אָנצופילן דאָס לאַנד מיט נשמה-געפיל, מיט וויסן, מיט קולטור.

זאָלן עס נעמען גוט אין אַכט די אַלע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער הייליקער אַרבעט פון חינוך און תרבות, אויסצוזוכן די קינדער פון אָרעמע עלטערן, וואָס זענען נישט אימשטאַנד צו צאָלן שכר-לימוד, און זיי געבן די מעגלעכקייט צו לערנען, דאָס וועט זיך זיכער אָפּצאָלן כפל-כפליים, אויסער דאָס דערציִען זיי אַלם יידן און פאַר זיך — איז ווער קאָן וויסן, וויפל גרויסע, גוטע יידן עס וועלן פון זיי אַרויסוואַקסן, וואָס וועלן באַשיינען דעם אַרגענטינער ישוב.

* * *

„אתם נצבים כלכם... נשיכם״ —איר שטייט אַלע גלייך... אייערע

פרויען פאַר ג-ט, אַן אונטערשייד, ווער עס האָט צו דערפילן מער מצוות און ווער עס האָט צו דערפילן ווייניקער מצוות.

די פרוי האָט ווייניקער מצוות. אָבער די איינע מצוה פון דערציען די קינדער, אָט די גרויסע טרחה פון האָדעווען די קינדער און מאַכן פון זיי גוטע און נוצלעכע מענטשן, און געטרייע זין און טעכטער פון יידישן פאָלק; דאָס באַהערשן מיט איר חן, מיט איר אינטעליגענץ דעם שלום-בית, די גאַנצקייט און ריינקייט פון דער יידישער היים, איז וואָגיק און געשעצט ווי אַלע יענע מצוות וואָס געהערן זיך נישט אָן מיט זיי.

ווער קאָן עס אָפּשאַצן די קאָלאָסאַלע נאַציאָנאַלע יידישע אַרבעט וואָס עס טוט די פרויען-אָרגאַניזאַציע „וויצאָ", וועלכע פייערט איצט דעם דריי-סיקסטן אַניווערסאַר פון איר טעטיקייט.

ווער קאָן עס אויסרעכענען וויפל יידישע היימען, וויפל הונדערטער יידישע נפשות אָט די פרויען-אָרגאַניזאַציעס ראַטעווען אָפּ, אַז זיי זאָלן נישט פאַרלוירן ווערן פאַר אונדז, מיט דעם וואָס זיי ברענגען אַריין און האַלטן איין דעם ציון וירושלים-גייסט אין די היימען.

זענען מיר דאָך עדות, אַז קינדער פון פאַמיליעס וואָס זענען געווען פון די דערווייטערטע, אַרבעטן איצט אין די קיבוצים אויף אַלע פראָנטן.

אויב ג-טס ברכה איז געווען „והיו לבשר אחד" — מאַן און ווייב זע-נען איין לייב —, האָבן די פרויען-אָרגאַניזאַציעס מיט זייער פליסיקייט, מיט זייער אינטעליגענץ, מיט זייער טרייהייט, מיט זייער צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק און מדינת-ישראל אַריינגעבראַכט אין דעם ריינעם, צני-עותדיקן יידישן פאַמיליע-לעבן אַ שטראָם פון נשמהדיקייט. מיטן פרייד פון אויפלעבונג, מיט דער זיכערקייט און גלויבן אין נצח-ישראל.

עס ווילט זיך אויסרופן אויפן הויכן קול: —ווי הויך און דערהויבן איז דיין אַרבעט, „וויצאָ"!

* * *

„אתם נצבים כלכם" — יעדער ייד איז אין פאַטענץ אַ נציב, אַפילו דער האָלץ-העקער, דער שטיין-ברעכער, דער אויסשעפּער פון די וואַסערן פון די זומפּן; יעדער ייד, אַלע קאָנען דערגרייכן צו דער מדרגה פון ווערט זיין צו קאָנען פאַרנעמען די העכסטע פּאָזיציעס.

זענען דען דער נשיא פון מדינת-ישראל, יצחק בן צבי י"ה, דער פרע-מיער דוד בן גוריון, מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן, ריכטער, דיכטער א"אַ נישט געשטאַנען ביזן האַלבן גוף אין די בלאָטעס און זומפּן פון ישראל, אין קאַמף קעגן דער מאַלאַריע? האָבן זיי דען נישט געהאַקט שטיינער און געטון כלערליי עבודת-פּרך? האָט זיי דען אָפּגעשראָקן וועלכע ס'איז שווארצע אַרבעט, צו וועלכער זיי זענען נישט געוואוינט געווען?

און ווי גליקלעך מיר זענען איצט, ווען מיר קאָנען זאָגן אין איין אָטעם־צוג „ראשיכם, זקניכם, נשיכם, טפכם, חוטבי־עצים ושואבי־מים" — רעגי־רער, עלטסטע, פרויען, קליינע קינדער, האָלץ־העקערס, וואַסערשעפּערס, אַלע זענען איין גליך פאָלק־ישראל.

ווי שטאָלץ מיר זענען מיט אונדזערע קינדער, פרויען, האָלץ־העקער און זומפּן־טריקענער, וואָס זענען איצט אונדזערע פּרעזידענטן, מיניסטאָרן, דעפּוטאַטן, גענעראַלן, אַרכעאָלאָגן א"אַ, מיט וועלכע מיר ווייזן זיך פאַר דער וועלט און וועלכע פאַרשאַפן אונדז אַזוי פיל כבוד.

* * *

„אתם נצבים כלכם" — גלייכהייט פאַר אַלעמען איז אין גייסט פון יידישן פאָלק, נישט בלויז פאַר יידן, נאָר פאַר אַלע מענטשן און פעלקער.

דער גרויסער ייד און גאון הרב ר' שמואל מאָהליווער, אין זיין בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, זאָגט ער צווישן אַנדערע זאַכן, אַז אין קיין פאַל ווינטשן מיר שלעכטס אונדזערע שכנים. מיר גלויבן פעסט אין די רייד פון אונדזערע נביאים, אַז עס וועט הערשן שלום און פרידן אויף דער גאַנצער וועלט. אין די הייליקסטע טעג, אין די הייליקסטע תפילות אונדזערע בעטן מיר פריער ביי ג־ט „ובכן תן פחדך על כל מעשיך", אַז אַלע זאָלן פילן דעם פחד פאַר דער געטלעכקייט, „ויעשו כולם אגודה אחת", עס זאָל געשאַפן ווערן איין־איינציקער בונד פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. און ערשט נאָכדעם בעטן מיר „ובכן תן כבוד לעמך" — גיב כבוד דיין פאָלק, שמחה און פרייד צו דיין לאַנד, און נאָר דע־מאָלט ווען די פעלקער וועלן עס פאַרשטיין, וועט זיין „והרשעה כלה כעשן תכלה" — דאָס שלעכטסקייט וועט ווי רויך פאַרשווינדן.

אָבער...

צום גרויס באַדויערן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, זענען נאָך די רע־גירער פון די פעלקער ווייט פון דער מדרגה פון גלייכהייט, טראָץ דעם וואָס אויף זייערע פּאַפּירן איז עס אָנגעשריבן.

זיי שאַפן בונדן, בונדן צו איבערשטאַרקן, איבערצוקליגלען אַ צווייטן בונד, און אין יעדן בונד אַליין, האָט יעדער איינער אין זינען דאָס זיינע, און מען נאַרט איינער דעם אַנדערן. אַלץ פאַרמאָגן זיי: מענטשן־מאַטעריאַל, די מאָדערנסטע פאַרניכטונגס־געווערן, די פעאיקסטע סטראַטעגיקער, נאָר עס פעלט זיי איין פּינטעלע — אַביסעלע אמת.

זענען זיך צונויפגעקומען 22 גרויסע קעפּ, וואָס קאָנען און טוען אָפּ די גרעסטע נאַרישקייטן און די גרעסטע רשעות, צו באַטראַכטן אַן ענין וואָס רופט זיך סועץ־קאַנאַל. מדינת־ישראל איז אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט

אין דער דאָזיקער פּראָבלעם, וואָס וואָלט זיכער געשטיצט אַ גערעכטע ליי־זונג לטובת אַלע לענדער. דאָך האָט מען ישראל נישט איינגעלאַדן, אַ פּאַקט וועלכן מצרים וועט זיכער אויסנוצן קעגן די טענות־האָבער. באַווייזנדיק זיי, די 22, אַז זיי זענען אַלע אַ באַנדע ענגאָאיסטן און האָבן דעריבער נישט קיין מאָראַלישע רעכטן צו מאָנען יושר.

שטייט אַ ישראל־שיף פאַרהאַלטן ביי די עגיפּטער, שוין אַכט יאָר, ווי אַ לעבעדיקער פּראָטעסט און קיינער פון די 72 אומות ביי דער „יון", און די „יון" אַליין אויך נישט, האָבן געפּרואווט פּועלן, אַפילו נישט מיט גוטן, מען זאָל באַפרייען די ישראל־שיף.

הימל שרייענד!

נאָר, ווי שטענדיק, גלויבן מיר אין די ווערטער פון נביא וואָס זאָגט: „און איך וועל אָנרייצן מצרים אויף מצרים, און זיי וועלן מלחמה האַלטן איט־לעכער קעגן זיין ברודער, איטלעכער קעגן זיין חבר; אַ שטאָט קעגן אַ שטאָט, אַ קעניגרייך קעגן אַ קעניגרייך. אויסגעליידיקט וועט ווערן דער גייסט פון מצרים, און זייערע עצות וועל איך צו־נישט מאַכן". און דער נביא ענדיקט, אַז סוף־כל־סוף וועט מצרים קומען צום שכל און וועט זוכן דעם פרידן פון ישראל, וואָס וועט זיין אַ ברכה פאַר אַלעמען. אונדז בלייבט נאָר זיך צו ווינטשן, אַז דאָס זאָל מקוים ווערן וואָס גיכער.

מיר האָבן דאָך געזען, ווי דער מלך פון עטיאָפּיע, ווען ער איז געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן פון זיין לאַנד, האָט ער געזוכט שוץ אין ירושלים. ווי אַזוי האָט ער אונדז אָפּגעדאַנקט? — דאָס זאָל אים נאָר אָנטקעגנקומען.

* * *

„אתם נצבים כלכם" — לאָמיר זיך ווינטשן צום נייעם יאָר, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך האַלטן אַלע צוזאַמען, גאַנץ פעסט, און עס זאָל באמת מקוים ווערן „שמחה לארצך, וששון לעירך, וצמיחת קרן לדוד עבדך, ועריכת נר לבן ישי משיחך במהרה בימינו".

תְּרוּמָה

ב.

וידבר, און ג-ט האָט גערעדט צו משהן: רייד צו די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן נעמען פאַר מיר אַ ביישטייערונג —תרומה— פון גאָלד, זילבער, קופּער, צירונג, פאַרשידענע סאָרטן שטאָף צו מאַכן אַ הייליקטום — אַ מִשכן, און דער משכן, ווי אויך אַלע כלים פאַרן משכן, זאָל געמאַכט ווערן פּינקטלעך, לויטן מאָדעל וואָס איך וועל ווייזן דיר.

דריי שבתים ווערן געלייענט אין די שילן פּרשות, וואו עס ווערן אויסגערעכנט מיט אַלע איינצלהייטן די אַרכיטעקטור פון משכן, פון וואָס פאַראַ מאַטעריאַל יעדע זאַך זאָל געמאַכט ווערן, די מאָס, די צאָל, די קאָלירן פון דאָס גרעסטע ביז דאָס קלענסטע, פון דעם משכן אַלס גאַנצן, ביז צום מזבח, ביז צו דער מנורה, פון אָרון-קודש ביז צו די שוועלן און די בגדים פאַר די כהנים, פון דער קינסטלערישער טייל ביז צום האַנטפאַס — אַלץ איז גענוי אָנגעצייכנט, פיגורמעסיק, און אַזוי זאָלסטו מאַכן.

נאָך פון קינדער-יאָרן, יעדעס מאָל ווען איך פלעג הערן אין די דאָזיקע שבתים, ווי דער בעל-קריאה לייענט די דערמאָנטע פּרשות, פלעגן מיר אַרויפקומען אַפּיקורסישע געדאַנקען. איז עס טאַקע געווען נויטיק אַזעלכע קלייניקייטן זאָלן אָנגעזאָגט ווערן פון באַרג סיני? דאַרף מען טאַקע אַלע יאָרן, אין די זעלבע שבתים, איבערחזרן אַזעלכע טרוקענע טעכנישע זאַכן, וואָס האָבן צו טון מיט אַזעלכע פּראָזאַישע ענינים, ווי שטריקעריי, שמידעריי, שניידעריי, פאַרבעריי און פּערפומעריע פאַר דער בויאונג פון אַ צייטווייליקן משכן? וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט עס פאַר דער עקזיסטענץ און דערהאַלטונג פון יידישן פאָלק, צוליב וועלכן מען האָט אַוועקגעגעבן אַזאַ היפּשן פּלאַץ אין אונדזער הייליקער תורה וואָס איז אויף דור-דורות? וואָס פאַר אַ באַדייט האָבן די אַלע מינדערוויכטיקע איינצלהייטן פאַר דער היסטאָריע?

קומט דער גרויסער רבי — די צייט, און באַווייזט אונדז די גרויסע חכמה פון משה רבינו, ווי קלוג און פּראַקטיש ער איז געווען, וואָס ער האָט

געבראַכט פּאַרטיקע פּלענער, מאָדעלן, צייכענונגען, דווקא פון באַרג סיני, מיטן שטרענגן אָנזאָג „וכן תעשו״, אַז נאָר אַזוי זאָל עס געמאַכט ווערן און נישט אַנדערש.

און דאָס דערקלערט זיך מיט אַ פּאָר קורצע ווערטער:

ווען די מייסטערס האָבן אינגאַנצן פאַרענדיקט די אַרבעט, דער משכן מיט אַלע כלים איז שוין געווען אין פולקאָמענער אָרדענונג, האָט ג־ט געזאָגט משהן: „וקדשת אותו כל כליו והיה קודש״ — און הייליק אים, און אַלע זיינע זאַכן און ער זאָל זיין הייליק.

ווען עס האַנדלט זיך פון דברים שבקדושה, פון הייליקייטן, קאָן נישט יעדער בשר ודם קומען זאָגן, ווי אַזוי עס צו טון. אין דער תורה טאָר נישט צוגעגעבן אָדער צוגענומען ווערן קיין איין אות, ווייל יעדער אות אין דער תורה איז אַ הייליקייט. מעג קומען דער גרעסטער קינסטלער און איבעראַנדערשן איין אות, אָדער אויסבעסערן דעם סטיל, איז די גאַנצע תורה פּסול. הייליקייטן לאָזן זיך נישט פאַרענדערן, און ווען מען פּרוּווט עס איבעראַנדערשן, איז סוף־כל־סוף, גייט אונטער די איבעראַנדערשונג מיט דער הייליקייט צוזאַמען. מיר האָבן שוין גענוג דערפאַרונג אויף דעם געביט.

אויב עס האָט זיך דערהאַלטן ביי אונדז גאַנץ און פריש די העברעאישע שפּראַך, איז עס דערפאַר וואָס מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ לשון־קודש, ווייל די סידורים, תפילות, מחזורים, זענען געשריבן געוואָרן אין לשון־קודש.

אויב דער תנ״ך איז געבליבן ביי אונדז גאַנץ אין זיין אָריגינאַל, איז עס דערפאַר וואָס מיר האָבן זיי גערופן כתבי־קודש. די ספרים וואָס אונדזערע הכמים האָבן זיי נישט אַריינגענומען אין די כתבי־קודש, זענען כמעט זוי פאַרלוירן געגאַנגען. אונדזערע געלערנטע האָבן אַ טייל אָפּגעזוכט אין פרעמדע שפּראַכן און זיי געגעבן אַ תיקון.

אויב דער ציוניזם האָט זיך דערהאַלטן ביים יידישן פאָלק, טראָץ אַלע גירושים, פאַרפאָלגונגען און טראָץ אַלע גליקן וואָס מען האָט אונדז פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן אויסבייטן דעם רענדל, איז עס דערפאַר, נישט ווייל מיר האָבן געזען אין שיבת־ציון אַ ריין טעריטאָריעלן ענין, נאָר ווייל ארץ־ישראל איז פאַר אונדז געווען קודש, און ירושלים — קודש קדשים; ווייל דער כותל־מערבי, די מערת־המכפלה, דער ירדן, דער הר־הכרמל און דער גאַנצער ארץ־ישראל שטח, צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פאָלק, איז איין אויסגוס פון קדושה. און אויב ארץ־ישראל בויט זיך מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכן טעמפּאָ; אויב מיר האָבן געקאָנט באַווייזן מעשי־ניסים, צו באַזיגן אונדזערע שונאים —איינער קעגן דרייסיק—, איז עס דערפאַר וואָס אין אונדזער באַוואוסטזיין און אונטערבאַוואוסטזיין זענען מיר פול מיט קדושה.

מיר דאַרפן נישט און מיר ווילן נישט דערקלערן קיין היייליקן קריג — הייליק און קריג זענען צוויי ווערטער וואָס קלעפּן זיך נישט אין אונדזער שפּראַך, נישט אין אונדזער מוח. מיר קאָנען פירן קריג צו פאַרטרייבן פון אונדז די טומאה, מיטן כוח פון קדושה.

ביי אונדז יידן, איז די טהרת־המשפחה, דער ריינער אידעאַלער פאַמי־ליע־לעבן אַריינגערעכנט אין די דברים שבקדושה. מען איז מקדש די פּרוי, מען הייליקט די ניי־געשאַפענע היים, און דעריבער ווערט אונדזער משפּחה־לעבן פאַררעכנט פאַר איינעם פון די פונדאַמענטאַלע זיילן וואָס דערהאַלטן אונדז קולטורעל העכער, גייסטיק שענער, פיזיש דויערהאַפטיקער. מאָראַל איז אונדזער שטאַרקסטער כלי־זיין, וואָס פאַרהיט די ליבע און טרייהייט צו דער היים.

אונדז האָט מען אָנגעזאָגט פון באַרג סיני: „קדושים תהיו" — איר זאָלט זיין הייליק, און דערפאַר, אויב מיר ווילן און מיינען באמת צו קעמפן פאַר אונדזער המשך, מוזן מיר אַריינגעבן אין אַלץ וואָס מיר טוען די גע־העריקע פּראָפּאָרץ קדושה.

אין אונדזער קינדער־דערציאונג, וועלכע ס'זאָל נישט זיין איר פּראָג־ראַם, מוז אַריינגענומען ווערן די געהעריקע פּראָפּאָרץ קדושה, וועלכע עס זאָל נישט זיין די לערן־שפּראַך, ווייל די שפּראַכן זענען אַן און פאַר זיך, אַ סיג, אַ מיטל צו דערהאַלטן יידישקייט, צו מאַכן פונעם קינד אַ באַוואוסט־זיניקן בן־ישראל, אַ בן־ישראל, נישט מחמת ראַסע, נאָר מחמת איבערציי־גונג, מיט דער קענטשאַפט און טיפערן זינען פון אַ בן־ישראל, וואָס ישראל באַדייט אינעם וועלט־אַרקעסטער, און דאָס קאָן בעסער דערגרייכט ווערן נאָר מיט אַביסעלע קדושה.

דאָס וואָס ביי אַנדערע אומות ווערט פיליכט אויסגעדריקט אונטער דעם לאָזונג „פּאַטריאָטיזם", איז עס ביי אונדז, יידן, באַגלייט מיט קדושה, ארצנו הקדושה.

דער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס פּאַטריאָטיזם אַליין איז טאַקע אַ ווירדיקע אייגנשאַפט, פאַר וועלכעם מען איז זיך מקריב, אָבער עס לאָזט זיך איבערבייטן. מיטן אַריבערגיין דעם גרענעץ און איבערבייטן דעם דאָקומענט, בייט זיך אויך דער פּאַטריאָטיזם. אָבער קדושה לאָזט זיך נישט בייטן. וויפל טעריטאָריעלע גרענעצן מיר זאָלן נישט אַריבערגיין, בלייבט די קדושה שטענדיק גאַנץ, מיט אונדז.

דער בעסטער באַווייז איז טאַקע דאָס יידישע פאָלק.

בין קודש לקודש

אין יאָר 1897 איז פון דער העכסטער יידישער טריבונע געהערט געוואָרן, און אין יאָר 1901 איז פון דער זעלבער טריבונע באַשטעטיקט געוואָרן דאָס אַלט־ניי וואָרט „תרומה", וואָס איז אויפגענומען געוואָרן פון די אויטענטישע פאָרשטייער פון דעם באַוואוסטזיניקן יידנטום מיט אַ הייליקן ציטער, מיט פרייד און משיחישן גלויבן און האָפענונג.

אַ תרומה נישט בלויז אויפצובויען אַ משכן, נאָר אויסצולייזן פון פרעמדע הענט דעם גאַנצן ארץ־ישראל־באָדן.

ביי דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, האָט פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּירא זיך אַליין פאָראייביקט — ער האָט נישט געלאָזן קיין ירושים — מיט זיין ווענדונג צום יידישן פאָלק: „לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז ווען אונדזערע עלטערן בעת זיי זענען אַרויס אין גלות, וואָלטן פאַרזיכערט וועלכע נישט איז סומע, אַפילו די קלענסטע אויף די קומענדיקע צייטן, וואָלטן מיר איצט געקאָנט דערווערבן גרויסע שטחים ערד.

„דאָס וואָס אונדזערע עלטערן האָבן נישט געטון, דערפאַר וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט, אָדער ווייל זיי האָבן עס פאַרנאַכלעסיקט, ליגט דער חוב אויף אונדז מיר זאָלן דאָס טון פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער".

און פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּירא האָט גלייך פאָרגעלייגט דעם פּראָיעקט פון דער שאַפונג פון „קרן קימת לישראל", און ביים פינפטן קאָנגרעס האָט ד"ר הערצל מיט זיין השפעה, צוזאַמען מיט ווייטזעענדיקע חברים, דורכגעפירט די באַשטעטיקונג פון דעם פּראָיעקט, ווי געזאָגט, אונטער שטורמישע און האַרצרירנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, געמישט מיט טרערן פון שמחה.

די דאָזיקע „תרומות", פונקט ווי ביים משכן, האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די קלענסטע סומעס, דאָך האָבן זיי ממש באַוויזן וואונדער. מען האָט אָנגעהויבן אויסלייזן באָדן פון די פרעמדע הענט און געשטעלט צום רשות פון יעדן ייד, וואָס וויל קומען אין ארץ־ישראל און איר באַאַרבעטן.

קרן קימת לישראל האָט געמאַכט די גרעסטע סאָציאַלע רעוואָלוציע, אָן צו פאַרגיסן צוליב דעם איין טראָפּן בלוט, און אפשר איז עס נישט ריכטיק געזאָגט — עס איז יאָ פאַרגאָסן געוואָרן בלוט, אָבער יידיש בלוט, דורך די אומווויסנדיקע אַראַבישע רוצחים.

די ערשטע יידן וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף ארץ־ישראל־באָדן, האָבן געבראַכט אַ סך קרבנות, על קידוש־השם ועל קידוש־האומה. יאָ, זיי האָבן נאָך אַמאָל, ווי די מכבייער, מקדש געווען די ערד, דאָס פאָלק און געהייליקט די צוקונפט אויף אַלע אייביקייטן.

און ווען די פּאַראייניקטע פעלקער האָבן באַשטעטיקט די טעריטאָריע פון מדינת־ישראל, האָבן זיי געמוזט נעמען אַלס באַזע די גרענעצן לויט די שטחים ערד וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון קרן קימת לישראל.

אַך! האָט עס דעמאָלט געוויטיקט דאָס האַרץ, וואָס די שטחים זענען געווען אַזעלכע באַגרענעצטע, צוליב דער שולד פון אונדזער קורצזיכטיקייט און קליינקעפּלדיקייט, וואָס מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען צו געבן דעם קרן קימת גענוג מיטלען צו קאָנען אויסלייזן פיל מער לאַנד.

איצט זענען פאַראַן פיל יידן וואָס זיצן פּיליכט אויף קרן קימת־באָדן, וועלכע פרעגן, צו וואָס דאַרף מען נאָך איצט האָבן דעם קרן קימת, די גאַנצע לאַנד געהערט דאָך סיי ווי צו מדינת־ישראל? און די זעלבע פראַגע הערט מען אויך ביי אונדז, וואָס ווען מען הערט עס, גייט אַריבער אַ שווידער איבערן לייב.

די אויפגאַבע פון קרן קימת שטייט נאָך איצט ביים אָנפאַנג.

1) מדינת־ישראל שטייט פעסט אויף די עטישע פּרינציפּן, אַז די ערד וואָס מען האָט פאַרנומען, און וואָס האָט פריער געהערט צו אַראַבער, דאַרף מען זיי דערפאַר באַצאָלן, און דאָס פאָדערט קאָלאָסאַלע סומעס.

2) עס זענען נאָך פאַראַן אין דער מדינה אַ סך צענער טויזנטער דונאַם לאַנד, וואָס האָבן זייערע באַלעבאַטים, נישט־יידן, און מען קאָן און עס איז זויינטשנסווערט לכל־הדעות, מען זאָל זיי אויסלייזן, און וואָס פריער איז בעסער און געזינטער. נאָר מען דאַרף דערצו האָבן געלט.

3) מען דאַרף אויסלייזן מיליאָנען דונאַם פון דער ווּיסטעניש, מאַכן פּרוכטבאַר די שטיינערדיקע בערג, וואָס פאָדערט הונדערט דאָלאַר אויף יעדן דונאַם.

4) מען דאַרף באַפלאַנצן דאָס לאַנד מיט בוימער, צוליב פיל טעמים וואָס איז נישט נויטיק אויסצורעכענען.

5) און ועל כולם, איז דער קרן קימת אַ דערציאונגס־אינסטיטוציע אין די גלות־לענדער. אויב מיר לייענען אַז אין דער גרויסער נאָרד־אַמעריקע זענען פאַראַן קוים 27 פּראָצענט פון די יידן וואָס טרעטן אַריבער אַ בית־הכנסת, איז וואָס פאַר אַ יידישקייט פילט זיך אין די אַנדערע 73 פּראָצענט? און דאָס זעלבע פּאַסירט אין אַלע לענדער, אין אַ גרעסערן אָדער קלענערן פּראָצענט.

קרן קימת פילט אויס די יידישע היים מיט יידישע זכרונות, מיט נאַציאָנאַלן יידישן גייסט, ביי אַלע ימים־טובים, ביי אַלע שמחות, ביי אַלע געלעגנהייטן, און אויב אין וועלכער עס איז לאַנד איז די טעטיקייט פון קרן קימת לישראל פאַרנאַכלעסיקט, איז עס אַן אומפאַרציילעכער פעלער פון אונדזערע מנהיגים פון ירושלים, ווי פון די לאַנדעס־מנהיגים.

6) אויב מדינת-ישראל פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז אונדזער שטרעבונג איז נאָר שלום און נישט קיין מלחמה, קאָן דינען אלס בעסטער באַווייז דער קרן קימת. מיר האָבן גאָרנישט געגומען אומזיסט, און מיר ווילן נישט נעמען אומזיסט. מיר זענען נישט שולדיק וואָס מען צווינגט אונדז, אַז מיר זאָלן זיך מוזן מיט גוואַלד, קעגן דער יידישער איינ-שטעלונג, פאַרטיידיקן מיט געווער.

7) קרן קימת איז דער זיכערסטער מיטל איינצופלאַנצן אין די נייע דורות דעם נאַציאָנאַלן גייסט, פון קינדער-גאָרטן און ווייטער, פאַר קינדער פון צוויי ביז אַכציק יאָר.

אָט צוליב דעם אַלעם געזאָגטע, זאָגן מיר, אַז מיר מוזן שטאַרקן די אינסטיטוציע וואָס רופט זיך — קרן קימת לישראל.

קיינער ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. ווער ווייסט וויפל מיליאָנען דונאַמס מיר וועלן נאָך דאַרפן אויסלייזן פון פרעמדע הענט און פון נאָך וויסטעניש, וואָס פאַרלויפיק שטייען זיי נאָך נישט אין אונדזער רשות.

קרן קימת לישראל וועט דינען אַלס בריק מיט מדינת-ישראל, ביז צום לעצטן ייד וואָס וועט זיך געפינען אין גלות.

קרן קימת טוט אויף פיל גרעסערע זאַכן, ווי זאַמלען געלט, און וואָס קאָן נישט געשאַצט ווערן אין דאָלאַרן. קרן קימת שאַפט הכנסות, האַלט אין דעם יידיש-נאַציאָנאַלן גייסט אין די ווייטסטע מקומות.

אָט דאָס אַלץ דאַרפן האָבן אין זינען אַלע יידן און געבן דעם קרן קימת די פולסטע שטיצע און סטימול, ער זאָל קאָנען פאַרזעצן זיין הייליקע אויפ-גאַבע אין מדינת-ישראל און אין די גלות-לענדער.

וַיִּקְרָא

ווער קאָן עס זאָגן אַז יידן ברענגען נישט מער קיין קָרבנות? לאָמיר אַקאָרשט אַ בלעטער טון אונדזער געשיכטע, וועלן מיר זען, צי עס איז פאַראַן אַ לאַנד וואו יידן האָבן זיך נישט מקריב געווען אויפן מזבח פון אברהם אָבינו, דעם ערשטן מזבח אָן קרבנות, וואָס אברהם האָט געבויט ווען ג-ט האָט זיך באַוויזן צו אים דעם ערשטן מאָל אין לאַנד כנען, און האָט אים געזאָגט, אברהמען: „לזרעך אתן את הארץ הזאת" — צו דיינע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד. פון דעמאָלט אָן האַלט זיך דאָס יידישע פאָלק ביי דער ערשטער געטלעכער זעאונג, ביי דעם צוזאָג, אַז אונדז, אברהמס קינדער, וועט געגעבן ווערן דאָס לאַנד, און מיר זענען זיך מקריב אויפן מזבח, וואָס אברהם האָט אויפגעשטעלט ביי דעם אָרט פון דער שטאָט שכם.

איך מיין אַז ס'וועט נישט זיין איבערגעטריבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז אויף דעם אברהם-מזבח זענען שוין געבראַכט געוואָרן אַזויפיל יידן-קרבנות, מער וויפל עס זענען איצט פאַראַן יידן אויף דער גאַנצער וועלט. איז, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט באַציען מיטן גרעסטן דרך-ארץ צום ענין „קרבנות". טראַץ דעם וואָס מיר פאַרשטייען נישט דעם העכערן און ריכטיקן זין פון דעם?

ווער קאָן עס אויפקלערן, על-פי שכל, דעם זינען, פאַרוואָס יידן זענען שטענדיק קרבנות-גרייט אויפן מזבח פון אברהם אָבינו? דאָס זענען נשמה-געפילן, און געפילן זענען העכער פון שכל. דערפאַר מעגן מיר זיך פאַרגינען צו שמועסן ווען נישט ווען מכוח דעם סדר פון קרבנות.

* * *

נאָך דעם ווי די קינסטלער בצלאל און אהליאב, האָבן געהאַט פאַרטיק-גרייט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַרן משכן: דעם מזבח, די מנורה, דעם אָרון-קודש און אַלע אַנדערע כלים, לויט די צייכענונגען וואָס משה רבינו האָט געבראַכט פון באַרג סיני, האָט ג-ט געזאָגט צו משהן, אַז ער פערזענלעך

זאָל אויפשטעלן דעם משכן, און זאָל אַריינשטעלן אין משכן אַלע אויבנדער־מאָנטע זאַכן, יעדע זאַך אויף איר פּלאַץ, לויט ווי עס איז אים אָנגעוויזן גע־וואָרן. און גלייך ווי משה האָט געענדיקט די אַרבעט, האָט די געטלעכע פּראַכט אָנגעפילט דעם משכן.

וויפל משה האָט זיך עס אָנגעליטן און אָנגעהאָרעוועט, ביז ער האָט זוכה געווען צו זען דעם הייליקן צענטער פּאַרטיק. משה אַליין, בכבודו ובעצמו, האָט באַקומען דעם גרויסן כבוד, אַז ער, מיט זיינע הענט, זאָל אויפשטעלן דעם געצעלט, וואו די שכינה וועט רוען. איז ווי נאָר ער האָט פּינקטלעך געענדיקט די הייליקע אויפגאַבע, מיטן גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ, „ולא יכול לבוא אל אהל מועד" — משה האָט נישט געקאָנט אַריינ־גיין אין אהל־מועד.

משה האָט עס מקבל באהבה געווען, און האָט נישט געפרעגט:

— ס'טייטש! איך, וואָס בין געווען פערציק טעג אויפן באַרג סיני, וואו איך האָב געלערנט דאָס געטלעכע וואָרט, און געבראַכט אַ תורה פאַר דער מענטשהייט; דורך מיין מויל איז גערעדט געוואָרן גאָטס וואָרט; איך בין דאָך געווען ווי אַ מלאך — זאָל איך נישט טאָרן אַריינגיין אין דעם אהל־מועד, וואָס כ'האָב מיט מיינע הענט אויפגעשטעלט?

ביי משהן, דער דינער פון אַ פאָלקס־שליחות; ביי משהן דעם פאָלקס־מענטש זענען אַזעלכע געדאַנקען נישט מעגלעך געווען, דערפאַר, וואָס ער, משה, האָט נישט געפילט אַז ער איז „אַ משה".

וויפל חן, וויפל יידישע שיינקייט ליגט עס אין דעם נישט־פילן, אַז מען איז „אַ משה", זייענדיק אַ משה!

נישט דערפאַר וואָס דער גורל, אָדער דער צופאַל שטעלט אַוועק איי־נעם צו זיין אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, גיט עס אים אַ רעכט צו פאָדערן פאַר זיך פּריווילעגיעס, אָדער ספּעציעלע כיבודים.

דער וואָס איז באַרופן צו זיין אַ פאָרשטייער פון אַ געזעלשאַפט, אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע, מוז שטענדיק געדענקען, אַז ער האָט העכערם איבער זיך און העכער זענען די וואָס האָבן אים אָנפאַרטרויט די פירער־שאַפט. דער וואָס פאַרדינט דעם צוטרוי טאָר נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס אַ דינער פון אַן אונטערנעמונג מיט אַ געוויסן אידעאַל, איז דעריבער ראַטזאַם אַז ער זאָל זיך אויסהיטן פון דער שוואַכ־קייט צו מיינען, אַז ער איז „אַ עפּעס".

* * *

און משה האָט געענדיקט די אַרבעט און נישט געקאָנט אַריינגיין אין אהל־מועד, ביז גאָט האָט אים גערופן.

„ויקרא אל משה" — ג־ט האָט גערופן משהן און גערעדט צו אים „מאהל־מועד" — פון אהל־מועד, נישט אין אהל־מועד, און האָט געזאָגט צו משהן, אַז ער זאָל רעדן צו די בני־ישראל וועגן דעם סדר פון די קרבנות.

קרבנות! יעדער מענטש קאָן באַגיין אַ פעלער. יעדער קאָן גע־שטרויכלט ווערן מיט אַ טעות וואָס ברענגט צו זינד, אָבער דאָס דאַרף נישט פירן צו מינדערשעצונג פון דער אייגענער פערזאָן. אַבי נאָר מ׳פאַרמאָגט געטנוג מוט צו אָנערקענען דעם פעלער, אָדער דעם טעות, ווען אַפילו דאָס אָנערקענען דאַרף קאָסטן אַ קרבן. אַגב, איז דאָס מודה זיין זיך, אַז מען האָט הרטה, אַ ווירקזאַמער מיטל אַז מ׳זאָל אויף ווייטער זיין מער פאַר־זיכטיק און נישט באַגיין נאָך אַמאָל דעם זעלבן פעלער.

משה שטעלט אוים דעם סדר פון די קרבנות, פון וואָס די קרבנות דאַרפן באַשטיין, וועלכע זענען נישט ביי אַלע זינד גלייך, און אויך נישט פאַר אַלע זינדיקע גלייך; און אויך אין דעם באַווייזט זיך די גרויסקייט פון דעם געטלעכן פירער און לערער — משה.

געדענקט איר ווען משה האָט געשטעלט דעם ערשטן אויפן צעטל?

משה הויבט אָן מיטן ערשטן: „אם הכהן המשיח יחטא" — אויב דער געזאַלבטער כהן וועט זינדיקן... דער געזאַלבטער כהן, דאָס איז דער העכסטער גייסטלעכער מאַן ביים יידישן פאָלק. איך שטרייך אונטער „ביים יידישן פאָלק" און נישט פון דעם יידישן פאָלק, און נישט פון דעם יידישן לאַנד. ווייל די השפעה, די מאָראַלישע ווירקונג פון דער גייסטיקער פער־זענלעכקייט שפרייט זיך אוים פיל ווייטער ווי אויף דער פאָלקס־טעריטאָ־ריע. געטלעכער גייסט ווייסט נישט פון קיין גרענעצן. די לערע פון אונד־זער תורה, די שיינע זיטן, די מוסטערהאַפטע גוטע אויפפירונג פון דעם אמת גייסטיקן מענטש, ווייסט נישט פון שטח און צייט.

לאָמיר אָנרופן אַ קאָנקרעטן ביישפּיל: די הנהגה פון דעם נשיא פון מדינת־ישראל, ירום הודו, זיין ביישפּיל פון אהבת־ישראל און תורת־ישראל, ווירקט נישט בלויז אויף די בירגער פון מדינת־ישראל, נאָר אויך אויף די יידן פון דער גאַנצער וועלט. זיין אַנטלויפן פון מותרות, פון לוקסוס, סיי אין פריוואַטן לעבן ווי אין זיין אַמט, אַלס ערשטער בירגער פון דער מדינה; זיין באַציאונג צו מענטשן, אָן אונטערשייד פון קלאַס, אָדער פּאָזיציע, דינט אַלס מוסטער און דערהייבט דעם גייסט פון פאָלק; און ער איז דער מאַן וואָס ווערט אָנערקענט און רעספּעקטירט אַלס מנהיג־הדור.

אומקערנדיק זיך צום ענין: דער געזאַלבטער כהן, אַלזאָ, איז געווען דער אָנערקענטער גייסטיקער פאָרשטייער פון די בני־ישראל, און דער היי־ליקסטער מאַן, וואָס נאָר ער אַליין האָט געהאַט דאָס רעכט צוצוקומען אין די הייליקע פלעצער פון בית־המקדש אין דעם הייליקסטן טאָג פון יאָר — יום־כיפּור, און טון די הייליקסטע גאָטעסדינסט. איז גראָד אים, האָט משה

רבינו געשטעלט דעם ערשטן צו וואָרענען, אַז ער זאָל ברענגען אַ קרבן, און ער פּערזענלעך מוז קומען צום אהל־מועד און עפנטלעך דורכפירן די גאַנצע צערעמאָניע, ווען ער וועט באַגיין אַ זינד.

אויב מען וויל אָפּהיטן אַ געמיינדע פון טעותים און פעלערן, מוז מען אָנהייבן פון אויבן אַראָפּ. דאָס זענען די וואָס שטייען אין דער שפּיץ, וואָס דאַרפן געבן די ערשטע דעם גוטן ביישפּיל; און אַז זיי גיבן נישט קיין גוטן ביישפּיל, טאָרן זיי נישט זיין קיין פאַרשטייער.

* * *

און די צוויי אין אָרדענונג שטעלט משה, „ואם כל עדת ישראל ישגו ונעלם דבר מעיני הקהל" — און אויב די גאַנצע עדה פון ישראל וועט פאַר־זען. ווייל אַ זאַך וועט זיך פאַרהוילן פון די אויגן פון קהל...

אייגנטלעך איז דאָך דאָס כמעט אַן אומגלויבלעכע זאַך. ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ גאַנצע געמיינדע, גאַנץ קהל זאָל נישט וויסן אַז זיי באַגייען אַן אומגערעכטע זאַך? עס קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז צווישן אַ גע־זעלשאַפט זאָלן זיך נישט געפינען איינער, צי איניקע, וואָס זאָלן נישט וויסן אונטערצושיידן פון גוט ביז שלעכט?

עס דערקלערט זיך אָבער דאָך. ווען די העכסטע מאַכט, ווען דער אָדער די, וואָס האַלטן דעם רודער אין זייערע הענט קירעווען אים אין אַ פאַלשער ריכטונג, דעמאָלט ווערט דאָס גאַנצע פאָלק מיטגעשלעפּט, פאַר־נאַרט און אַראָפּגעפירט פונעם דרך־הישר.

מיר, דאָס יידישע פאָלק, פילן עס איצט אויף אונדזער אייגענעם קער־פּער, וואָס פאַראַ אָפענע אינטריגעס, וואָס פאַראַ געמיינעם שפּיל מען האָט עס געפירט קעגן מדינת־ישראל; און אַ גאַנצע וועלט האָט זיך געלאָזט פירן פון איינעם מיט אַ פאַרזשאַווערטן קאָפּ, און פון אַ צווייטן מיט אַ דלותדיקן האַרץ, וואָס אומגליקלעכערווייז, האָט זיי דער גורל אַוועקגע־שטעלט אַלס פירער פון איינע פון די גרעסטע פעלקער, מיט אַ ריוואַל, וואָס האָט מיטן כוח פון גהינום צוגענומען די קעפּ ביי הונדערטער מיליאָ־נען מענטשן און לאָזט זיי זיך אַרומדרייען אויפן עולם־התהו. די קעפּ וואָס זיי טראָגן אויף זיך, זענען עס נאָר צוליב געבן זיי אַ פּאַרעס, און טאָמער כאַפּט זיך אַריין ביי איינעם אַ געדאַנק, און פרעגט: —אויב אַזוי, צו וואָס דאַרף איך אינגאַנצן די קאָפּ? נעמט מען עס טאַקע צו ביי אים, און זאָל ער נישט טומלען!

ווען מיר לייענען די היסטאָריע און מיר טרעפן זיך אָן מיט עפּאָכעס, וואו איינצלנע מענטשן, איין שיכורער פּריץ, איין אויסגעלאַסענער, פאַר־דאָרבענער מענטש האָט געהערשט איבער טויזנטער שקלאַפן, וואונדערן

מיר זיך, ווי איז עס מעגלעך געווען? און אין דער איצטיקער צייט פּאַסירט נאָך עטוואָס ערגערס, און די זון שטעלט זיך נישט אָפּ. און נישט די פּעל־קער זענען שולדיק, נאָר די רעגירער. אָבער, דאָס פאָלק דאַרף ברענגען קרבנות, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, ביז ער דערקענט אַז ער איז פאַרפירט געוואָרן.

און דאָס שרעקלעכסטע איז, וואָס די פאַרפירערס און אינטריגאַנטן וועלן ווילן ברענגען ישראל אַלס קרבן. אָבער, צום גליק פון דער מענטש־הייט, זאָגט ישראל: גענוג! גענוג קרבנות האָבן מיר געבראַכט. און מיר וועלן מער נישט דערלאָזן אַז אַנדערע זאָלן באַגיין פאַרברעכנס און ישראל זאָל זיין דער קרבן, ניין! ניין!

* * *

און דעם דריטן, לויטן סדר, שטעלט משה „אשר נשיא יחטא" — אַז אַ נשיא, אַ פּרעזידענט זינדיקט.

אַ נשיא קומט דער דריטער אין דער רייע, נאָך דעם פאָלק. ווייל דאָס פאָלק קלייבט אויס דעם נשיא. און נישט דער נשיא קלייבט אויס דאָס פאָלק; אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז דער פּרעזידענט, צי די אַנדערע וואָס פאַרנעמען העכערע אַמטן, דאַרפן זיין מענטשן וואָס זאָלן געבן כבוד זייערע פּאָזיציעס. דער פּרעזידענט, מיט זיינע מעשים, דאַרף פאַרשאַפן כבוד און רעספּעקט דער אינסטיטוציע, און נישט די פירער זאָלן זיך נעמען כבוד פון דער אינסטיטוציע.

דער נשיא דאַרף נישט חנפענען זיינע וויילער און טאָר נישט אויפנע־מען חניפה פון די זעלבע.

די פירער מעגן גלויבן, אַז זיי זענען אימשטאַנד צו טון גוטס פאַר דער געזעלשאַפט, אָבער באַרימען זיך דערמיט איז נישט שיין און נישט אַנ־שטענדיק.

אויפריכטיקע עסקנים קלייבן אָן מאָראַל־קאַפּיטאַל, אָבער נעמען פּראָ־צענט פאַרן קאַפּיטאַל, פאָדערן כבוד און זיך באַנוצן מיט וועטעראַניזם אַלס „אַ עפּעס" — דאָס איז נישט מעשה נשיא. מען מעג נעמען כבוד פאַר די פאַרדינסטן פון היינט, נאָר נישט פאַרן נעכטן, אויב מ'גיט אַליין נישט אָפּ כבוד דעם אייגענעם נעכטן.

זאָלן דאָס די פּרעזידענטן נעמען אין אַכט, אַז זיי קומען די דריטע אין דער רייע. זיי זענען אויף צו דינען די מאַסן און נישט איבער די מאַסן. אויב זיי באַגייען אַ פעלער, דאַרפן זיי ברענגען אַ קרבן.

* * *

דער פּערטער קומט דער איינצלנער, דער יחיד. און עס איז אינטערע־סאַנט מיט וואָס פאַר אַ פּיעטעט משה רבינו באַציט זיך צום איינצלנעם ייד. ער באַצייכנט אים נישט מיטן וואָרט אָדם, איש, וואָס באַדייט אַ מענטש, נאָר ער רופט אים אָן נפש, וואָס איז אַ העכערער באַגריף. נפש באַדייט אויך נשמה, און ווערנד ביי די פריערדיקע דריי ווערט נישט דערמאָנט אין וואָס עס באַשטייט די זינד, איז ביים איינצלנעם ייד, רעכנט אויס די תורה וועלכע זינד מען מיינט; און הייבט אָן מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען זינד קענען זיך אַליין, ווי די: טאָמער האָט ער זיך אָנגערירט אין אַן אומריינע זאַך, אין אַ שרץ, אָדער ער האָט זיך אויסגערעדט מיט אַ שבועה, צי ביים זיין אַן עדות, דאַרף ער זיך מתוודה זיין און ברענגען אַ קרבן.

און דאָ ווייזט זיך אַרויס נאָך אַ שטריך פון איידלקייט, און ווי אַזוי מען דאַרף אָפּהיטן דעם כבוד פון חבר.

דער כהן, דער קהל, דער נשיא איז נישט דערמאָנט, אַז זיי דאַרפן זיך מתוודה זיין אויף זייערע זינד; מען טאָר זיי נישט פאַרשעמען פאַרן פאָלק.

* * *

אָט אַזוי געפינען מיר פּערל. די שענסטע מאָראַלישע שטריכן אין תו־רת־משה, אַפילו אין זאַכן וואָס מיר, מיט אונדזער איינפאַכן פאַרשטאַנד, באַגרייפן עס נישט, ווי עס זענען די פּרשות פון קרבנות.

ווי גרויס איז געווען משה, ביז נישט צו וויסן, אַז ער איז „אַ משה".

אפשר האָט חיים נחמן ביאַליק ז"ל, טאַקע אין זינען געהאַט אָט די משהלעך און שלמהלעך, וואָס האָבן געוואוסט, אַז אַלס פירער טאָר מען זיך נישט צופרידנשטעלן מיט דעם שכל וואָס מען פאַרמאָגט, נאָר זוכן צו באַקומען מער און מערער שכל, ביז צו וויסן אַז דעם מענטשן פעלט שטענ־דיק נאָך אַביסל שכל.

יידן! לאָמיר נישט דאַרפן באַדויערן וואָס דער שכל קומט צו אונדז מאָרגן, נאָר לאָמיר צוגרייטן דעם שכל נעכטן, כדי צו קאָנען אים באַנוצן היינט, צו פאַרזיכערן שכלדיק דעם מאָרגן.

לאָמיר ברענגען אונדזערע פרידלעכע געלט־תרומות אין צייט, אַלס קרבנות אויפן מזבח פון אברהם אָבינו, וועמען עס איז צוגעזאָגט געוואָרן אַז זיינע קינדער וועלן באַזיצן גאַנץ ארץ־ישראל.

בְּחֻקֹּתַי

ב.

„אם בחקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם", — אויב איר וועט גיין אין מיינע געזעצן און היטן מיינע געבאָטן און זיי טון, — האָט משה רבינו פאַרשפּראָכן אַ רואיק, זיכער לעבן אויף דעם אייגענעם באָדן אין ארץ־ישראל, אין אַלע אַספּעקטן: עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, אינדיווידועל און געזעלשאַפטלעך.

די אַלע גוטע פאַרשפּרעכונגען זענען אויסגעדריקט אין צען פסוקים.

„ואם לא תשמעו לי ולא תעשו את כל המצות האלה", — און אויב איר וועט זיך נישט צוהערן צו מיר, און וועט נישט טון די אַלע דאָזיקע געבאָטן, וועלן קומען אַלע אומגליקן אויפן יידישן פאָלק; עס וועט פאַרשאָלטן ווערן דאָס לאַנד, די ערד, די הימלען, און די דאָזיקע קללות פאַרנעמען פינף און צוואַנציק פסוקים.

אייגנטלעך, על פי יושר, האָט דאָך משה, נאָכדעם ווי ער האָט אויס־גערעכנט די ברכות: דאָס געראָטעניש וואָס עס וועט זיין אויף די פעלדער, די פרוכטבאַרקייט פון דער באַפעלקערונג, די זיכערקייט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, ווען די יידן וועלן אָפּהיטן די יידישע געבאָטן, — גע־דאַרפט זאָגן אין קורצע ווערטער, אַז אין קעגנפאַל, ווען די יידן וועלן נישט אָפּהיטן דאָס וואָס די תורה לערנט אונדז, וועלן זיי געשטראָפט ווערן; די אַלע ברכות וועלן זיי נישט באַקומען — וועט דאָך שוין ממילא זיין קללות. די פעלדער וועלן נישט געבן קיין פרוכט, די באַפעלקערונג וועט נישט גרע־סער ווערן, די שונאים וועלן זיי באַפאַלן. וואָס קאָן נאָך זיין ערגער?

און אין אַלגעמיין איז עס דאָך נישט גערעכט, עס דאַרף דאָך זיין מידה כנגד מידה. פאַר אַ גוטן טאַט קומט אַ ברכה, פאַר אַ שלעכטן — אַ קללה. אָבער נישט דריי קללות קעגן איין ברכה.

און ווי קומט עס וואָס משה רבינו, ער, וואָס האָט אַזוי פיל מאָל, אין קריטישע מאָמענטן זיך איינגעשטעלט פאַרן יידישן פאָלק; משה, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן צום רבונו־של־עולם אַליין: אויב דו וועסט טון

שלעכטס דיין פאָלק ישראל, זאָלסטו פריער אויסמעקן מיין נאָמען פון דער תורה; משה, דער געטלעכער מאַן, זאָל מיט זיין היליק מויל אַרויסברענגען אַזוי פיל שרעקלעכע קללות אויפן פאָלק, וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

מער ווי איין מאָל טראַכט זיך: ג־ט האָט דאָך זיכער געוואוסט אַז די יידן וועלן זיך פאַרזינדיקן, זיי וועלן נישט אויספאָלגן די געבאָטן וואָס זענען אָנגעשריבן אין דער תורה, און ער וועט מוזן אָנווענדן די שטראָף, טראָץ אַלע שטרענגע וואָרענונגען פון דער תוכחה. איז, פאַרוואָס האָט ג־ט אויסגעקליבן דווקא דאָס פאָלק ישראל, און נאָר די בני־ישראל האָט ער אָנפאַרטרויט אָט דעם טייערסטן אוצר וואָס די וועלט פאַרמאָגט — די תורה?

און דאָס פאָלק זעלבסט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעהערט אַזעלכע שרעקלעכע קללות, נאָך מיט אַ צוזאָג, אַז זיי וועלן נאָך ליידן מערער וויפל עס איז אויסגערעכנט אין דער תוכחה, ווי קומט עס וואָס זיי זענען געבליבן אַזוי פּאַסיוו און האָבן נישט רעאַגירט. צו וואָס האָט זיי געטויגט דער גאַנצער עסק? זיי האָבן דאָך געזען אַז ס׳זענען פאַראַן פעלקער, וואָס זיצן רואיק אויף זייערע לענדער, לעבן זייער אייגענעם לעבן, אָן קיין קאָמפּראָמיסן מיט קיינעם. צו וואָס האָבן די בני־ישראל געדאַרפט נעמען אויף זיך קאָמפּראָמיסן, וואָס פאַרפליכטן זייערע קינדער און קינדס־קינדער אויף אַלע אייביקייטן, אָן אַ סוף?

צו וואָס האָבן זיי עס געטון?

אָבער דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז ג־ט האָט, טראָץ דעם וואָס ער האָט געוואוסט אַלע חסרונות פון די בני־ישראל, און אַז עס וועט קומען צו קאָנפליקטן צווישן פאָלק און זיין תורה, האָט ער אָבער קיין בעסער פאָלק נישט געפונען. ג־ט האָט געוואוסט אַז דאָס איז דאָס איינציקע דויערהאַפטיקע פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אין זיך דעם אויסערגעוויינלעכן כוח צו שטיין אַליין אין דער וועלט. זיי, די בני־ישראל, קאָנען בלאָנדזשען, זיי קאָנען אַמאָל אַראָפּ פון ריכטיקן וועג, אָבער נישט דאָס גאַנצע פאָלק און נישט די גאַנצע צייט. דער יסוד בלייבט שטענדיק פעסט. די געשיכטע באַשטעטיקט דאָס. עס באַלאַנסירט זיך. אָט דאַכט זיך, אַז די אַסימילאַציע שלינגט אונדז איין, שטאַרקט זיך אויף אַ צווייטן פלאַץ דאָס יידישע לעבן, קומען־אויף חדרים, ישיבות, אפילו אין אַזעלכע ערטער און דורך אַזעלכע עלעמענטן פון וועלכע מען האָט נישט דערוואַרט. און אין שווערע מאָמענטן זענען אברהם אָבינוס אייניקלעך גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער, אין קאַלך־אויוונס און אין לייבן־גרובנס, מקדש השם צו זיין.

און די בני־ישראל האָבן נישט געקאָנט צופּאַסן פאַר זיך קיין אַנדער ג־ט, אַזעלכע ווי עס האָבן געמאַכט די אומות העולם. זיי, די אַנדערע פעלקער, האָבן געשטאַלטעט, געפורעמט, געצירקלט זייערע געצן לויט זייער

פאַנטאַזיע, און האָבן געביטן זייערע געטער לויט די אומשטענדן. אָבער ביים יידישן פאָלק איז פּונקט דער היפּוך: נישט דאָס פאָלק האָט געפאָרעמט אַ ג־ט, נאָר ג־ט האָט געפורעמט דאָס פאָלק. דאָס יידישע פאָלק איז שטענדיק און אייביק אונטער דעם דירעקטן אויפזיכט פון דער אומזעבאַרער און אומבאַגרייפלעכער געטלעכקייט, וואָס קאָן נישט פאַרביטן ווערן. דעריבער איז דאָס יידישע פאָלק אייביק, ווייל זיין פילאָזאָפישע אָנשויאונג פון געטלעכקייט איז אַן אייביקייט, און דערפאַר זענען זיי אומצעשיידבאַר, ביז הימל און ערד וועלן עקזיסטירן.

לאָמיר זיך אומקערן צום ענין. משה רבינו האָט מיט דער תוכחה געשטעלט דאָס יידישע פאָלק פאַר אַ נסיון. ער האָט אָנגעשראָקן די בני־ישראל מיט דאָס ערגסטע וואָס אַ מענטשלעכער מוח קאָן אויסטראַכטן, אין פאַל זיי וועלן אַראָפּ פון דרך־הישר. משה רבינו האָט געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס וועט מאַכן אויף זיין באַליבט פאָלק, און ווי וועט דאָס פאָלק רעאַגירן. און אַז ער האָט געזען, ווי דאָס פאָלק האַלט זיך סטאָאיש, ער פילט זיך גענוג גייסטיק שטאַרק, און האַלט זיך פעסט ביי זיין אידעאַל, אין זיין אמונה, האָט משה באַטראַכט די עדה יידן, זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט שטאָלץ, און האָט איבערגעריסן מיט די קללות און געזאָגט, טראָץ דעם אַלעמען: „וזכרתי את בריתי יעקב" — איך וועל זיך דערמאָנען פון מיין בונד מיט יעקבן, און אויך מיין בונד מיט יצחקן, און אויך מיין בונד מיט אברהמען וועל איך זיך דערמאָנען, „והארץ אזכור" — און אין דעם לאַנד וועל איך זיך דערמאָנען.

וואָס לערנט אונדז דער דאָזיקער פּסוק?

דער פּסוק לערנט אונדז, אַז אויב דאָס יידישע פאָלק וועט זיך פאַרזינדיקן, וועט ג־ט זיך דערמאָנען אין דעם זכות פון יעקבן, און אויב דאָס וועט נישט גענוג זיין, וועט ער זיך דערמאָנען אין דעם זכות פון יצחקן, און אויב ביידע אָבות וועלן נישט זיין גענוג, וועט ער זיך דערמאָנען אין דעם ערשטן פאַטריאַרך, וואָס האָט דער ערשטער אַנטדעקט די אחדות־הבורא און אַ דאַנק אים איז פאַראַן אַ יידיש פאָלק, וואָס פאַרשפרייט דאָס געטלעכע געדאַנק. די העכסטע מאָראַלישע לערע צווישן מענטשן אויף דער ערד. נאָר אויב דאָס וועט אויך זיין נישט גענוג, ווייל דאָס פאָלק וועט זיך שטאַרק האָבן פאַרזינדיקט, דאַן — „והארץ אזכור" — וועל איך דערמאָנען דאָס לאַנד!

אין קריטישע מאָמענטן פאַרן פאָלק, וועט ג־ט דערמאָנען זיין לאַנד — ארץ־ישראל!

לאָמיר עס אַריינגעמען גוט אין זינען. דער גרעסטער זכות וואָס דערהאַלט דאָס יידישע פאָלק איז — דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד ארץ־ישראל!

ארץ־ישראל קאָן נישט זיין אָן יידן, און יידן קאָנען נישט זיין אָן ארץ־ישראל!

און די ביידע, דאָס יידישע פאָלק און ארץ־ישראל, קאָנען נישט זיין אָן דער תורה.

און משה רבינו, נאָכדעם ווי ער האָט פּראָקלאַמירט די ברכות און די קללות מיט די נחמות, ענדיקט ער מיט די ווערטער: „אלה החוקים והמשפטים והתורות", — דאָס זענען די חוקים, די אַקסיאָמאַטישע פּרינציפּן, די משפטים — די געזעצן און די תורות, וואָס ג־ט האָט געגעבן, צווישן אים און צווישן די בני־ישראל, דורך משהן אויפן באַרג סיני.

דאָ איז קלאָר געזאָגט, אַז דער בונד, דער אָפּמאַך צווישן ג־ט און פאָלק פאַרפליכטעט ביידע צדדים גליך. אַזוי איז עס באַשטעטיקט געוואָרן אויפן באַרג סיני.

דאָס יידישע פאָלק האָט, אַלזאָ, אַלע הונדערט פּראָצענט רעכט. דאָס פאָלק האָט איבערגעטראָגן און אויסגעהאַלטן אויף זיינע פּלייצעס די גאַנצע תוכחה און נאָך מער, ווי עס איז געשריבן אין דער תוכחה. עס איז געליטערט געוואָרן זיבן מאָל זיבן מער ווי זיינע זינד און איז אַרויסגעקומען גאַנץ, קומט דאָך, על פּי דין און על פּי יושר, אַז מיר זאָלן שוין קומען אל המנוחה ואל הנחלה — מיר זאָלן באַקומען אונדזער גאַנץ ארץ־ישראל, אין שלום און אין פרידן.

ווי גרויס איז דער זכות פון פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּיראָ און פון ד"ר טעאָדאָר הערצל, וואָס דורך זיי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער „והארץ אזכור". זיי זענען די שעפער פון דעם אידעאַל און פאַרווירקלעכער פון קרן קימת לישראל, וואָס לייזט אויס דעם ארץ־ישראל־באָדן פון פרעמדע הענט און פון דער וויסטעניש, און שטעלט אים אין רשות פון גאַנצן יידישן פאָלק.

יעדער ייד דאַרף איצט, אין די שווערע מאָמענטן און תמיד האַלטן פאַר זיך מיט ליכטיקע גרויסע אותיות די צוויי ווערטער: „והארץ אזכור", וואָס זענען די הייליקסטע און ווירקזאַמסטע צו דער רעאַליזירונג פון די ברכות וואָס משה רבינו האָט אונדז געוואונטשן.

די לערערס אין די שולעס דאַרפן האַלטן לאַטענט אין די מוחות פון די קליינע קינדערלעך דעם „והארץ תזכור", וואָס וועט זיין אַ ברכה פאַר זיי. לאָמיר אַלע געדענקען, אַז די ברכה ליגט אין „והארץ תזכור".

* * *

אומעטום, אין גאַנצן תנ"ך, ביים מלמד זכות־זיין אויפן יידישן פאָלק, ווערן דערמאָנט די דריי פּאַטריאַרכן: אברהם, יצחק און יעקב. פאַרוואָס ווערט נישט דערמאָנט משה?

משה רבינו, וואָס האָט באַפרייט דאָס יידישע פאָלק פון שקלאַפערייי מיט אַזוי פיל מסירות-נפש, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן; משה דער רבי, דער מדריך, דער מנהיג, וואָס האָט געלערנט און קולטיווירט דאָס פאָלק אין דער מדבר, ביי די שווערסטע באַדינגונגען — ער האָט זיך אָנגעליטן צרות און יסורים און אַליין האָט ער גאָרנישט געגאָסן. ער האָט אַפילו נישט זוכה געווען צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן די פאַרווירקלעכונג פון זיין הייליקסטע שטרעבונג — צו באַטרעטן דעם באָדן פון ארץ-ישראל. און אפשר איז דאָס געווען מן השמים, כדי קיינער זאָל נישט קענען זאָגן, אַז משה האָט געהאַט דערביי אַ פּערזענלעכן אינטערעס. איי, איי, אַ סך פון אונדז וואָלטן זיך געדאַרפט פאַרטראַכטן איבער דעם, ווי פאַרזיכטיק מען דאַרף זיין נישט צו געבן קיין געלעגנהייט, אַז מען זאָל קאָנען האָבן דעם מינדסטן חשד פון פערזענלעכע אינטערעסן, וואָלט די יידישע גאַס געווען פיל שענער און פאָזיטיוו אַקטיווער. משה, וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַ תורה, וואָס קיין גלייכן צו איר איז נישטאָ, אין זיין זכות פאַר דער איי-ביקייט פון יידישן פאָלק, איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט, נישט אַפילו אין די תפילות וואָס די אנשי-כנסת-הגדולה האָבן מתקן געווען. פאַרוואָס?

משה, דער איש אלקים, דער געטלעכער מאַן, „ויגדל משה”, — ווען ער איז שוין אויסגעוואַקסן, גרויס געוואָרן אין דעם קעניגלעכן הויף, איז ער אַרויס זען וואָס עס טוען זיינע ברידער. און ווען ער האָט דערזען, ווי זיינע ברידער זענען הפקר, אויסער דעם וואָס זיי זענען שקלאַפן צום שטאַט, אַז יעדער נבזהדיקער מצרי איזדיעקעוועט זיך איבער זיי, האָט דערוואַכט אין אים די גייסטיקע גבורה פון די אָבות, וואָס זענען אַרויסגעטרעטן איי-נע אַליין קעגן די אָנשויאונגען פון דער גאַנצער וועלט אין יענער צייט. אַ נייער פילאָזאָפישער וועג איבער דעם זין פון מענטש און מענטשלעכקייט, אַז דער מענטש איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דאָס געטלעכע, און אַז אַלע מענטשן האָבן גלייכע רעכטן צו לעבן און עקזיסטירן.

משה האָט זיך אַליין באַטיטלט „עבד”. קנעכט. אָבער אַ קנעכט נאָר פון ג-ט, און צו דער זעלבער צייט האָט משה באַגריפן די געטלעכע אויפ-פאַסונג, אַז אַלע מענטשן זענען קנעכט צום אידעאַל פון געטלעכקייט, אָבער קיין מענטש קאָן נישט און דאַרף נישט הערשן איבער אַ צווייטן מענטש, אַפילו ווען איינעם טרייבט די נויט און ער האָט זיך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט, טאָר דער קויפער נישט אַרבעטן מיט אים ווי מיט אַ קנעכט, נאָר ווי מיט זיינס אַ גלייכן.

משהס תלמיד, זיין נאָכפאָלגער — יהושע, וואָס האָט אַריינגעפירט און איינגעאָרדנט די יידן אין ארץ-ישראל, האָט זיך באַטיטלט „משרת” — באַדינער.

אָט אין דעם איז באַשטאַנען משהס גרויסקייט. ער האָט זיך באַ-

טראַכט ווי אַ גלייכער מענטש פון פאָלק, אָן קיין שום פּרעטענזיעס אויף דאַנקבאַרקייט, אויף אָנערקענונג, אויף כבוד; און די דאָזיקע גרויסקייט ווערט אָנגעהאַלטן ביז היינט צו טאָג.

אָט אַזוי איז געווען און אָט אַזוי דאַרף בלייבן משה אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אָ, ווען אונדזערע פירער וואָלטן געלערנט אונדזער חומש און וואָלטן איינגעזאַפּט אין זיך כאָטש איין דאָזע פון משה דעם עבד ד׳, און פון יהושע דעם משרת-משה. פיל קנאה, שנאה וואָלט מען דאַן אויסגעמיטן. וויפל יידיש געלט וואָלט מען דאַן איינגעשפּאָרט פון באַנקעטן, וועטשערעס, כיבודים אד״ג.; וויפל קריגערייען, פאַרלוימדונגען, פּערזענלעכע באַליידי-קונגען וואָלטן נישט פאַרגעקומען, ווען מען ווייסט, אַז ביים אַרבעטן לטובת הכלל איז מען נאָר אַ משרת ביי אַן אידעאַל, ביים דינען דעם פאָלק.

זכות, פּריווילעגיעס, כבוד, קומט נאָר די פאָטערס און מוטערס — דאָס איז איינע פון די צען געבאָט. דעריבער האָבן דעם זכות אונדזערע אָבות און אמהות. ווענן אַלע אַנדערע, וואָס אַרבעטן פאַר כבוד און זוכן אַ זכות, האָבן אונדזערע חכמים שוין געזאָגט, אַז פון אַזעלכע אַנטלויפט דער כבוד, און אויב זיי דאַכט זיך אַז מען גיט זיי כבוד, איז עס פוסטער, אָפּגע-נאַרטער כבוד.

היינט צו טאָג, ווען מיר האָבן דעם זכות צו זיין בני-אברהם, יצחק און יעקב, דאַרפן מיר אַלע אַרבעטן פאַר דעם העכסטן זכות: „והארץ אזכור“.

סֵפֶר בַּמִּדְבָּר

דער טיפער יידישער דענקער, מיט אַ פול הארץ פון אהבת־ישראל, י. עפרויקין ז"ל, זאָגט:

„... פאַראַן ביי אונדז אַ רעליגיעזע פאַרשטעלונג, אַז די יידישע רדיפות זענען ג־טס בייטש, כדי אָפּצוקערן דאָס פאָלק ישראל פון זינד און אים אומקערן צו יידישקייט, צו דער יידישער תורה.

„די דאָזיקע רעליגיעזע אידעע איז די פרוכט פון אַ גרויסער היסטאָרישער דערפאַרונג. דער גלות ברעקלט אונדז, גראָבט אונטער אונדזער יידישקייט. שווער איז פאַרן יחיד צו טראָגן דעם יאָך פון יידישן גורל, און ער זוכט צו אַנטלויפן פון אים אין דער פרייער וועלט אַריין. און זוער ווייסט וואָס פון אונדז וואָלט געוואָרן, ווען נישט דער אָפּשטויס־קראַפט פון דרויסן, וואָס טרייבט אונדז צוריק אין אונדזערע אייגענע גרענעצן. די דאָזיקע קראַפט באַווייזט, ווי אילוזאָריש עס איז דער חלום זיך צו ראַטעווען, אַנטלויפנדיק פון דעם יידישן כלל, און עס מוז אַלץ מער קלאָרער ווערן פאַר יעדן ייד דער אַלטער אמת, וואָס איז גילטיק אין אַלע צייטן, ווען מיר האָבן אויסצושטיין שווערע נסיונות: אָדער מיר ווען אַלע אונטערגיין, יעדערער אין זיין באַהעלטעניש, אָדער מיר וועלן אַלע זיך ראַטעווען דורכן כלל, דורך טרייהייט צו אים, דורך קרבנות פאַר אים.

„דאָס אויבערשטע קריטעריום פון אונדזער אויפפירונג דאַרף זיין דער קיום פון דער אומה, דאָס אָפּהיטן אונדזער גייסטיקע פערזענלעכקייט.

„דער קאַמף פאַר אונדזער עקזיסטענץ צווישן די פעלקער און פאַר אונדזערע מענטשלעכע רעכט וועט ערשט דעמאָלט ווערן אַ רעאַליטעט און נישט קיין נאָכגעקרימטע פראַזע, ווען מיר וועלן ווידער געפינען דעם וועג צו זיך און צו אונדזער מקור. אין אונדז גופא ליגט נאָך אַ שלל פון גייסטיקע כוחות, מען דאַרף זיי נאָר קאָנען אויסגעפינען, זיי צונויפקלייבן און מיט זייער הילף זיך אָקעגנשטעלן".

ברילאַנטענע געדאַנקען צום לערנען און געדענקען: „געפינען דעם וועג צו אונדזער מקור". כדי צו געפינען מוז מען זוכן, און אין דעם זוכן

ליגט די חכמה און ריזיקע: ראשית, דאַרף מען וויסן וואו צו זוכן און וואָס מען וויל געפינען; שנית, מוזן מען זיין פאַרזיכטיק מיט זיך אַליין, דערפאַר ווייל אויפן וועג פון דער זוכעניש טרעפט מען זיך אָן מיט פאַקטן און פאַ־סירונגען וואָס האָבן דורכגעקרייצט אין פאַרלויף פון דער געשיכטע, וועלכע קאָנען פאַרפירן אויף זייטיקע וועגן, נישט קיין געוואונטשענע.

דער מקור, דער קוואַל פון יידישקייט איז ריין, לויטער, ווי די ריינ־קייט און ליטערקייט פון הימל־בלויקייט. קיין בעסערער קוואַל, וואו צו זוכן און צו געפינען אינהאַלט און אָנהאַלט, ווי אין אונדזערע הייליקע שריפטן — איז נישטאָ.

אין אונדזער תנ״ך זענען אָנגעוויזן נישט בלויז די גוטע וועגן, ווי צו גיין, נאָר עס ווערן אויך דערציילט און געשילדערט די טעותדיקע, קרומע וועגן אויף וועלכע דאָס פאָלק איז צייטנווייז פאַרקראָכן; און נאָכמער ווי דאָס פאָלק, האָבן זיינע פירערס אים פאַרפירט, און די שעדלעכע קאָנסעק־ווענצן וואָס זיי האָבן געבראַכט. און די וואָס זוכן און ווייסן וואָס זיי זוכן— געפינען אין דעם דעם שענסטן מוסר־השכל פאַר זיך, פאַרן געזעלשאַפט־לעכן לעבן, פאַר איצט און פאַר שפּעטער.

* * *

לאָמיר אַ זוך טון אין חומש „במדבר״, וועלכן מען לייענט אין די איצ־טיקע שבתים.

משה רבינו באַקומט אַ באַפעל פון דעם אַלמעכטיקן צו אָרגאַניזירן אַלע מיליטער־פעאיקע —העכער פון צוואַנציק יאָר—, אין לעגיאָנען, פון יעדן שבט באַזונדער; יעדער לעגיאָן מיט זיין נשיא, באַשטימט פון ג־ט אַליין; יעדער שבט מיט זיין דגל, מיט זיין עמבלעם. יעדן לעגיאָן איז אָנגעצייכנט געוואָרן זיין פּלאַץ און דער מאַרשרוט, ווי זיי דאַרפן גיין, אַרומרינגלענדיק סטראַטעגיש דעם גייסטיקן צענטער — דעם משכן. און אין דער זעלבער צייט לערנט משה מיטן גאַנצן פאָלק ציווילע דינים — פאַרן יחיד און פאַר דער געזעלשאַפט.

אָרדענונג, דיסציפּלין, פאַרטיידיקונגס־פאָרמען, מיט קולטור און וויסן צוזאַמען.

אַזוי, אַז אויב אונדזער העלדישע צבא הגנה לישראל האָט אין זיינע טריאומף־מאַרשן זיך באַנוצט מיט די סטראַטעגישע געניג פון אונדזערע אַמאָליקע קעמפער, קאָן אויך צוגערעכנט ווערן אַז דאָס איינפירן די סיסטעם פון לערנען דעם מיליטער די שפּראַך, אַגריקולטור, וויסנשאַפט א״אַוו. — איז נישט קיין נייעס. משה רבינו האָט עס פּראַקטיצירט אין מדבר. דאָס,

איז אַ יידישע אייגנשאַפט נאָך פון אברהם אָבינו — מענטשלעכקייט בעת פּאַר מלחמה; געזיגט אין דער מלחמה און האָט נישט געוואָלט גענימען פון זיג, אַפילו נישט קיין שיך־בענדל.

אַ פריי פאָלק, אַ תורה, אָרדענונג, לימוד, חינוך — דאַכט זיך אַלץ שיין און גוט, און פלוצים „ויהי העם כמתאוננים" — דאָס פאָלק האָט זיך באַקלאָגט אויף שלעכטס. וואָס פאַר אַ שלעכטס ווערט נישט געזאָגט. עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פייער ביים עק פון דער מחנה, און אַ פייער פון מחלוקת אַז עס כאַפּט זיך אַריין, ווערט עס געפערלעך. דאָס פאָלק האָט דערפילט די געפאַר, האָט עס געשריגן צו משהן. משה האָט מתפלל געווען צו ג־ט און דאָס פייער איז איינגעשטילט געוואָרן.

איז ווידער אַמאָל גוט, אָבער „והאספסוף אשר בקרבו" — די צונויפגעלאָפענע וואָס צווישן פאָלק „התאוו תאוה" — איז זיי אָנגעקומען די תאווה. וואָס איז? — זיי האָט זיך פאַרוואָלט עסן פלייש.

נו, עסן פלייש אָן און פאַר זיך איז נישט קיין זינד. נאָר די „אספסופניקעס" איז נישט געגאַנגען אינעם עסן פלייש. זיי האָבן געהאַט גענוג אייגענע קי און אָקסן. די צרה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן געפאָדערט „מי יאכילנו בשר" — ווער וועט אונדז געבן פלייש צום עסן. דאָס איז די אייביקע צרה מיט יענע לייט, וועלכע האָבן שטענדיק פּרעטענזיעס צו יענעם: יענער דאַרף זיי צוגרייטן, יענער דאַרף זיי פאַרזאָרגן אַלץ צו גענוג און צו דער צייט, — צו וואָס איז ער אַ פּרעזידענט? און זיי, די „אספסופים", האָבן נאָר איין אויפגאַבע — צו זוכן פעלערן.

אויף דער היינטיקער, מאָדערנער שפּראַך, וואָלט דער אויסדרוק „אספסוף" געקאָנט אָנגעווענדעט ווערן אויף די יעניקע, וואָס באַנוצן זיך מיט די אַרגומענטן: מען זאָגט", „די גאַס רעדט", „די שטאָט גייט כאַדאַראַם".

ווער איז דער „מען", וועלכע „גאַס", וואָס פאַר אַ „שטאָט"? — קיינער ווייסט נישט. אָבער עס פאַרמאָגט אין זיך אַ דעמאַגאָגישן כוח אָנצוטון צרות, אָפּצושוואַכן די הענט פון די עסקנים און שעדיקן די אַרבעט.

די „אספסופים" האָבן געוויינט, זיי ווילן פלייש, דערמאָנענדיק דעם וואוילטאָג פון מצרים, וואו זיי האָבן געגעסן פיש מיט ציבעלעס אומזיסט, און דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע משפחות, האָבן מיטגעוויינט.

ווען משה האָט דאָס דערהערט, וויסנדיק ווער עס זענען די אָנרייצער, און די אומבאַגרינדעטע פאָדערונג, האָט ער זיך געווענדעט צו ג־ט מיט אַ טענה: „וואָס האָסטו אַרויפגעוואָרפן אויף מיר, איינעם אַליין, אַזאַ משא? דאָס גאַנצע פאָלק וויינט: גיב אונדז פלייש! וואו זאָל איך נעמען פלייש? און אַז מען וועט אויסקוילען אַלע שאָף און רינדער און אַלע פיש פון ים, וועלן זיי דען בלייבן צופרידן?" און משה בעט בעסער דעם טויט, און נישט זען אַזאַ אומגליק, ווי אַ פאָלק לאָזט זיך פאַרפירן פון „אספסופים".

משה באַקלאָגט זיך, וואָס ער איז איינער אַליין, און וואו זענען געווען די צוועלף נשיאים וואָס ג-ט אַליין האָט באַשטימט, צו פירן אָרדענונג און דיסציפּלין? די וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון דער געמיינדע האָבן דאָך די פליכט צו לערנען און דערציען דאָס פאָלק, אָנהויבנדיק מיט גוטע ביי-שפּילן פון זיך אַליין. נאָר ווי עס ווייזט אויס, זענען די נשיאים געווען „מיטן פאָלק". פאַראַן אַזעלכע פירערס, וואָס ווילן זיך מאַכן פּאָפּולער. נישט זיי פירן דאָס פאָלק, נאָר זיי גייען מיט „מיטן פאָלק"; דאָס פאָלק וויינט — וויינען זיי אויך, כדי צו באַווייזן מיטגעפיל, און האָבן נישט דעם מוט אָנצואווייזן דעם טעות.

* * *

ג-ט, איינזעענדיק אַז זיין אויסוואַל פון די צוועלף נשיאים איז נישט צופרידנשטעלנדיק, — עס איז נישט דאָס איינציקע מאָל וואָס דער אַלמעכטיקער אָנערקענט, אַז זיין שאַפונג איז נישט ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין. וואָס פאַר אַ לעקציע איז דאָס פאַר אונדז, מענטשן! —, זאָגט צו משהן: „קלייב אויס זיבעציק מענטשן פון די עלטסטע, אָנגעזעענסטע מענטשן פונעם פאָלק, וועלכע איך וועל גייסטיק דערהויבן צו דיין גייסט, כדי זיי זאָלן מיטטראָגן, צוזאַמען מיט דיר, די משא פון פאָלק, און וועגן פלייש זאָלסטו נישט זאָרגן, זיי וועלן האָבן פלייש ביז צום איבערעסן זיך".

עס זענען געקומען צופליען פייגל אָן אַ שיעור. דער עולם האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסן פלייש „תאוותדיק", ביז אַ סך פון די עסערס זענען אומגעקומען, און מען האָט יענעם פּלאַץ אַ נאָמען געגעבן „קברות התאוה" — די קברים פון דער תאווה, די תאווה האָט זיי געפירט פּריצייטיק צום קבר.

וויפל גוטע זאַכן מען קאָן לערנען פון שלעכטע פּאַסירונגען;

וויפל אומגליקן ברענגט עס דער מענטשהייט די איבערגעטריבענע תאווה, דאָס יאָגעניש נאָך לוקסוס, נאָך וואוילטאָג, דאָס איבערעסן זיך מיט רייכטום!

ווי רייך און שטאַרק זענען די יעניקע, וואָס קאָנען באַהערשן די תאווה און ווייסן ווי צו טון גוטס מיט זייער רייכטום, מיט זייערע נאַטירלעכע פעאיקייטן צו זיין דער בעל-הבית איבער זיך אַליין.

* * *

לערנענדיק דעם ספר „במדבר", זעט מען דעם געראַנגל פון פּאָזיטיוון מיטן נעגאַטיוון; פונעם גייסטיק-דערהויבענעם, ביז דער מענטשלעכער קליינלעכקייט. מען זעט דעם אידעען-קאַמף פון פאָלקס-פרייהייט מיט אונטערטעניקייט; ווי טייער עס קאָסט דער שקר, וואָס באַווייזט זיך אונ-

טער אַ מאַסקע פון אמת, און ווי מאַסן לויפן גיכער נאָך נאָכן פאַרמאַסקירטן אמת, ווי נאָכן אמתדיקן אמת.

אינטריגע, חוצפּה באַפאַרבט מיט חניפה, זענען אַ שרעקלעכער כוח, וואָס נאָר אַ משה קאָן זיך קעגנשטעלן און גיין פאָרווערטס צום ציל.

מתאוננים, אספסופים, מרגלים, קורחס פאַרביטערן משהן דאָס לעבן. איין טראַגעדיע יאָגט די צווייטע. נאָר משה שטייט אייזנפעסט אויף זיין פּאָזיציע, פאַרטיידיקנדיק דאָס פאָלק. משה ווייס, אַז אָן די בני-ישראל איז נישטאָ קיין איינציקער ג־ט, נישטאָ קיין תורה, נישטאָ די שטרעבונג צו העכערער מענטשלעכער געטלעכקייט.

ג־ט וויל אומברענגען דאָס גאַנצע ווידערשפּעניקע פאָלק און שאַפן אַ ניי פאָלק פון משהס קינדער. אָבער משה איז נישט מסכים. ג־ט איז אייביק, האָט ער צייט צו וואַרטן. דער מענטש קומט און גייט אַוועק, און ווער ווייסט צי די נייע דורות וועלן זיין בעסער. ווײַבאַלד דער מענטש איז אַ בעל-בחירה; ס'איז געגעבן געוואָרן דעם מענטש די ברירה אויסצוקלייבן זיין וועג, קאָן דאָך קיינער נישט פאַרזיכערן ווי ס'וועט זיך אויספורעמען די געשטאַלטונג פון יידנטום און יידישקייט. זענען מיר דאָך לעבעדיקע עדות פון דעם געראַנגל פאַר יידישקייט, און מען ווייסט נישט ווי עס וועט זיך אויסקריסטאַליזירן.

משה, דער מנהיג, שטייט צווישן ג־ט און די בני-ישראל. ער האָט ליב דעם ג־ט פון אברהם, יצחק און יעקב, און האָט ליב די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, און פאָדערט פוןביידן זיי זאָלן זיך ליב האָבן איינער דעם אַנדערן.

ווען משה באַקומט די פאַראָרדענונג פון ג־ט, ער זאָל אַרויפגיין אויפן באַרג און פון דאָרט זיך נישט אומקערן צו די לעבעדיקע, אַלס שטראָף. פאַר־אַרזאַכט צוליבן פאָלק, האָט משה געבעטן נאָר איין זאַך: רבונו-של-עולם, גיב זיי אַ גייסטיקן פירער, וואָס זאָל זיין פירן. זאָל דאָס פאָלק נישט בלייבן ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך.

וויפל אהבת-ישראל, וויפל נשמה-גרויסקייט מען געפינט עס אין דעם עפּיזאָד. אין אַזעלכע טראַגישע מאָמענטן האָט ער נישט געבעטן גאָרנישט פאַר זיך, נישט פאַר זיין משפחה, נאָר פאַרן פאָלק, וועלכער האָט אים פאַר־שאַפט אַזוי פיל יסורים.

ביי משהן איז יעדער ייד געווען טייער. משה האָט נישט געקוקט אויף זיין כבוד און געגאַנגען צו דתן ואבירם, די געמיינסטע פון פאָלק; געמיינ־סטע אין מאָראַלישן זין, נאָר זיי האָבן זיך נישט געלאָזט איבערצייגן.

וואָס פאַר אַ לעקציע פון מאָראַל עס איז פאַר אונדז אַלעמען, און אי־בערהויפּט פאַר אונדזערע גייסטיקע מנהיגים.

* * *

דאָס פאָלק בונטעוועט זיך, לאָזט זיך פאַרפירן פון אספסופים, און משה בלייבט שטענדיק משה. ער פירט דאָס פאָלק פאָרווערטס. ער נוצט אויס די צייט צו לערנען מיטן פאָלק, צוגרייטנדיק די בני־ישראל צו אַ שטאַטלע־כער אָרדענונג פון העכסטע הומאַניטאַרע געזעצן אויף אַלע פאַרשידנאַרטי־קע אַספּעקטן. און אַט אַזוי דערנענטערט ער זיך צו די גרענעצן פון דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד.

דער אַלטער דור איז שוין נישטאָ, דער יונגער דור פאַרגעסט, אָדער ווייסט גאָרנישט פון די הונדערטער יאָרן גלות אין מצרים, און וואָס משה האָט געטון פאַר זיי, די ניסים וואָס ג־ט האָט געטון פאַר זיי, און זיי ווילן איבערנעמען די אחריות אויפן אייגענעם חשבון, און עס ווערט שוין גע־זאָגט „אָז ישיר ישראל" — ישראל האָט געזונגען, „וישלח ישראל מלאכים" — ישראל האָט געשיקט שליחים צו סיחון, דער מלך פון אמורי, ער זאָל זיי לאָזן דורכגיין פרידלעך זיין לאַנד. סיחון האָט נישט דערלויבט און איז אַרויס מלחמה האַלטן, „ויכהו ישראל לפי חרב" — און ישראל האָט אים באַזיגט מיטן שווערד.

ישראל זינגט, ישראל שיקט שליחים. ישראל זיגט, און משהס נאָמען ווערט נישט דערמאָנט, נאָר אַז עס האָט געפעלט וואַסער — „וידבר העם באלקים ובמשה" — האָט דאָס פאָלק גערעדט קעגן ג־ט און קעגן משהן. יוגנט איז געוואַגט, זיי רעדן אַפילו קעגן ג־ט, נישט רעכנענדיק זיך מיט דעם אַלץ וואָס ס'איז געטון געוואָרן פאַר זיי ביז איצט.

* * *

די היסטאָריע חזרט זיך איבער. די צאַברעס און אַלטע תושבים פאַר־געסן, אָדער ווייסן נישט, וואָס דער ציוניזם האָט געטון: די גרויסע שאַ־פונג פון קרן קימת לישראל, צוצוגרייטן באָדן פאַרן פאָלק, וואָס האָט גע־דינט ווי אַ באַזע פאַר דער מדינה; דעם אינסטרומענט קרן היסוד, וואָס האָט געבויט און בויט די מדינה. אָבער דער ציוניזם זעצט פאָר זיין מיסיע.

דער קאַמף פאַר אונדזער עקזיסטענץ וועט ערשט דעמאָלט ווערן אַ רעַ־אַליטעט, ווען מיר וועלן זיך האַלטן ביי אונדזער מקור, און דורך טרייהייט צום כלל־ישראל. די מדינה פאַר גאַנץ ישראל און גאַנץ ישראל פאַר דער מדינה. „זאת חקת התורה" — דאָס איז די אַקסיאָמע נישט אָפּצופרעגן.

נָשׂא

דער קדוש שמעון דובנאָוו, אין זיינעם אַ מאמר, פאַרעפנטלעכט אין „אויפן שיידוועג", זאָגט: „מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דער שאַפער פון דער ניי־אָרטאָדאָקסיע, שמשון רפאל הירש, אין זיינע גיינצן בריוו פּראָקלאַמירט די האַרבע פאָדערונג: נישט די תורה דאַרף זיך צופּאַסן צום לעבן, נאָר דאָס לעבן צו דער תורה", און דאָך האָבן די נייע דורות באַוויזן, אַז מען קאָן אָפּהיטן דעם ריינעם קערן פון יידישקייט נאָר דורך צופּאַסן זיך צו די פאָדערונגען פונעם נייעם לעבן. מיר האָבן איצט אַ רעליגיעזע יידישקייט, אָדער אַ קאָמבינאַציע פון די ביידע. זאָל יעדע פּאַרטיי גיין אין איר ריכטונג, אָבער מאָנאָפּאָליזירן דאָס גאַנצע יידישקייט פאַר זיך האָט קיינער קיין רעכט נישט. די חלוקי־דעות זענען געשאַפן געוואָרן דורך גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס אַ לעבעדיק פאָלק מוז דורכמאַכן. דער פרייער אידעען־קאַמף מוז ווייטער אָנגיין און דער אינסטינקט פון נאַציאָנאַלן קיום וועט שוין באַווייזן דעם עלטסטן היסטאָרישן פאָלק דעם ריכטיקן וועג פאַר זיין ווייטערדיקער עקזיסטענץ".

צוויי גדולים מיט צוויי ליכטיקע קעפּ, מיט צוויי קעגנגעזעצטע שיטות וועגן דעם המשך פון יידישקייט.

הרב שמשון רפאל הירש, געבוירן אין יאָר 1808, לערנט אונדז, אַז דער סוד פון קאָנסאָלידאַציע און המשך פון יידישקייט ליגט אין דעם כוח פון צופּאַסן דאָס לעבן צו דער תורה, עס הייסט, אָנהאַלטן אַ קאָנסערוואַטיווע יידישקייט; און רבי שמעון דובנאָוו, געבוירן אין 1860, דענקט, אַז יידישקייט איז נישט קיין פאַרגליווערטע זאַך, נאָר די צייט, די אומשטענדן קריסטאַליזירן און פורעמען דעם וועג פאַר יידישקייט, און אַז דער געזונטער אינסטינקט פון נאַציאָנאַלן קיום איז אַ גענוגנדיקע פאַרזיכערונג פאַר דער דערהאַלטונג פון ריינער יידישקייט.

בין איך נישט דער באַרופענער צו נעמען אַ וואָרט אין דעם דיספּוט צווישן אַזעלכע גדולים. אגב דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי זענען נישט די ערשטע און נישט די איינציקע וואָס זענען מחולק אין דעם דאָזיקן ענין. עס איז געווען, איז איצט איז עס פאַראַן און וועט זיין אויך אויף ווייטער —

קאָנסערוואַטאָרן, ליבעראַלן, רעפאָרמיסטן, אַלע גוטע יידן מיט פאַרשידענע דעות.

יידישקייט האָט אַן אינטערעסאַנטע פאַרגאַנגענהייט פון עליות און ירידות, זינט עס עקזיסטירט די יידישע אמונה ביז צום היינטיקן טאָג. אויפגעטרייסלטע פון בייזע, צעשטערנדיקע כוחות, געטריבן און געוואָרפן פון רשעות צו אַכזריותתדיקע פעלקער און צייטן, לעבנדיק צווישן ווילדע, פאַרדאָרבענע קולטורן, האָט עס נאַטירלעכערווייז באַווירקט אויפן מצב פון דער ריינקייט פון אונדזער ספּעציפישער אייגנאַרטיקייט. אָבער טראָץ אַלעם און סוף-כל-סוף האָט יידישקייט זיך איינגעוואָרצלט און געפונען גע־נוג כוחות זיך אַרויסצוהייבן און פאַרצווייגן איר געשיכטלעכן גאַנג. און, אייגנטלעך —ווען עס איז געווענדעט אין אומשטענדן— איז דאָך נישט שייך קיין פילאָזאָפיע. איך דערלויב מיך אָבער צו באַרירן די פראַגע, ווייל איך דענק, אַז ביי אַ וויכוח פון אַזאַ פאַרנעם איז כדאי אַ זוך צו טון, וואָס לערנט אונדז די תורה אַליין מכוח דעם דאָזיקן פּראָצעס.

איז לאָמיר לערנען אַ פּרשה חומש.

* * *

„נשא את ראש בני גרשון גם הם לבית אבותם, למשפחותם" — ג־ט האָט גערעדט צו משהן: נעם אויף די צאָל פון די קינדער פון גרשון לויט זייערע פאָטערהייזער, לויט זייערע משפחות.

לוי, דער דריטער זון פון יעקב אָבינו, האָט געהאַט דריי זין: גרשון, קהת און מררי.

דער שבט לוי, לויט ווי עס ווערט אָנגעוויזן אין אונדזערע אַלטע ספרים, אין דער צייט ווען זיי זענען געווען אין מצרים צוזאַמען מיט די אַנדערע צוועלף שבטים, האָבן זיך נישט אונטערגעוואָרפן אונטער פּרעהס גזירות, און האָבן זיך נישט פאַרשקלאַפט, נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט באַדינען די ישראלים, לערנען דאָס פאָלק די טראַדיציאָנעלע שיינע מידות, וואָס איז זיי געקומען בירושה פון אברהם, יצחק און יעקב.

אַלס אַזעלכע, אַלס מענטשן פון גייסט, איז דער שבט לוי פאַרבליבן אויף שטענדיק.

באַזיצנדיק מוט און ווידערשטאַנד-כוח קעגן דער אַסימילאַציע, אין פיין און אין דחקות, זייענדיק דער קלענסטער שבט אין צאָל — צוויי און צוואַנ־ציק טויזנט קעגן זעקס הונדערט טויזנט פון די עלף שבטים — האָבן זיי באַוויזן אין פאַרלויף פון אַ פּאָר הונדערט יאָר זיך צו האַלטן פעסט, און נישט אַריינגעשלעפּט צו ווערן אין שקלאַפעריי; האָבן זיי דערפאַר זוכה געווען אויסגעצייכנט צו ווערן, און עס איז זיי פון ג־ט אַליין אָנפאַרטרויט

געוואָרן די הייליקע אַרבעט ביים משכן און בית־המקדש, און זייער יחוס ציט זיך ביז צום היינטיקן טאָג — מיט געוויסע פּריווילעגיעס ביי ריטועלע מנהגים און צערעמאָניעס.

עס איז כדאי דאָ אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, אַז נישט שטענדיק איז די גערעכטיקייט מיט דער מערהייט. דער קלענסטער שבט, לוי, האָט באַוויזן מער דויערהאַפטיקייט און שטאָלץ אין שיינעם זין פון וואָרט, און זיי האָבן געגעבן דער וועלט אַ משה. כדאי דאָס צו נעמען אין אַכט!

* * *

ווען עס איז געענדיקט געוואָרן דאָס צונויפשטעלן דעם משכן, און אַזוי ווי אין די פערציק יאָר וואָס די יוצאי־מצרים האָבן געוואַנדערט אין מדבר, האָט מען געמוזט אָפטמאָל צענעמען דעם משכן און אים אַריבערטראָגן אויף אַ צווייטן פלאַץ, האָט משה רבינו איינגעטיילט די אַרבעט צווישן די אָפּשטאַמיקע פון גרשון, קהת און מררי.

די הייליקסטע טייל, ווי דעם אָרון־קודש מיט די לוחות, די מנורה און די כלים פון מזבח, איז צוגעטיילט געוואָרן די בני קהת, עס הייסט, דעם מיטלסטן פון די דריי ברידער. און די אַלע אַנדערע זאַכן פון דעם געבוי פון משכן איז איינגעטיילט געוואָרן צווישן די בני גרשון און די בני מררי, און עס איז זיי בפירוש אָנגעזאָגט געוואָרן —אַלע דריי סעקציעס— אַז די גאַנ־צע משא מוז געטראָגן ווערן, יעדערער לויט עס איז אים אָנגעוויזן געוואָרן, אויף די אַקסלען.

אויך דערביי איז פאַראַן אַ מוסר־השכל. משה, וואָס איז געווען דער אַרכיטעקט פון משכן, לויטן באַפעל פונעם אַלמעכטיקן, און האָט מיט זיינע הענט אויפגעשטעלט דעם משכן; די קינסטלערס, די מייסטערס וואָס האָבן מיט זייערע הענט, מיט זייער חכמה אויסגעקינסטלט און אויסגעפּאַרטיקט אַלצדינג, וואָס ס'האָט זיך געפאָדערט: דעם אָרון־קודש, דעם מזבח, די מנורה און אַלע אַנדערע גאָלדענע און זילבערנע כלים, האָבן ביים פאַרענ־דיקן זייער אַרבעט נישט געטאָרט מער אַריינגיין אין משכן, אויסער די כהנים.

עס קומט אַ ציט, ווען געזעלשאַפטלעכע פירער דאַרפן פאַרשטיין, אַז זייער מיסיע, ווי וויכטיק און ווי פרוכטבאַר זייער טעטיקייט זאָל נישט האָבן געווען, דאַרפן איבערגעבן די פּאָסטנס צו אַנדערע, צו אַנשי־שם. און אויב זיי זענען נאָך נישט קיין אַנשי־שם, דאַרף מען זיי געבן די מעגלעכ־קייט און די געלעגנהייט זיי זאָלן ווערן אַנשי־שם, און די אַלטע עסקנים זענען מחויב זיי צוצוגרייטן און מיטהעלפן צו זייער דערפאָלג.

משה האָט געבראַכט די לוחות פון באַרג סיני, נאָר אַז מען האָט זיי

אַריינגעשטעלט אין אָרון, אין אָרון-הקודש, האָט ער מער זיך נישט גע־טאָרט דערנענטערן צו זיי; אַנדערע לויים האָבן עס געטראָגן, ווען מען האָט געדאַרפט.

עסקנים דאַרפן עס האָבן אין זינען.

* * *

„ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן" — און עס איז געווען אין דעם טאָג, ווען משה האָט געענדיקט אויפשטעלן דעם משכן, און האָט אים געהייליקט, האָבן די פירשטן פון די שבטים געבראַכט זייער קרבן פאַר ג־ט, און האָבן דאָס געשטעלט נאָענט פון משכן.

רש"י ברענגט, אין נאָמען פון רבי נתן: ווען מען האָט געדאַרפט בויען דעם משכן, האָט ער געזאָגט, אַז אַלע יידן זאָלן ברענגען גאָלד, זילבער, קו־פער און אַנדערע ווערט-זאַכן. דעמאָלט האָבן די נשיאים, די פאָרשטייער, געזאָגט: זאָל פריער ברענגען דאָס פאָלק וואָס זיי ווילן ברענגען, און נאָך דעם וועלן מיר זען וואָס עס וועט פעלן, וועלן מיר משלים זיין. האָט אָבער דאָס פאָלק געבראַכט אַזויפיל, אַז די נשיאים זענען געבליבן אין נישט קיין באַקוועמער לאַגע. זיי האָבן געבראַכט נאָכדעם מתנות פאַר אַנדערע זאַכן, נאָר דער משכן האָט זיך אויפגעבויט אָן זיי. דערפאַר האָבן זיי דאָס מאָל זיך מקדים געווען און זענען געווען די ערשטע צו קומען מיט זייער געשאַנק.

ביים בויען דעם משכן, ווי איבעראַל, ביי אונטערנעמונגען פון גרעסערן פאַרנעם, פון אַלגעמיינעם פאָלקס-כאַראַקטער, פאָדערן זיך דריי זאַכן: מענטשן, געלט און געדולד. ווען נאָך ווי איצט פילן מיר ווי דרינגענד, ווי אומבאַדינגט נויטיק די דאָזיקע דריי עלעמענטן זענען פאַר בנין הארץ, פאַרן אויפבוי, פאַר דער פאַרטיידיקונג און אַנטוויקלונג פון מדינת-ישראל? און מיר פאַרמאָגן זיי, ברוך-השם, נאָר וואָס דען? זיי זענען צעטיילט אין דריי טיילן: די עליה, דער מענטשן-מאַטעריאַל פון די פרייע לענדער, וואָס איז עולה קיין ישראל איז אַזוי מינדערוויכטיק אין צאָל, אַז ער קומט כמעט נישט אין חשבון. זיי זענען זייער אַ געוואונטשענער מאַטעריאַל אין איכות, אָבער נישטיק אין כמות. דאָס געלט וואָס מען שיקט קיין ישראל ווערט געהייליקט. דאָס געלט און דער געבער פונעם געלט באַקומען אַ תיקון. עס באַרעכטיקט טיילווייז דעם זכות וואָס מיר האָבן צו לעבן אין דעם דור, וואָס פאַרווירקלעכט דעם אָנהויב פון דער גאולה, אָבער דאָס ווערט אויך געטון אין נישט קיין גענוגנדיקער מאָס.

דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן אין אַ צו-גרויסער מאָס, איז דער דריַ־טער עלעמענט — געדולד. אוי, די געדולדיקע!

נישט ריידנדיק פון יענע, וואָס מען פאַטשט זיי מיט רויטן בלוט אין פּנים, מען טרעט זייער יידיש-מענטשלעכע ווירדע מיט די גראָבסטע שטיוול,

נאר פון יענע, וואס זענען יידן, ארגאניזירטע אדער נישט-ארגאניזירטע ציונים, וואס אינטערעסירן זיך מיט ישראל, און אזעלכע וואס באטיטלען זיך „עסקנים", איז ממש נישט פארשטענדלעך זייער גדולה. ווען עס קומט זיך בייצושטייערן פארן קאמפיין, און א טייל פון זיי בלייבן שטענדיק אויף צולעצט. און צום גרויסן באדויערן זענען פאראן נאך אזעלכע, וואס קומען נישט אפילו צום לעצט. זייער „גדולה" האט אטראפירט זייערע מוחות.

די נשיאים, די פירשטן פון די בני-ישראל האבן געהאט א לעקציע, ווען זיי האבן באמערקט, אז דאס פראסטע פאלק האט זיי איבערגעשטיגן אין גוטן ווילן, אין אפפערווילקייט און ווזיע, האבן זיי ביים צווייטן מאל, ווען דער משכן איז אינגאנצן פארטיק געווען, זיך צוגעאיילט און זענען געווען פון די ערשטע צו ברענגען זייערע קרבנות.

* * *

און וואס פארא קרבנות האבן זיי געבראכט, די פירשטן פון ישראל?

דא קומט דאס מערקווירדיקסטע. זיי האבן געבראכט זעקס צוגעדעקטע וועגענער און צוועלף אקסן, און געלאזט שטיין ביים משכן.

צו וואס האבן זיי געבראכט די וועגענער מיט די אקסן? האבן דען די נשיאים נישט געוואוסט, אז משה האט אנגעזאגט, אז דעם משכן מיט אלע זיינע כלים דארפן די לויים טראגן אויף זייערע אקסלען, און נישט פירן אויף וועגענער?

רש"י זאגט טאקע, אז משה האט עס נישט געוואלט צונעמען ביי זיי. ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון מיט די וועגענער, האבן זיי דאס איבערגעלאזט ביים משכן און זענען אוועקגעגאנגען.

ווייזט אויס, אז די נשיאים האבן געוואלט דערמיט אויסדריקן א שטומען פראטעסט. ערשטנס, פארוואס משה האט איינגעטיילט די בני קהת צו טראגן דאס סאמע הייליקסטע טייל. קהת איז געווען דער צווייטער פון די ברידער, איז פארוואס קומט אים די בכורה? און צווייטנס, פארוואס האט משה באפוילן אז מען זאל טראגן די גאנצע משא אויף די אקסלען, וואס ס'איז גארנישט אזא לייכטע זאך?

דא באווייזט זיך די שיינקייט און די גרויסקייט פון דער יידישער אמונה.

משה האט זיך געפונען אין א פארלעגנהייט, ווייל אלץ וואס ער האט געזאגט און געמאכט איז דאך געווען אין ג-טס נאמען: „ויאמר ד' אל משה לאמר" — האט ג-ט געזאגט צו משהן, „קח מאתם" — נעם עס פון זיי, און עס זאל זיין צום דינסט פון אוהל-מועד, און זאלסט עס געבן די לויים. און משה האט איינגעטיילט די וועגענער מיט די אקסן צווישן די בני גרשון

און בני מררי, זיי זאָלן פירן אויף זיי דעם משכן מיט אַלע כלים, און די בני קהת זענען געבליבן מיט זייער טייל צו טראָגן אויף די אַקסלען.

וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער מוסר־השכל דאָס איז פאַר אונדז מענטשן, דער אַלמעכטיקער אַליין האָט אָנערקענט, אַז די צייט, די אומשטענדן לער־נען און מען מוז אַמאָל זיך צופּאַסן צו זיי, נאַטירלעך, נישט אַנרירנדיק דעם עיקר — טראָגן צי פירן דעם משכן — אַבי עס זאָל זיין אָפּגעהיט און זיין צו דער צייט, וואו און ווען מען דאַרף.

עס איז אַ לערע פאַר די פאַרשטייער, יעדעס מאָל ווען זיי דענקען, אַז מען דאַרף אויסבעסערן די אַרבעט און ס׳פאָדערן זיך נייע מיטלען, דאַרפן זיי זיין די ערשטע צו ברענגען זיי — די נויטיקע מיטלען.

עס באַווייזט אונדז, אַז ג־ט אַליין האָט געפונען פאַר ריכטיק די קאָמ־בינאַציע זיך צוצופּאַסן צו דער תורה און צו די אומשטענדן.

אָט דאָס הייסט יידישע טראַדיציע, דאָס איז די שיינקייט און די ווי־טאַליטעט פון יידישקייט — „היה תמים״ — זיין גאַנץ צו ג־ט און צו לייט.

בְּהַעֲלֹתְךָ

דער קדוש וטהור ר׳ הלל צייטלין ז״ל, האָט געזאָגט: „... ווען מען טראָגט הויך די פאָן פון דער תורה, מען לערנט זי און מען פאָרשט זי און מען מאַכט זי פאַרן מיטלפונקט פון אַלע וואונטשן און שטרעבונגען, דיבורים, מחשבות און מעשים; ווען מ׳איז מקדש השם אויף טריט און שריט און מען דינט פאַר אַלעמען אַלס מוסטער פון הייליקייט און גערעכטיקייט, ריינקייט, גוטסקייט און איידלקייט — דעמאָלט קאָן מען אויך זיין אַ „ממלכת כהנים״; דעמאָלט קאָן מען אויך לערנען אַנדערע די ריינע ג-ט-דערקענטעניש און די ריינע תורת האָדם. ווען אונדזערע ברידער אין מערב האָבן אָבער אין זייער טאָג-טעגלעכן לעבן געשטרעבט נאָר צו זיין „מיט לייטן גלייך״, צו זיין אין אַלץ און אַלעמען פונקט ווי די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן — וואָס האָבן זיי דען געקאָנט העלפן אַלע זייערע שיינע רייד וועגן ריינעם מאָנאָטעאיזם, וועגן דער הויכער יידישער מאָראַל, און וועגן דער גרויסער מיסיע, וואָס יידן האָבן צו דערפילן אין דער וועלט?״.

„... ווער עס רעדט וועגן יידן, ווי וועגן מענטשן פון איין רעליגיע, צי איין ראַסע, צי איין משפחה, נאָר נישט וועגן איין פאָלק. יענער לייקנט פאַקטיש אינעם גאַנצן תנ״ך, וואָס רעדט שטענדיק וועגן ישראל ווי וועגן אַ פאָלק. אָבער וואָס פאַר אַ פאָלק וויל אים דער תנ״ך זען? נאָר אַ „גוי קדוש״, נישט סתם אַ פאָלק, נישט אַ פאָלק צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער, נאָר טאַקע אַן אויסנאַם-פאָלק — אַ נבואה-פאָלק, אַ משיח-פאָלק״.

מיט דעם דאָזיקן הויכן געדאַנקענגאַנג, וואָס מוטיקט יעדן ייד צו לערנען תורה, און אַז נאָר דורך דעם קאָנען מיר דערגרייכן צום שטאַנד צו וועלכן די געשיכטע האָט אונדז באַשטימט, צו זיין אַ „נר לגויים״ — אַ ליכט פאַר די פעלקער. לאָמיר לערנען אַ פרשה חומש.

* * *

ג-ט האָט גערעדט צו משהן, ער זאָל זאָגן אהרנען: „בהעלתך את הנרות״ — ווען דו צינדסט אָן די ליכט, זאָלן די זיבן ליכט לייכטן פאָרנט

צו דער מנורה. אַלע ליכט פון רעכטן און פון לינקן זייט, זאָלן קוקן צום צענטער, צו דער צענטראַלער ליכט.

די מנורה איז געווען אויסגעהאַמערט פון איין שטיק גאָלד. דער שטאַם, די בעכערלעך, די קנעפּ, די בלומען — אַלץ איז געווען אויסגעהאַמערט פון איין שטיק ריינעם גאָלד, גאָרנישט צוגעשרויפט, גאָרנישט צוגעשמידט, נאָר פון איינאיינציק גאַנצן בלאָק גאָלד.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַרא קינסטלערישע, אָבער שווערע אַרבעט דאָס איז געווען ביי יענער צייט, ווען מען האָט נאָך נישט געוואוסט פון די היינטיקע מאָדערנע אינסטרומענטן, און די קינסטלערישע שאַפונג האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן מיט די הענט, ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה. אַזוי אָט דעם מאָדעל, און אַז אין דער דאָזיקער פאָרעם פון גאַנצקייט זאָל זיין די מנורה, האָט משה געבראַכט פון באַרג סיני.

דער שטאַם, די רערן, די בעכערלעך אַריינצוגיסן דעם בוימל, די באַפּוצונגען מיט קנעפּ און בלומען — אַלץ געמאַכט פון איין און דער זעלבער שטיק גאָלד, און וואָס קאָנען קיינמאָל נישט אָפּגעזונדערט ווערן איינס פון די צווייטע, שטענדיק איין גאַנצע זאַך.

די מנורה איז געבליבן אַלס סימבאָל פון דער יידישער נאַציע אויף אַלע אייביקייטן, ווייל זי סימבאָליזירט גאַנצקייט, אומצעטיילבאַרקייט; אַ ליכט וואָס לייכט פאַר זיך אַליין; אַ ליכטיקע ליכטיקייט פאַר דער ליכט זעלבסט. און די לייכטונג איז געווענדעט צום צענטראַלן פונקט.

עס איז סימבאָליש פאַר די בני־ישראל, אַז זייער קראַפט, זייער עקזיסטענץ באַשטייט אין זייער גאַנצקייט, אין זייער וויסן, אַז זיי זענען איין־איינציקער שטאַם, מיט איין־איינציקן ג־ט, מיט איין־איינציקער אמונה, מיט איין־איינציקע תורה. און אַלץ וואָס ס׳איז ישראליש־יידיש, איז עס איין גאַנצע זאַך. אַלץ שטאַמט פון איין־איינציקן קלאַר, ריינעם מקור, און אַלץ צוזאַמען דאַרף ווענדן זייער שטרעבונג, זייער ציל צו איין־איינציקן צענטער. פון רעכטס און לינקס, פון דער הויך און דער נידער דאַרפן זיך נויגן צום סאַמע צענטער — ציון.

די מנורה איז נישט נאָר דער סימבאָל פון מדינת־ישראל, נאָר פון גאַנצן יידישן פאָלק. ווייל דאָס יידישע פאָלק, אָט אַזוי ווי ער איז און וואו ער איז, איז איין גאַנצעס פאָלק. אַלץ קומט פון זעלבן שורש און אַלץ ציט צום זעלבן שורש.

ציון איז דער ליכטיקער צענטער, וואָס טראָגט זיין ליכט אין זיך אַליין, און קיינער קאָן זיך נישט צורעכענען אַ גרעסערן חלק. די בעכערס, אין וועלכע ס׳איז אָנגעצונדן דער בוימל, און דער קנאָפּ, צי די בלום פון סאַמע אונטן, ביים שטאַם, טראָגן אין זיך די זעלבע קדושה, ווייל אַלץ צוזאַמען איז געקומען פון באַרג סיני.

ציון — ציוניזם איז אונדזער צענטער פאַרן גאַנצן כלל ישראל.

מיטן גרעסטן רעספּעקט, טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש פאַר מיינונ־גען פון די קעגנערס, קומט אָבער אַ מאָמענט, ווען ס׳ווילט זיך אויסשרייען: ניין! איר האָט אַ טעות! עס זענען נישטאָ קיין נישט־ציוניסטן.

צו וואָס זאָלן מיר אויסטייטשן פאַרקערט די געשעענע פאַקטן.

די ריכטיקע, אומשטרייטבאַרע פאַקטן באַווייזן, אַז די מכלומרשטע נישט־ציוניסטן זענען טרייע, גוטע ציונים. און באַנוצנדיק זיך מיט די אַר־גומענטן פון די יעניקע, וואָס ווילן דווקא באַווייזן, אַז ס׳זענען פאַראַן גוטע נישט־ציוניסטן כדי צו שלאָגן מיט דעם די ציוניסטן, פרעג איך: מיט וואָס זענען זיי נישט־ציוניסטן? געלט, גיבן זיי גלייך מיט ציוניסטן, מאָראַליש און מיט מעשים, פאַרטיידיקן זיי די אינטערעסן פון מדינת־ישראל און פון יידנטום, גלייך מיט די ציוניסטן, יידן זענען זיי גוטע און געטרייע — איז מיט וואָס און אין וואָס באַשטייט זייער נישט־ציוניזם?

אַנשטאָט צו פּראָקלאַמירן, אַז די ציוניסטן זענען קיין ציוניסטן נישט, וואָס ס׳ברענגט נישט קיין געזונט פאַר דער זאַך, וואָס אַנטמוטיקט און שאַפט פּאַרדרוס, איז נישט בעסער, לאָגישער, אַז אונדזערע גדולים, צו וועמענס וואָרט מ׳הערט זיך צו, זאָלן פרעגן ביי יענע גוטע יידן אונדזערע, זיי זאָלן דערקלערן זיך אַליין, מיט וואָס זיי זענען נישט קיין ציוניסטן, און מען זאָל פּראָקלאַמירן אַז יעדער ייד איז פּאָטענציעל אַ ציוני?

ציוניזם איז נישט עפּעס אַ מנהג, אָדער אַ צוגעגעבענער סיג (צאָם) צו פאַרהיטן די עיקרים פון יידישקייט; דער ציוניזם איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיטן מאָנאָטעאיזם.

גלייך מיט דער דערקענונג פון איין אומזעעבאַרן און אומבאַגרייפלעכן פיזישן ג־ט, איז געקומען די פאַרשפּרעכונג פון איין פיזיש־געאָגראַפישע טעריטאָריע, נאָך איידער אַפילו ס׳איז געבוירן געוואָרן די ערשטע שפּראַ־צונג פון אַ יידיש פאָלק.

די יידישע אמונה און די יידישע טעריטאָריע זענען פאַקטיש פּראָקלאַ־מירט געוואָרן נאָך איידער ס׳איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער ייד — יצחק.

אברהם. באַלד ביי זיין קומען אין כנען, האָט אים ג־ט געזאָגט: „צו דיינע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד", און אַלס באַשטעטיקונג האָט אברהם געבויט אַ מזבח אויף יענעם אָרט.

וועלכער ייד קאָן זיך עס אָפּזאָגן פון דער ירושה? און צו וואָס טויג זיי צושפּילן די ראָל פון מאַראַנען? אַרבעטן און דינען די אינטערעסן פון ציון און זאָגן: „מיר זענען נישט קיין ציונים"!

און צו וואָס נוצט עס דאָס אַוועקשטעלן זיך העכער פון די ציונים?

ציון איז אַ צענטראַלער באַגריף, וואָס איז כולל אַלץ וואָס איז יידיש, מיט וועלכן די נביאים האָבן זיך באַנוצט.

דער נביא ישעיהו, אין זיין אויסרוף „ציון במשפט תפדה" — ציון וועט אויסגעלייזט ווערן דורך גערעכטיקייט, האָט דאָך זיכער געמיינט נישט בלויז דעם שטח באָדן, נאָר דאָס פאָלק מיט זיין תורה, מיט זיין טראַדיציע, מיט זיין לאַנד.

אין אונדזערע תפילות, פיוטים, שירים, פאַרפאַסט פון די קדמונים, זענען פול מיט בענקעניש נאָך ציון, וועלכע די „נישט-ציונים" זאָגן עס גלייך ווי די ציונים. פון די גאָר פריעסטע צייטן האָבן מיר דאָך אַ הימן „שיר המעלות בשוב ד' את שיבת ציון".

ביי די טייכן פון בבל „שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון" — „דאָרטן זענען מיר געזעסן און געוויינט, אַז מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן ציון".

יעדער רב, מגיד, האָט געענדיקט זיין דרשה מיט „ובאָ לציון גואל".

ביי יעדער חופה ווערט געמאַכט די ברכה „משמח ציון בבניה".

און וואָס איז געווען דניאל, וואָס דערגרייכנדיק צום העכסטן רעגירונגס-אַמט, האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן דערמיט, וואָס אין זיין צימער האָט ער געהאַלטן אָפן אַ פענצטער געריכטעט צו דער זייט פון ירושלים, און פון דאָרט, פון דער הויפּטשטאָט פון בבל, פלעגט ער מתפלל זיין צו ג־ט, טראָץ דעם קעניגלעכן פאַרבאָט, און מען האָט אים דערפאַר אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב צו לייבן, וואָס נאָר דורך אַ נס איז ער געראַטעוועט געוואָרן. דניאל, דער צווייטער פון קעניג, האָט געקוקט צו ירושלים אַלס זיין צענטער, און האָט זיך געשטעלט העכער פון דער מורא פון טאָפּלטער לאָיאַליטעט. איז עס נישט ציוניזם?

נישט אַלע קאָנען זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ דניאל, אָבער נישט דערפאַר קאָנען אַזעלכע גלייכגעשטעלט ווערן אין דער זעלבער מדרגה מיט ציוניזם, און מען טיילט זיי נאָך צו מער כבוד.

מען קאָן דאָך נישט לייקענען,אַז ציוניזם האָט יאָ עטוואָס פון דניאלס מדרגה. אַ באַוויז, אַז הונדערטער, אויב נישט טויזנטער ציונים זיצן פאַרשפּאַרט שוין לאַנגע יאָרן אין טורמעס אין די קאָמוניסטישע לענדער, און טויזנטער יידן האָבן מורא אַרויסצוברענגען דאָס וואָרט „ציוניזם" פון זייער מויל, ווייל עס דערוואַרט זיי דערפאַר די ערגסטע שטראָף.

ציונים נעמען אויף דעם פאָרוואורף, דעם „רעטאַ", פאַרוואָס זיי באַזעצן זיך נישט אין מדינת-ישראל. די נישט-ציונים —וועלכע ווילן נישט אָנערקענען דעם ציוניזם— וואַרפן אָפּ דעם פאָרוואורף. איז מיט וואָס פאַר אַ רעכט, מיט וואָס פאַר אַ לאָגיק ווערן דיביידע גלייכגעשטעלט, אַרונטערוואַרפנדיק אינגאַנצן דעם אידעאַל: ציוניזם אין גלות?

ציוניזם איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מנורה־יידנטום, אין אַלע אירע פּאַרמען. דאָס יידנטום איז אויסגעהאַמערט פון איין־איינציקן קלאָר־ריינעם אידעאַל — קדושה, און ער איז אומצעטיילבאַר.

די נישט־ציוניסטן, כל־זמן זיי זענען יידן, זענען זיי ציונים. קאָן זיין, אַז זיי זענען נישט געניג געהאַמערט, אָדער זיי מאַכן זיך נישט פילנדיק דעם האַמער. אָבער דער האַמער קלאַפּט. פריער אָדער שפּעטער, וועלן זיי רעדן אַנדערש, ווי אַ סך פון זיי האָבן עס שוין געטון.

* * *

און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז ציוניזם איז נישט נאָר פאַרן גלות. אויב ביז איצט האָט ציוניזם באַדייט — דער גלות פאַר ציון, טאָרן מיר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז איצט קומט די צייט פון ציון — ציוניזם פאַרן גלות.

דער „כי מציון תצא תורה” איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי דער „ותחזינה עינינו בשובך לציון”.

עס איז שוין געקומען די העכסטע צייט, אַז דער ציוניזם זאָל זיך אַרי־בערקלייבן אין מדינת־ישראל און אָנהויבן צו דערפילן מיט דער מיסיע: „כי מציון תצא תורה”.

די יידן־ישראלים פון מדינת־ישראל, מוזן געדענקען אַז אין גלות זענען אומגעקומען זעקס מיליאָן יידן און נאָך דריי מיליאָן יידן גייען אונטער גייסטיק; זיין מיליאָן יידן וועלכע האָבן געדינט אַלס קוואַל פון אַלץ וואָס יידישקייט איז, זענען שוין נישטאָ. און די שארית־הפליטה זענען געבליבן גייסטיק פאַראָרעמט. מען ראַנגלט זיך ווי ווייט מעגלעך צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען, אָבער די אַסימילאַציע פרעסט אונז רייסט פון אונדז שטיקער.

מיר פּראָטעסטירן און דאָס האַרץ וויייטיקט, פאַרוואָס אין געוויסע לענ־דער ווערט אונטערדריקט אַלצדינג וואָס האָט אַ שייכות צו דער דערהאַל־טונג פון יידישקייט. און מיר פאַרגעסן אַז אין די פרייע לענדער וואַקסט די עם־הארצות אין אַ גאָר גרויסער פּראָפּאָרץ. דאָס, און די פרעמדע כביבה, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אייגנס. נעמט ביי אונדז צו גאָר אַ גרויסן טייל, וועלכע, ווען מען דערלאָזט נישט באַצייטנס צו ווערן פאַרפרעמדט פון יידישקייט, וואָלטן זיי — די עם־הארצים — געבליבן גוטע יידן.

כדי דאָס צו דערגרייכן מוז מען האָבן לערערס, נישט קיין אַסימילירטע, וועלכע זאָלן זיין דערצויגן אויף גאַנצער יידישקייט, נישט נאָר אויף אַביסל ציוניזם און אַביסל עברית. מיר מוזן האָבן גייסטיקע און פּראַקטישע מנהיגים: רבנים, שוחטים, חזנים און אַלע אַנדערע כלי־קודש. עס זענען פאַראַן ישובים, וואו די יוגנט ווייסט אפילו נישט וואָס אַ שוחט איז און

האָבן קיינמאָל נישט געזען קיין רב. אונטער אַזעלכע אומשטענדן, וואָס פּאַר אַ יידישקייט קאָן איינפּלאַנצן דער לערער, אָדער די לערערקע פון דער שולע אין די תלמידים?

דאָס אַלץ דאַרף פאַרזאָרגן און צוגרייטן דער ציוניזם פון מדינת-ישראל, „כי מציון תצא תורה".

די איצטיקע שטרעבונג איז, אַז אין די נעקסטע צען יאָר זאָלן אַריינקומען אין מדינת-ישראל נאָך אַ מיליאָן יידן, שוין אַריינגערעכנט די „עליה פנימית". ווען מיר רעכענען אַז אין גלות זענען איצט פאַראַן אַן ערך צען מיליאָן יידן, כן ירבו, הייסט עס אַ חשבון פון הונדערט יאָר דאַרף געדויערן, ביז אַלע יידן וועלן אַריין אין דער מדינה. די מדינה, אַלזאָ, דאַרף טראַכטן אין לאַנגצוגיקע טערמינען און מוז אָפּצאָלן דעם ציוניסטישן חוב.

ביז איצט האָט דער ציוניזם אויפגעבויט מדינת-ישראל לעולם ועד. איצט דאַרף די מדינה ברענגען די קדושה פון ציון — ציוניזם אין גלות, מיט אַלע מעגלעכע גייסטיקע עלעמענטן, כדי צו דערהאַלטן די מדרגה פון „גוי קדוש" און „ממלכת כהנים". דאָרטן און דאָ.

ביז איצט קעמפן די פּאַרטייען צוצוגרייטן די יונגע עולים, זיי זאָלן קומען אין דער מדינה פּאַרטיקע פּאַרטיי-לייט. פון איצט אויף ווייטער, דאַרפן די ציוני-ציונים פון דער מדינה קעמפן, אַז די עולים זאָלן זיין באַוואוסטזיניקע יידן אין פולן זין פון וואָרט, כדי עס זאָל זיין אַ פאָלק, ווי עס ווייזט אָן דער גרויסער ייד הלל צייטלין ז"ל. „כי מציון תצא תורה".

סֵפֶר יְהוֹשֻׁעַ

א — דער רבי און דער תלמיד

אין דעם יאָר תשי״ח, ווי אין די פריערדיקע יאָרן — אַן ערך 2.300 יאָר זינט די צייטן פון עזרא הסופר —, האָבן די יידן געליענט יעדן שבת אין דער ספר־תורה, אָדער אין חומש, די סדרה פון דער וואָך, און זיכער, אַז אויך דעם יאָר האָט דאָס לייענען די סדרה חומש מיטגעווירקט אַריינצוטראַכטן זיך טיפער און נאָך טיפער אין דעם דרך היהדות, אַריינצוקוקן קלאָרער אין דער אייגענער נשמה, צו שאַרפן דעם שכל און דערזען בעסער זיך אַליין.

לערנען תורה איז נישט אַזוי ווי לערנען אַ געוויסע קאָנקרעטע וויסנשאַפט, וועלכע ווערט באַנוצט פאַר אַ ספּעציעלן צוועק.

געוויס איז יעדער צווייג פון וויסנשאַפט אויף אַלע פאַרשידענע געביטן נוצלעך, נויטיק און אומאָפּשאַצבאַר. וואָס מער מען פאָרשט, וואָס מער מען פּראַקטיצירט און מען פאַרווענדעט צייט און חכמה אין די לאַבאָראַטאָריעס, אין דער באַאָבאַכטונג פון דער נאַטור, אין די פיזישע געזעצן, אאַ״וו, איז דאָס אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט, ווייל דורך דעם אַנטפּלעקט מען די סודות, ווי צו פאַרהיטן דאָס געזונט, ווי צו מאַכן באַקוועמער דאָס לעבן אין אַלגעמיין, מאַטעריעל און מאָראַליש. מען דאַרף נאָר אָפּהיטן נישט צו פאַרוואַנדלען די געטלעכע מתנה —די וויסנשאַפט— אין אַ מערקאַנטיליסטישער סחורה.

נישט אַלע זענען באַגאַבט מיט די פעאיקייטן אַריינצונעמען און באַהערשן אין אַ גענוגנדיקער מאָס די וויסנשאַפט.

וויסנשאַפט איז אַ גייסטיקער אוצר, צו וועלכן מ׳דאַרף האָבן אינטעליגענץ און עטיק — און וואָס מערער איז בעסער, כדי זי זאָל געבן די גערעכטע רעזולטאַטן צו וואָס זי איז באַרופן, און זאָל פאַרשאַפן כבוד און נחת־רוח דעם באַזיצער פון די דאָזיקע געבענטשטע עלעמענטן, ווי אויך דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פון די געניסער.

תורה איז אַן אַלגעמיינער באַגריף, וואָס ווערט נישט אָפּגעצייכנט אויף אַ ספּעציעלן געביט. תורה איז קודם-כל אַן אייגנאַרטיקע מאַטעריע, וואָס לייטערט דאָס מענטשלעכקייט פון יעדן יחיד.

דער תנ״ך איז נישט קיין ספר אויסצולערנען, געדענקען די ווערטער אָדער עפּיזאָדן אויף אויסנווייניק. דער עיקר פון לערנען תנ״ך באַשטייט אין שעפּן פון זיין אינהאַלט און זיך אָנטרינקען מיט די גוטע מענטשלעכע זיטן. געדענקען די פּסוקים פון תנ״ך איז אַן ענין פון זכרון. אוודאי איז זכרון אַ גוטע, נוצלעכע און געוואונטשענע אייגנשאַפט, עס איז אַ ברכה פאַר דעם וואָס באַזיצט זכרון אין אַ פולער מאָס. אָבער עס איז נישט גענוג צו געדענקען די טרוקענע ווערטער, דער עיקר איז צו וויסן וואָס דער נביא, אָדער דער חכם באַצוועקט מיט זיינע ווערטער.

תורה לערנען דאַרף זיין באַגלייט מיט „יגעת ומצאת״ — מען דאַרף זיך באַמיען צו געפינען דעם זין פון די ווערטער, און וואָס מער מען געפינט, אַלץ מער חשק האָט מען צו זוכן, ביז... ביז אָן אַ סוף.

* * *

האַלטן מיר ביים ענדיקן לייענען נאָך אַמאָל די חמשה חומשי תורה, און קומען צו צום דראַמאַטישן פינאַל, ווי דער רבי משה גיט איבער די פירערשאַפט פון פאָלק צו זיין תלמיד יהושע.

צוועלף מאָל ווערט דערמאָנט דער נאָמען יהושע, ווען עס רעדט זיך וועגן איבערגעבן אים די הנהגה, און קיינמאָל ווערט נישט דערמאָנט, אַז משה רבינו זאָל האָבן געמאַכט די מינדסטע באַמערקונג קעגן דער צושטרענגער האַנדלונג קעגן אים, משה האָט —לויט דער אגדה—, געבעטן ביי ג-ט, ער זאָל אים דערלויבן באַטרעטן דעם באָדן פון ארץ-ישראל, ווי אַן איינפאַכן יידן, זאָל זיין אפילו ווי אַ פייגעלע וואָס פליט אין דער לופטן — אַזוי שטאַרק איז געווען זיין באַגער, זיין ליבשאַפט צו ארץ-ישראל. אָבער זיינע בקשות זענען געבליבן אָן דערפאָלג.

אַריינטראַכטנדיק זיך טיפער איבער די סיבות, פאַרוואָס ג-ט האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן משהס געבעט, קאָן מען פיליכט צורעכענען אויך דאָס, וואָס זיין ברודער אהרן איז שוין געבליבן רוען אין מדבר, און מען טאָר נישט שאַפן קיין קנאת-אחים. כדאי דאָס צו געדענקען!

* * *

משה גיט איבער די תורה יהושען און זאָגט אים אָן: „חזק ואמץ, כי אתה תבוא את העם הזה אל הארץ״. משה וואָרנט יהושען: זיי שטאַרק און פעסט, ווער נישט איבערגעראַשט פון דעם גרויסן זכות וואָס דו האָסט.

אַריינצוגיין מיטן פאָלק אין דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד; „חזק ואמץ, ואתת תנחילנה אותם" — זיי שטאַרק און פעסט, וואָרום אויף דיר פאַלט אַרויף די גרויסע אחריות צו באַזעצן דאָס פאָלק אויפן געגאַרטן באָדן.

ווער נאָך ווי אונדזער דור פילט און ווייסט די איסערגעוויינלעכע אחריות פון אונדזערע אויסגעווײלטע מנהיגים, וואָס דאַרפן קעמפן אויף צענדליקער פראָנטן, קעגן דריי מאָל איין־און־דרייסיק מלכים, וואָס איינע פון זיי איז גרעסער און שטאַרקער פון יענע אַלע איין־און־דרייסיק; אַ קאַמף, נישט מיט שווערדן, נישט מיט ביקסן, נאָר מיט טאַקט, מיט אינטע־ליגענץ, מיט אומבאַגרענעצטן געדולד.

ווער נאָך ווי אונדזער דור ווייסט און פאַרשטייט, אָדער דאַרף פאַר־שטיין, דעם זכות און די געוואַלדיקע אַחריות וואָס די מנהיגים האָבן ביים טראַנספּאָרטירן הונדערטער טויזנטער יידן פון גלות קיין ארץ־ישראל, טראַספּאָרמירן זיי דאָרטן און צוגרייטן באָדן פאַרן פאָלק, ווי עס טוט דער קרן קימת לישראל, און צוגרייטן דאָס פאָלק פאַרן באָדן, ווי עס מאַכט עס דער קרן היסוד, פאַראייניקטער קאַמפּיין, ביז זיי זאָלן קאָנען נעמען פּאָזי־ציע איינער פון צווייטן, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

* * *

משה זאָגט יהושען: פרעג מיר אַלץ וואָס ס'איז פאַר דיר פּיליכט נישט קלאָר, וועל איך דיר דערקלערן, ווייל מיינע שעהן מיט דיר זענען געציילטע. און יהושע ענטפערט משהן: האָב איך דען אַמאָל זיך אָפּגעזונ־דערט פון דיר? איך בין דאָך שטענדיק געווען מיט דיר. עס וויל זאָגן, אַז ער —יהושע— ווייסט אַלצדינג. דערציילט די אגדה, אַז פאַר דעם דאָזיקן ענטפער איז יהושע געשטראָפט געוואָרן, און ער האָט באַלד פאַרגעסן דריי הונדערט הלכות, און עס זענען אים אויפגעקומען זיבן הונדערט ספיקות (תמורה, ט"ז).

וואָס פאַר אַ הויכע, טיפזיניקע מאָראַל עס לערנט אונדז די דאָזיקע אגדה!

עס איז טאַקע ריכטיק דער מאמר „בכל אדם מתקנא, חוץ מבנו ותל־מידו" — אַלעמען איז אַ מענטש מקנא, חוץ זיין זון און זיין תלמיד. יעדער פאָטער, אָדער יעדער רבי ווינטשט, אַז זיין זון, אָדער תלמיד זאָל אים אי־בערשטייגן אין קענטעניש און מידות־טובות, א"אַ, אָבער דאָס וויל נישט זאָגן, אַז דער זון, אָדער תלמיד מעג פאַרגעסן, אַז ער רעדט מיטן טאַטן, אָדער מיטן רבין.

* * *

אַרום אַלע גרויסע פּערזענלעכקייטן וועבן זיך אוים, מיט דער צייט, לעגענדעס; אויך וועגן יהושע בן נון זענען פאַראַן לעגענדעס. לויט ווי עס איז פאַרצייכנט אין אַלע ספרים, ווערט דאָרט דערציילט, אַז יהושעס פאַטער האָט געוואוינט אין מצרים און זיין פרוי איז געווען אַן עקרה. אַלס גרויסער צדיק, האָט ער מתפלל געווען צו ג־ט, און זיין תפילה איז אָנגענומען געוואָרן. ווען יהושעס מוטער האָט פאַרשוואַנגערט, האָט דער פאָטער פאַרבראַכט טעג און נעכט אין וויינען, האָט עס דער מוטער פאַרדראָסן — אָנשטאָט זיך צו פרייען, איז ער גאָר פאַרטרויערט. ווען זי האָט אים זייער באַלעסטיקט פאַר זיין נישט פאַרשטענדלעכער אויפפירונג, האָט ער איר פאַרטרויט דעם סוד, אַז פון הימל האָט מען אים מודיע געווען, אַז דער זון וואָס וועט געבוירן ווערן, וועט אים, דעם פאָטער, אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ. די מוטער, גלויבנדיק אין די רייד פון פאָטער, האָט בעת דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, אים אַריינגעלייגט אין אַ קעסטעלע, אויסגעקלעפּט מיט ליים און מיט פעך און אים אַריינגעוואָרפן אין טייך. און אַ גרויסער פיש האָט עס איינגעשלונגען. גראָד האָט אין יענער צייט דער מלך געמאַכט אַ גרויסן באַנקעט פאַר זיינע הויכע באַאַמטע, האָט מען געכאַפּט אַ סך פיש, און צווישן זיי איז געווען דער פיש מיטן קעסטעלע. האָט מען אַרויסגענומען דאָס קינד. מען האָט געשיקט רופן אַן אַם צו האָדעווען דאָס קינד, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין קעניגלעכן הויף. און ווען ער איז גרוים געוואָרן, האָט דער מלך אים באַשטימט אַלס עלטסטן פון די תלינים.

מאַכט זיך אַ געשיכטע, ווען דער פאָטער האָט זיך פאַרזינדיקט פאַרן מלך, האָט דער מלך באַפוילן דעם עלטסטן פון די תלינים, ער זאָל אים אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ און ער זאָל צונעמען פאַר זיך זיין ווייב, די קינדער מיטן גאַנצן פאַרמעגן. און ווען ער האָט געוואָלט דערנענטערן זיך צו איר, איז געשען אַ נס. דאָס בעט איז געוואָרן פול מיט מילך וואָס איז געפלאָסן פון אירע ברוסטן, האָט ער זיך דערשראָקן און איר געוואָלט דערשטעכן, ווייל, ער האָט געמיינט, אַז זי איז אַ כישוף־מאַכערין. זי האָט אים אָבער דאַן דערציילט די גאַנצע פּאַסירונג, אַז אַז זי איז זיין מוטער; דערפאַר רופט מען אים בן נון, ווייל אויף אַראַמיש־לשון איז נון — אַ פיש. („אוצר המדרשים", פון יהודה דוד אייזענשטיין, דף 209).

דאָס איז אַ לעגענדע, וואָס לויט איר פאַנטאַזיע איז זי ענלעך צו אַנדערע לעגענדעס פון יענער צייט.

לעגענדעס באַווייזן, ווי גרוים דער המון האָט באַטראַכט די פּערזענלעכקייט, אַז די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אים געמוזט צושרייבן אויסערגעוויינלעכע געשעענישן.

* * *

יהושע, נאָכדעם ווי משה רבינו האָט אים איבערגעגעבן די חכמה פון אָנפירן מיט דער געמיינדע, און נאָכדעם ווי דער אַלמעכטיקער האָט אים צוגעגעבן מוט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים נישט פאַרלאָזן, און דאָס פאָלק האָט גענומען אויף זיך צו רעספּעקטירן זיין פירערשאַפט, ערשט דאַן האָט יהושע איבערגענומען די קאָמאַנדע.

„וישלח יהושע בן־נון שנים אנשים מרגלים״ — און יהושע האָט געשיקט צוויי מענטשן־אויסקוקערס, „חרש״ — פאַרטרויאונגס־מענער, און זיי געזאָגט: גייט, זעט דאָס לאַנד און יריחו.

משה רבינו, ווען ער האָט געשיקט מרגלים אויסצוקוקן ארץ־ישראל, האָט געהאַנדלט לויטן דעמאָקראַטיש־פּאָליטישן שטייגער: צוועלף שבטים — צוועלף מרגלים, פון יעדן שבט איינעם, דעם הויפּטמאַן פון יעדן שבט, מענטשן מיט נעמען. ווי קאָן דען זיין אַנדערש? — יעדע פּאַרטיי מוז האָבן אַ פאַרטרעטער. אַזוי פאָדערט דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע. אַי, אין וואָס איז באַשטאַנען דער אונטערשייד? — אַלע האָבן דאָך געפירט אַן איינהייטלעכן מדבר־לעבן; האָט מען זיי דען געגעבן לענדער אויסצוקלייבן, אַז אויב עס וועט זיי נישט געפעלן כנען, וועלן זיי האָבן די ברירה צו נעמען אַ צווייט לאַנד? — נאָר עס האָבן געמוזט זיין צוועלף.

און דאָס זענען געווען צוועלף נשיאים, נישט אַבי־ווער, נישט קיין פּאַכמענער, נאָר סאַמע יחסנים; קלוגע מענטשן, פעאיקע מענטשן, נאָר נישט צום שמעקן פולווער.

40 טעג האָבן זיך פאַרזאַמט די צוועלף נשיאים, און צוריקקומענדיק האָבן זיי אָפּגעגעבן אַ באַריכט, אַז זיי האָבן אויסגעקוקט דאָס גאַנצע לאַנד און עס איז אַן „ארץ זבת חלב ודבש״, אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. פּרוכט איז דאָרט פאַראַן פון די בעסטע, נאָר דאָס פאָלק וואָס זיצט דאָרט איז אַ שטאַרק פאָלק. די מענטשן דאָרט, זענען גיבורים; גיבורים קאָנען געבן קלעפּ, און על פּי הטבע האָבן נשיאים —פּרינצן— מורא פאַר קלעפּ.

דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער שליחות איז אַלעמען באַקאַנט. פון די 12 זענען געווען נאָר צוויי מיט אַ פעסטן כאַראַקטער, וואָס האָבן געזאָגט: „עלה נעלה וירשנו אותה, כי יכל נוכל לה״. די לעצטע צוויי האָבן נישט אָפּגעלייקנט די אַנדערע צען. זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז יענע מענטשן זענען שטאַרק, נאָר ווער זאָגט עס, אַז מיר זענען נישט שטאַרק? און צו וואָס האָבן מיר אַ ג־ט אויף דער וועלט?

יהושע בן־נון, וועלכער איז טאַקע געווען איינער פון די צוויי „יאָ־זאָגער״, האָט שוין געהאַט פּראַקטיק און געוואוסט, אַז ביי אַזעלכע אַקציעס קאָן מען נישט און מען טאָר נישט אָנווענדן טרוקענע פּרינציפּן, ווען אַפילו מען רופט זיי „דעמאָקראַטישע״. און ווידער אַמאָל זענען מיר לעבעדיקע

עדות פון דעם, אַז מען מעג און ס׳איז פּראַקטישער צו פאַרבויגן פּרינציפּן, וועלכע גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון „כבוד אלקים הסתר דבר" — דער כבוד פון ג־ט איז פאַרבאָרגן אַ זאַך" (משלי, כ״ה). איינע פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן וואָס האָבן מיטגעווירקט צום טריאומף פון דער סיני־אַקציע, איז דאָך דאָס, וואָס אונדזערע העכסטע פירער האָבן געוואוסט פון שלמה המלכס עצה: „הסתר דבר", וואָס איז בשעתו געווען וויכטיקער פון אַלע שיינע אָנגענומענע פּרינציפּן.

ביים איינטיילן דאָס ערד, איז טאַקע בעסער אַז יעדער שבט זאָל באַזעצט ווערן צוזאַמען. לאַנדסמאַנשאַפטן פאַרשטייען זיך איין בעסער צווישן זיך. יעדע געמיינדע, יעדע געזעלשאַפט האָט אירע געוואוינהייטן, איר נוסח, איר געשמאַק און זיי קאָנען בעסער שטימען צווישן זיך, ווי שכנים. אָבער ביי אַלגעמיינער פּאָליטיק, ביי זאַכן וואָס זענען נוגע אַלעמען גלייך, מוז מען זיך באַנוצן מיט פאַכמענער, מיט מענטשן וואָס פאַרשטייען זייער אויפגאַבע, וואָס ווייסן פון „אשר יחדיו נמתיק סוד" — וואָס צוזאַמען ווייסן מיר דעם געשמאַקן טעם פון קאָנען האַלטן אַ סוד; און יהושע האָט געשיקט נאָר צוויי מענטשן, פאַכמענער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין טיטלען, זענען אַפילו נישט געווען קיין וועטעראַנען, נאָר פּשוטע „שנים אנשים".

משה רבינו האָט אין זיינע אינסטרוקציעס צו די מרגלים אָנגעזאָגט זיי זעקס און פופציק ווערטער, און יהושע האָט זיך באַגנוגנט מיט בלויז זעקס ווערטער: „לכו ראו את הארץ ואת יריחו" — גייט, זעט דאָס לאַנד און יריחו. דאָס איבעריקע, פאַרשטייט אַליין.

די צען זענען געווען אַ פּראָדוקט פון „ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך", פון אונטערדריקטע גלות־יידן.

די צוויי זענען געווען קינדער פון נייעם דור, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט פרייליך יאָר פריי אין דער מדבר.

די צוויי האָבן זיך פאַרזאַמט איין טאָג נאָר אין יריחו, און געבראַכט אַ באַריכט פון זיבן ווערטער: „כי נתן ד׳ בידינו את כל הארץ" — אַז ג־ט האָט געגעבן אין אונדזער האַנט דאָס גאַנצע לאַנד. אַזוי זיכער, אַזאַ פעסט גלויבן האָבן זיי געהאַט, אַז נאָך איידער דאָס פאָלק איז אַריבער דעם ירדן, זיי זענען נאָך נישט אַריינגעטרעטן מיט איין פוס אפילו אין ארץ־ישראל, האָבן זיי שוין פּאָזיטיוו געזאָגט: „כי נתן" — אַז ער האָט אונדז שוין געגעבן דאָס גאַנצע לאַנד. נישט, „ער וועט געבן", נאָר האָט שוין געגעבן.

גליקלעכערוויז, הערשט אין מדינת־ישראל די שטימונג „כי נתן ד׳ בידינו את כל הארץ", און מיטן זעלבן כוח פון אַמאָל, וועט אי״ה די דאָזיקע וויזיע מקוים ווערן בקרוב בימינו, „וישראל ישכון לבטח"!

* * *

דער צווייטער קאַפּיטל פון יהושע, לאָזט זיך לערנען און לערנען און ציען פּאַראַלעלן און וויכטיקע מסקנות פאַר אונדזער היינטיקער צייט. פון די דאָזיקע שורות איז צו זען, ווי וויכטיק, ווי נוצלעך עס איז צו לערנען חומש, תנ"ך, און לערנען נישט סתם, ווי אַ בוך פון געשיכטע, געאָגראַפיע, אָדער דינים, נאָר ווי תורה, וואָס איז דער קווינטעסענץ פון מאָראַל, פון גוטער זיטלעכקייט, פון אַ כסדרדיקן אַרבעטן איבער זיך אַליין, צו פאַרשטיין די הימלישע וויזיע פון משה רבינו, כדי צו זיין גליקלעך אויף דער ערד און באַגרייפן די רעאַליסטישע פאָדערונגען פון יהושע, אַז די מענטשן אויף דער ערד זאָלן זיך דערהויבן צו הימלישע הויכקייטן.

ספר יהושע

ב — די סאַמע ערשטע עליה

דער אויסדרוק „עליה", האָט ביי אונדז גאָר אַ דערהויבענע באַדייטונג. ווען מ'רופט אַ יידן, ער זאָל צוגיין מאַכן אַ ברכה איבער דער תורה, זאָגט מען „מען האָט אים געגעבן אַן עליה".

ביים עולם איז אָנגענומען, אַז נישט אַלע עליות זענען פון דער זעלבער חשיבות, כאָטש די תורה איז די זעלבע. די ברכות זענען די זעלבע, און יעדעס וואָרט, יעדער אות איז גלייך הייליק.

די תורה איז געגעבן געוואָרן ביים באַרג סיני, צו די ששים רבוא בני־ישראל, אָן שום אונטערשייד.

די פּאָזיטיווע, ווי די נעגאַטיווע געבאָטן אין דער תורה, די „עשה'ס", ווי די „לא תעשה'ס", — וואָס מ'דאַרף יאָ טון און וואָס ס'איז פאַרבאָטן צו טון, זענען אָנגעזאָגט געוואָרן פאַר אַלעמען גלייך, אָרעם און רייך.

דאָך —שווער צו ווייסן פאַרוואָס—, האָבן מענטשן איינגעטיילט די עליות צו דער תורה אין יחוסדיקע, בעל־הבתישע און דריט־קלאַסיקע.

אַמאָליקע יאָרן זענען געווען די יחסנים די בעלי־תורה. און די וואָס האָבן אָפּגעהיט די תורה, די וואָס האָבן געפילט אַ דביקות צו דער תורה ביים מאַכן די ברכה פון דער עליה; היינט, איז דער יחסן דער, וואָס גיט מער געלט ביי דער עליה, און דאָס געלט גייט פאַר אַ דבר־מצווה.

איז עס גוט אַזוי? — ס'בלייבט אונדז נאָר צו זאָגן, הלוואי זאָלן קומען מער יידן אין די בתי־כנסת און בתי־מדרשים, און זאָלן וועלן —אַזוי צי אַזוי — באַקומען אַן עליה צו דער תורה, און דירעקט אָדער אומדירעקט באַקומט אויך די תורה איר עליה.

* * *

איצט האָבן מיר זוכה געווען, אַז דער באַגריף „עליה" איז דערהויבן געוואָרן צו אַ גאָר הויכער מדרגה.

עליה, איצט, מיינט בנין הארץ בפועל ממש, פּאַקטיש בויען ארץ-ישראל; עליה, איצט, הייסט חלוציזם, אַליין מיט דער אייגענער משפחה זיך שטעלן אויפן פאַרטיידיקונגס-פראָנט, אומעטום און ביי אַלץ וואָס מען שאַפט, נישט בלויז מיט געווער, נאָר אויך מיטן טראַקטאָר, מיטן פלוג, מיט פלאַנצן ביימער, מיט בויען נייע שיכונים, מיט גרינדן נייע מושבים, נייע קיבוצים, נייע אינדוסטריעס, נייע שולעס, נייע פאָרשונגס-אינסטיטוציעס, מיט פאַרשטאַרקן די אייגנאַרטיקע ישראל-קולטור אין ברייטסטן זין פון וואָרט, ווי אויך די וויסנשאַפט אין אַלגעמיין.

כלי-זין מוז מען האָבן פון דאָס בעסטע און געפערלעכסטע אויף צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אונדזערע שונאים.

כלי-זין מוזן מיר האָבן פאַר זיך אַליין, מ'זאָל אַליין ביי זיך זיין צופרידן און פעסט, ווי אויך פאַר גוטע פריינט. מענטשן האָבן דרך-ארץ פאַר דעם זאַטן, וואָס דאַרף נישט אָנקומען צו קיינעם. און דער שונא ליידט, מחמת קנאה, און וואַגט נישט צו זיין חוצפּהדיק.

אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „ספר וסיף ירדו כרוכים מן השמים" — דער ספר און די שווערד זענען אַראָפּגעקומען פון הימל צונויפגעוויקלט, דאָס וויל זאָגן, אַז ווען מען גיט זיך נישט אָפּ מיטן ספר, מיט לערנען, פאָרשן און וויסן — נעמט די שווערד די אויבערהאַנט.

דערפאַר איז איצט ביי אונדז די „עליה" אין דער מדרגה פון „לעילא ולעילא" — העכער און נאָך העכער, ווייל די עליה ברענגט מיט זיך די אַלע נויטיקע און געוואונטשענע עלעמענטן וואָס מיר האָבן פריער אויסגערעכנט און אויך דאָס גוטע וואָס מיר האָבן נישט דערמאָנט.

ווען מיר דאָ, אין די גלות-לענדער, מאַכן נישט קיין עליה, —צוליב דער אָדער יענער סיבה קאָנען מיר נישט עולה זיין—, האָבן מיר אָבער דעם גרויסן זכות צו קאָנען נתעלה ווערן, צו דערהויבן זיך אַליין, דערמיט וואָס מיר טיילן אָפּ, אין אַ גענוגנדיקער מאָס, פון דעם פאַרמעגן, און דערמעגלעכן אַז אַנדערע זאָלן מאַכן עליה, אַז מדינת-ישראל זאָל קאָנען אַריינעמען וואָס מער עולים, און די אַריינגעקומענע עולים זאָלן קאָנען בויען מדינת-ישראל פאַר כלל-ישראל.

כדי נתעלה צו ווערן דאַרף מען האָבן כוח, און נאָכמער — רצון, און צו דעם אַלעם — שכל. די וואָס האָבן נישט קיין כוח און קיין רצון נתעלה צו ווערן, צו שטעלן זיך אויף דער געהעריקער הויך, לויט זייערע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, צו דערמעגלעכן אַ וואָס גרעסערע עליה, איז עס ווייל עס האָט זיי געפעלט שכל. אַזוי וועלן זאָגן אונדזערע קינדער און אייניקלעך, און זיי וועלן עס שטאַרק באַדויערן. נאָר אַזוי ווי דאָס איז שווער צו

איבערצייגן, —ווער וויל עס טראַכטן וואָס שפּעטער וועט זיין?— איז די בעסטע עצה צו דעם: טראַכטן וועגן דאָס געוועזענע, אַז די זעקס מיליאָן יידן, צוזאַמען מיט זייערע פאַרמעגנס, זענען אומגעקומען. געראַטעוועט האָבן זיך נאָר די, וואָס האָבן געמאַכט עליה; און דריי מיליאָן יידן האָבן פאַרלוירן זייער מאַטעריעלן קאַפּיטאַל און גייען פאַרלוירן גייסטיק.

די דריי מיליאָן האָבן אפשר געהאַט שכל און רצון, נאָר זיי האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט. אויף זיי איז טאַקע אַ גרויסער רחמנות, און מען קאָן זיי גאָרנישט העלפן, אָבער, לכל-הפחות מוזן מיר דאָס האָבן גוט אין זינען, ווי אַ סגולה פאַר אונדזער שכל.

ביי עליה קיין מדינת-ישראל זענען נישטאָ קיין יחסנים. דער „חוק השבות" איז פאַר אַלע יידן גלייך. דורך עליה וועט אויך מדינת-ישראל תעלה ווערן.

* * *

און איצט ווען מיר שמועסן אַביסל פון דער סאַמע ערשטער עליה.

ווי נאָר די צוויי שליחים האָבן אַרויסגעזאָגט די ווערטער: „כי ד' נתן בידינו כל הארץ" — ג-ט האָט געגעבן אין אונדזערע הענט דאָס גאַנצע לאַנד, „וישכם יהושע בבקר" — האָט זיך יהושע געפעדערט אין דער פרי. ער, יהושע, האָט שוין נישט געקאָנט שלאָפן רואיק. ער האָט גאַנץ פרי אויפגעוועקט דאָס גאַנצע פאָלק, און זענען אַוועק, צוקומענדיק ביז צום ירדן, צו זיין ירדן, צו ישראלס ירדן, וואו זיי האָבן גערוט דריי טעג, און יהושע האָט צוגעגרייט דאָס פאָלק צו דער ערשטער עליה.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן די עמאָציע פון דעם יונגן, פרייען דור, וועלכער גייט מאַכן דעם ערשטן שריט פאַר אַ פאָלקאָמענער עליה!

און ווי אַנדערש האָט אויסגעזען די מחנה פון די בני-ישראל אונטער יהושעס קאָמאַנדע, לגבי די יוצאי-מצרים, אונטער משהס קאָמאַנדע.

ביי די, וועלכע זענען אַרויס פון מצרים, איז געגאַנגען פאָרויס אַ זייל פון וואָלקנס בייטאָג און אַ זייל פון פייער ביינאַכט.

צו די, וועלכע זענען געשטאַנען ביים ירדן, האָט יהושע אָנגעזאָגט: „כראותכם את ארון הברית, ד' אלקיכם, והכהנים, הלוים נשאים אותו, ואתם תסעו ממקומכם והלכתם אחריו" — ווי איר וועט זען דעם אָרון-קודש אין וועלכן עס ליגן די לוחות, און די כהנים פון שבט לוי טראָגן אים, אַזוי זאָלט איר זיך רירן פון אָרט און גיין נאָך אים, כדי איר זאָלט וויסן דעם וועג אויף וועלכן צו גיין.

נישטאָ מער קיין זייל פון וואָלקנס און קיין זייל פון פייער, וואָס זאָל וויזן דעם וועג. איין-איינציקער וועגווייזער איז פאַראַן פאַר די בני-ישראל

וואָס גייען אַריין אין ארץ־ישראל — דער אָרון־הקודש מיט די לוחות; אָט די תורה, וואָס איר האָט מקבל געווען ביים באַרג סיני. דאָס דאַרף זיין און דאָס וועט זיין דער איינציקער וועגווייזער. יהושע האָט נאָר געוואָרנט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך האַלטן ווייט, אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון אָרון־קודש. נישט יעדערער קאָן און מעג זיך דערנענטערן צו־נאָענט צו די טיפקייטן און צו די הייליקייטן פון דער תורה. צופיל נאָענטקייט מצד די וואָס זענען נישט גוט באַקאַנט מיט דער תורה, קאָן נאָך אַראָפּפירן פון וועג; נאָר די כהנים, די וואָס זענען פאַרבאַרייט צו דעם, זיי דאַרפן טראָגן אויף זייערע אַקסלען, אויף זייער גייסטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט דעם לימוד פון דער תורה, און פירן אין דרך פון דער תורה.

די נאָענטקייט פון דער תורה מצד אַזעלכע וואָס זענען נישט נאָענט צו דער תורה באַווייזט, אַז זיי ווילן צופּאַסן די תורה צו זיי, און נישט די גע־מיינדע צו דער תורה.

מען זאָגט, אַז מ'דאַרף זיך צופּאַסן צו דער צייט. אונדזערע אַלטע חכמים האָבן אויך אַריינגעפירט תקנות, ווייל די צייט האָט עס געפאָדערט. אָבער עס פרעגט זיך, צו וועלכער צייט? ווען אין איין שטאָט, אין איין געמיינדע זענען פאַראַן עטלעכע תקנות־מאַכערס. פאַרשידן איינע פון די צווייטע, און אַלע טוען עס אין אינטערעס פון יידישקייט, צוגעפּאַסט צו דער צייט.

אויב די אַלטע חכמים האָבן געמאַכט תקנות, זענען עס געווען סיגים (צאַמען), צו פאַרהיטן דאָס גאַנצקייט פון די דינים, אָדער צו פאַרגרינגערן אַ דין, ווייל, די אומשטענדן האָבן עס געפאָדערט, אָבער, נישט אָנרירנדיק דעם עיקר פון דין; דער דין איז געבליבן דין, אָבער פאַר קיין פאַל נישט רעפאָרמירן, אָדער מבטל מאַכן אַ דין, אָדער אַ מנהג, וואָס איז אַמאָל האַר־בער פון אַ דין.

דעריבער האָט יהושע אונטערגעשטראָכן: „והכהנים הלוים נשאים אותו" — די כהנים פון שבט לוי טראָגן דעם אָרון־הקודש. אייגנטלעך, איז דאָך באַוואוסט, אַז די כהנים זענען פון שבט לוי, צו וואָס האָט ער געזאָגט „והכהנים הלוים"? נאָר דאָס וואָרט „כהן" אָן און פאַר זיך באַדייט אַ גייסטלעכער דינער, נישט דווקא ביי יידן, אויך די געצנדינער האָבן געהאַט זייערע כהנים. האָט יהושע בפירוש געזאָגט, אַז נאָר די אמתע כהנים, וואָס שטאַמען פון שבט לוי, מעגן טון די הייליקע עבודה, ווייל זיי זענען ספּע־ציעל דערצויגן געוואָרן צו דעם.

* * *

דאָס פאָלק איז גרייט. די כהנים מיטן אָרון־קודש גייען פאָרויס, דאָס פאָלק נאָך זיי, און דאַן פּאַסירט אַ גרויסער וואונדער: ווי נאָר די כהנים

האָבן אַריינגעשטעלט די פיס אין ירדן, אַזוי האָבן די וואַסערן וואָס נידערן אַראָפּ פון אויבן, זיך אָפּגעשטעלט, —דאָס וואַסער פונעם ירדן, ביז זיי קו־מען צו צום ים המלח, פאַלן זיי אַראָפּ פון אַ הויך פון דריי טויזנט מעטער—, דערפאַר איז דער נס גרעסער, וואָס טראָץ דעם וואָס דאָס וואַסער פליצט אַזוי שטראָמיק פון דער הויך אַראָפּ, איז ער דאָך פלוצלינג געבליבן שטיין, ביז דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן.

ווען דאָס פאָלק איז אַרויס פון מצרים און זענען אָנגעקומען צום ים־סוף, און ווען זיי האָבן דערזען די מצרים זיך יאָגן נאָך זיי, האָבן זיי גע־שריען צו משהן. משה האָט תפילה געטון צו ג־ט, און ג־ט האָט געזאָגט צו משהן: „מה תצעק אלי, דבר אל בני ישראל ויסעו" — וואָס שרייסטו, וואָס וועט דיר העלפן דאָס שרייען, רעד צום פאָלק, זיי זאָלן זיך רירן. און ערשט נאָכדעם ווי ער —משה— האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן, און נחשון בן עמינדב איז אַריינגעשפּרונגען אין ים, האָט זיך דער ים געשפּאָלטן, און דער ירדן, אָן קיין אינטערווענץ פון יהושע, איז דאָס וואַסער פון זיך אַליין געבליבן שטיין.

ווען די תורה גייט פאָרויס אַלס וועגווייזערין, די גייסטיקע פירער, די מנהיגים גייען מיט דער יידישער תורה, טראָגן אויף זיך דעם עול פון דער תורה, און דאָס גאַנצע פאָלק גייט זיי נאָך, שטייט הינטער זיי, דאַן בלייבט דער ירדן שטיין.

דרך־ארץ פאַר אַזאַ פאָלק! דרך־ארץ פאַר די כהנים! דרך־ארץ פאַר דער תורה!

אייגנטלעך, איז דאָך דער נס פון ירדן נישט געווען נויטיק. זענען דאָך די צוויי מרגלים, פריער מיט געציילטע טעג, אַריבער הין און צוריק דעם ירדן אָן קיינע שוועריקייטן. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט די ערשטע חלוצים — די בני ראובן, די בני גד און דער האַלבער שבט מנשה האָבן גלאַררייך פאַרענדיקט זייער חלוצישע פליכט, זענען אַריבער דעם ירדן אויף אַ נאַטירלעכן אופן. אַנדערש איז אָבער, ווען אַ גאַנץ פאָלק איז עולה, ווען אַ גאַנץ פאָלק מאַכט עליה, כדי אויסצוקעמפן זעלבסטשטענדיקייט, צו פאַר־נעמען זיין טעריטאָריע וואָס איז אַ וויכטיקער, אָדער איינע פון די וויכטיק־סטע יסודות פאַר אַ פאָלקס־פאַראייניקונג; אַ פאָלק, וואָס ווערט געפירט פון אַ תורה וואָס פאַרמאָגט אין באַט אָן ליכט, חכמה און גוטסקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, פאַר יעדן וואָס יויל איר אָנערקענען; אַ פאָלק, וואָס נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער גאַנצער דור, וועלכע איז עולה האָט זיך געהאָדעוועט און דערצויגן געוואָרן אין אַ מדבר. האָט דאָך באַוויזן צו בויען אַ פראַכטפולן גייסטיקן צענטער — אַ משכן, מיטן גאַנצן קאָנפאָרט, צו וועלכן זיי האָבן אַלע, מאַן און פרוי, מיטגעשטייערט מיט גאָלד, זילבער און אַנדערע ווערטפולע חפצים, נאָכמער וויפל ס'האָט זיך געפאָדערט.

מער וויפל עס האָט זיך געפאָדערט! — דאָס אַליין איז דאָך אַ גרויסער נס!

אַ דור, וואָס פינף טעכטער, יתומות, אָן עלטערן, אָן ברידער, האָבן געפאָדערט אַ חלק ערד, כדי צו קאָנען אַרבעטן, פּראָדוצירן גלייך מיט די מענער, נישט קיין פּראָטעקציע, נישט קיין רעגירונגס-פּאָסטנס, קיינע רחמנות-פּאַרצונגן — אַלס יתומות, האָבן זיי געבעטן, נאָר רעכט האָבן זיי געפאָדערט; רעכט אויף צו אַרבעטן דאָס ערד, און דער רבונו-של-עולם האָט זיי געגעבן גערעכט, און צוגעגעבן אַ ספּעציעלן פּסוק אין דער תורה: „כן בנות צלפחד דברת" — גערעכט זענען די טענות פון צלפחד'ס טעכטער.

וואָס פאַר אַ זכיה!

אָט אַזוי איז געווען די סאַמע ערשטע עליה!

* * *

עס איז פאַראַן אַ מדרש, וואָס זאָגט: „אל תירא עבדי יעקב, אמרו בשם ר' מאיר; מלמד, שהראה הקדוש ברוך הוא ליעקב שרה של בבל עולה ויורד, של מדי עולה ויורד, של יון עולה ויורד ושל אדום עולה ויורד, אמר הקב"ה ליעקב: אף אתה עולה. באותה שעה נתירא יעקב אבינו ואמר: שמא חס ושלום, כשם שלאלו ירידה אף לי כן, אמר לו הקב"ה: ואתה אל תירא, אם אתה עולה אין לך ירידה עולמית" (ויקרא, פ' כ"ט).

יעקב, מיין קנעכט, האָב נישט מורא, לערנט עס אונדז, אַז ג-ט האָט געוויזן יעקבן די מלאכים פון בבל, פון מדי, פון יון (גריכנלאַנד), פון אדום וואָס גייען אַרויף און אַראָפּ, זיי זענען עולה ויורד, און דו, יעקב, וועסט אויך עולה זיין. האָט יעקב זיך דערשראָקן, טאָמער, חס-ושלום, וועט ער אויך האָבן אַ ירידה, האָט ג-ט אים געזאָגט: דו האָב נישט מורא, אויב דו ביסט עולה, וועסטו קיינמאָל נישט האָבן קיין ירידה.

לאָמיר, אַלס בני אברהם, יצחק ויעקב, עולה זיין; עולה זיין קיין ארץ-ישראל; עולה זיין מיט אונדזער מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף, צו בויען ארץ-ישראל כל-זמן מיר זענען אין גלות; עולה זיין מיט שטיצן, מיט בויען, מיט כוח און מוח דעם חינוך ותרבות דאָ ביי אונדז. לאָמיר עולה זיין אין ציוניסטישן געדאַנק און אַוועקשטעלן די צענטראַלע ציוניסטישע אינסטיטוציע אויף אַ רעאַלן, פעסטן באָדן. לאָמיר זיך אָנשטרענגען און דערהויבן אונדזערע וויכטיקע אינסטיטוציעס.

לאָמיר עולה זיין, און אויב די יעקבס זענען עולה, זענען עולה גייסטיק, וועלן זיי מער קיינמאָל נישט האָבן קיין ירידה.

אל תירא עבדי יעקב! עליה! עליה! עליה!

פִּרְקֵי אָבוֹת

— 1 —

עס איז אַן אַלטער מנהג, אַז יעדן שבת, פון פּסח ביז ראש-השנה, זאָגט מען פּרק.

דאָס איז אַ זאַמלונג פון מאָראַל, דרך-ארץ און גוטע זיטן, וואָס אַזעל-כעס איז שווער צו געפינען אין דער ליטעראַטור פון אַנדערע פעלקער.

זיי זענען איינגעטיילט אין זעקס פּרקים, אין וועלכע עס ווערן גע-בראַכט פערלדיקע געדאַנקען פון זעכציק גרויסע אויסגעצייכנטע יידישע חכמים, וואָס האָבן געלעבט אין משך פון פיר הונדערט פופציק יאָר.

פאַר יעדן פּרק ווערט געזאָגט: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא"

— יעדער ייד האָט אַ חלק, ווער אַ קלענערן און ווער אַ גרעסערן, אין דער וועלט וואָס קומט, ווייל „ועמך כולם צדיקים" — דאָס פאָלק אַלס גאַנצעס, זענען אַלע צדיקים.

יעדער ייד אין יעדן דור, ליידט פאַר זיין אָנגעהעריקייט צום יידנ-טום און צו יידישקייט. ווער עס ליידט אויף זיין אייגן לייב, אין זיינע פּריי-וואַטע אינטערעסן דירעקט, פיזיש און מאָראַליש, און ווער עס ליידט אומ-דירעקט, מחמת די באַליידיקונגען וואָס פעלן קיינמאָל נישט, אויף איינעם אָדער אַ צווייטן אופן, און מען דולדעט, און מען האַלט זיך פעסט ביים נאָ-מען ישראל. דאָס צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, מער צי ווייניקער רע-ליגיעז, און דאָס איינגעוואָרצלטקייט אין דעם גלויבן פון נצח-ישראל, אַז דאָס יידישע פאָלק איז באַרופן צו אַן אייביקער עקזיסטענץ, ווערט ממילא איבערגעגעבן פון עלטערן צו קינדער און צו קינדס-קינדער, צו די נייע וועלטן וואָס קומען אין פאַרבייטן די אַלטע און זעצן פאָר מיט דער נצחיות, באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, האָט יעדער איינער זיין חלק אין דער דערהאַלטונג פון עם-ישראל, אין דעם עולם-הבא, אין די נייע קומענדי-קע יידישע וועלטן, וואָס אַלע צוזאַמען זענען זיי באמת אַ פאָלק פון צדיקים.

אַט דעם אַריינפיר פון „כל ישראל", אַז דאָס גאַנצע פאָלק זענען צדי־קים, האָבן אונדזערע חכמים געשטעלט, כדי צו דערמוטיקן יעדן ייד. קיין איין ייד, ווי און ווער ער זאָל נישט זיין, זאָל זיך אַליין נישט מינדערשעצן, ווייל שוין מיט זיין טראָגן דעם נאָמען „ישראל", וואָס איז זייער אָפט אומ־געשטעלט צו פאַרביטערן דעם ביסעלע עולם־הזה, האָט ער אָבער די באַפרי־דיקונג, ווען ער ווייסט, אַז ער דינט און קרעפטיקט מאַטעריעל און מאָראַ־ליש דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

און די, וואָס האַלטן זיך פאַר גאַנצע צדיקים און ווילן פאַר זיך ספּע־ציעלע פּריווילעגיעס, זאָלן זיי וויסן, אַז זיי לעבן אין אַ טעות. קיינער קאָן נישט וועגן, מעסטן די צדקות.

יעדער ייד, וואָס קומט אום צוליב זיין אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, אָן אויסנאַם, איז אַ קדוש.

יעדער ייד, וואָס לעבט אין פריידן און אין ליידן מיטן יידישן פאָלק, אָן קיינע אָפּנויגונגען פון זיין שטאַם, איז אַ צדיק.

* * *

נאָך דעם אַריינפיר פון „כל ישראל", הויבן אָן אונדזערע חכמים מיט קורצע ווערטער, צו דערציילן, פון וואַנען, פון וועלכן קוואַל שעפּט דאָס יידישע פאָלק די הויכע, ריינע מאָראַל.

דער קוואַל איז: „משה קבל תורה מסיני" — משה האָט מקבל געווען די תורה אויפן באַרג סיני, און פון דאָרט שעפּן מיר. לערנען מיר און אַנט־וויקלען, און ציען מסקנות פון די שיינע, גוטע, מענטשלעכע זיטן איף אַלע אייביקייטן.

אַט פון די פיר ווערטער „משה קבל תורה מסיני", קוועלן אַרויס גע־דאַנקען וואָס צווינגען זיך צו פאַרטראַכטן און אַריינצודרינגען טיפער אין דעם גאַנצן ענין.

פאַרוואָס האָט ג־ט געלאָזט וואַרטן דאָס יידישע פאָלק אַ ערך פון פיר הונדערט יאָר, ביז ער האָט זיי געגעבן די תורה?

אייגנטלעך, איז דאָך געקומען די זכיה, צו באַקומען די תורה, אונדזער פאָטער אברהם. ער איז דאָך געווען דער ערשטער און דער איינציקער, וועלכער האָט דערקענט די אחדות־הבורא, דעם מאָנאָטעאיזם, און האָט אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט די אמונה אין דעם אומזעבאַרן ג־ט. ער איינער —אברהם— האָט ריזיקירט און איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַלע מענטשן און פאַלשע געטער פון יענער צייט. ער איז געווען גרייט מקריב צו זיין זיין איינציקן זון פאַר זיין גלויבן אין דעם איינציקן ג־ט.

אברהם האָט אויסגעפאָלגט אַלץ וואָס ג־ט האָט אים באַפוילן. ער האָט

איינגעפירט שיינע, גוטע מידות אין זיין פריוואַטן, פערזענלעכן און פאַמי־ליען־לעבן. אברהם האָט געמוזט קעמפן פאַר זיינע אידעען מיט זיין אייגע־נעם פאָטער, מיטן קעניג פונעם לאַנד, און איז ביינעשטאַנען אַלע נסיונות; ער איז דאָך זיכער ראוי געווען מקבל צו זיין די תורה.

און אויב אברהם איז געווען אליין —פאַר איין־איינציקן גוטן מענטשן גיט מען נישט קיין תורה—, איז דאָך אָבער יעקב אָבינו געווען אַ פאָטער פון צוועלף זין, וועלכע זענען די אמתע גרינדער פון דער יידישער אומה, דערמיט, וואָס אַלע ברידער מיט זייערע משפחות האָבן זיך געהאַלטן אַלע צוזאַמען און נישט אָפּגעטראָטן פון דער טראַדיציע פון אברהם, יצחק און יעקב; אין די שווערסטע צייטן און ביי די ערגסטע אומשטענדן זענען זיי געבליבן געטריי די אמונה פון די אָבות, און האָבן עס איינגעפלאַנצט אויך אין די קומענדיקע דורות, האָט דאָך יעקב אָבינו, דאַכט זיך, פאַרדינט, אַז ער זאָל האָבן די זכיה, אַז דורך אים זאָל געגעבן ווערן די תורה.

פאַרוואָס איז עס משה געווען דער אויסדערוויילטער מקבל צו זיין די תורה?

טראַכטן מיר זיך אַריין טיפער, זעען מיר: אברהם, יצחק און יעקב זענען געווען גרויסע מאמינים. זיי האָבן געגלויבט אין ג־ט און אין זיין וואָרט, נישט דערלאָזנדיק אין זייערע געדאַנקען קיין שום ספיקות.

ג־ט האָט באַפוילן אברהמען פירן זיין זון צו דער עקידה. ער האָט אים מודיע געווען, אַז זיינע קינדער וועט מען פאַרקנעכטן, מען וועט זיי פייניקן פיר הונדערט יאָר, און אברהם האָט נישט רעאַגירט. ער האָט געגלויבט אַז אַזוי דאַרף עס זיין, ווייל אַזוי איז ג־טס רצון.

אברהם, יצחק און יעקב זענען געבענטשט געוואָרן פון ג־ט מיט אַלדאָס גוטס, מיט הבטחות, אַז זייערע קינדער וועלן ירשנען דאָס גאַנצע לאַנד כנען. אַלע זייערע בקשות זענען דערפילט געוואָרן.

די אמונה איז געווען אַ קעגנזייטיקע. די אָבות האָבן געגלויבט אָן קיין פראַגעס אין ג־ט, און ג־ט האָט געגלויבט אין דער אויפריכטיקייט פון די אָבות; און אַז זיי זענען די וואָס זענען ראוי, אַז עס זאָל פון זיי אַרויסקו־מען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, און ער האָט געשלאָסן מיט זיי אַן אייביקן בונד, פאַר זיי און פאַר זייערע קינדער.

אַנדערש געפינען מיר ביי משהן.

ג־ט האָט אים קיינמאָל נישט געבענטשט, קיינמאָל גאָרנישט פאַר־שפּראָכן, נישט פאַר אים און נישט פאַר זיינע קינדער.

משה האָט קיינמאָל גאָרנישט געבעטן פאַר זיך און פאַר זיין משפחה. די איינציקע בקשה זיינע איז געווען, אַריינצוגיין, זען און טרעטן אויפן באָדן פון ארץ־ישראל, האָט ער עס אויך נישט געפועלט. ער איז נישט גע־בענטשט געוואָרן מיט קיין רייכטימער, און האָט עס קיינמאָל נישט פאַר־

לאַנגט פון רבש"ע. איין מאָל נאָר האָט משה געבעטן פאַר אַ מיטגליד פון זיין משפחה.

ווען זיין שוועסטער מרים איז קראַנק געוואָרן, האָט משה געבעטן ביי ג-ט, ער זאָל איר געזונט מאַכן, און די גאַנצע תפילה איז באַשטאַנען אין פינף געציילטע ווערטער: „אל נא, רפא נא לה" — ג-ט, איך בעט דיר, הייל זי. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט פון בקשות פאַרן פאָלק, האָט ער נישט געזשאַלעוועט קיין ווערטער און קיין אַרגומענטן, נאָר פאַר די אייגענע פריינט, האָט ער געלערנט מיטן ברודער אהרן „בקרבי אקדש" — דורך מיינע נאָענטע וועל איך געהייליקט ווערן.

און ווען ג-ט אַנטפּלעקט זיך צום ערשטן מאָל צו משהן, און אים באַפוילן צו גיין צו פרעהן, מיטן באַפעל ער זאָל באַפרייען די יידן, האָט אים משה געענטפערט: „מי אני" — ווער בין איך, אַז איך זאָל גיין צו פרעהן און איך זאָל אַרויסציען די יידן פון מצרים? ער וויל וויסן, פאַרוואָס שיקט ער גראָד אים, ווער איז ער אַזוינס?

און נישט נאָר דאָס. משה האָט געהאַט מוט און געפרעגט ביי ג-ט: „דו שיקסט מיך אין אַזאַ וויכטיקע שליחות, און אַז מען וועט מיר פרעגן, ווי איז דיין נאָמען? וואָס זאָל איך זיי זאָגן?" און ער האָט באַקומען אַ קלאָרן ענטפער.

משה האָט אויסגעפאָלגט די שליחות, און נאָכדעם איז ער געקומען צו ג-ט מיט אַ טענה: „זינט איך בין געקומען צו פרעהןריידן אין דיין נאָמען, באַגייט ער זיך נאָך ערגער מיטן פאָלק, און דו האָסט דיין פאָלק נישט מציל געווען".

אָט אַזאַ, וואָס אויסער גלויבן, וויל ער אויך וויסן און פאַרשטיין, אָט אַזעלכער וועט קאָנען לערנען מיטן פאָלק. דער וואָס וויל אַליין לערנען און וויסן, קאָן אויך לערנען מיט אַנדערע זיי זאָלן אויך פאַרשטיין און וויסן; נאָר אַזעלכן מעג מען אַנפאַרטרויען אַ תורה.

נאָר אַזעלכער, וועלכער האָט נישט אין זינען קיין אייגענע מאַטעריעלע אינטערעסן און נישט קיין כבוד, וועלכער קאָן פרעגן ביי זיך אַליין „מי אני" — ווער בין איך, צו טון אַזאַ וויכטיקע שליחות —, אַזאַ איז ראוי צו זיין אַ מנהיג, אַ פירער, אַ רבי ביי אַ געמיינדע, ביי אַ קהל.

און משה איז געווען דער מאַן אויף וועמען ג-ט האָט געוואַרט פיר הונדערט יאָר אויף צו געבן די תורה פאַר די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב.

* * *

„משה קבל תורה מסיני": משה איז אַרויף אויפן באַרג סיני, וואו ער האָט זיך געזאַמט פערציק טעג, און איז אַראָפּ פון באַרג מיט די לוחות,

אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעקריצט די צען געבאָט, די עשרת הדב־רות, וואָס זענען די עיקרים פאַר דער גוטער אויפפירונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אין פערציק טעג צייט, האָט משה אויסגעקליבן פון די זעקס הונדערט דרייצן מצוות בלויז צען.

די היינטיקע „חכמים" וואָלטן זיכער געפרעגט, וואָס האָט ער אויפגע־טון, דער משה? — אָפּגעזעסן פערציק טעג און געבראַכט קוים צען מצוות, וועלכע מ׳ווייסט שוין פון פריער. ווער פאַרשטייט עס אליין נישט, אַז מען דאַרף רעספּעקטירן טאַטע־מאַמען, אַז מען דאַרף רוען איין טאָג אין וואָך, אַז מען טאָר נישט גנבענען, אא"וו?

אָבער מערקווירדיק, סך־הכל צען מצוות, איינפאַכע, וואָס יעדער בר־דעת פאַרשטייט, אַז זיי זענען ריכטיק און מען קאָן גאַרנישט אויסזעצן קעגן זיי, און טראָץ דעם וואָס עס זענען שוין אַריבער דריי טויזנט יאָר, און חכמים גייען און חכמים קומען, האָט נאָך די וועלט, די מענטש־הייט נישט דערגרייכט צו דער מדרגה אויסצופאָלגן, אָדער אויפנעמען זיי מיט דער געהעריקער ערנסטקייט. דאַכט זיך, אַזעלכע קלאָרע, ריכטיקע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכן, וואָס זענען גוט פאַר יעדן יחיד, ווי פאַרן גאַנצן כלל, וואָס טעאָרעטיש אָנערקענען זיי אַלע, און מען באַטראַכט די צען געבאָט ווי דאָס הייליקסטע פון די הייליקע — נאָר אין דער פּראַקטיק, אין לעבן, ווערן זיי נישט דורכגעפירט.

נאָר אַזאַ מנהיג ווי משה רבינו, וועלכער זוכט זיך נישט אויסצופיינען פאַרן עולם מיט שיינע רעדעס, מיט קריטיקירן יענעם, אָדער יענע; נאָר אַזאַ משה רבינו, וואָס האָט גערעדט מיט ג־ט און מיטן פאָלק אין די איינפאַכ־סטע ווערטער און מיט דער קירצסטער שפּראַך, אָן באָמבאַסטיק, אָן כבוד־זוכעריי; נאָר אַזאַ ווי משה, וואָס האָט נישט געוואוסט אַפילו ווי זיין אייגן פּנים שיינט, אַזעלכער איז באַרופן צו ברענגען אַ תורה, צו לערנען מיטן פאָלק; לערנען, וואַרענען, חזרן און איבערחזרן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז עס ווערט איינגעפלאַנצט און פאַרוואָרצלט אין לעבנס־שטייגער פון פאָלק די גוטע מידות.

* * *

משה האָט איבערגעגעבן די תורה צו זיין תלמיד יהושע, און יהושע צו די זקנים, די זקנים צו די נביאים און די נביאים צו די לייט פון דער גרויסער כנסת — דאָס הייסט, צו די פאָלקס־פירער, וואָס זענען געווען די העכסטע מאָראַלישע אויטאָריטעטן, און זייער לערע, זייער ביישפּיל דינט אונדז ווי אַ לעקציע, ווי אַ מוסטער ביז היינט צו טאָג.

און די גרויסע לייט פון כנסת הויבן אָן זייער לימוד פון מאַראַל מיט אַ ווענדונג צו זיך אַליין.

דריי זאַכן האָבן זיי געזאָגט: רבנים, דיינים, קהלם־לייט — איר זאָלט זיין געלאַסן, פּאָרזיכטיק, נישט געאײַלט ביים אַרויסזאָגן אייער פּסק, אייער מיינונג. איר זאָלט אויפשטעלן אַ סך תלמידים, און איר זאָלט מאַכן אַ צאַם צו דער תורה.

דריי רעקאָמענדאַציעס וואָס זענען געגעבן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, און האָבן נישט פאַרלוירן זייער הויכן ווערט ביז היינט.

נישט די פּאָזיציע וואָס איינער פאַרנעמט, גיט אים דאָס רעכט צו זיין אַן „עומד על דעתו" —איך וויים וואָס איך זאָג—, נאָר באַזאָכטקייט, ישוב־הדעת איז דאָס ערשטע וואָס אַ מנהיג מוז וויסן: אויפשטעלן אַ סך תלמי־דים. דאָס וויל זאָגן, אַז מען דאַרף נישט און מען טאָר נישט זיך צאַצקען שטענדיק מיט „וועטעראַניזם", דאָס איז נישט געזונט און נישט קלוג פאַר דער געזעלשאַפט. מען דאַרף לאָזן די תלמידים, זיי זאָלן אַמאָל אויך ווערן וועטעראַנען; און, מען זאָל מאַכן אַ צאַם צו דער תורה. איר, רבנים, דיינים, קהלם־לייט, זעט אַז אייערע מעשים, אַלע אייערע אַקטן זאָלן זיין אַ צאַם, וואָס זאָל אָפּהיטן די תורה; זיין פאָרזיכטיק, נישט צו געבן קיין פּלאַץ אַז עמיצער זאָל קאָנען זאָגן: אויב זיי מעגן טון דאָס, מעג איך טון יענץ!

* * *

מען זעט קלאָר, וואָס פאַר אַ טיפער קוואַל פון מאָראַל עס געפינט זיך אין פּרק, ווײַלכן מען דאַרף זאָגן אַלע שבתים; אַז אין יעדן וואָרט, אין יעדן זאַץ זענען פאַרבאָרגן אומצאָליקע הויכע געדאַנקען.

זאָלן אָט די שורות דינען ווי אַן אָנרעגונג, יידן זאָלן זאָגן, לערנען און ציען די געהעריקע מסקנות פון די מאָראַלישע ווערטן וואָס אונדזערע חכמים האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט.

פּרקי אָבות

— 2 —

וואָס איז דאָס אַזוינס אַ פּרק? — אַ פּרק איז אַזאַ זאַמלונג פון מוס־טערן, פון די שענסטע צירונגען, מיט וועלכע יעדער פאַרשטענדיקער מענטש קאָן זיך באַרייכערן, ווער עס וויל נאָר, ווער עס האָט שכל דאָס צו באַגערן, קאָן ווערן דער צופרידנסטער מענטש.

נאַטירלעך, פאָדערט זיך צו דעם אַ סיסטעמאַטישע און אַ כסדרדיקע אויפמערקזאַמקייט. מען מוז דערביי אַרבעטן און אַכטונג געבן אויף דער עכטקייט, אַז די דאָזיקע פּרק-צירונגען זאָלן זיין לויטער, ריין, נישט גע־קינצלט, נישט באַפאַרבט, כדי עס זאָל נישט פאַרלירן דעם חן.

וויפל אַזאַ פּרק-צירונג האָט די ווערט, איז נישט אָפּצושאַצן. איך ווייס נאָר וואָס עס ווערט דערציילט, אַז מען האָט איינעם אָנגעבאָטן „אלף אלפים דינרי זהב", דאָס הייסט, אַ מיליאָן גאָלדענע רענדלעך, מיט אַ צוגאָב פון פּערל און בריליאַנטן, און ער האָט עס נישט אָנגענומען.

וויפל קאָסט אָט דאָס דאָזיקע צירונג? — עס קאָסט גאָרנישט. נישט אַלע ווייסן, אַז די שענסטע, בעסטע פּערל, ווערן אויסגעפּאַרטיקט אין די אינערלעכע אָפּהאַנגען פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש אין ים; און די פּרק־פּערל — וועגן וועלכע מיר רעדן דאָ — ווערן אויסגעפּאַרטיקט ביים מענטשן אין האַרץ. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז וואָס דאָס האַרץ איז בעסער, אַלץ מער ווערטפול זענען די פּערל.

אָפט לייענען מיר וועגן אויסשטעלונגען וואָס גרויסע, רייכע לענדער אָרגאַניזירן, כדי צו באַווייזן די פּראָדוקטן וואָס זייערע פעלקער שאַפן; די מינעראַלן וואָס ליגן אין די טיפענישן פון דער ערד און פון די ימים; די חכמהדיקע דערגרייכונגען פון די מענטשן-מוחות אויף פאַרשידענע געביטן, וואָס נוצן צום קאָמערציעלן און אינטעלעקטועלן אויסטויש. אויך מדינת־ישראל באַטייליקט זיך אין אַזעלכע אויסשטעלונגען, ווייל עס איז צום נוצן פונעם מסחר און קרעדיט פון לאַנד.

שיינט מיר, לויט מיין איינפאַכן פאַרשטאַנד, אַז עס וואָלט געווען וויכ־טיק און ווירדיק, אַז אין ישראל - פּאַוויליאָן, באַגלייך מיט אַלע גראַפישע סטאַטיסטישע צייכענונגען, זאָל זיך געפינען אויך אַ צייכענונג פון אַ פּרק פּערל, באַאַרבעט און געשליפט פון אונדזערע גרויסע מומחים, וואָס באַ־לייכטן און וואַרפן דורכדרינגענדיקע שטראַלן איבער געוויסע פּראָבלעמען, וואָס קענען זיין זייער באַלערנדיק פאַר די באַזוכער פון די אויסשטעלונגען.

אלס ביישפיל וועלן מיר ברענגען איינעם פון זיי:

עס ווערט געזאָגט אין פּרק: „עס זיינען פאַראַן פירערליי מידות ביי מענטשן. דער וואָס זאָגט מיינס איז דיינס און דיינס איז אויך דיינס — דער איז אַ חסיד; דער וואָס זאָגט: מיינס איז מיינס און דיינס איז אויך מיינס — דער איז אַ רשע; דער וואָס זאָגט: מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס — דער איז אַן עם הארץ; דער וואָס זאָגט: מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס — דער איז אַ מיטלמעסיקער. און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז דאָס איז אַ מידה פון סדום".

לאָמיר אַנאַליזירן די פיר כאַראַקטעריסטיקעס:

אַלע מענטשן אַרבעטן און פּראָדוצירן, איינער גרייט צו פאַר אַ סך און

אַ סך גרייטן צו פאַר איינעם. יעדער אויסגעפּאַרטיקטע זאַך מוז דורכגיין דורך אַ סך הענט, צום געברויך פון יעדן איינצלנעם.

עס איז נישט מעגלעך אַזאַ מענטש, ווי קלוג, געלערנט און פעאיק ער זאָל נישט זיין, אַז ער זאָל קענען איינער אַליין שאַפן אַלץ וואָס ער מוז האָבן פאַר זיינע אייגענע נוצן; פאַרן שוסטער איז סאַלק דער וויכטיקסטער דער־פינדער, און פאַר סאַלקן איז שוסטעריי פון די וויכטיקסטע פּראָפעסיעס, אָן שיך וואָלט ער אפשר נישט געקענט אַרבעטן רואיק אין זיין לאַבאָראַ־טאָריע א. אַ. וו.

דער אינדוסטריאַל, דער פאַבריקאַנט, אָדער קאָמערציאַנט, וואָס אַר־בעט מיט פרעמדע הענט, וואָס ווייסט אַז זיין פאַרמעגן האָט זיך אָנגע־זאַמלט און זאַמלט זיך ניט בלויז דורך זיין חכמה צו מאַכן אַרבעטן אַנדערע, נאָר אַז ער איז געוואָרן אַ חכם דערפון, וואָס אַנדערע אַרבעטן און זיי ברענ־גען אים די פאַרדינסטן; אַנדערע ליגן אין די מינעס און שלעפן פון דאָרט רייכטימער וואָס די נאַטור האָט עס באַהאַלטן, און ער — דער בעל הבית זוכט צו כאַפּן וואָס מער פרישע לופט; אַזאַ — זאָגן מיר, — וואָס קומט צום שלום, אַז מיינס איז דיינס און דיינס איז דיינס, ווייל נישט ער אַליין מיט זיין שכל, נאָר אַלע צוזאַמען, שכל מיט אַרבעט, שאַפן די רייכטימער, — דערפאַר קומט זיי אַ צופרידנשטעלנדיקער חלק אין די פּראָפיטן, — אַזעל־כער איז אַ חסיד.

זענען פאַראַן אַזעלכע?

עס זענען פאַראַן זיכער אַזעלכע, וואָס טראַכטן, אַז דער איז מער שוטה ווי חסיד. וואָס הייסט, מיינס איז דיינס? מיט וואָס בלייבט מען אַליין? זאָלן די דאָזיקע טראַכטן אַביסל טיפער און זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז די וואָס האָבן זיך געגרונטעוועט אין קוואַל פון וויסן און האָבן אַרויסגעבראַכט אַט די פּרק־פּערל, האָבן עס געזאָגט מיט חכמה. ווייבאַלד אַלע מענטשן וועלן דענקען אַזוי קאָרעקט און אָרנטלעך, ווען יעדערער וועט וויסן, אַז איינער אַליין, ווען ער זאָל האָבן פולע קאַסעס מיט גאָלד, וועט ער שטאַרבן פון הונגער און קעלט, אויב אַנדערע וועלן ניט שאַפן און ניט ברענגען אים אַלץ גרייט אין פאַרטיק; אויב מיר וועלן זיין דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין, אַז אין דערווירקלעכקייט פילט אויס יעדער מענטש אַ געוויסע פונקציע אין דער איינגעשטעלטער וויסנשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער אָרדענונג, דאַן וועט זיך פאַרמירן אַ פּסיכאָלאָגיע פון גערעכטיקייט און גלייכהייט, אַ מידה פון חסיד, געשטיצט אויף חכמה.

אַלס ביישפּיל האָבן מיר די 28 ראָטשדאַליאַנער וועבערס.

דער צווייטער, וואָס זאָגט: מיינס איז מיינס און דיינס איז אויך מיינס; ביי יעדער געלעגנהייט וואַרפט ער אין פּנים אַריין: איך גיב דאָך פּרנסה אַזוי פיל צענדליקער אָדער הונדערטער משפּחות; לאָמיך צומאַכן די טיר פון

מיין פאַבריק, אָדער פון געשעפט, ווען זיי — די לעגיטימע פּראָדוצירער, נישט האָבן אויפן ערשטן מאַלצייט.

ער ווייסט, — דער דאָזיקער „חכם", — אַז „זיי" האָבן ביי אים נישט אָפּגעשפּאָרט אפילו נישט אויף קיין איין מאָלצייט. דערפון דרינגט ער אַרויס, אַז דאָס וואָס זיי עסן — איז עס זיינס. ער פאַרטראַכט זיך גאָרנישט, טאָמער פאַרקערט, אַז די פאַבריקן, די הייזער, די קאָטשן, די צירונג וואָס ער האָט, האָבן זיך גענומען פון דעם וואָס אַנדערע האָבן נישט קיין מאָל־צייט דעם טאָג וואָס זיי אַרבעטן נישט.

אַזאַ איינער איז אַ רשע, און אַ רשע איז שלעכט נישט נאָר פאַר יענעם, נאָר ער איז אויך שלעכט פאַר זיך; ער זאַמלט געלט און פאַרלירט די צורה פון מענטש. און סוף כל סוף וועלן זיינע קינדער פאַרטאַכלעווען זיין פאַר־מעגן, וואָס איז געווען ניט זיינס.

דער דריטער, וואָס זאָגט: מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס, איז פון די יעניקע, וואָס מיינען, אַז יענעמס איז בעסער. ער קוקט נאָר וואָס ביי יענעם טוט זיך. אַנשטאָט אכטונג צו געבן אויף זיך אליין, איז אים שטענ־דיק גרוים אין די אויגן דאָס וואָס יענער פאַרמאָגט. אויב עס גייט נישט ווי ער וואָלט געוואָלט, זוכט ער די שולד אין אַ צווייטן, יענער שטערט אים. יענער פאַרלויפט אים דעם וועג. דאָס וואָס יענער האָט מצליח געווען, האָט ער דאָס געקענט האָבן. אין אַלין איז שולדיק עמיצער אַנדערש, נאָר נישט ער אַליין; זיינע צרות האָט יענער געקאָנט האָבן. אַזעלכער איז נעבעך אַן עם הארץ. ער באַגרייפט נישט, אַז ער אליין קען זיין דער שולדיקער, און וואָלט דעריבער זיך געוואָלט בייטן מיט יענעם.

דער פערטער, וואָס זאָגט: מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס, זיינען פאַראַן צוויי אינטערפּרעטאַציעס. אייניקע זאָגן, אַז דאָס איז אַ מיטלמע־סיקע מדרגה. איך משפּיע דיך נישט און דו משפּיע מיך נישט. איך בין מיר אַ פּראָסטער מענטש, איך מיש זיך נישט אין קיינע געזעלשאַפטלעכע זאַכן, — ווערט דאָס באַטראַכט אלס אַ מיטלמעסיקייט. און אַנדערע סאָציאָלאָגן זאָגן, אַז דאָס איז אַ מידה פּון סדום, ווייל די וועלט קען נישט עקזיסטירן מיט אַזאַ איינגעשרומפּענעם קריטעריום פון: איך האָב מיר מיינס און איר שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט מיט אייערע געזעלשאַפטן, מיט וועלן פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט.

* * *

פיר טיפּן וואָס זיינען אַן אייביקע שטודיום פאַר סאָציאָלאָגן, טויזנטער ביכער זיינען שוין אָנגעשריבן געוואָרן, שילדערנדיק און פאַרשנדיק די דאָ־זיקע פאַרשידענע כאַראַקטערן און זייער צופעליקע ווירקונג אויף דעם אַל־

געמיינעם גאַנג פון דער עטיק און פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַלע זיינע פאַרשידענע אַספּעקטן.

איך זאָג צופעליק, דערפאַר וואָס מיר זעען דאָס מיט אונדזערע אייגע-נע אויגן, ווי סיטואַציעס פון פעלקער און לענדער בייטן זיך, וואַקלען זיך, נאָר מחמת דעם וואָס צופעליק, איז היינט דער געוועלטיקער פון איין טיפּ, און מאָרגן בייט זיך עס, ווייל אַ צווייטער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן ערשטן זיץ-פּלאַץ.

אונדזערע סאָציאָלאָגן-מאָראַליסטן, האָבן וואונדערבאַר סינטעטיזירט די דאָזיקע פאַרשידענע כאַראַקטערן און באַצייכנט יעדן מיט זיין נאָמען און אוועקגעשטעלט יעדן אויף זיין פּלאַץ.

אָט די פּערלדיקע איינטיילונג פון אונדזערע אַלטע חכמים און לערער, דאַרף אויסגעקריצט ווערן אויף איינע פון די ווענט פון ישראל פּאַוויליאָן ביי די אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען און זאָלן די באַזוכער, די פירערס זיך דערזען און זיך דערקענען.

און אפשר וואָלט גאָר נויטיק געווען, אַז די פיר טיפּן זאָלן אויסגעמאָלט ווערן ביים אַריינגאַנג פון דער געביידע פון דער „יון“, וואו די פילאָזאָפיע פון „מיינס איז מיינס און דיינס איז מיינס“. פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין מזרח. גאַנץ אויבנאָן.

די שכנישע לענדער פון ישראל לאָזן הערן גאַנץ אָפט, אַז זיי האָבן מורא פאַר דער „עליה“; עס וועלן קומען אַ סך יידן אין מדינת ישראל, דער שטח פון דער מדינה איז אַ קליינער, וועלן די ישראלים זיין געצוואונגען צו אויס-ברייטערן דעם שטח, און דאָס שרעקט זיי.

איז לאָמיר אַלס איינפאַכע יידן אַ קלאָר טון וועגן דעם ענין.

ריכטיק, מיר ווילן, אַז עס זאָלן קומען וואָס מער יידן קיין ארץ ישראל, איז עס דען אַ נייעס?

וואָס איז דען דער גאַנצער אויפטו פון ציוניזם, אויב נישט דער וואונטש אַז אַלע יידן זאָלן קומען קיין ארץ ישראל?

האָבן מיר דען אַמאָל פאַרבאַהאַלטן אונדזערע כוונות? נאָר, וואָס דען? — צוזאַמען מיט אונדזער שטרעבונג, אַז אַלע יידן זאָלן עולה זיין, האָבן מיר אויך געפאָדערט גאַנץ ארץ-ישראל, דעם גאַנצן שטח, וואָס איז ביי אונדז מיט ברוטאַלן כוח צוגענומען געוואָרן.

ווען מיר האָבן באַקומען די באַלפור-דעקלאַראַציע, האָט די גאַנצע וועלט פאַרשטאַנען, אַז די דעקלאַראַציע באַציט זיך אויפן רעכט פון דעם גאַנצן ארץ-ישראל, לויט די גרענעצן, וואָס זענען היסטאָריש געווען אונטער דער הערשאַפט פון עם-ישראל, און מיר יידן האָבן דאָך אַוודאי אין אוודאי געדענקט אַזוי; מיר זענען געווען זיכער אין דעם. לאָרד באַלפור האָט אויך

נישט געדענקט אַנדערש. אַז גאַנץ ירושלים געהערט צום יידישן פאָלק, האָט אַפילו דער גרעסטער פעסימיסט נישט געצווייפלט.

מיינס איז מיינס, און דיינס איז מיינס! מיט אָט דעם קריטעריום האָבן די ענגלענדער, די וועלט-פאַרכאַפּער, גלייך ווי זיי האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אויפן ארץ-ישראל-באָדן —בלויז ווי אַן אַפּוטרופּוס אויף אַ באַגרענעצטער צאָל יאָרן—, זיך אַריינגעזעצט אין זאָטל ווי אַן אמתער פאַרכאַפּער און האָט אָפּגעריסן פון אונדז דעם עבר-הירדן, צוליב זייער דעמאָלטיקער קאָנוועניענץ, מיט דעם איינציקן כוח פון — דיינס איז מיינס!

און מיט דער זעלבער אומגערעכטיקקייט האָט זי, ענגלאַנד, באַקומען חשק צו מאַכן פון ארץ-ישראל אירם אַ קאָלאָניע, און האָט דערצו אָנגעווענדעט אַלערליי פאַלשע, ביז אכזריותדיקע מיטלען.

ס'איז ניט נויטיק צו דערציילן די ווייטערדיקע אויסוויקלונגען, ס'איז גענוג באַקאַנט און נאָך פריש אין אונדזער זכרון. מען האָט געריסן און געשניטן שטיקער פון ארץ-ישראל, איבערלאָזנדיק פאַרן גאַנצן עם-ישראל דעם קלענסטן טייל.

פון איין זייט פרייט אונדז. די שונאים אונדזערע, די שכנים, טרומיימערן, אַז ארץ-ישראל, ווי זי איז איצט, איז צו-קליין אַריינצונעמען אַלע יידן. קומט זיי בפירוש אַ יישר-כוח דערפאַר. אָבער, הערט און שטוינט!

די גרויסע „יון"-זיצערס האָבן זיך דערטראַכט, ווי אַזוי צו לייזן די פּראָבלעם, פּשוט און איינפאַך: מען זאָל צונעמען ביי ישראל אַ העלפט פון דעם קליינשטיקן שטח און עס אַוועקגעבן אונדזערע שכנישע שונאים, וואָס באַזיצן צען מאָל אַזויפיל באָדן, ווי די איצטיקע מדינה; באָדן, וואָס פוסטעוועט, און ווער ווייסט וויפל הונדערטער יאָרן נאָך עס וועט פוסטעווען.

די סדומער וואָלטן זיך פאַרשעמט פאַר אַזאַ משפט!

מיר האָבן פריער דערמאָנט דעם מזרח. יאָ, עס גייט אָן אַ געיעג פון פאַרכאַפּן דעם נאָענטן מזרח. קומען אַזעלכע, וואָס ווילן באַפאַרבן דעם מזרח מיט זייער פאַרב, און אַבי נאָר מען נעמט אָן די רויטע פאַרב, קאָן מען שוין רואיק שלאָפן. זיי האָבן פאַר אַלץ אַ פאַרטיקן „מענו". טראַכטן, דענקען, ריידן, שרייבן, זינגען, שפּילן — אַלץ, אַלץ מוז געטון ווערן לויטן נוסח פון מענו. זיי דאַרפן גאָרנישט טון. די מאָגנס זענען ליידיק, נישטאָ מיט וואָס צו פאַרדעקן דאָס נאַקעטקייט, פיזיש און מאָראַליש צעפּרעכן און צעפוילט. — דאָס דאַרף זיי נישט אינטערעסירן. דאָס איינציקע, די רויט-באַפאַרבטע שיקן אַהינצו קוילן, מיט נאָך אַ סך טויט-מכשירים, און מען הייסט זיי זאָגן —יעדעס מאָל ווען עס בורעט אין בויך—, איך האָב פיינט ישראל.

אַ לאַנד, וואו מיליאָנען יידן ווערן געצוואונגען צו ווערן „אפס" גאָרנישט, זיי זאָלן זיך אַרומדרייען אויף דער רויטער ערד ווי גאָרנישטן, און

אפשר זענען עס נישט נאָר יידן, אויך ביי אַלע אַנדערע פעלקער זענען צו־געגומען געוואָרן די נשמות, און זיי מוזן זיין בלינד, שטום און טויב; און אַט דאָס לאַנד קריכט צום מזרח, מיט טייוולאַנישן געשמאַק, כדי צו פאַרבי־טערן דאָס לעבן פון מדינת־ישראל.

און די נישט־באַפּאַרבטע? צופיל וואָלט געווען צו באַשרייבן די אַלע טיפן. איין זאַך איז זיכער, אַז זיי צאָלן טייער פאַר זייערע אומגערעכטי־קייטן, פאַר חנפענען זיך צו די אומגערעכטע.

און מדינת־ישראל? מדינת־ישראל פייערט איצט מיט פרייד איר צען־יאָריקן יובל, מיטן פולן גלויבן פון „לעולם ירשו ארץ" — ישראל וועט ירש־נען אויף אייביק ארץ־ישראל, און וועט זיין „מעשי ידי להתפאר" — מדינת־ישראל וועט בליען, וואַקסן און וועט זיין דער שטאָלץ פונעם מזרח, מיטן כוח פון אונדזערע פערלדיקע, גייסטיקע ווערטן.

וועגן א מאמר אין מדרש

„אעשה לו עזר כנגדו. כיון ששמעה הארץ אעשה עזר כנגדו, מיד רעדה ורעשה ואמרה, רבון העולמים, אין בי כוח לזון את בני אדם. אמר לה: אני ואת נזון אותם. וחצו ביניהם" — איך וועל אים מאַכן אַ געהילף, וועדליג פאַר אים. באַלד ווי די ערד האָט דערהערט, „איך וועל מאַכן אַ געהילף וועדליג פאַר אים", האָט זי תיכף געציטערט און זיך געטרייסלט, און געזאָגט: האַר פון אַלע וועלטן, איך האָב נישט אין מיר קיין כוח צו שפּייזן די קינדער פון אָדם. האָט ער געזאָגט צו איר: איך און דו וועלן זיי שפּייזן, און זיי האָבן זיך איינגעטיילט צווישן זיך.

אָרעמער בן־אָדם! דער האַר פון אַלע וועלטן האָט באַשאַפן אַלערליי בריאות און חיות, טהורות און טמאות, גוצלעכע און שעדלעכע, און די ערד האָט זיך גאַרנישט דערשראָקן און האָט אַפילו נישט רעאַגירט קעגן דער באַשאַפונג פון די געפערלעכסטע פּאַראַזיטן, און ווי נאָר זי האָט דערהערט בלויז דעם פּראָיעקט, אַז עס וועט באַשאַפן ווערן אַ געהילף פאַר דעם אָדם, פון וועלכער עס וועלן געבוירן ווערן נאָך אָדמס, נאָך מענטשן, האָט די ערד זיך דערשראָקן און גלייך מודיע געווען דעם אַלהעכסטן, אַז זי באַזיצט נישט אַזויפיל כוח צוקאָרמענען אָט די בני־אָדם, און כדי איר צו באַרואיקן, האָט ער, דער באַשאַפער פון דער ערד און פון אַלץ וואָס אויף דער ערד, געזאָגט, אַז ער טרעט־צו ווי אַ שותף, און צוזאַמען וועלן זיי שפּייזן די מענטשן־קינדער.

האָט דען דער בורא־עולם נישט געקאָנט זאָגן: — ערד, זיי רואיק. איך וועל דיר געבן כוח, אַז דו זאָלסט יאָ קאָנען באַשפּייזן די נייע באַשעפענישן? ער איז דאָך אַ „כל יכול", ער קאָן דאָך אַלצדינג; צו וואָס האָט ער געדאַרפט זיך איינטיילן מיט דער מיסיע?

און פאַרוואָס האָט ער, דער באַשאַפער פון אַלע לעבעדיקע ברואים, באַלד נישט באַשאַפן דעם אָדם מיט זיין געהילף, ווי ער האָט דאָס געטון מיט אַלע אַנדערע באַשעפענישן? האָט ער אַליין אויך געהאַט אַ צווייפל אין עפּעס?

אַט די דאָזיקע וואונדערבאַרע אַלעגאָריע, גיט אונדז זייער אַ רייכן שטאָף נאָכצוטראַכטן איבער דעם מענטשן-מין.

דעם איינציקן פּאַרצוף, וואָס דער מענטש האָט ביים לעבן איבער דער חיה איז, וואָס ער איז אַ בר-דעת; ער פאַרמאָגט שכל. זאָל זיין, אַז דאָס איז געווען די סיבה פונעם פּחד וואָס ס'איז אָנגעפאַלן אויף דער ערד? איז דער שכל אַזאַ מוראדיקע מאַטעריע, אַז דער באַשאַפער פון דער וועלט זאָל דאַרפן איבערנעמען אויף זיך די אחריות פאַר אַ העלפט פון דער באַשפּיי-זונג פון די באַשעפענישן, אין וועלכע ער האָט אַריינגעגעבן שכל?

די חכמים וואָס האָבן אַריינגעשטעלט אין „פּרקי דרבי אליעזר" אַט די דאָ-זיקע טיפזיניקע און ווייטזעעודיקע אַלעגאָריע האָבן דאָך געוויס באַזיצט אַ סך שכל. און די מענטשהייט איז דאָך אין יעדן דור רייך מיט מענטשן מיט אויסערגעוויינלעכן און מיט געוויינלעכן שכל, וואָס האָבן גענעבן און גיבן אינהאַלט און אַ העכערן זין דעם לעבן. איז פאַרוואָס האָט די ערד געציטערט און זיך דערפילט שוואַך, נישט געענוג פּראָדוקטיוו-פעאיק צו קאָנען נעמען די מענטשן-קינדער אויף פּענסיאָן, אַזוי ווי זי האָט גענומען אַלע אַנ-דערע ברואים?

דאָס פרעג איך זיך, נישט לשם פילאָזאָפירן, פון וואָס איך בין זייער ווייט. מיר איז פרעמד די דאָזיקע מאַטעריע. נאָר פּשוט, ווי אַן איינפאַכער בשר-ודם טראַכט זיך: פאַרוואָס האָבן עם יענע חכמים געזאָגט? איז טאַקע דער בן-אָדם, מיט זיין שכל, אַזאַ שווערער נפש, וואָס מ'מוז האָבן קעגן אים אַ ספּעציעלע באַוואָרעניש? איז טאַקע דער מענטש אַזאַ ביטע-רער בעל-דבר, דערפאַר וואָס ער איז אַ בר-דעת?

* * *

מיט אַן ערך צוויי טויזנט יאָר צוריק, האָט זיך געפירט אַ דיסקוסיע אין די אַקאַדעמיעס פון בית-שמאי און בית-הלל — וואָס איז בעסער פאַרן מענטשן, דאָס וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן, אָדער ווען ער וואָלט נישט באַשאַפן געוואָרן? און נאָך צוויי מיט אַ האַלבן יאָר פון מיינונגס-פאַרשידנהייטן, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, אַז בעסער וואָלט גע-ווען ווען ער ווערט נישט באַשאַפן. נאָר, אַז ער איז שוין באַשאַפן געוואָרן, זאָל ער לפּחות אַכטונג געבן אויף זיך אַליין, אויף זיינע מעשים.

היינטיקע צייטן וואָלט זיכער פאַרצייכנט געוואָרן סטענאָגראַפיש יע-דעם וואָרט פון דעם אינטערעסאַנטן מיינונגס-אויסטויש צווישןביידע ישי-בות, און פאַרוואָס זיי האָבן זיך געאייניקט אויף אַזאַ עקסטרעמער מיינונג, אַז בעסער וואָלט געווען ווען דער מענטש ווערט נישט באַשאַפן. אָבער אין תלמוד ווערט געבראַכט דער פאַקט קורץ, אָן קיין שום קאָמענטאַר.

טראַכטנדיק ביחידות, יעדער איינער פאַר זיך, איז שווער מסכים צו זיין מיט אַזאַ אַקסיאָמע. יעדער איינער ביי זיך, די גאָר גרויסע מערהייט פילט ביי זיך, אַז ער איז אַ נוצלעכער מענטש: ער אַרבעט, פּראַדוצירט, שאַפט, מער ווייניקער האָט ער אַ הנאה פון לעבן; און עס פרעגט זיך, פאַרוואָס קומט עס מען זאָל אַזוי קאַטעגאָריש דערקלערן, אַז אַ טייל פון ג־טס באַשאַפונג וואָלט געווען בעסער, ווען עס ווערט נישט באַשאַפן. עס איז דאָך אַ גאַנצע רעוואָלוציע קעגן דעם בורא־עולם, פאַר די רעליגיעזע, וואָס גלויבן באמונה שלימה אין דער געטלעכקייט, און די צוויי דערמאָנטע ישיבות זענען דאָך געווען די לערערס, די דערקלערער, די אויסטייטשער און די פאַרפעסטיקער פון דער אמונה, דאָך, בנוגע דעם מענטש האָבן זיי אָנגענומען אַזאַ עקסטרעמע שטעלונג, וואָס דריינגט אַרויס כמעט ווי אַן איינשטימיקייט מיט די מלאכים, וואָס האָבן געראָטן דעם בורא־עולם ער זאָל נישט באַשאַפן דעם מענטש, און דער בורא־עולם האָט צוליב דעם אַראָפּגעוואָרפן דעם מלאך „אמת” פון אַלע הימלען און האָט יאָ באַשאַפן דעם מענטש.

פאַרוואָס, אַלזאָ, האָבן אונדזערע געלערנטע חכמים אַרויסגעוויזן אַזאַ פּעסימיזם צום בן־אָדם?

איז טאָקע דאָס ביסעלע שכל, מיט וועלכן דער מענטש איז באַשאָנקען געוואָרן אַזאַ שעדלעכע מתנה פאַר דער מענטשהייט?

דער בעסטער אויפקלערער איז די צייט, און מיר לעבן אין אַ צייט וואָס באַשטעטיקט די גערעכטע מסקנות פון די אויבנדערמאָנטע אַקאַדעמיקער.

* * *

שכל איז לעבן. אָן שכל האָט דאָס לעבן קיין זין נישט. עס איז אָבער געווענדט, ווי און אויף וואָס מען פאַרנוצט דעם שכל.

רשעות, פאַלשקייט, פאָדערט פיל מער שכל ווי ערלעכקייט און אָנשטענדיקער אויפפירונג.

קנאה, שנאה, גדלות, פאַרברויכט אַ סך מער מוח, ווי אַנשטענדיקייט און אַ רואיק, פרידלעך לעבן.

מלחמות און אינטריגעס, פאַרצערן אַן אומגעהויער גרעסערן פּראָפּאָרץ שכל, ווי שלום און פריינטלעכקייט.

אונדזער דור איז דאָך אַ לעבעדיקער עדות, ווי די בעסטע קעפּ זענען אויסגענוצט געוואָרן פאַר אויסערגעוויינלעכע שכל־גימנאַסטיק אויף אויסצוגעפינען דאָס שרעקלעכסטע געווער, וואָס קאָן שנעל פאַרניכטן נישט בלויז די מענטשן, נאָר אַלץ וואָס לעבט און וואַקסט אויף דער ערד.

איז דער דאָזיקער שכל און חכמה אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכקייט. צי אַן אינסטינקט פון חיהשקייט?

אברהם גאָלדפאַדען האָט געשריבן, אַז דער מענטש איז ערגער פון אַ חיה, ווייל די חיה פאַרצוקט נישט איר אייגענעם מין. אַ לייב, אַ טיגער, אַ וואָלף, משפּטן נישט זייערע אייגענע, און דער מענטש קעמפט און שלינגט איין איינער דעם צווייטן.

די חיה, אַז זי איז זאַט, ליגט זי רואיק און לויפט נישט זוכן עמיצן שלעכטס צו טון, און דער מענטש — וואָס מער זאַט ער איז, וואָס מער ער איז פאַרזיכערט מיט זיינע באַדערפעניש, אַלץ מער הונגעריק איז ער און קאָן זיך נישט אָנזעטיקן. ער וואָלט איינגעשלונגען אַ האַלבע וועלט, נאָך און נאָך רייכטום, עס איז נישטאָ קיין גענוג פאַר אים.

און אַזוי ווי ס'איז דער איינצלנער מענטש — אַזוי זענען די פעלקער.

אין איין מאָמענט האָט זיך געדאַכט, אַז דער שכל גייט שוין סוף־כל־סוף אַרויף אויפן ריכטיקן וועג, אויפן דרך־הישר. נאָך דעם ווי די רעדלפירער פון די פעלקער זענען מיד געוואָרן פון אַזוי פיל בלוט פאַרגיסן, האָבן זיי אַ וואונד געטון דעם שכל צו שלום. עס האָט אויף איין מאָמענט אַ לייכט געטון דער שכלדיקער שכל. די פירער האָבן זיך אַלע געזעצט אַרום אַ קייַלעכדיקן טיש, און אַלע האָבן פּראָקלאַמירט אַז ס'זאָל זיין שלום אויף דער וועלט. אַלע זענען זיי געקומען צו דער איבערצייגונג —דאָס, וואָס דער מענטש פון גאָס האָט עס שוין לאַנג פאַרשטאַנען— אַז מיט די קאָלאָסאַלע סומעס וואָס מ'גיט אויס אויף מלחמה־צוועקן, קאָן מען דאָך אויפבויען און גליקלעך מאַכן הונדערטער טויזנטער מענטשן.

זיצן אַלע ביי איין טיש — ביי דער „יון".

הכלל, שלום! אַלע זענען פאַר שלום!

אָט אין יענע געהויבענע מאָמענטן האָבן די וועלט־רעגירער, אָדער דער גרעסטער און וויכטיקסטער טייל פון זיי, דערזען אַ ליכטיקייט, און האָבן מתקן געווען אַ זינד, וואָס זיי און זייערע עלטערן זענען באַגאַנגען קעגן דעם יידישן פאָלק, און האָבן אָנערקענט דאָס רעכט פון יידן אַלס אַ נאַציע, און אַלס אַזעלכע קומט מען זאָל זיי צוריק אָפּגעבן זייער טעריטאָריע, ווי אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק.

שלום, — דאָס איז דאָך די בעסטע ברכה פאַר דער מענטשהייט. איז אָבער אונטערגעקומען דער שכל —יעדעס לאַנד, יעדעס פאָלק מיט איר שכל— און יעדנס שכל איז געגאַנגען, און צום גרויס באַדויערן גייט זי איצט נאָך אויך, נאָך יעדנס רצון, און וואָס איינער וויל — וויל נישט דער צווייטער.

און שלום האָט זיך גענומען קריגן מיט שלום. איין גרופּע שלומס האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן אַ צווייטער גרופּע שלומס, און יעדער שלומניק האָט

זיך געגומען גרייטן אויף צו פארזיכערן זיין שלום. מיט וואס פארזיכערן זיי דעם שלום? — מיט מער און געפערלעכערע פארטיליקונגס-געווערן. שלום — געריידט דורך די שווארצע מיילער פון קאנאנען, און געזען דורך די טונקעלע קוקערס פון די טאנקען.

* * *

די יונגינקע מדינת-ישראל האט פון ערשטן טאג פראקלאמירט, אז זי מיינט שלום מיט אן אמת, אז ישראל וויל בויען, שאפן צום נוצן פאר זיך און פאר די שכנישע לענדער; אז דער יסוד פון שלום מיט אמת, איז — נישט אנגרייפן, נישט זוכן צו שעדיקן ווערמען ס'איז. לאזן יעדעם פאלק, יעדן לאנד לעבן זיין אייגן לעבן, און ווי ווייט מעגלעך, זיך דינען קעגנזייטיק.

דער ענטפער אויף דער דאזיקער פראקלאמאציע איז געווען: אויפן צווייטן טאג זענען זיבן לענדער אנגעפאלן אויף דער ערשט-געבוירענער ישראל, וואס האט נאך נישט געהאט קיין צייט מיט עפעס צו טון שלעכטס עמיצן, און ווי אמתע רוצחים, געוואלט איר פארניכטן.

און די אלע שלום-פרעדיקער האבן געקוקט און געשוויגן. נאר אז די אנפאלער האבן געכאפט די מפלה, האבן זיי פארטיידיקט די אנגרייפער.

* * *

אין דעם „שכלדיקן" געראנגל פאר שלום — פאר שלום אליין, אן אמת — זענען אויפגעקומען מאנאפאליסטן, וואס ווילן איבערנעמען די שלום-קא-ראבקע, און די דאזיקע פירן א קאנקורענץ צווישן זיך; ביידע מיט פאר-שידענע סיסטעמען.

איינער האלט דעם שלום געשמידט אין קייטן, באפעסטיקט מיט טאנ-קען, קריגס-אוויאנען, וואס ער טיילט איין די אלע יעניקע וואס ער קריגט אריין אונטער זיין הארטן, מיט אייזן-אונטערגעשלאגענעם שטיוול, און אויב עמיצער איז נישט מסכים מיט אזא סיסטעם, ווערט ער „שכלדיק" אפ-געראמט פון וועג.

דער צווייטער קומט מיטן שלום מיט זיידענע הענטשקעס. ער זארגט פאר די ארעמע, נויטבאדערפטיקע, האנדלט דזשענטעלמעניש. דאס איינ-ציקע וואס ער פארלאנגט איז, מ'זאל טאנצן לויט זיין פייפל, און זיין פייפל שפילט שטענדיק לויטן געשמאק פון די שטארקערע, פון וועלכע ער דער-ווארט צו באקומען נוצן, און פייפט אויף די שוואכע, וואס ווינטשן שלום מיט אמת; און טאמער טאנצט איינער נישט צום טאקט פונעם פייפל, וויל

דער טאָן איז אַ פאַלשער, פאַרמאַכט מען פאַר אים די דאָלאַר-טיר און מען דריקט אים נישט מיט קיין אייזערנעם שטיוול, נאָר מען פאַרציט אים אויפן האַלדז אַ זיידענעם שנור, און מען ציט אים פּאַוואָלינקע.

ווער פריינט? ווער פאַרבינדעטע? — דאָס פייפעלע פייפט!

* * *

די בײדע שלומניקעס וואָלטן שוין אַרוים אין אַן אָפענעם קריג. דער איינציקער אָפּהאַלט איז, וואָס ביידע האָבן זיך שרעקלעך באַוואָפנט, און זיי ווייסן, אַז ווען זיי וואָלטן אַרוים אין מלחמה, וואָלט פון זייערע ביידנס לענדער געבליבן, ווי פון יענע צוויי קעץ, וואָס שלאָגנדיק זיך האָבן זיי איינגעשלונגען איינע די אַנדערע און עס זענען נאָר געבליבן ביידע עקן.

און אַזוי ווי קיין איינער פון זיי וויל נישט איינגעשלונגען ווערן, זענען ביידע געפאַלן — יאָ, זיי זענען ביידע „געפאַלן" — אויף אַ גרויסאַרטיקן, שכלדיקן שכל, און יעדער איינער פירט אַריבער דעם קריגס-פּלאַץ ערגעץ אין דער פרעמד. מילא, אַז עס וועלן מוזן חרוב ווערן פעלקער און לענדער, זאָלן עס זיין נישט זייערע.

האָבן זיי ביידע אויסגעקליבן — נישט צונויפגערעדט זיך — דעם נאָענטן מזרח. סיי-ווי זענען זיי קליינע, אָרעמע, הינטערשטעליקע לענדער — איז וועמען אַרט עס אַז זיי וועלן חרוב ווערן?

פאַרלויפיק חנפענען זיך ביידע קאָנקורענטן צו די דאָזיקע לענדער אויפן נאָענטן מזרח.

ביידע שיקן צו די דאָזיקע ציל-לענדער וואָס מער כלים. וואָס ווער ווייסט וויפל פון זיי עס וועלן זיך אַליין פאַרברענגען.

שטייט ישראל די גאַנצע צייט און טענהט: — מילא, איר ווילט זיך שלאָגן, קאָן איך אייך נישט פאַרווערן, אָבער איך וויל שלום מיט אמת. זעט איר נישט, שלום-מאָנאָפּאָליסטן, וואָס מען טוט אויף מיט אייער געווער? מען פאַלט דאָך אָן טאָג-טעגלעך אויף רואיקע מענטשן, מען הרגעט אומשולדיקע קינדער אין ישראל. איר, גרויסע מאָנאָפּאָליסטן, דעמאָראַליזירט דאָך די אַלע שכנישע לענדער!

די קלוגע ישראל פאַרשטייט נישט, אַז דאָס ווילן זיי דאָך! דאָס איז דאָך זייער פאַרבאַדינג, צו דעמאָראַליזירן די פירערס. מען מאַכט בלינד די פאַסטוכער — וועט מען שוין מיטן שאָף טון וואָס מען וויל.

און ווען ישראל פאַרטיידיקט זיך, און פאַרטרייבט די שונאים פון די גרענעצן, נאָכדעם ווי די שונאים האָבן טאָג-טעגלעך געמאָרדעט און גערויבט די ישראלים, האָבן ביידע קאָנקורענטן זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון זייערע שלום אַן אמת-מאַטעליטן און צווינגען ישראל, זי זאָל נאָך לאָזן אָפן אירע גרענעצן פאַר די מערדער אַריינצודרינגען.

וואָס וועט זיין פון דעם? — לערנט די קאַפּיטלען ל"ד, ל"ה, ל"ט פון יחזקאל, וועט איר געפינען דעם ענטפער.

* * *

ווי ווייטזעעוודיק עס זענען געווען אונדזערע חכמים. וואָס האָבן גע־זאָגט, אַז די ערד האָט אינסטינקטיוו זיך דערשראָקן פאַרן בן־אָדם, וואָס ווערט קיינמאָל נישט גענוג זאַט, און וואָס מער ער האָט, אַלץ גרעסער איז זיין אַפּעטיט, און זי אַליין וועט אים נישט קאָנען אָנקאָרמענען. דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט און גרייכט נישט צו דער העלפט פון זיינע פאַר־לאַנגען.

ווי ריכטיק איז דער באַשלוס, אַז אַזעלכע מענטשן איז בעסער ווען זיי ווערן נישט געבוירן.

נאָר, אַז מיר זענען שוין געבוירן געוואָרן, און געפינענדיק זיך עלנט אויף דער וועלט, לאָמיר כאָטש אַכטונג געבן אויף אונדזערע מעשים.

יידן, לאָמיר זיין יידן! לאָמיר ווערט זיין צו טראָגן אונדזער אמתן נאָמען „ישראלים", וואָס די געשיכטע האָט אונדז באַשערט.

דער בורא־עולם האָט גאַראַנטירט פאַר אונדז. לאָמיר נישט זיין באַנק־ראָט. לאָמיר העלפן אונדזער חלק ערד — ישראל. זי זאָל קאָנען באַשפּייזן אַלעמען וואָס זיצן אויף איר איצט, און אַלע וואָס וועלן זיך קומען באַזעצן.

לאָמיר אַלע שטאַרקן און פעסטיקן מדינת־ישראל, בלבבנו, נפשנו ומאו־דנו, זי זאָל קאָנען דערגרייכן דעם שלום מיט אמת, און שכל מיט אמת.

לאָמיר זאָגן בְּרָכוֹת

שטייט אויף אַ ייד אין דער פרי פון שלאָף, איז דאָס ערשטע וואָס ער טוט, איז באַדאַנקען דעם באַשעפער פאַרוואָס ער געפינט זיך גאַנץ, וואָס דער אָרגאַניזם פונקציאָנירט אין אָרדענונג, און וואָס ער איז נישט אַביווער, אַז ער איז אַ קינד פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק, וועמען ס׳איז אַנפאַרטרויט געוואָרן די תורה.

עס איז טאַקע אַ זכות און אַ גרויסער יחוס צו זיין אַן אָפּשטאַמיקער און נאָכפאָלגער פון די יעניקע וואָס האָבן געזומען פאַר זיך, און מזכה געוען אויך דער גאַנצער וועלט, מיט אַ תורה וואָס לערנט די יסודות און עיקרים מיט וועלכע דער מענטש זאָל לעבן און ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען „מענטש״.

נאָכדעם ווי דער ייד דריקט אוים זיין דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג —צוויי אייגנשאַפטן וואָס איידעלן אוים דעם כאַראַקטער פון דעם מענטש— רעכנט ער באַלד אוים פערצן וויכטיקע זאַכן פון ערשטגראַדיקן פאַרנעם, וועלכע יעדער ייד דאַרף אין זינען האָבן זיי אָפּצוהיטן, שטענדיק העכער פון אַלץ — תלמוד תורה, לערנען תורה.

לערנען, וויסן, איז אַ פליכט פאַר יעדן איינעם. לערנען פאַר זיך, לערנען פון יענעם, לערנען מיט יענעם, לערנען צו וויסן און וויסן צו לערנען — זענען די יסודות צו פאַרשטיין ווי צו שעצן און געבן אינהאַלט דאָס לעבן, נישט נאָר דעם אייגענעם, פערזענלעכן לעבן, נאָר אויך אין דעם זיין פון דער מענטשן־משפחה אויף דער וועלט; אַ משפחה, וואָס איז באַשאַפן און באַרופן צו טון גוטס צום גונסטן פון דער גאַנצער באַשאַפונג.

און דער נאָר־וואָס דערוואַכטער ייד דערמאָנט זיך, אַז צו דעם אַלעמען מוז מען האָבן אַ ריינע נשמה, און דערמאָנענדיק אַז די נשמה איז אים אַנפאַרטרויט געוואָרן נאָר ביז אַ געוויסע צייט, דאַרף ער דעריבער איר אָפּהיטן זי זאָל שטענדיק זיין פיין און ריין — זאָגט ער באַלד פערצן ברכות.

און מערקווירדיק: די ערשטע ברכה, דאָס הייסט, דעם ערשטן לויב-

געזאַנג וואָס ער גיט צו ג־ט איז דער פּאַר, וואָס ער האָט געגעבן דעם תּרנ־גול, דעם האָן, פאַרשטאַנד כּדי אונטערצושיידן פון טאָג ביז נאַכט.

איז דען דער האָן די איינציקע באַשעפעניש וואָס אונטערשיידט פון טאָג צו נאַכט? עס זענען פאַראַן נאָך לעבעדיקע ברואים און פלאַנצונגען וואָס פילן אינסטינקטיוו און באַווייזן מיט צייכנס, אַז זיי זענען מבחין צווי־טן טאָג און נאַכט.

מען מוז צוגעבן, אַז די וואָס האָבן מסדר געווען די ברכות, זענען גע־ווען מענטשן מיט העכערע קענטעניש פון דער נאַטור, און האָבן אויך גע־קאָנט די חכמה פון מיסטיק, און אויב זיי האָבן אָפּגעגעבן דעם האָן דעם ערשטן פּלאַץ, איז זיכער פאַראַן דערביי אַ העכערער זין, מיט אַ מוסר־השכּל.

אַנדערע ברואים פילן אויך דעם אונטערשייד פון טאָג ביז נאַכט, נאָר זיי פילן עס נאָר פאַר זיך אַליין, אָבער דער תּרנגול, דער האָן קרייעט עס אויס אויף די העכסטע טענער, און זאָגט אָן אַלע שלאָפנדיקע אַז עס ענדיקט זיך די נאַכט און עס קומט דער טאָג.

בן סירא זאָגט: „חכמה נסתרה ואוצר טמון לא יועילו לו גם שניהם" — פאַרבאָרגענע חכמה און אַ באַהאַלטענער אוצר נוצן ביידע נישט.

די לייט וואָס זענען חכמים פאַר זיך, און באַווייזן זייער חכמה מיטן אָנווייזן יענעמס פעלערן, און די בעלי־בתים וואָס ליגן אויף זייערע באַהאַל־טענע אוצרות, זאָלן זיי וויסן, אַז זיי ביידע זענען לא יוצלחם, נישט קיין נוצן־ברענגערס, נישט פאַר זיך, נישט פאַר כּלל־ישׂראל, און ס'איז זיכער, אַז מער ווי איינמאָל וואַרגט זיי זייער פאַרשטיקטע חכמה און זיי ליידן פון געלט־פאַרהאַרטעוועטקייט. אין עברית הייסט עס — עצירות, וואָס זענען נישט קיין געזונטע זאַכן, און מ'דאַרף זיי ווינטשן פון גאַנצן האַרץ, אַז זיי זאָלן זיך וואָס גיכער אויסקורירן פון די דאָזיקע שלאָפקייטן.

לויט די מיסטיקער, זינגט יעדע באַשעפעניש און יעדע פלאַנץ יעדן פרימאָרגן אַ שיר צו ג־ט, און דעם האָן, דער מוטיקסטער און געוואַגטסטער פון אַלע כּשרע עופות, איז צוגעטיילט געוואָרן זיבן שירות, און דער זיבע־טער קריי־געזאַנג איז „עת לעשׂות לד'". ער, דער תּרנגול, דערמאָנט די שלאָפנדיקע, אַז עס איז צייט צו טון אויך גייסטיקעס, דער מענטש זאָל נישט זיין אינגאַנצן מאַטעריאַליזירט.

פיל מוסר־השכּל האָבן די מיסטיקער אַריינגעגעבן אין דער שירה און אין דער ברכה פון תּרנגול!

„עת לעשׂות"! — צייט צו טון! פיל פון אונדזער מענטשן־מין זע־נען פאַראַן וואָס כאַפּן נישט אויף די דאָזיקע שירה, און זענען נישט מבחין פון טאָג צו נאַכט, נישט פון טאָג צו טאָג; אַז מיר לעבן אין טעג וואָס פאָ־דערן גרויסע ענדערונגען אין דעם אָרט יידיש לעבן; אַז יעדער ייד מוז זיך איבערדערציען, ווייל ער לעבט אין גורלדיקע טעג. צענדליקער המנס

וואַרפן גורל און ציילן די טעג פון דער עקזיסטענץ פון אונדזער הייליקער און טייערער מדינה.

פיל זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס קרייען כלומרשט ווי די הענער און שרייען אויך „עת לעשות". אָבער עס מערקן זיך די פאַלשע טענער. עס מערקט זיך די אַגיטאַציע, דערפאַר ווייל זיי אַליין זענען נישט מקים דעם „עת לעשות". אַזאַ קרייען איז נישט קיין שירה און ברענגט נישט קיין ברכה; דאָס זענען קולות וואָס גרילצן אין די אויערן און נישט מער.

די איצטיקע טעג דערלויבן נישט קיינע פּאָליטיקערייען, קיינע פּאַרטיי-רייבונגען. דאָס זענען טעג פון מעשים, און יעדער טאָג וואָס קומט, פאָדערט מער וואַכזאַמקייט, מער מעשים, און לאָמיר דערגרייכן צו דעם, אַז מען זאָל אויף אונדז קאָנען מאַכן די ברכה, ווי אויפן האָן: „אשר נתן לנו בינה" — וואָס ער האָט אונדז געגעבן פאַרשטאַנד, צו פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ צייט מיר לעבן.

* * *

און נאָך דער ברכה פאַרן האָן, קומען נאָכדעם דריי ברכות: „שלא עשני גוי", „שלא עשני עבד", „שלא עשני אשה". מיר דאַנקען ג-ט, וואָס ער האָט מיך נישט באַשאַפן קיין גוי; וואָס ער האָט מיך נישט באַשאַפן אַלס קנעכט; וואָס ער האָט מיך נישט באַשאַפן אַלס פרוי. אַלע דריי ברכות זענען געזאָגט אין אַן אופן שלילות — אין אַ נעגאַטיווער פאָרעם. פאַרוואָס האָט דער מסדר התפילות נישט געזאָגט אין אַ פּאָזיטיווער פאָרעם: מיר דאַנקען ג-ט, וואָס ער האָט מיך באַשאַפן אַ ישראל, אַ פרייען מענטש, אַ מאַן?

ביי אַ מסיבה האָב איך, לויט מיין באַשיידענער מיינונג, דערקלערט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס מען ווערט נישט געבוירן קיין פּאַרטיקער ישראלי. אַ ישראל, אַ ייד, דאַרף מען ערשט ווערן. מען דאַרף דערצויגן ווערן און ערשט נאָכדעם קעמפן און זיך אַליין דערציען צו זיין ווירדיק צו טראָגן דעם נאָמען ייד; צו זיין אַ קינד פון דעם אַלטן פאָלק ישראל. מיר קאָנען נאָר דאַנקען פאַר דעם זכות וואָס מיר זענען באַשאַפן געוואָרן נישט קיין גוי, ווייל מען איז געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן.

זיין אַ ייד, לעבן ווי אַ ייד און אַקטואירן אין דער געזעלשאַפט אַלס ייד, איז נישט אַזוי לייכט. מער ווי איינמאָל איז דער ייד ממש אין סכנה מיט זיין עקזיסטענץ, זיין לעבן איז אין געפאַר, און ביי די שווערסטע מאָמענטן, ביי פּיקוח-נפש, האָט דער ייד געזונגען: „וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר". דער ייד אין גלות האָט נישט געקאָנט מאַכן אַ ברכה וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן אַ ייד, פּונקט ווי מען מאַכט נישט „שהחיינו", ווען אַ קינד ווערט געבוירן, דערפאַר ווייל מען ווייסט נישט וואָס פון דעם קינד

וועט אויסוואַקסן, צי וועט ער ברענגען פרייד, נחת פאַר די עלטערן, צי, באַ־היט ג־ט, פאַרקערט.

צום גרויסן באַדויערן, זעען מיר עס מיט אונדזערע אויגן. ס׳זענען פאַ־ראַן אַזעלכע, וואָס רופן זיך „יידישע לינקע". אָבער דאָס איז נישט ריכטיק, זיי זענען פאַנאַטישע, איצטיקע רוסישע לינקע, און זיי האָבן גאָרנישט צו טון מיט יידן, פון דעם מאָמענט ווען זיי זענען איינשטימיק און שטיצן דעם רעזשים וואָס פאַרפאָלגט אַלץ וואָס איז יידיש, וואָס טוט אַלץ כדי צו פאַר־ניכטן דעם זכר פון יידישקייט, האָבן זיי פאַרלוירן דאָס רעכט זיך צו באַ־טיטלען מיטן טיטל „יידישע". זיי זענען אין דער בחינה פון נישט־ייד און נישט־גוי, אָבער זיי האָבן אַ רעכט צו זאָגן די ברכה, וואָס זיי זענען נישט באַשאַפן געוואָרן קיין גויים, און קאָנען צו יעדן מאָמענט ווערן צוריק יידן. פאַראַן אַזעלכע וואָס טוען עס שוין.

דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן דער צווייטער ברכה. קיי־נער קאָן נישט זאָגן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַ פרייער מענטש. נישט דערפאַר וואָס מען איז געבוירן געוואָרן אין אַ לאַנד וואָס האָט אַ קאָנסטי־טוציע, וואָס גיט פרייהייט פאַר אַלע בירגער גלייך, איז מען שוין אַ פרייער מענטש. מיר האָבן אַלם ביישפיל נאָרד־אַמעריקע. אויפן פאַפיר זענען אַלע גלייך, נאָר ווען די קעפ וואָס שטייען אין דער שפיץ נויגן זיך קרום, איז נישטאָ קיין גלייכהייט און קיין פרייהייט.

פרייהייט, איז אַן אינדיווידועלער ענין, וועלכן מען דאַרף אויסקעמפן. נישט אַלעמען וועלכע מ׳שמידט אין קייטן זענען קנעכט, און נישט אַלע וואָס שמידן יענעם אין קייטן זענען פרייע מענטשן. דערפאַר קאָן דער מענטש נאָר דאַנקען, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן נישט קיין קנעכט. צו זיין אַ בן־חורין, אַ באַוואוסטזיניק פרייער מענטש, דאַרף מען ווערן, מען דאַרף פאַר דעם קעמפן.

און די דריטע ברכה, וואָס מען איז נישט באַשאַפן געוואָרן קיין פרוי. איינגנטלעך איז עס אַ קאָמפּליצירטער ענין, ווייל ג־ט אַליין האָט דאָך אויך צום ערשטן באַשאַפן דעם מאַן. ווייזט אויס, אַז די פרוי, ווייסנדיק די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס וועט אויף איר אַרויפפאַלן: געבוירן, דערצי־ען, האָדעווען דעם נייעם מענטש, איבערטראָגן אַלע זיינע קאַפּריזן, וואָס וועט קיינמאָל נישט זיין צופרידן, וואָס וועט טראָגן אין זיך אַ היפּשע מאָס פון בעסטיאַליטעט, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט אָנזעטיקן — האָט נישט געהאַט קיין חשק צו באַשאַפן ווערן; און דעם ערשטן שבת איז טאַקע דער מאַן —אָדם— געווען אַן אַן אשה.

דער מאַן, ווייסנדיק די אַלע זאַכן, מאַכט אַ ברכה וואָס ער איז נישט באַשאַפן געוואָרן קיין אשה, אָבער ער קאָן נישט מאַכן קיין ברכה, וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן אַן איש. וואָרום דער איש איז באַשאַפן געוואָרן אין

געטלעכן געשטאַלט, און איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו באַצווינגען די ערד, זי זאָל זיין פּרוכטבאַר און געוועלטיקן איבער אַלע חיות און בהמות, פיש און פויגל, אָבער נישט אַז איין מענטש זאָל באַצווינגען אַ צווייטן; אַז איין מענטש זאָל געוועלטיקן איבער דעם צווייטן מענטש. ליידער, ליידער איז די טייל געטלעכקייט, מיט וועלכער דער מענטש איז באַשאַנקען געוואָרן; די טייל חכמה, וואָס איז אַ געטלעכע מתנה — שלעכט אויסגענוצט געוואָרן און יעדער יחיד האָט צו קעמפן מיט זיך, מיט דער סביבה, מיט די אומשטענדן, אַרויסצוראַטעווען דעם טייל געטלעכקייט צו וועלכן ער איז באַרופן. דאָס איז דער שווערסטער ענין. דער קאַמף מיט זיך אַליין איז שווערער ווי דער קאַמף מיט אַ צווייטן. דערפאַר קאָן קיינער נישט מאַכן אַ ברכה: „שעשני איש".

* * *

אויף אַלע ברכות ענטפערט דער עולם „אָמן", נאָר אויף דער לעצטער ברכה „המעביר שנה מעיני" — וואָס פאַרטרייבט דעם שלאָף פון מיינע אויגן — ענטפערט מען נישט מיט קיין „אָמן". ווייל, נישט־שלאָפן איז נישט אַזאַ גרויסע מעלה. ערשט, אַז מען קומט צו דער ברכה „הגומל חסדים טובים" — וואָס מען טוט גוטע גמילות־חסדים — זאָגט מען „אָמן".

און וואָס באַשטייט דאָס גוטס פון גמילות־חסדים? אין אַלגעמיין, אַז מען גיט וועמען אַ גמילות־חסד, האָט אַ טובה נאָר דער נעמער. אָבער עס זענען פאַראַן גמילות־חסדים, וואָס די טובה איז פאַרן נעמער און געבער גלייך, און אפשר פאַרן געבער נאָך מער ווי פאַרן נעמער.

צום ביישפּיל: ווען איינער שטייערט־מיט אויסצולייזן דונאַמס ערד פון דער וויסטעניש אין ישראל דורכן קרן קימת, אָדער אַנדערע אופנים פון מיטשטייערונגען; ווען איינער פאַרגרעסערט זייןביישטייערונג פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין, טוט ער אַ גוטע זאַך פאַר מדינת־ישראל, פאַר די נייע עולים, פאַרן גאַנצן ישוב, און צו דער זעלבער צייט טוט ער, דער ביישטייערער, די גרעסטע טובה זיך אַליין, ווייל, אַלץ וואָס עס ווערט געבויט, געפלאַנצט, יעדער דונאַם ערד וואָס ווערט געמאַכט קולטיווירבאַר, יעדע אויסבעסערונג אין דער קאָמוניקאַציע און געזונטהייטס־וועזן א"אַ, איז עס צוגעגרייט פאַרן געבער. ווען ער וויל, קאָן ער קומען און זיך באַזעצן אין ישראל און געניסן פון אַלץ וואָס ווערט דאָרט טאָג־טעגלעך צוגעגרייט פאַר אַ בעסערן און רואיקערן מאָרגן.

דערפאַר זאָל קומען אַ ברכה אויף די אַלע וואָס טוען די דאָזיקע גוטע גמילות־חסדים, און מיר זאָגן מיטן גאַנצן האַרצן אָמן!

שְׁנַת הֶעָשׂוֹר

— א —

הללויה

„הללויה, לויבט אים לויט זיין גרויסקייט, לויבט אים מיט בלאָזן שופר; לויבט אים מיט אַ גיטאַרע און האַרפע, לויבט אים מיט פּויק און טאַנץ, לויבט אים מיט סטרונעס און פלייט, לויבט אים מיט קלינגענדיקע צימבלען. אַלץ וואָס אָטעמט זאָל לויבן ג־ט. הללויה". (תהילים, ק"נ).

אין ישראל, ווי אין חוץ־לאָרץ, וואו עס געפינט זיך נאָר אַן עדה יידן, ווערן שוין פון איצט אָן געמאַכט די הכנות צום יום־טוב פון „חג העשור", —דער צען־יאָריקער יובל פון מדינת־ישראל—, מיט דער גרעסטער חשיבות און גלאַנץ, וואָס זאָל זיך לאָזן פילן אין דער היים, אין גאַס, אין דער געזעל־שאַפט, ביי אַלע שיכטן. עס זאָל טאַקע זיין „חצי לד׳ וחצי לכם" — יידיש און גייסטיק; און עס ווילט זיך געפינען אַ וואָרט וואָס זאָל אויסדריקן דעם עקסטאַז, דעם איבערפלוס פון שמחה, וואָס ברויזט שוין פון לאַנג אין דער יידישער נשמה, און אויך פאַר מיר האָט זיך נישט געפונען קיין בעסערער, קרעפטיקערער און פאַסיקערער וואָרט, ווי דער מיט וועלכן עס האָט זיך באַנוצט דער אבי־המשוררים, דוד המלך, — הללויה!

אין די פינף טויזנט זיבן הונדערט מיט אַכצן יאָר זינט בריאת־העולם, זענען פאַראַן 3,769 יאָר, אין וועלכע עס פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ דאָס יידן־פּראָבלעם, און דער כסדרדיקער קאַמף פאַר יידישקייט.

דעם ערשטן ייד, אברהם, האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַלך־אויוון, כדי אים צו פאַרברענען, צוזאַמען מיט דער יידישקייט, און אַ נס האָט גע־טראָפן: דאָס פייער האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף אים, און ביידע —דער מענטש אברהם, און זיין אידעאַל— זענען געראַטעוועט געוואָרן.

זינט דאַן האָט מען פאַרברענט אויף די שייטערהויפנס מיליאָנען פון די בני־אברהם, יצחק ויעקב. די גופים זענען פאַרברענט געוואָרן אין פייער

און דאָס יידישקייט איז געשטאַרקט און געליטערט געוואָרן דורכן זעלבן פייער. דאָס יידישע פאָלק, די בני־ישראל, האָבן זיך נאָך מער געקלאַמערט אין זייער אמונה — אין תורת־משה.

האָבן די שונאים אונדזערע געברענט אונדזער תורה, איז געשען אַ נס „מגילות נשרפים ואותיות פורחות" — דער פּאַרמעט איז פאַרברענט געוואָרן און די אותיות זענען זיך צעפלויגן, און יידן האָבן זיי אויפגעכאַפּט און זיך פאַרזיכערט אויף אייביק מיט די אותיות פון דער תורה, אויסקריצנדיק זיי אויפן האַרץ און זיי טראָגן עס שטענדיק מיט זיך, וואו זיי זאָלן נישט זיין און וואו זיי זאָלן זיך נישט געפינען; אין פריידן, און, באַהיט ג־ט, אין לייַדן, האָבן זיי די תורה מיט זיך; די תורה, וואָס פירט זיי, דערהאַלט זיי ווי אַ פאָלק. אונדזערע חכמים האָבן געלערנט „חרות על הלוחות" — אויסגעקריצט אויף די לוחות איז דאָס וואָרט „חרות", קאָן אויך געטייטשט ווערן „חירות" — פרייהייט. דער ייד, וואָס האַלט זיך מיט דער תורה, קלעפּט זיך צו אים נישט צו דער גלות; ער איז שטענדיק אַ פרייער מענטש, ער וועט זיין נשמה קיינמאָל נישט פאַרקנעכטן.

אין די 3,769 יאָר זינט דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער אמונה, האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ סך גלותן. אויסער די צוויי גלותן פון ארץ־ישראל קיין בבל און רוים, האָבן מיר געוואָגלט פון איין גלות צו אַ צווייטן גלות, און אין ערגעץ נישט געהאַט קיין מקום־מנוחה. כמעט דריי־פערטל צייט פון דעם אויבנדערמאָנטן סכום יאָרן האָבן מיר געגלותט.

און מערקווירדיק, — וואַנדערנדיק פון גלות צו גלות, האָט די געפּלאָגטע, באַליידיקטע מחנה יידן געהאַט אין זין נאָר איין זאַך: אַז דאָס גייען זיי דעם וועג צוריק קיין ארץ־ישראל. אַלע צרות, רדיפות, מיתות־משונות, האָבן זיי אָנגענומען ווי אַ טייל פון דעם פּראָגראַם וואָס איז פון פריער באַשטימט פון דער געטלעכער מאַכט, וואָס מען מוז דורכמאַכן אין וועג צו דער גאולה.

די געציילטע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן אויף זיך דאָס פּעקל יידישקייט, זענען אָפּגעפאַלן אין מיטן וועג און זענען אונטערגעגאַנגען. אָבער, דאָס פאָלק, אַלס אַ גאַנצע, איז געגאַנגען פעסט און געשעפּט כוחות, טאַקע פון דעם פּעקל יידישקייט, און מיט פרייד, מיט שטאָלץ זינגט אַרויס פון אונדז דער שטאָלצער נאַציאָנאַלער אויסרוף: — הללויה!

זיי, יענע פיזיש דערנידעריקטע און גייסטיק דערהויבענע, האָבן אין זייער גלות־וואַנדערונגען, מיטן כוח פון יידישקייט, אונדז דערפירט צו מדינת־ישראל, צו דעם אָנפאַנג פון דער גאולה־שלמה, וועמענס צען־יאָריקן יובל מיר פייערן איצט, און עס רייסט זיך אַרויס פון דער טיפקייט פון האַרץ און נשמה: הללויה!

* * *

„והיה באחרית הימים נכון יהיה הר בית ד׳״ — און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג, וועט שטיין פעסט דער באַרג פון ג־טס הויז, אויבנאָן פון די בערג, און דערהויבן איבער אַלע הויכקייטן, און אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען, און פיל אומות וועלן גיין און וועלן זאָגן: קומט, לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון ג־ט, און ער וועט אונדז לערנען זיינע וועגן, און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן, און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס; אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הויבן קיין שווערד און מען וועט מער נישט לערנען קיין מלחמה״. (ישעיה, ב׳).

קוקן מיר אַריין טיפער אין מעשה מדינת־ישראל, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער „באחרית הימים״ איז שוין אַריין אין דער ערשטער פאַזע פון זיין פאַרווירקלעכונג.

מדינת־ישראל איז אויפגעקומען נישט דורך קיין רעוואָלוציע, וואָס, ווי דער שטייגער פון אַ רעוואָלוציע, הויבט זיך עס אָן מיט בלוט־פאַרגיסונג, מיט אָנפאַלן, מיט איבערפאַלן, מיט קאַמף און שנאה פון מענטש צו מענטש.

די אויפלעבונג פון מדינת־ישראל האָט זיך אָנגעהויבן פּונקט אין אַ פאַרקערטער פאָרעם. פון דעם ערשטן שריט וואָס די חובבי־ציון האָבן געשטעלט אויפן ישראל־באָדן, איז געווען דער ציל — ישוב־הארץ, מיט דער גאַנצער ברייטהאַרציקייט בויען, שאַפן, צוגרייטן אַ צוקונפט פאַרן יידישן פאָלק, וואָס וועט צו דער זעלבער צייט אויך זיין צום נוץ און פאַר דער טובה פון דער גאַנצער נישט־יידישער באַפעלקערונג, וואָס וועט וועלן לעבן אין פרידן מיט די ישראלים, און אַפילו פון די, וואָס וועלן נישט זיין צופרידן.

די ישראלים זענען אַרויף אויפן אַלטן ישראל־באָדן און האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דער מדבר, קעגן די פאַרלאָזטע זומפּן, וואָס זענען געווען אַ קוואַל פון קראַנקייטן. עס זענען געפאַלן אַ סך טייערע יידישע קרבנות אין דעם דאָזיקן נישט גלייכן קאַמף. צו־קליין איז געווען די צאָל פון די קעמפער קעגן די מיליאָנען און מיליאָנען קליינינקע באַשעפענישן, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך פאַרשידענע פעסטן, אָנגעזאַמלטע אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן, און טראָץ דעם אומגלייכן קאַמף און די אָרעמע מיטלען וואָס די ערש־אָנגעקומענע ישראלים האָבן דאָן געהאַט פאַר דעם, איז דער זיג געווען אַ פולקאָמער לטובת אַלעמען — פאַר די ישראלים, ווי פאַר די פריינטלעכע און אויך אומפריינטלעכע שכנים אויפן ישראל־באָדן, און אויך פאַר די שכנישע לענדער.

נישט מיט קיין שווערדן, נישט מיט קיין שפּיזן זענען מיר געקומען בויען ארץ־ישראל; נישט צוצונעמען עפּעס ביי עמיצן מיט כוח, נאָר מיט פרידלעכע כוונות, מיטן אידעאַל פון קרן קימת לישראל.

דאָס וואָס די ישראלים האָבן אויפגעטון אויפן געביט פון היגיענע, פון

סאַניטאַרן וועזן, פון בילדונג, דעמאָקראַטיע — לאָזט זיך נישט באַהאַלטן. שונאים און פריינט מוזן עס אָנערקענען. נישט באַנוצנדיק דערביי קיין איין שאָס פּולווער, און אויב עס האָט געדאַרפט קאָסטן קרבנות, זענען עס געווען די ישראַלים וואָס האָבן זיך מקריב געווען פרייוויליק פאַרן אידעאַל פון „באחרית הימים״.

אָבער, ווי אַלע נאַטור קרעפטן, פירן אַ קאַמף צווישן זיך ליכט און פינצטערניש, היץ און קעלט, און זיי טרעטן נישט אָפּ אַזוי לייכט איינער פאַרן אַנדערן, — אַזוי פּאַסירט אויך אין גרעניצן פאַר אַן אידעאַל.

ישראל האָט פּאַקטיש באַוויזן, אַז יידן ווילן בויען זייער לאַנד אין שלום און אין קעגנזייטיקער פריינטשאַפט, מיט קאָנסטרוקטיווע צוועקן. די איינ־ציקע אַמביציעס וואָס די ישראַלים האָבן געהאַט און האָבן, איז צו ווערן אַ מוסטער־פאָלק, ווי עס האָבן אונדז געלערנט אונדזערע נביאים, און זיי האָבן עס באַוויזן מיט לעבעדיקע פאַקטן — ווי דאָס איז דער איבערצייגנדי־קער קרן קימת לישראל.

מיר ווילן זיין אַן אָפּגעזונדערט פאָלק. די געשיכטע האָט עס אַזוי באַ־שטימט און עס איז נישט איבערצואַנדערשן. אונדזער היליקסטער וואונטש איז טאַקע צו זיין אָפּגעזונדערט, אָבער נישט איזאָלירט; פאַרקערט, מיר ווילן זיין אַ פאָלק צווישן פעלקער און לעבן אַן אומאָפּהענגיקן פאָלקס־לעבן, באַגלייך מיט אַלע פעלקער. ווי זאָגט מען: מיר ווילן נישט עסן און מיר קאָנען נישט עסן אַלע פון איין טעלער, אָבער מיר קאָנען עסן פריינטלעך ביי איין טיש — דאָס איז אונדזער הייסטער וואונטש.

נו, קומט אָבער אונטער דער בין־השמשות־גרעניצן.

גרויסע, טונקעלע כוחות פון שרייענדיקע קאָלירן פאַרמעסטן זיך מיט דעם „באחרית הימים״־אידעאַל פון ישראל און שטאָפּן אָן אונדזערע שכני־שע לענדער מיט די ערגסטע פאַרניכטונגס־געווער און מאַכן עס פאַרקערט: אָנשטאָט אַקעראייזנס, פילן זיי אָן די לענדער מיט כלי־משחיתים פון שרעק־לעכסטן מין.

נו, באין ברירה, מוז זיך ישראל פאַרטיידיקן מיט די זעלבע מיטלען. אָבער ווי אַזוי ווענדעט אָן ישראל די מיטלען? — זי ווענדעט זיי אָן ווי עס האָט אונדז אָנגעצייכנט דער גרעסטער העלד, דוד המלך:

„רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם״ — דערהויבונג פון ג־ט אין זייער האַלדז און אַ צוויי־שאַרפיקע שווערד אין זייער האַנט, צו נעמען נקמה אין די פעלקער, שטראָפונגען אויף די אומות, צו שמידן זייערע מלכים אין קייטן און זייערע נכבדים אין אייזערנע רינגען. (תהילים, קמ״ט).

ישראל האָט גליקלעכערווייז באַוויזן, אַז איר וואונטש איז געטלעכע דערהויבונג; נאָר ווען די ישראַלים זענען געצוואונגען — נעמען זיי זיך

צו דער שווערד און באַזיגן די שונאים, לויט אַלע געזעצלעכע פאָרשריפטן.
אָבער, ווי אַזוי האָט זיך ישראל נוהג געווען מיט די באַזיגטע?

די שונאים האָבן גענומען פינף יידישע געפאַנגענע און האָבן זיי גע־פייניקט, ווי עס טוען באַרבאַרן; ישראל האָט גענומען ביים שונא אַריבער פינף טויזנט געפאַנגענע, און — ווי אַזוי האָט מען זיי באַהאַנדלט?

מען האָט זיי באַהאַנדלט אין איינקלאַנג מיט די ווערטער פון משורר: „שיין וועט עס זיין פאַר אַלע זיינע פרומע". די באַהאַנדלונג פון די געפאַנ־גענע שונאים אונדזערע איז געווען אין העכסטן גראַד מענטשלעך, וואָס האָט צוגעגעבן שיינקייט צום כבוד פון זיג, און עס זינגט זיך אַרויס מיט שמחה פון נחת:

„הדר הוא לכל חסידיו, — הללויה"!

אַזוי פאַסט פאַר יידן, אַזוי פירן זיך אויף יידן. זיי ווערן נישט פאַר־שיכּורט פונעם נצחון, זיי פאַרגעסן נישט אונטער קיינע אומשטענדן און ביי קיין איין געלעגנהייט דעם „רוממות אל בגרונם, הללויה"!

* * *

און אונדזער שמחה איז גרויס — צען יאָר מדינת־ישראל!

עס איז פאַראַן אַ מאמר וואָס זאָגט: עס שטייט געשריבן „כל המת־אבל על ירושלים, זוכה ורואה בשמחתה" — דער וואָס טרויערט אויף ירושלים, וועט זוכה זיין צו זען איר שמחה. ער זאָגט נישט אַז ער וועט זוכה זיין צו זען דעם אויפבוי פון ירושלים, נאָר איר שמחה. — פאַרוואָס? דער טעם פון דעם איז, וואָס דאָס אויפגעבויטע ירושלים וועלן דאָך זען אַפילו די יעניקע, וואָס האָבן נישט געטרויערט. אָבער די פרייד וועלן פילן נאָר די דאָזיקע, וואָס האָבן געטרויערט און זיך מצער געווען.

קיינער ווי די ציוניסטישע מחנה קאָן נישט פאַרשטיין די פרייד און פילן די אמתע פרייד. דאָס האָבן זיי, די ציונים, געטרויערט, זיך מצער גע־ווען, געליטן פון דעם ערשטן טאָג אָן פונעם פּאָליטישן ציוניזם ביז היינט צו טאָג, איבער אַלץ וואָס האָט זיך געטון און עס טוט זיך אַרום ירושלים.

כדי צו פאַרשטיין בעסער דעם אונטערשייד פון ציוניסט ביזן נישט־ציוניסט, וועל איך ברענגען פאָלגנדיקן עפּיזאָד:

סוכות פון יאָר תרמ"ג, האָט הרב שמואל מאהליווער ז"ל, באַזוכט דעם באַראָן ראָטשילד אין פּאַריז וועגן ארץ־ישראל־ענינים. נאָכדעם ווי דער באַראָן ראָטשילד האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די עקספּאָזע פון הרב מאהליווער, האָט ער אים געענטפערט: — „רבי, אויב איר זענט געקומען צו מיר וועגן אַ געלט־שטיצע פאַר אייער אַרבעט אין ישראל, — זאָגט מיר די סומע וואָס עס פאָדערט זיך, און איך וועל עס אייך געבן; נאָר אויב איר

זענט געקומען צו אַפּעלירן און מיר איבערצוצייגן, איך זאָל ווערן מיט דער דער נשמה אַן אַנהענגער פון דער באַוועגונג, מוז איך זיך פריער מישב זיין מיט מיר אַליין".

אין דעם עפּיזאָד שפּיגלט זיך אָפּ דער אונטערשייד פון דעם ציוניסט און דעם ייד, דעם געלט־געבער. פאַרשטייט זיך, אַז דער ציוניסט דאַרף זיין ביידע זאַכן; ער דאַרף זיין פון די ערשטע און בעסטע געלט־געבער און נישט נאָר אַ ציוניסט מיטן מויל.

איך באַריר דעם דאָזיקן פונקט, מחמת צו דעם יום־טוב פון צען־יאָריקן יובל איז אונדזער חוב אַרויסצוברענגען אין זיין גאַנצער גרויסקייט די פּי־גור פון דעם ערשטן מנהיג ד"ר טעאָדאָר הערצל ז"ל, דעם הונדערט־פּראָ־צענטיקן ריינעם ציוניסט.

נאַטירלעך, דאַרפן זיך מיט דעם אָפּגעבן אנשים חכמים וידועים. איך וויל נאָר פאַרצייכענען איין שטריך פון ד"ר הערצל, מיט וועלכן ער האָט זיך געשטעלט כמעט אין איין מדרגה מיט משה רבינו און שמואל הנביא. ביידע, אין זייער דעמאָקראַטישן אַרטריידן צום פאָלק, האָבן זיי אונטער־געשטראָכן „לא חמור אחד מהם נשאתי" — אַז אין דער גאַנצער צייט וואָס זיי האָבן זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן צום דינסט פון פאָלק, האָבן זיי ביים פאָלק אַפילו נישט גענומען קיין איין אייזל אויף צוצופּאָרן ערגעץ. און ד"ר הערצל האָט אַוועקגעגעבן זיין געזונט, זיין לעבן און זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַרן ציוניזם, און ווען ער איז געבליבן נאָר ביי דער פען און געצוונגען זיין אָרעמע חיונה נאָר פון זיין שרייבן פאַר דער צייטונג „די נייע פרייע פּרע־סע", וועמענס רעדאַקטאָרן האָבן אים פיל מאָל שופך דם געווען, צוליב זיין ציוניסטישער טעטיקייט, און זיין מיטאַרבעט אין דער צייטונג האָט אים געקאָסט אומאָנגענעמלעכקייטן און געזונט, האָט ער זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט נהנה צו זיין, אַפילו נישט מיט איין פּרוטה, פון די ציוניסטישע פאָנדן, טראָץ דעם וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך די גאַנצע משאַ און די גאַנצע אחריות פון דער באַוועגונג.

הערצל איז געווען דער, וואָס האָט געשטורעמט דעם פינפטן ציוניס־טישן קאָנגרעס, אויף וועלכן מען האָט באַשטעטיקט די גרינדונג פון קרן קימת לישראל. ער איז געווען דער ערשטער ביישטייערער פאַרן קרן קימת לישראל; האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון די נאָענטע חברים, אַז ער זאָל זיך צוריקציען פון דער צייטונגס־אַרבעט און די ציוניס־טישע באַוועגונג וועט אים געבן דאָס נויטיקע פאַר דערהאַלטן זיין משפחה.

גרויס איז געווען דער מאַן!

דעם כיבוד אָב ואם, וואָס מען האָט באַמערקט אין זיינע שריפטן, איז אין לשער, און די ליבשאַפט וואָס די עלטערן האָבן אַרויסגעוויזן צו אים איז געווען אומבאַגרענעצט. זייערע מאָראַלישע און מאַטעריעלע הילף און

זייער ראט האבן אים פיל געהאלפן און געשטארקט ביז צום לעצטן מאָ־מענט. ווען זיין גרויסע יידיש־מענטשלעכע נשמה האט זיך אפגעטיילט פון דער ערדישקייט.

ביי דער געלעגנהייט פונעם צען־יאריקן יובל, וואלט געווען א יושר מען זאל ארויסגעבן א בראָשור וועגן לעבן פון הערצלס עלטערן; זיי האבן עס כשר פארדינט.

* * *

הערצל האט ארויפגעבראכט דאס יידנפראבלעם פאר דער ליכט פון דער גאנצער וועלט, אז מיטן לייזן די יידנפראגע וועט עס זיין צום גונסטן פון אלע פעלקער, — דער אידעאל פון אחרית הימים.

מדינת־ישראל באווייזט די ריכטיקייט פון הערצלס אויפפאסונג. איז לאמיר האפן, אז אינגיכן וועלן די פעלקער דאס אויך פארשטיין, און דאן וועלן מיר זינגען מיט פרייד: „הללו את ד׳ כל גוים״ — לויבט ג־ט אלע פעלקער, גיט א שבח צו אים, אלע אומות. ווארום שטארק איז זיין חסד אויף אונדז, אונדזער גבורה איז מיט חסד און מיט ג־טס אייביקן אמת. „הללויה, הללויה!״

„כי גבר עלינו חסדו, ואמת ד׳ לעולם. — הללויה!״.

— ב —

צען־יאריקער יובל פון מדינת־ישראל

עס דערנענטערט זיך דער גרויסער טאג, דער אויסגעבענקטער נייער יום־טוב, וועלכן דאס יידישע פאלק דערווארט מיט הייליקן ציטער, איבער־פולט מיט עמאָציע — דער צען־יאריקער יובל פון מדינת־ישראל.

דאס איז דער טאג, אויף וועלכן דאס יידישע פאלק האט געווארט מיט איבערנאטירלעכן געדולד, האט אויסגעהאלטן אלערליי פייער־פראבעס. דער באדן אונטער זיינע פיס האט זיך געטרייסלט און אים געווארפן פון איין ארט אויף א צווייטן, אבער דער גלויבן, די האפענונג אז דאס לאנד פון אונדזערע אבות וועט אונדז אומגעקערט ווערן, און אז מיר וועלן זיך אומ־קערן אין אונדזער לאנד, איז געווען פעסט איינגעווארצלט און איז איבער־געגעבן געווארן פון דור צו דור, און א דאנק דעם האט אונדזער דור זוכה געווען צו געניסן פון דעם גליקלעכן רעזולטאט פון די וואונדערלעכע גייס־טיקע כוחות פון די פארגאנגענע דורות.

אין די צוויי טויזנט יאר פון וואגלעניש אין גלות, פול מיט נגישות, רדיפות, גירושים, האט דער ייד נישט פארפעלט קיין איין טאג צו דערמא־נען ציון און ירושלים, צו פראקלאמירן די אחדות־ישראל, מיט די געפילפולע פאלקס נשמהדיקע ווערטער: „שמע ישראל״.

איצט האָבן מיר דעם זכות צו זיין דער דור, וואָס האָט דערלעבט דעם צענטן יאָר זינט ציון, ירושלים און עם־ישראל האָבן ווידעראַמאָל זיך באַ־העפט אויף אייביק. דעריבער איז נישט מער ווי ריכטיק אַז מיר זאָלן באַ־צייטנס, שוין פון איצט, אויפנעמען מיט פרייד און ענטוזיאַזם דעם ערב יום־טוב.

לויט די הכנות פון ערב יום־טוב, קאָן מען אָפּשאַצן די שמחה מיט וועלכער מען דערוואַרט דעם יום־טוב.

מחמת דעם, שיינט מיר, אַז עס איז ווינטשנסווערט מיר זאָלן שוין פון איצט אָנהויבן צו לערנען און איינחזרן גוט די פּרשה פון די ניסים, וואָס מיר האָבן צו דערציילן פון דעם „חג שחרורנו" — אונדזער פרייהייט־יום־טוב.

און מיר ווילן פּרובירן אָנצייכענען די ראשי־פּרקים פון אָט די ניסים:

1) דער ערשטער גרויסער נס איז, וואָס מען האָט —ווי בשעתו די מכביער— פאַרטריבן די פרעמדע מאַכט וואָס האָט געשאַלטעט און געוואַל־טעט אויף דער ישראל־טעריטאָריע — די ענגלענדער, איידער ישראל האָט נאָך געהאַט אַן עפנטלעך אָרגאַניזירטע אַרמיי.

אַקליין הייפעלע איזאָלירטע יידן — ישראלים, האָבן מנצח געווען דער גרעסטער אימפּעריע, מיט איר באַוואָפנטן און געפּאַנצערטן חייל.

און דאָס פּינטעלע פון נס האָט זיך געשטאַרקט און געוואַקסן אין דעם יידישן ווילנסקראַפט פאַר באַפרייאונג, דורך די רשעות און בייזוויליקייטן פון דער ענגלישער רעגירונג. ווען נישט זייערע נאַרישע רשעות, וואָלט אפשר דער נס פון זעלבסטשטענדיקייט זיך פאַרשפּעטיקט אויף אַ שטיקל צייט. נאָר, פּונקט ווי אַמאָל ביי פּרעהן, איז די אונטערדריקונג געווען אַ שטאַרקער גורם צו דער עקשנותדיקער שטרעבונג פון באַלדיקער באַפריי־אונג.

ישראל איז באַפרייט געוואָרן אין אַ מזלדיקער שעה, און ענגלאַנד צאָלט אַ טייערן פּרייז פאַר איר איינגעשפּאַרטער רשעות.

יאָ, רשעות, פאַלשקייט —פריער אָדער שפּעטער— קאָסט זייער טייער.

2) דער גרויסער נס, וואָס ג־ט האָט אַריינגעגעבן מוט, כוח און הכמה אין אונדזערע מנהיגים און חכמים, צו פּראָקלאַמירן די עצמאות פון מדינת־ישראל, גלייך ווי די ענגלישע פאָן איז מער נישט געזען געוואָרן אונטער די ישראַלישע הימלען, און טראָצדעם וואָס גרויסע מלוכות האָבן געראָטן מען זאָל זיך נישט איילן מיט אַזאַ געוואַגטן שריט. און די קאַלטע לאָגיק האָט אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ ריזיקאַלישע איינשטעלונג, ווייסנדיק אַז מען איז אַרומגערינגלט מיט דרייסיק מיליאָן אַראַבער, שונאים פון דרויסן, און אַ מיליאָן פון די זעלבע שונאים אינעווייניק.

עס איז געווען דער נס פון „ובכל חכם לב נתתי חכמה".

3) עלף מינוט נאָך דער פּראָקלאַמאַציע פון עצמאות, איז אָנגעקומען די אָנערקענונג פון די צוויי גרעסטע מלוכות.

כאָטש די אָנערקענונג האָט נישט געהאַט קיין באַלדיקע ממשותדיקע ווערט, האָט עס דאָך מיטגעווירקט מאָראַליש צו דעם אומזעבאַרן כּוח פון „אין ברירה".

4) נאָך איידער עס האָט זיך אָפּגעטריקנט דאָס טינט פון די חתימות פון די מנהיגים אויף דער דעקלאַראַציע פון עצמאות, זענען זעקס שכנישע לענדער — אַראַבער, מיט דער מיטהילף פון ענגלאַנד, און ביי דער גלייכגילטיקייט פון אַלע אַנדערע מלוכות, די „יון" איינגעשלאָסן — באַפאַלן אכזריותדיק דעם ניי-געבוירענעם, אומבאַוואָפנטן ישראל.

פערציק אַראַבער אויף איין ישראלי, אַלטע מלוכות מיט אויסגעמושטירטע אַרמייען, האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אומבאַשיצטע שטעט און דערפער מיט דער לאָזונג, אַריינצוטרייבן די ישראלים אין ים אַריין, און דער נס איז געשען „ונהפך הוא" — די אַלע שונאים האָבן געכאַפּט אַ ווייסטע מפּלה און ישראל האָט העלדיש געזיגט, מיט כּבוד, און דערוואָרבן פּרעסטיזש.

5) אומדערוואַרט, קיינער האָט זיך אויף דעם נישט גערעכנט, איז אויפן גרעסטן טייל אַראַבישע תושבים פון ישראל אָנגעפאַלן אַ פּחד, און זיי זענען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק זייער האָב און גוטס אויף הפקר, באַהערשטע פון אַ רוח-שטות, אַז גאַר אינגיכן וועלן זיי זיך צוריק אומקערן און אָפּנעמען מיט רווחים.

פיל האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די „חכמים" פון אונדזערע שונאים פאַר זייער „פּראַקטישער" עצה וואָס זיי האָבן געגעבן זייערע גלויבנס גענאָסן, זיי זאָלן מאַכן „ויברח".

6) דער נס פון „בריחה", פונעם אַוועקלויפן פון די אַראַבער, איז דערגאַנצט געוואָרן מיטן נס פון עליה, ספּעציעל פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע לענדער.

ווער קאָן עס באַרעכענען און באַטראַכטן די וועגן פון דער השגחה! פון איין זייט — בריחה, פון דער צווייטער — גירוש.

ווי ריכטיק איז דער פאָלקס-ווערטל, אַז „ג-ט גרייט צו די רפואה פאַר דער מכּה".

הונדערטער טויזנטער יידן, אַרויסגעטריבענע, באַרויבטע, פאַראָרעמטע דורך די אַראַבישע מלוכות און פעלקער, זענען געקומען אין ישראל, זיך באַזעצט אויף די ערטער פון די אַנטלאָפענע אַראַבער. און דער נס, אַלזאָ, איז געווען אַ טאָפּלטער: ישראל האָט באַקומען פריינט אַנשטאָט שונאים; ישראלים, אַנשטאָט אַנטי-ישראלים.

7) די מאַטעריעלע און מאָראַלישע ביישטייערונגען וואָס דאָס הינ־טערלאַנד — דאָס יידישע פאָלק פון די גלות־לענדער גיט יאָר־יערלעך.

קיין איין לאַנד אויף דער וועלט קאָן נישט באַווייזן, אַז אַלע אירע בירגער, אָדער גלויבנס־גענאָסן וואָס געפינען זיך אין חוץ־לארץ, זאָלן האָבן מיטגעשטייערט פרייוויליק, אָן פּאָליציייאישן אָדער פּאָליטישן דרוק, יאָרן־לאַנג נאָכאַנאַנד, מיט דער גרייטקייט און אַמביציע, באַטראַכטנדיק זיך אַלס רעטאַגוואַרד, אויף אַלע אופנים און אונטער אַלע אומשטענדן, אַזוי ווי עס טוען די יידן אין די תפוצות.

ריכטיק איז, אַז לויט די פאָדערונגען פון מאָמענט, וואָלטן די ביישטייערונגען געדאַרפט זיין גרעסערע, אָבער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטייען מיר זיכער אויף אַ פיל העכערער מדרגה.

8) דאָס פאָלקאַמע אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, וואָס פאַרשפּרייט זיך אויך אין די גלות־לענדער, מיט ענטוזיאַזם און ליבשאַפט.

9) דער גרויסער וואונדער־נצחון וואָס איז געשען אין סיני, וועלכער, ווי קענער פון קריגס־קונסט באַשטעטיקן, האָט ער נישט קיין פאַרגלייך אין דער געשיכטע פון העלדישקייט און געוואַגטקייט, ממש ניסים ונפלאות, וואָס אויסער דעם זיגרייכן טראומף אָן און פאַר זיך, האָט ער געבראַכט כבוד און דרך־ארץ פאַר דער מדינה; אָנערקענונג און רום פאַרן צבא הגנה לישראל, און שטאָלץ פאַר עם־ישראל.

די גלאָררייכע מבצע סיני איז נאָך פריש אין זכרון און עס איז נישט נייטיק צו געבן ברייטערע דערקלערונגען.

10) אחרון אחרון חביב, אַ וויכטיקע געשעעניש פון ערשטקלאַסיקער באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון מדינת־ישראל, איז דאָס צוריקקומען פון די צאַברעס צו יידישקייט.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ישראל, געדרוקט אין די יידישע צייטונגען, פון ש. יצחקי, זאָגט ער:

„היי־יאָר, נאָך סוכות, זענען געווען אין מדינת־ישראל אַ סך יידן, סיי פרומע און סיי „פרייע" וועלכע זענען געווען אויפריכטיק צופרידן מיט אַ נייער דערשיינונג: צענדליקער טויזנטער קינדער אין שול־עלטער, יינגלעך און מיידלעך, די „צאַברעס" אונדזערע, האָבן אָנגעפילט די קלויזן און בתי־מדרשים איבערן גאַנצן לאַנד, און אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן מתפלל גע־ווען טאַקע אַזוי ווי זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן עס געטון ערגעץ אין אַמאָליקן פוילן אָדער ליטע. געווען טויזנטער קינדער אין עלטער פון אַכט ביז 12 יאָר, וועלכע האָבן פייערלעך און ערנסט געמעלדעט זייערע עלטערן, אַז „היי־יאָר גייען מיר דאַווענען, מען דאַרף קויפן אַ מחזור אויף יום־טוב, מען דאַרף האָבן אַ יאַרמעלקע, מען דאַרף זיין יידן". פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אין הייזער פון די אַזוי גערופענע „פרייע עלטע־

רן", פון מאַמעס און טאַטעס וועלכע זענען בדרך כלל ווייט פון רעליגיעזע געפילן, ווייט פון אַ קלויז, און זייער ישראל־יידישקייט שטיצט זיך קודם־כל אויף נאַציאָנאַלע געפילן, אויף טרייהייט צו דער מדינה און אויף אַלטע אָדער נייע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן פון וועלטלעכע אַנשויאונגען.

„לויט ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן כמעט אין גאַנץ מדינת־ישר־אל, אין די גרויסע שטעט, אין די דערפער פון אַלטע און נייע עולים און אין די פאַרשידענע קיבוצים פון לינקע אַרבעטער־פּאַרטייען — האָט די דאָ־זיקע מעלדונג פון די קינדער נישט אַרויסגערופן וועלכע עס איז קעגנער־שאַפט מצד די עלטערן. פאַרקערט, ס'זענען געווען פאַלן, ווען טאַטע־מאַמע זענען גאָר געווען צופרידן דערפון, און עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן אינ־טערעסאַנטע מאָמענטן. אין איינעם גאָר אַ לינקן קיבוץ (פון „השומר־הצעיר") האָט מען דעם גרויסן עס־צימער פאַרוואַנדלט אין אַ קלויז. גע־ווען דאָרט אַן אָרון־קודש מיט ספרי־תורות, מען האָט געבלאָזן שופר און צווישן די מתפללים האָבן זיך געפונען נישט בלויז קינדער און זיידעס, נאָר אויך יונגעלייט וועלכע האָבן זיך „גאַנץ גוט געפילט" — ווי נישט איינער פון זיי האָט זיך אויסגעדריקט.

„...שוין נישט ריידנדיק דערפון, וואָס ערב יום־טוב האָט מען זיך אויך אין די סאָציאַליסטישע קיבוצים געפרייט מיט דער מעגלעכקייט צו זיין יידן, און נישט בלויז ישראלים".

מיר באַטראַכטן, אַז דער איבערברוך פון „דער מעגלעכקייט צו זיין יידן, נישט בלויז ישראלים", איז אַ וויכטיקע געשעעניש אין דער צען־יאָרי־קער עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל.

טרייהייט צו דער מדינה. נאָר דערפאַר וואָס אין דער מעטריקע איז מען פאַרשריבן אַלס ישראלי, ווייל מען איז געבוירן געוואָרן אויף דער ישראל־טעריטאָריע, איז ווייט נישט גענוג באַטראַכט צו ווערן אַלס „יידי־שער" פּאַטריאָט.

די מוסולמענער, קריסטן, בעדואינער א"אַ, וואָס ווערן געבוירן אין ישראל, זענען אויך געזעצלעך לעגיטימע ישראלים.

און לאָמיר אַ וויילע אַ טראַכט טון און זיך פאָרשטעלן, אַז אין ישראל און אַרום ישראל איז שלום, אַלע ישראל־בירגער רעדן עברית, אַנדערש קאָן דאָך נישט זיין, רעליגיע איז אָפּגעטיילט פון שטאַט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, און די ישראל־קינדער ווערן דערצויגן אַז זיי זאָלן זיין טריי דער מדינה, נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען בירגער, פון דער מדינה, נישט זייענדיק פאַרבונדן מיט יידישער טראַדיציע, מיט יידישער קולטור,— איז וועלכער וואָלט געווען דער כוח אָפּצוהאַלטן אַז די יידישע קינדער זאָלן נישט פאַרמישט ווערן מיט די קינדער פון די אַנדערע עדות פון לאַנד.

אָדער פון די אַרומיקע לענדער. און ווער קען פאָרויסזאָגן די קאָנסעקווענצן וואָס אַזעלכעס קאָן ברענגען?

אַפילו שלמה המלך, דער גרעסטער חכם, וואָס במשך פון די אַלע פערציק יאָר וואָס ער האָט געקיניגט איז געווען שלום ושלווה אין לאַנד און מיט די שכנים, איז באַגאַנגען דעם גרעסטן דיפּלאָמאַטישן טעות, דערמיט וואָס ער האָט זיך מתחתן געווען מיט אַנדערע פעלקער, מיינענדיק אַז מיט דער קרובהשאַפט וועט ישראל תמיד קאָנען לעבן רואיק און אין פרידן, אָבער וואָס איז געווען דער סוף?

דער סוף איז געווען „ויהי לעת זקנת שלמה נשיו הטו את לבבו אחרי אלהים אחרים" — און עס איז געווען אין דער צייט פון שלמהס עלטער, האָבן זיינע ווייבער אָפּגענויגט זיין האַרץ צו פרעמדע געטער, און ג־ט האָט געזאָגט שלמהן: „קרע אקרע את הממלכה מעליך" — איך וועל אָוועקרייסן די מלוכה פון דיר, און — אַזוי איז געשען.

נישט אַלע מאָל ברענגען „אבי שלום, אבי רואיק" די געוואונטשענע רעזולטאַטן.

דוד המלך, דער העלדישער קריגסמאַן, האָט פאַרגרעסערט און באַפעסטיקט דאָס יידישע לאַנד און די יידישע מלוכה. דוד מלך ישראל, איז געוואָרן דער סימבאָל פון אונדזערע האָפענונגען, ווערנד זיין זון שלמה וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַזוי פיל חכמה, האָט מיט די נשואי תערובות, טראָץ זיינע בעסטע כוונות, דערפירט צו דעם, אַז מלכות בית־דוד איז צעריסן געוואָרן און געבליבן מיטן קלענסטן חלק.

די יידישע רעליגיע, די יידישע מאָראַל האָבן אויפגעהאַלטן דאָס גאַנצקייט פון יידישן פאָלק אין דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות, און האָבן דערפירט צו מדינת־ישראל.

די ישראל־טעריטאָריע, די העברעאישע שפּראַך האָבן נישט געקאָנט איינהאַלטן דאָס יידישקייט ביי די צען שבטים, ווען זיי זענען אַוועק אין גלות, דערפאַר ווייל זיי האָבן גאָרנישט מיטגענומען קיין אייגנס. זיי האָבן נישט פּראַקטיצירט קיין יידישקייט ווען זיי זענען געזעסן אויפן ישראל־באָדן, און אַז מען פּראַקטיצירט נישט די אייגענע קולטור, דרינגען אַריין—ווילנדיק, צי נישט־ווילנדיק— פרעמדע קולטורן, וועלכע פאַרשלינגען דאָס פּינטעלע ייד און מען ווערט אַ ליידיק כלי.

די צען שבטים האָבן העלדיש געקעמפט און פאַרטיידיקט דעם באָדן אונטער זייערע פיס, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין הימל איבער זייערע קעפּ.

זיי זענען געווען ישראלים, אָבער נישט קיין יהודים; ישראלים אָן יהדות.

מיר מוזן לערנען פון דעם עבר, כדי צו באַוואָרענען דעם עתיד, דעם נאָענטן און דעם ווייטן.

אויב מען פּאַרלאָזט דעם מאָרגן, איז דער איבערמאָרגן אַ וואַקלדיקער. וואַקלעניש איז אַן אומגעזונטע דערשיינונג פאַר יחידים, וואָס ווירקט אויפן כלל, און עס ווערט אַ געפאַר פאַר אַ רעגירונג און פאַר אַ לאַנד.

טראַדיציע, אייגנאַרטיקער שטייגער לעבן, ספּעציפיש אייגנאַרטיקע קולטור און עטיק זענען אומבאַדינגט נויטיק אויפצוהאַלטן דאָס גאַנצקייט, ספּעציעל פון יידישן פאָלק, פאַר דער צוגעבונדנקייט פון פאָלק צו מדינת־ישראל, און איז לעבנס־וויכטיק פאַר די יידן־ישראלים פון דער מדינה, כדי אָנצוהאַלטן דעם קשר מיטן עם־ישראל פון די תפוצות און צו פאַרפעסטיקן דעם נצח־ישראל.

די מכבים האָבן געקעמפט, געזיגט, און זענען געבליבן פאַראייביקט, דערפאַר וואָס זייער קאַמף איז געווען דורכגעדרונגען מיט קנאה פאַר דער באַפרייאונג פונעם יאָך פון שונא, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד. און פאַר דער פאַרטיידיקונג פון יידישקייט און יידיש־לאַנד, פאַר דער יידישער תורה און פאַר דער יידישער מאָראַל.

די היסטאָריע וועט אָפּשאַצן די קרבנות־גרייטקייט פון אונדזערע חלו־צים, די גבורה פון אצ"ל און צה"ל, וואָס זענען געגאַנגען על קידוש השם והאומה. זי וועט אָבער זיכער אויך אָפּשאַצן מיט יראת הכבוד דעם ביי־שפּיל פון דעם נשיא מדינת־ישראל יצחק בן צבי, ירום הודו, מיט זיין ביי־שפּיל פון די שיינע יידישע מידות פון עניוות, מיט זיין ווירקונג צו פאַרפעס־טיקן דעם נצח־ישראל, מיטן כוח פון בית־המדרש.

רבי יוחנן בן זכאי און מתתיהו הכהן, מיט זייער גייסט און גבורה האָבן זיי געשמידט און געפורעמט אונדזער גייסטיקן פאָלקס־כוח, מיט וועלכן דאָס יידישע פאָלק לעבט און וועט אייביק לעבן.

עס איז געווים אַ העזה פון מיין זייט צו ריידן אין טערמינען פון נאָענ־טע און ווייטערע יאָרן, אָבער דער געדאַנק איז נישט מיינער. משה רבינו, אין זיין תורה וואָס ער האָט אונדז געגעבן, אין וועלכן זכות מיר זענען גובר אונדזערע שונאים און אַלע פורעניותן, רעדט דאָך נאָר אין ווייטבליקנדיקע טערמינען.

דאָס זעלבע געפינען מיר אויך ביי אונדזערע נביאים.

דער גאַנצער משיחיזם איז דאָך געבויט אויף ווייט, ווייט־קוקנדיקע טערמינען.

דעריבער דאַרפן מיר באַטראַכטן דעם צענטן פונקט וואָס איך פאַר־צייכן אויבן, אַלס אַ גרויסע געשעעניש אויף וועלכן מען דאַרף זאָגן הלל.

* * *

עס איז דעריבער אונדזער חוב, שוין פון איצט זיך מכין זיין ווערט צו זיין אויפצונעמען דעם גרויסן צען־יאָריקן יום־טוב — דעם חג־השחרור, יום־העצמאות.

אונדזערע הכנות דאַרפן באַשטיין פון:

דערפילן ערנהאַפט מיטן פאַראייניקטן קאַמפּיין, און צו דער צייט.

אין יעדע יידישע שטוב זאָל זיך געפינען אַ פּושקע פון קרן קימת לישראל.

יעדער ייד זאָל קויפן באָנאָס לויט זיינע מעגלעכקייטן.

יעדער ייד, מאַן און פרוי, זאָלן זיך רעגיסטרירן אין רעגיסטער פון ציוניזם, ביי דער ציוניסטישער טעריטאָריעלער אָרגאַניזאַציע.

שיקן די קינדער אין די יידישע שולעס.

אין די יידישע שולעס זאָל געלערנט ווערן די יידישע טראַדיציע און מנהגים, נישט בלויז ווי היסטאָרישע, פאַרגאַנגענע זאַכן, נאָר ווי אַ לעבעדיק, אַקטועלע נויטווענדיקייט, און די שול־עסקנים און די לערערס, טאַטע־מאַמע — אַלע דאַרפן געבן דעם גוטן ביישפּיל.

ציוניסטישע אינסטיטוציעס זאָלן אויסמיידן דעם חילול־שבת בפרהסיא. קבלת־שבת און עונג־שבת זאָלן זיין טאַקע שבתדיק, יום־טובדיק און נישט מחלל זיין די קדושת שבת.

שבת איז אַ שטאַרקע שמירה פאַר דער עקזיסטענץ פון עם־ישראל, — האָט אונדז געלערנט אחד העם ז״ל.

און אַלם אַזעלכע, זאָל זיין שבת יום־טובדיק אויף ישראל און אויף דער גאַנצער וועלט.

לאָמיר זיין ראוי און גרייט מקבל צו זיין דעם גרויסן יום־העצמאות! חג השמחה!

חג העשור תשי״ח

— ג —

„דברי אלקים חיים הם מעשים, אבל בני אדם רק מעשיהם הם דברים. ובמעשינו ולא בדיבורינו נבחן ונתעצם“.

דוד בן גוריון.

חג העשור, דער יום־טוב פון צענטן יאָר.

אין אונדזער שפּראַך זענען פאַראַן ווערטער וואָס דריקן אויס אַ העכערן באַגריף. מיטן באַנוצן דאָס וואָרט ברענגט מען אַרויס אַן אידעאַל, אַ פאָלקס־אויפגאַבע, אַ הומאַניטאַרע מיסיע, אַ נאַציאָנאַלע פליכט.

ווען מיר זאָגן, צום ביישפּיל „צענטלען", איז דאָס אַן איינפאַכער מאַ־טעמאַטישער טערמין, אַ צאָל ווי אַלע צאָלן. זאָגן מיר אָבער דעם זעלבן טערמין אין לשון־קודש — „מעשר", דאַן באַקומט עס אַ גאַנץ העכערן זין.

איך באַנוץ דאָס וואָרט „לשון־קודש" און נישט „עברית", דערפאַר וואָס „מעשר" פאַרנעמט אַ היפּשע פּרשה אין דער תורה; מעשר איז איינע פון די מצוות וואָס דאַרפן געטון ווערן מיט שמחה, מיט קדושה און מיט אַ גע־פיל פון דאַנקבאַרקייט צו דעם וואָס גיט אַריין די ברכה. כדי דאָס אָפּטיילן די מעשר, אַ צענטל פון די הכנסות פאַר וואוילטעטיקע צוועקן, זאָל קאָנען זיין אין אַ גרעסערער מאָס און צאָל.

מעשר — אין דעם וואָרט דערפילט דער ייד יום־טובדיקייט. יעדן יום־טוב לייענט מען אין דער תורה די ספּעציעלע פּרשה פון מעשר.

מעשר, איז פאַרבונדן מיט טוריזם. יעדער ישראלי דאַרף נעמען אַ צענטל פון זיין פּראָדוקט און גיין מיט דעם קיין ירושלים, אין די יום־טוב־טעג, און דאָס פאַרנוצן שמחהדיק, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער, און אויב ס'איז שווער צו נעמען דאָס צענטל אין פּראָדוקטן, מעג מען עס אויס־בייטן אויף געלט, און מיט דעם געלט פאַרברענגען יידישלעך אין ירושלים.

מעשר, האָט נאָך אַ העכערע אויפגאַבע. יעדער ייד האָט געמוזט געבן יאָר־יערלעך פאַר די גייסטלעכע פאַרשטייער — כהנים און לוויים, וואָס האָבן באַדינט דעם בית־המקדש, און וואָס האָבן געלערנט מיטן פאָלק די דינים פון מענטש צו מענטש, פון משפחה־אָנגעלעגנהייטן, פון היגיענע און געזונט־אָנגעלעגנהייטן, און פון דעם מעשר האָט מען אויך געדאַרפט שטיצן די אָרעמע.

„עשר תעשר" לערנט די תורה: זאָלסט געבן מעשר פון דיינע הכנ־סות, און אַנדערע חכמים טייטשן אויס: „עשר בשביל שתתעשר" — גיב מעשר, כדי דו זאָלסט געבענטשט ווערן מיט עשירות, מיט רייכקייט.

וואָס מער מען גיט פאַר בנין־הארץ, פאַר ציון און ירושלים; וואָס מער עס פּראָגרעסירט און עס ווערט געשטאַרקט מדינת־ישראל, אַלץ מער ווערן מיר רייכערע און קליגערע יידן, פאַר דער וועלט און פאַר זיך; אַלץ מער העלפט ג־ט.

ביים אָפּטיילן מעשר, זאָגט אַן די תורה: „ושמחת אתה וביתך" — זאָלסט זיך פרייען דו און דיין הויזגעזינט. דאָרט וואו עס איז פאַראַן שמחה ביים טון גוטס, איז פאַראַן מזל־ברכה. טון גוטע מעשים איז אַ גע־נוס פון עולם־הזה און פון עולם־הבא.

מיר זעען לעבעדיקע ביישפּילן: דער וואָס גיט זיין געהעריקע תרומה פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין, קרן קימת לישראל, באַנאָס, „וויצאָ", בסבר פנים יפות, מיט אַ גוטמוטיק פריילעך פנים, האָט ער אַליין אַ גייסטיקן פאַר־גענינגן, אַלע פרייען זיך מיט זיין טאָט. ער פילט זיך רייכער אין מענטש־

לעכקייט, עס רוט אויף אים די ברכה פון ג־ט און מענטשן, און דער יעניקער וואָס גיט נישט ווי געהעריק, ווייל דאָס הארץ דערלאָזט אים נישט, האָט ער אַ פילפאַכיקן צער. ער האָט צער, ווען מען דערמאָנט אים וועגן זיין חוב אַלס ייד; עס פאַרדריסט אים וואָס אַלע שאַצן און קאָמענטירן זיין „גוט־הארציקייט". עס קומען מאָמענטן ווען זיין געוויסן לאָזט אים נישט רוען און ער איז אין כעס אויף זיך אַליין, פאַרוואָס דער קמצן אין אים איז שטאַרקער פון זיין חלק מענטשלעכקייט; פאַרוואָס זיין נשמה ווערט איינ־געקאָרטשעט, קליינלעך, יעדעס מאָל ווען מען פאָדערט פון אים, אַז ער זאָל דערפילן זיין חוב אַלס ייד און אַלס מענטש.

נישט אומזיסט קומט די פרשה „עשׂר תעשׂר" פריער פון דער פרשה פון די ימים־טובים: פסח, שבועות, סוכות, אָבער צוזאַמען אין איין סדרה, אַז מען איז מקיים דעם ערן־חוב פון מעשׂר פאַר ארץ־ישׂראל, קאָן מען ערשט פילן די אמתע פרייד פון אונדזער יום־טוב.

דער גרויסער ייד הרב הגאון י. ל. מיימון, זאָגט: „אַ גדול הדור איז דער וואָס אינטערעסירט זיך מיטן מצב פונעם פאָלק ישׂראל. אַ תלמיד־חכם וואָס פילט נישט מיט דעם צער פון ציבור, ער באַטייליקט זיך נישט אין דעם פרייד פונעם פאָלק, און זאָגט תחנון אין טאָג פון „יום־העצמאות", מעג ער אַפילו זיין אַ גאון, אַ גאון שבגאונים, אָבער קיין גדול הדור איז ער נישט".

אָט אַזוי לערנט אונדז אַ גדול־הדור, הרב ל. מיימון, די קדושת היום, דאָס הייליקייט פונעם „יום־העצמאות"; און קדושה איז ביי אונדז פאַר־בונדן מיט קרבנות־גרייטקייט.

דאָרט וואו עס איז געווען דער צענטער פאַר קרבנות, האָט מען אים גערופן „בית־המקדש" — דאָס הויז, דער צענטער פאַר קדושה, וואו דער ייד האָט געטובלט זיין נשמה אין קדושה און זיך אָנגעפילט מיט גייסטיקע שטימונגען.

* * *

חג־העשׂור, דער מעשׂר פון יאָרן.

צען יאָר פון נסיונות, צען יאָר פון נצחונות.

צען יאָר פון חלוציות אויף אַלע געביטן, צען יאָר פון התרוממות הנפש, נשמה־דערהויבונג.

צען יאָר פון גבורה און קדושה. צענדליקער הונדערטער פון די טייער־סטע קינדער זענען געפאַלן על קידוש השם והאומה.

צען יאָר פון קיבוץ־גליות, פון פאַרברידערן די יידן פון די צענדליקער גלות־לענדער.

צען יאָר, צען מאָל הונדערט טויזנט נייע עולים זענען אויפגענומען גע־וואָרן אין מדינת־ישראל.

צען יאָר, צען מאָל פופציק נייע ישובים זענען געגרינדעט געוואָרן.

צען יאָר, צען מאָל טויזנט דונאַמס זענען באַפרייט געוואָרן פון די זומפּן אין חולה דורכן קרן קימת לישראל.

צען יאָר, צען מיליאָן דונאַם זענען באַפרייט געוואָרן און פאַרגרעסערט דעם שטח פון דער מדינה, אַ דאַנק דער העלדישקייט און קרבנות־גרייט־קייט פון צבא הגנה לישראל.

צען יאָר, מען וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך און נאָך צענדליקער, צום ביישפּיל: צענדליקער טויזנטער קינדערלעך, כן ירבו וכן יפרצו, וואָס פילן־אָן די שולעס, וואו עס פורעמט זיך אויס אַן איינהייטלעכער טיפּ ייד — ישראלי; צענדליקער מיליאָנען ביימער וואָס זענען געפלאַנצט גע־וואָרן; צענדליקער מיליאָנען קוביק וואַסער וואָס באַפרוכפּערן דעם באָדן; צענדליקער אינדוסטריעס וואָס באַרייכערן דאָס לאַנד. און נאָך און נאָך, נאָר מיר שיינט, אַז דאָס אָנגעוויזענע איז מער ווי גענוג אַרויסצורייסן זיך פון דער וואָכעדיקייט און באַהערשט ווערן פון קדושת יום־טוב, מיט „ושמחת בחגך" — זיך פרייען מיטן יום־טוב, מיטן מעשרדיקן יום־טוב.

* * *

מיט וואָס מאַניפעסטירט זיך אונדזער פרייד?

אונדזער פרייד ווייזט זיך אַרויס מיט דעם, וואָס צענדליקער טויזנטער טוריסטן וועלן באַזוכן מדינת־ישראל, צו זען מיט די אייגענע אויגן דאָס גרויסע וואונדער פון דער ארץ־ישראלדיקער שאַפונג אויף אַלע פאַרשידענע געביטן: תורה, חכמה, גבורה, גדולה, דרך־ארץ, און באַטייליקן זיך אין דעם נחת און שמחה מיט אונדזערע שוועסטער און ברידער — ישראלים, ישראלדיקע ישראלים.

אויך אין דעם פאַל איז כדאי אָנצואווייזן דעם אונטערשייד פון וואָרט.

אין לשון־קודש באַדייט טוריזם — „עולה־רגל", עולה זיין צום יום־טוב. יעדער ייד איז געגאַנגען אויף יום־טוב קיין ירושלים, כדי דאָרט צו פאַר־ברענגען אין שמחה און אין קדושה, צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק.

עס ווערט אָנגעוויזן, אַז דער רוימישער גובערנאַטאָר —פאַרן צווייטן חורבן— האָט אויסגערעכנט, אַז די צאָל עולי־רגלים וואָס זענען געקומען קיין ירושלים צום יום־טוב פסח, זענען געווען 2 מיליאָן 565 טויזנט נפשות.

די ירושלימער איינוואוינער פלעגן אַרויסגיין מקבל פנים זיין די עולים מיט כבוד. עס ווערט דערציילט, אַז עס האָט פּאַסירט אַ פאַל, ווען איינער האָט אָפּגעשפּאָרט געלט כדי עולה־רגל צו זיין, איז געקומען אַן אָרעמאַן, זיך געשטעלט ביים טיר, האָט אים די פרוי אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט,

און זיי האָבן נישט געקאָנט עולה-רגל זיין. די חכמים האָבן געמאַכט אַ תקנה, אַז די בעלי-בתים פון ירושלים איז נישט דערלויבט צו נעמען קיין געצאָלט פון די עולים-געסט פאַר די דירות.

אַט אַזוי ווערט פאַרשטאַנען דער זין פון „עולי-רגלים".

ווי אַנדערש פאַרשטייט מען דאָס וואָרט „טוריזם".

טוריזם, מיינט, אַז דער יחיד, דער איינצלנער וואָס זוכט זיין פּערזענלעכע, אינדיווידועלע הנאה פון דעם וואָס די נאַטור, אָדער מענטשן האָבן געשאַפן. ער וויל זעטיקן זיין אויג.

טוריזם איז געשעפט, געלט פאַרדינען. עס ברענגט אַריין וואַלוטע, דאָלאַרן. אין אייניקע קליינע לענדער איז דער טוריזם אַ טייל פון דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע.

עולי-רגל און טוריזם זענען קודש און חול, יום-טובדיקייט און וואָכעדיקייט.

מדינת-ישראל נויטיקט זיך אין טוריזם אַלע יאָרן, נאָר פאַרן חג-העשור דאַרף באַנוצט ווערן דער לשון-קודשדיקער טערמין — עולי-רגל.

מצות זענען נישט קיין טרוקענע פּלעצלעך, און טרוקענע פּלעצלעך זענען נישט קיין מצות, ווען אפילו זיי ווערן געבאַקן פון זעלבן טייג און אין דער זעלבער פאָרעם.

ארבע כוסות זענען נישט פיר גלעזלעך וויין, סתם, און אתרוג און הושענות זענען נישט סתם פּירות, אָדער ריטלעך וואָס וואַקסן ביים וואַסער.

ביי דער געלעגנהייט וועל איך מיך דערלויבן צו זאָגן, אַז געוויינלעכער טוריזם פון אַ גאַנץ יאָר, ברענגט טאַקע אַריין דאָלאַרן אין מדינת-ישראל, אָבער עס ברענגט נישט די נוצן, ווי עס וואָלט געוווען צו דערוואַרטן.

דער טוריסט נעמט זיך אָן מיט חשק און פאַרט זען דעם וואונדער — מדינת-ישראל. ער קומט צוריק באַגייסטערט פון דעם פאַרשריט, וואָס די מדינה מאַכט טאָג-טעגלעך. אַלץ איז מער און מער שענער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אָבער קיין בעסערער ציוניסט, צו מאַכן מער אָנשטרענגונגען מיט אַרבעט, מיט דער קעשענע — דאָס נישט, אויסער געוויסע אויסנאָמען. פאַרוואָס? — דערפאַר וואָס אין דעם ענטוזיאַזם פון אַלץ וואָס די אויגן זעען האָט ער פאַרלוירן די קדושה. ער האָט געזען די אַרבעטזאַמקייט, דעם שנעלן טעמפּאָ, דעם שאַפונגס-פיבער, דעם פּאַטריאָטיזם, דעם מסחר, דעם שוואַרצן מאַרק, ביוראָקראַטיע, פּראָטעקציע, פּאַרטיי-רייבונגען או"וו, איז אין סך-הכל קומט אויס, אַז די עמאָציע איז אַ גשמיותדיקע, אַ וואָכעדיקע. ער פאַרגלייכט מדינת-ישראל מיט דער שווייץ, און גיט-צו, אַז מדינת-ישראל פאַרמאָגט מער שיינקייט, נאָר איין זאַך האָט ער פאַרלוירן — די קדושה, אָדער אַ טייל פון דער קדושה, פון „ותחזינה עינינו בשובך לציון", אַט אַזוי ווי זי איז.

צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר געבענקט נאָך ארצנו הקדושה, נאָך ירושלים עיר קדשנו, און נישט אַלע זענען בכוח אויפצוכאַפּן אַט דאָס דאָזיקע פּינטעלע, ווען מען טרעפט זיך אָן מיט דער גרויער וואָכעדיקייט.

נישט אַלע דערפילן דעם שכינה-גייסט, אַז ארץ-ישראל איז דער איינציקער מקום-מנוחה, וואו דער ישראלי זיצט אויף זיין אייגענער ערד, אונטערן אייגענעם הימל און דערצו נאָך עפּעס, נאָך העכערס, דאָס ספּעציפיש ישראלדיקייט, לויטערע ישראל-לופט, אין וועלכער עס קלינגט אַזוי מוזיקאַליש די הונדערט-פּראָצענטיק ריינע, אייגענע שפּראַך.

עולי-רגלים קוקן גאַנץ אַנדערש אויף דעם אויפבוי-פּראָצעס. זיי זעען אין דעם עולם-הבאָ פון עם-ישראל די צוקונפט, דער איינציקער פּלאַץ, וואו די יידישע נשמה האָט עליה ביים לעבן, צוזאַמען מיטן גוף.

ס׳איז שווער אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר, אָבער יעדערער פילט און פאַרשטייט דעם דיפערענץ פון צענטל ביז מעשר, פון סתם-אַרבעטער ביזן חלוץ, פון טוריזם ביז עולי-רגלים.

די זעקס אַרבעטס-טעג זענען טעג, דער עיקר אין דער עקאָנאָמיע. אָן די דאָזיקע אַרבעטס-טעג איז נישטאָ אויף שבת און יום-טוב. אָבער אָן שבת, אָן יום-טוב, ווערט דאָס לעבן מאָנאָטאָן, גרוי, אָן קדושה; גייט דאָס גאַנצע מענטשהייט מיט איר גאַנצער וויסנשאַפט באַרג-אַראָפּ.

וואָס פאַר אַ גרויסער הומאַניטאַר-פילאָזאָפישער געדאַנק עס ליגט באַהאַלטן אין די צוויי ווערטער: „קדושים תהיו".

* * *

און מיר? ווי יום-טובן מיר דעם גרויסן אויסגעבענקטן טאָג — דעם יום-העצמאות? אין וואָס און מיט וואָס דריקט זיך אויס דאָס פייערלעכקייט ביי אונדז אין גלות?

שליסט ווער דאָס געשעפט, די פאַבריק, די אַרבעט? ווערט געמאַכט אַ ספּאָנטאַנע מעשר-ביישטייערונג? האָט ווער באַשיינט זיין נאָמען, מיט אָוועקגעבן דאָס צירונג, וואָס גיבן נישט קיין שיינקייט און נישט קיין כבוד?

ווען די מדינה קאָן נישט אויפנעמען מער עולים, צוליבן פעלן פון געלט-מיטלען, איז אָן אומכבוד צו האַלטן צירונג, וועלכע ברענגען נישט קיין מאַטעריעלע נוצן.

מיט ווערטשערעס און רעדעס אַליין, איז מען נישט יוצא די מצווה פון יום-טוב.

דער פּרעמיער דוד בן-גוריון, י"ה, האָט געזאָגט אין כנסת: „גאָטס רייד זענען מעשים. ער זאָגט און עס ווערט באַשאַפן, אָבער מענטשן, איז נאָר זייערע מעשים רעדן. מיט מעשים און נישט מיט דיבורים וועלן מיר געפרײַאוט און זעלבסטשטענדיק זיין".

צום חג־העשור, וואָלט געווען לאַגיש און קלוג, אַז אין דעם חודש זאָלן געמאַכט ווערן די זאַמלונגען פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין, מען זאָל נישט וואַרטן ביז עמיצער זאָל קומען מאָנען.

לאָמיר ווערט זיין דעם זכות, וואָס מיר לעבן אין דער איצטיקער צייט!

לאָמיר מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונג צו העלפן דעם קרן קימת לישראל אויסלייזן וואָס מער באָדן פון דער וויסטעניש און פון פרעמדע הענט.

ווי דערגרייכט מען עס? אָט ווי אַזוי:

ווען דוד המלך האָט פאַרטראַכט צו בויען דעם בית־המקדש, איז דאָס ערשטע האָט ער אַליין אָוועקגעגעבן זיין אוצר מיט גאָלד, זילבער און די טייערסטע צירונג. אויף אים קוקנדיק זענען געקומען די הויפּטלייט, די אָנפירער, די פאָלקס־פאַרטרעטער און אויך געבראַכט גרויסע ביישטייערונגען: גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער, און נאָכדעם „והנמצא אתו" — ביי וועמען עס האָט זיך נאָר געפונען טייערע צירונג, גאָלד, האָבן זיי עס געבראַכט אַליין, און דאַן „וישמחו כל העם" — דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געפרייט, וואָס זיי האָבן געשאָנקען, וואָרום זיי האָבן מנדב געווען מיטן גאַנצן האַרצן.

אויב מ'וויל באמת האָבן דערפאָלג אין די זאַמלונגען פאַר בנין־הארץ, דאַרף מען טון ווי דוד המלך — די שפּיצן, די אויסגעקליבענע, די עסקנים מוזן ווייזן דעם ביישפּיל.

גוט יום־טוב! חג שמח! יום־העצמאות דאַרף געשטעלט ווערן אין דער זעלבער קאַטעגאָריע ווי פּסח, מיט ספּעציעלע מאכלים, מיט ספּעציעלע תפילות, אַ רו־טאָג און זיך משמח זיין ווי אין די צייטן פון דוד המלך. דאָס פאָלק האָט זיך געפרייט, ווען זייער געוויסן איז געווען רואיק, וויסנדיק אַז זיי האָבן דערפילט מיט זייער ייִדיש־נאַציאָנאַלן חוב.

— ד —

נעכטן און מאָרגן

עס איז נישטאָ קיין היינט אָן אַ נעכטן, און דער נעכטן האָט נישט קיין זין אָן אַ מאָרגן.

מיר זענען זיך משמח מיטן „חג־העשור", מיטן צען־יאָריקן יובל זינט דער פּראָקלאַמאַציע פון עצמאות פון מדינת־ישראל, וואָס איז ווירקלעך איינע פון די וואונדערלעכסטע, רעאַלע געשעענישן פונעם היינטיקן יאָר־הונדערט, געפינענדיק זיך אונדזער דור אין סאַמע געראַנגל פון דער געשעעניש און אָוועקגעבנדיק די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, אַז די שאַפונג זאָל אַרויסקומען וואָס מער פּערפעקט. אין איינקלאַנג מיט אונדזער טויזנט־יאָ־

ריקן נעכטן און אין צוזאַמענהאַנג מיטן טויזנטער יאָרן מאָרגן, זענען מיר נאָך נישט אימשטאַנד אָפּצושאַצן די פולע באַדייטונג פון אָט דער יצירה.

וואָס עס לאָזט זיך אָבער באַמערקן איז, אַז די אַנטשטייאונג, עקזיס־טענץ און אַנטוויקלונג, דער פאַרנעם, דאָס דערגרייכטע און דער פעסטער גאַנג צום ווייטערדיקן פאָרשריט פון מדינת־ישראל — אַלץ צוזאַמען און יעדע זאַך באַזונדער, איז אַן איבערראַשונג פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט.

שונאים און פריינט — לאָמיר צוגעבן, אַז מיר האָבן פריינט — אָנער־קענען די פּאָטענציאַליטעט פון די ישראלים אויף אַלע געביטן. ווער פון זיי עס באַטראַכט די שאַפונג פון דער מדינה ווי אַ פענאָמען, מיט וועלכן מען דאַרף זיך רעכענען, וועמען פון זיי עס שרעקט, ווער פון זיי עס איז מקנא, און די קנאה איז דער מקור פון שנאה.

ווייניק פעלקער פאַרשטייען, אַז מדינת־ישראל קאָן און דאַרף אויסגע־ניצט ווערן ווי אַ ביישפּיל פון ווילנסקראַפט, פון אַלטע געלייטערטע חכמה, פון דרייסטקייט, פון באַשלאָסנקייט און גייסטיקע גבורה.

און לאָמיר זיך נישט שעמען און אָנערקענען, אַז עס איז נאָך פאַר אונדז אַליין אויך אַ רעטעניש. ווען און ווי אַזוי האָבן זיך ביי אונדז אויס־פאָרמירט ערשטראַנגיקע סטראַטעגיקער, וואָס איבערראַשן מיט זייערע צוגן די פּעאיקסטע מיליטערלייט? פון וואַנען האָבן זיך גענומען ביי אונדז ערשטקלאַסיקע דיפּלאָמאַטן, וועלכע האָבן באַוויזן די קונסט גרויס צו מאַכן די קליינע מלוכהלע, אַרויסצורופן רעספּעקט און אָנערקענונג פון גרויסע און שטאַרקע, און זיך שטעלן אויף אַ פּאָזיציע, ווי גלייכע מיט גלייכע?

הערצל, אין זיינע טאָג־ביכער, פאַרצייכנט: „שווערער פון אַלץ וועט זיין צו געפינען צווישן אונדז דיפּלאָמאַטן, דערפאַר וואָס אין גלות איז אונדז פאַרלוירן געגאַנגען די נאַטירלעכע אייגנשאַפט פון גלייכער סטאַטור (זקי־פת קומה)". הערצלס פּעסימיזם, אין דעם פאַל, איז צו אונדזער פרייד גע־ווען איבערגעטריבן. מיר דאַרפן חלילה צו קיינעם נישט אָנקומען. מיר פאַרמאָגן דיפּלאָמאַטן פון די שענסטע און די בעסטע, מיט וועלכע מיר שטאָלצירן. הערצל האָט דערוואַרט אַ סך פון דער קלוגער דיפּלאָמאַטיע.

און ווען מיר מאַכן אַ חשבון, געפינען מיר, אַז אין אַנדערע זאַכן איז הערצל געווען צופיל אָפּטימיסטיש. אין אַ צווייטן פּלאַץ פאַרצייכנט ער: „נאָך צען יאָר וועט די באַוועגונג זיך שטאַרקן זייער פיל און די יידן וועלן לויפן צו אונדז אין שטורעם און פינצטערניש, אָן שיף און אָן זאַקן. קיין זאַך וועט זיי נישט אָפּהאַלטן, באַזונדערס פון די לענדער אין וועלכע דער אַרויספאָר איז דערלויבט.

„אויב מען וועט פּרוּוון שטערן אונדז דעם אַרויספאָר פון יידן, דאַן וועלן מיר וויסן ווי אויפצורודערן דעם דעת־הקהל פון דער גאַנצער וועלט

(ליבעראַלן, סאָציאַליסטן און אַנטיסעמיטן), אַז מען טאָר נישט האַלטן די יידן אין געפּענגעניש.

„און אויסער דעם, וועט זיין טעטיק אויך אונדזער דיפּלאָמאַטיע (מיר וועלן זיי געבן הלוואות)".

אין די דאָזיקע פּאַרצייכענונגען הערצלס, זעען מיר ווי דער וויזיאָנער, וועלכער האָט פיל זאַכן פאָרויסגעזען ממש מיט נביאישער פּינקטלעכקייט, האָט אין די דריי זאַכן נישט געטראָפן.

פון די לענדער מיט פרייען אַרויספאָר לויפן נאָך נישט די יידן — נישט די אָן שיך און זאָקן, און נישט די מיט שיך און זאָקן — קיין ארץ-ישראל.

אין געוויסע לענדער שטערט מען דעם אַרויספאָר פון יידן, און די ליבעראַלן, סאָציאַליסטן, אַנטיסעמיטן שווייגן. די אַנטיסעמיטן שרייען יאָ אַמאָל „יידן גייט אייך קיין פּאַלעסטינאַ". אָבער זייערע רעגירונגען זענען עפּעס אַנדערש ווי אַנטיסעמיטן; זיי זענען רשעים וואָס מאַכן פון זייער רשעות אַ סיסטעם. שנאת-ישראל איז נישט קיין סענטימענט ביי זיי, נאָר אַ טייל פון זייער פּאָליטישער פּראָגראַם און נוצן זי אויס מיט אכזריות און ציניזם, און די וועלט שווייגט.

די דאָזיקע רשעים לאַכן דער וועלט אין פּנים אַריין, און די וועלט קוקט און שמייכלט; זי שמייכלט מיט יאַשטשערקעס. זיי, די וועלט-פירערס, שלינגען אַראָפּ די יאַשטשערקעס און מאַכן אַ פריילעך פּנים צום בייזן שפּיל.

מיר וועלן געבן די רעגירונגען הלוואות. צום גרויסן באַדויערן איז עס פאַרלייפיק פאַרקערט, מיר מוזן אָנקומען נאָך הלוואות צו זיי.

וואָס אָנבאַלאַנגט דיפּלאָמאַטן, קאָנען מיר גליקלעכערווייז זאָגן מיט פרייד, אַז אין דעם דאַרפן מיר, ברוך השם, צו קיינעם נישט אָנקומען. מיר פאַרמאָגן, ברוך השם, פון די בעסטע און שענסטע, מיט וועלכע דאָס יידישע פאָלק פילט זיך שטאָלץ.

* * *

נעכטן און מאָרגן. ביים פייערן דעם צען-יאָריקן יובל פון מדינת-ישראל, קאָן מען נישט פאַרבייגיין און נישט דערמאָנען דעם זעכציק-יאָריקן יובל פון דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. און אַז מען דערמאָנט דעם קאָנגרעס, קומט אַרויף אינעם זכרון די נשמה פון זעלבן — די אויסדערוויילטע פיגור, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן העכער פון פעלקער, ער האָט גערעדט אַ שפּראַך פון באַפרייאונג פאַר אַלע פעלקער.

ד"ר הערצל האָט זיי געזאָגט: די יידן-פראַגע ליגט אויף אייך ווי אַ שווערע משא, ברענג איך פאַר אייך אַן עצה, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער משא. אָבער די פעלקער האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער דאָזיקער עצה.

דאָס דערמאָנט אין אַ וויץ: מען האָט געטראָפן אַ יינגל צוגעבונדן צו אַ בוים, און וויינט. אויף דער פראַגע, ווער האָט אים צוגעבונדן צום בוים? האָט ער דערציילט, אַז ער האָט זיך געשפּילט מיט עטלעכע חברים „אין פערדלעך”. יענע זענען געווען די פּאַסאַזשירן, די קוטשערס, און אים האָט מען צוגעטיילט דאָס וויכטיקסטע טייל אין שפּיל — ער איז דאָס פערד. האָבן אים יענע צוגעבונדן צום בוים און אַליין זענען זיי אַוועק. איז פאַרוואָס, יינגעלע, בינדסטו זיך נישט אָפּ און באַפרייסט זיך נישט? האָט זיך דאָס יינגל צעכליפּעט און געזאָגט: — אַז איך וועל זיך אָפּבינדן, וועל איך דאָך נישט זיין קיין פערד.

ווען די רשעים וועלן אַרויסלאָזן די יידן, וועט דאָך צעפאַלן דאָס גאַנצע רשעותדיקע פּאָליטיק, זייער אכזריותדיקע באַציאונג צו מיליאָנען מענטשן, זייער ציניש זיך-אַליין-נאַרעריי.

זיי שעמען זיך נישט אָנצורופן די דאָזיקע האַנדלונג זייערע „פאָלקס-דעמאָקראַטיע”. אויב דאָס איז אַ פאָלקס-דעמאָקראַטיע, איז וואָס איז טיראַנישע דיקטאַטור?

די רשעותדיקע מאַכט-פאַרכאַפּערס רופן דאָס גלייכהייט, אַ גלייכהייט ווי אַ האָרבאַטער, וואָס וויל אויסגלייכן אַלעמען, זיי זאָלן זיין גלייך ווי ער, פאַרקריפּלט גלייך ווי ער.

אין אונדזער פייערלעכן יום-טוב ווילט זיך אַראָפּרייידן אַביסל פון האַרצן, און צו דער זעלבער צייט באַווייזן וואָס מער בולט דעם כוח-החיוני פון דעם יידישן פאָלק, אַז טראָץ אַלעמען, טראָץ דעם וואָס אונדזער געלויף קיין ארץ-ישראל האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, און מיר, אין די פרייע לענדער טראַכטן, אַז עס איז אונדז גוט דאָרט וואו מיר זענען, און עס פעלן נישט אַזעלכע, וואָס ווערן גאָר ברוגז ווען מען דערמאָנט זיי אַז ישראל נויטיקט זיך אין יידן, דערציוגענע אַלס פרייע מענטשן, און טראָץ די שנאה, רשעות, גלייכגילט, שטערונגען מיט אַ קניפּ אין בעקל, וואָס לאָזן איבער וויטיקן און שוואַרצע **סימנים, האָבן מיר דאָך**, למרות הכל, ואף על פי כן, באַוויזן דער וועלט, און די וואָס ווילן זען — זעען דאָס, אַז די וויזיע פון ד״ר הערצל איז אַ רעאַלע נישט נאָר אין דער טעאָריע, נאָר טאַקע אין דער פּראַקטיק, און דאָס גיט אונדז האָפענונגען אַז אויך די זאַכן, וואָס זענען צום באַדויערן נאָך נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, איז עס בלויז פאַרשפּעטיקונג, מחמת אונדזער נאַכלעסיקייט, אָבער זיי וועלן דערגרייכט ווערן.

* * *

זעכציק יאָר זענען אַריבער; זעכציק יאָר פון קאַמף מיט די גרויסע מלוכות, מיט עפעקטיווע שטערונגען מצד גרויסע אימפּעריעס; זעכציק

יאָר חורבן. אַ העלפט פון יידישן פאָלק האָבן רוצחים, אויסוואורפן פון דעם מענטשלעכן מין פאַרניכטעט, און אַ גרויסער טייל פון דער איבערגע־בליבענער העלפט איז גייסטיק פאַראָרעמט געוואָרן. האָבן דאָך די שארית פון עם־ישראל באַוויזן דעם אמת פון תחית־האומה, אַז עם־ישראל חי, און מיר קומען צו דער וועלט מיט אַ גלענצנדיקן באַלאַנס פון צען יאָר עצמאות.

צען יאָר, וואָס ליבעראַלן, קאָנסערוואַטאָרן, סאָציאַליסטן, אַנטיסעמיטן זענען אונדז מקנא, און דאָס שטאַרקט אונדזער אמונה און בטחון, אַז עס דערנענטערט זיך די צייט ווען עס וועט מקוים ווערן „וכל הרשעה כולה כעשן תכלה" — די גאַנצע רשעות וועט ווי דער רויך פאַרשווינדן.

* * *

נעכטן און מאָרגן. עס איז נישטאָ קיין נעכטן אָן אַ מאָרגן.

דער מאָרגן איז אַ פאָרזעצונג פון דעם נעכטן. די צען יאָר מדינת־ישראל זענען אַ קאָנסעקווענץ, אַ המשך פון די זעכציק יאָר ציוניזם.

מדינת־ישראל, קיבוץ־גליות — איז דער תמצית, דער עסענץ פונעם ציוניזם.

קיבוץ־גליות, עליה — איז דער תכלית, דער אידעאַל און די פאַרווירק־לעכונג פונעם אידעאַל.

עליה איז פאַרבונדן מיט נסיונות, מיט קריעת ים־סוף, מען מוז שפּאַלטן ימים: ימים פון וואַסער, ימים פון טרערן, ימים פון קריעת־לבבות.

די עולים מוזן דורכגייען אַ מדבר; נישט אַ מדבר אין וועג צו ארץ־ישראל, נאָר אַ מדבר אין ארץ־ישראל — אין נגב.

מיטן אַריינדרינגען פון די עולים אין נגב, געשעט אַ גרויסער נס, „המדבר ראה וינוס" — דער מדבר דערזעט די עולים, אַנטלויפט ער, און אויף זיין פּלאַץ קומט די „ארץ זבת חלב ודבש" — דאָס ערד וואָס רינט מיט מילך און האָניק.

אַ נס טאָר מען נישט לאָזן וואַרטן לאַנג, מען מוז אים אַריינכאַפּן; מען מוז האָבן שכל אויסצוניצן די געלעגנהייט, און וואָס פריער איז בעסער.

צען יאָר מדינת־ישראל איז אַ גרויסער נס; עס איז אָבער אַ נס אין מיטן וועג, און די אחריות ליגט אויף די, צו וועמען דער נס האָט זיך באַ־וויזן, אים נישט צו פאַרנאַכלעסיקן.

אַ שרעק, אַ ציטער כאַפּט אָן פונעם געדאַנק פון דער מורא פאַרן פאַר־נאַכלעסיקן. וואו ס'איז מדבר, וואַרפן שדים אויגן אויף אים, און מיר מוזן פאַרטרייבן די שרעק מיט „שמע ישראל", מיט פאַרוואַנדלען די ניסים אין ישוב־ישראל, מיט אהבת־ישראל, ווירקלעכקייטן בשם אלקי ישראל.

זעכציק יאָר ציוניזם, צען יאָר מדינת־ישראל.

לאָמיר באַפעסטיקן יידישקייט, אין וועלכן ציוניזם זאָל זיין די טרייב־קראַפט צו אַ גאַנצער און אמתער גאולה; באַפעסטיקן אונדזער אַלעמענס רצון מיט מעשים, מיט קרבנות־גרייטקייט; קרבנות, אַזעלכע וואָס דינען אויסצומיידן בלוט־פאַרגיסונג, מיט כפרות־שלאָגן מיט געלט, ווי עס טוען עס ערלעכע, קלוגע יידן. אַ כפרה געלט, נאָר אַ שטאַרקע מדינה לאָמיר האָבן; אַ כפרה געלט, נאָר אונדזער כבוד זאָל דערהויבן ווערן; אַ כפרה געלט, נאָר פאַרזיכערן אַ ווינקל אויף דער ערד פאַר די קומענדיקע דורות און פאַר אונדז, מיר זאָלן קאָנען לויפן אַהינצו מתוך הרחבה, פון דערהויבנקייט, מחמת מענטשלעכע ווירדע, מהמת ערנגעפיל.

אַ כפרה געלט!

לאָמיר זיך אינספּירירן אין הערצלען, וואָס האָט געבראַכט אַ כפרה זיין גאַנץ פאַרמעגן און זיך אַליין ווי אַ קרבן פאַרן ציוניזם. און אַ דאַנק דעם פייערן מיר איצט דעם „חג־העשור”.

לאָמיר זיך אינספּירירן אין הערצלען, „עד יכונן ועד ישים את ירושלים תהלה בארץ” — ביז מדינת־ישראל וועט פאַרפעסטיקט ווערן און ביז ירושלים וועט ווערן איין לויב־געזאַנג אין דער גאַנצער וועלט.

אַריבער דעם יַרְדֵן

די וואָס האָבן שוין צוועלף חדשים נישט געלערנט דעם ספר יהושע, מחמת דעם וואָס זיי לערנען אַנדערע זאַכן, בלויז מיט קוקן, אָדער צוליב אַנדערע ענלעכע סיבות, וואָלט איך מיך דערלויבט זיי צו געבן אַן עצה־טובה, אַז זיי זאָלן זיך מאַכן צייט און אָנהויבן לערנען נאָך אַמאָל דעם אויבנדערמאָנטן ספר, און פאַרזעצן כסדר מיטן לימוד פונעם תנ״ך.

איך זאָג עס ווי אַ פריינט פון די געשעצטע לייענער, און די לייענער וועלן טון אַ גוטע זאַך, ווען זיי וועלן דאָס זעלבע רעקאָמענדירן זייערע פריינט און באַקאַנטע. ווייל, יעדעס יאָר דערפילט מען אַ געשמאַקערן טעם אין די קאַפּיטלען פון תנ״ך.

וואָס מער די בלעטער פון תנ״ך ווערן עלטער, אַלץ זאַפטיקער ווערן זיי. איך וואָלט געזאָגט, אַז זיי באַקומען די זעלטענע אייגנשאַפטן פון דעם „עץ־הדעת״, וואָס איז אַ צווילינג פון „עץ־החיים״.

די אַלטע בלעטער, וואָס מער מען בלעטערט זיי, וואָס אָפטער מען קוקט אַריין אין זיי און מ׳פאַרטראַכט זיך אין זיי — אַלץ מער „דעת״ און „חיים״ באַקומט מען. מ׳פאַרשטייט בעסער דאָס לעבן, און מ׳לעבט אויף צו דערגרייכן וואָס מער בעסערקייט.

לאָמיר, אַלזאָ, לערנען פון ספר יהושע.

* * *

„ויהי כאשר תמו כל הגוי לעבור את הירדן״ — און ס׳איז געווען בעת דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיקט אַריבערגיין דעם ירדן, קיין ייד איז נישט געבליבן הינטערשטעליק, האָט ג־ט געזאָגט צו יהושע: „קחו לכם מן העם שנים עשר אנשים, איש אחד משבט״ — נעמט אייך פון פאָלק — „מן העם״ — נישט קיין נשיאים, נישט קיין וועטעראַנען, נאָר פון פאָלק זאָלט איר נעמען, און נישט יהושע אַליין זאָל זיין דער נעמער, נאָר מיט דער איינפאַרשטענדעניש פון דער געמיינדע; נישט „קח לך״. נאָר „קחו לכם״, — נישט נעם דיר, נאָר נעמט אייך — צוועלף מענטשן, פון יעדן שבט איין מענטש,

און יעדער איינער פון זיי זאָל נעמען אַ שטיין פון ירדן, פון דעם אָרט וואו די כהנים זענען געשטאַנען און זיי אַוועקלייגן אויפן פּלאַץ, וואו זיי וועלן נעכטיקן; און די שטיינער, —צוועלף פּראָסטע שטיינער— זאָלן דינען ווי אַ מאָנומענט, פאַר אַ צייכן פאַר די קומענדיקע דורות, פון דער אויסערגע־וויינלעכער געשעעניש, אַז ווען דער אָרון־הקודש, די כהנים און דאָס פאָלק, אַלע צוזאַמען, זענען אַריינגעטרעטן אין ירדן, זענען די וואַסערן געבליבן פאַרגליווערט און עס האָט אָנגעהאַלטן די פאַרגליווערטקייט ביז דער לעצ־טער ייד איז אַרויסגעקומען טרוקן.

מענטשן פון פאָלק, מיט דער גוטהייסונג פון פאָלק; פּראָסטע שטיי־נער, פּאָפּולער, אַזוי איז געווען דער ערשטער אַריינטריט אין ארץ־ישראל, — די ערשטע עליה.

* * *

ווען יהושע האָט געשיקט מרגלים, אויסקוקערס, האָט ער בלויז גע־שיקט צוויי מענטשן.

ביי מיסיעס פון אַזאַ כאַראַקטער, טויג נישט און עס לוינט נישט צו שיקן קיין גרויסע דעלעגאַציעס, און מען דאַרף זיך נישט רעכענען מיט שבטים, פּאַרטיי־אינטערעסן, נאָר מיט דער פעאיקייט און קענטעניש פון די פאַר־טרויאונגס־מענער; אָבער ווען מען דאַרף טראָגן שטיינער, מוזן אַלע סעק־טאָרן און ריכטונגען אונטערשטעלן אַ פּלייצע, צוטראָגן, אָדער אָפּראַמען שטיינער.

אַלע צוועלף פאַר איינמאָל, האָבן גענומען די שטיינער פון איין אָרט, פון דאָרט וואו עס זענען געשטאַנען די כהנים, אַז קיינער זאָל נישט קאָנען זאָגן, אַז זיין שטיין שטאַמט פון אַ גרעסערן יחוס.

דאָ ווייזט זיך אַרויס די ריכטיקע דעמאָקראַטיע.

ווי באַוואוסט, זענען געווען גרעסערע און קלענערע שבטים. דער שבט יהודה האָט געציילט מיט זעקס און זיבעציק טויזנט נפשות, און דער שבט שמעון — מיט צוויי און צוואַנציק טויזנט נפשות. פונדעסטוועגן איז צוגעטיילט געוואָרן דאָס טראָגן די שטיינער צו אַלע שבטים גלייך. עס איז אַפילו נישט פאַרצייכנט, וועלכער שבט ס'איז אַרויס פריער פונעם ירדן און וועלכער שפּעטער, כדי קיינער פון זיי זאָל נישט קאָנען באַרימען זיך: — איך האָב פריער באַטראָטן דעם באָדן פון ישראל! נישטאָ קיין מוקדם ומאוחר ביים בנין־הארץ.

ס'איז כדאי ביי דער געלעגנהייט צו ברענגען אַ ציטאַט פון פּרעמיער דוד בן גוריון, זאָל מאריך ימים זיין, ביי אַ דיסקוסיע אין דער כנסת, וועגן אַ פּראָיעקט צו באַשטימען אַ קאָמיסיע וואָס זאָל צוזאַמען מיט ישראל־הים־טאָריקער אויספאָרשן דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער באַפרייאונגס־מלחמה,

און ווער און וואָס האָט גורם געווען, אַז די פרעמדע מלוכה זאָל אַוועק פון דער ישראל-טעריטאָריע, אין יאָר 1948.

בן גוריון איז געווען קעגן דעם פּראָיעקט. צווישן אַנדערע מאָטיוון האָט ער אָנגעגעבן: „מיט אייניקע יאָר פריער האָט אַ גרויס עדיטאָריאַל-הויז פון נאָרד-אַמעריקע מיר פאָרגעלייגט עטלעכע צענדליק טויזנט דאָלאַר, איך זאָל שרייבן מיינע זכרונות. זיי האָבן מיר אויך אָנגעבאָטן צוצושיקן אַ שרייבער, וועמען איך זאָל דיקטירן און ער וועט שרייבן, אויב מיר אַליין איז עס נישט מעגלעך צו טון. איך האָב זיי געענטפערט צוויי זאַכן: 1) איך פיר זיך, נישט אונטערצושרייבן זאַכן וואָס זענען נישט געשריבן געוואָרן פון מיר אַליין; 2) איך האַלט נאָך נישט ביים שרייבן מיינע זכרונות, איך פאַרווענד נישט מיינע טראַכטונגען אויף דאָס געוועזענע, איך בין אַריינגעטון אין דעם מאָרגן”. אין זיינע ווייטערדיקע רייד האָט ער צוגע-געבן: „לאָמיר אויפהערן מיטן וויכוח און לאָמיר אָנהויבן צוזאַמען אַ נייע טעטיקייט. לאָמיר אַלע בשותפות בויען די מדינה”.

אין די דאָזיקע רייד פונעם פרעמיער לאָזט זיך הערן, אַז קיינער קאָן נישט איינגאַנצן צושרייבן אויף זיין חשבון, אַז נאָר „ער” איז דער גורם פון דעם וואָס מען האָט דערגרייכט. די באַפרייאונגס-מלחמה איז געווען אַן אָנגעזועען רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון געשעענישן, פון אידעאַליזם, פון גבורה און קדושה, וואָס אין פאַרלויף פון דער צייט האָט זיך געקייטלט ביז צום אויפקום פון מדינת-ישראל, און איצט שטייען מיר נאָך ביים ערש-טן פעריאָד, ביים אַריבערגאַנג פונעם ירדן. מיר האָבן געוואונען די מלחמה, אָבער די מלחמה איז נישט קיין געענדיקטע. איז דעריבער נישטאָ קיין צייט צו קוקן אויף דאָס ביז-איצט געשעענעם, נאָר מען מוז, אַלע צוזאַמען, אַלע גלייך, גרעסערע און קלענערע פּאַרטייען, אָפּראַמען בשותפות די שטיי-נער פון וועג.

שרייבן די היסטאָריע? — הויבט זי זיך אָן פון צוריק מיט 3230 יאָר. איצט דאַרף מען טראַכטן וועגן מאָרגן, כדי אונדזער בשותפותדיקע אַקטי-וויטעט זאָל צוגעבן רומפולע בלעטער אין אונדזער לאַנגער היסטאָריע. דער אָנהויב פון מדינת-ישראל ציט זיך פון דעם טאָג פונעם חורבן בית-המקדש.

* * *

אַריבער דעם ירדן!

וועלכע איז געווען די ערשטע אַרבעט וואָס יהושע האָט געטון, באַלד ביים באַטרעטן דעם באָדן פון דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד?

יהושע, דער פאַראַנטוואָרטלעכער מנהיג, האָט געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אַן אָפּמאַך צווישן ג-ט און אונדזער פאָטער אברהם, און אַן אָפּמאַך מוזן ביידע צדדים אויספאָלגן. און דער דאָזיקער אָפּמאַך זאָגט:

ג־ט זאָגט צו אברהמען: „און איך וועל געבן דיר און דיינע קינדער נאָך דיר, דאָס לאַנד פון דיין וואוינאָרט, דאָס גאַנצע לאַנד כנען, פאַר אַן אייביקן אייגנטום, און איך וועל זיי זיין אַ ג־ט. אָבער זאָלסט היטן מיין בונד, דו און דיינע קינדער נאָך דיר, אויף דור־דורות. דאָס איז מיין בונד, וואָס איר זאָלט היטן צווישן מיר און צווישן אייך, און צווישן דיינע קינ־דער נאָך אייך. איר זאָלט מל זיין איטלעכן מאַנספּאַרשוין... און דער וואָס וועט זיך נישט מלן, יענער זאָל פאַרשניטן ווערן פון זיין פאָלק — מיין בונד האָט ער פאַרשטערט". (בראשית, י"ז).

יהושע האָט געזען, אַז ג־ט האָט דערפילט זיין פאַרשפּרעכן, און די בני־ישראל געפינען זיך שוין אין כנען, האָט דער צווייטער צד אויך גע־מוזט דערפילן זיין פליכט, און די גאַנצע מחנה פון די בני־ישראל האָבן זיך געמלט, דערפאַר וואָס די גאַנצע פערציק יאָר וואָס זיי האָבן געוואַנדערט אינעם מדבר, האָט מען נישט מל געווען די קינדער.

אין דעם פאַל האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן אייניקייט. טראָץ דעם וואָס עס איז אַ ווייטיקלעכע אָפּעראַציע, ווייל עס האָבן זיך מל געווען מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער — פון אַן ערשט־געבוירן קינד ביז אַ מענטש פון פערציק יאָר — דאָך האָבן אַלע ווי איינער דערפילט דעם ערך־חוב, וואָס עס האָט גענומען אויף זיך אונדזער טאַטע אברהם.

יידן! לאָמיר לערנען, ווייל דאָס לערנט אונדז.

מיר האָבן ברוך־השם נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם פאַרשפּראָכענעם ארץ־ישראל־באָדן, פאַר אונדז, פאַר אונדזערע קינדער, לעולם ועד, און מיר האָבן אויך הייליקע פליכטן, וואָס ליידער נעמען מיר זיי נישט צו־ערנסט.

לאָמיר געדענקען, אַז אויסער דעם אָפּמאַך מיט אונדזער פאָטער אברהם, האָבן מיר אויך אַן ערנסטן אָנזאָג פון משה רבינו: „ומלתם את ערלת לבבכם" — איר זאָלט באַשניידן די פאָרהויט פון אייער האַרצן. מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז דאָס האַרץ זאָל פאַרוואַקסן ווערן מיט אַ פאָדער־הויט, כדי עס זאָל נישט פאַרהאַרטעוועט ווערן. דער ייד וואָס דערפילט נישט מיט זיין חוב צו ארץ־ישראל —לויט זיינע מעגלעכקייטן—, דאַרף וויסן, אַז ער טוט עס נישט צוליב שלעכטקייט, נאָר דערפאַר וואָס דאָס האַרץ איז ביי אים נישט אין אָרדענונג, און דאָס איז געפערלעך, ווייל מיט אַ פאַרהאַרטעוועט האַרץ פאַרלירט מען די צורה פון אַ מענטש, דעם יידישן פּרצוף.

און דער דאָזיקער ענין איז זייער אַן ערנסטער. משה רבינו האָט אונדז געוואָרנט, ער האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז „ג־ט וועט דיר אומקערן פון דיין געפאַנגענשאַפט, און ער וועט זיך אויף דיר דערבאַרעמען, און וועט דיך צו־ריק איינזאַמלען פון אַלע פעלקער, וואו ג־ט האָט דיך צעשפּרייט; אַז דיינע פאַרשטויסענע וועלן זיין אין איין עק הימל, וועט דיך ג־ט פון דאָרטן איינ־

זאמלען און וועט דיך ברענגען אין דעם לאַנד פון דיינע עלטערן, און וועט דיך באַגיטיקן, און דיך מערן מערער פון דיינע עלטערן". (דברים, ל'). איז דאָך פיין און גוט. אָבער משה רבינו האָט צוגעגעבן צו דעם פריער געזאָגטן, אויך די פאָלגנדיקע ווערטער: „ומל ד' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך" — ג־ט וועט באַשניידן דיין האַרץ און דאָס האַרץ פון דיינע קינדער.

אַ ציטער כאַפּט אָן יעדעס מאָל ווען מען קומט־צו צו דעם דאָזיקן פּסוק. באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן, פון דער באַשניידונג וואָס דער כביכול מאַכט פון דער גראָבער הויט וואָס וואַקסט אַרום אונדזערע הערצער.

עס זידט און עס קאָכט נאָך דאָס בלוט פון דעם שרעקלעכסטן שניט וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרן איבערן יידישן פאָלק; אַ שניט, וואָס קאָן נישט און טאָר נישט פאַרגעסן ווערן קיינמאָל.

ריכטיק, נאָך דעם דאָזיקן קאַטאַסטראָפאַלן שניט, הויבט אָן מקוים צו ווערן די הבטחה פון קיבוץ־גלויות. די צעשפּרייטע בני־ישראל איבער אַלע עקן וועלט קומען —אָדער הויבן אָן צו קומען— קיין מדינת־ישראל. אָבער ווי אַנדערש וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען מיר זענען מקיים דעם „ומלתם את בשר לבבכם", און נישט וואַרטן אויף דעם „ומל ד' את לבבך".

מיט וויפל מיליאָנען יידן מער וואָלטן מיר רייכער געווען; וואָס פאַר אַ גרעסערן שטח באָדן וואָלט פאַרמאָגט מדינת־ישראל, ווען מיר פאַרשטייען אין צייט צו באַשניידן די גראָבע פאַרוואַקסענע הויט פון אונדזערע הערצער, און לאָזן אונדזערע יידישע הערצער פריי, כדי צו דערפילן מיטן יידישן חוב צום קרן־היסוד און צום קרן קימת לישראל, און נישט וואַרטן ביז די באַשניידונג וועט קומען מיט דער גאַנצער גרוילזאַמקייט, דורך טייוולאַנישע שליחים.

דאָס מוזן מיר געדענקען, דאָס מוזן מיר לערנען טאָג־טעגלעך, צו וויסן ווי אַזוי צו דערפילן אונדזער חוב איצט, היינט.

* * *

און צוריק צו יהושע.

יהושע האָט מל געווען אַלע עולים.

ווי באַוואוסט, זענען צוזאַמען מיט די יידן וואָס זענען אַרויס פון מצרים, אויך מיטגעגאַנגען אַן ערב רב, מצרים וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער יידישער מחנה, וואָס האָבן, אגב, פאַרשאַפט פיל צרות משהן און דער גאַנצער געמיינדע במשך פון דער גאַנצער צייט וואָס זיי זענען געגאַנגען אינעם מדבר. און זיכער האָבן זיי אויך געבוירן קינדער אין דער מדבר. און יהושע האָט זיי אַלעמען אַריינגענומען בבריתו של אברהם אָבינו.

עס איז נישט געווען קיין פראַגע, ווער ס'איז אַ ייד. זיי האָבן אָנגע־

נומען דעם ברית של אברהם און זענען אַריין קיין ארץ־ישראל, זענען זיי געוואָרן יידן.

די פראַגע, ווי צו זיין אַ ייד איז זייער אַ האַרבע, און האָט מער שייכות צו חוץ־לארץ, ווי צו מדינת־ישראל.

ווי אַזוי צו זיין אַ ייד אין גלות, ביי די איצטיקע אומשטענדן, ווען די יידישע גייסטיקע כוחות זענען אַזוי אָפּגעשוואַכט — איז אַ זייער שווערער פּראָבלעם.

די ווירקזאַמסטע מיטלען דערצו זענען: חינוך, דערציאונג אין דער יידישער שולע און אין דער היים. איז אָבער די צרה, וואָס די אסימילאַציע דרינגט אַריין יעדעס מאָל מער אין די היימען, און די פּעדאַגאָגיע, — אויף נישט צו זאָגן די פּעדאַגאָגן—, איז נישט בכוח אָנצוהייבן אַ קאַמף קעגן דער גלייכגילטיקייט וואָס באַהערשט אונדז. דערפאַר ווייל זי גייט אויך מיטן שטראָם, און עס זענען נישטאָ קיין גענוג קרעפטן וואָס זאָלן אַ קירעוזע טון ענערגיש דעם גאַנג קעגן שטראָם.

די אינסטיטוציעס, וועלכע זענען ממונה איבערן חינוך, דאַרפן רעוואָלוציאָנירט ווערן אין דעם זין. דער חינוך מוז פירן אין דער ריכטונג, ווי אַזוי צו זיין אַ ייד.

מָגֵן אַבְרָהָם און מָגֵן דָוִד

אין די וויכטיקסטע תפילות וואָס די אנשי־כנסת־הגדולה האָבן מתקן געווען, זענען פאַראַן צוויי ברכות: איין ברכה פאַר „מגן אברהם", און די צווייטע — פאַר „מגן דוד". אויף פּראָסט מאַמע־לשון הייסט עס, אַ ברכה פאַרן פאַנצער פון אברהם, און אַ ברכה פאַרן פאַנצער פון דוד.

אין דער הייליקסטער תפילה, וואָס מיר רופן „שמונה עשרה" — עס הייסט, דער צוזאַמענשטעל פון אַכצן תפילות, ווערט די ערשטע תפילה גע־שלאָסן מיט „ברוך אתה ד' מגן אברהם".

אַזוי פיל חשיבות האָבן אונדזערע גרויסע חכמים געגעבן דעם פאַנצער פון אברהם. פאַרוואָס? מיט וואָס איז ער געווען באַפּאַנצערט, און צוליב וואָס?

אברהם אָבינו איז געווען דער ערשטער און איינציקער, צווישן אַ וועלט פון פאַנאַטישע געצנדינער, אומוויסנדיקע אַבערגלויבער, וואָס איז אַרויס מיט אַ נייעם פילאָזאָפישן אמת, דערקלערנדיק, אַז דאָס וואָס אַלע דורות ביז אים האָבן פאַרגעטערט, איז דומהייט, און אַז עס איז פאַראַן איין הע־כערע אומזעבאַרע מאַכט, וואָס דער איינפאַכער פאַרשטאַנד קאָן עס נישט באַגרייפן, און וואָס פירט־אָן מיטן גאַנצן קאָסמאָס אין וועלכן ער גלויבט, און אַז די פּראַקטישע אָנערקענונג פון דעם גלויבן דריקט זיך אויס אין גוטע מעשים, אין גוטער אויפפירונג און ברידערלעכער באַציאונג פון מענטש צו מענטש, פונקט דער קעגנזאַץ פון סדום. די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע גע־דאַנקען זענען באַטראַכט געוואָרן פון אַלע אַרומיקע, ווי די גרעסטע זינד קעגן די געטער, און די רעגירער פון יענער צייט האָבן פאַרמשפּט אברהמען צו פאַרברענען לעבעדיקערהייט.

אברהם האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן און איז פון זיין אמת נישט אָפּגע־טראָטן.

וועלכע איז געווען די קראַפט, וואָס האָט דערמעגלעכט אברהמען ביי־

צושטיין אַזאַ איבערמענטשלעכן נסיון? עס איז דאָך שרעקלעך דאָס טראַכטן פון אַריינגעוואָרפן צו ווערן, פריש און געזונט, אין פייער. פון וואַנען האָט ער געשעפּט אַזוי פיל פעסטקייט, צו שטעלן זיך איינער אַליין קעגן אַ גאַנצער וועלט?

זיין קראַפט און זיין כאַראַקטער-פעסטקייט האָט זיך געשטאַרקט אין אים, ווייל ער, אברהם, האָט זיך פאַרפאַנצערט אין זיין אמת, אין זיין אי־דעאַל, אין זיין גלויבן אין אַ העכערן און שענערן זין פון דער עקזיסטענץ פון מענטשלעכן מין.

אברהם האָט געוואוסט, אַז ער וועט נישט איבעראַנדערשן די גאַנצע וועלט; ער האָט זיך אויך נישט געיאָגט נאָך דעם. ער האָט געפּרעדיקט זיין געטלעכע אויפפאַסונג מיט גוטע מעשים. אברהם האָט נישט געוואָלט צווינגען קיינעם צו גלויבן אין זיין גלויבן. זאַכן וואָס אַפּעלירן צום האַרץ און נשמה, קאָנען נישט דערגרייכט ווערן דורך צוואַנג. ער האָט אָבער דורכוים געוואָלט דערהאַלטן די ריינקייט פון זיין שטאַם, גלויבנדיק, אַז נאָר די פון זיין שטאַם זענען בכוח גייסטיק איבערצונעמען און פאַרצוזעצן מיט זיין אידעאַל. ווען ער האָט געוואָלט התונה מאַכן זיין זון יצחק, האָט ער באַשוואוירן זיין דינער אליעזר, ער זאָל אים אויסזוכן אַ פרוי נאָר פון זיין אייגענער משפחה, וואָס איז אויך געווען די משפחה פון זיין פרוי שרה; און אליעזרן האָט אָפּגעגליקט און ער האָט געבראַכט פאַר יצחקן זיינע אַ נאָענטע משפחה-טאָכטער — רבקה.

אברהם האָט געהאַט קינדער אויך פון אַנדערע פרויען, וועלכע האָבן געשטאַמט פון אַנדערע שבטים, אָדער פעלקער, מיט אַנדערע קולטורן און אַנדערע מאָראַלישע באַגריפן. אברהם האָט איינגעזען, אַז קינדער פון אַזעלכע געמישטע התונות זענען נישט מסוגל אייפצופאַסן און איינצוזאַפּן אין זיך דעם מאָראַלישן כוח וואָס עס פאָדערט זיך פון אַ מענטש, כדי צו זיין אַנדערש פון די, וועלכע רינגלען אים אַרום; ער זאָל וועלן שטעלן העכער דעם גייסט איבער דער מאַטעריע. אברהם האָט די אַלע קינדער באַזייטיקט, און נאָר דער איינציקער זון יצחק איז געווען ראוי איבערצונעמען די ריינע לערע פון זיינע עלטערן — אברהם און שרה.

אויך די מוטער רבקה, ווען זי האָט געוואָלט אַ שידוך טון מיט איר זון יעקב, האָט זי געזאָגט: „קצתי בחיי מפני בנות חת" — מיין לעבן איז מיר נמאס צוליב די טעכטער פון חת. אויב יעקב זאָל נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון חת, אַזוי ווי די דאָזיקע טעכטער פון לאַנד, איז צו וואָס טויג מיר דאָס לעבן. עשו האָט געהאַט ווייבער פון די טעכטער פון חת.

די טהרת-המשפחה, דאָס שיינע און ריינע פאַמיליען-לעבן איז געווען איינע פון די פעדים מיט וואָס אונדזערע פאַטריאַרכן האָבן אויסגעפורעמט

דעם פּאַנצער, און דער דאָזיקער פּאַנצער, געוועבט און געפורעמט פון שיי־נער און ערלעכער זיטלעכקייט, פון גלויבן, אַז דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך אַ געטלעכן פונק, וואָס קאָן און דאַרף אים שטויסן אויף צו דערהויבן זיך צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכקייט. אָט דער דאָזיקער פּאַנצער —דער מגן אברהם— האָט אונדז באַשיצט און אָפּגעהיט פון אונטערגאַנג, טראָץ אַלע רדיפות, אויטאָ־דע־פעס, גירושים און גאַז־קאַמערן. מיר בלייבן צעשעדיקט, צעווייטיקט, אָבער גאַנץ אויף אַלע איברים, וואָס ווערן צוריק געזונט און שטאַרק, איבערהויפּט אין מדינת־ישראל.

ווען מיר זאָלן וועלן רעזומירן אין קורצן דעם עסענץ פון „מגן אברהם", קאָנען מיר עס פאָרמולירן אין איין וואָרט: „והאמין". ער האָט געהאַט אמונה אין דער ריכטיקייט און אין דער אייביקייט פון זיין אידעאַל, פון זיין תורה, און האָט עס איבערגעגעבן בירושה צו זיינע נאָכקומענדיקע דו־רות. די אמונה — דאָס איז געווען דער פּאַנצער פון דעם אברהמיזם.

ווי אַזוי אַנדערש קאָן מען דערקלערן דעם כוח, וואָס האָט אויפגע־האַלטן גאַנץ אונדזערע פאַרוואָגלטע ברידער אין תימן, צי אין אַביסיניע, אָדער אינדיע, וועלכע זענען געווען אָפּגעריסן הונדערטער יאָרן פון צענטער פון דער ציוויליזירטער וועלט, וועלכע האָבן געלעבט אַ שקלאַפן־לעבן, וואו אַ ייד האָט געדאַרפט אָפּטרעטן פאַר אַן אייזל, וואו מ'האָט זיי צייטנווייז געצוואונגען צו שמד. און טראָץ דעם אַלעמען זענען זיי געבליבן טריי, גוטע יידן.

מיר, די ציוויליזירטע, זעענדיק זיי אויסערלעך, רופן מיר זיי „הינטער־שטעליקע". זיי ווייסן נישט ווי צו עסן, אָדער ווי צו פירן אַ מאָדערנע שטוב־ווירטשאַפט. זיי פירן זיך אויף זייער פרימיטיוו, ווי נישט קיין דער־צויגענע מענטשן. יאָ, פון שטאַנדפונקט פון ציוויליזאַציע זענען זיי הינטער־שטעליק, אָבער פונעם שטאַנדפונקט פון קיום האומה, פון איינהאַלטן דעם יסוד, דעם מקור פון אָפּשטאַם פון בני אברהם, יצחק ויעקב, האָבן זיי באַ־וויזן פיל מער העלדישקייט, פיל מער אויסדויער, ווי מיר, פאַרגעשריטענע, ווי אַזוי? ווייל זיי האָבן זיך פאַרפּאַנצערט מיטן מגן־אברהם און זיך גע־האַלטן פעסט ביי דער מידה פון „והאמין", און איצט, אין ישראל, האָבן מיר צו לערנען זייער אַ סך פון זייער גייסטיקער גבורה.

דער „מגן אברהם", דער „והאמין" האָט אונדז דערהאַלטן ביז איצט ווי אַן אייגנאַרטיק פאָלק, מיט זיין אייגנאַרטיקער קולטור, מיט שיינע און ערלעכע טראַדיציעס, און מיט עקשנות צו לעבן און איבערלעבן.

* * *

„מגן דוד" —דער פּאַנצער פון דוד— די ברכה פון מפטיר.

דוד, דער אומדערשראָקענער פּאַסטוך פון שאָף, וואָס האָט זיך נישט

געשראָקן פאַר אַ בער אָדער אַ לייב, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביים פאַר-טיידיקן זיינע שעפּעלעך, וועלכע מען האָט אים אָנפאַרטרויט צו היטן.

דוד, דאָס יונגע בחורל וואָס האָט נישט געקאָנט און גאָרנישט געוואוסט פון קריג-סטראַטעגיע, האָט מיטן כוח פון זיין נאַציאָנאַלן שטאָלץ געטויט דעם ריז גלית, אָפּראַטעווענדיק דעם כבוד פון דעם יידישן חיל און געראַטעוועט דאָס יידישע לאַנד פון שאַנד, צו זיין אונטערגעוואָרפן דעם שונא.

דוד, וועמען די יידישע טעכטער האָבן באַזונגען מיט: „שאול האָט גע-שלאָגן אין די טויזנטער און דוד האָט געשלאָגן אין די צענער-טויזנטער".

דוד, וועלכער האָט באַזיגט אַלע אַרומיקע פעלקער-שונאים און זיי באַ-שטראָפט מיט די שטרענגסטע שטראָפן.

דוד, וואָס איז געווען דער באַליבטער אָנפירער פון זיין טייל חייל ביים מלך שאול, און אין אַלע קריגס-אונטערנעמונגען האָט ער מצליח געווען.

דוד, וועמען דער נביא שמואל האָט שוין געזאַלבט פאַר מלך איבער ישראל, איז אַנטלאָפן פאַרן קעניג שאול, וואָס האָט אים געוואָלט אומברענ-גען, און זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד און אין דער מדבר אַ סך צייט.

נישט אוים מורא איז ער אַנטלאָפן; פאַרקערט, ביי צוויי געלעגנהייטן, ווען שאול מיט אַ טייל פון זיין חייל איז אים נאָכגעלאָפן, כדי אים צו הרגע-נען, האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דוד האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו טויטן שאולן, טראָץ דעם וואָס זיין אַדיוטאַנט וואָס האָט אים באַגלייט, האָט גע-זאָגט: „לאָז מיך, און מיט איין קלאַפּ טויט איך אים!" האָט אָבער דוד עס נישט דערלאָזט.

ביישטיין אַזאַ נסיון, וויסנדיק אויף זיכער, אַז דער וואָס יאָגט אים נאָך, האָט די אויפגאַבע צו נעמען ביי אים דאָס לעבן אָן קיין שום פאַרוואָס, דאָך, דערלאָזט ער נישט אַז מען זאָל דעם פאַרפאָלגער עטוואָס שלעכטס טון, און נאָר דערפאַר, ווייל ער איז דער מלך פון ישראל. דאָס פאָדערט אַ סך מער גבורה ווי אָפּצורוימען דעם שונא.

ווען זיין אייגענער זון האָט מורד געווען קעגן אים, און ער איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן די שטאָט ירושלים, כדי אויסצומיידן בלוט-פאַרגי-סונג, אָדער, ווי מ'וואָלט עס היינט געזאָגט — אויסצומיידן אַ בירגער-קריג, איז נאָכגעגאַנגען איינער וואָס האָט אים געשאָלטן און געזידלט, האָבן די עלטסטע געוואָלט פאַרענדיקן מיט אים, האָט דוד דערצו נישט דערלאָזט און האָט רואיק מקבל געווען באהבה.

פונוואַנען האָט זיך גענומען ביי דוד'ן צוויי עקסטרעמען פון גבורה? אַ נאַציאָנאַלע גבורה — צו פאַרטיידיקן מיט דער שווערד, אויפן שטרענג-סטן אופן, דעם כבוד און די גאַנצקייט פון לאַנד ישראל, אונטערדריקנדיק דעם שונא מיט די האַרבסטע שטראָפן, און אַ צווייטע, איבערמענטשלעכע גבורה — איבערשטאַרקנדיק די געפילן פון נקמה און די גערעכטע נאַרמע,

אַז יענער וויל דיך הרגענען, הרגע דו אים פריער. פון וואַנען האָט זיך גע־נומען צו אים אַזוי פיל געדולד און כאַראַקטער־פעסטקייט. ווען דער אייגע־נער זון פאַרפאָלגט אים, און דאָך האָט ער נישט פאַרלוירן דאָס גלייכגע־וויכט, און זאָגט אָן דעם חייל צו באַהאַנדלען דעם זון מיט פאַרזיכטיקייט.

מיר שיינט, אַז אויך אין דעם פאַל קאָן מען געפינען דעם ענטפער אין איין וואָרט:

„רועה" — פּאַסטוך.

דוד האָט זיך געפילט ווי אַ פּאַסטוך, מיט דער גרעסטער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט. ער איז געווען מוטיק, העלדיש ווען ער האָט געדאַרפט פאַרטיי־דיקן זיינע שעפעלעך קעגן אַ בער, אַ לייב, אָדער קעגן וועלכן ס'איז נישט שונא, און איז געווען צאַרט, האַרציק געשטימט צו זיינע שאָף. ער איז געווען גרויזאַם שטרענג מיטן פאָלקס־שונא און זיך געפילט ווי אַ „רועה", ווי אַ פּאַסטוך ביי זיין פאָלק, פאַר וועלכן ער האָט געשפּילט און געזונגען די פיינסטע מזמורים, באַזינגענדיק די געטלעכקייט, די נאַטור־שיינקייט, אויסגיסנדיק פאַרן בורא־עולם די איידלסטע געפילן.

אַ פּאַסטוך איז דוד געווען. ער האָט זיך באַפאַנצערט מיט איינע פון די שענסטע יידישע מידות: עניוות, באַשיידנקייט, איינפאַכקייט. פיל שיינקייט, פיל דערהויבנקייט איז פאַראַן אין די קאַפּיטלען תהילים, וואו ביז היינט צו טאָג זוכט מען טרייסט. מען געפינט אין זיי אַ זיסן נשמה־אויסגוס, געבעט, יום־טובדיקע פרייד, אויסגעזונגען און אויסגעשפּילט אויף די פיינסטע סטרונעס, ווי נאָר עס קאָן אַ פּאַסטוך וואָס לעבט שטענדיק אין דער געטלעכער נאַטור.

„רועה" — פּאַסטוך, עניוות, ליב האָבן זיינע שעפעלעך, צאַרטקייט, אַפילו מיט די ווידערשפעניקע שעפעלעך פון דער אייגענער סטאַדע.

קיינמאָל און אין ערגעץ נישט האָט דוד אַרויסגעוויזן גדלות מיט זיין טראָן, צי מיט זיין קרוין אַלס מלך. ווען דער נביא, אָדער אַפילו אַ פּרוי פון פאָלק האָט אים אָנגעוויזן אויף זיינער אַ זינד, אָדער אַ פעלער, האָט ער עס גרויסמוטיק אָנערקענט, און נישט נאָר אָנערקענט, נאָר אויך גענומען אויף זיך די שטראָף, און מיט דעם כוח פון „רועה", פּאַסטוך, מיט אחריות און עניוות האָט ער אָרגאַניזירט און באַפעסטיקט די יידישע מלוכה, און די געשיכטע האָט געוואוסט צו פאַרצייכענען: „דוד מלך ישראל חי וקים" — דוד, דער מלך פון ישראל לעבט און עקזיסטירט.

דער דודיזם איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פון פאָלק און וואַרט אויפן משיח בן דוד, וואָס וועט זיך באַווייזן נישט ווי אַ מלך, נאָר עניוותדיק און באַשיידן.

* * *

מגן אברהם, מגן דוד, אָט די צוויי פאַנצערס האָבן אונדז באַפּאַנצערט און באַשיצט אומעטום און ביי אַלע אומשטענדן. גרויסע, שטאַרקע פעלקער, וועלט־באַזיגער, זענען פאַרשוואונדן און דאָס יידישע פאָלק איז אַרוים־געקומען גאַנץ, לעבט און וועט אייביק לעבן. ליידער, ווערן די דאָזיקע פאַנצערס אין די גלות־לענדער שוואַכער און שוואַכער. פון אומעטום, פון גרעסערע, ווי פון קלענערע ישובים הערט מען דעם ס. אָ. ס.־רוף; די יידישע שיף איז צעטרייסלט, עס ווערן אַלעמאָל גרעסער די בלויזן, און די רעטונגס־מיטלען זענען זייער באַגרענעצטע, זייער שוואַכע. שוין כאַפּן זיך אַריין פרעמדע עלעמענטן אין דער יידישער משפחה־שיף, וועלכע ברענגען אַריין שטרויכלונגען אינעם ווייטערדיקן גאַנג. אַ היפּשער טייל איז גלייכגילטיק, און לאָזן זיך שווימען מיטן שטראָם און עס אַרט זיי נישט, וואו דער שטראָם וועט זיי פאַרשלעפּן. דאָס יידישקייט ווערט פאַרבלאַסט, די אַסימילאַציע און די איגנאָראַנץ מאַכן אָן חורבנות אין די יידישע היימען — איך באַצי זיך נישט נאָר אויף אונדזער לאַנד.

און דאָס וואָס עס הייסט לעבן אומבאַפּאַנצערט, קאָן באַווייזן אַן ענטפער, וואָס איך האָב באַקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק פון איינעם אַ דייטשישן ייד אין דער קאָלאָניע אביגדור, פון העכערער קולטור און אינטעליגענץ, אַ געקומענער פון בערלין. אויף מיין פראַגע, ווי וואָלטן אויסגעהאַלטן די יידן אין דייטשלאַנד ווען היטלער, ימח־שמו, וואָלט געשטעלט אַ רעליגיעזע, אָנשטאָט אַ ראַסיסטישע יידן־פראַגע? זיין ענטפער איז געווען: „80—90 פראָצענט וואָלטן זיך געשמדט, ווייל זיי האָבן געהאַט אין זיך מער דייטשע קולטור, ווי יידישע. זינטלעך זענען זיי געווען דייטשיש”.

אָט אין דעם ליגט די גרויסע געפאַר. דער שטראָם שלעפּט אַוועק, באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, ביז אין תהום אַריין, ווייל זיי האָבן נישט קיין אחיזה אין יידישקייט.

מיר פירן אַ קאַמף קעגן דעם אַסימילאַציע־שטראָם. דאָס ערשטע און בעסטע זענען די יידישע שולעס, וואו די קינדער וואָס גייען דורך אַלע גראַדן באַקומען אַ באַגריף פון יידישער טראַדיציע, ווי זי איז געווען, אָבער ס'ווערט אין זיי נישט געלערנט, ווי צו פראַקטיצירן יידישקייט. פון פּעדאַגאָגישן צי פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט ציטערן די דערציערס אונדזערע פאַרן וואָרט „רעליגיע”, דרייט מען זיך אַרום און אַרום. די קינדער בלייבן מיט אַ ביסל וויסן פון דעם וואָס ס'איז אַמאָל געווען, אָבער זיי ווייסן נישט וואָס איז דער אונטערשייד צווישן יידישע קינדער און נישט־יידישע קינדער, מיט וועלכע זיי גייען צוזאַמען אין דער זעלבער שולע, עסן די זעלבע עסנס. פיל קינדער ווייסן אַפילו נישט, אַז יידן איז פאַרבאָטן צו עסן חזיר. זיי האָבן נישט קיין אַנונג וואָס ס'באַדייט שבת, אַז שבת איז נישט בלויז אַ רו־טאָג, נאָר אַז דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער טאָג, מיט העכערע באַגריפן פון

מענטשלעכקייט, אַ טאָג פון גלייכהייט אא״וו.; און אונדזערע קינדער פעלט דער יידישער פאַנצער. וויסן לשם וויסן איז נישט גענוג. דאָס וויסן דאַרף דערהויבן ווערן צו אַ מדרגה פון גייסטיקער דערהויבונג. עס איז אַ מצווה צו לערנען, וויסן און אָפּהיטן יידישקייט.

אָט דאָס איז דער געבאָט פון דער שעה פאַר אונדזערע לערערס, פּע־דאַגאָגן, שול־עסקנים, טאַטעס און מאַמעס.

צו דעם לימוד פון העברעאיש, יידיש, דאַרף קומען טראַדיציע אין פּראַקטישן לעבן, כדי דער פאַנצער זאָל האָבן מער ממשות — „מגן הוא לכל החוסים בו״.

ר׳ יִשְׂרָאֵל, כָּל יִשְׂרָאֵל, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

דריי זאַכן וואָס זענען איינס, אומצעשיידבאַר. זיי זענען פיזיש און נשמהדיק פאַרבונדן אויף אייביק.

דאָס וואָרט „ישראל" אַן און פאַר זיך, האָט אַ ספּעציעלע באַדייטונג. לויט דער מסורה, איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן מיט ג-טס וואָרט אין לשון-קודש.

ביז דעם דור-ההפלגה, האָבן אַלע מענטשן גערעדט איין שפּראַך, וואָס איז געווען לשון-קודש.

ווי אַ שפּראַך, האָט זי זיכער פאַרמאָגט אַלע ווערטער, מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין יענער צייט זענען די מענטשן שוין געשטאַנען אויף אַ העכערער שטופע פון פאָרשן און וויסן. אַ פאַקט, אַז זיי האָבן זיך פאַרנומען אויסצובויען אַ טורעם, וואָס זאָל גרייכן ביזן הימל.

ווער ווייסט, צי היינטיקע אינזשינערן, מיט זייער הויכן גראַד וויסנשאַפט, מיט דער מאָדערנער אויסגעפּרואוווטער טעכניק, וואָלטן געוואַגט אונטערצונעמען אַזאַ בוי. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ גראַד פון אונטערנעמונגס-גייסט ווי יענער דור האָט געהאַט, איז זייער שפּראַך — לשון-קודש— זיכער געווען אַ פולקאָמענע, אָבער דאָס וואָרט „ישראל" איז צוגעקומען מיט אַן ערך צוועלף הונדערט יאָר שפּעטער, נאָך בריאת-העולם.

יעדער ייד וואָס האָט געלערנט חומש ווייס, אַז דאָס וואָרט „ישראל" האָט געבראַכט אַ מלאך, נאָך אַ געראַנגל וואָס ער האָט געהאַט מיטן פאַטריאַרך יעקב, און ווי אַן אָנערקענונג פאַר זיין העלדישקייט, האָט אים דער מלאך אויסגעצייכנט מיטן טיטל „ישראל", אונטערשרייבנדיק, אַז דאָס איז דערפאַר „מחמת האָסט געשטריטן מיט אַ מלאך און מיט מענטשן און דו ביזט זיי ביינעקומען".

נאָכדעם ווי יעקב איז געקומען פון חוץ-לארץ צוריק צו זיין פאָטער

יצחק, האָט ג־ט אַליין געבענטשט יעקבן און באַשטעטיקט די אויסצייכענונג מיטן טיטל „ישראל".

„ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב" — און דאָס זענען די נעמען פון די קינדער פון ישראל וואָס זענען געקומען קיין מצרים מיט יעקבן. דער פסוק באַווייזט קלאָר, אַז דער פּערזענלעכער נאָמען איז געווען יעקב, און „ישראל" איז געווען אַן ערן־טיטל, וואָס גייט אַריבער בירושה פון דור צו דור, צו יעקבס קינדער. ער זאָגט: אַז „די בני־ישראל זענען געקומען מיט יעקבן".

אַגב, זאָל ביי דער געלעגנהייט געזאָגט ווערן, אַז ביי יעקב אָבינו איז נישט דערמאָנט דאָס וואָרט „וימת" — ער איז געשטאָרבן. דער פּסוק זאָגט נאָר: „ער האָט אַריינגענומען זיינע פיס אין בעט, איז פאַרגאַנגען, און איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק". אונדזערע חכמים זאָגן: „יעקב אָבינו לא מת" — אונדזער פאָטער יעקב איז נישט געשטאָרבן. קאָן זיין, אַז דער מיין דערפון איז: יעקב איז דאָך ישראל, און די בני־ישראל לעבן און וועלן לעבן אייביק.

* * *

יעדעס מאָל וואָס ג־ט האָט געשיקט משהן ריידן צום פאָלק, אָדער ביי אַנדערע געלעגנהייטן, ווערט באַנוצט דער אויסדרוק: „דבר אל בני ישראל", „זקני ישראל". ווען משה ווענדעט זיך צו ג־ט, זאָגט ער: „אלקי אברהם, יצחק ויעקב". נאָר ווען ער ווענדעט זיך צו דער עדה, באַנוצט ער דעם טיטל „ישראל".

דאָס אַלץ באַווייזט, אַז אַלע יידן, וואו זיי זענען, זענען גלייכע יחסנים; יעדער ייד טראָגט שטאָלץ דעם טיטל „ישראל"; און ווי לערנען אונדז אונדזערע געלערנטע: „כל ישראל בני מלכים הם" — אַלע ישראלים זענען קינדער פון מלכים, אָן אונטערשייד.

יעדער איינצלנער ייד איז אַ ר' ישראל. קיינער האָט נישט דאָס רעכט מבטל צו זיין דעם צווייטן צוליב זיין חכמה, צוליב זיין רייכטום, אָדער צוליב זיין פּאָזיציע וואָס ער פאַרנעמט.

דער טיטל „ישראל" איז געגעבן געוואָרן צו איין־איינציקן מענטש, און ביי דעם ערשטן אַריינטריט פון זיינע קינדער אין חוץ־לארץ, ווערן זיי באַטיטלט אַלס „בני־ישראל" ביז צום היינטיקן טאָג.

אונדזער געשיכטע איז רייך אין געשעענישן, ווען גראָד קינדער פון פּשוטע יידן, אָרעמע יידן, דערוויטערטע יידן, זענען געוואָרן די גרעסטע קעמפער, די גרעסטע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן געבראַכט כבוד און ישועות פאַרן יידישן פאָלק פון דער גאַנצער וועלט.

דער וואָס דערגרייכט צו העכערע שטאַפּלען אינעם לעבנס-לייטער טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אָן ספק זענען געווען און זענען פאַראַן הונדערטער און טויזנטער אַנדערע מענטשן און אורזאַכן, וואָס האָבן אים געשטויסן מיט זייער וויסן, מיט זייער האָב און גוטס, מיט זייער נויט, ער זאָל שטייגן און פאַרנעמען אַ העכערע פּאָזיציע. נישט אַלעמאָל זענען שכל, אָדער פּעאַיקייט גענוגנדיקע פאַקטאָרן צו דערהויבן דעם מענטש; מען מוז האָבן דערצו דעם אַמביענט, די סביבה און גינסטיקע אומשטענדן.

יעדער ייד, וואו ער זאָל זיך נישט געפינען — אויסער די אויסגעשפּראָכענע פאַררעטער — דינט דעם יידישן פאָלק, ביודעים ובלא יודעים.

דרך-ארץ פאַר רבי ישראל!

* * *

אָבער אַ ר׳ ישראל, ווי אַ יחיד, קאָן גאָרנישט אויפטון, ווען ער האַלט זיך אָפּגעזונדערט, ווען ער איז אַ פורש מן הציבור. דעריבער איז ביי אונדז איינגעשטעלט געוואָרן דער באַוואוסטזיין פון „כל ישראל״.

די לעצטע ווערטער פון אונדזער תורה, ביים אָפּגעבן דעם געזעגענונגס-שבח פאַר משה רבינו, זאָגט דער פּסוק, אַז דאָס וואָס משה האָט געטון איז געווען „לעיני כל ישראל״ — פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל.

אונדזערע אַלעגאָריסטן זאָגן, אַז ביים מקבל זיין די תורה ביים באַרג סיני, זענען געווען ביייועזנד אַלע נשמות וואָס זענען אָנגעגרייט פאַרן יידישן פאָלק, און אַלע האָבן גענומען אויף זיך די אחריות פאַר דער דערהאַלטונג פון יידנטום און יידישקייט: סיי די נשמות, וואָס זענען געווען, און סיי די וואָס זענען און וועלן זיין שפּעטער אין ארץ-ישראל, באַגלייך מיט די וואָס זייער גורל איז צו זיין אין חוץ-לארץ. אָן קיינע דיפערענצן, זענען גלייך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

אַזוי, אַז כל-ישראל טראָגט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער דערהאַלטונג פון יעדן יידישן נפש, און יעדער איינצלנער ייד מוז זיין אַ מיט-שותף צו אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט כל-ישראל.

ר׳ ישראל דאַרף זאָרגן פאַר כל-ישראל, און כל-ישראל דאַרף זאָרגן פאַר ר׳ ישראל.

לאָמיר פּרואוון קאָנקרעטיזירן:

חינוך הבנים: מיר האַלטן פאַר עלעמענטאַר, אַז יעדער באַוואוסטזיניקער ייד, צי ער האָט קינדער צו שיקן אין שולע, צי ער האָט נישט — איז זיך מחויב צו באַשטייערן פאַר דער דערהאַלטונג און אויסברייטערונג פון אונדזערע שולעס.

מיר מוזן גוט אין זינען האָבן, אַז יעדעס יידיש קינד וואָס גייט נישט

אין אַ יידישער שולע, איז עס אַ שאָדן פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. עס איז אַן אומגליק פאַר אַ פאָלק ווען זיינע קינדער זענען עמי־הארצים.

געוויס, איז דער ערשטער חוב פון די עלטערן נישט צו פאַרשאַפן קיין שאָדן דעם יידישן פאָלק, און נישט איבערלאָזן פאַר זיך די שאַנדע פון האָ־דעווען קינדער, וועלכע וועלן אפשר אַמאָל זידלען זייער טאַטע־מאַמע פאַר האָבן זיי דערצויגן ווי מחוץ־למחנהקעס. אָבער אויסער אַזעלכע עלטערן, אויף וועלכע מען דאַרף אויסאיבן אַ מאָראַלישן דרוק דורך אויפקלערונג, זע־נען פאַראַן קינדער פון אָרעמע עלטערן, אָדער עס זענען פאַראַן געגנטן וואו די שולעס האָבן נישט גענוג פּלאַץ אַריינצונעמען מער קינדער.

איך וויל נישט אַריינגיין אין פּרטים. איך האָב עס נאָר געבראַכט ווי אַ ביישפּיל פאַר ענינים וואָס זענען פון כל־ישראל־אינטערעסן, צו וועלכע יעדער ייד איז זיך מחויב צו באַטייליקן מיט וויפל מעגלעך.

די קינדער זענען אַן אינטעגראַלע טייל פון יידישן פאָלק — אַזוי דאַרף עס פאַרשטאַנען ווערן, און אין דעם זין דאַרפן אַלע מיטאַרבעטן פאַרן גע־זונט און פראָגרעס פונעם יידנטום און יידישקייט.

* * *

כל־ישראל און ר׳ ישראל, האָבן פאַר זיך דעם העכסטן און וויכטיקסטן ציל — ארץ־ישראל. כל־ישראל און ר׳ ישראל, האָבן הונדערטער יאָרן זיך געהאַלטן ווי ג־טס גייסט, איידער ער האָט באַשאַפן הימל און ערד; מען האָט געטראָגן ווי אויף וואַסער, בייזע ווינטן האָבן געבושעוועט פון אַלע זייטן און האָבן אונדז געטרייסלט. קיינמאָל זענען מיר נישט געווען זיכער ביז ווי לאַנג מען וועט אונדז לאָזן שוועבן אין דער לופטן, אויף איינעם און דעם זעלבן פּלאַץ.

צו דעם אַלעמען איז מען שטענדיק געווען פול מיט האַרצרייסנדיקער בענקעניש נאָך דער אַלטער היים — צו ארץ־ישראל — וואָס האָט זיך אויס־געדריקט אין פּיוטים, תפילות, שירים, באַגלייט מיט טרערן, וואָס האָבן גע־דינט ווי אַ פּלאַסטער צו פאַרגרינגערן די ווייטיקן.

איצט, גליקלעכערוויז, איז די בענקעניש נישט מער קיין פּלאַטאָנישע. מיר זענען שוין ביכולת צו פאַרגרינגערן אונדזער וואונטש נישט מיט ווער־טער, נאָר מיט קאָנקרעטע מעשים — מיט עליה, התישבות, אינוועסטי־ציעס און גענוגנדיקע תרומות דורכן קרן־היסוד און קרן קימת לישראל.

איצט, נאָך מער ווי פריער, איז נויטיק פאַר כל־ישראל און ר׳ ישראל די באַפעסטיקונג און שנעלע באַזעצונג פון ארץ־ישראל, דערפאַר, ווייל די שנאת־עולם לעם־עולם איז נאָך גענוג שטאַרק, אויב נישט שטאַרקער ווי פריער.

די שנאה האָט זיך געביטן אין דער פאָרעם, אָבער נישט אין תוך; די

שנאה איז איצט מער עלעגאַנט, מער פאַרשטעלט. מען אָנערקענט — זיי מוזן זיך דאָך רעכענען מיט פאַקטן — דעם העראָאיזם פון ישראל, די גע־וואַלדיקע טריישאַפט פון די ישראלים צום אויפבוי פון דער מדינה, אָבער ביי יעדער מינדסטער געלעגנהייט ווייזן אונדזערע „גוטע פריינט" אַ ליב־לעבן שמייכל צו אונדזערע שונאים און אַ בייזן בליק צו מדינת־ישראל.

אויב פריער האָבן אונדזערע „ידידים" געזאָגט, אַז „אין כוחו אלא בפיו" (אַז דער יידישער כוח איז נאָר מיט זיין מויל), האָבן זיי זיך איצט אַרומ־געזען אַז מען מוז, באין ברירה, געפינען ביים יידישן פאָלק נאָך אַ צוגאָב פון אַן אַנדער סאָרט כוח.

די נייע כוחות האָבן איבערראַשט די מלוכה־מענער. פון אָנהויב האָט עס ביי זיי אַרויסגערופן אַ געוויסע מאָס „דרך־ארץ", אָבער באַלד נאָכדעם קומט דער אַלטער „הבה נתחכמה", נישט אַזוי עפנטלעך ווי אַמאָל, נאָר ווי מען רופט עס אין היינטיקן מאָדערנעם לשון — פּאָליטיש, וואָס טוט ווי, אפשר מער ווי די אָפענע שנאה.

אַזוי איז מיט מדינת־ישראל, און אַזוי איז מיט עם־ישראל. די איינ־ציקע קעגנווירקונג צו דער סיטואַציע איז אַ שטאַרקע, פול־באַוועצטע, עקאָ־נאָמיש אומאָפּהענגיקע ארץ־ישראל; און דאָס צו דערגרייכן, פאָדערט זיך אַ ריכטיקע אָנשטרענגונג פון אַלע דריי: פון ר' ישראל, כל־ישראל און ארץ־ישראל.

אַלע דריי דאַרפן זיך פילן ווי איין בלאָק, ווי בני־ישראל.

דער „חזקו ונתחזקה" דאַרף זיין אַ קענגזייטיקער.

אויב די בני־ישראל אין חוץ־לארץ שטרענגען זיך אָן נאָכצוקומען די פאָדערונגען פונעם מאָמענט, איינפלאַנצנדיק אין זייערע קינדער — פון גן, בית־ספר, מכון, מדרשה, הכשרה או"וו, די אהבה צום לאַנד פון אונדזער צוקונפט — מדינת־ישראל, דאַרפן די בני־ישראל אין ישראל טון דאָסגלייכן און איינפלאַנצן אין זייערע קינדער — סאַברעס —, דאָס וויסן און ליבשאַפט צו כל־ישראל און ר' ישראל, וואָס געפינען זיך אין די תפוצות.

אין די שולעס פון דער מדינה דאַרף איינגעפירט ווערן אַ מקצוע פאַר לימוד פון דעם לעבן פון כל־ישראל אין גולה; אַז זיי, די צעוואָרפענע און צעשפּרייטע, מיט זייער גייסט פון מאַרטירער, פון איבערנאַטירלעכן אויס־דויער, מיט זייער פעסטן גלויבן און האָפענונג אין דער גאולה, האָבן עס דערפירט צו דעם, אַז די קינדער פון ישראל זאָלן זיין סאַברעס, צי זיי האָבן עס געוואָלט, צי נישט.

לויט אונדזער באַשיידענער אויפפאַסונג איז עס אַן ענין וואָס די צייט פאָדערט. ווייל, אויב מען וועט עס נישט אָנהויבן טון איצט, וועט אויס־וואַקסן אַ דור פון ישראלים, וועלכע וועלן זיך באַטראַכטן פאַר אַ פּריווילע־

גירטן שבט, וואָס וועט ברענגען נישט קיין גינסטיקע קאָנסעקווענצן אין דער נאָענטער צוקונפט.

די ישראל-קינדער דאַרף מען לערנען און געבן צו פאַרשטיין דעם טעם פון „עם לבן גרתי ותרי״ג מצוות שמרתי״, נישט קיין צוואַנציק יאָר, נאָר צוויי טויזנט יאָר.

ר׳ ישראל, כל-ישראל, ארץ-ישראל זענען דריי, וואָס זענען איינס. „אין בכלל אלא מה שבפרט, ואין בארץ אלא מה שבפרט ובכלל בכל העולם כולו״, -- אין דאָס אַלגעמיינע איז פאַראַן נאָר דאָס וואָס ס׳איז פאַראַן אינעם איינ-צלנעם, און אין ארץ איז פאַראַן נאָר דאָס וואָס ס׳איז פאַראַן אין דעם יידנטום פון דער גאַנצער וועלט.

איין יידנטום אין דער גאַנצער וועלט, איין ארץ-ישראל פאַרן גאַנצן יידנטום — דאָס דאַרף איינגעפלאַנצט ווערן אינעם געדאַנק פון די נייע און אַלטע דורות, אומעטום וואו זיי געפינען זיך.

„כי מציון תצא תורה״ — פון ציון דאַרף אַרויסקומען דער לאָזונג: אחדות-ישראל, אהבת-ישראל, פאַר די בני-ישראל, די „בכל אתר ואתר״.

לאָמיר לערנען קֹהֶלֶת

סוכות, דער יום־טוב וואָס ווערט באַצייכנט אַלס „זמן שמחתנו" — די צייט פון אונדזער פרייד. אין דעם דאָזיקן יום־טוב ענדיקן מיר לייענען די תורה, און הייבן אָן נאָכאַמאָל פון אָנהויב, פון בראשית. דאָס איז די אמתע שמחה וואָס קומט צום הערלעכסטן אויסדרוק אינעם טאָג פון שמחת־תורה.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו באַמערקן דעם פאַקט וואָס מיר זאָגן „קריאת התורה" — לייענען די תורה, און מיר זאָגן נישט „לערנען די תורה", טראָץ דעם וואָס ווען עזרא־הסופר, וואָס איז געווען דער שאַפער פון דער תקנה צו לייענען יעדע וואָך אַ סדרה פון דער תורה, און האָט אַליין געמאַכט דעם אָנהויב, ער איז געווען דער ערשטער בעל־קורא, ווערט געזאָגט: „ויקראו בספר בתורת האלקים, מפרש, ושום שכל, ויבינו במקרא" — און זיי האָבן געלייענט אין דער תורה פון ג־ט קלאָר, און געמאַכט שכלדיק און געגעבן צו פאַרשטיין דאָס געלייענטע. הייסט עס, אַז עזרא האָט נישט געזאָגט די ווערטער סתם, טרוקן; נאָר ער האָט זיי געלערנט מיטן פאָלק, זיי איינגעטייטשט און דערקלערט דעם זין פון די פסוקים. פונדעסטוועגן איז געבליבן אין פאָלק דער אויסדרוק „לייענען די תורה", וואַרשיינלעך דערפאַר וואָס יעדער ייד איז מחויב צו לייענען יעדע וואָך די געהעריקע סדרה, אַפילו ווען ער קאָן זיך נישט פאַרטיפן אינעם זין פון די ווערטער, אָדער פאַרשטייט נישט גענוי דעם פשט.

ס'קאָן זיין, אַז טאַקע דערפאַר האָבן אונדזערע חכמים מתקן געווען אַז מ'זאָל לייענען יעדן ערב שבת די סדרה פון דער וואָך צוויי מאָל אין טעקסט, אין לשון־קודש, און איין מאָל תרגום, אין דער אַראַמעאישער איבערזעצונג, וואָס איז געווען די גערעדטע שפּראַך ביי אַ גרויסן טייל פון די ישראלים וואָס זענען געווען אין גלות אין יענער צייט, ווי עס איז היינט ביי אונדז יידיש. לייענענדיק פריער איין מאָל אין לשון־קודש, נאָכדעם אין דער איבערזעצונג, איז ביים צווייטן מאָל לייענען אין טעקסט, פאַרשטייט מען בעסער דעם אינהאַלט.

פאַרוואָס האָט מען געהייסן לייענען די סדרה ערב שבת? מעגלעך דערפאַר, וואָס לייענען דריי מאָל איז צופיל טרחה אויף שבת.

* * *

אין די טעג פון „זמן שמחתנו" — סוכות, לייענט מען אויך דעם ספר קהלת.

אין תלמוד ווערט געזאָגט: „בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת מפני שדבריו סותרים זה את זה, ומפני מה לא גנזוהו? מפני שתחלתו דברי תורה וסופו דברי תורה" (שבת, י"ג) — די חכמים האָבן געוואָלט באַהאַלטן דעם ספר קהלת, עס הייסט, זיי האָבן אים נישט געוואָלט אַריינגעמען צווישן די הייליקע ספרים, פון וועלכע עס איז צענויפגעשטעלט דער תנ"ך, דערפאַר וואָס אין אים זענען פאַראַן אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וואָס ווידערשפּרעכן זיך. צום ביישפּיל: איין מאָל זאָגט ער, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך ווי עסן, טרינקען און זיך לאָזן וואוילגיין, און אויף אַ צווייטן אָרט זאָגט ער, אַז דאָס פרייד און וואוילטאָג זענען נישטיקייטן, אַז עס איז בעסער צו גיין אין אַ הויז פון טרויער, איידער צו גיין אין אַ הויז פון אַ סעודה. אויף אונדזער היינטיקן לשון וואָלט מען געזאָגט: צו באַנקעטן. נאָר מחמת דעם, וואָס ביים אָנהויב און ביים סוף ספר זענען פאַראַן דברי-תורה, האָט מען אים אַריינגענומען אין די כתבי-קודש.

איז דאָך אייגנטלעך אַ פראַגע: די חכמים האָבן דאָך געקאָנט אַרויסלאָזן יענע ווידערשפּרעכנדיקע פסוקים, נישט אַריינגעמען זיי אין טעקסט, און דערמיט וואָלטן זיי אויסגעמיטן אַ בלבול-המוחות אויף אַלע דורות. ביי דער שקלא-וטריא, יאָ צי נישט אַריינגעמען קהלת אין די הייליקע שריפטן, האָט דאָך געקאָנט זיין די בעסטע פּשרה אַריינצונעמען דאָס פּאָזיטיווע, באַלערנדיקע, חכמהדיקע געדאַנקען און לאָזן אין דרויסן די שאַקירנדיקע געדאַנקען.

מעגלעך, אַז זיי האָבן עס נישט געטון, ווייל ס'איז געווען שווער צו אָנטשיידן וועלכע פון זיי עס זענען די פּאָזיטיווע און וועלכע עס זענען די נעגאַטיווע, דאָס אָפּטימיסטישע, אָדער די פּעסימיסטישע, דאָס וויזיאָנערישע צי דאָס מאָמענטאַלע.

לויט מיין באַשיידענער מיינונג וועל איך מיך דערלויבן צו זאָגן, אַז עס זענען נישטאָ קיין סתירות, נישט קיין ווידערשפּרוכן, נאָר דאָס איז אַ מאָנאָלאָג וואָס שלמה המלך האָט געהאַט פאַר זיך אַליין, ווען ער איז געקומען אויף דער עלטער.

אין זיינע יונגע יאָרן, האָט שלמה המלך געלעבט אין גרעסטן לוקסוס. זיין רייכטום איז געווען אין לשער, זילבער איז געווען אַזוי ווי שטיינער אין ירושלים. זיין חכמה האָט געקלונגען איבער אַלע לענדער, שלום האָט גע-

הערשט מיט אַלע פעלקער. ער האָט זיך נאָכגעגעבן אַלץ וואָס זיין הארץ האָט געגלוסט, און אויף דער עלטער האָט ער זיך ארומגעזען, אַז דאָס נאָכגעבן זיך אַלע תאוות, דאָס גלויבן צופיל אין דער אייגענער אינטעליגענץ, די באַרואיקונגס-פּאָליטיק פון חתונה האָבן מיט פּרינצעסינס פון געצנדינערישע פעלקער, ווי אַ מיטל אָנצוהאַלטן די פריינטשאַפט מיט מלכים פון די שכנישע לענדער, האָבן אים פאַרפירט.

שלמה, דער אָנערקענטער חכם פון חכמים, האָט נישט געזען, אַז דאָס איבערגעטריבענע שלום-זוכעניש, דורך אַריינגעמען געצנדינערישע פרויען אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, פירט צו אַן אומצופרידנקייט אין זיין אייגענעם לאַנד; ער האָט נישט באַמערקט, אַז דער פאָלקס-חוש, די אינטואיציע פון המון, האָט דערשפירט אַ פרעמדע משאָ אויף זיך, אַ פרעמדן גייסט וואָס זיי קאָנען נישט דולדן, און אַז דאָס גראָבט אונטער זיין טראָן.

די לעגענדעס איבער זיין חכמה פון באַהערשן אַלץ און אַלעמען, זענען וואונדערלעכע.

דערציילט אַ לעגענדע, אַז שלמה האָט מיט זיין חכמה געבראַכט דעם אַשמדאַי, דעם מלך פון די שדים געבונדן אין קייטן, כדי ער זאָל אים ברענגען דעם ווערימל „שמיר", וואָס האָט די אייגנשאַפט, אַז ווען ער גייט אַריבער איבער דעם האַרטסטן שטיין, צעשפּאַלט זיך דער שטיין גלייך און גלאַט.

די גלאַטע שטיינער האָט מען געדאַרפט האָבן אויף צו בויען דעם בית-המקדש, און שטיינער וואָס ווערן גענומען פאַר אַזאַ הייליקן צוועק, טאָר מען צו זיי נישט באַנוצן קיין געצייג, וואָס איז געמאַכט פון אייזן, ווייל אייזן ווערט באַנוצט אויף צו מאַכן געווער צו שעדיקן מענטשן, וואָס איז דער קאָנטראַסט פון דעם אידעאַל וואָס דער בית-המקדש שטעלט מיט זיך פאָר.

דער אַשמדאַי האָט געבראַכט דעם „שמיר", אָבער עס האָט אים, שלמהן, געקאָסט זייער טייער. דער אַשמדאַי, מיט זיינע שדישע קונצן האָט אַראָפּגעוואָרפן שלמהן פון זיין טראָן און זיך אַליין באַזעצט אויפן כסא-המלוכה.

דריי יאָר האָט שלמה געוואַנדערט איבער פרעמדע לענדער, —אַזוי דערציילט די לעגענדע—, אין דער גרעסטער אָרימקייט און דחקות. וואו ער איז געקומען האָט ער געשריען „אני שלמה" — איך בין שלמה המלך, האָט מען געקוקט אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם, ביז דורך אַ נס איז ער אָנגעקומען צוריק קיין ירושלים, און ער האָט זיך געווענדעט צו דער סנהדרין, און נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג, האָט ער, שלמה, צוריק פאַרנומען דעם טראָן.

דאָס איז אַ לעגענדע מיט אַ טיפן מוסר-השכל: מעג עס זיין מיט די בעסטע כוונות; מעג עס זיין פאַר אַזאַ הייליקן צוועק, ווי בויען דעם בית-

המקדש, טאָר מען נישט האָבן קיין עסקים מיט אַן אַשמדאַי; מעג מען זיין באַגאַבט מיט אַ סך חכמה, און אַפילו מיט דער באַוואָרענונג פון האַלטן דעם אַשמדאַי געשמידט אין קייטן, טאָר מען נישט האָבן מיט אים קיין מגע-ומשאַ.

די וועלט לאַכט זיך אויס פון די אמתע שלמהס, וואָס שרייען „אני שלמה". כאַפּט זיך איינער אַרויף אויפן טראָן, מעג ער זיין דער ערגסטער אַשמדאַי, רינגלען אים אַרום אַזויפיל שדים, וואָס פאַרטומלען די בעסטע מו-חות; זיי טוען אָפּ די נידעריקסטע ציינישע אַקטן, און די וועלט שטייט פאַר זיי אויף די קני, ביז... ביז מען געפינט אויס, אַז דער אַשמדאַי איז נישט מער ווי אַ פּאָקוסניק, וואָס האַלט זיך אויף הינערשע פיסלעך.

ערשט, ווען שלמה האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנצע חכמה און האָט זיך געווענדעט צו דער העכסטער אינסטאַנץ פון ישראל, וואו תורה איז דער יסוד פון חכמה און גערעכטיקייט — צום סנהדרין, און זיי האָבן אַנטדעקט אַז דער אַשמדאַי האָט הינערישע פיסלעך, איז שלמה צוריק געוואָרן דאָס, וואָס ער איז געווען.

נאָך אַזעלכע איבערלעבונגען, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפּרוּאווט אַלצדינג אין זיין לעבן, האָט שלמה געהאַלטן דעם גרויסן מאָנאָלאָג, מאַכנ-דיק דעם סך-הכל פון אַלץ וואָס ער האָט געזען, געהערט און פּראַקטיצירט. עס זענען געווען ציַיטן, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז פיזישע תענוגים זענען דער עיקר פונעם מענטשנס זיין אויף דער וועלט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַלצדינג איז „הבל הבלים" — גאָרנישט מיט גאָרנישט, אַ דור קומט, אַ דור גייט אַוועק, און די ערד בלייבט ווי געווען; און דער שלום פון מאָנאָלאָג איז: „סוף דבר, הכל נשמע, את האלקים ירא ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם" — דער סוף פון דער זאַך, נאָכדעם ווי אַלץ איז גע-הערט געוואָרן, האָב מורא פאַר ג-ט און היט זיינע געבאָטן, וואָרום דאָס איז דער גאַנצער מענטש.

דאָס איז דער זין פון לעבן און פון מענטשלעכקייט.

אָבער, מיטן זאָגן בלויז „הבל הבלים" און „סוף דבר", ווי אמת עס זאָל זיין, זענען עס נישט גענוג אויף אַריינגענומען צו ווערן אין די הייליקע שריפטן. עס איז נישט גענוג אַז מענטשן זאָלן עס וועלן אויפנעמען מיט דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט, נאָר די דערגרייכונג צו דער דאָזיקער מדרגה, פון דערקענען זיך אַליין, צו קאָנען מאַכן דעם אייגענעם חשבון-הנפש, אָפּצושאַצן די ניואַנסן, שטעלן צו משפט זיך אַליין און קומען צו דער מסקנה פון „הבל הבלים" און „סוף דבר" — אַלץ צוזאַמען פאָרמירט איין גרויסע מאָראַלישע לעקציע, וואָס איז צוגעפּאַסט צו לייענען אין די טעג פון „זמן שמחתנו". ווען מ'איז פריילעך געשטימט, אַפילו אין די טעג, ווען מען פרייט זיך מיט דער תורה.

— האָבן מיר דען נישט דורכגעלעבט אַזאַ צייט, ווען אין אַ לאַנד וואו די וויסנשאַפט האָט זיך געמערט און מענטשן האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אַלערליי תענוגים, איז אויפגעקומען אַן אַשמדאַי און האָט מיט זיינע שדישע שטיק פאַרכאַפּט דעם כסא־המלוכה, האָט פאַרפעסטעט די פעלקער מיט שדים־לופט, האָט אָנגעמאַכט אַ מהומה אויף דער וועלט, האָט אומגע־בראַכט אַ דריטל פון יידישן פאָלק. ער האָט געבושעוועט ביז מען האָט באַמערקט, אַז דאָס איז אַ מחבל אויף הינערשע פיסלעך, און ער איז איינ־געבראָכן געוואָרן.

און אַ דור גייט אַוועק און אַ דור קומט, און מיר האָבן נאָך נישט גע־מאַכט דעם חשבון. מיר האָבן, ליידער, נישט פאַרשטאַנען און פאַרשטייען נאָך נישט —נאָך אַזעלכע שרעקלעכע איבערלעבונגען— דעם „הבל הבלים" און דעם „סוף דבר". ווען מיר וואָלטן אים פאַרשטאַנען, ווי אַנדערש, ווי גרעסער, פעסטער, רואיקער וואָלט געווען מדינת־ישראל!

* * *

קהלת הויבט אָן מיט די ווערטער „הבל הבלים" — נישטיקייט פון נישטיקייטן — זאָגט קהלת, נישטיקייט פון נישטיקייטן, אַלץ איז נישטי־קייט. ווייזט אויס, אַז מיט איבערהזרן דריי מאָל דעם „הבל הבלים", האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז אויך די פילאָזאָפיע פון נישטיקייט גייט אַריין אין דער דעפיניציע פון הבל־הבלים.

באַלד נאָכדעם זאָגט ער: וואָס עס איז געווען דאָס וועט זיין, און דאָס וואָס איז געשען דאָס וועט געשען, און ס'איז נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון. פון אָט די ווערטער דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז שלמהס המצאה פון „הבל הבלים" איז אויך נישט קיין נייעס.

איז, לאָמיר אַריינקוקן אין ספר „בראשית". דערציילט דער פסוק: חוה איז טראָגנדיק געוואָרן און האָט געבוירן אַ זון, האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן קין. פאַרוואָס קין? —„כי קניתי איש את ד'". פאַרטייטשט רש"י: „כשברא אותי ואת אישי לבד בראנו, אבל בזה שותפים אנו עמו" — איך האָב באַשאַפן אַ מענטש מיט ג־ט. מיר און מיין מאַן האָט ער, ג־ט אַליין באַשאַפן, אָבער אין דעם נייעם מענטש זענען מיר שותפים מיט אים.

חוה האָט געמיינט, אַז מיטן געבוירן אַ זון האָט זי אַ וואונדער געשאַפן, און זיי זענען מיטבאַטייליקטע צו דער געטלעכקייט, און דערמיט האָט זיך געענדיקט איר מיסיע.

נאָכדעם האָט זי געבוירן נאָך אַ זון און אים אַ נאָמען געגעבן הבל. פאַרוואָס הבל? — ווערט אין פסוק נישט געזאָגט. חוה האָט געטראַכט: זי קאָן דאָך נישט זיין גרעסער פון ג־ט. ער האָט באַשאַפן איין מאַן, און זי האָט באַשאַפן צוויי מענער; איז אויב דאָס איז אַ פּראַצעס ווי ביי יעדער

נפש־חיה און נישט מער, איז דאָך „ומותר האָדם מן הבהמה אין, כי הכל הבל״ — קיין מעלה פון מענטש איבער דער בהמה איז נישטאָ, וואָרום אַלץ איז הבל, און האָט אים געגעבן דעם נאָמען הבל.

קין האָט געהרגעט זיין ברודער הבל, און אָדם און חוה — טאַטע־מאַמע — האָבן אים אַפילו נישט געפרעגט פאַרוואָס ער האָט עס געטון. זיי האָבן נישט באַדויערט, נישט באַוויינט דעם טויט פון זייער זון, ווייל, אַז אַלץ איז הבל, איז צו וואָס באַדויערן? ערשט שפּעטער מיט הונדערט און דרייסיק יאָר האָבן זיי געבוירן נאָך אַ זון, און דאַן האָבן זיי זיך דערמאָנט אין הבלן, און דער אייניקל וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דעם זון האָט מען אַ נאָמען געגעבן „אנוש״! — מענטש, און „אָז הוחל לקרא בשם ד׳״ — דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מענטש איז מענטש, און אַז ס׳איז פאַראַן העכערס פון אים, צו וועמען דער מענטש דאַרף רופן.

דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מענטש איז נישט הבל; אַז מענטשן ווערן געבוירן אַלע גלייך, אַלע קומען זיי אויף דער וועלט מיט גלייכע רעכטן און פליכטן; אַז די קינס וואָס פאַרכאַפּן די גאַנצע ערד, זענען נישט די בעלי־בתים פון דער וועלט. די פאַרכאַפּערס ברענגען נאָר אומגליק פאַר דער מענטשהייט, זיי דערפירן ביז צו ברודער־מאָרד, און זיי אַליין — אַ דור פריער, אַ דור שפּעטער —, מוזן אונטערגיין; און גראָד די הבלס, די אידעאַליסטן וואָס גיבן אָוועק פאַר זייער אידעאַל „מבכורות צאנו ומחלביהן״ — פון דאָס שענסטע און בעסטע וואָס זיי פאַרמאָגן; די הבלס וואָס גיבן אַוועק זייער לעבן פאַר זייער אידעאַל, בלייבט זייער אידעאַל לעבן, און די קינס ווערן, סוף־כל־סוף, פאַרשאָלטן פון ג־ט און לייט.

* * *

קין און הבל, זיי זענען פאַראַן אין אַלע דורות, אויך איצט, תמיד פאַרכאַפּן, און וואָס מער זיי כאַפּן, אַלץ מער ווילן זיי, ביז דאָס אָנגעכאַפּטע פאַלט אַרויף אויף זיי, ווי אַ באַרג און דערשטיקט זיי.

אָט איז פאַראַן אַ לאַנד, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ זעקסטל פון דער ערד, און קאָן זיך נישט באַגנוגענען. עס קריכט אונטערערדיש, אונטערוועלטיש אַריינצוכאַפּן, אַריינגנאַרן נאָך און נאָך. דער קין־גייסט אין זיי קאָן נישט דולדן די יעניקע וואָס ווילן, ווי הבל, לעבן רואיק און אָפּהיטן זייערע אייגענע סטאַדעס, וואָס ברענגען נאָר גוטס פאַר דער מענטשהייט.

דעם ריז קין פאַרדריסט וואָס די קליינע מדינת־ישראל, די יונגע קליינע מדינהלע האָט באַוויזן אין געציילטע עטלעכע יאָר אויפצוטון אויפן סאָציאַלן געביט מער ווי זי, וואָס פאַרמאָגט מער פּאָליציי, מער פאַרשפּאַרטע

מענטשן אין די טורמעס און ביי שקלאַפן־אַרבעט. ווי די צאָל ישראל־בירגער — און דאָס שרעקט איר.

מדינת־ישראל איז אויפגעבויט געוואָרן מיטן כוח פון ריינעם, לויטערן אידעאַליזם פון חלוצים, שומרים, קרן קימת, א צבא הגנה לישראל. געבויט אויף צו פאַרטיידיקן דאָס אידעאַלע, דאָס גערעכטע, לויט דאָס אַלטע יידישע מאָראַל, מיט מאָדערנער טאַקטיק פון נישט סאָלדאַטשינע, נאָר מענטשלעך, וויסנשאַפטלעך. עס וועט זיין נישט איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די מענטש־הייט האָט צו לערנען און לערנט מער פון דער קליינער מדינהלע ישראל, ווי פון דער אומגעלומפּערטער, שטאַרקער, טאָטאַליטאַרער פּרעה־סיסטעם מדי־נה.

דער פּרייוויליקער קאָלעקטיוויזם, קאָאָפּעראַטיוויזם און דעמאָקראַטי־שער מלוכה־סיסטעם וועט באַזיגן דעם געצוואונגענעם קיניזם, וואָס וועט, סוף־כל־סוף מוזן ווערן נע ונד. די געשיכטע מאַלט לאַנגזאַם, אָבער זיכער.

* * *

עס איז פאַראַן אַ זעלטענער מדרש, וואָס זאָגט: „ויצא קין מלפני ד׳, יצא שמחה, פגע בו אָדם הראשון, אָמר לו, מה נעשה בדינך? אָמר לו. עשיתי תשובה ונתפשרתי, התחיל אָדם הראשון, מטפח על פניו ואָמר: כך היא כחה של תשובה ואני לא הייתי יודע; מיד עמד אָדם הראשון ואָמר, מזמור שיר ליום השבת" — אָדם האָט באַגעגנט קינען, ווי ער גייט פריילעך, פרעגט ער אים: וואָס איז געוואָרן מיט דיין דין? ענטפערט ער אים: איך האָב געטון תשובה און מען האָט מיר מוחל געווען; האָט אָדם געזאָגט: אַזוי גרויס איז דער כוח פון תשובה און איך האָב גאָרנישט געוואוסט; האָט ער זיך באַלד אויפגעשטעלט און געזונגען אַ שיר ליום השבת, אַ גע־זאַנג צום טאָג פון אומקערן זיך, פון תשובה טון. — יום השבת, אין זעלבן אויסטייטש ווי „השבת אבידה", ווי „חוק השבות".

לאָמיר האָפן, אַז אין גיכן וועלן אַלע אונדזערע שונאים זינגען דעם שיר פון תשובה און עס וועלן מקוים ווערן די פסוקים ז׳ און י׳ פון קאַפּיטל נ"ב פון ישעיהו, און פון די קינס וועט ווערן הבל הבלים.

נִהְיֶה כְּכָל גּוֹי יִשְׂרָאֵל

לאָמיר זיין ווי דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.
לאָמיר זיין ווי יידן דאַרפן זיין.

אַלע, פון אַלע באַוועגונגען, זענען באַזאָרגט וועגן דער יידישקייט וואָס גליטשט זיך אַרויס פון אונדז, און מיר בלייבן גייסטיק אָרעמער.

אַלע, פון אַלע שיכטן און קלאַסן, אָנערקענען, אַז אונדזער ערגסטער שונא — די אַסימילאַציע — איז אַריינגעדרונגען טיף אין אונדז, אין אונדזערע היימען, אין אונדזער געזעלשאַפט.

אַלע באַדויערן דעם דאָזיקן פאַקט און אַלע זוכן אָנצואווענדן די פּאַסיקע מיטלען זיך קעגנצושטעלן — ווי ווייט מעגלעך — דעם דאָזיקן אינערלעכן שונא.

מיר באַדויערן שטאַרק און מיר גיבן אַפילו אַ זיפץ, טראַכטנדיק וועגן דעם וואָס עס וועט זיין שפּעטער; ביי וואָס וועט בלייבן יידישקייט, ווי וועט זיך עס דערהאַלטן, אויב דאָס ביסל יידישקייט וועט זיך קייקלען באַרג־אַראָפּ אינעם זעלבן טעמפּאָ ווי ביז איצט.

מיר מוזן אָנערקענען, אַז אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָבן מיר אַלע, אָדער כמעט אַלע, אַראָפּגענידערט היפּשע עטלעכע שטאַפּלען. מיר זענען יורדים אין זין פון יידישער טראַדיציע, אין אונדזער אויסערלעכן אויסזען, אין אונדזער שפּראַך און אין אונדזער אייגנאַרטיקער קולטור.

וואַרשיינלעך האָבן מיר געשטיגן אין וועלטלעכער קולטור, דאָס איז זיכער אַ פּלוס.

דער גאון הרב ר׳ שמואל מאָהליווער ז״ל, מנהיג פון די ערשטע חובבי־ציון, פון די ערשטע בויער פון ישוב ארץ־ישראל און פון די ערשטע וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג פונעם פּאָליטישן ציוניזם, געשאַפן פון ד״ר הערצל, האָט געזאָגט: „עס איז פאַראַן אַ גרויסער חסרון אין ירושלים, דאָס וואָס זיי האַלטן אַלס אַ פאַרבאָט צו לערנען די קינדער די אַראַבישע און פראַנצויזישע שפּראַכן, וואָס זענען באמת נויטווענדיק אין אונדזער הייליק לאַנד״. זיכער זענען היינט צו טאָג אַלע מסכים מיט דאָס געזאָגטע פון דעם גדול הרב שמואל מאָהליווער. מיר מוזן אָבער אויך מסכים זיין, אַז דאָס טאָר נישט געמאַכט ווערן אויפן חשבון פון אונדזערע אייגענע שפּראַכן — העבראַיש און יידיש.

איך דערלויב מיך צו זאָגן, אַז עס איז אַ גרויסער אונטערשייד פון לייע־נען אַ בוך, געשריבן אין העברעאיש אָדער יידיש, ווי צו לייענען דעם זעלבן בוך מיטן זעלבן אינהאַלט, פון זעלבן מחבר, געשריבן אין אַן אַנדער שפּראַך.

נישט אומזיסט ווערט ביי אונדז געזאָגט: „אותיות מחכימות" — די בוכשטאַבן מאַכן קליגער.

דאָס יידישע אות, דער יידישער ניגון, דער יידישער וויץ, די יידישע שמחה, דער יידישער טאַנץ, דער יידישער קרעכץ, די יידישע צערעמאָניעס, די קאָנפערענצן, די קאָרעספּאָנדענץ אין יידיש און העבראיש אַפּעלירן צום אויג, צום האַרץ, צו דער נשמה פונעם ייד.

עס איז אַ דערפרייענדיקער פאַקט וואָס מיר פאַרמאָגן ביי אונדז חברות וואָס גיבן זיך אָפּ מיטן פאַרשפּרייטן און איינפלאַנצן יידישע קולטור. עס מוז אָבער גענומען ווערן אין אַכט, אַז קולטור איז נישט קיין אַבסטראַקטע זאַך, נישט קיין סתם אידעאָלאָגיע, נאָר דאָס איז אַ פאַרצווייגטע ממשותדי־קע לעבנס־נויטוועדיקייט; קולטור איז נשמה, געפיל, געפּאָרט מיט מעשים וואָס גיבן אינהאַלט און באַשיינען דאָס לעבן. אָבער עס זענען פאַראַן פאַר־שידענע צווייגן אין קולטור.

עס איז פאַראַן קולטור וואָס אַנדערע שאַפן, איך וואָלט געזאָגט — אַ מינדערהייט שאַפט, און די מערהייט געניסט, צום ביישפּיל: מוזיק, נעציילטע מענטשן, באַגאַבטע מיטן טאַלאַנט אַרויסצוברענגען האַר־מאָנישע טענער פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, און די צוהערער ווערן באַווירקט, אָפּטמאָל ביז צו עקסטאַז.

דאָס גלייכן קאָן געזאָגט ווערן וועגן קונסט־מאָלעריי, וועגן ליטעראַ־טור, וועגן קאָנפערענצן, טעאַטער, בלומען, א"אַ. מיר זעען, מיר הערן, מיר פילן מיט אַלע אונדזערע חושים און מיר געניסן און קוויקן זיך פון זאַכן, וואָס אַנדערע האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט. מיר האָבן גייסטיקע הנאה, אָבער, יעדער איינער בלייבט מיט זיין חלק גענוס, אָבער ביים בעס־טן גוטן ווילן קאָן ער זיך נישט טיילן מיט אַ צווייטן, אפילו נישט מיט די נאָענטסטע פון זיין משפּחה; מען קאָן נאָר איבערגעבן דאָס התפּעלות וואָס רופט אַרויס, אָבער נישט דעם תוכן.

דאָס איז קאָלעקטיווע קולטור. טויזנטער מענטשן הערן דעם קאָנ־צערט פון איינעם, וואָס אין זיין גרעסטן טייל ווערט ער נישט אַריבערגע־טראָגן אין דער היים.

* * *

עס איז פאַראַן אַ צווייג אין קולטור, וועלכן מען מוז אַליין פּראַקטיצירן, אין דער אייגענער היים, מיט די אייגענע פאַמיליען־מיטגלידער, צום ביי־שפּיל:

שבת און יום-טוב: רוען אין די טעג פון שבת און יום-טוב, עסן בע־סערע עסנס, קליידן זיך אין שענערע קליידער, פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אין אַ גוטער געזעלשאַפט — דאָס איז קולטור וואָס יעדער איינער מוז עס מאַכן איינער אליין.

מ׳קאָן אפשר באַמערקן, אַז שבת איז מער אַ סאָציאַלער ענין; ימים־טובים טראָגן מער אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. נו? סאָציאַלע גערעכטיקייט איז דען נישט אַ פּראָדוקט פון העכערער קולטור? זענען די ספּעציעלע טעג אין אָנדענק פון וויכטיקע פאָלקס-געשעענישן נישט קיין אויטענטישער טייל פון שיינע, דערהויבענע קולטור-שטריכן?

ביי יידן איז איבערהויפּט ניט מעגלעך פונאַנדערצוטיילן קולטור פון טראַדיציע, דת פון וועלטלעכקייט, נאַציאָנאַליזם פון יידישקייט.

לאָמיר נעמען אַזאַ זאַך ווי עליה, התישבות, בנין-הארץ. פון וועלט־לעכן שטאַנדפּונקט איז עס נאַציאָנאַליזם, אָבער פון יידישן שטאַנדפּונקט איז עס די גרעסטע מצווה. ישוב ארץ-ישראל איז די העכסטע מדרגה, באַ־זעצן זיך אין ארץ-ישראל איז עקיוואַלענט ווי אַלע מצוות פון דער תורה — אַזוי האָבן אונדז געלערנט אונדזערע חכמים. אָבער די דאָזיקע הויכע קול־טורעלע מצווה-מדרגה דערגרייכט מען, ווען מען ווענדט עס אָן אויף זיך אַליין.

חינוך: לימוד, דערציאונג. ביי די אומות-העולם ווי אויך ביי אונדז איז עס דער „אַלף" און דער „תיו" פון קולטור. אָבער ביי אונדז, יידן, איז עס קולטור און נאָך עפּעס; ביי אונדז איז עס תורה. די תורה זאָגט אונדז אַן מיר זאָלן לערנען אונדזערע קינדער און מיר אַליין זאָלן אויך לערנען, ווייל אין לערנען תורה און זיך האַלטן ביי דער תורה ליגט אונדזער כוח.

מער ווי איינמאָל האָבן אונדזערע שונאים געוואָלט אָוועקרייסן פון אונדז דעם דאָזיקן גייסטיקן כוח, צוזאָגנדיק אַריינצונעמען אונדז ווי גלייכע שותפים צו זייערע כוחות, אָבער עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן.

חינוך, לימוד, תרבות איז פאַר אונדז אַ געזעץ, אַ געבאָט.

לערנען יידן תנ״ך, גמרא, מדרש, און די גאַנצע אַלטע ליטעראַטור לשם וויסן. זיי ווילן זיך באַקענען מיט אונדזער פאַרגאַנגענהייט, מיט אונ־דזער יוסטיץ, אָן קיין אַנדערע כוונות, אָבער צו דער זעלבער צייט, אַפילו שלא בכוונה, איז דאָס איינע פון די וויכטיקסטע מצוות.

לערנען איז חכמה, מאָראַל, עטיק, וויסן, דערציאונג, קולטור אין אַלגע־מיין. זיי זענען אַלץ זאַכן וואָס מען מוז פּראַקטיצירן מיט זיך אַליין.

* * *

און עס זענען פאַראַן קולטורעלע מעשים, וואָס מען טוט עס נישט פאַר זיך נאָר פאַר יענעם.

העלפן עמיצן אין אַ נויט, געבן אַ גמילות-חסד, שטיצן אַנשטאַלטן פאַר עלנטע זקנים, יתומים, קראַנקע אא״וו. זענען קולטורעלע אַקטן וואָס ליי־טערן דאָס הארץ און פיינערן־אויס די נשמות. אָבער ווידער אַמאָל דאָס זעלבע — דאָס זענען אַלץ יידישע מצוות, וואָס אַ ייד מוז זיי טון און דאַרף זיי טון. דאָס איז אַן אינטעגראַלער טייל פון יידישקייט, וואָס זענען חל אויף יעדן ייד.

פאַראַן אַזעלכע, וועלכע טרייסלען זיך אָפּ פונעם געדאַנק „מצוות", ווייל מצוות איז רעליגיע, גלויבן, און זיי גלויבן נישט אין דעם שכר פון מצוות. נו, דאָס איז אַ ריין־פּריוואַטער, אינטימער ענין. אָבער קיינער קאָן נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז די אַלע קולטורעלע מידות וואָס מיר דער־מאָנען אויבן, זענען אַ טייל פון די געזעצן פון יידישן קאָדעקס, צוגעגרייט פון משה רבינו, די נביאים, די אַנשי־כנסת־הגדולה און קאָמענטירט און אויסגעטייטשט פון די שפּעטערדיקע קאָמענטאַריסטן, אין איינקלאַנג מיט די הומאַניטאַרע אומשטענדן.

קולטור, עטיק, היגיענע, צדקה, פאַרטיידיקונג פון די אַרבעטער־אינטע־רעסן, דרך־ארץ, ריינקייט פון פאַמיליען־לעבן, ריינקייט פון דער אויס־שפּראַך, זיין אַ וואָרט־מאַן, נישט אָפּנאַרן אין מסחר א״אַ, זענען זאַכן וואָס געשטאַלטן יידישקייט.

אַפילו דער פאַרבאָט קעגן „פאַוואָריטיזם", קעגן „פּראָטעקציע", קעגן „פּרעפערענץ", זענען אויך קאַפּיטלען פון אונדזערע דינים.

כדאי צו דערציילן פאָלגנדיקן פאַקט: אַ פרוי איז געקומען צום רבי ר׳ עקיבא איגר, און געבעטן ער זאָל שיקן רופן אַ יידן צו אַ דין־תורה וועגן געשעפט־אַנגעלעגנהייטן, און האָט דערביי זיך צעוויינט. האָט רבי עקיבא געזאָגט דער פרוי, אַז ער קאָן שוין נישט משפּטן דעם סיכסוך. דערפאַר וואָס אירע טרערן קאָנען אפשר האָבן אַ ווירקונג אויף אים. טרערן זענען אויך שוחד.

ווי שיין עס איז יידישקייט!

* * *

נו, ווי באַלד אַזוי, אויב די אַלע גוטע מידות איז יידישקייט, איז פאַר־וואָס באַקלאָגט מען זיך אַזוי אויף דער געפאַלנקייט פון יידישקייט? מיר האָבן וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די אַלע אויס־געדעכנטע זאַכן אין וועלכע מיר באַטייליקן זיך אַלס מיטגלידער, און ווי ווייט מעגלעך העלפט מען זיך קעגנזייטיק אויף פינאַנציעל דירעקט און אומ־דירעקט דורך די שותפותדיקע קרעדיט־קאַסעס. פאַר בנין הארץ שטייערט מיט יעדער לויט זיין מעגלעכקייט, אָדער וויפל זיין הארץ דערלויבט אים. און מיט אַ הארץ־פעלער מוז מען זיך רעכענען.

ריכטיק, דער ישוב אלס אזעלכער, פארדינט אין א היפשער מאס דעם כבוד אנגערופן צו ווערן: א שיינער יידישער ישוב. אבער ווען מען באַטראַכט דעם מצב פון יידישקייט אין דער יידישער שטוב, דאַ בייט זיך די פּאַנאַראַמע, און דאַ מערקט זיך די גרויסע ירידה.

די אַסימילאַציע נעמט אַן יעדעס מאָל גרעסערע פּראָפּאָרציעס, און זי לאָזט נישט דורך קיין יידישע שטוב, אין וועלכער מער, אין וועלכער ווייניקער.

קום איך נישט אַנצואווייזן אַ מיטל קעגן דער אַסימילאַציע. עס איז נישט מיין באַרוף. און וועל נישט וואַגן אַריינצוגיין אין דער טיף פון דער דאַזיקער האַרבער פּראַגע, וואָס באַשעפטיקט די מוחות פון אונדזערע בעסטע, גרעסטע מנהיגים. מיין ציל איז נאָר צו רופן די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן יידן, מיר זאָלן זיך אָנשטרענגען און אַריינברענגען יידישקייט ווי ווייט מעגלעך אין דער אייגענער שטוב.

איך זאָג אָנשטרענגען, ווייל איך ווייס אַז ביי פיל, הייסט דאָס מאַכן אַן איבערברוך אין דעם שטייגער לעבן. מען שעמט זיך שוין פאַר זיך אַליין, פאַר די אייגענע קינדער. אָבער דערצו איז פאַראַן אַן עצה.

די עצה איז: „נהיה ככל גוי ישראל" — לאָמיר זיין ווי דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.

דאָס פאָלק ישראל פּראַקטיצירט יידישקייט. רעכטע און לינקע — אַלע זיינען זיי ישראלים לויט דער יידישער טראַדיציע.

אין ישראל איז שבת דער רו־טאָג. די יידישע ימים טובים ווערן אָפּגעהיט און רעספּעקטירט. פּרייטיק פאַרנאַכט ווערן געצונדן ליכט און באַשיינט די טישן מיט בלומען אין אַלע היימען. מען באַנוצט זיך דאָרט מיט אַלע שפּראַכן, אָבער איבער אַלע שפּראַכן איז עברית. ביי אונדז וואָלט מען געקאָנט זאָגן עברית און יידיש.

אַלע דאַרפן מיר ווערן פּראָפּאַגאַנדיסטן — וויבאַלד מיר אַלע אידענטיפיצירן זיך מיט „מדינת ישראל" — מוזן מיר נאָכטון דעם ביישפּיל און אַריינברענגען יידישע טראַדיציע אין אונדזערע פאַמיליעס. און אַז מיר וועלן אָנהויבן, וועלן אונדזערע קינדער, מיט דער הילף פון די יידישע שולעס זיין יידישע קינדער, ווי יידישע קינדער דאַרפן זיין. זיי זאָלן ווייסן ליב צו האָבן דאָס לאַנד, די שפּראַך, די זיטן, ליב צו האָבן זיך אַליין, צו פאַרשטיין דעם ווערט פון דעם אַלטן פאָלק ישראל, מיט זיין אַלטער תורה, אַלטער מאָראַל, אַלטע טראַדיציעס, וואָס זענען שטענדיק פריש און קרעפטיק.

היים און שולע, עלטערן און לערערס, לאָמיר געבן דעם ביישפּיל און די קינדער וועלן אונדז דאַנקבאַר זיין.

יידישקייט

דער פילבארסטער און דעליקאטסטער פראָבלעם, וואָס שטייט איצט אויפן טאָג-אָרדענונג כמעט ביי אַלע שיכטן פון פאָלק, אין אַלע לענדער, איז ווי אַזוי צו דערהאַלטן יידישקייט.

ד"ר הערצל, וועלכער איז געשטאַנען ווייט פון יידישן פאָלק, ווען עס האָט אים אַרומגעכאַפּט דער אומרו וועגן דעם יידן-פּראָבלעם, האָט ער דאָס פאָרמולירט אין פאָלגנדיקן זאַץ: „די יידנפראַגע איז נישט קיין סאָציאַלע און נישט קיין רעליגיעזע פראַגע, הגם זי פאַרמאָגט סיי איינע און סיי די אַנדערע באַפאַרבונג; זי איז אַ נאַציאָנאַלע פראַגע. מיר זענען אַ פאָלק, איין פאָלק".

שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעשריבן דעם „יודענשטאַאַט", זאָגט הערצל: „איך גלויב, אַז עס וועט אויסוואַקסן אַ דור פון וואונדערבאַרע יידן, די מאַקאַביייער וועלן ווידער אויפשטיין, די יידן וואָס ווילן, וועלן זייער מלוכה האָבן! מיר דאַרפן לעבן אַלס פרייע מענטשן אויף אונדזער אייגענעם באָדן און אין אונדזער אייגענער היים רואיק שטאַרבן. די וועלט וועט דורך אונדזער פרייהייט באַפרייט ווערן, דורך אונדזער רייכטום באַרייכערט, און דורך אונדזער גרויסקייט גרעסער ווערן, און וואָס מיר וועלן דאָרט פאַר זיך אַליין אויפטאָן, וועט עס זיין אויך לטובת דעם גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט".

ביי דער דערעפענונג פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין יאָר 1897, האָט הערצל אין זיין רעדע געזאָגט: „דער ציוניזם איז דער אומקער צום יידנטום נאָך פאַרן אומקער אין יידישן לאַנד".

מיר זעען אַלזאָ דריי עטאַפּן אין דער אויסוויקלונג פון הערצלס זעלבסט-רעוואָלוציאָנערן וועג: 1) מיר זענען אַ פאָלק; 2) מיר, יידן, וועלן אויפוועקן דעם מאַקאַביייער-גייסט און אויפשטעלן אַן אייגענע מלוכה, וואָס וועט זיין צום נוצן פון דער גאַנצער מענטשהייט; 3) „דער אומקער צום יידנטום" אַלס בראשית צו אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק און צו אַן אייגענעם מלוכה-לעבן.

און הערצל האָט די דאָזיקע פּראָגראַם דורכגעפירט אין דער פּראַקטיק. אין אַ בריוו וואָס מאַקס נאָרדוי האָט געשריבן צו איינעם פון זיין פאַמיליע, זאָגט ער: „איך בין נאָר-וואָס אָנגעקומען אין באַזעל און בין גלייך אַוועק זוכן הערצלען. איך האָב געדונגען אַ וואָגן און געפאָרן אין שיל, ווייל איך

האָב געוואוסט, אַז הערצל געפינט זיך דאָרט. אָבער איך האָב פאַרגעסן אַז עס איז שבת. אַז אַנשטאָט צו טרעפן אין שיל נאָר דעם שמש אַליין, בין איך אָנגעקומען אין מיטן דאַווענען און געטראָפן הערצלען איינגעוויקלט אין טלית. דאָס האָט מיך לחלוטין איבערגעראַשט. מען האָט מיך געוואָלט אויפרופן צו דער תורה, אָבער איך האָב זיך אַנטזאָגט און בין אַוועק פון דאָרט אַ צערודערטער". אין צוואַנציק יאָר אַרום, האָט דער זעלבער, צו וועמען דער אויבנדערמאָנטער בריוו איז געשריבן געוואָרן, געזען נאָרדוין דעם סקעפּטיקער אַליין, איינגעוויקלט אין אַ טלית, ווען ער האָט געלייענט עמאָציאָנעל אייניקע פּרשות פון דער תורה און האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פאַרצייטיקער שיינער מנהג.

פון דעם איז געדרונגען, אַז אָט די צוויי גייסטיקע ריזן וואָס זענען געוועזן דערווייטערט פון יידישן לעבן און זיך פיין אַריינגעלעבט אין פרעמדע ספערן, כמעט ווי פאַרלוירענע פאַרן יידישן פאָלק, ווען זיי האָבן דורך אַ צופאַל זיך אַליין געפונען און זיך אומגעקערט צוריק צו זייער שורש, האָבן זיי מיט זייער פילאָזאָפישער לאָגיק פאַרשטאַנען, אַז ראשית־כל מוזן זיי זיך פאַרבינדן מיטן עבר. אָן עבר איז נישטאָ קיין עתיד. וואָס איז דען אייגנטלעך פאַטריאָטיזם, אויב נישט דער פעסטער בונד פון דעם נעכטן מיטן היינט און מיטן מאָרגן? אַ לאַנד — דאָס איז אַ שטח ערד, וואָס אַ געוויסע צאָל מענטשן באַזיצן און באַאַרבעטן. אַ פאָלק — איז אַ צאָל מענטשן, וואָס זענען איינגעלעבט צוזאַמען מיט זייערע טראַדיציעס, געוואוינהייטן, שפּראַך און לעבנס־שטייגער.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער אונטערשייד פון די מאַקאַבייער און בר־כוכבא? בר־כוכבא האָט אַרויסגעוויזן נישט ווייניקער העלדנמוט פון די מאַקאַבייער. דער קאַמף וואָס ער האָט געפירט קעגן די רוימער איז געווען געוואַגטער און מוטיקער ווי די מלחמה קעגן די יוונים. דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער באַוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע גבורה און האָט געמאַכט ציטערן די גאַנצע רוימישע אימפּעריע, און צום סוף האָט ער פאַרלוירן די שלאַכט. וואָס האָט פּאַסירט? — די לעגענדע קלערט עס אויף.

די מאַקאַבייער זענען אַרום מיט דער לאָזונג: „מי כמוך באלים ד'", אָדער „מי לד' אלי". זיי האָבן געפירט דאָס פאָלק אין מלחמה, מיטן גייסט וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט אין אים פון דורות־לאַנג; מיט דעם בונד, וואָס אונדזערע אָבות האָבן געשלאָסן מיט מאָנאָטעאיסטישער געטלעכקייט, מיט דעם זעלבן סימבאָל וואָס האָט זיי באַפרייט פון מצרים און איינגענומען דאָס לאַנד וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן צו אברהם, יצחק און יעקב. בר־כוכבא האָט באַזייטיקט דעם צענטראַלן ירושה־אידעאַל, זאָגנדיק, אַז ג־ט זאָל מער נישט העלפן, נישט אים און נישט די שונאים, פאַרלאָזנדיק זיך בלויז אויף דער פיזישער גבורה. בר־כוכבא האָט מינדערגעשעצט דעם עבר,

די אַלטע טראַדיציע, און אָן טראַדיציע ווערט דער גייסט אָפּגעשוואַכט.

איז דען אונדזער קאַמף פאַר ארץ־ישראל נישט געבונדן בלויז מיטן עבר? האָבן מיר דען נישט אָפּגעוואָרפן דעם אָנבאָט פון גרעסערע טערי־טאָריעס, ווייל מיר האָבן זיך נישט גערעכנט מיטן עתיד? ווער קאָן עס אָפּשאַצן דעם כוח פון טראַדיציע!

* * *

מיט יאָרן צוריק איז געווען אַ יידנפראַגע. מיליאָנען יידן האָבן גע־לעבט מיטן טאָג, נישט וויסנדיק וואָס עס קאָן געשען מאָרגן. דער ייד איז געווען ווי אַ שטעכעדיקער דאָרן אין די אויגן פון די פעלקער, דערפאַר, וואָס יידן אַסימילירן זיך נישט. דאָס איז געווען דער אַרגומענט צו באַרעכ־טיקן די שנאה צום ייד; און אין די לענדער וואו יידן האָבן זיך יאָ אַסימי־לירט, פלעגט די שנאה אויסברעכן מיט נאָך מער ווילדקייט, אָנגעבנדיק כלומרשט עקאָנאָמישע אָדער ראַסישע סיבות. אַזוי צי אַנדערש, איז די יידנפראַגע נישט אַראָפּ פון סדר־היום, אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט יידישקייט, וואָלט דעמאָלט אויסגעקומען משונהדיק, ווען מען רעדט גאָר וועגן דעם.

יידישקייט איז געווען איינע און אַ גאַנצע, אין שטוב, אין גאַס. פון אויפשטיין ביז צום לייגן זיך שלאָפן, איז אַלץ געווען רעגלאַמענטירט. עס איז געווען אַ ספר „שולחן ערוך" מיט תקנות, ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוהג זיין דורכן טאָג, וועגן היגיעניזירן דעם קערפּער, וועגן דרך־ארץ, גוטער אויפפירונג, וועגן שבתים, ימים־טובים, — מיט איין וואָרט — אַלע מענטש־לעכע באַדערפעניש‌ן: מסחר, מלאכה, לערנען זענען געווען אויסגעפּילט מיט יידישן שטייגער.

אין אַלע צייטן זענען געווען יחידים, וואָס האָבן נישט געוואָלט טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון די אויבנדערמאָנטע תקנות — אפּיקורסים, האָט מען זיי גערופן. אָבער דאָס האָט נישט פאַרמינערט די פעסטונג פון יידישקייט. פונקט ווי עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען נישט מסכים, אָדער פאָלגן נישט אוים די געזעצן פון לאַנד, מיינט עס נישט צו זאָגן, אַז איבער דעם ענדערט זיך די אָרדענונג פון דער מדינה.

איצט איז די לאַגע גאַנץ פאַרשידן, ווייל די פראַגע איז נישט בלויז, ווי אַזוי צו דערהאַלטן יידישקייט, נאָר אויך, וואָס פאַרלאַנגען מיר פון דעם באַגריף יידישקייט?

די „אגודת־ישראל" האַלט זיך פעסט ביי אַלע דינים און מנהגים וואָס עס זענען געגעבן געוואָרן פון משה רבינו, ביז צו די פיר טורים מיט אַלע זייערע מפרשים, פון וועלכע מען טאָר זיך נישט אָפּזאָגן.

די „מזרחיסטן" פּרעטענדירן צו לעבן על־פּי תורת־ישראל, נאָר זיי זע־נען מער ליבעראַל, זיי זענען מוותר אויף באָרד און פּאות. אויסערלעך זע־

נען זיי מאָדערנע מענטשן. אין גאַס איז שווער אונטערצושיידן פון אַ „מזרחי" ביז אַ סתם אַ יידן, לויטן כלל „היה אָדם בצאתך ויהודי באהלך" — זיי אַ מענטש אין גאַס און אַ ייד אין שטוב.

עס זענען פאַראַן רעפאָרמיסטן וואָס האַלטן זיך פאַר גוטע יידן, גלייך ווי די אויבנדערמאָנטע, וועלכע פאַסן זיך צו צו דעם לעבנס-שטייגער, צו דער סביבה און צו די אומשטענדן. די רעליגיעזע טייל באַשטייט ביי זיי בלויז אין אַ צערעמאָניע ביים אָפּריכטן גאָטעס-דינסט אין טעמפּל. פון די רעפאָרמיסטן זענען אויך פאַראַן מער עקסטרעמע און ווייניקער עקסטרעמע, לויט ווי עס איז איבעראַל באַקאַנט.

עס איז אויך פאַראַן אַ קאָלעקטיווע יידישקייט און אַ קאָלעקטיווע נישט-יידישקייט. די קאָלעקטיווע יידישקייט באַשטייט אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. פיל הייזער, וועלכע זענען אויסגעליידיקט פון אַלץ וואָס יידיש איז, זענען אָבער מיטגלידער פון יידישע פילאַנטראָפּישע, נאַציאָנאַלע, מוטואַליסטישע, דערציערישע, עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וואָס גיבן דעם קאָלאָריט פונעם יידישן געמיינדע-לעבן; און פאַראַן אַזעלכע, וואָס שטעלן פאָר אַ קאָלעקטיווע נישט-יידישקייט, וואָס שלעפּן זיך נאָך בלינדערהייט נאָך אידעאָלאָגיעס וואָס ווילן עוקר-מן-השורש זיין אַלץ, וואָס האָט צו טון מיט יידישקייט, כאָטש אין זייערע היימען זענען נאָך פאַראַן סימנים פון יידיש-לעבן.

פון דעם אַלעם געזאָגטן שטעלט זיך די פראַגע ביי אונדז, פּשוטע יידן, וואָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַלס יידישקייט?

מען טוט אַ סך פאַר יידישער דערציאונג. געבענטשט זאָלן זיין אַלע יענע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט חינוך-הבנים. יעדע שולע, וואָס יידן בויען אויף צו לערנען יידישע קינדער, איז אַ פעסטונג פאַרן המשך און קיום; יעדע אינסטיטוציע וואָס גיט זיך אָפּ מיט אויפקלערונגס-אַרבעט, מיט לערנען אַ מלאכה, מיט ספּאָרט פאַר יידישער יוגנט, איז אַ זייל פאַר יידישער דער-האַלטונג. די יונגע קינדער, וועלכע קומען אין אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווייסן אַז זיי קומען אַהין צוליב דעם וואָס זיי זענען יידישע קינדער, אָבער עיקר חסר מן הספר, וואָס ווייסן זיי פון פראַקטישער יידישקייט?

יידישקייט דאַרף זיך דאָך אין עפּעס אויסדריקן, אין עפּעס ספּעציפי-שעס, וואָס זאָל בולט באַווייזן די אייגנאַרטיקייט פון יידיש-לעבן.

הערצל, דער געניאַלער וועקער פון נאַציאָנאַלן גייסט, האָט דער ערש-טער פאַרשטאַנען, אַז אויף אידעאָלאָגישן נאַציאָנאַליזם אַליין קאָן זיך אַ פאָלק אין דער פרעמד נישט דערהאַלטן, און ער האָט פראָקלאַמירט פון דער ערשטער נאַציאָנאַלער טריבונע אין גלות, אַז דער ציוניזם איז דער אומקער צום יידנטום נאָך פאַרן אומקער אין יידישן לאַנד, און ער האָט עס מקיים געווען.

עזרא און נחמיה, וואָס זענען געקומען צוריק פון בבל קיין ארץ־ישראל, האָבן איינגעזען, אַז אַפילו זייענדיק אין לאַנד, אין ארץ־ישראל, ריידנדיק לשון־קודש, איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז יידישקייט זאָל אונטערגיין, און אויב יידישקייט וועט אונטערגיין, וועט ממילא אונטערגיין די יידישע אומה מיט איר גאַנצן רייכן קולטור־פאַרמעגן, און זיי האָבן אַנגענומען שטרענגע, אַפּי־לו אומברחמנותדיקע מיטלען צו רייניקן די ייִדיש־נאַציאָנאַלע אַטמאָספער. זיי האָבן אויסגערייניקט דאָס לאַנד פון די געמישטע חתונות. זיי האָבן גע־וואוסט, אַז סוף־כל־סוף קומען פון די געמישטע חתונות אַרויס שונאים פון יידישן פאָלק, איז נישט דער ערשטער איז דער צווייטער, דער דריטער דור. זיי האָבן פאַרמאַכט די טויערן פון ירושלים דעם גאַנצן טאָג שבת, קיין פרעמדע זאָלן נישט אַריינקומען מאַכן מסחר אום שבת. זיי האָבן איינגע־פירט צו לערנען תנ"ך דריי מאָל אין וואָך — מאָנטיק, דאָנערשטיק און שבת. לעבן אין ישראל און ריידן עברית, איז נאָך נישט גענוג אויף איינ־צוהאַלטן די יידישע גייסטיקע ווערטן, בפרט אין גלות קאָן מען אַפילו נישט טראַכטן, אַז דער ציוניזם וועט קאָנען זיין גענוג צוצובינדן די קומענ־דיקע דורות צום יידישן פאָלק, און דערפאַר דאַרפן די ציונים פאַרזעצן הערצלס געדאַנקען־גאַנג צום פראַקטישן יידנטום.

ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט זיך מיר אַ שמועס מיטן ד"ר קריינין, ווען ער איז געווען אין אַרגענטינע אין יאָר 1928, ווי אַ דעלעגאַט צום אי־מיגראַציע־קאָנגרעס. דאָן האָט ער דערציילט, אַז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער רוסישער רעוואָלוציע, פלעגן זיך צונויפטרעפן יידישע אינ־טעלעקטואַלן ביי ביאַליקן אין שטוב, אין מאָסקווע, און ביי אַ גלעזל טיי, דאָס הייסט, עס איז נישט געווען קיין טיי און נישט קיין צוקער, האָט מען געטרונקען הייסע וואַסער און מען האָט געשמועסט וועגן דער צוקונפט פון יידן אין רוסלאַנד. קריינין האָט געהערט צו דער פאָלקיסטישער גרופּע, אָבער — האָט ער מיר געזאָגט —, געגלייבט (?) אַהער, געגלייבט אַהין, אָבער דער שלום איז געווען, אַז יידן מוזן האָבן אַן אייגן ווינקל אויף דער ערד, און אויב אַן אייגן ווינקל — איז עס נאָר ארץ־ישראל.

אַלס אַ פשוטער ייד, דאַכט זיך מיר, אַז ריידן אַהין, ריידן אַהער, אויב מיר מיינען באמת איינצוהאַלטן דאָס יידישקייט, ווייל דאָס איז די וויכטיק־סטע באַזע איינצוהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק כל־זמן ער איז אין די תפוצות, מוזן מיר זיך אַ קער טון צו דער יידישקייט, און זיך נישט שעמען צו זאָגן, צו אַ טראַדיציאָנעלער יידישקייט. אַ טראַדיציאָנעלע וויל נישט זאָגן אַ פאַנאַטישע, נאָר אַ חפץ־חיימדיקע יידישקייט, וואָס פאַרשטייט, אַז אַלע מידות־טובות זענען יידיש; יידישקייט דורכגעדרונגען מיט עטיק, און טאַקע מצוות־מעשיות, וואָס באַשיינען דאָס לעבן, ווי: שבת, יום־טוב, ווי איינצו־האַלטן דאָס יידיש ריידן אין שטוב, ווי לערנען עברית, לערנען תנ"ך אאַ"וו.

מײַן שפּאַציר איבער ארץ ישׂראל

ווי אַזוי איך בין מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט אָנגעקומען קיין ארץ־ישׂראל, איז שווער צו דערקלערן. זאָל עס זײַן אַ פאַקט, צי אַ חלום, וואָס איז דען דער אונטערשייד? איז דען נישט דאָס גאַנצע לעבן ווי אַ חלום? די נפקא־מינה איז נאָר, וואָס איינער ווייסט ווי אַזוי אויסצו־חלומען אַ לעבן וואָס בלײַבט לעבעדיק, זײַנע מעשׂים זענען נוצלעך, אַז די נאָכקומענדיקע דורות זאָלן שפּינען, וועבן און ציִען ווײַטער און ווײַטער די וויזיע פון די חלומות, אָן אַ סוף. גוטס, חכמה און לערנען כדי צו וויסן, האָט קיין סוף נישט; און בײַ איינעם גייט אַוועק דאָס לעבן אין אַ פּוסטן חלום. פון זײַן געבוירן־טאָג אָן הויבט ער אָן צו שטאַרבן און שטאַרבט אָפּ זײַן גאַנץ לעבן, מינוטנווײַז, טעגווײַז, יאָרנווײַז. ער איז געקומען מיט גאָרנישט, געפּטרט די צײַט אויף גאָרנישט, ביז ער ווערט — גאָרנישט.

עס איז נאָר געווענדט אין ווילן, — אַזוי האָט אונדז געזאָגט דער גרעס־טער בעל־החלומות פון אונדזער צײַט — ד״ר טעאָדאָר הערצל.

האָבן אומזעבאַרע פליגלען מיך אַ הויב געטון, שטיל, אָן רעש, אָן טומל, אָן קיין געקלאַפּערײַ, און מיך געבראַכט אונטער די הימלען פון מדינת־ישׂראל.

האָב איך געבעטן, די פליגלען זאָלן זיך האַלטן וואָס מער צײַט אין דער לופטן, שטיל, מחמת פאַרשידענע טעמים:

— מיר זענען אַזויפיל יאָרן געווען לופט־מענטשן, אָבער די לופט איז געווען אַ פאַרפּעסטעטע, ממש נישט צו אָטעמען, און אויך דאָס האָט מען אונדז נישט פאַרגונען; האָט זיך געוואָלט כאַפּן וואָס מער ריינע, פרייע כשרע, יידישע לופט.

קומענדיק פון לענדער, אויף וועלכע ס׳איז געזאָגט געוואָרן „לא כל המרבה בסחורה מחכים״ — נישט אַלע וואָס פאַרמערן און פאַרגרעסערן זייערע מסחרים ווערן דורכדעם קליגער, האָב איך זיך געוואָלט פאַרהאַלטן וואָס מער צײַט אין דער לופט, אויף וועלכער ס׳איז געזאָגט געוואָרן:

„אווירא דארץ ישראל מחכים״ — די לופט פון ארץ־ישראל מאכט קליגער, כדי איינצוזאפן אין זיך וואס מער ריינקייט און לויטערקייט, וואס שטראלט ארויס פון דער חכמה פון ציון און ירושלים.

און די חכמהדיקייט פון ציונס חכמה, וואס באשיינט און באקרוינט דעם ציוניזם, די מדינה, די מלוכה, דאס פאלק, איז אפגעשפיגלט אין דער פערזאן פון דעם נשיא, יצחק בן־צבי, ירום הודו, מיט זיין באשיידנקייט, מיט זיין יידישקייט, און וואס איבער אלע טיטלען שטייט ביי אים העכער דער טיטל „עברי אנכי״, וואס קאן דינען ווי א מוסטער פאר אלע לענדער און פעלקער, בפרט פאר אונדז יידן.

צו דעם אלעם געזאגטן, ווילט זיך ארייננכאפן א ביסל ריינע, נאטירלע־כע לופט, וואס געפינט זיך נאך לעת־עתה אין דער הויך צווישן הימל און ערד, איידער די מענטשן האבן זי פארפעסטעט, ווייל לעצטנס האט זיך די אונטערערדישע אטמאספער זיך אנגעפילט מיט אזוי פיל אומגעזונטע, עקל־האפטע שטאפן, אז עס איז ממש דערשטיקט צו ווערן. איין טייל קוקט ארויס, אז דער צווייטער טייל זאל דערשטיקט ווערן פריער, און די דער־שטיקעניש דערגרייכט שוין צו אזא מדרגה, אז די מענטשן שיקן שוין ארויס מעכאנישע שפיאנען צו שאפן זייערע אומריינע נעסטן, אויך אין די סאמע הויכקייטן, ביז צו די אנדערע פלאנעטן, וואו ס׳איז העכער ווי הויך.

כאטש די ריכטיקייט געזאגט, ווייס איך נישט ווי מען קלאסיפיצירט אזעלכע זאכן, צי דאס וואס עס איז העכער איז ריינער, אדער צי דאס וואס איז ריינער איז העכער. אלנפאלס, אונדז האט מען געלערנט „והייתם נקיים מד׳ ומישראל״ — מען זאל זיין ריין פאר ג־ט און פאר לייט, דאס וויל זאגן, מען זאל זיין ריין אויך פאר דעם אייגענעם געוויסן, אויב מ׳וויל זיין א ייי־דישער ישראל.

שוועב איך מיט די נישט־געזעענע פליגלען אין דער דורכזיכטיקער לופט פון ישראל און פיל מיך אזוי גוט, וואס איך געפין מיך פריי, נישט איינגעקאוועט אין דער ציוויליזאציע פון אייזן, אדער אין דער אייזערנער ציוויליזאציע, וואס גרילצט פליענדיק מיט רעש, מאכט אן א געפילדער און לאזט נאך זיך דעם מיאוסן ריח פון נאפט.

אגב, באשטעטיקט עס דעם מאמר חז״ל, וואס מיר ברענגען אויבן. נאפט, איז היינט צו טאג איינער פון די גרעסטע מסחרים, און די נאפט־סוחרים פארנארישן און פארנארן, נארן ארויס און נארן אריין, מאכן פילע צום נאר און ווערן נאר עס לאזט זיך, און מיט זייערע נארישע חכמות פארמערט זיך די נארישע רשעות אויף דער וועלט.

מען וואלט געקאנט פאראפראזירן דעם פסוק „לב מלכים ושרים״ —

דאָס האַרץ פון די מלכים און די רעגירער איז אין די הענט פון די נאַפּט־באַזיצערס.

שוועבנדיק אין דער הויך, האָב איך דערהערט די מתיקותדיקע געזאַנגען פון אַרבעט, וואָס קומען אַרויף פון דער ארץ־ישראל ערד; געזאַנגען, וואָס רופן אַרויס נשמה־בענקעניש, ווי פון האַרציקע תפילות, ווי פון די איידלסטע סטרונעס וואָס גיבן אַרויס געטלעכע קלאַנגען און פאַרמאָגן אַן אויסערגעוויינלעכע צוציִאונגס־קראַפט. און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די פליגלען אויפן באָדן פון ארץ־ישראל.

אין מדינת־ישראל זענען אַלע יידן באַפליגלט, ביי יעדער געלעגנהייט — און די געלעגנהייטן זענען ממש אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג — ביי וועלכע זיי דערהויבן זיך ווי די אָדלערס, מיט שטאָלץ, מיט ווירדע, מיט גבורה און קדושה.

אמת, נישט אַלע און נישט אַלעמאָל פליען זיי אין דער זעלבער ריכטונג, אָבער אין תוך פליען זיי אַלע צו איין־איינציקן דערהויבענעם ציל — צום גוטס און וואוילזיין פון דער מדינה.

למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז אויך אין ישראל זענען פאַראַן — צום גליק גאָר אַ קליינע צאָל — אַן פליגלען, וואָס שלעפּן אַראָפּ, וואָס זינקען אין זומפּ פון אָפּפאַל, וואָס זענען פאַרוועדעמט פון פאַרראַט. און ווי אַזעלכע ווערן זיי באַטראַכט. דאָס זענען פון די זעלבע וואָס רופן זיך ביי אונדז „פּראָגרעסיווע". עס איז אָבער נישט פאַראַן קיין איין זאַך אָן פּסולת.

* * *

בין איך געבליבן ערגעץ שטיין אויף אַ פּלאַץ, אַרום און אַרום ערד, ביז וואַנען די אויגן דערגרייכן צו זען, זעט מען ארץ־ישראל־ערד.

אין ישראל זעט מען ווייט. און מדינת־ישראל איז אויפגעקומען פון ווייטזעעוודיקייט. אויב עס זענען איצט נישטאָ קיין נביאים, איז אָבער געבליבן די אייגנשאַפטן פון „רואה", פון „חזון", פון זען דאָס ווייטערדיקע, דאָס שפּעטערדיקע. אָן דעם דאָזיקן גייסט פון זען, פאַרשטיין און גלויבן אין דער צוקונפט, וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין זעלבסטשטענדיקע מדינה.

ד"ר הערצלס נביאישער בליק; ד"ר וויצמאַנס פעסטער גלויבן אין נצח־ישראל; מנחם מענדל אוסישקינס זיכערקייט אין די אייגענע פאָלקס־כוחות, אַז געזונטע וואָרצלען קאָנען געראָטן נאָר אויפן אייגענעם פאָלקס־באָדן; די שומרישע קרבנות־גרייטקייט; די חלוצישע אויסדויערונגס־קראַפט; דוד בן־גוריונס נסימדיקע אונטערנעמונגס־ פאַרזיכטיקע אייגנ־שאַפטן; ד"ר נחום גאָלדמאַנס ברייט־אַרומנעמענדיקער בליק איבער עס־

ישראל און ארץ־ישראל צוזאַמען, א"א — אַט די אַלע זאַכן זענען דאָך שטריכן פון אונדזערע נביאים, פון דער דערשיינונג פון באַרג־סיני, וואָס פּילן־אָן דעם חלל פון דער מדינה.

* * *

און אַט ווער איך פאַרטראַגן אין מדבר סיני.

סיני, איז אַזוי פריש און אַזוי אַלט אין אונדזער זכרון!

איז דאָך דער וואונדער וואָס אונדזערע העלדישע זין און טעכטער האָבן באַוויזן ערשט מיט איין יאָר צוריק; אַ קאָנסעקווענץ, אַ פאָרזעצונג פון יענעם ערשטן מאַרש פון די בני־ישראל, געפירט פון משה רבינו צום הר־סיני.

די וואונדער פון סיני זענען אָן אייביקייט, וואָס ווערן קיינמאָל נישט איבערגעריסן. די קולות, די דונערן און בליצן וואָס האָבן אַרויסגעפלאַמט פון די פלאַם־פייערדיקע ווערטער פון די עשרת־הדברות, הערן זיך און זייער קול ווערט נישט פאַרמינערט, און וועט געהערט ווערן אויף אַלע אייביקייטן, וואָס זענען ליכטיקער און דויערהאַפטיקער פון די גרעסטע אַרטיפיציעלע סאַטעליטן.

די צען געבאָט, טראָץ די הונדערטער יאָרן וואָס זיי זענען אויסגעדערנערט געוואָרן, טראָץ זייער שיינענדיקער בליץ־ליכטיקייט און איינפאַכקייט, זענען נאָך אַלץ ניי, ווי היינט אַרויסגעזאָגטע, און היינט, ווי דעמאָלט, ציטערט מען נאָך פאַר מורא צו הערן ג־טס וואָרט...

די בני־ישראל, וועמען ס'איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אָפּצוהיטן, לערנען און פאַרשפּרייטן די זעלבסטפאַרשטענדלעכע צען הומאַניטאַרע רעגלען פון גוטן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, היטן עס אָפּ, און טראָץ דעם וואָס מ'קאָן גאָרנישט אויסרעכענען די מיליאָנען מענטשלעכע קרבנות וואָס עס האָט אונדז געקאָסט, איז אָבער אונדזער תורה געבליבן גאַנץ, און אַ דאַנק דעם זענען מיר געבליבן אַ פאָלק, וואָס וועט נאָך שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון פעלקער.

איך בין אַביסל אַראָפּ פון דער טעמע, אָבער, ווי קאָן עס אַ ייד זיין ביים באַרג־סיני, און זיך נישט פאַרטראַכטן וואָס דער סיני באַדייט פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

פונקט ווי משה רבינו האָט געמוזט צוגרייטן דאָס פאָלק דריי טעג צו דערגרייכן צום קולמינאַציע־פונקט, האָט אויך משה דיין דורכגעפירט דעם נס: דריי טעג געפירט דעם חיל און אויפן פערטן טאָג איז זיין מאַרש געקרוינט געוואָרן מיטן גרעסטן דערפאָלג, וואָס וועט אויך אַריינגערעכנט ווערן צווישן די גרויסע נסים.

דער צבא־הגנה־לישראל האָט פֿאַראייביקט זיין רום און פֿאַרצייכנט איינע פֿון די שענסטע בלעטער אין דער געשיכטע פֿון ישראל און פֿון דער מיליטערישער קונסט און טאַקטיק פֿון די פֿעלקער.

פֿליענדיק אין דער לופֿט, האָב איך באַמערקט איין וויכטיקן אונטער־שייד פֿון דעם ערשטן נס־סיני ביז צום צווייטן.

ביים ערשטן נס איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז די פֿרויען זאָלן זיין אָפּגע־זונדערט, און דאָס אָפּגעזונדערטקייט דערקלערט זיך ווי אַ לאַגיש־געדעכ־טע.

דאָס פֿאָלק איז גערופֿן געוואָרן צו נעמען אויף זיך התחייבותן פֿון גרויס פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט; זעקס הונדערט דרייצן מצוות וואָס גע־שטאַלטן און דיסציפּלינירן די יידישע אומה ווי אַזעלכע — דאָס דאַרפֿן און מוזן נעמען אויף זיך די מענער.

די פֿרויען, מיט זייערע פֿליכטן אַלס מוטערס, וועגן אַריבער די אַלע געזאָגטע מצוות, דערפֿאַר וואָס אויף זיי איז געפֿאַלן דער גורל צו האָדעווען, דערציען און איינפֿלאַנצן אין די יונגע קומענדיקע דורות די ליבשאַפֿט, די געטריישאַפֿט, די צוגעבונדנקייט מיט לייב און לעבן צום יידישן פֿאָלק, צום יידישן לאַנד, צו דעם יידישן שטייגער לעבן, צו זייער תורה, צו יידישער טראַדיציע און מאָראַל.

די דאָזיקע פֿליכט פֿון דער יידישער מוטער איז כולל אַלצדינג וואָס ס׳איז אָנגעזאָגט געוואָרן אויפֿן באַרג־סיני, און איר דערפֿילונג פֿאָדערט אַזוי פֿיל אינטעליגענץ, מי, פֿיזישע און מאָראַלישע כוחות, אַז מען קאָן נישט און מ׳טאָר נישט באַלעסטיקן איר מיט נאָך דירעקטע פֿאַרפֿליכטונגען.

די פֿרוי איז די היים, און יידיש־היים וויל זאָגן יידיש לעבן, יידיש דענ־קען, יידישער שטאָלץ און קאַמף פֿאַר יידישקייט און פֿאַר דער ריינקייט, פֿאַר אַן אידעאַלער יידיש היים. דעריבער זענען די פֿרויען געווען פֿריי פֿון גיין צום באַרג, און איצט ?

ביים איצטיקן מאָמענט, זענען אונדזערע שוועסטער אַ טייל פֿון דעם העלדישן צבא־הגנה־לישראל.

אונדזער העכסטע, אויפֿריכטיקסטע אָנערקענונג פֿאַר אונדזערע בראַווע, פּאַטריאָטישע, געטרייע, העלדישע טעכטער, וואָס צוזאַמען מיט זייערע ברי־דער און חברים גייען זיי אויפֿן פֿראָנט, מיטן ביקס אין האַנט, טוענדיק דיסציפּלינירט אַלע אַרבעטן וואָס ווערן אויף זיי אָרויפֿגעלייגט, שטעלנדיק אין סכנה זייער לעבן פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער מדינה אין קריטישע מאָמענטן.

דאָס וועט פֿאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין אונדזער היסטאָ־ריע. אָבער איך וועל מיך דערלויבן צו זאָגן, אַז שטאָלצירן מיט דעם לוינט

נישט און מען טאָר נישט; דאָס דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ ציטווייליקע, נישט־געוואונטשענע נויטווענדיקייט. דאָס איז אַ בכבודיקער, רומפולער זשעסט מצד אונדזערע טייערע שוועסטער, וואָס אומשטענדן צווינגען אַרויף אויף דער מדינה און ווערט אויסגענוצט לטובת דער מדינה, ווען און וואו מען דאַרף.

* * *

און פון סיני פאַרטראָגט עס מיך צום קבר פון דוד המלך.

דוד, דער קעמפער פאַרן יידישן כבוד, דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידי־שער מלוכה, דער משורר פון די איידלסטע געפילן.

דוד, וועלכער עקזיסטירט פאַר אונדז אויף אייביק ווי לעבעדיק, פון וועמענס געדעכעניש מיר דערוואַרטן די גאולה־שלימה, וואָס זאָגט ער אונדז, וואָס לערנט ער אונדז מיט זיין געטלעך פידעלע?

אָט דער דוד, וואָס האָט זיך ייִנגלווייז נישט אָפּגעשראָקן פאַר דעם גרויסן גוי גלית, האָט דורכגעמאַכט ציטן, ווען ער האָט זיך געמוזט באַהאַלטן; ציטן, ווען ער האָט געמוזט באַוואוסטזיניק זיך מאַכן נאַריש; ציטן ווען ער איז אַפּגעטראָטן פון ירושלים, וויל אַזוי האָבן געפאָדערט די אומשטענדן, וויל ער האָט געוואָלט אויסמיידן בלוט־פאַרגיסונגען; ער האָט פאַר־שווינגן זיינע קעגנערס כדי צו פאַרמיידן אַ ברודער־קריג.

דוד האָט איבערגעלעבט אַ צייט פונקט ווי די איצטיקע, אַרומגערינגלט פון שונאים, מיט פאַלשקייט, מיט ביזווייליקייט, און אין אַ מאָמענט פון אַנגסט האָט ער אויסגעזונגען: „ בצרתה לי קראתי ויענני" — אין מיין נויט האָב איך גערופן און ער האָט מיך געענטפערט; ג־ט ראַטעווע מיך פון די פאַלשע ליפּן, פון דער ליגנערישער צונג. וואָס גיט און וואָס ברענגט די פאַלשע צונג? — פיילן מיט קוילן, ווי מיר! איך וואוין ביי די געצעלטן פון שונאים, ביי שונאים פון שלום. איך רעד צו זיי שלום און זיי זענען פאַר מלחמה". (תהילים, ק"כ.).

זענען עס נישט קיין צוגעפּאַסטע ווערטער פאַר דער איצטיקער צייט? איז מען אין יענער צייט נישט געקומען צו דודן מיט דער טענה „עמך ישר־אל צריכין פרנסה" — דיין פאָלק ישראל דאַרף האָבן פרנסה, דאָס לאַנד קאָן אַליין נישט אויסהאַלטן, און דוד האָט זיי געענטפערט: — גייט, פאַר־שפּרייט זיך מהנותוויז, זוכט פרנסה קאָלעקטיוו. און מיר הערן איצט דעם זעלבן אָפּקלאַנג. איצט, אין דער מאָדערנער צייט, רופט מען עס „אָפּאָ־זיציע". מען גיט אַוועק איבעריקע צייט און ענערגיע אויף קריטיק, אויף אויסזוכן פעלערן, אויף צו זאָגן פון דער טריבונע פון כנסת זאַכן וואָס וואָלטן נישט געדאַרפט געזאָגט ווערן, וואָס שונאים וואָלטן עס נישט געדאַרפט וויסן, בפרט איצט, אין אַזעלכע פאָליטישע סיטואַציעס.

עס איז נישט געגוג וואָס ווען אויסערלעכע שונאים פאַלן אָן אויף דער מדינה, פאַרשווינדן די חילוקי־דעות, און דאָס פאָלק ווערט דאַן איין־איינציקע מחנה.

די אומשטענדן פאָדערן, ווי אַן אימפּעראַטיוו, אַצוהאַלטן דאָס גאַנצקייט און אויסמיידן, ווי ווייט מעגלעך, די איבעריקע שפּאַלטונגען, צעברעקלטע פּאַרטייאישקייט, און אַלע —דאָס גאַנצע יידישע פאָלק— זאָל זיך באַשעפטיקן מיט איין זאַך: מיט חיזוק דורך עליה, דורך אינוועסטיציעס, דורכן קרן־היסוד, קרן קימת לישראל, דורך פאַרמיידן די חשדים און די פּראָטעקציעס פונעם ביוראָקראַטיזם, פון פּאַרטיי־פאַוואָריטיזם.

אָט אַזוי אַרום וועט אויפגעבויט ווערן, גיך און גוט, די מלכות־בית־דוד.

* * *

און אָט שטיי איך אויפן הר־הערצל.

און עס באַווייזט זיך די ריזן־מלכותדיקע פיגור פון ד״ר טעאָדאָר הערצל, מיט זיין גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ און מיט זיין אָדלער־בליק נעמט ער אַרום דעם גאַנצן שטח, און מיט אַ לייבן־שטים רופט ער אויס: „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל״ — עס דרימלט נישט און ס׳שלאָפט נישט דער היטער פון ישראל.

מיר האָבן זוכה געווען דעם זעכציק־יאָריקן יובל פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, מיר שטייען אינעם צען־יאָריקן יובל פון מדינת־ישראל.

מיר האַלטן ביי די צוויי מיליאָן יידן — ישראלים אין ישראל, כן ירבו, און דער גרעסטער בעל־החלומות — טעאָדאָר הערצל, שטייט אויפן הר־ציון און מיט די אויגן געווענדט צו אַלע יידן זינגט ער אויס „בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים״.

אָבער איצט איז נישט אַ צייט פון חלומען, געגוג צייט האָבן מיר פאַרלוירן מיט חלומות. עס איז פאַראַן ציון און עס מוזן זיין גרויסע, פּראַקטישע מעשים.

אויסבעסערונגען

זייט	שורה	אַנשטאָט	דאַרף זיין
19	20	קייקלט	קייטלט
20	2	פראַקטיציטן	פראַקטיצירן
28	7	און	איז
32	25	עס	ער
35	23	טעגלעך	מעגלעך
37	18	הבכורה	הבכירה
47	25	בכל	מכל
54	12	רעליגיע	רעליקיע
81	28	עס	ער
106	33	דאָך	דאָן
113	23	מידא	מידי
162	3	און	אין
173	33	דאָס	דאָ
194	10	דאָ	דאָן
195	2	פאַרגעמערן	פאַרגעטערן
197	1	וישפטו	ושפטו
203	1	אתכם	אתם
209	16	איבערחזן	איבערחזרן
218	8	צוויי	צווייטע
231	26	זיין	זיי
232	11	וישלה	וישלח
248	3	אַלע	אַלטע

Este libro se
terminó de
imprimir el día 20
de Noviembre de 1958 en los
Talleres Gráficos
"CULTURA"
Sarmiento 2157
Buenos Aires